STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04871

DOYRES

Shlomo Warzager

Permanent preservation of this book was made possible
by Julius Kopit
in memory of
his parents, Sophie & Joseph Kopit

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה וואָרזאָגער / דורות

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון : קרן תל־אביב לספרות
ואמנות ע״ש י. רבינוביץ ; קרן להנצחת יהדות פולין ע״ש י. גרינבוים ;
הילפספאָנד פאַר יידיש־שאַפן אין ישראל ביים פאַרלאַג „ישראל־בוך״

שלמה וואָרזאָגער

דורות

ראָמאַן

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך״

SHLOMO WORZOGER

GENERATIONS

שלמה וואָרזאָגער

דורות

I.S.B.N. 965-430-004-4

©

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
רחוב איתמר בן־אבי 4, תל־אביב, ת. ד. 1777
Israel-Book Publishing House
4, Itamar Ben-Avi Str. Tel-Aviv, P.O.B. 1777

נדפס בישראל תשנ"ב — 1992
Printed in Israel 1992

סודר ונדפס בדפוס „שמגר 1986" ת"א — טל. 82 87 04



דער פּאָרטרעט איז געצייכנט פון קינסטלער משה בערנשטיין

1

און ס׳וועט זײַן, ווי ס׳זינגט זיך אין לידל: „אכציק ער און זיבעציק זי״, און קיין מלחמות וועלן נישט זײַן. און גאָט וועט געבן געזונט און יאָרן — וועט מען אפשר אַזוי זיצן, ער און זי, אַליין אין צווייען וועט מען זיצן, און זיך קוקן אין די אויגן אַרײַן. אין שטומען דיאַלאָג זיצן און טראַכטן, אַרײַנטראַכטן אין סוף פון די טעג.

זונפאַרגאַנג. שאָטנס שפּרייטן זיך אויף די ווענט, אויף די ווענטלעך פון האַרץ און האָסט נישט קיין חשק פון אָרט זיך צו רירן. שווער זיך אויפצוהייבן. מיד. מיד פון לעבן — אַ לאַנגע נסיעה.

מ׳זיצט אין אַ וואָקזאַל. פּאַסאַזשירן קומען און פאָרן אָפּ. אַ צעצויגענער פּײַף פון אַ באַן דערטראָגט זיך צום פאַרטויבטן געהער. פון וואַנעט קומט זי וווהין פאָרט זי? אַ באַנגיקייט, אַ פּלוצעמדיקער הונגער צום לעבן באַפאַלט, וועקט פון דער מידקייט.

דער טאָג פאַרגייט. די נאַכט איז נאָך נישטאָ. גראָ. גראָע צוויי קעפּ. געבויגענע פּלייצעס, אַקסלען אַראָפּגעלאָזטע, ווי געדריקט פון אַ שווערער מאַסע: דרוק פון יאָרן.

פרעסן נישט אַזוי יאָר־טויזנטער, מיליאָנען יאָרן די ערדשיכטן און פאַר־וואַנדלען בלײַענדיקע וועלדער אין שוואַרצן קויל: „שוואַרץ גאָלד?״ —

ווו איז דאָס גאָלד פון לעבן, פון די אָפּגעלעבטע יאָרן?

די זון זעצט זיך. דאָהי, אויף דער קליינער ערד, זעצט זיך נישט די זון. דאָ ווערט זי נעלם.

אַ דורכזיכטיקייט, ווי אַ ליכטיקער נעפּל לעשט זיך אין די צוויי פּאָר אויגן. דער טאָג צאַנקט. די אויגן — צאַנקענדיקע, געבויגענע. לעכט פּרײַטיקצונאַכ־טיקע, וואָס טאָפּיען אַרײַן, אַריבער די לײַכטער.

אַן אומעט באַפאַלט דיך — אַ גזלן. ווילסט רעדן, בעטן בײַ אים ער זאָל דיר די רו נישט צוריבן. האָסטו נישט קיין ווערטער. ווערטער — שיפן געלאָדענע מיט בענקשאַפט, מיט קרענקשאַפט.

ער און זי — צוויי שיפלעך אַלטע. קאַליע געוואָרן די מאָטאָרס פון שלאָגן זיך מיט די כוואַליעס פון לעבן.ביידע הויִדען זיך. ביידע צוגעבונדענע צום ברעג: ברעג פון לעבן.

קאַלטע ווינטלעך יאָגן פון ערגעץ אָן. לעשן די פונקען פון פרייד. לעצטע פרייד. אָן אויפגעטײַעטע פרייד. אַ גלויבן, אַז אין די־אָ רגעס איז דער בן־אדם מסוגל מגלה צו זײַן דעם מהות פון קיום, ס׳אָרט פון בן־אדם אויף דער ערד, ווו זײַנע פיס האָבן געטראָטן.

די זון איז פאַרגאַנגען. סוף טאָג. יעדער סוף האָט אָן אָנהייב:

אָט איז ער געווען אַ קינד. די ערשטע צוויי וואָכן נאָכן ברית. אַרויס אויף דער וועלט אַקוראַט ווען דער דײַטש איז אַרײַן אין שטאָט. אַ קליין שטעטל לעם בוג — דוביענקע. אין אַ קישן פאַרוויקלט אויף דער מאַמעס הענט ליגט ער. בײַ איר פּאַדעליק האַלט זיך אָן אַ ברודערל פון אַ יאָר אָנדערהאַלבן. פאַרויס — דער טאַטע, פירט צוויי ברידערלעך בײַ די הענט. סנאַריאַדן, שראַפּנעלן הודזשען איבער די קעפּ. די ערד אונטער די פיס ציטערט. די לופט — אַ רויכיקע, דושנע, שטיקט אין האַלדז. אַ בהלהדיק אַפּטרעטן. אַ גייען און פאַלן, אויפשטיין און לויפן. אַ שטעטל מיט מענטשן, מיט קינד און קייט. מיט זאַק און פּאַק, בעטגעוואַנט, שטוב־זאַכן. מ׳אַנטלויפט פון דײַטש מיט דער נשמה אין דער האַנט.

ס׳קליינע מאַמעלע, אַקערשט נאָך דער קימפּעט, קאָן נישט מיט אירע טריטלעך דעריאָגן דעם טאַטן, דעם געוויקסיקן יוסטן מאַן, דעם געוועזענעם סאָלדאַט בײַ ניקאָלײַען. אַ קנאַפּ יאָר געווען אין אַמעריקע. צוריקגעשיקט אים מיטן עטאַפּ.

— שלום, וואַרט אַ ווײַלע — רעדט ס׳מאַמעלע צו אים פון הינטער דער פּלייצע — כ׳וויל אַ קוק טאָן צום קינד. דאָס קישן איז מיר שווערער געוואָרן...

שוואַך אויף דער שמיעה, דער טאַטע. פאַרן שטיין צום פּריזיוו האָט ער זיך „געמאַכט אָן אויער". קאַנטיק געמסרט, האָט ער מיט אַ פּײַפּעניש אין אויער געמאַכט די „סלוזשבע" פון פינעף יאָר ז׳האָקאָם, ס׳הייסט; מיט אַ קאָרע פון אַ קנאַפּ יאָר.

ער האָט דער מאַמעס קול נישט געהערט. ער גייט מיט אַ גרויסן שפּאַן. ס׳מאַמעלע — אויף אַ סלופּעק־קנאַפּעלע — לויפט מיט צוויי טריטלעך אויף זײַן איינעם, און בלײַבט הינטערשטעליק. די קנאַפּעלעך אויפן ברוקירטן וועג, ווי זיי וואָלטן אויסגעקלאַפּט אַ פּרעטענסיע; — זע נאָר, זע, ער וויל גאָרנישט אַ קוק טאָן אויפן „לעבעדיקן פּעקעלע"...

יאָרן שפּעטער האָט ס׳מאַמעלע ליב געהאַט איבערדערציילן וואָרט בײַ וואָרט, נישט אַדורכלאָזנדיק קיין פּרט דאָס „אַנטלויפן פון דאַטש".

קלאַדניעוו — אַ דערפל אויפן ברעג בוג. עטלעכע כאַלופּקעס. בלעכענע

און שטרויענע סטרעכעס מיט שאַרפע שיפּועים איבער נידעריקע ווענט. קליינע פענצטערלעך — אויגן אונטער אַראָפּגערוקטע דאַשעקעס. ווי צוגע־וואַקסענע צו דער ערד שטייען די כאַטקעס אין אומגלײַכע רייען, צעוואָרפן איבער די פעלדער אַרום דאָרף, צעשניטן אויף צוויי פון אַ ברייטן טראַקט. גראָזיק, גריביקע פעלדער. עטלעכע אַלטע, גראָבשטאַמיקע בײַמער. וואָס ווײַטער פון דאָרף — שמאָל און שמעלער דער טראַקט.

ווי אַ מעסער — שאַרף און גלאַנציק — שנײַדט זיך דער בוג עטלעכע צענדליק מעטער די ברייט. אַ שטיל געפּליעסק פון לויפנדיקן וואַסער, צעקאַרבט פון זילבערנע קוועלעכלעך, ווי שופּן פון אַ פיש. האָט מען זיך צוגעזעצט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. די מאַמע בינדט־אויף ס׳קישן מיטן לעבעדיקן פּעקעלע. אַ צעפּאַ־רעטער ריח פון השתנה און צואה שלאָגט אַרויס. אַ פּישטשען ווי פון אַ קראַנקער שוואַלב דערגייט צו אירע אויערן. זי נעמט אַרויס דעם וולַד פון געלן געמויזעכץ. קוים־קוימקער ווערט דאָס פּישטשען. ליפּעלעך עפענען זיך, אַ שטייגער אַ פישעלע אויף דער טריקעניש, ווילן זייגן. דער מאַמעס בריסטן זענען ליידיק. מ׳צווייטן טאָג קיין ביס נישט אין מויל, קיין טרונק נישט. נישט ווײַט — אַ נידעריק, ווײַס כאַטקעלע. ס׳מאַמעלע לאָזט ס׳קינד אין קישן בײַם טאָטן. זי לאָזט זיך גיין צו דער כאַטע: אַביסעלע מילך ס׳חיות פון קינד צו דערכאַפּן און אַביסעלע אָפּשאַבעכץ פון די קאַלכווענט וועט זי בעטן. באַשיטן די נאַסע ערטער, די רויטבלויע פלעקן אָנגעצויגענע ווי געשווילעכצער. אַ רחמנות אויפן עופהלע.

נאַכט. אַ קאַלטע נאַכט. אָבער דער מאַמעלען איז הייס. זי גייט אָפּ אין שוויס. גאָט צו דאַנקען געראַטעוועט ס׳פּאַרהונגערטע עופהלע, וואָס האָט „געפּוילט” לעבעדיקערהייט. עטלעכע טעג צופוס, און אויף פּויערישע פערד־און־וואָגן, וואָס מ׳האָט אויפן וועג געטראָפן, קליינע אָפּרו־סטאַציעס אין די נעכט — העכער דרײַסיק וויאָרסט דרום־מערבדיק — כעלם.

באָבע־זיידע זענען דאָרטיקע תּושבים. מ׳טאַטנס טאַטע, דער „כעלעמער זיידע” — אַ שנײַדער. גייט איבער די דערפער. אַ גאַנצע וואָך אונטערוועגנס. פרײַטיק־צו־נאַכטס, פאַר לעכטבענטשן, ווײַזט ער זיך אין שטוב מיט דער „וואָך אַרבעט”: שפּענצערס, קאַמיזוילן, בושליקן, רובאַשקעס, הויזן, סערמענגעס.

די לעצטע יאָרן אויפגעהערט גיין איבערן דאָרף, געגייט „פאַר דער שטאָט.” בלויז הויזן און כאַלאַטלעך האָט ער גענייט „אין דער ברייט”. נישקשה, האָט ער געזאָגט: די יונגעלייט דאַרפן נישט טאַנצן פאַרן גראַף פּאָטאָצקיס טעכטער. אַביסעלע ברייטער, גרעסער, שאַדט נישט. גאָר צופרידן איז ער געווען, אַז ס׳איז אים אין די הענט אַרײַנגעקומען אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע פאַר אַ שיינעם ייִד אָדער אַ זיידענעם יונגערמאַן, אַ באַלעבאַטישער, אַ לערנער, אַ רבֿ, אַ הדרת

פּנים. אויך אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע מוז נישט זײַן אַקוראַטנע. אַ גאַרטעלע מאַכט איידעלער, ייִדישלעכער, צו גאָט און צו לײַט.

געדאַווענט האָט דער זיידע אין דער „פּראָסטער שיל". געזעסן אויף דער באַנק לעם דער טיר מיט זײַן סגאַל; אָרעמעלײַט, בעל מלאכות: מענדל וועטשיק דער ליימפּירער, אירמע דער בעדער, שׂמחה מאיר וואָלף דער שוסטער. צו סוכּות האָט דער זיידע ליב געהאַט באַזאָרגן אָרעמע לײַט מיט אַ ביליקן אתרוג־בענטשן. האַלבע טעג נישט מיד געוועזן — שוין אין דער טיפער עלטער — צו גיין איבער די שטובן, קראָמען מיטן אתרוג און לולב.

אַז די פּיס האָבן אויפגעהערט פאָלגן, אויך די אויגן האָבן נישט אַזוי געדינט, האָט ער אָוועקגעלייגט ס׳שנײַדערײַ.

אויך די צײַטן האָבן זיך געביטן. חוזק־בליקן פון די גוים: „אַ שנײַדערוק אַ פּאַדריגע". אויף דער באַנק אין שיל זאָל מען האָבן געזאָגט: „ער קראַצט שוין דעם הונדערטער, ווי לאַנג איז דער שיעור?"...

איז ער געוואָרן אַ „זאַפּאַסנע" בעל־תּפילה, אַ תּהילים־זאָגער בײַ אַ קראַנק בעט. אין אלול — חודש פון רחמים — צוויי מאָל אין דער וואָך, אַלע אין דער פרי פאַר שחרית — אַרײַן אין שיל אויף אַ קאַפּיטל תּהילים.

פיר ייִנגלעך און פריידקע, די עלטסטע, האָבן זיך געדרייט אין שטוב. האָט זיך מ׳טאַטן אין מיטן דערינען, ווי די מאַמע זאָגט, פאַרגלוסט ווידער אַמעריקע, „קאָלאָמבוס". אין איינעם אַ פרימאָרגן איז ער אַרויס פון שטוב. די מאַמע האָט געמיינט, אַז ער גייט פאַרמאַכן די לאַדנס. אַרויס און מער האָט זי אים נישט געזען. אין צוויי חדשים אַרום איז געקומען אַ בריוו. ס׳רעדט זיך אַזוי גרינג: „אין צוויי חדשים אַרום" — טעג און נעכט האָט זי זיך די אויגן אויסגעקוקט. איידער זי האָט געזען מ׳געלן מענדל, דעם בריווטרעגער. צוויי פאַכן האָט ער געהאַט דער געלער מענדל: אַ שמש אין שיל און פרײַטיק צו לעכטצינדן געגאַנגען איבער די קראָמען, געוועלבער און געשריגן: „שבת! שבת!" אינ־דערפרי גערופן אין שיל אַרײַן, אויך געוועקט צו תּקון־חצות און צו סליחות.

די בריוו האָט ער געבראַנגט צו פירן מיט אַ פערד און וועגעלע (אַ דאַרע שקאַפע און אַן אַלטצעבראַכענער וואָגן) פון דער פּאָסט הינטער דער שטאָט. אָוועקגעשטעלט זיך אין מיטן מאַרק. פאַר פּרוטות צעטיילט די בריוו, וואָס מען איז געקומען אָפּנעמען. וויפל מ׳האָט אים אַרײַנגעשטופּט אין האַנט האָט ער, אַן אַ וואָרט אַרויסרעדן, גענומען. יעדן בריוו האָט ער פריִער באַטאַפּט און געוווּסט, וואָס אינעווייניק טוט זיך: איז עס סתּם אַ בריוו, צי — פון אַמעריקע. אַ בריוו פון אַמעריקע האָט ער לענגער געהאַלטן אין האַנט, געדרייט, באַקוקט אים פון אַלע זײַטן. האָט מען שוין געוווּסט: ער וויל אַ גרעסערע מטבע. ערב

ראָש השנה האָט מען געזען דעם געלן מענדל מיט אַ האַלבפּולן זאַק אויף דער פּלייצע — שנה־טובות.

„קלויבט אייַך אויס וואָס איַיער האַרץ גלוסט" — רופט ער אויס הויך אויפן קול — דער עיקר: „אַ גוט געבענטש יאָר פאַר כל ישראל".

דער בריוו וואָס דער געלער מענדל האָט דערלאַנגט דער מאַמען נאָכן אַרומטאַפּן אים פון אַלע זײַטן, איז נישט געווען קיין גראַבער. ס'הייסט — אַן דאַלאַרן. זי האָט אים פון דעסטוועגן עפּעס געגעבן אין האַנט אַרײַן און מיט אַ שמחה אַהיימגעלאָפן.

דעם בריוו האָט עמעצער אַפּנים פאַר אים געשריבן, ווייל מער ווי חתמענען אויף אַ וועקסל מיטן רוסישן אויסלייג האָט דער טאַטע נישט געקענט. דאָס האָט אים די נויט, ס'אונטערשרײַבן איטלעכס מאָל „וואָקסן" (וועקסלען), אויסגעלערנט. אַ בעקער. צו צוועלף יאָר — אַ ייִנגל אויף דער לער. צום אַרײַנשיבן ס'ברויט אין אויוון אַרײַן האָט מען אים אונטערגעשטעלט אַ בענקעלע. ערשט שפּעטער, צו פופצן, זעכצן יאָר, איז ער אונטערגעוואָקסן אַ קרעפּטיקער, פעסט־געבויטער בחור.

אַ ליידיקער בריוו. אָבער ב"ה אָבי מ'הערט פון אים. אַליין מיט פינעף קינדער. איינס געדרוקט פון אַנדערן מיט אַ שוואַנגערשאַפט, אַמאָל — עפּעס מער. אַ מאַרק־זיצערין. זינט ער איז אין אַמעריקע נעמט זי געבעקסן צו פאַרקויפן פון אַ שכנישער בעקערײַ. פריידקע, די צעניאַריקע, איז די באַלעבאָסטע. ס'מאַמעלע האָט נישט קיין צײַט צו די קינדער. עטלעכע מינוט בײַם וויגל, אַמאָל — אַ קויש אויף הענגשטריק אונטערן פאַלעפּ. אַ וויג און אַוועק. דעם זעלבן טאָג וואָס די געבעקסן קומען אין געוועלבל דאַרפן זיי פאַרקויפט ווערן. פאַרלעגענע סחורה איז אַ טאָפּלטער היזק: די פרייז פאַלט און נישטאָ קיין בעלנים. „אַ ברויט אין ליגן איז ווי אַ מויד אין זיצן..."

איידער ס'מאַמעלע האָט געעפנט דעם בריוו האָט זי געוווּסט: „קיין האַניק לעקט ער נישט דאָרט". גאָט צו דאַנקען ער איז בײַם בעסטן געזונט — שרייבט ער. „גיב גאָט דאָס זעלבע פון דיר צו הערן". וואָס מאַכן די קינדער. „בענקען אַוודאי". ער אַרבעט. איז געזונט. שפּאָרט אָפּ אַ פּאַר „טאַלערס". ער וועט מן הסתּם בקרוב צוריקקומען. ער'ט קויפן אַ בילעט, אויף אַ שיפסאַרטע קומט ער, פאַר זײַן געלט. נישט מיטן עטאַפּ. וואָדען? — האָט ס'מאַמעלע צו זיך געזאָגט. זי האָט דען נישט געוווּסט, אַז ער וועט באַלד אויסדרייען דעם דישעל? ווי לאַנג קאָן אַזאַ מאַנצביל זײַן אָן אַ ווײַב?... אַ ביסעלע קוראַזש דאַרף מען אים פון דעסטוועגן צוגעבן. זי האָט אים געשריבן אַ בריוו:

„ווילסט האָבן אַ ווײַב? ווילסט האָבן אַ געזונטע מאַמע צו דײַנע קינדער?

— קום וואָס גיכער אַ היים.״ שרײַבן האָט זיך ס׳מאַמעלע אויסגעלערנט פּריער פון אַ שירה־גריזל, נאָכדעם — „פון קאָפּ״, פון „זיך אַליין״.

ער האָט אַפּנים געוואַרט דערויף דאָרט אין קאָלאָמבעסעס מדינה. אַ היים־געקומען אויף אַ שיפסקאַרטע פאַר אייגן געלט. פאַר זײַן פאַרהאַרעוועט געלט.

הויך. מאָגער. אַ שוואַרץ בערדל. אַ יאַסעלע פאָנדריק.* ס׳מאַמעלע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ זײַטיק קוקעלע און געזאָגט צו זיך אויף אַ הויך קול (זאָל ער הערן...) ; — אַ געזונט אויף אים, מײַן מאַן, אַ שיין פּנים האָט ער. אַ שענערס לייגט מען אין דר׳ערד אַרײַן...

סוף מלחמה. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען געזען דײַטשיש מיליטער פאַרלאָזן די שטאָט. אין צעוואָרפענע, לויזע רייען, האַלב מיליטעריש, האַלב ציוויל, אָפּגעחומלטע מיט אָראָפּגעלאָזטע קעפּ, שלעפּן זיי קוים די פיס. דײַטש־לאַנד האָט פאַרשפּילט. אויך פאָניע האָט פאַרשפּילט. רוסישע סאָלדאָטן אין צעפליקטע שינעלן, צעריסענע שיך, מיט אָניצעס, שמאַטעס, באָרוועס און באַנ־דאַזשירטע פיס — אויפן וועג צו דער באַן־סטאַציע. ווער האָט געוווּנען די מלחמה ? קיינער נישט. צו וועמען געהערט די שטאָט ? — צו קיינעם נישט.

איז וויי צו די ייִדן.

פּוילישע זעלנער דרייען זיך. באַלעבאָטעווען : „זשידי ! זשידי !״ „ווּ זענען די ייִדן״ !

אולאַנער אין לאַנגע שינעלן, שאַבלעס בײַ דער זײַט. פּירשפּיציקע היטלען. אָפּגעצויגענע, שטײַפע דענקעס, פּיבערנע דאַשקעס און גלאַנציקע אָדלערס. פערד. בעלגישע פערד, גראָמאַדנע, פעטע, ברייטע זאַדניקעס. שווערע לעפּישע פיס מיט בערדעלעך איבער די טלאָען, געשפּאַנט צו האַרמאַטן אויף צוויי־רעדערדיקע וועגעלעך מיט אויסגעשטרעקטע לופעס. טאַמער וויניק — יאָווען זיך קאָזאַקן. הויכע קוטשמעס, פוטערנע הוטן און אין גאָלע קעפּ, צעשויבערטע האָר. באָוואָקסענע, בערדיקע פּנימער. ווילדע אויגן. אַ געהויל :

— דאַוואַי כלעבאַ ! ברויט ! ברויט !

און נײַע פאַרשוינען. האַלערטשיקעס. הײדאַמאַקעס מיט פאַרהויבענע פּיקעס. שווערדן אין די שיידן. בריטוועס אין די הענט. מ׳צעברעכט טירן, מ׳האַקט שויבן, מ׳רײַסט פרענטן פון ייִדישע געוועלבן. מ׳שלאָגט ייִדן.

— זשידעס ! ווּ זענען די זשידעס !

און יונגען אין שוואַרצע רובאַשקעס, אין אַרבעט־קליידער, רויטע לענטעס אויף די אָרעמס, געוואַלדעווען ;

---

* אַ צונאָמען אויף יעזוסן.

— דאַלאַי מיטן צאַר! אַ טויט דעם צאַר!

מ׳זאָל דעם קייסער האָבן אַראָפּגעוואָרפּן פון טראָן. אים מיט זײַן סוויטע אַרײַנגעשלײַדערט אין קוטשעמענט. אויך דעם קײַזער ווילהעלם האָט מען נישט געשאָנעוועט. אַראָפּגעריסן די באָרד מיטן קאָפּ... אָט פירט מען אַ ייִד, אַן אַלטן ייִד. איין זײַט באָרד „אָפּראַזירט", די צווייטע — אַן אָפּגעשוונדענע הויט מיט טונקל־ברוינע בלוטפלעקן. בלוט אויפן האַלב־ראַזירטן פּנים, אויף דער קאַפּאָטע:

— ווײַז אונדז ווו זענען די בעקערײַען, זשיד!

✶

ס׳מאַמעלע און די קינדער אויפן בוידעם. אַ בוידעם־שטוב. פריִער איז עס געווען אַ קאַמער. אַ סך קאַמערן צעשטעלט אין אַ „ח". שיפּוּעימדיקע־דעכער, באַדעקטע מיט פאַרזשאַווערטע בלעכן, פּאַפּע און שינדלען. בײַם דײַטש זענען דאָס געווען פערדשטאַלן, בײַ די רוסן — קאַזאַרמעס. אָפּגעקויפט זיי פאַר אַ שיבוש בײַ פּאַניען. אויסגעלאַדעוועט. צוגעלאַטעט די דעכער, אַרײַנגעשטעלט פענצטער, טירן, אַ גאָרן, טרעפּ, און שוין וווינען ייִדן אין „דירות" — פאַרטער און בוידעם שטובן. „זאָלן ייִדן האָבן ווו דעם קאָפּ אײַנצוליי̅גן" — זאָגט חיים ווײַסמאַן, דער אויפגעקומענער באַלעבאָס. וואַסער שעפּט מען פון אַ ברונעם אין מיטן הויף. אַ גרויסער ראָד מיט פלעקער. אַ וואַלעק פאַפּעריק אויף אַ האָלצשטעל אַרום ברונעם. צוויי גרויסע קעסלען: איינער אַרויף, איינער אַראָפּ. אין אַ זײַט פון הויף אַ צעשטעלטער ווי אַ „ד" — עטלעכע שטעלעכלעך ווײַטלעך אָפּגערוקט — קלאָזעטן, ווו דער „הויף איז געגאַנגען"...

די מאַמע קוקט אַרויס פון דאַך־פענצטערל. שטיל. מ׳זעט נישט קיינעם. אויך קיין געשרייען הערט מען נישט. זי שיקט אים געוויער ווערן וואָס הערט מען אין בעקערײַ. זי ווייסט, ס׳מאַמעלע, אַוודאי ווייסט זי, אַז דער טאַטע איז אין אַ סכנה. אַ סך קראַנטער וואָלט געווען ער זאָל זײַן מיט זיי דאָ. ער קאָן אָבער נישט. די שטאָט איז אָן ברויט, די שטוב איז אָן ברויט. עטלעכע טעג האַלטן אָן די מהומות. קיין ביסן, קיין לעפל געקעכטס קומט נישט אין מויל אַרײַן. האָט ער זיך אַ נאַכט פריִער צוגעכאַפּט אין בעקערײַ. אַ ראָשטשינע געמאַכט. מ׳קאָלטן אויוון אונטערגעהייצט. כאָטש איין געבעקל ברויט פאַר דער שטוב, פאַר די שכנים. טאָמער ווײַזט זיך אַרײַן אַ הונגעריקער מענטש.

געזען, אַז דאָס ייִנגל זוימט זיך לאַנג, לענגער ווי מ׳דאַרף — האָט ס׳מאַ־מעלע שוין נישט געקענט אײַנזיצן. זי האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועק אין בעקערײַ.

וואָס אירע אויגן האָבן דאָרטן געזען:

דריי היידאַמאַקעס אין קליינעם סוטערינעלע, די מ׳שטיינסגעזאָגטע בע־קערײַ. די טיר איז אויפגעפראַלט. דער אויוון ברענט. דער טאַטע בײַ דער דייזשע. איינער פון די דריי אַן אוקראַאינער, — זי דערקענט אים לויט די בלויע, רוצחישע מיט בלוט־פאַרלאָפענע אייגעלעך — רייסט פון טאַטן ס׳העמד ס׳פאַרשוויצטע, פון דער פלייצע אַראָפּ, פאַרהייבט אַ גאַהײַקע און שמײַסט, שמײַסט. אַ ראַפּטעמ־דיק פאַרהייבן און אַראָפּלאָזן די גאַהײַקע אויפן נאַקן, אויפן נאַסן לײַב. יעדן שמיץ שנײַדט די לופט מיט אַ פײַף. טאַטע קאַרטשעט זיך פון ווייטיק. פאַר־בײַסט די ליפּן. דער גרימאַס אויפן פּנים, ווי ער וואָלט זאָגן:

— ניין, כ׳ל נישט שרײַען, נישט דערפרייען אײַערע רוחצישע הערצער.

בײַ יעדן שניט אין דער לופט טוט די פלייצע אַ ציטער. קראַמפּיק קרומט זיך ס׳מויל. אַ פּיאַנע אויף די ליפּן. אין די אויגן — אַ שד׳ל: — נקמה. זײַן שווײַגן איז נקמה. ער׳ט נישט צוליב טאָן זיי די מערדער מיטן וויינען, סקאַמלען, בעטן זיך. די אַנדערע צוויי קוקן זיך צו, שמייכלען. דער שלעגער הויערט:

— כלעבאַ, כלעבאַ דאַוואַי!

די מאַמע רייסט זיך ס׳פּנים, בעט זיך;

— פריץ־לעבן, פאַרוואָס?

יענער קוקט זיך נישט אום אויף איר. פאַרהייבט ווידער די רוט. אַ פאַך און נאָך אַ פאַך. דער טאַטע — קיין פּיפּס. פון די פאַרשטשעמטע ציין — בלוט. ער קרעכצט אַרויס:

— ייִדענע, וויין נישט. בין איך אַ ייִד, צי נישט?

דער שלעגער, פינצטערער, שטאַרקער מיט רוצחישער יוכע און צעמע־סערטן בליק — באַפעלט: —

— צייל, זשידוווקאַ, מ׳טאָר נישט פאַרפעלן קיין שמיץ!

אַ ציטער, אַ סקרוך לויפט איבער איר אַריבער.

ס׳וויינט אין איר ס׳האַרץ פון צוקוקן: ברוין און בלויע שיניאַקעס, רויטע שטרײַפן אויף דער פלייצע, אויף ריק און לענד.

ערשט שפּעטער, אַ סך יאָרן שפּעטער האָט אהרעלע פאַרשטאַנען דעם טאַטנס ווערטער אונטער די שמיץ: „צי בין איך אַ ייִד, צי נישט?" — פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אַזאַ פאַרפאַרצעוועטן ייִד אַזאַ כּוח? ניין, נישט פון אײַזן איז דער טאַטע. אײַזן בייגט זיך. פון שטאָל איז ער. אָרעמער טאַטע — אַזוי רײַך אין גבורה.

עטלעכע זמן סך־הכּל אין חדר. נישט בײַ מלמדים. נישט אין ישיבות. ס׳לעבן — האָט ער געטענהט — איז דער בעסטער לערער. נישט אַנדערש נאָר דער כּוח נעמט זיך פון טאַטעס, זיידעס, עלטערזיידעס אין די לאַנגע גלותן.

אומעטום האָט מען געשמיסן ייִדן. גערודפט. געפּלאָגט. געיאָגט. דאָס איז די גבורה פון דורות פּײַן, נגישות, געפּרוּווטע פון שווערע נסיונות. שטאַרקער פון די פּײַערדיקע שמיץ איז דאָס פּײַער פון אמונה. „יבוא־יומו״, האָט מען געזאָגט, ס׳וועט קומען זייער טאָג, אַלע גויִים וועלן קומען און קנִיען צום ייִדישן גאָט. נישט פון די ספרים האָט דער טאַטע די ווערטער אַרויסגעלייענט. אין ספר, אין בוך פון לעבן האָט ער דאָס געלערנט.

עס איז געווען אין אַ פרילינג־טאָג. יונגער שפּראָץ אויף די ביימער. מילדע ווינטלעך. אַ קילער, שיינער דרויסן. מ׳טאַטן איז הייס פון די שמיץ און פון די פלאַמען פּײַער, וואָס האָבן זיך געריסן מיט פלאַקערנדיקע בײַטשן, געבײַטשט די שלעגער אין די פּנימער מיט אַ קנאַקנדיק געשריי: — דאָ, אין דער קליינער סוטערינע, שלאָגט איר אַ ייִד, ווײַל ער איז אַ ייִד.

2

פינעף יאָר איז ער אַלט געווען. חדר. ר׳ מרדכי דער לאַנגער — זײַן רבי. ר׳ מרדכי האָט געשמט פאַר אַ גדול בתורה, אַ תּלמיד חכם. נישט נאָר אַ מלמד. אויך אַ בעל־דרשער, אַ „מחנך״, וואָס העלפט זיך אַרויס מיט אַ קאַנטשיק. די רביצן, פײַגעלע — אַ פּירזאָגערין אין עזרת־נשים אין די ימים־טובים. שווער געווען ס׳צײַען חיונה פון מלמדות, האָט זי צוגעהאָלפן מיט נייען, לאַטען, ביצעווען בגדים, אויך פאַר גויִים פון די נאָענטע דערפער. ווען דער רבי איז נישט געווען, האָט זי די השגחה געהאַט איבער די קינדער זיי זאָלן נישט ווייוועז, „איבער־דרייען די שטוב״.

ר׳ מרדכי דער לאַנגער האָט אויך געהאַט אַ שם פון אַ בעל־יושר, אַ ייִד מיט יאָהנדעס. פלעגט ער על־פּי־טעות אָנשמײַסן אַ תּלמיד, האָט ער צוגערופן זײַן ווײַב און געזאָגט: — פײַגעלע, פאַרשרייב דאָס ייִנגל. ער האָט איין מאָל שמײַסן קרעדיט.

חדר־מעשׂיות. אַ מעשׂה מיט אַ בר־מנן, וואָס זאָל זיך פּלוצעם האָבן אַ זעץ אויף געטאָן אין דער מיטה, פאַרהויבן די הענט צום הימל, עפּעס געמורמלט און דער איינציקער קלויסטער אין שטאָט אויף דער גורקי* איז כהרף־עין אײַנגעזונקען...

אַ בעל־שם געווען אין כעלם. אַ רב, אַ געטלעכער מאַן. געשמט מיט זײַנע מעשׂים־טובים. לויט אַ לעגענדע זאָל ער האָבן באַשאַפן אַ גולם, וואָס זאָל היטן די ייִדן פון רציחות, איבערפאַלן. נפטר געוואָרן.

אין זײַן צוואה האָט ער פאַרווערט צו שטעלן אים אַ מצבה. מיט שטיינער זאָל מען באַוואַרפן זײַן קבר. און כך הווה. מען האָט פאַרוואָרפן מיט שטיינער זײַן קבר. דער טאַטע האָט דערציילט, גרייט געווען צו שווערן בײַ אַ ספר־תורה, אַז ער האָט מיט זײַנע אייגענע אויגן געזען דעם באַרג שטיינער. נאָך האָט מען געזאָגט: „דער בעל־שם זאָל זײַן דער מחבר פונעם ספר „מכלל יופי״.

אים, דעם ייִנגל פון פופצן, אין זעכצנטן יאָר, וואָס האָט איבערגעריסן מיטן חדר — האָט שוין געצויגן צו „מים גנובים״ און „הדת והחיים״ פון שרייבער ראובן אשר ברוידס, צו „התועה בדרכי החיים״. פון סמולנסקין. אויך געכאַפּט אַ

* אויף אַ באַרג. כעלם האָט געהאַט אַ סך בערג.

שלונג פון ח. נ. ביאַליקס „המתמיד" און „על סף בית המדרש". שוין געגאַנגען אין שקאָלע, אין פינפטן, זעקסטן קלאַס און — די מעשׂיות, דער פּחד זענען נאָך אַלץ אים קאַפּויער געקומען. אַ פּחד איז אים באַפאַלן ס׳פאַרבײַגײן דעם בית־הקברות אויף דער באַן־גאַס. אויך דער פּחד פאַר די לעבעדיקע גויִים, וואָס האָבן דאָרט געוווינט, האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. חיים מאַלעס קלויז, וואָס איז יום ולילה געווען פול מיט דאַווענער, און אין מיטן שטאָט — איז אים פון דעסטוועגן באַפאַלן אַ שרעק בעתן פאַרבײגײן בײנאַכט אין די עשׂרת ימי תשובה, און צווישן די יום־טובים און סוכּות.

אַכט קינדער זענען געווען אין שטוב. זיבן ברידער און פריידקע. ס׳מאַמעלע — פאַרהאָוועט, פאַריאָגט. אַפילו אין די יום־טובים נישט קיין צייט געהאַט גיין אין שיל אַרײַן הערן אַביסל תורה פון דער „צאינה וראינה" אַרויס, פון דער פירזאָגערין — די יונגע רביצן, אַ טאָכטער פון ר׳ מרדכי דעם לאַנגן. צו איין מצווה האָט ס׳מאַמעלע יאָ צײַט געהאַט — פּרו ורבו. „כּל זמן דער אויוון איז הייס — דאַרף מען באַקן". נאָך אַ מיידל, און נאָך אַ ייִנגל ווערן געבוירן. ביידע זענען יונגערהייט געגאַנגען פון דער וועלט.

פּרנסה? „די בעקערײַ און ס׳קרעמל אויף דער ׳נײַער צאַל׳ — איז אַ פענצטער צו גאָט." חוץ דעם האָט די מאַמע אויף דעם וואָרט „פּרנסה" געהאַט אַ גרייטן ענטפער; אַן ענטפער מיט אַ שאלה:

— זעט איר נישט, אַז קיינער איז ב"ה פון הונגער נישט געשטאָרבן?

קינדער, האָט ס׳מאַמעלע געזאָגט, זענען גאָטס גאָב און אַ ייִדישע טאָכטער טאָר נישט ווידערשפּעניקן. אירע קינדער זענען אירע סקאַרבן, פּאַלאַצן, שלעסער. זי דינט דערפאַר דעם, וואָס זי איז נישט ווערט אָנצורופן זײַן נאָמען: דינט אים מיט יראה מיט פאַרכט און מיט ליבשאַפט פון האַרצן. זי האָט נישט קיין גרויסע אויגן און „קוקט נישט, וואָס ביי יענעם אין טעפּל קאָכט זיך." אַ בוידעם־שטוב, אַבי אַ דאַך איבערן קאָפּ. „אין אַן ענגער שטײַג גראָטן די גענדז."

✶

רײַכע מענטשן לוביען זיך מער און האָבן ווייניקער קינדער — זאָגט ס׳מאַמעלע.

חיים ווײַסמאַן דער באַלעבאָס איז אַ לעדער־סוחר. האָט אַ ריי געוועלבן אויפן „רינעק". האַלט מענטשן. פירט אַ רײַכע שטוב. אַ טאָכטער, רויזע, אַ גימנאַזיסטין, צוויי זין — סטודענטן. דעם באַלעבאָס׳ הויז שטייט ווײַט אָפּגערוקט פון די „דירות" — באַלעבאַטיש, מיוחסדיק. אַ הילצערן הויז. די ברעטער — געהובלט, געשאַלעוועט און געפאַרבט אויף אַליוו־גרין. אַ בלעכענער דאַך. אַ

וועראַנדע — אויך גרין־אַליוו — אויפֿן דײַטשישן שטייגער. וואָזאַנעס אויף די פענצטער. אין דרויסן, אויף דער וועראַנדע — גרויסע בלומענטעפּ. די לאַדנס תּמיד צוגעלעגט. אַ גערטנדל. אַן אײַזערן טירל מיט אַ ריגל. בײַטאָג און בײַנאַכט אַ שטילקייט. אַ ליכטיקייט דורך פֿאַרהאַנגענע שויבן, ווי ס׳וואָלט דאָרט שטענדיק געווען שבת. נישט קיין קלאַפּ פֿון אַ טיר, ווי אַ שטייגער בײַ די שכנים פֿון הויף. קיין הויך וואָרט הערט מען נישט דאָרט. אַרײַנקומען צו חיים ווײַסמאַן האָט מען נישט געקאָנט מיט אַ סתּם עפּעס אַ טיר. מ׳האָט באַדאַרפֿט אָנקלאַפּן, וואַרטן ביז עמעצער וועט פֿרעגן: „ווער איז עס״? האָט נישט יעדן איינעם געסטײַעט מוט אַפֿילו ווען ער האָט נייטיק צו אים באַדאַרפֿט. ס׳טרעפֿט: עטלעכע שינדלען פֿאַלן אַרויס פֿון דאַך און ס׳רעגנט אַרײַן. מ׳שטעלט אונטער אַ שיסל, אַ באַניאַק, אַ טשײַניק. ס׳העלפֿט נישט. אַמאָל — אַ זאַוויעסע פֿון אַ טיר זיך אָפּגעריסן, אַ שויב אַרויסגעפֿאַלן. שוין אָפּגערעדט — די קלאָזעטן... מ׳דאַרף שיקן נאָך די גוים. מיט פֿערד און פֿעסער אויף וואָגנס קומען זיי, מיט לאַנגע דרענגער און שעפּלעך צוגעבונדענע, שעפּן זיי אויס ס׳דרעק. האָט מען שוין געעפֿנט די טיר — ציט זיך אַ קאָרידאָר מיט בלינדע טירן און ווייסט נישט אין וועלכער טיר מ׳מעג אָנקלאַפּן. האָט מען געטראָפֿן צו דער קלאַמקע וואָס מ׳דאַרף — באַווײַזט זיך אַ פּנים, וואָס דו קענסט נישט און דאַרפֿסט נישט צו דעם פּנים. אַ דינסט. ער טוישט די דינסטן, חיים ווײַסמאַן. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק — אַ נײַע דינסט.

— דער פּאַן גאָספּאָדאַזש איז נישט אין דער היים.

גלייבסט יאָ, גלייבסט נישט. האָסט אַ ברירה? איבערפֿרעגן? — אסור. איידער באַשליסט וואָס צו טאָן — ס׳פּנים איז שוין צוריק אינעווייניק.

חיים ווײַסמאַן האָט אויך שעהען אין טאָג, אין דער וואָך, וואָס ער נעמט יאָ אויף אַ מענטש, אָבער נישט סתּם אַבי ווער. אַ קהל־מענטש, אַ גרויסע שישקע פֿון מאַגיסטראַט, אַ סוחר, וואָס איז עקסטרע געקומען צופֿאָרן. אַזאַ שטייגער?

— מהיכא תיתי.

✶

זיבן ברידער. אַ קליינע שטוב. יעדער באַזונדער פֿאַרשלאָסן אין זיך ווי אין אַ תּפֿיסה — אַ שפּאַן נישט אַריבער די אייגענע בדידות. יעדער — אַ ביחידות־דיקער גאַנג צו אַרבעט, האַנדל, לערע, ישיבה, געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט, פּרוּוון מיט דער פּעדער. מ׳וואַקסט צוזאַמען און מען איז באַזונדער. נאָך די פּופֿצן, זעכצן יאָר — אויסגעטוישט די „קעסט״, די היימישע נויט אויף וואַלגער, וואָגל אין דער פֿרעמד.

זיבן ברידער. יעדער איינער וויל זײַן מער, ווי דאָס וואָס ער איז. אַדרבא, פאַרוואָס נישט? אָבער מעסטן די אייגענע גרויסקייט ווערדליך און אַנדערנס קליינקייט — איז שוין ווײַט נישט גוט־ברודעריש.

אהרון, ער איז דער מיטלסטער פון די געוועזענע צען (איידער די צוויי קינדער זענען געשטאָרבן) האָט ער אַמאָל אַ וואָרטשפּיל געמאַכט: „ער איז דער צענטער, דער הויפּט, אין דער מיטן". — אַרויסגעוויזן האָט זיך פאַרקערט — ער איז פאַרט דער לעצטער. צום קויפן אַ גאַרניטורל, און אויבערהעמד אויף יום־טוב, אַ קאַשקעטל — תמיד דער לעצטער. דאָסגלייכן — צום אויסרעכענען די מעלות, די גערעכטיקייט פון די קינדער, האָט ס׳מאַמעלע אין אים פאַרגעסן, אָדער זיך פאַרפּלאָנטערט בײַ זײַן נאָמען און שטיין געבליבן, (אפשר נישט קיין כוח געהאַט אויסצורעכענען די גאַנצע רשימה פון אלו תולדות...) האָט עס אים פאַרדראָסן. באשר ער איז אפשר נישט אַזוי שיין, ווי מאירקע, יאָסעלע, אפרים, חיימקע יאַנקל. אַ שטשופּליבקער, אַ ברייטלעך פּנים מיט פעסטע קינעך. אַ גוייִש — פאַרריסן נעזל, פולע ליפּן. אַ פאַרקאַטשעטע גאַמבקעלע. די אויגן, אייגנטלעך די קליינע אייגעלעך, פאַרצויגן מיט אַ הײַטל — האָבן נישט קיין פאַרב. אַז מ׳קוקט זיך גוט אײַן אין זיי — מערקט זיך אַ טונקעלע בלויקייט פון אַן ערב־נאַכט מיט אַ גראַנאַטענעם הימל. נאָר ווער האָט צײַט אויף אײַנקוקן זיך אין אַ פּנים וואָס שטענדיק קרומט עס זיך, ברוגזט זיך. די אויגן פאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן. ציילט בײַנאַכט די שטערן בעת אַלע זײַנע ברידער פאַרנעמען זיך מיט תּוכיקע זאַכן.

אַ פאַרחלומט נערוועז ייִנגל האַלט זיך פאַר אַ פּאָעט, וויל זײַן גרעסער פון אַלע. פון קליינערהייט אַזוי. איז געקומען צו „פאַלג מיך אַ גאַנג" — איז גראָד ער געווען דער ערשטער.

— פאַרוואָס נישט מאירקע, אַפרימל, יאַנקעלע?

ער פילט באַשײַמפּערלעך: מ׳האָט אים נישט ליב. ס׳טוט אים וויי. פאַר וועמען אויסרעדן אַ וואָרט האָט ער נישט. דאָס פאַראומערט נאָך מער זײַן געמיט. הערט ער אָפּט הינטער די פּלייצעס, אַמאָל — אין פּנים אַרײַן: — וואָסי? אַ שיף מיט זויער־מילך איז דיר אונטערגעגאַנגען?

נאָך אין חדר האָט זיך עס אָנגעהויבן. ער האָט ליב געהאַט פרעגן קלאָץ קשיות: „וואָס מיינט מען ׳נעשה אדם בצלמו׳? ׳ווו קומט אַהין די נשמה נאָכן טויט׳? ׳נאָך תחית המתים וועט טאַקע אײן חדר־ייִנגל נאָכיאָגן צען גויִים׳?"

נאָך פרעגן האָט ער זיך אַליין געפרעגט און געוווסט, אַז ס׳איז אויף זיי נישטאָ קיין ענטפער, ווי, למשל, „מה למעלה, מה למטה"? דאָס גלײַכן — אין פּאַלקסשול. מען האָט געקוקט אויף אים קרום. ס׳קאָן גרײַלעך זײַן, אַז ס׳האָט זיך

אים נאָר אַזוי אויסגעוויזן. אָוועטאָווע — אַן אומחן געוואָרפן אויף אים.

ער איז מקנא געווען די ברידער וואָס ביי זיי גייט עס אַזוי פּראָסט און פּשוט: מאירקע — אַ פּריקאַשטשיק אין אַ שניטקראָם, אפרימקע — אַ מאַליער, יאָסעלע — אַן עלעקטראָטעכניק, חיימקע — אויף דער לער ביי אַ צאָנטעכני־קער, יאַנקל — וויל ווערן אַן אינזשינער, אַרבעט דערווייל שלאָסעריי, יאָסל — דער וויסקראַביק* לייענט פּאָליטישע ליטעראַטור, שניידט זיך אויף אַ פּאַרטיי־עסקן. דרייט זיך אַרום די יוגנט־קרייזן פון די לינקע פּועלי־ציון, „בונד". נישט קיין שלעכטער דיסקוסיאַנט, אַ שטאַרקער קעגנער פון די „רויטע", קאָמוניסטן, „וועלטבאַפרייער". ער איז דער העכסטער, שענסטער פון אַלע. אַ סך יאַטעכעס פון די „אויפגעקלערטע" דרייען זיך אַרום אים. כאָטש ער קומט שפּעט אַ היים — שעפּט ס'מאַמעלע פון אים נחת. זי גייט נישט פריער שלאָפן ביז זי זעט אים נישט אין שטוב. אין אַ גאָלדן העמדל געבוירן געוואָרן — זאָגט מען אויף אים. ווי קומט צו אַן אָרעמאַן, אין אַן אָרעמער שטוב — אַ גאָלדן העמדל?

דער אומחן האָט געוועקט ביי אים מרידה, האָט ער זיך געברוגזט, געהאַלטן מכלומרט ווייטלעך פון אַלע: אייגנטלעך דערוואָרט שטילערהייט עמעצער זאָל אים מקרב זיין.

דער טאַטע? ווען אַלע שלאָפן — אַרבעט ער. ווען אַלע אַרבעטן — שלאָפט ער. „שלאָפט ער"? — עס רעדט זיך נאָר אַזוי. אַ גאַנצן טאָג אַ טומל אין שטוב. קליינוואַרג — אַריין און אַרויס. די טיר אויף איין זאַוויעסע סקריפּעט, קרעכצט, ווי, ס'זאָל נישט געדאַכט זיין, אַ חולה מסוכן. כאַפּט ער אַמאָל אַ דרימל אין בעקעריי אויף אַ קאַוואַלעק מעל, אַמאָל — שטייענדיק, ווי אַ פערד צווישן די דישלעס.

איין נאַכט אין דער וואָך שלאָפט ער ווי אַ מענטש — פרייטיק צו נאַכטס. אָפּגעגעסן מ'קאָפּ פיש, טועם געווען פון דער יויך, עטלעכע ביס פלייש און — קאָפּ פאַרוואָרפן אין אַ זייט, ס'בערדל פאַרקוועטשט אונטער דער גאָמבע. ערשט, אַז ס'מאַמעלע הייבט זיך אויף פון דער שטול, גייט צו צו אים, גיט אים אַ טאַרע: — שלום, הייב זיך אויף און גיי לייג זיך — גייט ער גלייך צום בעט, וואָס זי האָט אים פאַרגרייט. ס'מאַמעלע? אויך אַ מידע, אין שבתדיקן קלייד, אין צעקעמטן שייטל — האָט זיך מיט עטלעכע מינוט פריער, ווי אַ שיכורע געטרייסלט אויף דער שטול. ביידע, ער און זי, ווי די צוויי צאַנקענדיקע לעכט, געבויגענע צו זיך אין די לייכטער. אלא מאי? זי ווייסט, ס'מאַמעלע: — אַביסעלע שלאָף ביים טאַטן איז בעסער, ווי ס'עסן. איז פאַר ווען האָט ער געקאָנט אַ וואָרט אַרויס־

* אויסגעקראַצט סלעצטע טייג פון דער דייזשע.

רעדן? באַדײַ אַ שמייכל, אַ גוט וואָרט הערן פון עמעצן אין שטוב. אַזוי, אויך אין גאַס צווישן די חברים, יאַטן, יאַטעכעס. מען איז אים פאַרבײַגעגאַנגען, על־להיי ער עקזיסטירט נישט.

ס׳מאַמעלע — אַ קרעמערין. זי איז דעם טאַטנס, ווי מ׳זאָגט, רעכטע האַנט. אויך מיידלווײַז איז זי קיין שטובזיצערין נישט געווען. צו פופצן יאָר — אַ פאַלנע באַלעבאָסטע. דרײַצן קינדער אין שטוב אַכט זין אַלע — מ׳טאַטנס פאַך — שוסטערס. זי — די עלטסטע פון די מיידלעך. לייטשע, איר מאַמע, האָט געבאַקן ברויט פאַר „אייגענער פאַטשעבע”. איטלעכן דאָנערשטיק ראַשטשיניעט אין אַ מולטער, געקנאָטן. אַז דאָס טייג איז אויפגעגאַנגען, האָט זי געקניפּט שטיקער, געטונקען די האַנט אין אַ שיסל וואַסער, געפּאַשטעט די ברייטלעך. אַזוי לאַנג געפּאַטשט ביז די טייגן האָבן באַקומען אַ לעבעדיקע מראה. אָפּגע־מיסקעוועט זיי מיט אַ נאַסער ראַגאָזשע און אַרײַנגעשיבט אין אויוון: אַ קליינער אויוון מיט אַ טשערין אויף צען, צוועלף ברויטלעך. פאַרשטעלט מיט אַן אײַזערנער דעק די היץ פון אויוון זאָל נישט אַרויס. צו דער שעה, אָן קוקן אויף אַ זייגער — האָט זי די ברויטלעך אַרויסגענומען. ווידער אַ וויש מיט אַ נאַסער ראַגאָזשע. די ברייטלעך גלאַנצן, ווי פון אונטער פּאָליטור.

פון דאָנערשטיק ביז דאָנערשטיק האָט געסטײַעט ברויט פאַר דער שטוב. ס׳האָט זיך געשניטן, ווי לעקאַך. דער קייסער האָט געמעגט עסן דאָס ברויט — האָט זי זיך באַרימט.

אַז זי איז אונטערגעוואַקסן — נישט קיין סך — אָבער אַ שיין פּנימל, אַ געטאָקט געשטאַלט פון אַ פּרויעלע — האָבן שדכנים אָפּגעהאַקט די שוועל. איין שידוך שענער פון צווייטן. יונגען, ווי די לעכט. בײַם ערשטן אויגנבליק איז איר געפעלן דאָס יוסטע געשטאַלט פון אים, דאָס בייניקע, מענערישע פּנים, די לאַנגע הענט. אַ פאַרשעמטער איז ער קעגן איר געשטאַנען. די הענט — צוויי לאָפּעטעס. זיי הענגען אַראָפּ. ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיי. נאָר אַ ייִדישער טאָכטער פאַרדרייט זיך נישט אַזוי גיך דער קאָפּ. גראָד זײַן שעמעוודי־קייט איז איר געפעלן. אירע פינקלדיקע אייגעלעך, ווי זון אין אַ שפּיגעלע, זענען געלאָפן איבער זײַן גרויסן געשטעל פון אונטן אַרויף, פון אויבן אַראָפּ.

די מעשׂה פון דער ערטער זעונג האָט ס׳מאַמעלע דערציילט בײַ יעדער גע־לעגנהייט. בעתן דערציילן זענען אירע אייגעלעך געלאָפן, ווי דעמאָלט, מיט דער זעלבער פלינקייט הין און צוריק. די ראָזע בעקלעך האָבן געפלאַמט. די קנייטשעלעך אַרום די אויגן, מוילווינקלען, האָבן איר נאָך מער ווײַבלעכקייט צוגעגעבן.

✶

אין אים, אין אַהרעלען, איז דער פּאַרדראָס געוואַקסן — קראָפּעווע אויף אַ פּאַרוואָרלאָזט פעלד. היפּער־פּילבאַר אויף אַ וואָרט, אַ רמז אַפילו ווען נישט אים מיינט מען. ער האָט געשוויגן. אַמאָל — צוריקגעוואָרפן אַ וואָרט און באַלד חרטה געקראָגן. וואָרעם ער האָט געוווּסט, אַז זײַנע ווערטער פאַלן אויף טויבע אויערן. זײַן התנהגות — האָט ער געפילט — איז נישט ווי עס באַדאַרף צו זײַן. אַנדערש פירן זיך האָט ער בײַ זיך נישט געקענט פועלן. אַליין מיט זײַנע אייגענע הענט שטעלט ער אויף אַ וואַנט, אַ מחיצה צווישן אים און די סאַמע נאָענטסטע מענטשן.

ער האָט אָנגעהויבן רעדן צו שטיקלעך פּאַפּיר. זיך געחברט מיט די שטיק־לעך פּאַפּיר... געשריבן אין גראַמען, אָן גראַמען, לידער. פּראָזע, וואָס ס'איז אים געקומען אין קאָפּ אַרײַן. ער האָט מער פאַרשטאַנען, ווי געוווּסט. איבערגע־לייענט דאָס געשריבענע. נישט געפעלן — צעריסן. ווידער געשריבן. ווו האָט ער גענומען אַזויפיל געדולד — אסור צי ער ווייסט. יאָרן שפּעטער האָט ער ערגעץ געלייענט, אַז טאַלאַנט איז געדולד. און אפשר איז עס אַ גלויבן? ער האָט געגלייבט, אַז ס'וועט זיך געפינען אַן עמעצער וואָס וועט זען אין אים דאָס, וואָס ער זעט אין זיך, וואָס ער פילט. אַ שרײַבער וויל ער ווערן. אַ מענטש, וואָס האָט וואָס צו זאָגן און וועט זאָגן. איז וואָס — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט — אַז אַ וואַסערל ריזלט אונטער דער ערד. שטיינער, סקאַלעס לאָזן עס נישט אַרויס אויף דער אייבערפלאַך. ווי באַלד ס'איז דאָ, עס עקזיסטירט — מוז עס, פריִער צי שפּעטער דורכבערעכן זיך אַ וועג.

אַוודאי וואָלט גוט געווען ווען דער „עמעצער" זאָל זײַן, אַ מיידל, אַ חברטע. אַזויפיל זעט ער זיי אין שול, אין ביבליאָטעק, ווו ער קומט כמעט אַלע טאָג טוישן אַ בוך, אויף די קרייזלעך, פײַערלעכע אָוונטן, אימפּרעזעס. אויף דער גאַס שפּאַצירן אַ סך שיינע יאַטעכעס. מ'קוקט אויף אים און מ'זעט אים נישט. אַ רואה ואינו נראה איז ער. אמת, ער איז נישט פון די, וואָס געפעלן פון ערשטן בליק. פון דעסטוועגן, אַ קוק אַ גוטער, אַ קלוגער, אַ דורכדרינגלעכער, אַ קלוג אויג — איז מסוגל צו זען אונטערן אומעטיקן פּנים — אַ ליכטיקע וועלט, אַן אייגענע וועלט, רײַך אין געפילן, מחשבה, אין דערהויבענע אָנונגען: איז מסוגל צו הערן ס'ריזלען פון אָט דעם קוואַליקן וואַסערל, אַ קוואַל אונטערן שווערן שטיין. וועט עמעצער אויפהייבן דעם שטיין?

געענדיקט די פּאָלקס־שול. ער נעמט פּריוואַטע לעקציעס. גרייט זיך צו עקזאַמענס — עקסטערניסט ווערן. ס'פאַלט אים אַרײַן אַ בוך פון ראָמען ראָלאַן „זשאַן קריסטאָף" — בעטהאָווען איידער ער איז געוואָרן דער באַרימטער, דער מוזיק־גאון. אַ בילד אויף דער ערשטער זײַט פון בוך — בעטהאָווען אַ ייִנגל,

אַ יונגנטלעכער. זיינע ערשטע טריט אין דער מוזיק־וועלט. אַליין, איינזאַם, אומבאַ־קאַנט. בעטהאָווען — נישט קיין שיינער. אַ נידעריקער, אַ ברייטפּלייציקער. אַ מגושמדיק פּנים. אַ גרויסער קאָפּ אויף אַ קורצן קאַרק. צעפּאַטלטע האָר. אַ מאַסיווע נאָז. אומרעגלמעסיקע פּנים־שטריכן. דאָס איינציקע שיינע — דער שטערן, אַ ברייטער, אַ ליכטיקער. און די אויגן? — אַקוראַט ווי זײַנע: טונקל־טיף — בלויע, נייגעריקע פאַרחלומטע. האָט ער, הייסט עס, עפּעס ענלעכס צו בעטהאָווען? מעג ער אַזוי טראַכטן אַפילו?

ער האָט ליב די נאַטור, דעם בוים, דעם בוים־מענטש, מענטש — כי האדם עץ השׂדה. ער, ווי יונג ער איז, האָט ליב דעם מענטש און דערווײַטערט זיך פון אים, כּדי צו זען אים נענטער. עלהיי אַ פּאַרטרעט, פון דערווייטנס זעט מען אים בעסער... דערנענטערן זיך דורך סעפּאַראַציע.

ער האָט ליב דעם מענטש און האָט מורא פאַר אים, טאָמער וועט ער, דער מענטש, נישט גענוג אײַנזען אַרויסווײַזן כּלפּי זײַן, אַזוי צו זאָגן, יחיד־במי־נימדיקייט.

דאָס לייענען „זשאַן קריסטאָף" האָט אין אים געוועקט אַ ניסתרע פרייד, אַ גלויבן אין זיך, אין גורל, וואָס מענטשן רופן גאָט: ער וועט אים פאַרגיטיקן. לעת עתה איז ער אַ קליינטשיקער, אַ פּיטשימאַנטשיקל בעטהאָווענדל. אַ שרײַבער וועט ער זײַן. ער וועט נאָך ווײַזן און באַווײַזן. דערווײַל, דערווײַלע, ווי זײַן מאַמעלע פלעגט זאָגן, דערוואַרט ער אַביסעלע קרעדיט. איז אָבער די זאַך נישט אַזוי פּשוט. אויך קרעדיט דעררויבערט מען זיך מיט מעשׂים. מען גלייבט נישט אויפן וואָרט. — מען לייענט נישט קיין מחשבות, קיין בויך־סברות. אַוודאי שטייט אויך נישט אויפן שטערן און נישט אויפן פּנים געשריבן. איז עס נישט אַ גענוגנדיקע סיבה צו זײַן אומצופרידן, פאַראומערט? צוריק געשמועסט — פּרווט ער רעדן צו זיך — אַנדערע, שענערע, העכערע פון אים, זענען דען יאָ צופרידן מיט זיך? ווען יאָ, וואָלט די וועלט אַ שענער פּנים געהאַט.

ער האָט פון דעסטוועגן מינוטן פון שׂמחה, האָפענונג אין עצם שאַפן. שוין אין שטרעבן געפינט מען אינהאַלט און אָנהאַלט. צי זעט ער נישט באַשײַמפּערלעך, אַז ער איז אַ געבוירענער שרײַבער: אַ שרײַבער, ווי מ׳זאָגט פון דער מאַמעס בויך?

3

צו זיבעצן יאָר אין וואַרשע — די מאַמע פון אַלע פּראָווינצער. אין אַ וואַליזקעלע — אַביסל אונטערוועש, צוויי אויבערהעמדער, אַ שבתדיק בגד, עטלעכע ביכער. נאָך אַ „באַגאַזש" טראָגט ער מיט זיך — קלוגע רייד, צוויי מעשׂהלעך פון „כעלמער יידן", דעם לאַטוטניק.

אַ מענטש איז געגליכן צו אַ מלבוש — האָט ער געזאָגט — אַ מלבוש האָט אַן אייבערשלאַג און אַ פּאַטשעווקע. ס'פּנים שמייכלט, אַ גוטער מענטש מכלומרשט, אָבער אין כאַראַקטער — פאַרדאַרבן. אויבנאויפיק פירט זיך דער בן־אדם לײַטיש, איידל, אין תּוך, אינעווייניק — מיאוס, שלעכט. טרעפט נישט איין מאָל, אַז פאַרקערט; די פּאַטשעווקע איז שענער פון אייבערשלאַג... אויסערלעך קאָן אַ מענטש זײַן נישט געראָטן אָבער אינערלעך — שיין, ריין ווי אַ טרער; אַ טרער פון אַ קינד. אויך אין דער מאַמעלעס אַ ווערטל זיך דערמאָנט: „שיינע מענטשן האָבן אומזיסטע פרײַנד, מיאוסע — אומזיסטע שונאים."

נאָך אַ מעשׂהלע, אַ פּסוק פון חז"ל, וואָס דער זיידע האָט אָודאי געהערט אין דער „פּראָסטע שיל", ווו ער האָט געדאַוונט: „יעדן טאָג זיצט דער קדוש ברוך הוא אויפן כּסא המשפּט, זעט ער אַז די וועלט איז כּולו חייב — זעצט ער זיך אַוועק אויף דעם כּסא הרחמים. ווײַל ווען דער אייבערשטער וואָלט זיך נוהג געווען נאָר לפי מידת הדין — וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט אַפילו איין טאָג".

ס'וואַליזקעלע האָט ער שנעל אויסגעפּאַקט. דעם זיידנס „באַגאַזש" היט ער אָבער גוט. ער וועט אים צונוץ קומען.

אין די אָוונטן — דריי מאָל אין דער וואָך — אָוונט־קורסן: דערגאַנצונגס־לימודים וועגן יידישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור און יידישער געשיכטע. בײַטאָג — אַ געהילף־אַגענט אין אַ טיי־געזעלשאַפט. פּיפּיקע סוחרים. יידיש־נגידיש געקליידט. צוגעשווירענע בערדלעך. שניפּסן. קאַפּעליושן. אַ גוטן פּויליש האָט מען אין ביוראָ געהערט, אָפט — געמישט מיט יידישע און העברעישע ווערטער, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן געלט־ענינים, אָדער פאַך־סודות, סוחרישע דריידלעך, וואָס די „שקצים", די הויטפּ־אַגענטן, דאַרפן נישט וויסן.

די „שקצים" — געוויקסיקע יונגען. הויכע פּיס. הפקר־הענט, וואָס האָבן

נישט איין מאָל אַנטרעפנדיק אויף אמתע שקצים — „אויסגעשלאָגן" זיך זייער הוצאות־הדרך מיט פּראָצענט...

די אַרבעט — פיר־פינעף שעה אין טאָג אויסער דער ביוראָ. דאָס גאַנצע עסק „טיי־געזעלשאַפט מיט באַגרענעצטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט" איז געווען און געבליבן סוד. זיך מפרסם געמאַכט מיט דער „סחורה" — דריי בלעכענע פושקעס טיי צום פאַרבריִען, מיט אַ צולאָג — אַ זילבערן לעפעלע.

אין טאָוולענע רענצלעך, איבערגעצויגן מיט ביליקער קאָליריקער צעראַטע, איז די „סחורה" געלעגן. גרויסע אותיות האָבן אָראָפּגעשריגן פון די רענצלעך: „זאָ פּול דאַרמאָ" (פאַר האַלב אומזיסט).

די דאָזיקע סחורה, וואָס דאָס איינציקע ווערטפולע דערפון איז דער שטאַרק־שמעקעדיקער ריח און דער שאַרפער פּערפיום־דופט פון די אַגענטן — האָט זיך גוט רעקלאַמירט. דער „פּול דאַרמאָ" האָט געריסן די אויגן. דער טייערער פּריַיז — אויף ראַטעס — האָט אָנגעריסן דריי, פיר מאָל מער ווי די ווערט פון ביסל טיי אין די פושקעס.

אויך די אַגענטן האָבן גוט פאַרדינט. געשליפענע צונגען. אַ קולטיווירט־וווּלגאַר לשון. און אַלץ ווערליק די פּרצופים פון די קונים — מיט צוגעאייגנטע, עלעגאַנטע מאַנירן. ציניש־דרייסט האָבן זיי זיך אַריינבאַקומען אין די שטובן פון די הויכשטאָקיקע הייזער אויף די קריסטלעכע גאַסן. געטראָפן אין רייכע געשעפטן, ביוראָען, אין אָפּגעשלאָסענע הייף מיט סטרוזשן און הינט ביי די טויערן, טויערלעך און טירן.

רייכע זינדלעך. אָפּנים נישט קיין גרויסן חשק געהאַט לאַנג צו זיצן אויף דער שולבאַנק. מיד געמאַכט דעם רייכן טאַטן פון צאָלן באַרע געלט און מתּנות פאַר העלפן מאַכן די לעקציעס, אָפּקויפן די לערערס, פּראָפעסאָרן פאַר גוטע סטאָפּניעס, מאַטורע־דיפּלאָמען. אַליין אויך, קאָנטיק, מיד פון מאריך זיין די „גאָלדענע יוגנט" ביז דער עלטער, ווען אויך גאַרנישט טאָן ווערט אַ לאַסט, הייבט אָן וועקן אומהיימלעכע געדאַנקען. מען ווערט זיך נמאס, ערגער — מען ווערט נמאס אין די אויגן פון „שיינעם מין" פאַר וועמען מען האַלט נאָך אַלץ אין שפּילן די ראָלע פון יונגעלייט: יונגע מענער, וואָס שטייען שוין מיט איין פוס אין יונגן עלטער.

דעם רוב דאַמען און דינסטן פון די רייכע הייזער האָט געשמעקט די סחורה. די אַגענטן האָבן געוווּסט וויאַזוי די „מציאה" אונטערצוטראָגן. געדינט האָט זיי די גלאַטיקע מויל־מלאכה, חוצפּה און שקרים, עלעגאַנטע זשעסטן, שמייכעלעך און אַ מרוזשען מיט די ממזרישע אויגן, צווייזינדיטיקע ווערטער, רמזים און — פּערפיומירטע רייד, רייד...

פלינק און גרינג האָט מען זיך אַרײַנבאַקומען אין די קאָרידאָרן, קיכן, אפילו שלאָפצימערן... ער, דער אונטערטראָגער פון אַזעלכע רענצעלעך — צו דרײַ־פיר אין יעדע הענט, אויך אין די ווינטער־טעג ווען דער פראָסט האָט געברענט און געשטשיפּיעט אין די פינגער — האָט געוואָרט אין דרויסן. ער ווייסט נישט, געדענקט נישט עד־היום די נעמען פון די אַגענטן, אויך פון זײַן „באָס". זײַן „באָס" ווידער האָט זײַן נאָמען נישט געוווּסט. גענוג געווען אַ פּיפּס, אָדער אַ פײַף, אַ רוף מיט אַ פינגער־אויסבייג, מיט אַ האַנט־תּנועה. אַמאָל, אַז ער איז ווײַטלעך געשטאַנען — האָט ער געהערט דעם באָס' קול:

— פּאַניע מאַלע! (הער קליינער...). ער האָט נישט איין מאָל אַרײַנדערלאַנגט אַזאַ רענצל דורך אַ פענצטער. אַ האַלבע שעה און מער האָט זיך דער אַגענט געזוימט אינעווייניק. אַרויסגעקומען אַ צעיאַכמעטער מיט אַ צעפלאַמט פּנים, זיך געקנעפּלט די הויזן און אויפן וועג דערציילט מעשׂיות וועגן יונגע, שיינע פרויען, דינסטמיידלעך, יידישע און שיקסעס, וועגן נקבֿות און באָרדעלן, אַרגיעס, סעקסועלע סצענעס. זיי האָבן אַהרעלען געעקלט און גערייצט.

געוווינט האָט ער אויף דער „שמאָלער מילע"* צוועלף זלאָטעס אַ חודש פאַר אַ האַלב בעט. דער שותּף צו דעם צווייטן העלפט בעט — אַ מעבלסטאָלער, ראובן. אויך אַ פּראָווינצער. אַן אַלטער קאַוואַלער. געאַרבעט איבערשעהען. שפּעט אַהיימגעקומען. אַן אומגעוואַשענער אַרײַן אין בעט. ס'האָט פון אים געשלאָגן אַ ריח פון פּאָליטור, זעגעכץ, זשיוויצע און געקאָכטן לאָם.

אַ טבֿע האָט ער געהאַט, ראובן, רעדן פון שלאָף און מאַכן מיט די הענט. צום רעדן האָט ער זיך ווי עס איז צוגעוווינט. ערגער — ס'מאַכן מיט די הענט, אַ שטייגער ער הובלעוועט אַ סענקעוואַטע ברעט. שווערע, שאָרסטקע הענט. געל־געפּלעקטע נעגל־פינגער. די הענט האָבן אַרומגעבראַיעקט, זיך געפּויסט, געשטופּט און געשטויסן פון זיך. אַ גרויסער, קרעפּטיקער בחור, ראובן. ר'האָט פאַרנומען מער ווי אַ האַלב בעט און אים, אויפן רעשט בעט, נישט געגעבן קיין מנוחה. דער סוף איז געווען: די באַלעבאָסטע האָט יעדע לאָקאַטאָרן עקסמיסירט פאַר נישט צאָלן פינקטלעך „דירה־געלט."

עפּעס מער פון אַ האַלב יאָר אין וואַרשע. פאַרבענקט זיך אַ היים. אַן אָרעמער, נאַקעטער טיש אין דער היים. אָרעם עסן, אָבער — אַ שטוביקס. דער טעלער, דאָס שיסעלע, דער לעפל, די דערלאַנגערין, פריידקע, אַן אַנדער טעם, אַן אַנדער ריח האָט דאָס עסן. באַדיי טרוקן ברויט, ס'ביסל געקעכץ אויף דרויב:

* אַ גאַס אין דרום־וואַרשע, אַ יידישער קוואַרטל.

אַ גראַשניצע, אַ העלדזועלע, פּיסעלע, קישקעלעך. אַ ביסל גריץ אויף בוימל צוגעפּרעגלט מיט אַ ציבעלקעלע, געפּעפּערט, גערייִשט, אַ מייערל, אַ שטיקל טאַמאַטע — ס׳איז נישט דער רעסטאָראַן: ביליקע רעסטאָראַנען אויף דזשיקע גאַס, סמאַטשע, אויף זאַמענהאָף בײַ כאַסקלען. אַ סך מאָל איז אויך אַ מיטאָג אין אַזאַ רעסטאָראַן געווען פאַר אים אַ לוקסוס.

הײַנט שבת? דער טאַטע אויבן אָן. ס׳ליכט פון בליצלאָמפּ פאַלט אויף זײַן הויכן, ווײַסן שטערן. ס׳שיטערע בערדל, וואָס איז אַלע טעג פון דער וואָך פאַר־קנייטשט, פאַרמעליקט — שוואַרץ, ווי די האָר אויפן קאָפּ, און צעקעמט. ס׳בייניקע פּנים מיט די שאַרפע קינען — שטראַלט. אַ מלך, דער טאַטע. אלא וואָס? מיד. דער גאָפּל אין קאָפּ פיש — גראַבלט, דלוביעט. אַ העלפט אויפגעגעסן, ער האַלט שוין בײַ דער יויך: יויך מיט צוקער־באָבעס. ס׳ליגט אַ פליגעלע, אַ פּולקעלע. אַלע אַרום טיש. צען מײַלער פאַרטון אין דער אַכילה. מ׳האַלט שוין בײַם קאָמפּאָט. פריידקע דערלאַנגט. ס׳מאַמעלע הייבט זיך נישט אויף פון טיש ביז נאָכן בענטשן. און וואָס זעט זי, ס׳מאַמעלע? ער, ער האָט אײַנגעדרימלט. מיד, נעבעך.

— גיב שוין אָן עס אָפּ, שלום. די קינדער זענען שלעפעריק.

זי רעדט צו אים, די מאַמע, און נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון שיינעם מאַנצביל, וועמעס פּנים זי האָט קיינמאָל נישט קיין צײַט צו זען. די לאַנגע, ווײַסע אַרבל פון געמאַנגלעוועטן העמד, וואָס ליכטיקן אַרויס פון טונקעלן קאַמזויל — גיבן אים צו אַ הדרת־פּנימדיקייט. די שטאַרקע אַרעמס מאַכן אים ברייטער, פעסטער, אַ גבר פון אַ מאַן — זאָגט זי צו זיך. ער אָטעמט שווער. ער וועט שוין הײַנט נישט בענטשן. מילא. ס׳בעט איז שוין געגרייט.

צו זיך אַליין רעדט ס׳מאַמעלע: ווי שווער ס׳קומט איר אָן ס׳צונויפשטעלן דעם שבת. מיט וואָס האָט זי זיך פאַרזינדיקט? פאַרוואָס זאָל זי נישט הנאה האָבן פון איר פּראַצע? איין מאָל אין דער וואָך כאַטש אָפּעסן ווי אַ מענטש, ווי אַ ייִד, ווי אַלע ייִדן? ניין, זי האָט נישט קיין תרעומות, האָט זי מיט דער האַנט אויף די ליפּן, נישט צו זינדיקן מיט די רייד. זיך פאַרשטעלט דאָס מויל. זי דאַנקט זײַן ליבן נאָמען פאַר אַלע טעג פון דער וואָך און פאַרן הייליקן שבת. זי דאַנקט אים פאַרן כּוח, וואָס ער גיט זיי ביידע צו שטיין אויף די פיס. ס׳איז איר ליב און ניחא, אַבי נישט אָנצוקומען, חלילה, צו מענטשנס גאָב. ער שלאָפט. וואָס זאָל ער טאָן, אַז ער איז אַזוי זשעדנע אין ביסל שלאָף.

צו פריידקען, וואָס נעמט אַראָפּ פון טיש, זאָגט זי:

מ׳דאַרף מאַכן נאַכט. מ׳דאַרף שפּרייטן דעם שעניק. עלטערע ייִנגלעך, כאָטש צו צוויי אין אַ בעט. נישטאָ אַבער, ווו אַ בעט אָוועקצושטעלן. איין צימער. צוויי

בעטן. אַ טיש. עטלעכע בענקלעך. אַן אַלטע קאָזעטקע. אַ קרעדענס. אַ ליימקעכל מיט צוויי פּײַערקעס.

אין מיטן דער וואָך, אין הוהאַ פון טעג, אַז ס׳מאַמעלע זאָגט אַרויס אַ נאָמען פון אַ קינד, ביז זי זאָגט אַרויס דעם נאָמען, פאַרפּלאָנטערט זי זיך אין „אלו תולדות״; אַזאַ טבע האָט זי, ס׳מאַמעלע, אַ שטייגער אייגער פאַרטשעפּעט זיך איבער עפּעס אין אײַליקן גאַנג, בלײַבט שטיין אַ ווײַלע און גייט ווײַטער. אַז די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן האָט זי זיך שוין נישט געפּלאָנטערט. אויך אין די שבתים איז זי זיך נישט טועה.

פריידקע וואַרט נישט ביז די מאַמע זאָגט איר וואָס צו טאָן. נישט אין דער וואָכן, נישט אום שבת. אויף פריידקען האָט מען געזאָגט: „דער גאַנצער טאַטע.״ געמיינט האָט מען זײַן וווקס, זײַן שעמעוודיקייט. אַ סך אמת געווען דערין. וואָרעם העכער פון דער מאַמען איז זי מיט אַ גאַנצן קאָפּ און — אַ שוויַיגערין. שוין אַביסל צופּיל פאַר איר עלטער — אַ מיידל פון קנאַפּע אַכצן יאָר. פון דער מאַמען האָט זי נישט מער ווי דאָס שיינע פּנימל, די לופּיקע אייגעלעך. דאָס פאַר־ריסענע נעזל, דאָס שיקסעוואַטע, האָט זי גענומען בײַ זיך אַליין. פון נעזל אַראָפּ אַ טאַלעכל, וואָס דער גוטער מלאך גיט אַ שנעל בעתן פאַלן אויף דער וועלט. אַ קליין מויל, זאַנפּטיקע ליפּן, וואָס דאַרפן נישט קיין ליפּסטיק. דער דאָזיקער געמיש, איר געראָטנקייט איןביידע — האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג סײַ בײַ מענער, סײַ בײַ פרויען. הײַנט, איר בריהשקייט?

אין אָרעמען הויף האָט פריידקע אויסגעזען ווי אַ שיין בילד אין אַן אַלטער, צעבראָכענער ראָם. פריידקע — די ליובע פון שטוב, פון אַלע שכנים, פון הויף. זי איז די איינציקע פון אַלע קינדער, וואָס מ׳רופט בײַם נאָמען.

די יינגלעך האָט מען קליינערהייט נישט גערופן בײַ די נעמען. מ׳האָט נישט געוווּסט אַקוראַטנע וויאַזוי יעדער הייסט, מחמת איינס איז ענלעך צום אַנדערן. געראָטן צו זיך ווי צווילינגס, גערוקט איינס פון אַנדערן מיט אַ יאָר־אַנדער־האַלבן. קיין צווילינגען און זיבעלעך זענען פון דער מאַמעס טראַכט נישט אַרויס. ס׳מאַמעלע — אַ דייזשע. ניין. אַ דייזשקע. ס׳וואַקסט, ס׳יוירט גאָטס ברכה — פּרו ורבו. תּמיד אויסגעבײַכלט: אָדער פאַרן געלעגן ווערן, אָדער — נאָך דעם. אַ זייגן און אַ טראָגן. אַ יוסט מאַמעלע אויף לופּיקע פּיסלעך. מיטן בלוי אַרויס פון שטוב אין געוועלבל, אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין בעקערײַ, פאַרנאַכט — צוריק אין שטוב. איז געוועזן אַ גוטער לייז — ברענגט זי אַהיים אַ פרישׂ געבײַטלט ברויט, נישט — ווי אין די שלעכטע טעג, — אַ צוגעברענטס, אַ בראַטשנע.

דער קרעמער אין הויף האָט די קינדער גערופן לויט די מאָסן מיט וועלכע ער האָט אַרײַנגעמאָסטן דעם נאָפט אין די פלעשלעך פון די קונים:

— אַ פּערטעלע, אַ האַלב קוואַרטירל, אַ קוואַרטירל.

טאַטע־מאַמע האָבן נישט געוווסט, נישט געדענקט וויפל אַ קינד איז אַלט. קיין איינס נישט רעגעסטרירט אין מאַגיסטראַט. נישט געווען ווער ס׳זאָל זיך דערמיט פאַרנעמען. ס׳קליינע באַבעלע, די הייבאַם, אַ פאַרמאַטערטע פון אָרומ־פאָרען זיך אַרום דער געווינעריין, איז נאָכן אָפּנעמען דעם ווולד אַהיימגעגאַנגען. די קימפּעטאָרין? זיך אויסגעליידיקט, איז זי ווידער געלאָפן איר געלויף: גע־ווועלבל, בעקערײַ, שטוב. דער טאַטע? אָדער ביים אויוון אָדער בײַ די דייזשעס. די שעה וואָס די הענט האָבן גערוט, האָט דער קאָפּ געאַרבעט: ווועמען צאָלן מזומן, ווועמען לאָזן וואַרטן, ווועמען מעקט מען, ווועמען אַ וועקסעלע און — פּראָלאָנגירן אַ וועקסעלע.

די חתימה אויף אַ וועקסעלע האָט דער טאַטע אָוועקגעלייגט — מיט רוסישע אותיות. די איינציקע שריפט, וואָס די נויט האָט אים אויסגעלערנט, האָט געהאַט דעקונג: „אַ פּאָר גילדענע הענט“ — האָט געזאָגט ס׳מאַמעלע. אויף זײַן וואָרט — האָט זי באַלד צוגעגעבן — קאָן מען שטעלן אַ הויז. ערלעך און ראַיעל.

האָט מען לאַנג גערעדט און גערעדט, אַז מ׳דאַרף אַמאָל אַקוראַטנע וויסן וויפל אַ קינד איז אַלט. גערעדט — ביז ס׳מאַמעלע איז ווידער געוואָרן „אויף דער צײַט.“ האָט מען געשוויגן. אַ לאַנג שווײַגן איז פאַרן באַבעלע, דער הייבאַם, אַ סימן, אַז מ׳דאַרף זיך אַרײַנכאַפּן צו דער בעקערין.

אַז ס׳באַבעלע האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער בעקערינס אויסגעלײַטערט פּנימל, אויפן גלאַנץ אין די לויפיקע אייגעלעך, ווי אײַנגעפּאַסטע דימענטן — האָט זי שוין אויף אַראָפּ נישט באַדאַרפט קוקן. געזען ס׳באַבעלע אויף דער שוועל פון קראַם — האָט ס׳מאַמעלע פאַרשטאַנען:

— זי קומט שוין, די הייבאַם, נעמען אַן אַדערויף.

זי נעמט אַראָפּ אַ ברייטל פון דער פּאָליצע. איז עס אויסגעפאַלן פּרײַטיק — איז אַ חלה. אַ וויש מיט דער האַנט דעם שטויב, אָדער דעם פאַרמעליקטן דנאָ. ס׳באַבעלע עפנט דאָס קיישל און די „טראַנזאַקציע“ איז געשלאָסן. אויף מאַמע־לעס לשון הייסט עס: „זאָלסט מיך אויך גוט באַהאַנדלען“...

אַקעגן דעם וואָס מ׳האָט גערעדט וועגן פאַרשרײַבן אַ קינד אין מאַגיסטראַט. די מאַמע האָט געהאַט אירע סימנים:

מאירקע איז געבוירן געוואָרן ווען ער איז געקומען פון זאַפּאַס. מיט יאָסעלען איז זי פאַרגאַנגען אין טראָגן נאָך זײַן מאַכן זיך „ס׳אויער“. אַפרימקע — ווען ער איז צוריקגעקומען ס׳צווייטע מאָל פון אַמעריקע. אַהרעלע — ווען דער דאַטש איז אַרײַן.

האָט מען איר אַ פרעג געטאָן אין מיטן דרינען: — וויפל, אַ שטייגער, איז אַלט יאָסעלע?

האָט זי זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט. נישט געוווּסט, נישט געדענקט, סײַדן איבערחזרן אַלע נעמען, ווידער, אַ וויקל טאָן אין געדאַנק, עלעהיי מ׳צעוויקלט די מגילה. אָנגעהויבן אויסרעכענען פון אָנהייב, געשטרויכלט געוואָרן אין מיטן וועג, אָנגעהויבן אויף צוריק און אין מיטן זיך פאַרהאַלטן:

— יאָסעלע? ער דאַרף אַלט זײַן אַ יאָר זעקס: וואָס זאָג איך: יאָסעלע ווערט פּורים, ביז הונדערט און צוואַנציק, זיבן יאָר.

4

אהרעלע בענקט אהיים. א צענטער צום טיש. דאָ האָט ער נישט קיין טיש, נישט קיין בעט. די לעצטע עטלעכע חדשים אַקטיוו אין „פּיאָנער". געהיימע טרעפונגען. „קעמערלעך". אומלעגאַלע מאַסוווקעס. איין מאָל געכאַפּט געוואָרן בשעת אַן אַבלאַווע. קלעפּ. פאַרשונגען. באַפרייט. רויטע פענדלעך אויף טעלע־פאָן־דראָטן. לאָזונגען. פלאַקאַטן אויף די ווענט און פאַרקנס: „ברויט און אַרבעט". ער האָט נישט ביידע. העכער אַ חודש אַרבעטסלאָז. קומט איבער די טעג מיט שהי־פּהי. אַ בגד? אַ פּאָר שיך? שׂכר־לימוד פאַר די אָוונט־קורסן? די ישועה, „סאָציאַלע רעוואָלוציע", וואָס זאָגט צו אַ גן־עדן אויף דער ערד, זעט זיך נישט אַזוי שנעל.

פרילינג. דער ערשטער פרילינג נאָך אַ לאַנגן, שווערן ווינטער אין וואַרשע: אַ זעכצן־זיבעצן־יאָריק יינגל אין דער פרעמד.

ערב פּסח. ער — גאַסט אויף פּסח.

צוריק אין שטוב. צוריק אין שטאָט. דאָס זעלבע שטעטל. די הײַזער זעען אויס נידעריקער, געבויגן צו דער ערד. גראָע ווענט. פון אַ סך הײַזער שיילט זיך דער טינק. קליינע פענצטער, נידעריק איבער דער ערד. מיט איין הייב פון פוס קאָנסטו אַרײַן און אַרויסגיין. פאַרעלטערט, אײַנגעשרומפּן דער „רינעק". דאָס אייג־ציקע נישט געענדערטע — די דרײַ לעדער־געשעפטן פון חיים ווײַסמאַן. די שויר־פענצטער — גרין געמאָלעוועט, אויפגעפרישט. אויף אַ סך געוועלבן זענען פאַר־לייגט די פרענטן. דער פּלומפּ אויף דער „נײַער צאָל" — אויסגעקרומט, אײַנגע־זונקען, אָבער וואַסער גיט ער אַזוי ווי פריִער. מיט וויאַדרעס, טשײַניקעס און שיסלען קומט מען אַרויספּאָמפּען ס׳וואַסער. ס׳אײַזערנע הענטל צום פּאָמפּען איז דין און לאַנג און שווער, פאַרדרייט מיט אַן אײַזערנער גאַלקע אין שפּיץ. ווי פריִער אַזוי איצט — מע גיט זיך אַ הענג אָן און ראַפּטעם אַ שלעפּ אַראָפּ — עטלעכע מאָל אַרויף און אַראָפּ — נעמט פּאַמעלעכקע רינען וואַסער. גיט מען אַ הייב דעם עק אַרויף און באַלד פאַלט ער צוריק מיט אַ שווערקייט פון אַ טויטן אבר, לאָזט אַרויס אַ כאָרכל מיט אַ טרוקענעם געקלומפּער — ווייסט מען: דער פּלומפּ שטייט. ס׳הייסט: ער גיט נישט קיין וואַסער. ס׳הענטל מיט דער אײַזערנער גאַלקע אויף אַראָפּ, דערמאָנט אין אַן עק פון אַ הונט בעת ער לויפט פאַרביי פרעמדע הייף. גייט מען מיט די ליידיקע עמערס, קעסלען, שיסלען און טשײַניקעס צוריק. מ׳גייט

צו דער „פּאַזשאַרנע". קאַליע דער פּלומפּ. שיקט דער מאַגיסטראַט אַ מעכאַניק מיט אַ קעסטל קלאַפּערגעצײַג און גרויסע, אײַזערנע שליסלען. דער פּלומפּ גייט שוין ווידער.

אין די דינסטיקס — יאַריד־טעג — יאָגן אַן פּויערישע פערד־און־וועגעלעך צוריק פונעם מאַרק, פאַרנאַכט צום אַהיימפאָרן, שטעלט מען זיך אָפּ פּאָיען די פערד. מיט אַ יאָר צען צוריק, האָט ער, און נאָך אַ חדר־ייִנגל, געפּאָיעט די פערד. געפּאָמפּעט וואַסער אין אַ וויאַדרע און צוגעטראָגן צו די פערדס מאָרדעס. אָנגעלענט דעם עמער אויף דער קני, כדי ס'זאָל דער חיה זײַן גרינגער דער טרונק. פאַרטונקען ביז איבער דער כראָמסקע האַלט זיך פערדישער קאָפּ איבער דעם עמער. ער האָט ליב געהאַט צו זען ווי די חיות שלינגען, שנאָרכן מיט צעעפנטע נאָזלעכער פון תענוג. עטלעכע מינוט אַ הייב אַרויס דעם קאָפּ, סאָפּלעס רינען פון די פּײַכטע מאָרדעס, נאַסלעכע, האָריקע. אָט פאַררײַסט זיך אַ קאָפּ, צעשמייעט זיך. פון געזונטע פערדישע ציין רינט, סליניעט, קאַפּען לעצטע טראָפּנס. פערדישע גוטע אויגן, זעט ער, קוקן אויפן פּלומפּ, אויף אים. פאַרשטייט דער פּויער ס'שטום־לשון און באַפעלט: יעשטשע ראַז, נאָך אַמאָל. נאָך אַמאָל פּינעף גראָשן. — לויפט ער שוין גיכער מיטן ליידיקן עמער צום פּלומפּ, קומט צוריק מיט אַ פולן.

פאַר די פּינפער גראָשנס האָט ער געקויפט ביכער, קאַיעטן, געצאָלט פאַר פּריוואַטע לעקציעס בעתן גרייטן זיך צו עקזאַמענס אין פּינפטן קלאַס גימנאַזיע, פון פאַרשעכנע אין פערטן קלאַס דאַרף מען נישט קיין עקזאַמענס. ער האָט געוואָלט געווינען אַ יאָר. אויסגעהאַלטן עקזאַמען, געוווּנען אַ יאָר לימודים — צײַט און געלט. צײַט — מילא. געלט — אַן איידעלע זאַך. פאַר מלמדות אין חדר האָט די שטוב געצאָלט. זיבן ייִנגלעך אין חדר — איינס אַרויס, איינס אַרײַן. די לעצטע יאָרן — פאַר אַלע זיבן קינדער שכר־לימוד. איז געווען אַ שוואַכער לייז, אַ ליידיק שופלעדל; פרײַטיק, מ'דאַרף באַצאָלן פאַר דער וואָך — האָט ס'מאַמעלע אָוועקגעלייגט אין דער זײַט עטלעכע חלות, אַ קוילעטש, אַ געבײַטלט ברויטל. אַז די רביצן וועט קומען — זאָל אָנגעגרייט זײַן דער „שכר לימוד".

גראַד איז דער פּסח אויסגעפאַלן סוף חודש אַפּריל — אַ טאָג פאַרן דריטן מאַי — גרויסער פּוילישער נאַציאָנאַלער יום־טוב. פּענער. פּענער. די גאַנצע שטאָט אין פּענער. געהיימפּאָליציי, מער ווי תּמיד, זעט מען אין די גאַסן. אויס־מײַד־אַרעסטן. פאַרדעכטיקטע פאַרהאַלט מען אויף עטלעכע טעג. תּמיד אַזוי — עטלעכע טעג פאַרן דריטן מאַי און דער עיקר: פאַרן ערשטן מאַי: „מיט איין שאָס — צוויי האָזן".

אַ קליין יינגל — בײַ טאַטע־מאַמע. בײַ דער געהיימפּאָליציי — גרויס אין די אויגן. אַ „פּאַרדעכטיקטער פּאַרשוין", אַ „קאָמוניסט".

אַכיבע די „זינד" פון וואַרשע שלעפּט זיך אים נאָך אַזש ביז אַהער. פּאָלי־צייַש־שפּיצלישע אינפאָרמאַציע? מוסרים? קאָנפידענטן? עס פעלן נישט אויך אין די אייגענע רייען.

אַ טאָג פאַר פּסח. דער טאַטע — די לעצטע נאַכט אין בעקערײַ. אָוונט. ער גייט אַרויס פון שטוב און ווי פון אונטער דער ערד וואַקסן אויס קעגן אים צוויי ציוויל־געקליידטע: געהיים־אַגענטן. זיי „פאַרבעטן" אים אויף אַ „פאַרהער".

וואָס עס איז נאָכדעם געשען, ווען דער רעוויזיע אין שטוב — האָט ער זיך שפּעטער דערוווּסט: מ'קלאַפּט אין טיר. פאַרטאָג. אַלע וועקן זיך פון שלאָף. צוויי זענען זיי געווען. מ'זוכט אין די בעטן. מ'נישטערט אין אַלע ווינקעלעך פון שטוב. אונטער די בעטן, צווישן קאָמאָד און דער עטאַזשערקע, אין די שופלעדער. געשטופּט די הענט צווישן די פּרוזשינעס פון דער אַלטער סאָפע. אַרויסגעשלעפּט ס'ביסל בעטגעוואַנט פון די ציכן, די וועשוואַרג, מלבושים פון שאַנק. געזוכט אין די קעשענעס. באַטאַפּט יעדער שמאַטע. אַראָפּגעשלעפּט די קאָלדרע פון די קינדערס קעפּ אויפן שעניק. געשטורקעט די הענט אין הײַ. די פאָטאָגראַפיעס פון די ווענט אַראָפּגענומען. באַקוקט זיי פון אַלע זייטן. איבערגעדרייט די טעפּ אויפן קעכל.

מאַמעלע אין העמד לויפט נאָך, שטעלט צוריק, גלײַכט אויס. פאַפּראָוועט דעם שעניק, בעט די איבערגעשראָקענע קינדער זיך צוריקלייגן. באַרויִקט זיי: „די פּאַנאָוויע זענען גוטע מענטשן. זיי וועלן אײַך קאַ שלעכטס נישט טאָן" — וויַזט זי אָן אויף די „געסט". רעדט פּויליש די „פּאַנאָוויע" זאָלן פאַרשטיין. ערשט זי זעט: אַהרעלע איז נישטאָ. זי ברעכט זיך די הענט. שטופּט די קליינע, דאַרע פינגער אין די צעפּלאָשעטע האָר. נישט אוספּעיעט ס'שייטל אויף זיך צו נעמען. קראַצט זיך אין קאָפּ. די האָר פאַלן איר אין די אויגן. נאָך אַ שאָר, אַ קראַץ, די האָר פאַלן צוריק. אַ האָרנאָדל זוכט זי און געפינט נישט. מאַמעלע ציטערט, בעט זיך:

— פּאַנאָוויע, וואָס זוכט איר, פּאַנאָוויע?

— יילע וואָס שטוק? (וויפל שטיק זענט איר?)

— קינדער מיינט איר, פּאַנאָוויע?

— וויפל?

זי הייבט אָן ציילן. פאַרפּלאָנטערט זיך. זיי ריַיסן איר איבער אין מיטן:

— צייל די קעפּלעך.

זי נעמט ציילן און — ווידער פאַרפּלאָנטערט.

— נאָך אַמאָל צייל!

— אוי, ווי, נישט געוווּסט, נישט געוווּסט, אַז אַהרעלע פעלט.

— ער איז דאָ.

— וואָס זאָגן די פּאַנאָוויע? דאָ. ווו איז ער?

— ביי אונדז איז ער.

מאַמעלע איז צעטומלט. יאָסעלע דער קלענסטער, צעוויינט זיך. זי פּרווּוט אים באַרויִקן.

— וויין נישט, יאָסעלע. הייב זיך אויף. גיי, דאָ אויפן קאָמאָד ליגן די האָרנאָדלען. ברענג מיר איינע.

— מאַמע, וואָס זאָגסטו? — פרעגט ער אַ צעטומלטער.

— כ'זאָג. כ'זאָל אַזוי וויסן פון מײַנע שונאים... מיט ביידע הענט פאַרשאַרט זי די האָר פון פּנים. ס'פינצטערט איר אין די אויגן. אַהרן איז נישטאָ. גאָרנישט געוווּסט. תּמיד פאַרן שלאָפנגיין, ציילט זי די קעפּלעך אויפן שעניק. פריידקע איז גראָד די נאַכט געשלאָפן בײַ אַ חברטע „פון דער באַוועגונג". קאַראַנטער אַזוי — איז דער מאַמעלע, דער מיושבער, אַדורכגעלאָפן אַ געדאַנק. וואָס אַזעלכע צוויי גויִים קאָן זיך פאַרגלוסטן...

— אַהרעלע — אַ יינגלטשינע, פּריצים.

— אַ קאָמוניסט.

— אין וואַרשע געווען. געקומען אויף פּסח אַ היים.

— מיר ווייסן, ווו ער איז געווען...

— וואָס רעדט איר, פּאַנאָוויע?

— שווײַג, זשידוווקאַ!

אַוועק דער דריטער מאַי. אַוועק דער פּסח. אַ „שיינער פּסח". אויף אַלע אירע שונאים געזאָגט: זי האָט גאָר נישט אַזעלכע שונאים, ס'מאַמעלע. ערשטער סדר. צווייטער סדר. דער טאַטע שווײַגט אַ שווער שווײַגן. וויניק גריזאַטע אַ גאַנץ יאָר, נאָ דיר אַ צושמעלץ. — רעדט ס'מאַמעלע צו זיך. גייט אַרום דעם טאַטן מיט שטילע טריט. „מ'דאַרף זיך האַלטן אויף די פיס, נישט פאַרלירן דעם קאָפּ". די הענט ציטערן בעתן רעדן מיטן טאַטן, אַ שטייגער מ'ציט אַרויס מיט צוויי פינגער אַ האָר פון קאָכעדיקער מילך. אהרון אין קוטשעמענט. ווי איז איר. אַביסל עסן, אַ טרונק לאָזט מען נישט צו. „מיר וועלן אים געבן צו עסן, צו טרינקען" — קלינגען איר אין די אויערן די ווערטער פון די מחבלים.

✶

אין תּפיסה. ער איז אָפּגעשוואַכט, אויסגעמאַטערט פון די אויספאַרשונגען,

קלעפּ. טרוקענע קלעפּ. דעפּענסיווע־עינויים טאָרן נישט איבערלאָזן קיין סימנים, וואָס קאָנען דינען דער פאַרטיידיקונג, בעתן משפט. זיי טענהן, די אַדוואָקאַטן, אַז מ׳פּרעסט אַרויס די שולדיקייט מיט קלעפּ, מיט פיזישע פּײַניקונגען. פּוילן איז אַ דעמאָקראַטיש לאַנד. פּאָליטישע אַרעסטירטע, ביז זייער שולד ווערט נישט דערוויזן — טאָר מען נישט שלאָגן. בכלל איז שלאָגן פאַרווערט.

ער האָט זיך העלדיש געהאַלטן אַזוי ווי אַ קאָמוניסט, וואָס קעמפט פאַר אַ גערעכטער זאַך, ווי אַ „פּיאָנער", דאַרף זיך האַלטן. געשוויגן. שרײַען? וויינען? — „דערפרייען די רוצחישע הערצער?" — האָט ער זיך דערמאָנט דעם טאַטנס ווערטער. „בין איך אַ ייִד, צי נישט?" און ער איז צוויי מאָל „שולדיק": אַ ייִד און אַ קאָמוניסט.

מיט גומענע פּאַלקעס אין די פּיאַטעס, צען שמיץ און פּופצן מינוט אָפּרו. אַז מ׳שלאָגט אין די פּיס — גייט אין קאָפּ אַרײַן. ער וועט זיך מודה זײַן. ער מוז זיך מודה זײַן, דער זשיד־קאָמוניסט — זאָגט דער שׂכל הישר פון די שלעגער. און דאָס ייִנגל, דאָס קליינע, נאַרישע ייִנגל — שווײַגט. וואַסער דורך דער נאָז גיסט מען און מ׳זעצט זיך אים אויפן בויך. ער שווײַגט. „ווער גיט זיי כּוח די זשידקעס, דאָס אויסצוהאַלטן?"

נאָך אַ ליטער וואַסער. נאָך אַ ליטער וואַסער. פּוזשניע בענדזשיע שפּיעוואַל. „נאָך דעם וועט ער שוין זינגען". אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. אַרײַנגעלייגט העלצלעך צווישן די פינגער און געקוועטשט. געריסן די נעגל: איינעם, נאָך איינעם. ער פאַרבײַסט די ליפּן. טרערן רינען פון זיינע אויגן אָן אַ וואָרט אַרויס־רעדן. ער קריצט מיט די ציין. עס פינצטערט אין די אויגן. עס ווערט אים נישט גוט. חלשט. אַ גאָס וואַסער פּילט ער אויף זיך. ער ליגט אין אַ קאַלוזשע. די קליידער, ס׳לייב, ס׳פאַרפּײַניקטע לייב — נאַס אויף אים.

איין ווייטיקלעכער אויסגעשריי אָן עפענען די אויגן: אָן זען צו וועמען ער רעדט:

— איך בין אומשולדיק. אָן עקסטערניסט. לערן זיך, אַרבעט.

— דו ליגנערסט, פּאַרשיווע זשיד!

✶

מער פון די קלעפּ האָבן אים געפּײַניקט די געדאַנקען וועגן דער נויט אין שטוב: וועגן די צרות וואָס ער טוט אָן טאַטע־מאַמע. דער מאַמעס געוויינען. דעם טאַטנס פינצטער שווײַגן — אַ צולאָג צו זײַן שווערער אַרבעט. איינער אַליין אין בעקערײַ. אַליין דער ראַשטשינער, דער טייגן־קנעטער. אַליין דער האָלצהעקער ווען קיין גוי׳ים קומען נישט אין שטאָט אַרײַן. שלעפּט די שפּאַלטעס האָלץ פון הייפל אין בעקערײַ, וואַרפט אין אויוון אַרײַן. דאַרף דאגהן, נישט איין

מאָל, אַליין צעטראָגן די געבעקסן צו די הורט־קונים אין די געוועלבער. העלפט זיך ווענס׳איז אַרויס מיט אַ קינד. זיי זענען פּאַרנומען, די ברידער. לערנען פּאַכן. גייען אין שקאָלע, און בכלל... מ׳האָט נישט קיין צייַט צו די זאַכן. „קוטשע־מענט״ — אָט וואָס איר האָט געפעלט צום רומל — זענען דער מאַמעלעס ווערטער צו אים אין תפיסה דערגאַנגגען.

אַ קליינע צעל. אַכט אַרעסטאַנטן. ס׳קליינע פענצטערל איז הויך, טיף־פאַרשטעקט אין פאַלעפּ, אין גליף. די טאָגליכט דורך דער קראַטע — קוואַדראַט־קעסטעלעך הימל — פאַרטונקלט. טאַמער ווייניק — אַ מאַט־פאַרשטויבט בלעכן שייַבל אַרום לעמפּל. דער פרימאָרגן איז בין־השמשותדיק, דער בין־השמשות — פינצטער. קאָרג און מטושטש איז די שייַן סיי בייַטאָג, סיי בייַנאַכט. די ברודיקע ווענט פון צעל באַדעקן שאָטנס. אין די נעכט, אַ, וויפל שלאָפלאָזע נעכט, מען זעט נישט קיין הימל, נישט קיין שטערן. די אָפענע אויגן אונטערן שטערן — בענקען, קוקן אויס אַ ביסל ליכט.

צו דערפרישן ס׳אויג מיט אַ ביסל ליכט, זון — שטעלט ער זיך אויף די רערן פון דער צענטראַל־באַהייצונג, וואָס אונטערן פענצטערל. דראַפּעט זיך אויף דער וואַנט, קלאַמערט זיך אָן די קראַטן. די עלטערע חברים אין צעל לאַכן גוטברו־דעריש פון אים. טוען אים אָפּ „קאַוואַלן״: מע גיט אים גאַפּל־לעפל צו עפענען די קראַטן... ערשט ווען ער נעמט אין האַנט אַרייַן די לעפל־גאַפּל, כאַפּט ער זיך, אַז מ׳פּראַוועט מיט אים קונדיסים־שטיק. לאַכט ער מיט אַלע חברים.

די עטלעכע מינוט וואָס ער האַלט זיך אָן די קראַטן, ווי אַ פייגעלע אין די דראָטלעך פון אַ שטייַג, זעט מען נישט קיין מענטש. פּיס פון מענטשן זעט ער. שיך, שטיוול. אַ פּרויִיש לעטשל... מענטשלעכע טריט הערט ער, וואָרעם דאָס תפיסה־הויז שטייט טאָליק צופוסנס פון אַ באַרג.

אויך די טריט זענען ווייניקע. ווייניק מענטשן האָבן זיך אויף יענער באַרגי־קער הינטערגאַס געדרייט. די וואָס זענען יאָ געגאַנגען — זענען געלאָפן. געוואָלט אויסמייַדן די בליקן פון די וועכטערס דרויסנדיק פון בנין.

ער האָט פון דעסטוועגן געשלונגען די טריט. די פּיס, די גענג, האָבן אים געפירט צום אויסזען פון אַ מענטש. ער האָט געבענקט נאָך מענטשן. אַ לעבע־דיקער מענטש אויף דער פרייַ — ווי גליקלעך איז אַזאַ איינער. פאַרוואָס איז ער נישט גליקלעך געווען ווען ר׳האָט זיך פראַנק און פרייַ געדרייט אויף די גאַסן, געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט? אַ, די ענגשאַפט. די בענקשאַפט...

ער איז דער יינגסטער אין צעל. די רעיונות האָבן אים ווידער דערמאָנט אין דער היים. יענע נאַכט ווען די צוויי שפּיצלען האָבן אים „פאַרבעטן״ אויף אַ „קליינער אויספאָרשונג״.

די ערשטע צוויי חדשים, — דערפון דריי וואָכן אין דער דעפּענסיווע — קיין גרוס נישט פון שטוב. ערשט אויפן דריטן חודש האָט מען געמעגט שרייבן אַ קאַרטל — געציילטע ווערטער: „איך בין געזונט. פיר מאָל אין טאָג — עסן. אַ טרונק וואַסער מ׳וויל. איין מאָל אין טאָג אויף אַ שפּאַציר אין הויף. אין קלאָזעט — פינעף מינוט; מיט אַ שיטערן מאָגן — דריי מאָל אין טאָג. כ׳שלאָף אויף אַ געלעגער. אַ שעניק. אַ שטרוי-קישעלע. אַ קאָלדרע״.

דער יינגסטער אין צעל — אָפּגעזונדערט פון אַלע זיצט ער. ער ברענט פון בענקשאַפט און עלנט — אַ שטיק האָלץ אַרומגעכאַפּט פון פלאַמען. אויסער דעם, וואָס ער טרעט אויף דער זעלבער צעמענט-פּאָדלעגע מיט די זיבן צעל-חברים, האָט ער מיט זיי נישט קיין געמיינזאַמס. ער איז אַליינזאַם.

ביינאַכט, אויפן געלעגער, ליגט ער שעהענלאַנג אויף. אויך ווען די אויגן זענען פאַרמאַכט, שלאָפט ער נישט. געדאַנקען. בילדער. דער טאַטע אין בעקעריי, ביים אויוון אָדער ביי די דייזשעס. קומט אַמאָל אין מיטן טאָג כאַפּן אַ דרימל — אַ געדרודער, אַ גערויש אין שטוב, ער קאָן נישט שלאָפן — זאָגט ער דער מאַמען. מאַמע — תּמיד אַן איילינק לויפן פון שטוב אין געוועלבל גלייך עמעצער וואָלט איבער איר געשטאַנען און געיאָגט מיט אַ בייטש. יאָ, די בייטש פון לעבן. צו אַ מוראַשקע איז זי אין זיינע אויגן געגליכן. אַ מוראַשקע, וואָס שלעפּט אויף אירע מיזערנע פּלייצקעס, אויף אירע דינינקע פיסעלעך, אַ פּאַק וואָס איז זיבן מאָל גרעסער, שווערער פון איר. דאָס טראָגט זי אַ קריש, אַ ביסן עסן פאַר אירע מוראַשקעלעך — שפּייז אין די אונטערערדישע פּאַלאַצן. מאַמעלע-מוראַשקע, פאַרוואָס טו איך דיר אָן אַזויפיל צרות? — פרעגט ער, זאָגט ער צו זיך. יאָ, מאַמעלע-מוראַשקע טראָגסטו ס׳ביסל שפּייז אין שטוב אַריין פאַר די קינדער.

אַכט קינדער. צען געבורטן. קליינערהייט — דערמאָנט ער זיך — אַלע אויף איין שעניק, האָט געטראָפן אַז איינער, צוויי, האָבן זיך באַנעצט... פּאָמע־לעכקע, האַלב-פאַרשלאָפן, האָט זיך דער נאַס-געוואָרענער אַ רוק געטאָן אויף אַ טרוקענעם אָרט. אין דער פרי, גראָד דער ריינסטער, יאָסעלע — אין אַ נאַס העמדל. דער ערשטער, וואָס שרייט, שווערט זיך „נישט יעך, נישט יעך״ — איז דווקא דער וואָס האָט זיך באַנעצט...

פריידקע האָט אין דער פרי געוויינט, געסקאַמלעט, זיך געבעטן:

— גרויסע קינדער זאָלן זיך באַפּישן? פע, נישט שיין.

ביי דער דאָזיקער דערמאָנונג האָט ער געפילט, ווי זיינע ליפּן צעגייען זיך אין אַ שמייכל. ס׳האָט אים הנאה געטאָן וואָס ער איז שוין אַ גרויסער. טאַקע געטענהט „אומשולדיק״ אָבער אינגאַנצן פון דער ווייטנס פון די „וועלט-באַפרייער״ איז ער נישט געשטאַנען. אַ פרעלעגנט פון אַ פּיאַנערקרייזל. געקומען

אויף זיצונגען, געהיימע פאַרזאַמלונגען. געקעמפט פאַר אַ גרויסער, גערעכטער זאַך. הונדערטער, טויזנטער, מיליאָנען מענטשן זיצן אין די תפיסות, קעמפן פאַר אַ שענערער, בעסערער וועלט. ער האָט אין די מינוטן, שעהען פאַרגעסן אין דער מאַמעלעס „פאַרגעסן" צו דערמאָנען זײַן נאָמען בעתן אויסרעכענען די מעלות פון אירע געראָטענע קינדער. ער איז איר מוחל, מוחל.

זײַן יונג לײַב היילט זיך ווי ווונדן אויף אַ ביימל צעשעקעט פון מעסערשני־טן — פאַרוואַקסן זיך. די ווונד, די ווונדן אין דער מאַמעס, אין טאַטנס האַרץ וועלן נישט אַזוי שנעל זיך פאַרוואַקסן. ס'טוט וויי.

ער האָט געלייענט אַ סך ביכער. כאָטש נישט די ביכער, נישט די שרייבער, וואָס ער האָט ליב — האָט זיך, ווי ס'זאָגט ס'פּוילישע וואָרט: „אַז מ'האָט נישט וואָס מ'ליבט, ליבט מען וואָס מ'האָט". האָט ער געלייענט וואָס עס איז געווען אין דער תפיסה־ביבליאָטעק.

צו זײַנע שרײַבער; שלום עליכם, פּרץ, ביאַליק, מאַקסים גאָרקי, מאַרק טווען, אייפּטאָן סינקלער, דזשעק לאָנדאָן, טשעכאָוו, שאָלאָכאָוו, טאָלסטאָי, פּאַנאַיִט איסטראַטי, איבסען — צו זיי און צו זייערס גלײַכן וועט ער זיך נאָך אומקערן, ווי נאָר ער וועט אַרויס אויף דער פרײַ. ער האָט פון דעסטוועגן הנאה געהאַט פון „מאַרטין עדען" פון דזשעק לאָנדאָן. אין „מאַרטין עדען" האָט ער געזען זיך מיט זײַנע לידער, מיט זײַן שרײַבן, מיט זײַן עקשנות און חלום צו ווערן אַ שרײַבער. אויך אין דער איינזאַמקייט פון דיכטער, אין זײַן גרויסער אָרעמקייט און שלאָגן זיך מיט די שוועריקייטן פון לעבן און דערשלאָגן זיך צו באַרימטקייט — האָט אים צוגעגעבן כּוח און גלויבן אין זיך, אין אייגענעם טאַלאַנט.

ער האָט זיך דערמאָנט אין הונגערשטרײַק מיט זעקס וואָכן צוריק פאַר נישט וועלן אָנטאָן אַרעסטאַנטסקע קליידער. זיבן טעג און נעכט — אָן אַ ביסן אין מויל, אָן אַ טרונק. די ערשטע טעג פון הונגערשטרײַק — געהונגערט און געזונגען:

חברל דו מײַן,
וואַרף אַוועק די פּײַן.
וואַרף אַוועק די פּײַן און זאָרגן,
אין טויער קלאַפּט אַ נײַער מאָרגן,
די אַלטע וועלט וועט ער באַנײַען.
חברל דו מײַן,
נעם אַ בוך און לייען.

נישט אַזוי דער הונגער ווי דער דורשט האָט געפּײַניקט. אַ שׂריפה אין האַלדז. נישטאָ מיט וואָס צו לעשן. וואָס מער ער האָט געוואָלט דעם דורשט פון זיך פאַרטרײַבן — איז ער אים קאַפּויער געקומען, מעשׂה שׂטן, וואָס טאַנצט דווקא פאַר די אויגן פון אַזאַ איינעם, וואָס האָט מורא פאַר נישט־גוטע.

פאַר זײַנע אויגן איז אויסגעוואַקסן דער פּלומפּ. אָט גיט ער אַ הייב ס'אײַזערנע הענטל מיט דער גאַלקע און פון פּיסק גיט אַ שטראָם וואַסער. וואַסער... אַ געקלומפּער פון וויאַדרעס: אָנגעפּילטע ביזן אויג, אַזש ס'וואַסער רינט אַריבער... פאַרגיסט דעם ברוק... קרוגן, שיסלען, טשײַניקעס וואַסער... אַ רינשטאָק מיט וואַסער. אָט קאַפּען סאָפּליעס וואַסער פון פערדישע מײַלער. ס'לעצטע ביסל פאַרבליבענע וואַסער אויפן דנאָ פון עמער, גיט ער אַ גאָס אויף די פערדישע קאָפּיטעס... כּיי וואָלט ער מיט דער צונג באַרירט די נאַסע שטיינער, פאַרשוואָנ־קענע פון קאַלטן, פרישן וואַסער. די צוויי קעסלען פון ברונעם הענגען אים פאַר די אויגן. אַ ליידיקער אַראָפּ, אַ פולער — אַרויף. טראָפּנס און טראָפּן־שנורלעך קאַפּען, ציִען זיך פון קעסל־דנאָ צוריק אין ברונעם אַרײַן. אַ שאָד. אַ שאָד: וואַסער גייט צו וואַסער. און ער, אַלע אין צעל — טרוקענע אָפּ די טעג און נעכט. אַ סך האָבן שוין אויפגעהערט זינגען. אייניקע לאָזן הערן הייזעריקע קולות — אַ וויינענדיק־קרעכצנדיק געזאַנג.

ווען ער וואָלט כאָטש אויף איין מינוט געקאָנט אונטערשטעלן ס'מויל אונטער אַזאַ באָדײַ ליידיקן קעסל...

מיט וועלכע כּוחות ער האָט דעם הונגער און דורשט איבערגעטראָגן, ווייסט ער עד היום נישט. די חברים אין צעל האָבן קאָנטיק געזען אויף זײַן פּנים, וואָס אינעווייניק בײַ אים טוט זיך. נישט געלאָזט, פאַרוועריט אים אַרײַנקלערן, איבער־געמען זיך. אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט דאַרף אין זינען האָבן די גרויסע זאַך, וואָס צוליב איר זיצט ער אין תּפיסה, לײַדט ער. אַ סך, אַ סך לײַדנדיקע זענען אויך דאָ אויף דער פרײַ: הונגער, נויט. אונטעדריקונג. פאַר זייער און פאַרן אייגענעם וויל לײַדט מען. זאָרגן אין תּפיסה איז אָפּיום אויף דער פרײַ. די חברים האָבן אים געלערנט אויספּילן די צײַט מיט ספּאָרט, אין דער פרי און אויף דער נאַכט פאַרן שלאָפן גיין. זיי האָבן אים אויך אויסגעלערנט שפּילן אין שאַך, דאַמקע און אייניקע „קאָוואַלן" פאַר „נײַע" פּאָליטישע אַרעסטאַנטן וואָס וועלן זיך אַוודאי אַ יאַווע טאָן. געזען אַז ער שרײַבט אויף שטיקלעך פּאַפּיר, זיצט שעהענלאַנג אַ פּאַרטראַכטער — אדרבא.

✶

העכער פינעף חדשים אין תּפיסה. געקומען אַ היים אויף פּסח און „געפּראַ־

וועט דעם „סדר" אין קוטשעמענט, ווי ס׳מאַמעלע זאָגט. ווי אַזוי האַלט זי דאָס אויס? — האָט מען איר געפרעגט. זי האָט דערויף אַ גרייטן ענטפער: „אַז מ׳געוויינט זיך צו צו צרות, לעבט מען מיט זיי אין פריידן".

ווער ווייסט ווי לאַנג די ספּראָווע וואָלט זיך געצויגן, ווען זי, ס׳מאַמעלע, האָט נישט אַ פּאַרטל: שפּילמאַן. שפּילמאַנס רעסטאָראַציע אויף דער פּרינצי־פּאַלנער לובעלסקי גאַס — הויכראַנגיקע מיליטער־לײַט, פּאָליצאַנטן, מלוכה־באַאַמטע, אַדוואָקאַטן, פּראָקוראָרן און סענדזעס קומען דאָרט זיך אונטערלענען ס׳האַרץ. פריידקע האָט אָפּגעשטאַדט אַ וויזיט בײַ געניען, שפּילמאַנס ווײַב. די שפּילמאַנאָווע טויג זיך אויס — זאָגט מען — מיט איר שיינעם פּויליש, און דער עיקר מיט די פּאַטראָנעס, וואָס זי שטעלט זיי צו אויף „בארג"... אַהרעלע איז אַ מינדעריעריקער, און מענטשן זאָגן אַז אַ גוטער אַדוואָקאַט אַ ייִד, מיט אַ ייִדיש האַרץ, קאָן העלפן.

שבת נאָך מיטאָג, בעת די שויבנטיר איז פאַרהאַנגען, האַלב־אָפּן און צוגע־לענט, זיצט ער שוין דער סענדזע שלעדטשע (דער אויספאָרש־ריכטער) איבער אַ קאָפּ פיש. ער דלוביעט מיטן גאָפּל, מיט די פינגער, מיט בײדע הענט פּאָרעט ער זיך און קאָן דעם קאָפּ נישט בײַקומען. שפּילמאַן כאַפּט אַ זייטיק קוקעלע פון בופעט אָפּער, כיכיקעט אין זיך אַרײַן פון הנאה:

— אָט אַ כאַבאַרניק. מיט אַזויפיל מענטשלעכע קעפּ ספּראָווען זיך זײַנע הענט, זײַנע ווײַסע מיידלישע הענט, נאָר מיטן ייִדישן קאָפּ פיש — לא מיט אָן אלף. געניע גענענט צו צום טישל מיט אַ טעלער אָנגעשניטענע רעדער קישקע, זויערע אוגערקעלעך, געפעפערטע אַרבעסלעך, אַ גרויסע קופּלע ביר, פרעגט:

— וויל דער וויעלמאָזשנע פּאַן שלעדטשע (געהערטער הער פאָרש־ריכטער) אַ שנעפּסל?...

מאַנטיק אין דער פרי האָט פריידקע שוין געוווּסט: איפּטעוואָך קומט ער אַ היים, אַהרעלע. דער טאַטע דאַרף, אונטערשרײַבן: דער טאַטע איז פאַראַנטוואָרט־לעך, אַז דאָס ייִנגל וועט מער מיט אַזעלכע זאַכן זיך נישט פאַרנעמען.

עס זאָל נאָר גיין אין דעם — האָט דער טאַטע אַרײַנגעשמייכלט אין זײַן קורצן, פאַרמעליקטן בערדל. — ווו איז דאָס פּאַפּיר? אָט שרײַבט ער אונטער.

פרײַטיק צו נאַכטס איז עס גראַד אויסגעפאַלן. יענעם ערב שבת האָט פריידקע געשפּרייט אַ נײַעם ווײַסן סערוועט אויפן טיש. מער ווי אַלע מאָל געהאַלפן דער מאַמען גרייטן מ׳שבת.

צום טאַטנס קומען פון שול האָט דער טיש יום־טובדיק געלויכטן מיט פריש־געוואַשן געפעס און מיט פאַרזשאַווערט מעסער־גאָפּל־לעפל, וואָס מ׳האָט אַראָפּגענומען פון די פּסחדיקע כלים.

צו לעכטבענטשן האָט ס׳מאַמעלע פאַרהויבן ביידע הענט איבער די לעכט:
— אַ לויב און אַ דאַנק דיין ליבן נאָמען פאַרן היינטיקן שבת.

*

צוריק אין וואַרשע. אַ בחורל פון אַכצן, אין נײַנצנטן יאָר. ער זעט אויס פון אַ יאָר פערצן, פופצן. אַ יונג פנימל. ווי ס׳דאַרף וואַקסן אַ באָרד אַ קוים־קוימיקער העלער שפּראָץ. ער אַרבעט. גייט אויף קורסן. לייענט ביכער. שרייבט לידער. שיקט אין רעדאַקציעס. אַ קלוגער, פעיקער בחור — זאָגט מען אויף אים. אין דער געזעלשאַפט פון מיידלעך — יאַטעכעס, ווי מ׳רופט זיי דאָ — פאַרלירט ער אַ העלפט פון זיין חכמה... אַ שעמעוודיקער. אַ צוריקגעהאַלטענער. אָפט קומט ער זיך אויס אומבאַהאָלפן נאָך ווייניקער ווי ער איז. ער ווייסט, פון נסיון ווייסט ער, אַז קאַראַנטער דערוועגן נישט צו טראַכטן.

אַנומלט האָט ער זיך דערמאָנט אין עפּעס אַ זאַך, אַ טשיקאַווע זאַך, וואָס האָט אַרויפגעבראַכט אַ שמייכעלע אויף זיינע ליפּן. אַ נאַרישקייט געדענקט זיך: פרײַטיק־צו־נאַכטס. אַלע זיצן אַרום טיש. איינער פעלט. ער פעלט. ער איז יענעם פרײַטיק אַוועק אויף עפּעס אַ טרעפונג. האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ביז שפּעט בײַנאַכט האָט זיך עס פאַרצויגן. דער טאַטע — האָט מען שפּעטער דער־ציילט — האָט אַן אויפגערעגטער געמאָסטן מיט די אויגן דעם טיש, אַרײַנגע־ברומט אין בערדל אַרײַן:

— ווו איז ער דער תכשיט?

קיינער האָט נישט געענטפערט. זיין אויג פאַלט אויף פריידקען. זי איז די עלטסטע. זי ווייסט זיינע גענג. ווייניק צרות אַרײַנגעבראַכט אין שטוב? ווידער „קרייזלעך״? — האָט מען געקענט אַראָפּלייענען פון טאַטנס אויפגערעגטן שווײַגן. אָפּגעגעסן די פיש. ס׳האַלט בײַ דער יויך. יויך מיט לאָקשן, צוקערבאָבעס. פרײַטיק זענען אין טעלער אויס די צוקערבאָבעס גרעסער, שענער, שווימען גדלותדיק אין דער יויך „מיט אויגן״. ער איז נישטאָ. ס׳האַלט שוין בײַם פלוימען־קאָמפּאָט — מ׳זעט אים נישט.

— אַ גאַנצע וואָך זעט מען אים ווייניק. אָבער אַ פרײַטיק צו נאַכטס? אַזאַ בחורעץ — איז שוין דער טאַטע מלא גריזאָטע.

אַ מידער, אַ פאַרפראַצעוועטער, שלאָפט ער תמיד איין פאַרן בענטשן, אַמאָל — אין מיטן בענטשן. דאָס מאָל האַלט ער זיך אָפּ. די אויגן, זעט מען, קלעפּן זיך אים. ער וואַרט. בייז. ווען ער באַווײַזט זיך אַצינד — מורמלט ער — כאַפּט ער בײַ אים אַרײַן דעם אמתן פסק. ער וויל אים נישט זען, וויל ער נישט: זיין

„זוואָניע" וויל ער נישט קענען. ווייסט שוין מאַמעלע: ער וועט אָבער פריִער נישט גיין שלאָפן ביז ער וועט אים זען...

פון גרויס גריזאָטע, האָט ער אַפּנים נישט באַמערקט, דער טאַטע, זײַן אַרײַנקומען. אַהרעלע איז גלײַך אַרונטער אונטער דער סאָפע, רעכטס פון טיש. פריידקע — תּמיד זײַן מליץ־יושר — וואַרפט אים איטלעכס מאָל אַרונטער אַ שטיקל חלה, אַ קײַלעכל פיש, אַ זרוע פלייש, אַ פּעניצל ברויט. ער האָט ליב לאָקשן מיט יויך — ווייסט זי. אָבער דאָס קאָן זי אים נישט צוליב טאָן. ס'מאַמעלע איז צוגעגאַן צום טאַטן, אים אַ טאַרע געטאָן:

— גיי, שלום, ס'בעט איז גרייט: ער'ט קומען, ער'ט באַלד קומען.

דער טאַטע איז אַוועק פון טיש. אַפּנים שנעל אַנטשלאָפן געוואָרן. פריידקע האָט זיך פלינק אַ שטעל־אויף געטאָן. צו צום קעכל. שוין איז זי דאָ בײַם טיש מיט אַ טעלער לאָקשן מיט יויך, מיט אַ וואַזקעלע קאָמפּאָט. אַהרן איז אַרויס פון דער באַהעלטעניש. זיך צוגעכאַפּט צום מאַלצײַט, אָפּגעבראָכן אַ שטיק חלה, געטונקען אין דער יויך. ס'מאַמעלע, כאָטש מיד, איז פון טיש נישט אַוועק. מיט אירע קלוגע אייגעלעך זיך צוגעקוקט מיט וויפל ספּריט פריידקע האָט געגרייט דאָס פאַרשפּעטיקטע מאַלצייט און אַהרעלעס שנעלע ספּראַווען זיך מיט דער סעודה.

*

לאהקע. וועמען זעט ער אויף די קורסן? לאהקע, די שילערין פון פינפטן קלאַס פאָלקסשול? אויף איין באַנק געזעסן. אַ יאָר אַכט נישט געזען זי. אויך בעתן „שיינעם" פּסח־וויזיט אין דער היים זי נישט געזען, כאָטש פאַרגעסן האָט ער זי קיינמאָל נישט. פון איין שטאָט, איין גאַס, איין שקאָלע. דאָס זעלבע אָוואַל־פּנימל. רייפער, אויסגעאײדלטער, מיידלישער. אַ מאָטע בלייכקייט, ווי עכט, מאָט גאָלד. דאָ, אין כּרך — ווידער שילער אין איין קלאַס. איז זי אַליין? מיט עמעצן? אַ פרײַנד, אַ חבר? — פרעגט ער איר אַגב־אורחהדיק, אַזוי האַלב־פאַרשעמט, ווי דעמאָלט מיט אַכט יאָר צוריק. זי איז אים געפעלן. ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי גייט מען צו, וויאַזוי פרעגט מען? פון וואָס הייבט מען אָן?

זי האַלט זיך דאָ אויף בײַ אַ רײַכער מומע, אַן אַלמנה — זאָגט זי אים. זי גרייט זיך צו עקזאַמענס: אַ פאַרמאַצעווטין. אַפּטייקערין. זי האָט ליב דאָס פאַך. זי האָט אויך ליב ייִדישע ליטעראַטור און דערפאַר זיך פאַרשריבן אויף די דער־גאַנצונגס־קורסן.

עס פרייט אים צו זען זי דאָ: עס פרייט אים זייער.

— געדענקסט מיך?

— פֿאַרוואָס זאָל איך דיך נישט געדענקען?
— דו ביסט נאָך אַלץ אַזוי שיין, נאָך שענער ווי פֿריִער.
— און דו שרײַבסט נאָך אַלץ לידער?
— איך האָב ליב דאָס פֿאַך.

ביידע האָבן געשמייכלט. דעם אָוונט זענען ביידע צוזאַמען אַהיימגעגאַנגען. ער האָט זי צוגעפֿירט צו דער מומען אויף פֿראַנטשישקאַנער גאַס, נישט ווײַט פֿון לעשנע, וווּ ער וווינט.

לאַנגע שעהען האָט ער נאָך דעם געטראַכט וועגן דער באַגעגעניש. אַ שיין מיידל. אַ גוטע שילערין.

אַלע האָבן איר ליב געהאַט. ער אויך. צוגיין, רעדן אַ וואָרט — האָט ער זיך געשעמט. ווען ער האָט געקוקט אויף איר איז אים אַן אומעט באַפֿאַלן. ער האָט געוואָלט, אַז דער אומעט זאָל לאַנג אָנהאַלטן. ס'איז אים גוט געווען צו קוקן אויף איר. ער וואָלט געשוווירן, אַז זי האָט זײַנע בליקן באַמערקט. פֿאַרוואָס איז ער נישט דרייסט געווען ווי אַלע אַנדערע שילער: זי אָנצונעמען פֿאַר דער האַנט, באַרירן איר אָרעם, זיך אַ וויצל טאָן? ערשט ווען ער איז ווײַטער געווען פֿון איר, האָט ער געפֿונען ווערטער, אַ סך ווערטער, וויאַזוי צוצוגיין, וויאַזוי אָנהייבן.

אין די מינוטן, האַלבע און פֿערטל שעהען אויף די קורסן, צום אַהיימגיין, אַמאָל — אָפּפֿירן זי אַהיים, אָפּוואַרטן איר גיין צוזאַמען אויף די לעקציעס — איז ער אין אַלע זיבן הימלען פֿון העכערער פֿרייד געווען. אַ פֿרייד און אַן אומעט: אַ זיסער אומעט.

אין דמיון האָט ער זי תּמיד געזען. אין שטוב, אין גאַס. יעדער פֿאַרבײַגייענדיק מיידל האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז דאָס איז זי, לאהקע. דאָס גלײַכן בעתן לייענען אַ בוך. אין די מיידלישע, די פּרויִישע געשטאַלטן האָט ער געזען לאהקען.

דרײַ מאָל אין דער וואָך אויף די קורסן טרעפֿט מען זיך. אָט שטייט ער ווידער לעם איר. זײַן פּנים, פֿילט ער, טוישט קאָלירן. ער וויל עפּעס זאָגן. ער האָט אַ סך, אַ סך וואָס צו זאָגן, פֿרעגן. אַלע ווערטער וואָס ער סיליעט, ווי שנירלעך קרעלן סיליעט ער זיי, און — אויג אויף אויג מיט איר צעשיטן זיי זיך... זײַן כּוח איז דאָך אייגנטלעך ווען ער עפֿנט ס'מויל: כּוח הדיבור. אַזוי זאָגט מען אויף אים. פֿאַרוואָס זשע שטייט ער ווי אַ גולם, אַ לעמעך? נישט ווײַט פֿון איר שטייט ער און שעמט זיך צו מאַכן אַ טראָט. צוגעגנענען, אַן ערשטן טראָט. ווי זאָגט דאָס כינעזישע ווערטל: „דעם ווײַטסטן וועג מוז מען אָנהייבן מיט אַן ערשטן טראָט". ער שטייט דאָך נאָענט פֿון איר. ווי דעמאָלט מיט אַכט יאָר צוריק, קומט אים אויס: ער וועט רעדן צו איר און זי וועט אָפּדרייען

ס׳פּנים. אַ דריי טאָן מיטן קעפּל, אַ טרייסל מיטן קורץ־געשוירענעם גזשיבקעלע, וואָס פאַלט איר אין די אויגן. זי גיט אַ וויש מיטן הענטל און שאַרט עס אַרויף.

אַ גראַנאַטן קליידל מיט אַ „בע־בע״־קעלנערל האָט זי געטראָגן דעמאָלט. האָט זי געפילט דעמאָלט זײַנע בליקן? איז איר געלעגן אין זינען אַזעלכע זאַכן? אַ קלוגע. אַן ערנסטע. אַ צוגעלאָזענע. זי איז פאַר אים געווען בלויז מחשבה, אָנונג, אפשר — אײַנרעדעניש?

איז עס אַ צופאַל ס׳ווידער טרעפן זי דאָ? אַ באַנק לעם אַ באַנק. שילער אויף אָוונט־קורסן. וואַרצלען נישט ערגעצוווּ די סיבות פון אַזאַ באַגעגעניש? וואַקסט דאָס נישט אַרויס פון אַ תשוקה, אַ ניסתרדיק ליבע־געפיל; זײַן ליבע־געפיל צו איר, וואָס וואַכט איבער דער שיכחה? צופאַל? נס? נסים געשען נישט פלוצעם פון דער העלער הויט. כּדי אַ נס זאָל געשען דאַרף מען אים גלוסטן, דאַרף מען אים אויסקוקן, אויסחלומען מיט אַלע פיבערן פון דער נשמה.

פאַר וואָס ווייסט ער אויך אַצינד נישט וויאַזוי אָנצוהייבן?

ס׳איז מיר נאָך אַלץ שווער צו דיר צו רעדן — האָט ער געזאָגט בײַם געזעגענען זיך בײַ דער טיר פון איר מומע.

— אָט רעדן מיר דאָך.

— ניין. כ׳מײַן תּוכיקע זאַכן.

— און די אָפּטע באַגעגענישן, זענען זיי אומתּוכיק?...

— גערעכט, לאהקע, גערעכט.

— און דאָס צופירן מיך ביז אָט דער טיר?

— איך האָב געמיינט... געמיינט... אין זכות פון דער אַלטער באַקאַנטשאַפט.

— דעמאָלט זענען מיר דאָך נאָך געווען קינדער.

דריי מאָל אין דער וואָך האָט מען זיך געטראָפן נישט אויסער די קורסן, נישט אַרײַנרעכענענדיק איין, צוויי מאָל צופירן זי אַ היים. דאָך איז יעדעס מאָל זען זי, זיצן נאָענט פון איר, הערן איר קול — פאַר אים געווען אַ יום־טוב. ווי אַ פראָסט אויף אַ שײַבל, וואָס גייט אָפּ פון אַ וואַרעמען הויך — האָט לאהקעס שמייכל אויפגעטײַעט די מידקייט זײַנע פון אַ טאָג אַרבעט, אַ שנעל כאַפּן עפּעס אין מויל און גיין אויף די לעקציעס. יאָרן האָלט אַן אין אים אַ בענקשאַפט, נאָך אַזאַ הויך. ניינצן, אָט־אָט ווערט ער צוואַנציק יאָר. די העכסטע צײַט, שוין די העכסטע צײַט אָנצונעמען זיך מיט מוט און רעדן מיט לאהקען אָפענע דיבורים. זי איז נישט גלײַכגילטיק צו אים. ניין. שיינע מענטשן — זאָגט ס׳מאַמעלע, — האָבן אומזיסטע גוטע פרײַנד, מיאוסע — אומזיסטע שונאים. ניין אַזוי מיאוס איז ער דאָך נאָך נישט, ער האָט נישט קיין שונאים. אַ שונא איז ער זיך אַליין. אַ, אַהרעלע, אהרן, אַ שלימאַק ביסטו. פּילסטו ס׳דערנענטערן זיך פון אַ מענטש —

ציסטו זיך צוריק. אַ פֿאַנצער טראַגסטו אויף זיך. יונגערהייט — קעגן דער מאַמעלעס, קעגן ברידערס שטעכווערטלעך, פּײַלן. געשוויגן, געפּעסט זיך. שטומער פּראָטעסט. מ׳האָט דיר צוריקגעצאָלט מיט דער זעלבער מטבע. — אַ וואַנט, אַ מחיצה צווישן זיך און די נאָענטסטע פֿון שטוב און פֿון גאַס. בושה איז אַן עסטעטישער פּגם. מ׳דאַרף אים גובר זײַן. ביסט אַ פּעזיקער בחור — רעדט ער צו זיך אַליין — האָסט פֿרײַנד, גוטע פֿרײַנד. דו קוקסט אַוועק. זעסט זיי נישט. האָסט מורא פֿאַר זיי. טאָמער וועט מען דיר נישט צוטיילן דעם כּבֿוד, וואָס דו דערוואַרטסט. עולם איז נישט קיין גולם, וועסט זאָגן אַ שיינעם „גוט מאָרגן״ וועט מען דיר ענטפֿערן מיט אַ שיינעם „גוט יאָר״. אויך לאהקע איז הײַנט נישט לאַהקע פֿון מיט אַכט, צען יאָר צוריק. אַ נחת צו קוקן אויף איר. אונטערגעוואַקסן. העכער פֿון מיטעלן וווקס. דינער האַלדז. דאָס זעלבע שוואַרצע גזשיבקעלע איבערן שטערן. אַ ווײַסער, ליכטיקער שטערן. קלוגע אויגן. סענסועלע ליפּן פֿון אַן אַכצן יאָריק מיידל, אַ סטודענטין, אַ מאָרגנדיקע פֿאַרמאַצעווטין. די ליפּן פֿאַרשליסן אַ סוד. איז זי אַליין? האָט זי אַ פֿרײַנד, אַ חבֿר? און זײַן צונג קלעפּט זיך נאָך אַלץ צום גומען ווען ער שטייט מיט איר אויג אויף אויג. ער וויל זי זאָל וויסן. און אפֿשר ווייסט זי. זי איז געניט אינטעליגענט אַרויסצולייענען פֿון זײַן פּנים, פֿון זײַן שווײַגן, וואָס בײַ אים אינעווייניק טוט זיך: שטיל עפּנט ער ס׳טירל פֿון איר האַרץ, קערנער פֿון ליבשאַפֿט פֿאַרזייט ער. מיט אַ פֿולער האַנט און פֿון אַ פֿולער טאָרבע, עלעהיי אַ פּויער אויפֿן פֿעלד בעתן צעוואַרפֿן די קערנער. זײַנע קערנער — ווײ און ליבשאַפֿט. ער׳ט וואַרטן, געדולדיק וואַרטן ביז די „זריעה״ וועט אויפֿגיין. שטיל אין זיך אַרײַן שמייכלט ער שוין צו דער ברכה פֿון זײַן מי: די זיסע מי פֿון דעראָבערטער ליבשאַפֿט.

ס׳לעצטע מאָל צום אָפּפֿירן זי אַ היים זענען זיי לענגער אונטערגעשטאַנען. דאָס מאָל האָט זי גערעדט. די מומע באַהאַנדלט איר ווי אַן אייגן קינד — האָט זי געזאָגט. אַן אַלמנה, די מומע, דער מאַמעס אַ שוועסטער. זי העלפֿט איר אויך מיט שׂכר־לימוד. אַליין אַ צימער. אַ ריין בעט. זי דערהאַלט בריוו פֿון שטוב. די לאַגע איז נישט ווי אַמבעסטן. די פּאַליאַקן הייבן די קעפּ. שיקאַנעס אויף ייִדן. ערבֿ מלחמה־שטימונגען. זי קלויבט זיך פֿאָרן אַהיים.

ס׳וואָרט „היים״ האָט אים יענעם אָוונט קיין רו נישט געגעבן: אַן אַלט־נײַע בענקשאַפֿט. גראָד מיט אַ טאָג צוריק האָט מען אים עקסמיסירט פֿאַרן נישט צאָלן צו דער צײַט „שׂכר דירה״ פֿאַרן בעטל — נאַכטלעגער ביי אַן אָרעמער אַלמנה. אין זכּרון האָט זיך אים געפּלאָנטערט אַ פּסוק פֿון דער עוואַנגעליע: „די פֿוקסן האָבן היילן און די פֿייגל פֿון הימל האָבן נעסטן, אָבער דער בן־אדם האָט נישט וווּ דעם קאָפּ אַנידערצולייגן״.

זײַן היים: אַ מעשׂה מיט אַ זעקס־זיבן יאָר צוריק: מ׳האָט אין שטוב גערעדט וועגן אַ פערד־און־וועגעלע צו צעפירן די געבעקסן אין די הורט־געוועלבן. קיינער פון די ברידער איז דערויף קיין בעלן נישט געווען. ס׳מאַמעלע — דאָס מאָל איז זײַן נאָמען געווען בײַ איר דער ערשטער — אַהרעלע דער צער־בעלי־חיים, האָט ליב חיות, הינט. ער וועט צו דעם זיך אויסטויגן. זומער. פון שבועות ביז ערב די יום־טובים, צו זשניווע, איז אַ גוטע צײַט פאַר בעקערס. ס׳לייזט זיך בעסער. פאַרן אָנקומען פון „נײַעם״, איז דאָס אַלטע מעל, דער קאָרן — טרוקן. דער פּראָפּיאָק איז אַ העכערער. דערצו — האָסעס. ס׳וואַקסט. ס׳הייבט זיך. אויך די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער „קלאַפּן אָפּ די שוועל״ פון דער בעקערײַ.

מ׳באַקט מער. מ׳לייזט מער, אויך אין די קראָמען. טראָגן אויף די פּלייצעס, אין די רעשעטעס — שוין נישט פאַרן טאַטנס כּוחות. די עלטערע קינדער זאָגן זיך אָפּ. אונטערגעוואַקסן. לערנען זיך פאַכן.

גראָד אַהרעלע, שטענדיק טראָגט ער זיך אום מיט אַ גאָז, „אַ שיף מיט זויערמילך איז אים אונטערגעגאַנגען״. זאָל ער האָבן מיט וואָס זיך צו פאַרנע־מען. ער׳ט פירן ס׳פערדל אויף דער פּאַשע, אָנפּאָיען עס. ער האָט דאָך אויך פרעמדע פערד געפּויעט, געלט פאַרדינט. נאָך בעת ר׳איז אַ חדר־ייִנגל געווען. ער וועט אויך אָן אָבעריק צונויפדרייען פון קלײַען, אַ קאַרטאָפל, עטלעכע סקורקעס, אַביסל שעטשקע. בעתן פּאָיען די פרעמדע פערד — האָט ער דערציילט — האָבן זיי פון זײַן האַנט סקורקעס געגעסן.

חוץ דעם — וועט ער לייענען ווייניקער ביכער, ווייניקער שרײַבן אויף שטיקלעך פּאַפּיר, ווייניקער זיך אומדרייען, אַ פאַרדמיונטער, ווי אויף דעם עולם התוהו.

ער איז אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן באַשטאַנען. אדרבא: זײַן דער באַזאָרגער און אָנטרײַבער פון פערדל? ער איז מיט אַמאָל גרויס געוואָרן בײַ זיך וואָס מ׳פאַרלאָזט זיך אויף אים... ער׳ט גיין — האָט ער באַלד צוגעגעבן אַלע דינסטיק אויפן מאַרק, צונויפגראַבלען היי, שטרוי, קאָנישינע — אָפּפאַל פון פערדישע עסנס.

האָט זיך אַ יאַווע געטאָן אַ ווײַטער קרוב פון אַ דאָרף — פּעטער גבריאל, וואָס די פּויערים האָבן גערופן האווריל. ער האָט נאָראַיעט, ער וועט דאַקאַזשען אַ פערד און וועגעלע. איז ער אין איינעם אָן אין דער פרי געפאָרן מיטן פּעטער גבריאל אין דאָרף אַרײַן ברענגען ס׳פערד, אייגנטלעך — אַ לאָשאַק, וואָס מ׳דאַרף ערשט לערנען גיין אין אַ געשפּאַן. שטעלן פיס צווישן דישלעס, אַ צײַמל אין מויל. לייצן, טעם פון אַ בײַטש דערפילן.

דער שאָסיי פון דער „נײַער צאַל״ ביז עק שטאָט איז פון קיזלשטיינער —

גלאַטיק, טרוקן, צעלעכערט, כאַפּט די מראה פון אויסגעלייגטע סקעלעטן־קעפּ. ערשט אַרויפּצו צום רובישויוער וואַלד, צו די גוישע גאַסן — איז דער וועג ברוקירט מיט רויטע ציגעלעך. אַ מיליטעריש שפּיטאָל. אַ גוישע געגנט. שיינע מויערן, בלעכענע דעכער, גאַניקעס, גערטנדלעך. הינט בײַ די טירלעך. וואַזאָנעס אויף די פענצטער. ווײַטער, אויסער דער שטאָט — פעלדער. פוןביידע זײַטן וועג — ביימער: הויכע דעמבעס מיט געדיכטע בלעטער־קרוינען. טשאַטעס פייגל, ווילדע טויבן מיט צעפּאַכעטן פלי, קרײַזן אַרום די ביימער. בײַ יעדן אָנפּאַר אָדער הויך קול פון פאַרבײַגייער, גיבן זיי זיך מיט איבערגעשראָקענעם פלאַטער אַ הייב אַרויס פון די ביימער־קרוינען, צעפליִען זיך און זעצן זיך באַלד צוריק. פון די פעלדער טראָגט זיך אַ ריח פון געשניטן היי, קאָנישינע. שטשערניעס, גרינע מיעדזעס, פון צעאַקערטע שטיקער פעלד און פון אויפגייענדיקער תבואה.

נענטער צום דאָרף פון פעטער גבריאל — נידעריקע כאַטעס. פּאָדווירעס. אַן איבערגעקערטע לאָדישקע אויף אַ שטאַכעט.

ס'ערשטע מאָל ווי ער זעט אַ פעלד, אַ בוים. סטויגן היי, סנאָפּעס. הײַנט די שאַרפע ריחות וואָס פאַרגייען אָזש אין נאָז. אויך דער הימל איז, דאַכט זיך, אַן אַנדערער. ווי נאָר מ'טרעט אַריבער דעם רויטן ציגלוועג — דער הימל, העכער, ברייטער, בלויער, ליכטיקער שפּרײַ איבערן קאָפּ. צווײ, דרײַ וויאָרסט סך הכּל — אַן אַנדער אַוויר, אַן אַנדער וועלט. אַ שטילקייט, אַז מ'הערט ס'אייגענע אָטעמען. אַ פרײַ און פריש אָטעמען. אַ קיל ווינטל גלעט ס'פּנים. ס'ערשטע מאָל אין זײַן לעבן איז ער אויסער דער שטאָט. ערשט, אַז ער איז ווײַטער פון שטוב, פון הויף, פון דער „נײַער צאַל", זעט ער זיי בעסער. די אָרעמע געסלעך און ליקן זעט ער, די קלאַטקעס, דרײַ שפּאַלן דיברייט, וואָס פירט צום הויף. פון ביידע זייטן קלאַטקעס — ליידיקע פּלעצער. מיסט. ווילדגעוויקס. פּאָקשעווע. ס'ביסל גראָז — דינינקע זשאָווערנדיקע דראַטלעך. אַ געשטאַנק פון שיסלען און שעפּלעך פּאָמיעס, וואָס מ'גיסט פון די פענצטער, טירן. אויך דאָס ביסל גרין האָט אַ פאַרסאַזשעטע מראה. פּלעקן, ווי גרויסע שפּינען, צעטראָטענע אַרום איינציקן שמיעטניק, תּמיד פול איבער די ברעגן. אָפּפאַל פון שטוב־באַלעבאַטישקייט וואַלגערט זיך. קעץ, הינט דרייען זיך, זוכן מיט וואָס זיך אונטערלענען ס'האַרץ.

ווי נאָך אַ קינד אין שטוב איז געווען דאָס פערדל. געגעסן פון זײַן האַנט אַ זשמעניע האָבער, אַ קאַרטאָפל. אַ יונגער קאָפּ. אַ שיין מאַרדעלע. אַ הייסער ריח האָט געשלאָגן פון זיינע צעעפנטע נאָזלעכער בעת ער האָט געלעקט ס'עסן פון זײַן האַנט. מיט גרויסע אויגענעס האָט עס געקוקט אויף אים, וואָס מיינט אויף שטום־לשון:

— אַ פרײַנד, אַן אמתער גוטער פרײַנד בין איך דיר.

אַ סברה אַז אַט די שטומע צונג האָט אויך אַרויסגעפֿילט זײַן פֿרײַנדשאַפֿט. עס איז אים אַ גרויס רחמנות געווען אויפֿן לאַשאַק־פֿערדל, וואָס מ׳האָט אַזוי פֿרי צוגענומען פֿון דער מאַמען. ווייסט נאָך נישט ווי אַזוי צו שטעלן אַ פֿוס אין געשפּאַן. פֿילט שוין דעם טעם פֿון אַ צײַמל אין מויל, אַ שטורקע אין בויך, קוים שטייט עס נישט ווי אַזוי מ׳דאַרף. אַ שמיצל, אַ שטאַרקן צי מיט די לייצן.

די אויגענעס פֿון פֿערד — האָט ער ערגעץ געלייענט — קוקן אויף אַלץ, ווי דורך אַ פֿאַרגרעסער־גלאָז, זענען די פֿערד דערפֿאַר אי געהאָרכיק, אי איבער־געשראָקן. אוודאי קוקט דער לאַשאַק אויף אים ווי אויף אַ גרויסן. עס האָט אים הנאה געטאָן און אויך פֿאַרדראָסן. וואָרעם ער דאַרף נישט פֿאַר אים מורא האָבן דער לאַשאַק. ער וועט אים קיין שלעכטס נישט טאָן. ער פֿילט עס מסתּם: דאָס פֿערדישע יונגע הארץ פֿילט עס. מיט אויערן אָנגעשפּיצטע, פֿאַרהויבענע, דער־הערט עס פֿון ווי־ווײַט זײַן רוף: „טשאָוש, טשאָוש!״ ער נעמט עס אָן בײַ דער גריווע און פֿירט עס צו דער פּאַשע אָדער צום פּלומפּ. ס׳פֿערדדל לאָזט זיך פֿון אים אַ גלעט טאָן איבער דער כראָמסקע, איבערן קאָפּ צווישן די אויערן, אַ קראַצן מיט די פֿינגער אין האַלדז. אַ שיינער, שלאַנקער האַלדז.

יונג, אוודאי נאָך אַ, ווי מ׳זאָגט, אַ „מאַלאַקאָסאָס״, איז זײַן רוקן, בויך און די באַקעס באַוואַקסן מיט אַ געדיכטן האָר־פֿוך, עלעהיי אָן עופּהלע אַ טאָג־צוויי נאָכן אַרויס פֿון דער אייערשאָל. אויך די שלאַנקע פֿיס זענען אַזוי באַוואַקסן ביז אַראָפּ די טלאָען — שוואַרצע לעטשלעך.

מחמת דער קליינגעוויקסיקייט האָט מען ס׳פֿערדל אײַנגעמאַסטעט אין אַ קאָזע־שטעלעכל. האָט געטראָפֿן: אָנגעקלאַפּט זיך, אָדער מיטן אונטערחלק אַ שטויס געטאָן אין טירל און ס׳שטעלעכל האָט זיך געעפֿנט. ס׳פֿערדל איז נישטאָ. דער ערשטער האָט ער פֿאַרטאָג, ווען ער האָט עס באַדאַרפֿט אײַנשפּאַנען אין וואָגן אויף צעפֿירן די געבעקסן, געבערענגט די נײַעס אין שטוב אַרײַן, אין בעקערײַ.

גראָד איז ער די נאַכט געווען אין בעקערײַ. געבערענגט דעם טאַטן אַ טשײַניקל טיי, וואָס ר׳האָט אין שטוב נישט אוספּיעט צו טרינקען — און דאָרט פֿאַרבליבן. ער האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף די פֿײַערצונגען וואָס האָבן געלעקט די סקלעפּיעניע און זיך געריסן פֿון אויוון אַרויס. זיי האָבן אים דערמאָנט אין די פּעסער סמאָלע אין גיהנום אויף יענער וועלט, וואָס מ׳גרייט פֿאַר אַלע רשעים און פֿאַר שונאי ישׂראל.

ס׳פֿערדל איז נישטאָ. אַלע זענען אַרויס זוכן, ער דער ערשטער, אַ וויאָרסט־צוויי פֿון הויף שפּרייט זיך אַ תּבֿואה־פֿעלד. פֿאַזע דעם תּבֿואה־פֿעלד גייט ער. מיט אײַליקע טריט גייט ער, צום נאָענטסטן פֿאָלווארג, וואָס זעט זיך רעכטס

אַ קעגנאיבער. אַ האַלב־שטאָטיש, האַלב־דאָרפישער הויף. פּרוכטן־ביימעלעך. אַ גאָרטן. גרינע בייטן. שטאַלן. קאַמערן. בערזעצקי דעם חזיר־שלעגערס פאַל־וואַרג.

ער וויל וואָס פריִער זײַן דאָרט. ס׳האַרץ זאָגט אים, אַז ערגעץ דאָרטן דאַרף עס זײַן, ס׳פערדל. בערזעצקי אָדער זײַן „זינדל״, אַ שגץ, אַ הולטײַ, האָט עס אוודאי פאַרשפאַרט. ערט פאַדערן אויסקויף־געלט פאַר די היזקות.

פּאַרפרי. סוף חודש סיון. אַ קיל און שאַרף ווינטל יאָגט אים אין פּנים. דער טאַטע איז מלא כעס. ס׳מאַמעלע אין געוועלבל קוקט זיך אויס די אויגן, וואַרט אויף גוטע נייעס — טראַכט ער — און די אויגן זײַנע, הויך פון דער אויפגע־גאַנגענער תּבואה, קאָנען זיך בישט זעטיקן מיט דער שיינקייט פון די זאַנגען־קעפּ אויף די דינינקע שטענגלעך, וואָס בייגן, נייגן זיך פון שווערקייט. ס׳ווינטל, וואָס קילט זײַן צעהיצט פּנים — „קעמט״ זיי און וויגט ס׳גאַנצע פעלד, עלעהיי אַ ים וואָס אַ ווינט גייט איבער אים אַריבער.

אָך, ווען ער וואָלט צײַט געהאַט כאַטש אויף אַ רגע זיך צו פאַרהאַלטן, אײַנאָטעמען אין זיך דעם פרישן, געזונטן ריח פון דעם צעכוואַליעטן זאַנגען־פעלד.

און ער דערמאָנט זיך: „זשאַן קריסטאָף״ בעת דער זיידע בעטהאָווענס שפּאַצירט אין אַ פרימאָרגן צווישן זאַנגענפעלדער מיט אים — אַ קליין יינגל, אין זײַנע יאָרן, אפשר עפּעס וויניקער — קוקט דער קליינער אַרויף צו אים און פרעגט: — הערסטו, זיידע, ווי דאָס זאַנגענפעלד זינגט? און באַלד כאַפּט ער זיך צוריק, ווי מעג ער זיך פאַרגינען צו טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן. טאָמער איז דאָ נישטאָ דאָס פערדל? ער שטעלט זיך אויף די שפּיצפּיספּינגער, קוקט זיך נאָך אַמאָל גוט אַרום, אפשר ערגעץ צווישן די הויכע זאַנגען, אַנגעגעסן זיך און ליגט, קאָן זיך נישט אויפהייבן. געהערט פון אַזעלכע פאַלן אַז אַ הונגעריק פערד עסט מיט איין מאָל זיך אָן, אַזש דער בויך פּלאַצט. גייט ער שוין נישט. ער לויפט אין איין אָטעם. אָט איז ער אין פאַלוואַרג.

יאָ, ס׳פערדל איז דאָ. בערזעצקיס „זונדל״ האָט עס געכאַפּט. פאַרשפּאַרט אין שטאַל. בערעזעצקי איז נישט געווען. נישט געווען ווער, אפשר נישט געוואָלט, מיט דעם יינגל רעדן.

אַ יונגער שגץ האָט זיך דעם זעלבן טאָג אַרײַנגעוויזן אין בעקערײַ. אַ גרויסן שאָדן האָט ס׳פערדל געמאַכט — זאָגט ער צום טאַטן: צעטראָטן די בייטן, אַ תּל געמאַכט פון גרינוואַרג. אין פערד־שטאַל אויסגעליידיקט אַ זשלויב מיט אָבעריק.

דעם טאָג האָט ס׳מאַמעלע אויסגעליידיקט ס׳שופלעדל. דער טאַטע האָט אַרײַנגעציילט אין גויס האַנט אַרײַן אַ גאַנצן טאָג לייזעכץ. פון גרויס גריזאָטע

איז דער טאַטע דעם טאָג נישט אַהיימגעקומען עסן ס׳ביסל געקעכץ — דעם „מיטאָג״. ס׳מאַמעלע האָט געשוויגן גלײַך זי וואָלט שולדיק געווען אין דער פאַרלויפעניש. צוויי טעג איז געווען אין שטוב „יום־כּיפּור״. דער טאַטע, דער שווײַגער, האָט דאָס מאָל „געדאַוונט״ אויפן קול:

— דאָס פערדל וועט אים בדיל־הדל מאַכן. צו דעם גוי, בערזעצקי, דעם אַנטיסעמיט, האָט עס באַדאַרפט אַרײַנטרעפן, יאָ, ווי אַ בלינד פערד אין גרוב אַרײַן...

ס׳מאַמעלע האָט מיט באַדויער אונטערגעהאָלפן: — אויסקרענקען זאָל ער עס.

אַז אַהרעלע האָט דערזען צוריק דאָס פערדל איז אים אַן אומעט באַפאַלן. אַ רחמנות אויף דער שטומער צונג. אַ מענטשלעכער צער האָט אַרויסגעקוקט פון די צוויי גוטע בהמישע אויגן. ס׳שווענצל, וואָס איז תּמיד געווען פאַרהויבן, פריילעך זיך געטרייסלט אין לויף, איז אַראָפּגעלאָזט, אײַנגעלייגט צווישן די פיס: שיינע שלאַנקע פיס אין שוואַרצע שיכעלעך.

דער חזיר־שלעגער האָט אַוודאי נקמה גענומען אין דער שטומער צונג. די נאַכט אָדער פאַרטאָג וואָס ס׳פערדל איז אַרויס פון שטעלעכל, און אַ גאַנצן טאָג — אַוודאי אָן עסן, אָן אַ טרונק. אפשר אויך קלעפּ. אַ סברה, עס איז אויך אויפגערעגט געווען. קיינער האָט צום פערדל נישט געקאָנט צוגיין. עס האָט געדרייט מיטן קאָפּ, געפּיצקעט מיט די הינטערשטע פיס, געהירזשעט און גע־פאַרסקעט, נישט געוואָלט נעמען ס׳צײַמל אין מויל אַרײַן.

ווען דאָס פערדל וואָלט געקענט רעדן?

ערשט, אַז ער איז צוגעגאַנגען, אַ גלעט געטאָן מיט דער האַנט איבערן מאָרדעלע, אַ פּיר אַ רויף, אַ קראַץ מיט די פינגער צווישן די אויגעבעס און דער גריווע: עטלעכע גוטברודערישע קלעפּלעך, פּעטשלעך איבערן רוקן און אין די באַקעס, האָט ס׳פערדל פאַרהויבן די אייבערשטע ליפּ און זיך צעשמײַעט, עלעהיי אַ מענטש, פאַרריסן צו אים דעם קאָפּ, ווי ס׳וואָלט זאָגן: — דו, יאָ. דו ביסט מײַן בעסטער פרײַנד.

ביז שפּעט אין אָוונט האָט ער זיך יענעם אויפדערנאַכט געפּאַרעט אַרום זײַן ליבלינג. אויסגעקעמט עס מיט דער אייזערנער גזשעבלע. דאַקאַזשעט שעטשקע און האָבער, אויסגעמישט מיט קלײַען און אונטערגערוקט עס אַן אַבעריק, וואָס נאָך פערד בײַ רײַכע באַלעבאַטים קאָנען זיך אַזאַ זאַך פאַרגינען. געפירט עס צום ברונעם אָנפּאָיען. טאָמער ווייניק, האָט ער באַזאָרגט וואַסער אין דער קאָריטע, וואָס ער האָט אַליין צונויפגעסטראָיעט, אײַנגעמאָסטעט אין ווינקל שטאַל, שוין נישט דאָס קאָזע־שטעלעכל. דאָס איז געווען דער מאַמעלעס אויפטו:

אויסטאַרען זיך ביים באַלעבאָס אַ לײַטישע קאַמער. זי האָט זיך נאָך דעם, אויף איר שטייגער, געחכמהט: „אַז מ׳גנבהט אַרויס די קו — פאַרמאַכט מען די שטאַל״.

ער האָט פון דעסטוועגן געדאַגהט אַז די שטאַל זאָל האָבן אַ טיר אויף שטאַרקע זאַוויעסעס און אַ פּרענט.

טאַטע־מאַמע זענען זייער צופרידן געווען מיט זײַן פאַרנעמען זיך מיטן פערדל. אַהרעלע דער שלימזל, דער פאַרחלומטער, שטענדיק מיטן בוך אונטערן אָרעם, שרײַבפּענדל און שטיקלעך פּאַפּיר — איז מיט אַמאָל חשוב געוואָרן אין זייערע אויגן. ער האָט עס באַשײַמפּערלעך געזען. איז צופרידן געווען, וואָס זײַנע „אַקציעס״ אין שטוב הייבן זיך. ער איז וויכטיקער געוואָרן בײַ זיך. אויף זײַן פּנים האָט מען געזען אַ שמייכל.

„דאָס פערדל האָט געמאַכט פון אים אַ מענטש״ — האָט זיך ס׳מאַמעלע געוויצלט.

אָן אַ בײַטש גייט עס בײַ אים. ווי נאָר עס דערהערט זײַן „וויאָ״ — גייט עס, שטעלט פיס ווי אויף אַ פּאַראַד. זעט ער ס׳פערדל כאַפּט אַ שוויץ — שטעלט ער זיך אָפּ. געפינט אַ פּלומפּ, שעמט זיך נישט אַרײַנגיין ערגעץ אין אַ שטוב, אַ קראָם, אָן אָפּענע טיר, בעטן אַ וויאַדרע וואַסער. אויך פאַר דער רו פון פערדל האָט ער געדאַגהט, געשאַנעוועט ווי מ׳זאָגט, די כּוחות. האָט זיך אַמאָל געמאַכט מ׳האָט אויף בײַנאַכט באַדאַרפט שפּאַנען דאָס פערד, אַ זעקל מעל ברענגען פון ערגעץ, אָוועקפירן אַ קערצל קאָרן צום מילנער, מאַכן אַ נאָענטע יאַזדע — האָט ער געפּרוּווט אָפּבעטן די „גזירה״: ס׳פערדל איז מיד, נאָך נישט געשלאָפן. איז דאָס פערדל אויף דער פּאַשע און פּלוצעם אַ כליאַפּ, אַ רעגן — לויפט ער מיט אַ דעקע, אַ קאָלדרע, אַ זאַק, אַ פּאַלטן און וואַרפט אַרויף אויפן פערדל „ס׳זאָל זיך נישט פאַרקילן״.

„אַ פאַראַסאָל נעם״ — חוזקט פון אים אַ ברודער. הערט ער יאָ, הערט ער נישט, ער׳ט נישט גיין אײַנטענהן מיט זיינס אַ ברודער. מ׳דאַרף נישט און ס׳וועט סײַ ווי נישט העלפן.

האָט איין מאָל געטראָפן. ער איז גראָד נישט געווען אין שטוב. מ׳האָט באַדאַרפט צופירן אַ ביסל געבעקס אין אַ געוועלבל. יאָסל דער „פּאָליטישער מענטש״, דער „מאַכער״ — איז געוואָרן דער איזוואָשטשיק. סטאָפּ. ס׳פערדל גייט נישט. אַ שמיץ, נאָך אַ שמיץ. ס׳פערדל גיט אַ צי און בלײַבט שטיין. דער „פורמאַן״ צוילט אַרײַן עטלעכע בײַטשן. ס׳פערדל „ענטפערט״ מיט אַ פּיצקען מיט די הינטערשטע פיס אַזש דער אָרטשיק צעברעכט זיך און פאַלט אַראָפּ.

ווען די ידיעה אַז ס׳פערדל „וויל נישט גיין" האָט זיך דערטראָגן צו אים, איז ער שוין צוריק געווען אין שטוב. גראָד געלייענט אַ בוך. ער האָט פאַרמאַכט ס׳בוך. אָט קומט ער. אָט שטייט ער פּנים אל פּנים, קוקט דעם פערדל אין די אויגן אַריַין. ער וואָלט געשווירן, אַז די מראה פון פערדל האָט זיך געענדערט. ס׳טרויעריקע פערדישע פּנים האָט ווי אויפגעלויכטן, עלעהיי אַ זון וואַיזט זיך פּלוצעם אויף אַ פאַרכמאַרעטן הימל. אָודאי אויך פון די בײַטשן, קלעפּ, שטור־קעס אין בויך אַריַין, האָט דאָס פערדל ביז זײַן קומען אַזוי נעבעכדיק אויסגעזען. ער האָט, ווי געוויינלעך, אַ פיר געטאָן מיט זײַן הענטל איבער דער גריווע, אַ גראַבל, אַ קראַץ אין שטערן. פון שטערן אַראָפּ צו דער נאָזדרע, צום מאָרדעלע, אַרויסגענומען ס׳ציַימל, אַ וויש געטאָן עס און — צוריק אין מויל אַריַין. ער איז אַרויף אויפן געזעס און: — וויאָ! ווישטאָ!

5

ס׳פערדל נעמט שטעלן פּיס.

יעדן דינסטיק גייט ער מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס, מיט אַ גראַבליע — אַליין צונויפגעסטראַיעט — אויפן מאַרק. שלעפּט צונויף פון צווישן און פון אונטער די פורלעך איבערבלײַבעכץ פון פערדישן פּראָוויאַנט: היי, קאָניעשינע, האָבער, שעטשקע. כּמעט אויף אַ גאַנצער וואָך סטײַעט אים דער אָנקלײַב, חוץ וואָס ער סטאַרעט זיך אָביסל אָפּפאַל פון דער שטוב־באַלעבאַטישקייט; סקור־קעס, אַלטגעבאַקענע, בראַטשנע געבעקסן פון פּיעקאַרניע, געוועלבל.

איז די צײַט אַ בעסערע קויפט מען צו עטלעכע קילאָ האָבער, קלײַען. בעסערע צײַטן מיינט: פליש יעדן טאָג, פיש אויף שבת. נישט סתּם פיש — קאַרפּן. ס׳מאַמעלע זאָגט: „אַ פיש האָט ליב אַז מ׳צעשניידט אים אויף שטיקער און מ׳לייגט אים אין פּאַן". אַ טשאָלנט אויף פעטע ביינער, אַ פלוימען־קאָמפּאָט. נאָך דעם — אַ גוט שמעקעדיק גלעזל טיי מיט לימענע. פון אַ חלה, אַ זיסן קוילעטש איז דאָך אָפּגערעדט.

שלעכטע צײַטן: טעג פון „עוזר דלים", יום־טובים מיט לחמא עניא, פּרײַטיק צונאַכטסן מיט געהאַקטע פישעלעך, אַ יויך אויף דרויב, קישקעלעך, אַ גראַשניצע, אַ העלדזל — אין אַזעלע צײַטן לײַדט אויך דאָס פערדל. לעבט אויפן ביסל שטרוי און היי, וואָס ער גראַבלעט צונויף. אַפילו פּסח, פאַלט ער אויס אין אַ שלעכטער צײַט, איז ווי ס׳ווערטל זאָגט: — „מצות און ווײַן — מוז זײַן, שמאַלץ און אייער — נישט זייער".

גראַד דאָס יאָר, ווען ער איז געווען באַלעבאָס איבערן פערדל, האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן מיט „לחמא עניא" אָבער געענדיקט האָט זיך עס מיט „קנייד־לעך". אַ בעסער לייזעכץ געווען. וויניקער „וואָקסן", ווי דער טאַטע פלעגט זאָגן. אויף וועקסלען. מ׳האָט געזען אַ מזומנעם גראָשן. ס׳מאַמעלע איז אַהיים־געקומען פון קרעמל מיט אַ טאָרבעלע און אַ שיט געטאָן אויפן טיש די „קאַלי־ריקע פּאַפּירלעך", „גראָב געלט" און „קליינגעלט". ס׳איז געווען וואָס צו ציילן... נײַע קרעמלעך זענען צוגעקומען. אַלע האָבן, ווי מ׳זאָגט, געצויגן חיונה. אויך פון די דערפער האָט זיך געוויזן אַ קונה. פרישע, אַלטגעבאַקענע און בראַטשנע, צוגעברענטע ברויטן — אַ פויער איז אַ „קונה הכּל". תּמיד אַזוי, פּאָר זשניווע, פאַרן תּבואה־שניט ווערן די שפּײַכלערס ליידיק. ס׳אַלטע מעל גייט אויס, ס׳נײַע איז נאָך אויפן פעלד.

ס׳מאַמעלע, ווי איר טבע, האָט גערעדט מיט גלײַכווערטלעך: „בעסער שלעכטע סחורה אין אַ גוטער צײַט איידער גוטע סחורה אין אַ שלעכטער צייט״... הײַנט דער שם פון די ברויטן, געבעקסן? וועגן דער „קלייבער בעקערײַ״ און זײַנע גילדענע הענט, האָט די גאַנצע שטאָט גערעדט.

האָט מען אויך דאָס יאָר געקאָנט אַרויפציִען אויף זיך אַ נײַ בגד, גאַרניטורלעך פאַר די קינדער. די גרעסערע האָבן זיך שוין אַליין אַן עצה געגעבן. מיט איין וואָרט: די שטוב האָט אויפגעלעבט. שכר־לימוד, דירה־געלט. נישט געוואַרט חיים ווײַסמאַן, דער באַלעבאָס, זאָל שיקן „שטאָפּעטן״ מאַנען, וואָרענען, סטראַשען מיט סאָנדעס, (מיט משפטים) מיטן קאָמאָרניק. דאָס גלײַכן — נישט געוואַרט ביז די רביצן וועט קומען מיטן קיישל. באַרעס געלט איר געגעבן אין דער האַנט אַרײַן מיט אַ צולאָג — אַ חלה אויף שבת.

דער ווינטער איז געווען אַ שווערער. שנייען. פרעסט. סאָפּלעס אײַז האָבן פון די דעכער געטראָפּנט, געטריפט, ווי איבערגעקערטע לעכט. אין דער פרי און פאַרנאַכט האָט דער שניי געהאַט אַ ליכטיק־בלוילעכע מראה און געגלאַנצט. אַ האַרבע קעלט האָט געקיצלט אין נאָז, געשטשיפּיעט אין די אויערן, אין די שפּיצפינגער פון די פיס און הענט. דער טראָט אין ווייכן סקריפּ האָט געלאָזט טיפע אָפּדרוקן אין געפרוירענעם שניי, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שיטן, זיך געלייגט ווי פּוך אונטער די פיס, אויף די פאַרקנס און פלויטן, וואָס זענען ווי מיט־אַמאָל נידעריקער געוואָרן, אײַנגעזונקען.

דער רויך פון די קוימענס האָט געצויגן אויף אַרויף, זיך צעגאַנגען אין דער בלויער לופטיקייט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי עמעצער אַנישט־געזעענער שפּאַנט מיט בלויע פיס איבער דעכער און וועגן.

אין איינעם אַזאַ פאַרנאַכט האָט ער נאָכן אָנקלײַבן אַביסל שפּײַז פאַרן פערדל, שפּעטלעך זיך געלאָזט אַהיים פון מאַרק מיט אַ ליידיקן זאַק. ער האָט דעם אָנקלײַב אויסגעליידיקט צוליב אַ מעשׂה מיט צוויי פערד. בײַם סאַמע עק מאַרק, אויפן ראַנד פון שאָסיי, זעט ער אַ פורל און צוויי פערד צוגעבונדן צו די דראָבינעס. איינס קעגן אַנדערן שטייען זיי. איין קאָפּ טוליעט זיך צום צווייטנס האַלדז, רײַבן, לאַשטשען האַלדז אין האַלדז. ער גייט צו נענטער. אַ מענטשלעכע פרייד זעט ער אין די בהמישע אויגענעס. ביידע שמייען מיט פאַרהויבענע ליפּן, אַפּנים פון הנאה. אפשר ווילן זיי רעדן איינער צום צווייטן, אַרײַנשעפּטשען זיך אין די אויערן ליבע־ווערטער. אויך חיות, זעט ער, קאָנען זיך ליבן. ווען זיי זענען נישט געבונדן צו די דראָבינעס — זאָגט ער צו זיך — וואָלט איינער, דער זכר, אַוודאי זיך געפּרוווט אַרויפכאַפּן מיט די פאָדערטע פיס אויף דער זי...

לעצטע שטראַלן פון אַ ווינטער־זון פאַלן אויף זייערע רוקנס, העלדזער, אַזש

די ליאַדרע גיט אַ דריגע, אַ נערוועז־עראַטישן ציטער, ווי, להבדיל, ביי מענטשן אין אינטימע מינוטן פון ליבעסצענעס, פון זיך מזווג זיין.

ס'איז אים קאַלט. דער פראָסט דרינגט אים אין דיביינער דורכן שאַליק און ווינטער־היטל, קריכט אים אין די אויגן אַריין. ער קלאַפּט אַ פוס אין אַ פוס. שווער אים איינשטיין אויף אַן אָרט, נאָר וויל גישט אַוועקגיין. אַ הונט קומט פון ערגעץ צולויפן. שטעלט זיך אַוועק בילן. ניין. נישט קיין בילעריי. ער לאָזט הערן אַ שטיל יאָמערל: אַן אומהיימלעך קול פון אַ געוויין, אַ געשלוכץ. אַ טיפער חיהשער אומעט שפּאַרט אַרויס פון הינטל. נישט אַנדערש: עס האָט זיך אין די רגעס אין אים אויפגעוועקט אוראַלטע, פאַרבאַרגענע ווילדקייטן פון דורות היימלאָזע הינט: הינטישער אומעט און געוויי. און אפשר איז עס אַ געמיש פון נישט־מענטשן־און־נישט־חיהש לשון? ער קוקט אויף די פערד, קוקט צום הונט. וואָס וויל ער זאָגן פאַרוואָס איז ער פלוצעם שטיל געבליבן? וואָס קומט פאָר אין זיין הינטיש־מענטשלעכן האַרץ? ער נעמט זיך דרייען אַרום די פערדס פיס. באַקוקט, באַשמעקט, דרייט מיטן עקל, עפנט דאָס מויל, ווי צום גענעצן.

ווען דער הונט וואָלט געקענט רעדן?

איז ער אפשר אויפגערייצט פון צוקוקן זיך צו די ליבע־לאַסקעס פון די צוויי שטומע ציינגער? ווידער לאָזט ער הערן אַ ביל, אַ וווּרטשע. ער ציט אויס דעם האַלדז ס'קעפל פאַרויס, די אייגעלעך שפּעלטלען זיך. אַ לעצטער זונענשטראַל קוקט אַרויס פון זיי. די ווינטערזון לעשט זיך. אַ רחמנות אויפן היימלאָזן הונט.

דער וואָגן איז ליידיק. ס'קאָן גרייטלעך זיין, אַז דאָס פּאַרליבטע פּאָרל איז אויסגעהונגערט. האָט ער אַראָפּגענומען מ'האַלב־פולן זאַק פון די פלייצעס און אַ שיט אויס געטאָן צו די פערדישע פיס. אַזוי, האָט ער אַמאָל, קליינערהייט, בעתן פּאַיען פערד, אַ גאָס־געטאָן אַ לעצט ביסל וואַסער אין וויאַדרע צו פערדישע פיס.

ביידע קעפּ האָבן זיך אַראָפּגעבויגן, צוגעכאַפּט צום מאַלצייט. עטלעכע מינוט איז ער נאָך אונטערגעשטאַנען. אין די רגעס האָבן אין זיין מוח אַ בליץ געטאָן צוויי שורות מיט איין מאָל: צוויי שורות פון אַ ליד, וואָס ער ועט אַוודאי, באַלד ביים אַהיימקומען זעצן זיך שרייבן. אַ שאָד, וואָס ער האָט נישט אונטער דער האַנט אַ שטיקל פּאַפּיר, אַ שרייבפּענדל.

ער האָט אַראָפּגעקוקט צום הונט און מיט אַ לופטיק כתב געשריבן:

רעד אויף דיין הינטיש לשון, יאָמער, וועק ס'געוויין אין מיין בלוט.
אַמאָל איז געווין אַזוי טרויעריק און גוט.

ר'איז אונטערגעשטאַנען און זיך איינגעהערט אין הויכן קיינען און אין קנאַקן פון די פערדישע באַק־ציינער אונטער די פּנים־הויטן.

כאַטש פאַרטאָן אין דער אכילה, האָט איין קאָפּ, דער צווייטער קאָפּ, ווי אויף שטום־לשון זיך אָפּגערעדט, זיך אויפגעהויבן, אויסגעדרייט אין זײַן זײַט אַרײַן. ער האָט אין דעם געזען אַ שטומען דאַנק. די פאַרגייענדיקע זון האָט פרײַנטלעך אַרויסגעליכטיקט — דער לעצטער גלאַנץ פאַרן אויסלעשן זיך אין דער נאַכט אַרײַן — פון זייערע גרויסע אויגענעס, וואָס נאָר בײַ חיות לײַכטן זיי אַזוי מענטשלעך.

ער גייט אַ היים מיט אַ ליידיק זעקל אויף די פּלייצעס און אַ קאָפּ פול מיט מחשבות:

ער גופא, שוין נישט קיין שטומע צונג, איז ער דען נישט זשעדנע אין אַ פרײַנטלעכן בליק? פילט ער זיך נישט אָפּט פרעמד אין דער אייגענער שטוב: טאַטע־מאַמע, ברידער, אַ שוועסטער, וואָס איז אים ווי אַ מאַמע?

דרײַצן, פערצן יאָר איז ער דעמאָלט אַלט געווען. האָט ער נישט מיט הינטי־שער איינזאַמקייט, מיט יאָמער געוווי, וואָס קיינער האָט נישט געהערט, זיך צוגעקוקט, ווי אַנדערע ייִנגלעך פון זײַן קלאַס טשעפּען, וויוועןַ אַרום מיט מיידע־לעך? רעדן צו לאַהקען אַזוי פראַנק און פרײַ: לאַהקע, צו ווען ס׳האַרץ אין אים האָט געפּישטשעט, — געוואָלט געגענען צו איר, איבערכאַפּן עטלעכע ווערטער. איר שמייכל, איר לאַשטשענדיקער בליק. ער איז דאָך נישט קיין שטומע צונג. אַדרבא: ווען ער רעדט — האָט זי אים איין מאָל געזאָגט — איז ער שענער.

די שענסטע שעהען זענען פאַר אים געווען דאָס פירן ס׳פערדל אויף דער פּאַשע. די לאַנקע האָט אים געצויגן. אַ לאַנגער קאַנאַל אַ באַוואַקסענער מיט ווילדגראָז, האָט די לאַנקע צעשניטן אויף צוויי. אַ הויך, פריש שמעקעדיק גראָז, ווי אַ גרינער טעפּעך — רעכטס פון קאַנאַל. פון דער לינקער זײַט — די באָד, ווו די גראָזן זענען געווען נידעריקער האָבן זיי אַרויסגעגעבן פון זיך אַ ריח פון באָד־וואַסער, פון מענטשלעכע, צעפּאַרעטע לײַבער. מיט נאַקעטע הינטנס איז מען געזעסן נאָכן אַרויסגיין פון דער באָד. העמדער, כאַלאַטלעך, האַנטעכער פאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס. פאַררויטלטע פּנימער. סאַפּלעס רינען פון די בערד, פּאות, ברעמען, פון די נאַסע קעפּ אונטער יאַרמלקעס, קאַשקעטן, „ייִדישע היטע־לעך".

יעדן פרייטיק איז ער מיטן זיידן געגאַן אין באָד אַרײַן — אַ וויאַרסט פינעף, זעקס פון שטאָט. ער האָט געמוזט אַרויפציִען אויף זיך אַ לײַבצודעקל, אַזיסטן לאָזט דער בעדער נישט אַרײַן אין באָד. בשעת דער זיידע איז געזעסן אויפן קאַנאַל, זיך געטריקנט, האָט ער זיך פּאַמעלעכקע דערווײַטערט, צי דער זיידע האָט נישט געזען, צי געמאַכט זיך נישט זען — אַריבער אויף דער אַנדערער

זײַט לאַנקע, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך ס׳אַנטאַן און אַרײַן אין טײַכל. אַ טײַכעלע פּאָזע דעם קאַנאַל האָט זיך ווײַט, ווײַט געזילבערט: אַ ברייט, בלאַנקענדיק מעסער האָט זיך געשניטן און ערגעץ ווו, נישט מיטן אויג צו דערגרייכן, נעלם געוואָרן. די זילבערנע כוואַליעכלעך האָבן געלאָקט. זיי האָבן זיך געשלענגלט און געיאָגט ביזן סאָן — האָט מען געזאָגט — וואָס פאַלט אַרײַן אין בוג. נאָענט פון זיידן געזעסן און נישט געקאָנט זיך צוכאַפּן צום טײַכל — איז אים אָן אומעט באַפאַלן. ער האָט די אויגן פון טײַכל נישט געקאָנט אָפּרײַסן. עס האָט אים אין די רגעס אויסגעזען ווי אַ זילבערנע עטרה, וואָס דער זיידע פלעגט טראָגן אום שבת. ער האָט אויך געהאַט אַ טלית אויף די וואָכנטעג, דער זיידע.

צוויי אַלטע ליפּעס זענען געשטאַנען נאָענט פון טײַכל. זייערע בלעטער־קרוינען האָבן זיך געשפּיגלט אינעם ליכטיקן, לויפיקן וואַסערל.

אין די זומער־פאַרנאַכטן זענען אויף דער לאַנקע זיך צוזאַמענגעקומען ייִנגלעך און מיידלעך. געשפּרייט קאָלדרעס אונטער די ברייטע שאָטנס פון די ביימער. איבער אַ בוך, אַ צעעפנטע צייטונג האָט מען געקאָנט טרעפן אַ זיצנדיקן, אַ ליגנדיקן, אָדער — אַ פּאָרל. גרופּעס, „קרייזלעך" — אַ טרעפּפּונקט. איבער־דערציילט זיך די נײַעס פון דער וואָך. דיסקוסיעס: — ביראָבידזשאַן, ארץ ישראל.

— פּאָר און קעגן עמיגראַציע.

— נאַציאָנאַלע היים.

— סאָציאַלע רעוואָלוציע.

— צווייטער, דריטער אינטערנאַציאָנאַל.

הייסע דיסקוסיעס אויף דער טעמע האָבן זיך געהערט אין די אָוונטן אויף לובעלסקי גאַס נומער 27, אין לאָקאַל פון דער לינקער פּועלי ציון, אויך אין די שבתים נאָך מיטאָג אויף דער שפּאַציר גאַס נאָענט פון זאַקסישן גאָרטן. צווייטער אינטערנאַציאָנאַל — אַ סאָציאַליסטישער, דריטער — אַ קאָמוניסטי־שער, קאָמינטערן. חיים צאַטלס, אַן אַלטער פּאַרטיי־חבר פון דער לינקער פּועלי ציון, אַ טרעגער פון „פּאַד", פּאַרזיצער פון טרעגער פאַראיין: אַ נידעריקער ברייטפּלייציקער מאַן, אַ לייבנקאָפּ אויף אַ קורצן קאַרק, אַ פּנים מיט שאַרפע אַרויסשטראַטשענדיקע קינען — האָט זיך געהיצט:

— איין מאָל פאַר אַלע מאָל דאַרף מען באַשליסן צו וועלכן אינטערנאַציאָ־נאַל זיך דערקלערן. מחמת ס׳רעדט זיך וועגן צוויי דעקלאַראַציעס. אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג האָט ער געבעטן „אַ וואָרט" אין דער פראַגע. נישט באַקומען קיין „וואָרט" — האָט ער געבעטן „מאַכן אַ צווישנרוף" און באותו רגע אויסגעשריגן:

— איך בין טאַקע אַ טרעגער אָבער צוויי דעקלאַראַציעס קען איך נישט טראָגן!

וועגן אים האָט מען דערציילט:

צום טרעגער פאַראיין זענען די לעצטע צוויי־דריי יאָר צוגעקומען נייע, יונגע כּוחות, „אויפגעקלערטע" מענטשן, פּאַסט שוין נישט דער נאָמען טרע־גער־פאַראיין. מ׳דאַרף אים טוישן אויף „טראַנספּאָרט פאַראיין". עס קלינגט שענער, „קולטורעלער". האָט ער גערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג באַהאַנד־לען דעם ענין. זײַן פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן.

איז מען שוין אַ טראַנספּאָרט־פאַראיין, האָט ער געטענהט, דאַרף מען זיך אויפפירן סטאַטעטשנער, נישט אויסדריקן זיך מיט „ברודיקע" ווערטער. אַרומ־גערעדט די זאַך און אָנגענומען אַ באַשלוס:

— פאַר יעדן „ברודיקן" וואָרט — אַ זלאָטע שטראָף.

ביים ערשטן צוזאַמענקום איז איבער עפּעס אויסגעבראָכן אַ קריגעריי. געשרייען. זידלערײַען. חיים צאַטלס, דער ראָש המדברים, שטייט בײַם טישל אַן אויפגערעגטער, רופט צו אָרדענונג, פּרוּווט באַרויִקן דעם עולם. ס׳גייט נישט. חיים צאַטלס איז אַרויס פון די כּלים. מלא גריזאָטע גיט ער אַ געשריי:

— שאַ, שטיל! — ער שטעקט אַרײַן די האַנט אין קעשענע, ציט עפּעס אַרויס פון דאָרט און לאָזט אַראָפּ די האַנט מיט אַ זעץ אַזש דאָס טישל לעם אים טוט אַ ציטער און שרייט אויס:

— חברים! זאָל מיך קאָסטן אַ זלאָטע און אַ רוח אין אייער טאַטנס טאַטן!

מ׳האָט גערעדט וועגן באָגדאַנאָווס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע", היסטאָרישער מאַ־טעריאַליזם" פון בוכאַרין. פּלעכאַנאָוו און זײַן שטעלונג צום „אָקטאָבער". קאַלאַנ־טיי׳ס „דריי פּאָר זיידענע זאָקן", לאַוורעניעוו׳ס „דער איין און פערציקסטער", ניעמילאָוו׳ס „די ביאָלאָגישע טראַגעדיע פון דער פרוי", „דער שטילער דאָן פון שאָלאָכאָוו". בראַשורן און העקטאָגראַפישע בלעטעלעך פון „יענער זײַט" זענען אַריבערגעקומען. אַריבערגעקומען, ווי זיי וואָלטן געהאַט פיס. וויאַזוי, ווען, וועמעס הענט שטעקן דאָ? — האָט מען נישט געוווּסט. אפשר יאָ געוווּסט, אָבער דאָס וואָרט קאָנספּיראַציע איז דעמאָל געווען הייליק. קיין פּײַערלעכע שבועה האָט מען וועגן דעם וואָרט נישט אָפּגעגעבן. אָבער אַ פּײַערלעך שווײַגן האָט געהערשט. דערפאַר האָט הויך געקלונגען דאָס וואָרט „דניעפּראָסטראָי". וועגן אַן אונטערער־דישן מעטראָ, וואָס מען בויט — האָט מען געגאַפּט. מ׳האָט הויך גערעדט וועגן פרײַען, זאָרגלאָזן לעבן, ווו ס׳בויט זיך אויף אַ זעקסטל טייל פון דער וועלט: קעגן עקספּלאָטאַציע, ברויט און אַרבעט פאַר אַלע, אַלע גלײַך...

יונגוואַרג זיצן אין אַ קרייז. אַ מיידל זינגט: „דאָס וועט זײַן שוין דער

לעצטער״. רעוואָלוציאָנערע לידער זינגט מען. לידער פון אַרבעט און פון ברויט, לידער פון פרײַהייט: „הימל און ערד זאָל אונדז הערן״. לידער פון ליבע. אַ ליד פון אַן ארץ־ישראלדיקן פּאָעט: „זאָל זײַן, אַז מײַן שיף וועט צום ברעג נישט דערגיין״.

אַזוי געהיים ווי די העקטאָגראַפישע בלעטלעך זענען אַריבערגעקומען, אַזוי געהיים זענען אַהין אַוועק באַשלוסן, רעזאָלוציעס, אינפאָרמאַציעס. איז דאָס געווען אַ געהיימקייט אַ באַקאַנטע פאַר אַלעמען...

איינע, אַ יאַטעכע, אַ פּערעלע. קיינער רעדט נישט דערוועגן און אַלע ווייסן ווער פּערעלע איז. מע זעט איר דאָ ווייניק. און אפשר איז זי צווישן די דאָ־זיצנדיקע. זי איז זיכער אַ רואה ואינו־נראה. ער קאָן זי גראָד. אויך זי קאָן אים. זענען אפילו נאָענטע שכנים. האַלטן זיך פון דער ווײַטנס. זי איז, אַגב, די איינ־ציקע וואָס ווײַזט אים אַרויס אַ סך סימפּאַטיע. אָבער ווי האָט זי דעמאָלט צײַט געהאַט אויף אַזעלכע זאַכן — האָט ער זיך שפּעטער דערוווּסט. פריִער האָט זי באַדאַרפט דאַגהען פאַר ברויט און אַרבעט פאַר אַנדערע, פאַר די אונטערגע־דריקטע און באַליידיקטע; ליבע פאַר אַנדערע. שפּעטער, דער נאָך, נאָך דער רעוואָלוציע וועט מען טראַכטן וועגן „אייגענעם וויל״... ער, כאָטש פאַרנומען מיט זיך; לעקציעס, שרײַבן לידער, גרייטן זיך קיין וואַרשע, וואָלט זיך פון אַזאַ ליבע־פּלירט נישט אָפּגעזאָגט.

אַזוי איז די זאַך צווישן אים און איר געבליבן אָפן ביז איר ווידער נעלם ווערן און זײַן פאָרן קיין וואַרשע.

איין און איינציק מאָל האָט ער זיך מיט איר געטראָפן „אויג אויף אויג״. זי נעמט ערנסט זײַנע פעיִקייטן, זײַן שרײַבן, לייענען ביכער. יאָ, אַן ערנסטער יאָט. ער איז נישט הינטערשטעליק געבליבן: „אויך אים געפעלן אירע גענג״. ער האָט לאַנג נאָכדעם געדענקט אירע ראָבע קעציִשע אויגן, אירע קלוגע רייד. זי איז זײַן טיפּ, פּערעלע. זי ווייסט עס. ביידע ווייסן עס.

צו דער לאָנקע האָט אים געצויגן דער גרויסער, גרינער מרחב, דאָס טײַכעלע, די צוויי ליפּעס. לאַנגע וואָכן, מ׳מעג זאָגן — יאָרן, האָט אין זײַנע אויערן געקלונגען דער צעצויגענער פײַף פון אַ פאַרבײַפאָרנדיקער באַן, דאָס שווערע סאָפּען פון לאָקאָמאָטיוו דער רעדער־געגרויש. אָפּט פלעגן באַנען מיט לאַנגע וואַגאָנען־קייטן אַ שנײַד אַרײַן טאָן זיך מיט לאַנג־צעצויגענעם געפײַף נישט ווײַט פון דער לאָנקע: נעלם געוואָרן העט־העט ווײַט הינטערן וועלדל נאָכן פאַשע־פעלד, געלאָזט נאָך זיך רויך־קײַקעלעך, געדיכטע, שיטערע, צעריסענע.

צוויי ברידער, דראָשקאַרעס, האָבן געוווינט נישט ווײַט פון באָד־געסל. שבת פאַרטאָג פירט איינער פון די ברידער, שמולקע, אַרויס צוויי פערד אויף דער

פּאַשע. פריִער פּאַיעט ער זיי אָן ביַים טיַיכל, נאָכדעם פּענטעט ער זיי די פּאָדערשטע פיס און גייט אַוועק. איַילט זיך — ווייסט מען צו דערציילן — אין קלויז אַריַין צו שחרית. קיין גרויסער דאַוועגער איז ער נישט, שמולקע; אויך דער צווייטער ברודער, „מענדל קאַזשל״, ווי מ׳רופט אים. ס׳איז דאָך שבת, מ׳איז דאָך אַ ייִד צווישן ייִדן — כאַפּן זיך ביידע אַריַין. ביידע קוקן אין אַ סידור — זאָגט מען — ווי אַ פערד אין אַ בינטל היי, מחמת די גאַנצע ציַיט זעט מען זיי „קיַיען״ די ווערטער, ווי מ׳קיַיעט שטרוי: מ׳מאַכט מיט די ליפּן. אָפּגע־לאָזט די פערד, לאָזט ער זיך צוריקגיין, שמולקע. האָט הנאה פון כאַפּן אַ בליק, הינטערוויַילעכץ, וויאַזוי די חיות האַפּסלען איבערן גראָז, כאַפּן אַ ביס, אַ גריזש און הייבן פון מאָל צו מאָל אויף די קעפּ, קוקן אים נאָך מיט מענטשלעכן ניַיגער, אַ שטייגער זיי ווילן וויסן: — וווּ גייט ער אַצינד דער־אַ, וואָס גאַנצע טעג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריַין טריַיבט ער זיי איבערן ברוק?

דאָס לעצטע מאָל ווען ער איז געווען אַ גאַסט אויף פּסח און געהאַלטן „סדר״ אין קוטשעמענט — נאָכן אַרויס פון תפיסה, פאַרן צוריקפאָרן קיין וואַרשע — האָט זיך אים פאַרגלוסט מאַכן אַ שפּאַציר, אַ געזעגענונג־שפּאַציר צו דער לאַנקע. ס׳באַד־געסל האָט געפּוסטעוועט. פאַראיינזאַמט זענען געשטאַנען די צוויי ביימער. פענצטער, טיר פון באָד — פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. דער קאַנאַל פון ביידע ברעגן — געדיכט פאַרוואַקסן מיט הויכע גראָזן, לאָזעס, ווילד־געדיכטע קוסטעס. דאָס טיַיכעלע — ווי פריִער — געלאָפן אין זילבערן געפּליעסק, צעמעסערט די לאַנקע און זיך געטראָגן וויַיט — וויַיטער ביזן פאַרלירן עס פון אויג.

געבליבן אין אויג זענען די טויבן, וואָס פלעגן זיצן אויף די ביימער. ווילדע טויבן. דערשראָקענע פלעגן זיי אַמאָל אַרויספּאַטשן פון די בלעטער־קרוינען. אַז זיי האָבן זיך צוריק אַוועקגעזעצט, האָבן זיי פון דער וויַיטנס אויסגעזען, ווי אָקאַציע וואָלט זיך צעבליט.

✱

וואַרשע. דערוויַיטערט זיך פון די „קרייזלעך״. נישט דווקא מחמת מורא פאַר פּאָליטישער טעטיקייט. ער האָט פּשוט נישט קיין ציַיט געהאַט. פון דעסטוועגן, ווען פּערעלע וואָלט דאָ מיט אים געווען, וואָלט ער אפשר מער ציַיט געפינען אויך פאַר דער זאַך.

ערב האַרבסט, ניַינצן ניַין און דריַיסיק. מלחמה־ניַיעס. עסטריַיך אָקופּירט, מעמעל — אַ טייל פון „דריטן רײַך״. „פּלעביסציט״ אין דאַנציגער קאָרידאָר. פּוילן גייט „נאַ אָלזשע״...

וואַרשע ליגט אים נאָך גוט אין די ביינער, די „אָוושעם־פּאָליטיק" פון פּרעמיער סקלאַדקאָווסקי. פּערמאַנענטער עקאָנאָמישער קריזיס אין די שטעט און שטעטלעך. אַרבעטסלאָזעקייט. אויף דער יידישער גאַס פּילט מען עס גאָר שטאַרק. עקס־צעסן. פּאָגראָמען אין פּשיטיק, בריסק ד'ליטע, ביאַליסטאָק, קעלצער און אַנדערע געגנטן. פּוילישע סטודענטן מיט קאַסטעטן, מעסערס, ראַזיר־מעסערלעך, שטעקנס און זייערע „קולטור־אַקציעס" קעגן יידישע סטודענטן.

אין די אוניווערסיטעטן — נומערוס קלאַוזעס און נומערוס נוללוס פאַר יידישע סטודענטן. פון אַלע מלוכהשע, קאָמונאַלע אונטערנעמונגען, באַזייטיקט מען הויכע באַאַמטע, לערערס, פּראָפעסאָרן. עלימינירט דעם ייד פון עקאָנאָמישן לעבן. — יידישער סטראַגאַן שטאָט ערד. — „אַגראַר־רעפאָרם". ענדעקישער סאַנאַציע־רעזשים פון פויסט און געזעצלאָזיקייט — אַ גוט פעלד פאַר אויפבלי פון היטלעריסטישן ווילדגראַז. אָפענע פּראָפּאַגאַנדע פון „בליסקאָוויצאַ" (בליץ) — אויפן נאַצישן שטייגער — ביז דער א.נ.־רישער „פאַלאַנגאַ". ראַסן־און־נאַציאָנאַליטעטן־האַס — דאָס טראַיאַנישע פערד אויף וועלכן היטלער־חילות גרייטן זיך אַריינצוריַיטן, אַריַינרייַסן קיין פּוילן — אָן עקאָנאָמיש־אָפּגעשוואַכטע, פּאָליטיש־מאָראַליש — דעמאָראַליזירט.

אויף די יידישע גאַסן: ענגשאַפט. בענקשאַפט. אין די טונקעלע שטובן, הײַזער, הייף — קאַסטנס דינאַמיט — אָרעמע אַרבעטער־קוואַרטאַלן. די זון קומט אַהין נישט צו. צווישן אַזייגער צוועלף־איינס גיט זי, ווי אַ שנעלצוג אַ לויף פאַרבײַ און ווערט נעלם. אַ יונגער דור, אַ נאָכוווקס גייט אויף, וואַקסט אויפן פעלד פון אַ לעבן צעאַקערט פון נויט, קויט און אָרעמקייט, אַרבעטסלאָזע און פּרנסהלאָזע מענטשן.

פּליטים פון דײַטשלאַנד. ס'יידישע וואַרשע — אַ שיף אויף אַ צעשטורעמטן ים. אָן אומרו אין די יידישע אויגן. פּלייצעס געבויגענע פון אַ טאָפּלטער לאַסט: עקאָנאָמישע שיקאַנעס און — אַנטיסעמיטיזם.

— זשידזשי דאָ פּאַלעסטיני!

ס'סוחרישע וואַרשע: נאַלעווקי, מוראַנאָווער־ראַיאָן, לעשנע, זשעלאַזנע, זאַ־מענהאָף, שווייענטאָיערסקי, גזשיבאָווסקי, פּלאַץ פון אײַזערנעם טויער — שטייט אויף די פיס פון פרימאָרגן ביז אין שפּעטן אָוונט. די פיס טרײַסלען זיך, ציטערן ווי בײַ אַ געהאָנגענעם. דער באָדן רוקט זיך אָוועק. אַלץ גייט אָן ווי פריִער. ווי פריִער — אָבער דער טראָט איז נישט זיכער. אויך דער הימל איז, דאַכט זיך, נידעריקער ווי תּמיד. די פאַרוואָלקנטקייט שפּרייט זיך אויפן יידישן פּנים: דאגה און שרעק פאַרן הײַנט, וואָס זאָגט קיין גוטס נישט אָן.

פּליטים פון דײַטשלאַנד.

מיט דרײַ־פיר יאָר צוריק — דערמאָנט עס אים — רײַכע, גוט־סיטואירטע ייִדישע משפחות פון דײַטשלאַנד: סוחרים, באַנקירן, פּראָפעסאָרן, לערערס, הויכע באַאַמטע און פרײַע פּראָפעסיעס. „צילינדער־ייִדן" און חסידיש־נגידישע ייִדן פון פאַרפונדעוועטע היימען אונטערן פּוילישן הימל אויף וואַרשעווער גאַסן מיט די „אַסטיודען", וואָס זיי קומען מיט זיי אין באַרירונג צום ערשטן מאָל — אַ נײַער פּלאַנעט.

גאַנצע משפחות מיט אַ יוגנט פון שול־און גימנאַזיע־עלטער. אַהיימגעשיקט זיי צוליב „שלעכט אויפפירן זיך", „נישט מאַכן די לעקציעס", „שלעכטע סטאָפּניעס".

פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען מאַלפּעווען נאָך די דײַטשן מיט זייער „העפלעכקייט" און „פּינקטלעכקייט". מע „פאַרבעט" „אומגעוווּנטשענע עלעמענטן" אויף „אויספאַרשונגען". — קאַרטוז בערעזע־לאַגער*, הונדערטער פּוילישע בירגער, ס'רוב ייִדן „ווײַלן" דאָרט זינט דער לאַגער איז אויפגעשטעלט געוואָרן, מיט דריי, פיר יאָר צוריק.

רײַכע און גוט־סיטואירטע משפחות פון דײַטשלאַנד, אַלץ געלאָזט דאָרט אויף באַלד צוריקקומען. מיט קליינעם האַנט־באַגאַזש: טעקעס און רענצלעך, האַנט־טאַשן. אַ הילפלאָזיקייט ווייעט, ווײַנט אַראָפּ פון זייערע פּנימער. אַ פינצטער ייִדיש־געמיט איז אויף זיי אויסגעגאָסן.

מ'קלאַפּט אין די קהילהשע טירן, מ'באַזעצט, מ'„באַוווינט" עפנטלעכע לאָקאַלן, שילן, שולן, בתי־מדרשים. פרעמד זיי די שטאָט, די הײַזער, די שטיינער, דער הימל איבערן קאָפּ: אַ טרויעריקער, כמאַרנער, פּוילישער ,האַרבסטיקער הימל.

ייִדן — פייגל מיט אונטערגעשאָסענע פליגל, פאַריאָגטע פון נעסטן. אַ בוים, אַ צווײַג, אַ צווײַגל, ווו זיך אָפּשטעלן, אָנהאַלטן זוכט מען. אײַנאָטעמען פרישן כּוח צו ווײַטערדיקן וואַנדער: וואַנדער אין אַן ערגעץ־לאַנד...

גאָלדענער האַרבסט. וואָלקנס. ווינטן. אַ שטורעם. אַ טײַפון. אין מיטן העלן טאָג — שטאָק נאַכט איבער ייִדישע קעפּ. ייִדיש לעבן, האָב און גוטס — שטרוי. עס ברענט. מ'ברענט די טריט. ס'ייִדישע הויז ברענט. נישטאָ ווער, נישטאָ מיט וואָס צו לעשן. ס'ייִדישע הויז — אַ שיף אויף אַ צעשטורעמטן ים.

גאָלדענער האַרבסט. סעדער קרעכצן אונטער לאַסט פון רייפע פּירות. פולע שײַערס תּבֿואה אָקערשט אַראָפּגענומען פון די פעלדער. אַ ריח פון גאָלדיקגעלע בלעטער. זיי פאַלן מיט שטילן שאָרך פון גראָבשטאַמיקעביימער. נאַקעטע

---

* אַ לאַגער פאַר מכלומרשט פאַרדעכטיקטע, שולדיקע אין קאָמוניזם.

צווייגן — הענט פאַרהויבענע צו הימל, ווי זיי וואָלטן בעטן, אויסבעטן אַ „שענערן וועטער", אַ פרילינג מיט אַ יונגן, פרישן שפּראָץ...

גאָלדענער פּוילישער האַרבסט. אַהרעלעס לעבן דאָ איז האַרב און שווער. ער אַרבעט בײַ וואָס עס לאָזט זיך — פון האַנט אין מויל אַרײַן. מ'טרעפט — אויך ביזן מויל... „שלאָפט" אַמאָל איבער אַ פרישטיק, היפּערט איבער אַ מיטאָג. קומט איבער דעם הײַנט מיט שהי־פּהי. לעבט מיטן מאָרגן. גייט אויף די קורסן. לייענט אַ סך. ביכער. ביכער. שרײַבט פאַרן שופלעדל. נישקשה, אַ סך באַרימטע שרײַבער האָבן געשריבן קודם פאַרן שופלעדל...

ער טרעפט זיך, פון צײַט צו צײַט, מיט די אַמאָליקע חברים פון „מוראַנאָ־ווער ראַיאָן" — דער צענטראַל פּונקט פון דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער טעטיקייט. אַ יונגער נאָכוווקס. ייִנגערע פון אים און עלטערע פון אים. יונגע מנהיגים וואַקסן דאָ — שיינע רויזן אויף קופּעס מיסט. קוקן מיט דאגה און אומרו דעם הײַנט אין די אויגן. ציטערן איבערן מאָרגן. יונגע חבֿר'ה, און ווי געניטע שלאַכטלײַט דערשפּירן זיי דעם ריח פון פּולווער איידער זיי דערנעענטערן זיך צום אָרט פון שלאַכט.

מלחמה־געפאַר אויפן דריטן צענדליק פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט. ער וווינט אַביסל ווײַטער פון יענער קאָמפּאַקטער אָרעמקייט. אַ קאַוואַלערקע אויף לעשנע גאַס נומער זעקס. אַליין אָן שותּפים. פאַרן פּרייז פון אַ בגד, פון אַ מיטאָג, פון אַ קינאָ, אַ קאָנצערט. די אַליינקייט דאַרף ער: דעם טיש, דאָס בעטל. אָן אָרעם בעטל. אַליין, זאָגט ס'ווערטל, איז די נשמה ריין.

גאָלדענער האַרבסט. ס'גאָלד זעט מען נישט. דער האַרבסטיקער הימל — אַ טונקעלער, אַ שווערער איבער קעפּ, איבער הײַזער. ער שפּרייט שאָטנס. פינצטערע שאָטנס איבער פּוילישע שטעט, איבער לענדער, איבער גאַנץ אייראָפּע. עס יאָגט אָן די נאַכט. אָן אומהיימלעכע, גרויזאַמע נאַכט.

שלעכטע גרום פון שטוב. ער'ט אַהיימפאָרן, צוכאַפּן זיך אויף די יום־טובים. מגלה־סוד־זײַן טאַטע־מאַמע, פריידקען, די ברידער: ער וווינט מיט אַ חברטע. אַ קנאַפּ האַלב יאָר וווינען זיי צוזאַמען. אַ מיידל פון דער פּראָווינץ, ווישקאָוו איבערן בוג, העכער פערציק קילאָמעטער פון וואַרשע. זי — אויך אַליין, אַ שטיקל צײַט זיך אויפגעהאַלטן בײַ אַ ווײַטער קרובה. צוזאַמען איז גרינגער: גרינגער פאַר ביידע.

שרײַבן דערוועגן האָט ער נישט געוואָלט. לעבן מיט אַ מיידל „באַ־וויאַרע?" פאַר אים גופא איז עס געשען צופעליק: מ'קאָן זאָגן — אומגעריכט, אָן אַ פאַרויסיקן באַשלוס. בעת אַ פאַרנאַכט־שפּאַציר אויף דער „ווילדער פלאַזשע" זיך באַקענט מיט איר. פון דער פּלאַזשע אין שטוב אַרײַן, פון שטוב — אין בעט

אַרײַן. ווער איז זי? וואָס טוט זי? פאַרוואָס איז זי, אַ יונג מיידל אָוועק פון שטוב? פון וואָסער היים קומט זי?

ער — צו יונג, אומדערפאַרן, צו שווער אים געווען די אַליינקייט, צו גרויס די בענקשאַפט צו ליבעלאַסקעס: צו שוואַך אַזוי שטאַרק צו זײַן, אָפּצוזאָגן זיך פון אַזאַ אָנבאָט... און אפשר זענען עס געווען לײַדנשאַפטלעכע באַגערן, וואָס האָבן געוווינט אין זײַן בלוט?

— ווו איז דײַן היים? — האָט ער איר געפרעגט. זי זוכט אַ היים — האָט זי געענטפערט.

אויך אים האָט געצויגן אַהיים.

אַ גאַסט אויף ראָש־השנה. אַ סך פון די וואָס זענען זיך די לעצטע יאָרן צעפאָרן — זעט ער. די גויט האָט פאַרטריבן. די מלחמה־נייעס ברענגט צוריק.

מיט אָפענע אָרעמס און באַהאַלטענעם פחד אין די אויגן וואַרטן מאַמעס אָפּ די „היימישע געסט" אויף די שוועלן פון שטוב.

אויך דאָ אין דער היים, בייזע בשורות. בייזע ווינטן, רעגנס. עס „רעגנט" מיט שלעכטע נײַעס.

פון די אָרומיקע דערפער יאָגן אָן פויערישע פורלעך. כאָטש דער גראָשן קומט דעם פויער אָן שווער, גאָר שווער. פאַר די פויערים פון די קרעסן, פון די פאַליעסער קאַנטן, ווו מ׳שפּאַלט אַ שוועבעלע אויף צוויי, ווו אַ ביסל קעראָסין איז אַ יקר המציאה — זעט מען זיי. מיט די באַבעס מיט גאַנצע משפחות קומט מען אין שטאָט אַרײַן, האַקן־אָפּ די שוועלן פון געוועלבן, געשעפטן פון מאַנופאַקטור, שפּײַז־קראָמען. נישט נאָר אין די דינסטיקדיקע יאַריד־טעג. אַלע טעג פון דער וואָך זעט מען זיי. נאַפט, לעכט, שוועבעלעך, פאָדעם, עטלעכע אַרשין לײַוונט, איבערצוג, סיטץ אויף אַ קליידל, אַ יופּקע, אַ פאַטשיילע, זאָקן, שטיוול, אַ היטל, אַ פאָר הויזן. מען דינגט זיך נישט. מ׳מעסט נישט דאָס היטל, דעם בגד. מ׳בינדט אויף די קניפּלעך און מ׳צאָלט.

בעתן אויפבינדן די קניפּלעך, בײַם ציילן — ציטערן די הענט. אַז פויערישע הענט ציטערן — אַ שלעכטער סימן. אַ פויער פאַרשטייט מער, וויפל ער ווייסט. אַ פויער לייענט נישט קיין בלעטער, קוקט נישט אויפן זייגער. אַרויף צום הימל קוקט ער און — אַראָפּ צו דער ערד: אויף דער ערד, וואָס ער טרעט, וואָס ער באַאַרבעט, אויפן פעלד און אויף דער פרוכט, וואָס דאָס פעלד גיט.

אין די רויִקע צײַטן ברענגט אַ פויער אָן עוף, עטלעכע שאָק אייער, אַ קעזל, אַ הייפטל, עטלעכע הייפטלעך פוטער, געוויקלט אין גרינע בלעטער. נײַעס פון די בלעטער אינטערסירן אים נישט. צו נײַעס נישט־געשטויגענע, נישט געפּלויגענע, האָט אַ פויער ליב צוצולייגן אָן אויער:

„אַ וואָראָנע איז געשטאַנען אויף איין פוס און געקראָקעט".

„אַ טשאַטע באַטשאַנעס זענען געפלויגן אין דער ברייט, ווײַט אַוועקגע־פלויגן".

„די זון האָט זיך אַנומלט געזעצט צינאָבער־רויט, גלײַך טײַכן בלוט וואָלטן זיך אויפן הימל געגאָסן".

„אַ ליאַדע טאָג — זאָגט מען — וועט זײַן אַ ליקוי חמה".

די קעלט קריכט אין די ביינער. די ביימער — אדם־נאַקעט. די צווײַגן — פאַרבראָכענע הענט. שלאָקס־רעגנס. מ׳טאָפּטשעט אין די בלאָטעס. מ׳גייט נישט נאָר מ׳לויפט, מיט געבויגענע קעפּ און אויפגעשטעלטע קאָלנערס לויפט מען. אָטאָ־אָט יאָגן אָן שנייען, פרעסט. ווינטן פאַרהייבן די גאָלדיק־ברוינע בלעטער אין אַ ווילדן קאַראַהאָד. אין די נעכט מיניען שטערנדלעך, פאַרנעפּלט און בלענדיק, טיף פאַרשטעקטע אין הימל. די נידעריקע הײַזקעס, איינע נאָענט צו די אַנדערע מיט פענצטער־אייגעלעך פאַרטרערטע, ווי זיי וואָלטן פאַרוויינטע זיך איבערקוקן, טרויערן אויף די גרויליקע נײַעס וואָס קלאַפּן אין די טויערן פון טעג, אין די טויערן פון הערצער.

✶

ס׳האָלט פאַר אַ חתונה. פריידקע און משה, איר חתן, תּמיד זעט מען זיי צוזאַמען. האַלטן זיך בײַ די הענט, ווי קינדער. ער — אַ שטאָלטנער. אַ קאָפּ שוואַרצע האָר. אַ הויכער האַלדז מיט אַ „קנאָפּ". גרינגע תנועות. אַ רירעוודיקער גאַנג. אַ שמייכלדיק פּנים, אַ באַסאָווע שטימע. פריידקע — נישט קיין סך נידע־ריקער פון אים. אַ הויך קנאָפּעלע מאַכט איר גאַנג בייגעוודיק, גראַציעז. קיין שום סימן פון פודער אויפן פּנים, שמינקע. אַ ברונעט פּנים, אַ חנעוודיקס. אַז זי עפנט ס׳מויל, ס׳קליינע מויל — איז זי נאָך מער חנעוודיקער — זאָגט מען. זי נעמט זיך נישט איבער דערפון, און דאָס מאַכט איר נאָך שענער אין אַלע־מענס אויגן.

שבת נאָך מיטאָג, אַמאָל אין אַ וואָכנטאָג, פאַרנאַכט, טרעפט מען זיי שפּאַ־צירן אויף דער פּרינציפּאַלנער גאַס, די לובעלסקי. אין די קילע אָוונטן טראָגט זי אַ גראַנאַט אָדער באָרדאָ קליידל. קורצע אַרבעלעך. קליינער דעקאָלט. אַ קייטעלע מיט אַ מעדאַליאַניקל אויפן האַלדז. אַמאָל טראָגט זי אַ טריקאָ־ספּודניצע ביז איבער די קני; אַ באַטיסטענע בלוזקע ביז אַרויף פאַרקנעפּלט. זומער — אַ קליידל פון לײַכטן שטאָף. די שוואַרצע, געדיכטע האָר — פאַר־קעמט אויף אַרויף, פאַרנומען אין אַ וואַלעק. אין אַ הייסן טאָג, איז געגוג אַ געבלימטער סאַראַפאַן אויף אָרעם־בענדלעך. מלא חן זענען אירע פרויִישע

ווייכקייטן, פון די רונדיקע אַקסלען, שמאָלער טאַליע ביז אַראָפּ צו די שענקלען.

געאָרעמט גייען זיי. משה — געבויגן דעם קאָפּ צו איר. ערנסט, שטײַף, אַ שטייגער ער גייט לעם אַ פּערזאָן אַ סך וויכטיקער פון אים. משה איז תּמיד אויסגעפּוצט אין אַ ווײַסן קאָלנער, בינדע. די האָר — געשוירן אויף אַ „מישקע". קיינער וואָלט נישט געזאָגט, אַז דאָס איז משה דער גערייוועטער שוסטער, דער זון פון זײַנוול היטלמאַכער. ביז משה איז אַוועק אויף דער לער צו אַ שוסטער, איז ער מיטן טאַטן געפאָרן אויף יאַרידן קיין סאָווין, צען־צוועלף קילאָמעטער הינטער כעלעם. ער האָט שפּעטער דערציילט, אַז מער ווי דאָס העלפן מ׳טאַטן פאַרקויפן היטלען, האָט ער ליב געהאַט די זופּן, וואָס ער מיטן טאַטן האָבן געגעסן ביי העסען אין רעסטאָראַן. זופּן אויף אַ סך בוימל מיט אַ סך „אויגן". אַמאָל איז אַרײַנגעפאַלן אין טעלער אַ מאַרך־ביין, אַ מאָל עטלעכע גריוון, באַזונדערס — אין די ווינטערס.

געפּרווירענע פון וועג — האָט מען זיך דערוואָרעמט מיט די זופּן, וואָס העסע פלעגט מיט אַ פולן קאָכלעפל צוקומען צום טיש און פרעגן:

— ווער וויל נאָך אַ לעפל געקעכטס?

בעסער ווי ס׳היטלמאַכערײַ האָט משה׳ס טאַטע, זײַנוול, געקאָנט פאַרקויפן זײַן סחורה. אַלע מאָסן זענען בײַ אים גוט געווען, תּמיד געפּאַסט צום קאָפּ. איז דאָס היטל גרעסער, האָט ער בעתן פּאָסן אַרײַנגעשטופּט צוויי פינגער הינטער דער אָשעווקע. איז דער קאָפּ גרעסער פון היטל — האָט ער עס מניה וביה געגעבן אויף דער קני אַ צי אויס, אָנגעטאָן עס אויפן פויערישן שפּיצקאָפּ קונציק — שנעל עס אַראָפּגענומען, אַז דער צעטומלטער פויער האָט נישט קיין צײַט געהאַט רעכט אָנקוקן די סחורה, וואָס ער קויפט. אַלע מאָסן זענען בײַ אים אַרויסגעקומען אַקוראַטנע.

גראָד געהאַט אַ גוטן קאָפּ, משה, פון דרדקי מלמד אַריבער צו גמליאלן דעם רבין פון חדר־מתוקן, אָבער נישט מער ווי איין זמן. געוואָרן אַ שיקייִנגל אין אַ קוילנסקלאַד, אַ שנײַדער־געזעלן, געאַרבעט אין אַ פאַרבן־געשעפט. ערשט בײַ שמחה מאיר וואָלפס איז ער געוואָרן אַ גערייוועטער שוסטער.

אין זײַן ברונעט פּנים, פולע מענערישע ליפּן, די טיפּיש־ייִדישע האָרבאַטע נאָז אין גלײַכער ליניע פון שטערן ביז אַראָפּ צום ברייטלעכן מויל — האָט פריידקע געזען עפּעס עקשנותדיקס: אַ טיפּ מענטש, וואָס ווייסט וואָס ער וויל. ער איז קאַפּאַבל צו גיין „מיטן קאָפּ אין וואַנט", כּדי זײַנס צו דערגרייכן, דהיינו: חתונה האָבן מיט איר. געזען זי ס׳ערשטע מאָל, איז ער, ווי מ׳זאָגט, „צוגעזאָטן" געוואָרן. פריידקע איז תּמיד פאַרפאָרעט. וואַשט. רוימט. קאָכט.

פאַרלאָטעט אַ העמד, אַ זאָק. אירע מסוגלדיקע הענט האָבן „פון זיך אַליין״ זיך אויסגעלערנט צושנײַדן, אויפנייען אַ ספּודניצע, איבערניצעווען אַ קליידל, אַרײַנ־נייען אַן אַרבל אין אַ בלוזקע. פריידקע האָט געחלומט ווערן אַ סלוּוונע שנײַדע־רין, זײַן אַ חברטע אין נאָדל־פאַראיין. אלא מאי? קיין עין־הרע אַ שטוב מיט קינדער. זי פלעגט פון דעסטוועגן איטלעכן שבת־צו־נאַכטס, נאָך הבדלה, זיך צוכאַפּן צו די ברידער שמולקע און מענדל קאָזשל. דאָרט זענען זיך צונויפגעקומען די חבר׳ה. מ׳האָט דערלאַנגט צום טיש הייסע קאַרטאָפל אין די מאַנטעלעך, אויך אָפּגעשיילטע, צעשניטענע, באַגאָסן מיט אַביסל בוימל, אַ צעשניטן הערינגל. הײַנט אַ גלעזל טיי? עמעצער האָט פאַרצויגן אַ ניגונדל. אַ פריילעכע חבר׳ה.

משה, אַ גאַנצן טאָג אויפן שוסטער־בענקעלע, שבת — אַ גאַסט. אויך שבת איז זי פאַרפאָרעט, פריידקע. ער זיצט, קוקט און שווײַגט. זי זעט אים יאָ און זעט אים נישט, פריידקע. מכלומערשט, אַ שפּיל אַזאַ — זאָגט ער צו זיך. ווערדליק איר אָפּדרייען ס׳שיינע פּנימל, און ס׳קאָלירל וואָס ס׳פּנים ציט אויף זיך אַרויף — זעט ער: „זי איז אַביסל מבולבל. זי דרייט אָפּ דעם קאָפּ אָבער קוקן קוקט זי אין זײַן זײַט אַרײַן.

לכתחילה האָט פריידקען געשראָקן זײַן קול, זײַן באַסאָווע שטימע. שפּעטער, אַז זי האָט זײַן קול עטלעכע טעג נישט געהערט, איז איר אומעטיק געוואָרן.

פריידקע איז אַ שווײַגערין. האָט זי ליב משהן צו הערן. זי ווייסט: וואָס ער זאָגט מיינט ער נישט, וואָס ער מיינט — זאָגט ער נישט. ער דערזאָגט נישט. אַ הויכער, שטאַלטנער, אַן אויסגעדינטער זעלנער און — אַ שעמעוודיקער.

מ׳האָט שוין גערעדט וועגן תּנאים. „צו וואָס וואַרטן, הײַנטיקע צײַטן?״ — האָט געזאָגט זײַנוול היטלמאַכער. טאַקע אַ פּשוטער בשׂר ודם, אָבער נישט קיין אַבי־ווער. ייִנגלווײַז — זאָגט מען — געלערנט אין אַ ישיבה, האָט ליב אַרײַנ־צוּוואַרפן אַ העברעיִש ווערטל, אַ פּסוק פון חז״ל:

— ס׳שטייט בפירוש געשריבן, איידער דער מענטש ווערט געבוירן איז מען בשמים מכריז — בת פלוני לבן פלוני.

איין מאָל, פרײַנטיקצונאַכטס זענען משה און פריידקע לענגער געבליבן זיצן אין שטוב. ס׳מאַמעלע האָט דערלאַנגט טיי מיט צובײַסעכץ. די ברידער — צוריקגעקומען פון ווער ווייסט פון וואַנעט — האָט מען געכאַפּט עפּעס אין מויל אַרײַן און געמאַכט נאַכט. ביידע זענען אַרויס אויפן גאַניקל דרויסנדיק פון הויז. שפּעטער אָוונט. דער הויף שלאָפט. עטלעכע צענדליק מעטער הינטער די הײַזקעס — אַ ליידיקער שטח, אַביסל ווײַטער — אַ תּבואה פעלד. נאָך זשניווע. אַ פרישער ריח פון אַ שטשערניע, נאָכן אַראָפּנעמען די תּבואה, דערטראָגט זיך צו

זיי. אַ האָרבסטיק ווינטל יאָגט אָן. זיי איז נישט קאַלט. נאָענט זיצן זיי צו זיך. נאָענט איבער זייערע קעפּ — אַ פולע לבנה פון מיטן חודש. אָנגעבויגן צו פריידקען זיצט ער. קאָפּ צו קאָפּ. ער שושקעט איר אַרײַן אין אויער:

— שבת־חנוכה, האָ? פריידקע?

— וואָס שבת־חנוכה?

— אַ חופּה שטעלן.

— פריִער תּנאים.

— גערעכט. פריִער תּנאים.

ביידע שווײַגן. ער האַלט איר האַנט אין זײַנער. מיט דער צווייטער האַנט נעמט ער אָן איר פּנים, פאַרהייבט עס צו זײַנע ליפּן.

— פריידקע! — הערט זיך דער מאַמעלעס קול. ווייסט שוין פריידקע: איר מאַמע וועט נישט פריִער גיין שלאָפן ביז זי זעט איר נישט צוריק אין שטוב. און נאָך אַמאָל, און ווידער — „פריידקע!"

— וואָסי, מאַמע?

— שפּעט. גענוג.

— שוין קום איך, מאַמע.

אָפּגעפּסקנט, ווי די „קינדער האָבן געוואָלט". „אַז די קינדער האָבן זיך ליב — צו וואָס ס׳וואַרטן?"

דער פריקאַשטשיק ביַי קאַנטאָרן אין שניטקראָם האָט פאַרן טאַטן אַהיימ־געבערענגט אַ שײנעם קאָווערקאָט — אַ מתנה צו דער התונה. די ברידער האָבן געדאַגהט פאַר זיך. געשפּאַרט אַ גראָשן, געלייזן אויף פּראָצענט, געגעסן האָט מען אין שטוב — האָט מען געקאָנט אַרויפציִען אויף זיך אַ בגד. נישט באַדאַרפט אָנקומען צו טאַטע־מאַמע. ס׳מאַמעלע און פריידקע האָבן געגרייט די וויפּראַווע. אַ בעסערע צײַט געווען. מען איז געשטאַנען, ווי מ׳זאָגט, אויף די אייגענע פיס.

דער בעסטער שנײַדער פון שטאָט, סרולקע כײַנעס, איז עטלעכע מאָל געקו־מען אין בעקערײַ מיטן צעראַטענעם מעטער, מיטן שרײַבפּענדל און שטיקל קרײַד, און זיך געבעטן:

— ר׳ שלום, היתכן? ווי ווײַזט זיך נישט אַ מענטש נעמען אַ מאָס?

ס׳איז פאַר אים אַ גאַנצער „פּאַרלאַג": גיין, מעסטן, דרייען זיך אויף אַלע זײַטן, ס׳איז נישט פאַר אים. ער האָט נישט קיין צײַט. איינער אַליין אין בעקערײַ. ער האָט אויך געוואָלט זאָגן אַז ער איז צעטומלט פון דעם „ר׳ שלום". אַזאַ ברוך הבא איז פאַר אים אַ נאָווינע. זינט ער געדענקט זיך האָט מען צו אים אַזוי נישט גערעדט. רק אים דאַכט זיך, אַז סרולקע כײַנעס האָט אַ טעות. צו אַן אַנדערן רעדט ער.

— ר׳ סרולקע כײַנעס — האָט ער אַרויסגעבאָמקעט — מאַכט ווי איר פֿאַרשטייט.

— ר׳ שלום, שבת־חנוכּה די חתונה. די צײַט שטייט נישט. מ׳מוז קודם נעמען אַ מאָס.

סײַ ווי — געמאַכט אַן אָנצוג. שלום דער בעקער איז אין דער קראָזשע * מאַכט חתונה אַ טאָכטער. ער ווערט אַ מחותּן. אַ זון — אַ פּריקאַשטשיק, איינער, — געמיינט אים, אהרעלען, אין וואַרשע אויף אייגענע קעסט, וועט אַוודאי קומען צו גאַסט. די יִינגערע קינדער — אין די חדרים, די עלטערע — ב״ה. שלום איז אין די פּעדערן: שנײַדערגעלט, שוסטערגעלט, אַ „ויפּראַווע״ פֿאַר דער כּלה. אַ חתונה. קלעזמאָרים, משקה, פֿאַרבײַסעכץ. געסט. מעל־סוחרים, זאַלמעלע בעקער, דער חסיד מיט די צוויי זין, די ישיבה־בחורים, חיים אייל פֿון דער מעכאַנישער בעקערײַ, דער מילנער, הורט־קונים, קרובים, שכנים, באַקאַנטע. ר׳ שלום — זאָגט ער צו זיך — מ׳דאַרף זיך אונטערגאַרטלען; איין טאָכטער, די עלטסטע, די פֿאָלגע באַלעבאָסטע, די בריה — פֿירן צו דער חופּה.

אין די שבתים קומט משה אַן אויסגעפּוצטער, אַן אָפּראַזירטער, אַ ווײַס־געמאַנגלעוועט אויבערהעמד, קאָלנער־בינדע. דער טאַטע דרימלט אויף דער סאָפֿע. ס׳„ייִדישע היטעלע״, וואָס ער טראָגט נאָר שבת (אַ גאַנצע וואָך — אַ קאַשקעט) — פֿאַררוקט איבער די אויגן... חבר׳ה יונוואַרג — אויפֿן הויף, די גרעסערע — אין גאַס, דער גוטער יאָר ווייסט זיי ווו. פֿון משה׳ס פּנים, פֿון דער צוגעשוירעגער „מישקע״ טראָגט זיך אַ ריח פֿון אָדעקאָלאָן. ער שמייכלט. אין שטוב אַרײַן שמייכלט ער, קוקט אויף די ווענט, ווי ער וואָלט זיי צום ערשטן מאָל געזען. פֿאַרוואָס שעמט ער זיך קוקן איר גלײַך אין פּנים אַרײַן? אָט־אָט — תּנאים, באַלד די חתונה, און נאָך אַלץ אַ שעמעוודיקער. העכער אַ יאָר, ווי מ׳גייט אויף ערנסט, אויף אַ צוועק — טראַכט זי זיך, וויל אים איבערפֿרעגן און פֿרעגט נישט.

זי פֿילט זײַנע בליקן אויף איר נאַקן. וואַרט ער זאָל עפּעס זאָגן, עפּעס פֿרעגן. זי וויל הערן זײַן קול, וויל זי.

זײַן קול. ער איז אַציִנד העכער ווי אַלע טעג פֿון דער וואָך. נישט דער זעלבער משה אויפֿן שוסטערבענקעלע. די עטלעכע ווערטער וואָס ער האָט אַרויסגע־רעדט, קלינגען אויך אַנדערש, ווי אַלע טעג פֿון דער וואָך. העכער, שענער קלינגט זײַן שטימע:

— פֿריידקע?

* קוראַזש.

— וואָס, משה?

— ביסט בייז אויף מיר?

— פאַרוואָס זאָל איך זײַן בייז?

— כ׳זע, דו קוקסט אַוועק.

פריידקע ענטפערט נישט. אַ גרויסער מאַן, אַ שיינער מאַן, און אַ פאַרליבטער נאַר — זאָגט זי צו זיך. זאָל זי אים זאָגן, אַז זי בענקט נאָך זײַן קול? אַז זי הערט אים נישט, ווערט איר אומעטיק? אַז ער איז אַצינד העכער, שענער, דער ריח פון אַדעקאָלאָן פאַרשמעקט די שטוב?

— האַ, פריידקע?

זײַן קול ציטערט אין איר אויף, גיט אַ זאַט, ווי קאַלטע טראָפּנס אויף אַ הייסער פּײַערקע. זי וויל אים ענטפערן און געפינט נישט דאָס וואָרט.

— אפשר אַ גלעזל טיי מיט לימענע, וואָס דו האָסט ליב?

— דיך האָב איך ליב.

— אַ דאַנק.

— זעץ זיך צו, פריידקע, ט׳מען עפּעס רעדן.

האָבן שוין אַלע שכנים, דער קרעמער, די קונים, וואָס קומען אין קראָם, אין בעקערײַ, די מעל־סוחרים, אַפילו די טרעגער וואָס טראָגן פון וואָגן אַראָפּ די זעקלעך מעל אין בעקערײַ — וויסן: אַלע וויסן: — שלום בעקער מאַכט חתונה די טאָכטער, די שיינע — פריידקע האָט חתונה.

6

לעצטער שבת־צו־נאַכטס. מאָרגן פֿאַרטאָג. גייט אָפּ דער צוג קיין וואַרשע. די מאַמע אין שבת־טונקל — בײַם פֿענצטער. דרײַ שטערן קוקן אַרײַן. זי מורמלט „גאָט פֿון אברהם". זי בעט אויס „אַ פּולע וואָך", געזונט און פּרנסה. די ברידער — זיך צעגאַנגען: איינער — צו מנחה־מעריב, איינער — אין פֿאַראיין אויף אַ פֿאַרלעזונג, איינער — אין ביבליאָטעק טוישן אַ בוך, איינער אויף אַ שפּאַציר מיט אַ מיידל; צוויי ברידער, אַפֿרימקע און חיים? — ווער ווייסט ווו? מאַלע ווו ייִנגלעך גייען שבת־צו־נאַכטס? פֿריידקע — בײַם שפּיגל. משה דאַרף באַלד קומען.

יאָסל. מיט אַנדערהאַלבן יאָר עלטער פֿון אים — אַ טענצער. גייט אויף „זאַבאַוועס". איין מאָל איז ער מיטגעווען. די מיידלעך האָבן „געקלעפּט" אין אים. אַ שיינער יאָט, דער שענסטער פֿון אַלע ברידער.

ער האָט באַוווּנדערט — דעם אמת געזאָגט, נישט אָן קנאה — זײַן שיין שטעלן די פֿיס בײַ אַ וואַלס, אַ טאַנגאָ. זײַן עלאַסטישער בייג, קנייטש; זײַן צוגייַן צו אַ מיידל — תּמיד די שענסטע — מיט אַ נייג, מיט אַ זשעסט פֿאַרבעטן זי צום טאַנץ. אַ ווײַס העמד, געפּרעסטן הויז מיט אַ שאַרפֿן קאַנט, אַ גלאַנציק לעטשל. זײַן שטעל, זײַן באַוועגן זיך צום ריטעם פֿון דער מוזיק, דער עלעגאַנ־טער אַרומנעם דעם מיידלס טאַליע — האָט בײַ אַלעמען אויסגענומען. ס׳פּנים האָט געלויכטן אויף אים. אַ פֿריילעך פּנים, פֿייערדיקע אויגן, צעשמייכלטע.

ער האָט דאָס צוגעזען... ער, תּמיד פֿאַרשטופּט אין אַ ווינקל שטוב מיט אַ שרײַבפֿעדל און שטיקל פּאַפּיר. מיט זיי האָט ער זיך „געווייַלט". זיי האָבן צו אים „גערעדט".

ס׳מאַמעלע שטייט נאָך אַלץ בײַם פֿענצטער, מיט איר געמורמל אויף „אַ פּולער וואָך" און ס׳זאָל, חלילה, קיינער נישט פֿעלן. „אַזאַ ביטערע צײַט".

דער טאַטע איז געגאַנגען זײַן אײַליקן גאַנג אין בעקערײַ גרייטן אַ ראַשטשינע, אונטערהייצן דעם אויסגעקילטן אויוון. דער שאָטן פֿון דער אָנקומענדיקער נאַכט ליגט אויף דער שוועל. זײַן לעצטער שבת־צו־נאַכטס אין דער היים.

צוריק אין וואַרשע. אויס מיט די ביליקע רעסטאָראַנען, מיטן לויפֿן אין שפּײַזקרעמל איטלעכן אין דער פֿרי (אָפּט פֿאַרגעסט ער, די שטוב איז תּמיד ליידיק) סאָראַ, זײַן חברטע, איז אין שטוב. דאגהט פֿאַר אַ פֿרישן ביס, אַ לײַכטן

מיטאָג. זי אַרבעט אויך עטלעכע שעה אין טאָג ביי אַ יונג פּאָר פּאָלק אויף קאַנדיציע ביי אַ קינד. האָט צייט צו פירן די באַלעבאַטישקייט.

אויס מיט די מיידלעך, חברטעס, יאַטעכעס, וואָס פלעגן פון מאָל צו מאָל אַרויפקומען אין זיין קאַוואַלערסקי צימערל אויפן זעקסטן שטאָק, אָן אַ ווינדע. די זעלבע יאַטעכעס פון דער היים, אַ ביסעלע עלטער, אָרעם אָבער ריין געקליידט.

מיט אַ לייכטקייט פון צעפּרילינגטע ביימלעך, וואָס שיילן אויס פון זיך אַ נייע קאָרע, וואַרפן זיי אַראָפּ פון זיך די „אַלטע באַגריפן", „קליינבירגערלעכע אורטיילן". רעדן פון „פריַיער ליבע". אָבער נישט צו אים האָבן גערעדט זייערע בליקן, נישט אים האָט מען געמיינט. ס'האָט אים צו זיי געצויגן און ער האָט זיי נישט געוואָלט זען. אים איז נאָך אַלץ שווער געווען צו צעברעכן די באַריער — פאַרשעמטקייט. ס'פּנים האָט געשמייכלט, דער שמייכל — אַ מאַסקע: מער, וואָס זי פאַרשטעלט — דעקט זי אָפּ... אַ געדאַנק, ווי אַ מייַזל אונטער אַ בעזעם — אָן אַלטער באַהאַלטענער געדאַנק — האָט געגריזישעט אין מוח: „טיילט טאָקע די נאַטור איר האָב און גוטס אויף אָן אומנאַטירלעך — אַמאָל אכזריותדיקן אופן?" ער ווייסט אויך, אַז די נאַטור פאַרגיטיקט. רעקאָמפּעסאַטע. ווו איז זי? אין די שטיקלעך פּאַפּיר? און צוריקגעשמועסט: לייענט ער דאָס בריוועלע, ווי מ'זאָגט, אויף צוריק: גיין אויף זיינע פּאַפּירענע בריקן צו אויסגעחלומטע פּאַלאַצן: זיסע שרעק פון גיין איבער אַ טיפן תהום, איבערן תהום — אַ ציַיבערבאַרג — איז דאָס נישט די טבע פון אַ דיכטערישער נשמה? ליגט נישט אין דעם דער זינען פון שטאַרקע שפּירונגען, איבערלעבונגען? איז דאָס נישט בילכער פון דער לעבלעכקייט פון נאַרמאַטיוון לעבנסאַרט פון די זאַטע צופרי־דענע מיט זיך, די, אַזוי צו זאָגן, גליקלעכע?

מחשבות. רעיונות — אַ הוידלקע. מחשבות — גזלנים. ייִדישע גזלנים. זיי הרגענען נישט, מאָרדן נישט. זיי טוען דיך אויס נאַקעט און לאָזן דיך שטיין פאַרן שפּיגל... ס'געשטאַלט וואָס קוקט פון דאָרטן אַרויס געפעלט אים נישט. ער האָט עס פייַנט, ווייל עס אָפּיאָגן פון זיך און ס'גייט אים נאָך, ווי אַ שאָטן...

*

ערשטער טאָג מלחמה. דייַטשיש מיליטער איז אַריבער די פּוילישע גרענעץ. דייַטשישע מעסערשמידטן שניַידן דעם האַרבסטיקן, פּוילישן הימל. נידעריק טראָגן זיי זיך מיט אַ מוראדיק גערויש און געזשום. עס טרייבערט די נערוון. אומגע־הייערער פּחד. כאָטש מ'האָט געוווסט, מ'האָט זיך געריכט אָבער ווען עס געשעט, און דערצו מיט אַזאַ פּלוצעמדיקייט, גרויזאַמקייט — פאַרלירסטו זיך. די ווירק־לעכקייט שטייַגט איבער די פאַנטאַזיע. מ'האָט געלעבט מיט פּחדים די לעצטע

חדשים, וואָכן. זיך פאַררעדט, פאַרטאָן, פאַרזיסט מיט אַ שמייכל, אַ שטייגער מ׳נעמט איַין אַ ביטערע פיל מיט אַ זיס לעפעלע טיי.

נידעריק איבער די הויכע היַיזער, איבער די שפּיצביימער פליִען זיי. מ׳זעט די קעפּ פון די פליִער אין די אייזערנע העלמען, ס׳מאַשינגעווער אין זייערע הענט זעט מען. זיי צילעווען אין די שטובן, אין די פענצטער, אין די מענטשן אין בהלהדיקן, אַנגסטיקן געלויף. אַ ברומען, אַ פיַיפן פון סירענעס. עס לעכערט די אויערן. דער קאָפּ — דול, משוגע. קוקסט נישט אַרויף, אָבער פילסט איבערן קאָפּ די שטאָלענע פייגל.

צו מאָרגנס פאַר טאָג — מענער, יונגע און אַלטע, אויך פרויען, ווער נאָר ס׳קאָן האַלטן אַ לאָפּעטקע אין האַנט: יאָ, אויך גאַזמאַסקעס, וואָס מ׳האָט אַ טאָג פריִער אין איילעניש געטיילט — צו צוויי, צו דריַי, פיר און גרופּעסוויַיז שפּאַנט מען אויף זשאַליבאָזש, מערבדיק פון וואַרשע, גראָבן אָקאָפּעס.

ער, זיַינס אַ שכן און אַ פרוי, מיט לאָפּעטקע און גאַזמאַסקע, צווישן אַלע. סאַראַ — דערוויַיל נישט. זי פילט זיך נישט גוט, האָט זי געזאָגט. געמיינט אַוודאי, ער וועט באַלד צוריקקומען וועט מען באַשליסן וואָס צו טאָן. ער גייט מיט אַלע און איז — אַליין: אַליין מיט זיַינע געדאַנקען, פאַרדראָסן, ערגער־נישן. ער קאָן עס זיך נישט שענקען? פאַרוואָס איז ער פון דער היים אַוועק? אַזאַ צײַט, אַזעלכע ביטערע נייעס. אַ שוועסטער פאַר אַ חתונה. אַ טאַטע־מאַמע, ברידער. אַלע געלאָזט און צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע. איז וואָס, אַז מ׳ווינט מיט אַ חברטע? לאָזט מען איבער אַ שטוב, אַ היים? ער האָט געוווּסט, געדענקט, אַז ער טוט אַ זאַך וואָס מ׳דאַרף נישט טאָן. אַ, דאָס קאַרטל: אַ קאַרטל דער־האַלטן פון סאַראַ באַלד אויפן פערטן, פיפטן טאָג: „קום צופאָרן. קום וואָס פריִער. איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן, אַ געניַיטיקע זאַך זאָגן״.

ער האָט שוין געוווּסט... ער האָט שוין פאַרשטאַנען... איידער ער איז צו גאַסט אַהיימגעפאָרן, האָט זי מער מיטן אויפפירן זיך, ווי מיט ווערטער אים צו וויסן געגעבן... מגלה געווען דעם סוד, וואָס איז שוין פאַר אים קיין סוד נישט: שוואַנגערט. זיַין זרע, זיַין קינד טראָגט זי אונטער אירע ריפּן. זי איז אַליין. מער ווי אים האָט זי נישט. זי וויל, דאַרף זיַין מיט אים צוזאַמען. ער קאָן נישט, ער טאָר נישט זי לאָזן אַליין.

ער געדענקט נישט ווי לאַנג דער וועג קיין זשאַליבאָזש האָט געדויערט. ער געדענקט, אַז אַ סך מענטשן האָט מען שוין געטראָפן אויפן וועג צוריק. ס׳איז נאַריש, אַן אומזין מיט לאָפּעטקעס גיין גראָבן אָקאָפּעס, ווען דיַיטשישע טאַנקן, שווער־אַרטילעריע, מאָטאָריזירטע אָפּטיילונגען יאָגן אויף וואַרשע. ער דער־מאָנט זיך: ער האָט זיך אויף אַ וויַילע פאַרהאַלטן. גראָד אין די גרויליקע, גורל־

דיקע מינוטן — זיך פאַרדמיונט. אַהין און צוריק איז ער געגאַנגען. אויף אַהין און אויף צוריק, צוריק...

די באַקאַנטשאַפט מיט סאַראַ. יענעם אָוונט אויף דער „ווילדער פלאַזשע" מיט העכער אַ האַלב יאָר צוריק. ווי אַזוי איז דאָס שיינע מיידל, דאָס פשוטע מיידל, אַט די זשומענדיקע פליג, אַריין דורך אַ זײַטיק פענצטערל פון זײַן יונג־בחוריש האַרץ — אַ צעריסנס, אַ פאַרבענקט'ס, אַ פאַרפּײַניקטס: אַרײַן אין „פענצטערל" אויף נישט אַרויס.

ווער האָט זי דערצו געשטויסן? וואָס האָט זי אין אים געזען? פאַרוואָס האָט עס קיין אַנדערן נישט געטראָפן? אַ שיין פשוט מיידל. העכער פון מיטעלן וווּקס. שוואַרצע, גרויסע אויגן. אַ קאָפּ שוואַרצע האָר פאַרנומען מיט אַ סטענגע, אַמאָל אַ שלייף — אַ פויגל מיט צעשפּרייטע פליגל.

אַ מיידל, יינגער פון אים מיט דרײַ, אפשר פיר יאָר. אַ שמייכעלע, אַ נאַריש געלעכטערל, אַן אומשולדיקס. נעמט נישט קיין בוך אין האַנט אַרײַן, קיין צײַטונג. האָט ליב קינאָ, פּיקאַנטע פילמען. קאָן אַ סך נעמען פון קינאָ־סטאַרן. אַ לאַנגווײַל שלאָגט אַרויס פון שיינעם פּנימל, וואָס זאָגט גאָרנישט און צווינגט דיך צו קוקן דאַרויף. עס האָט אים באַלד די ערשטע טעג, די ערשטע עטלעכע וואָכן פאַרדראָסן אויף זיך אַליין, פאַרדראָסן אויף זײַנע אומבאַרעכנטע מעשׂים. אַזוי שטאַרק שוואַך בײַ זיך? אַזוי זשעדנע אין ליבע־לאָסקעס? אפשר דער פּחד, די אומהצלחה בײַם „שיינעם מין"? ניין, דער חלום צו ווערן אַ שרײַבער איז נישט קיין „סחורה עובר לסוחר". — — —

זי האָט אַרויסגעוויזן בריהשקייט אין צונויפשטעלן אַ מיטאָג פון שהי־פּהי. סערווירן אַן אָרעמען קאַוואַלערסקי טיש. אין איר טעשל זענען תמיד געווען עטלעכע גראָשן, וואָס האָבן אים געפעלט. פון אַ בשותּפותדיקער קאַסע — צו אַ בשותּפותדיק בעט. אין קורצע מינוטן פון שׂמחת־בשׂרים פאַרגעסטו און ס'איז דיר אַ קנאַפּע נפקא מיניה ווער עס איז דער אָביעקט פון די מינוטיקע פאַרגע־ניגנס. ער'ט זיך צוגעוווינען — האָט ער זיך געפרוּווט אויסרעדן, זיך אַליין איבערצייגן. זי האָט אים ליב. זי איז אים געטרײַ. זי הערט אים. שלינגט מיט די אויערן זײַנע ווערטער. זי וועט גיין מיט אים אויף די אָוונט־קורסן, זי וועט לייענען אַ בוך, אַרײַנקוקן אין אַ צײַטונג. ער וועט זי איבערדערציִען.

לאהקען האָט ער ליב בלב ונפש. אַן איינזײַטיקע ליבע. אַ חלום. אַן אילוזיע. ווען זײַן מאַמעלע וואָלט דאָס געוווּסט, וואָלט זי, אויף איר שטייגער, געזאָגט: „בעסער אַ פליגל אויפן טעלער, איידער אַ קאַטשקע אויפן וואַסער..."

זי איז, קאַנטיק, אַהיימגעפאָרן. די לעצטע עטלעכע וואָכן נישט געזען זי אויף די קורסן. זיך אַפילו מיט אים נישט געזעגנט. אַ פאַרדראָס, אַ ווייטיק.

ער ווינט מיט סאַראַן, שלאָפט מיט איר אין איין בעט און חלומט פון לאהקען. אַן אַ „זײַ געזונט" אַוועק. יאָ, יענע נעכט, שעהען לאַנג זיך געדרייט דרויסנדיק פון דער מומעס הויז, ווו לאהקע האָט זיך אויפגעהאַלטן. זיך געדרייט, ווי איינער וואָס זוכט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן און געפינט — אַ שטיין.

און זי, סאַראַ? „נאָר דו וועסט מיך פאַרשטיין. דו ביסט אַן אינטערעסאַנטער, ווילער בחור".

געזאָגט האָט זי עס מיט אַ תמימות, וואָס צווינגט דיר גלייבן:

„איך האָב דיר מײַן שולד און אומשולד אָפּגעגעבן". שולד און אומשולד — פון איר, סאַראַס מויל. מאָדנע ווערטער. די עטלעכע חדשים, וואָס זיי ווײַנען צוזאַמען הערט ער זיי דאָס ערשטע מאָל. עס האָט אים אינטריגירט. זי מיינט דאָך עפּעס דערמיט. ער האָט נישט איבערגעפרעגט. זי האָט מער דערוועגן נישט גערעדט.

— האָב איך דיך מיט עפּעס באַליידיקט, סאַרקאַ?

— רוף מיך שׂרה, ווי די מאַמע האָט מיך גערופן.

— און דער טאַטע? — האָט ער זיך געוויצלט.

— ער רופט מיך נישט... ער קומט צו מיר...

— איך פאַרשטיי נישט...

— דאַרפסט פאַרשטיין...

— איך בין נישט אַזוי קלוג.

— לייענסט דאָך ביכער.

— נו, רעד, דערצייל.

— ער האָט זיך געטשעפּעט צו מיר...

— ווער?

— ער.

— פאַרוואָס זאָגסטו „ער" נישט טאַטע?

— איך קאָן נישט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „טאַטע".

ער רופט מיך, „פּרינצעסין". אַ טאַכטער רופט מען בײַם נאָמען. וואָלט זי נישט געווען בײַ אים קיין פּרינצעסין וואָלט ער געווען בײַ איר אַ טאַטע.

טרערן זענען איר געשטאַנען אין די אויגן. ניין. נישט קיין טרערן. גלאָנ־ציקע הײַטלעך האָבן זיך געזאַמלט. אויגן — בעכערס איבערפולטע. אָט־אָט רינען זיי אַריבער... זי האָט אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּנים, ווי איינער וויל אָפּיאָגן פון זיך אַ פליג, אָדער — אָפּווישן אַ שאָטן, אַ טונקלעניש, וואָס פאַרשטעלט די ראיה. ניין. נישט קיין וויש — אַ מאַך מיט דער האַנט, מיט אַלע פינגער איבערן פּנים, ווי מ'וויל זיך אין עפּעס דערמאָנען. זי האָט זיך דערמאָנט:

— ביַי נאַכט. זי שלאָפט אַליין אין אַלקער. זי הערט טריט, באָרוועסע טריט, קענטלעכע. אָט שטייט ער לעם איר געלעגער. זי דערשרעקט זיך. וויל אַ געשריי טאָן. ער לייגט צו זײַן האַנט, אַ גראָבע, שווערע האַנט, צו איר מויל:

— ששש... שאַ, פּרינצעסין מייַנע.

מיט דער צווייטער האַנט קריכט ער אַרײַן צווישן איר און דער קאָלדרע... גלעט איר האַלדז און אַראָפּצוצו... זי האָט זיך געררוקט צו דער וואַנט, זיך געקאָרטשעט געוואָלט נישט ווערן... גיי פון דאַנעט, האָט זי געמורמלט, מורא געהאַט צו שרײַען. ווען זי האָט געהערט אין די נעכט זײַנע באָרוועסע טריט זיך דערנענטערן צום בעט — איז איר אַ שרעק באַפאַלן. איין מאָל האָט ער זיך פּלוצעם באַוויזן. זי האָט אַ פאַרשלאָפענע זיך אויפגעזעצט, געוואָלט שרייַען. ער האָט איר פאַרשטופּט דאָס מויל מיט דער פויסט. אַ געבויגענער געשטאַנען איבער איר: שריי נישט — האָט ער שטיל געזאָגט. — געקומען דיך צודעקן, די קאָלדרע איז געלעגן אויף דר׳ערד.

— קום נישט צו מיר, איכ׳ל דערציילן דער מאַמען.

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן, פּרינצעסין.

— וואָס ווילסטו פון מיר?

ער האָט נישט געענטפערט. גענומען איר האַנט, אויף כּוח זי אַ שלעפּ געטאָן און זי אַרונטערגערוקט אונטערן ראַנד פון זײַן העמד... זי האָט באַרירט עפּעס אַזוינס... עס האָט איר געאיבלט. זי האָט צוריקגעכאַפּט די האַנט. איבערגעדרייט זיך צו אים מיט דער פּלייצע.

— ששש... שווײַג — האָט ער פאַרהויבן זײַן האַנט, געוואָלט אַראָפּלאָזן אויף איר מויל. זי האָט זיך אַראָפּגערוקט נידעריקער און זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע.

דער פּחד טאָמער קומט ער נאָך אַמאָל, האָט איר קיין אויג נישט געלאָזט צומאַכן.

— ס׳ט באַדאַרפט דערציילן דער מאַמען.

— די מאַמע? די מאַמע וועט נישט גלייבן. געפּרוווט, געפּרוווט... נישט אמת, האָט די מאַמע זיך געבייזערט אויף איר. „פּלאַפּלסט נאַרישקייטן", ס׳האָט זיך דיר געחלומט. אַ מיידעלע אין דייַנע יאָרן טאָר וועגן אַזעלכע זאַכן נישט טראַכטן. ער איז דײַן טאַטע. ער מיינט נישט דײַן שלעכטס..."

זי איז אַוועק פון שטוב. וואַרשע. צוויי נעכט איז זי געשלאָפן אויף אַ באַנק אין קראַשינסקי־גאָרטן. אויף ניסקי גאַס געפונען אַרבעט ביַי אַ קראַנקער פרוי — מיט עסן און שלאָפן. וואָס האָט זי געזאָלט טאָן? זי האָט געבענקט אַ היים. מורא געהאַט פאַרן טאַטן. פופצן יאָר איז זי אַלט געווען. נישט געענדיקט די

שקאָלע. דאָס לעצטע יאָר נישט געהאַט קיין קאָפּ צו די לעקציעס. שלעכטע סטאָפּניעס. מ׳האָט זי אַהיימגעשיקט. צוויי עלטערע ברידער זענען געווען אין שטוב, אַ קליין שוועסטערל. אַלע האָבן אויף איר קרום געקוקט. געקומען קיין וואַרשע אין אַ זומערקליידל, צוויי העמדער, אַ פּאָר צעריסענע לאַטשן. געזען אַן אַנאָנס אין אַ צײַטונג: „מ׳זוכט יונגע שיינע מיידלעך, קאַנדידאַטנס צו אַ פילם״. זי האָט ליב געהאַט פילמען, קינאָ. פלעגט שעהענלאַנג אָפּשטיין אין דרויסן פון קינאָ. געדענקט נעמען פון די פילמען, סטאַרן. זי האָט זיך צוגעשטעלט.

אין וואַרט־צימער איז קײנער נישט געווען. קאָנטיק זי איז די לעצטע — האָט זי געטראַכט. אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, פון העכערן וווּקס, האָט געעפנט די טיר. אַ מאַן מיט אַ גלאַט־ראַזירט פּנים, טאָפּלטע גאָמבע, אַ פליישיקע נאָז — האָט איר פאַרבעטן אינעווייניק אין דער אָפענער טיר. זי אַ מעסט געטאָן פון אונטער טונקעלע ברילן. זי האָט זיך פאַרשעמט. נישט שיין אָנגעטאָן, אין אַלטע לעטשלעך. אויסגעפרעגט איר פון וואַנעט זי קומט, ווו זי וווינט. צי האָט זי הײַנט געפרישטיקט. ער נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון איר, נעמט נישט אַרויס דעם סיגאַר פון מויל. ער רעדט אַ שיינעם פּויליש. אין שקאָלע האָט זי אַזאַ פּויליש נישט געהערט. צוויידײַטיקע ווערטער. גראָבע זשעסטן. ער איז איר נישט געפעלן. זײַנע רייד זענען איר נישט געפעלן. פּאַסקודנע רייד.

אינעווייניק איז עס צוגעגאַנגען גיך, אַביסל צו גיך. חוץ אים איז אין פּראָבע־צימער קײנער נישט געווען. צוזאַמען מיט די געדיכטע רויכוואָלקנס פון סיגאַר האָט ער אַרויסגעלאָזט באַפעלן:

— אויסטון זיך.

— אינגאַנצן?

— ביז דער אונטערוועש.

זי האָט אַראָפּגעצויגן ס׳קליידל דורכן קאָפּ. ער האָט איר דערלאַנגט אַ קעמל. זי האָט גענומען ס׳קעמל פון זײַן האַנט, געפּרוווט אין אָרדענונג ברענגען די האָר קעגן שפּיגל אויף דער וואַנט. צוליב דער רויכיקער טונקלעניש אין קליינעם צימער — אַ טישל, צוויי שטולן, אַ קאָזעטקע — און צוליבן האַסטיקן קלאַפּן פון האַרץ — איז איר ס׳קעמל פון האַנט אַרויסגעפאַלן. דער מאַן, וואָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען הינטער איר — האָט דאָס קעמל אויפגעהויבן, איר דערלאַנגט. דעם סיגאַר אין מויל זעט זי נישט מער. ס׳מויל שמייכלט. דער שמייכל געפעלט איר נישט. ווען ס׳פּנים פון מאַן איז געווען הינטער איר, האָט זי געשפּירט אַ באַריר פון זײַנע ליפּן אויף איר נאַקן. זי האָט אויפגעציטערט.

— פּאַרדאָן, אומגערן.

זי האָט נישט געהערט זײַנע רייד. נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט

איר. נישט געדענקט, צי האָט זי אַ געשריי געטאָן, צי איז איר קול שטעקן געבליבן אין האַלדז. ווען, וויאַזוי האָט ער פון איר אַלץ אַראָפּגענומען: בײַ אירע אָפּגעדעקטע בריסטן ביז אַראָפּ די אינטימקייטן פאַרען זיך זײַנע גראָבע הענט, האַריקע הענט. זיי פאַרציִען אַ דינעם, שמאָלן פּאַס פון דורכזיכטיקן שטאָף, וואָס דעקט אָפּ מער וויפל ער פאַרדעקט... ווי אַרום אַ מאַנעקין דרייט ער זיך אַרום איר. און זי שטייט ווי אַ גולם. שווײַגט. פאַרוואָס שווײַגט זי? וואָס טוט ער מיט איר?

— אײַנבייגן זיך, אויפהייבן רעכטן פוס.

זי פאָלגט אים. אַ באַפעלעריש קול. פלינק לויפט ער אַרום איר. אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט האַלט ער אין האַנט.

— וואָס טוט איר מיט מיר? — פרעגט זי מיט נישט איר קול.

— רעקלאַמע, מיידעלע. קינאָ־זשורנאַלן כאַפּן דאָס.

— לאָזט מיך גיין — שרייט זי שוין מיט אַ הייזעריק קול.

— די צוצעקעס לעקן דערפון די פינגער — רעדט ער ווײַטער גלײַך ער האָט איר קול נישט געהערט. זי האָט געוואָלט שרײַען, ווערן זיך האָט זי געוואָלט, און נישט געהאַט קיין כּוח. ניין. נישט זי איז עס. אַן אַנדערע, אַן אַנדערע ליגט דאָ אויף דער קאָזעטקע. זי געדענקט נישט, צי האָט ער איר געטראָגן אויף די הענט צו דער קאָזעטקע, צי איז זי אַליין געגאַנגען: אַליין מיט אירע פיס צו דער קאָזעטקע.

צומאָרגנס האָבן זיך צעשריגן די צײַטונגען:

— — — אַן אַלטער קאַוואַלער, אַ הולטײַ, אַ פּוסט־און־פּאַסטניק, אַ זון פון אַ מאַגנאַט האָט זיך רעקלאַמירט פאַר אַ בינע־סטאַר. אַ פילם דרייט ער. אַפּנים נישט איין מיידל פאַרדרייט דעם קאָפּ, איז אַ קרבן געפאַלן פון דעם שאַנטאַזשיסט. די צײַטונגען האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין פּיקאַנטע פּרטים פון די „אויפנאַ־מעס", צעלייגט אויף טעלערלעך גלייך זיי וואָלטן דערבײַ געווען.

די „שיינע" נײַעס מיט אַלע פּיטשעווקעס האָט זיך דערטראָגן אין שטוב אַרײַן. ערשט, אַז זי איז אַהיימגעקומען האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות: „אַן אַקטריסע האָט זיך איר פאַרגלוסט. רעקלאַמעס. קינאָ. וואַרשע מיט אירע זשור־ליקעס. אַ שפּילערין. שיין אויסגעשפּילט" — האָט די מאַמע אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ. טאַפּלט ביטער האַרץ מחמת אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אויך וועגן איר טאַטנס „מעשׂים", האָט זי געוווּסט און געשוויגן, נישט געוואָלט מאַכן קיין „לייטישע געלעכטערן אין שטוב".

און שכנים?

— ס'אומגליק האָט זיך אָנגעהויבן פריִער, אין שטוב.

— מאַטל סטאָלער, דער טאַטע אירער...

— אַז עס גייט גוט מיט קינדער — זאָגט אַ ווערטל — איז עס דעם טאַטנס און דער מאַמעס נחת: טאָמער גייט עס, חלילה, שלעכט — איז עס דער מאַמעס צרה.

די מאַמע האָט שטיל באַוויינט איר ביטער מזל. זי האָט געזען — האָט זי דען געקאָנט נישט זען? — ווען ער שאַרט זיך אַרויס פון בעט און גייט אין אַלקער... איין מאָל, נאָך אַמאָל. ווו ווערסטו נעלם? האָט זי סתם אין אַ הלצה אַ פרעג געטאָן. „ער גייט פּאַפּראָווען ס׳קישן אונטער איר קאָפּ”. „ער גייט איר צודעקן”. די מאַמע האָט געשוויגן. אַ שוואַכע פרוי, איר מאַמע. נאָכן געבורט פון איר קליין שוועסטערל איז זי אַרײַנגעפאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע. זיך געדאָק־טערט. איר מאַמע פלעגט זאָגן, אַז „פון נחת לעבט מען נישט און פון צרות שטאַרבט מען נישט”. אַ שיין ווערטל. אָבער מיט איר איז גראָד געשען פאַרקערט: טאַקע קראַנק געוואָרן. געפאַלן צו בעט און זיך נישט אויפגעהויבן.

איר מאַמע איז געשטאָרבן, אָבער נישט מאַטל סטאָלערס ווײַב. צום יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט אַן אַלטער, פאַרזעסענער מויד, אַ טאָכטער פון אַ רײַכן מאַן, פון די גאָר „הויכע פענצטער” — האָט מען געשמועסט. אַן אַלט מיידל, אַז זי האָט חתונה — זאָגט אַ ווערטל — ווערט זי איבער נאַכט אַ יונג ווײַבל...

פאַר איר איז דאָס „ווײַבל”, די נעכטיקע פאַרזעסענע מויד, געוואָרן אַ — מאַצאָכע. אַ שטיף־מאַמע.

נו, וואָס האָט זי געהאַט צו טאָן אין שטוב? — ווידער וואַרשע.

די פרעמד, די עלנט האָט געדריקט. זי האָט געבענקט אַ היים. איז עס דען אַ היים? — אַז איר מאַמע האָט געלעבט איז שטוב געווען שטוב. אַ שבת, אַ יום־טוב. שבת נאָך מיטאָג: איז געווען אַ שיינער דרויסן, האָט דער טאַטע געכאַפּט אויף זיך די שבתדיקע קאַפּאָטע, גוט געמאַכט אויף זיך דעם קאַשקעט, אַרײַן אין די שיך, שטיוול — אַרויס פון שטוב. האָט שוין די מאַמע געוווסט, אַז זי דאַרף נאָכגיין. אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם שלאָפראָק, אָנגעטאָן אַ שבתדיק קלייד. איז קיל אין דרויסן — נעמט זי אויף זיך אַ זשאַקעטעלע. גרויסע תבואה־פעלדער האָבן זיך געצויגן ווײַט פון שטוב. צווישן פעלד און פעלד — מיעזשעס. גייט מען פּאַמעלעכקע — פלעגט די מאַמע דערציילן. פייגעלעך פליִען פון ערגעץ אָן. שיין געווען צוקוקן: איינס שטעלט זיך אויף אַ הויכער זאַנג, וואָס האָט, קאָנטיק, אויסגעמיטן מ׳שניט פון דער קאָסע. — אָט שטייט עס, ס׳פייגעלע, אַ וויג און אַוועק. אַ צווייט׳ס מיט צעפּאָכעטע פליגעלעך נעמט זיך דרייען אַרום פייגעלע — מעשה גבר — דרייט זיך אין האַלבן קרייז, פלאַטערט, פליגלט און

שפּרינגט אונטער. און אַט — שנאָבעלע צו שנאָבעלע, אַ קושעניש, אַ ליובעניש אַזאַ. אַ פאַרליבט פּאָרל אַוודאי. אפשר גאָר אַ פּרײַלין און ער, דער ער — אַ קאַוואַליער, אַן „אַכאַזשאָר״... און שוין איינס אויפן אַנדערן, טרייסלען זיך, שטויסן זיך.

— זעסט כאָטש, חנה, וואָס דאָ טוט זיך?

— וואָס דיר ליגט אין זינען...

— וואָסי, מײַן נשמה איז אַ ראָזשינקע?

די מאַמע איז נאָך דעמאָלט געווען אַ געזונטע. אין גוטן געמיט, ווי מ׳זאָגט, האָט זי ליב געהאַט איבערדערציילן די מעשׂה מיט די פאַרליבטע פייגעלעך (אַ סברה, אַ פּאַרגעפּיל געהאַט, אַז אַזעלכע זאַכן „ליגן אים אין זינען״). אַ שאָד, אַ שאָד. אַזוי יונג פון דער וועלט געגאַנגען.

אויך דער טאַטע האָט דערציילט:

די ליבע־שפּיל אויפן פרײַען פעלד האָט אים אין עפּעס דערמאָנט. איידער ער האָט זיך אויסגעלערנט סטאָלערײַ, איז ער אַוועק אויף דער לער צו אַ בעקער. פאַרפרי, פאַרן אַרויסנעמען ס׳ברויט פון אויוון, האָט ער ליב געהאַט אייגהאָרכן זיך אין געטשווירק פון די פייגעלעך אויף אַ ביימל אין הייפל עטלעכע מעטער פון דער בעקערײַ. ער לויפט אַרויס אין דרויסן מיט אַ זשמעניע אָנגעקרישלט ברויט און גיט אַ צעשיט. מניה וביה יאָגן אָן די פייגעלעך, נעמען פּיקן. שפּרינגען, האַפּסלען פון קרישקע צו קרישקע. פאַרטאָן אין דער אכילה — גיט ער אַ וואָרף אויף זיי אַ רעשעטע. אַ סך צעפליִען זיך. דערשראָקענע בלײַבן עטלעכע אויפן אָרט, די רעשעטע — איבער זיי. ער בייגט זיך אײַן, הייבט אונטער די רעשעטע, שטעקט אַרונטער אַ האַנט און נעמט זיי איינציקווײַז אַרויס. וואָס טוט ער מיט זיי? אַ שטײַגל האָט ער געמאַכט. האַלט ער זיי אונטער עטלעכע טעג, קאָרמעט זיי מיט שטיקלעך ברויט, חלה, מיט קרישקעלעך טייג, גיט זיי אָנצוטרינקען. ער האָט ליב צו זען, ווי זיי שפּרינגען, טאַנצן פון לײַסטעלע אויף לײַסטעלע, שטעלן זיך אויף די דראָטלעך פון שטײַגל, טשווירקען. גאָר אַן אַנדער טשווירקען איז עס. שוין נישט ווי אויפן ביימל. אפשר איז עס אַ געוויין? אַ פויגליש געוויין? ער איז דאָך נישט שלמה המלך, וואָס קען די שפּראַך פון פייגל, חיות. אַ רחמנות אים אויף די ברואימלעך. עפנט ער ס׳שטײַגל און — היידאָ, פליט פייגעלעך!

זי האָט ליב געהאַט די שטוב, די מעשׂיות וואָס די מאַמע און דער טאַטע פלעגן דערציילן. זי געדענקט: נאָכן דערציילן די מעשׂה פון טאַטן מיט די פייגעלעך ווען ער איז נאָך אויף דער לער געווען בײַ אַ בעקער, האָט איר מאַמע, איר קלוגע מאַמע, אַזוי געזאָגט: „אַז מ׳האָט נישט קיין יוגנט, מאַכט מען זיך נאַריש אויף דער עלטער״.

„עלטער". סך־הכל — אַ ייִנגל פון אַ יאָר פופצן, זעכצן. „לאַנגעוויטש" האָט מען אים אַ צונאָמען געגעבן. אַ הויכער, אַן אויסגעוואַקסענער. שמאָלע פּלייצ־קעס, לאַנגע הענט. אַ רוי גלאַטיק פּנים פון איינעם, וואָס מ'האָט אויפגעוועקט צו פרי.

מאַמע נישטאָ. אויך ער (דער טאַטע) איז ווי איבער נאַכט, ווי די מאַצאָכע, געוואָרן אַן אַנדערער. די ערשטע עטלעכע וואָכן איידער זי איז ווידער אַוועק קיין וואַרשע, האָט זי זיך פון אים אָנגעהערט רייד, מאָדנע רייד, וואָס ער פלעגט ברענגען פון שולעכל, ווו ער האָט געדאַוונט.

„ער איז אַ בעלן צו וויסן אין וועלכע ספרים שטייט געשריבן, אַז אַזאַ סגאָל מענטש, ווי ער, דאַרף בלײַבן אַן אַלמן אויפן גאַנצן לעבן".

„גאָט אַליין שעלט אַן אַלמן".

„צו אַן אַלמן טשעפּעט זיך דער יצר הרע".

און אַז די מאַמע האָט געלעבט, האָט זיך נישט געטשעפּעט צו אים דער יצר הרע ?...

*

דריטער טאָג מלחמה. טיר און פענצטער פאַרהאַנגען בײַטאָג און בײַנאַכט. פינצטערע נעכט. אויך אַ לעכט אָנצינדן אין שטוב איז פאַרבאָטן. ס'ראַדיאָ־קעסטל — שטום. טויט. אָפּגעריסענע ידיעות וועגן פאַרביסענע קאַמפן פון רעשטלעך צעקלאַפּטע מיליטערישע כּוחות, פּוילישע. מאָטאָריזירטע דײַטשישע מיליטערישע איינהײַטן, שפּאַרן פון אַלע זײַטן קיין וואַרשע. אין מינסק־מאַזאָ־וויעצק, קנאַפּע פערציק קילאָמעטער מערבדיק פון וואַרשע — זאָלן זיך האָבן אַרײַנגעריסן דײַטשישע טאַנקן. פײַערן פון ברענענדיקע וועלדער זעט מען פון ווי ווײַט. הויכע, פיר־פינעף שטאָקישע הײַזער פאַלן, צעשיטן זיך. שטיינער. גרוזן. רויך. ס'זשומען פון באָמבאַרדירער לעכערט די אויערן.

פון די צוויי בריקן איבער דער ווײַסל — פּאָניאַטאָווסקי און קיערבעדזשער — איז די פּאָניאַטאָווסקי אויפגעריסן. אַ פּאַניק. מענטש און ראָדפאָרקער, טראַמ־ווייען — אין געהויל, געפײַף. געוויינען, געשרייען איבעררופן זיך אין אַנגסטיקן געשריי און געלויף. מ'לויפט צו דער קערבעדזשער בריק, גלייך דאָרט אַהין קאָנען די באָמבאַרדירער נישט טרעפן.

קיין פראַגע. פון פראָגע — ווײַטער. ווו דער „ווײַטער ? — ווייסט קיינער נישט. אויף מזרח לויפט מען. אין די פאָרשטעט פון וואַרשע, אין די אָרומיקע דערפער לויפט מען מיט גרויס און קליין געפעק ; מיט קינדער אויף די הענט, קינדער בײַ די הענט, אַלטע לײַט — אויף פורלעך. אונטער די אָרעמעס פירט

מען זיי. וווּהין פירט מען ס׳אַלטוואַרג, צו דער חופּה?... צו דער שוואַרצער חופּה... נישטאָ קיין טרונק וואַסער. די וואַסערלייטונג צעשטערט. מ׳לויפט מיט געפּעסן: טשייניקעס, פלעשער צו דער ווײַסל.

קלאַנגען: פראַנקרײַך, ענגלאַנד גרייטן אַ קעגן־אַטאַקע. פּוילן האָט אַ מיליטער־רישן פּאַקט מיטביידע לענדער. אין פאַל פון אַ מלחמה — קומען זיי צוהילף. זיי וועלן נישט לאָזן פאַלן פּוילן. מ׳לויפט מיט אונטערגעהאַקטע פיס און מ׳קוקט אַרויף צום הימל, מ׳זוכט ענגלישע, פראַנצויזישע עראָפּלאַנען... ער און סאַראַ, עטלעכע נאָענטע שכנים מיט וועמען ער איז מיט דריי טעג צוריק אַרויס גראָבן אָקאָפּעס — מיטן שטראָם אַנטלויפנדיקע צו דער קיערבעדזשער בריק. ער אין אַ זומערמאַנטל, אַ בערעט אויפן קאָפּ, סאַראַ — אין אַ באַרכעטן קליידל מיט די שליסלען אין האַנט. איבערגעלאָזט לעשנע זעקס אויף גאַטס באַראַט.

נישטאָ קיין צײַט צו טראַכטן וועגן ביסל אָרעמקייט, וואָס זיי האָבן אויבן אויפן זעקסטן שטאָק געלאָזט. נישטאָ קיין צײַט מורא צו האָבן. דער קאָפּ — אויף רעדער. קיין ביסן, קיין טרונק אין מויל נישט געהאַט. פון צעמישעניש טראָגט זי נאָך, סאַראַ, די גאַזמאַסקע, די לאָפּעטקע און די שליסלען.

— וואַרף אַלץ אַוועק. קום שנעלער!

אַ הייסער טאָג. פאַרנע. אָט אָט פאַלט אַראָפּ אַ רעגן. זאָל זיך אַראָפּלאָזן אַ כליאַפּ. זאָל רעגענען. זאָל פון די הימלען גיסן מיט צעבערס. זאָל זיי פינצטער ווערן אין די אויגן, די מחבלים אין די באָמבאַרדירער און אויפהערן „לייגן אייער", טרענצלען די לופט. אַ מבול, גאָטעניו, אַ מבול זאָל אַראָפּ אויף דער ערד און אַן עק, אַ סוף זאָל עס נעמען.

שׂרה האַלט אים פאַרן אָרעם. ס׳איר שווער צו לויפן. קוים וואָס זי גייט. אַ וואַקלדיקער, שווערלעכער טראָט.

נאָענט פון דער קיערבעדזשער בריק, וועמען זעט ער, וועמען זעען זיי — גיט אים שׂרה אַ טאָרע — איר טאַטן, אַן אָנגעבויגענער איבער אַ וואָגן געשפּאַנט צו אַ פערד, אַ פולער וואָגן מיט געפּעק, געפּעסן, שטוב־באַלעבאַטיקייט. מיט אַ פוס אָנגעשפּאַרט אין אַ ספּריכע פון אַ ראָד שטייט ער. לעם אים — ס׳שוועסטערל,ביידע ברידער.

— אונדזער „האָב און גוטס" — דרייט ער אויס צו איר דעם קאָפּ. קוקט איר גלײַך אין די אויגן אַרײַן.

— ווער איז ער? — ווײַזט ער אָן מיט אַ פינגער אויף אהרעלען.

— מײַן חבר.

— אַזוי?

— יאָ.

— נו, זאָל זײַן מיט מזל.

זי ענטפערט נישט. זײַן פּנים באַוואָקסן, געקנייטשט, נישט געוואַשן. קאַנטיק אויך נישט דערשלאָפן. גראָע האָר אין געדיכטן, קורצן בערדל.

— נו, וואָס דאָס שטיין? נישטאָ קיין צײַט — מאַכט ער.

אַלע שווײַגן.

— ווּהין? קומט — רופט ער זיי ביידע צו נענטער.

— ווו איז „זי"? פרעגט סאַראַ, כּדי איבערצורײַסן ס'שווײַגעניש און נישט ענטפערן אויף זײַן „פאַרבעטן"...

— דײַן שטיפמאַמע?

— די מאַצאָכע.

— געבליבן מיט איר רײַכן טאַטן. נו, שטייט נישט ווי די גולמס, קינדער. מ'דאַרף רירן פון אָרט.

„קינדער"... אַכיבע די ברידער מיטן שוועסטערל. זאָלן זיי פאָרן מיט אים.

— וואָס שווייגסטו?

סאַראַ האָט געדרייט מיטן קאָפּ אויף „ניין".

— נאַריש מיידל. מלחמה.

— איך בין מיט אים, מיט מײַן חבר.

— אַזוי גאָר?

— שׂרהלע קום מיט אונדז — רופט זיך אָן ס'שוועסטערל.

— ביידע ברידער קוקן זיך איבער, קוקן צום טאַטן. שווײַגן.

— אַזוי געזעגנט מען זיך מיט אַ טאַטן?

— מיר פאָרן נישט מיט דיר.

„דיר", און נישט „טאַטע", האָט זי געזאָגט. זאָלן אויך די ברידער הערן, ווי אַזוי זי רעדט צו אים. זיי ווייסן פאַרוואָס... זיי שווײַגן. גוט טוען זיי, וואָס זיי שווײַגן. אַוודאי איז איר אויפן שפּיץ צונג געלעגן דאָס וואָרט „טאַטע". זי האָט עס נישט געקאָנט אַרויסזאָגן. זי האָט נישט געקאָנט גלײַך קוקן אים אין די אויגן — זיינע נישט אויסגעשלאָפענע אויגן. אַ צער איר אויף דעם שוין נישט יונגן מענטש. ווידער אַליין. „ס'יונגע ווײַבל" האָט אים איבערגעלאָזט. „געבליבן מיטן רײַכן טאַטן". גורלדיקע מינוטן. „אַזוי געזעגנט מען זיך נישט מיט אַ טאַטן." זי זעט די רעדער, טונקעלע, גרויסע אויפגעלאָפענע רעדער אַרום זײַנע אויגן. אַ טאָפּלטער ווייטיק דריקט איר האַרץ. זי פילט אויך וואָס בײַ אים אין האַרץ טוט זיך. ער דרייט אָפּ דעם קאָפּ אין אַ זײַט. ער קוקט כּלומרשט אַוועק און זעט, ווי זי טוליעט זיך צו אים, צו איר חבר.

און אַהרונען זענען דווקא אין די רגעס, די אײַליקע רגעס, אויפן זיבען

געקומען וואָס זי, סאַראַ, האָט אים אָנדערציילט וועגן איר טאַטן. וויפל מאָל ער האָט זיך בײַ איר געבעטן:

— זאָג מיר טאַטע, ביסט דאָך מײַן קינד. זי האָט נישט געענטפערט. געוואָלט האָט זי זאָגן: — אַזוי טוט נישט אַ טאַטע צו אַ קינד. זי איז שוין נישט קיין קינד. ער קאָן נישט זײַן איר טאַטע. אַ טאַטע איז אָן אַנשפּאַר. איר מאַמע, עליה השלום, פלעגט זאָגן „אַ שטיץ". און ער האָט אויף איר אָנגעוואָרפן אַ מורא. זי איבערגעשראָקן אויפן גאַנצן לעבן. מיט דער צײַט, מיט יעדן יאָר וואָס זי ווערט עלטער — פילט זי שטאַרקער דעם פחד. עס האָט איר שוין פון לאַנג אויפגעהערט וווּנדערן פאַרוואָס זי קאָן נישט אַרויסברענגען דאָס וואָרט „טאַטע".

„זײַ אים מוחל" — האָט איר ס'האַרץ אונטערגעזאָגט. מלחמה. ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן, ווייסט מען. ווען, און ווי אַזוי זי וועט זיך ענדיקן, ווייסט קיינער נישט. אָט שטייט ער פאַר דיר, דײַן טאַטע, אַ צעבראָכענער ייִד.

זי האָט זיך צעקושט מיטן שוועסטערל. געווישט מיט דער האַנט איר פאַר־ווײנט פּנימל, זיך געזעגנט מיט די ברידער. נישט געקושט זיך. דער טאַטע שטייט און קוקט זיך צו. אויף אַזויפיל האַרץ האָט זי נישט. מיט די בליקן זיך מיט אים געזעגנט. שטום דערלאַנגט די האַנט, שטום זי אַרויסגעצויגן.

— זײַ געזונט, שרהלע. דײַן חבר, ווי רופט מען אים? זײַט געזונט.

צו די ברידער האָט זי מער אויף שטום־לשון, ווי מיט ווערטער געזאָגט:

— גיט אַכטונג אויפן שוועסטערל.

7

„באַפּרײַטע געביטן" — אויף עטלעכע טעג זיך פאַרהאַלטן. מ׳טיילט רוסישע פּאַספּאָרטן. מ׳ווערבירט אויף אַרבעט קיין טיף רוסלאַנד. עשאַלאָנען, עשאַלאָנען. אָפּגעשטעלט זיך אין אַ קליין שטעטל בײַ דער פּויליש־רוסישער גרענעץ. די פּויליש־דײַטשישע מלחמה האָט זיך פרי געענדיקט. אָט איז מען פון יענער זײַט.

ווינטער. ווינטער אין אַ פרעמדער וועלט, אין זומערדיקע קליידער. סאָראַ איז אין „די קליינע וואָכן". סיביר. אַ פּאָסיאָלעק. עטלעכע צעוואָרפענע הײַזקעס. שטרוידעכער אונטער פרישגעפאַלענעם שניי. קליינע פענצטערלעך. ליידיקע וועגן, שניייִקע. אין די אוונטן פינקלען פײַערלעך אין די פראָסטיקע שײַבלעך. פאַרנאַכט און צו זונאויפקום — צינדן זיך די פענצטערלעך, ווי וועלפישע אייגעלעך. בײַטאָג, אַ זייגער צוועלף־איינס, ווײַזט זיך די זון — אַ געפרוירן אויג אין שנייִיקן הימל. פון די ווײַסע פעלדער גייט אויף אַ ווייטיקלעכער בלענד. פאַרנאַכט שטאַרקט זיך דער פראָסט. די לופט — אַ האַרבע, אַ בלוילעכע. די כאַטעס ווי אין בלויע לײַלעכער געוויקלט. ס׳טרעפט: דער שניי שיט און שיט מעת־לעתן. די פערד אין שליטנס געשפּאַנט, שטעלן שווער די פיס אין הויכן, טיפן שניי. ביז אונטער די בײַכער דערגרייכט דער שניי. פון האַרבער קעלט — ניסן די פערד. פאַרסקען מיט די נאָזדרעס. די פאַרע גייט זיי פון די מאָרדעס. ווײַסער אָנוווקס ווי שטעכלקעס. פראָסטיקער שניי אויף די גריוועס. די פיס — ביז אין די קני אין שניי. אין די שליטנס זעט מען נישט קיין צורה פון אַ מענטש, געהאַרבעטע פליצעס, באַקאָזשוכטע. קוטשמעס, בושליקן, פוטערנע היטלען מיט אויערן־קלאַפּעס ביז איבער די אויגן. פאַפּאַכעס, שאַלן, דערעס. קנאַפּע צוואָנציק ווײאָרסט פון פּאָסיאָלעק ביז דער פּאַפּיר־פאַבריק ווו ער אַרבעט. שווערע אַרבעט. נאָרמעס. די צוגעטיילטע זופּן אויף דער אַרבעט, די ברויט־פּאַיאָקן — לויט די נאָרמעס. קוואַנטום און קוואַליטעט. אויך די מאָגערע מאַלצײַטן אין שטוב, דאָס שלעפּן זיך צו און פון דער פאַבריק צופוס און מיט צופעליקע ראָד־און־שליטן־קאָמוניקאַציע, ציט אַרויס ס׳לעצטע ביסל כּוחות. ס׳דינע שמאַלץ־הײַטל אויף די דינע, שוואַרצע פענעצלעך ברויט, וואָס סאָראַ גיט אים מיט צו דער אַרבעט, האַלט נישט אויס דעם דרוק פון פראָסט. מע ווייקט דאָס פאַרשטיינטע ברויט אין קיפּיאַטאָק, וואָס אין פאַבריק אָן אָטשערעד. איז נישטאָ קיין קיפּיאַטאָק — האַלט מען די פענצעלעך ברויט איבער אַ פײַערל, וואָס מ׳צינדט אונטער

פון טרוקענע צווײַגלעך וואָס געפינען זיך דרויסנדיק פון פאַבריק־בנין. ערשט, אַז דער פראָסט קאָפּעט אויס סאָפּלעסווײַז — קאָן מען ס׳ברויט נעמען אין מויל אַרײַן.

אַ זעקס־חדשימדיק קינד אין כאַטע, אַ ייִנגעלע. אויפן וועג, אין אַ טאָוואַרנע וואַגאָן — אַ צוויי־וואָכיקע „רײַזע" — געבוירן. אַן עלטערע גוטע גויע, אַ פּויערטע, אַ „פּערעסעדלטע" — די הייבאַם.

סאָראַ גייט אויך אַרויס צו דער אַרבעט, ס׳קינד לאָזט זי בײַ אַ שכנטע, אַ גוטע גויע. זי איז אַליין. איר מאַן — אַוועק אויפן פראָנט מ׳ערשטן טאָג פון דער מלחמה.

זי לעבט אויף אַ קינדער־פּאַיאָק, די שכנטע. פאַרט אַ דאָרפישע שטוב, אַ גוט מענטשלעך האַרץ. אַ קאַרטאָפל, אַ ביסעלע מילך, קוקורוזע־מעל אויף אַביסל געקאָכט וואַסער — אַ לעפל געקעכטס פאַרן ייִנגעלע. תמיד הונגעריק, ס׳ייִנגעלע. עס וויינט נישט. האָט אפשר נישט קיין כּוח צו וויינען. עס נאָיעט, נענטשעט, קרעכצט ווי אַ זקן. עס נאָגט אַ שטיקל צוקער אין אַ שמאַטקעלע. אַז קיין צוקער איז נישטאָ — איז אַ קאָנפעט, אַ צוקערל, וואָס מ׳טיילט דאָ שטאָט ברויט, וואָס פעלט אויס. זי האָט ליב ס׳ייִנגעלע, סימאָנטשיקן (שימעלע) די גויע, טיילט זיך מיט אים מיטן ביסן, מיטן קאַרגן ביסן ברויט.

אהרן ווערט מאָביליזירט — טרודפראָנט. מיטלאָזיע. אַ צווילינג־שטעטעלע אַטשעסײַ און קאָנטאָגי — אַ וועלכע הונדערט און פופציק וויאָרסט פון טורקעס־טאַן.

פיר מעת־לעת אין אַ טאָוואַרנע וואַגאָן. איין טיעפּלושקע — אַן האָלץ צום אונטערהייצן — אין אַ גרויסן וואַגאָן. ווינטער, 1942. שימעלע — באַלד אַנדער־האַלבן יאָר.

קוילן־און גאָלד־גרובן; איןביידע שטעטעלעך, אויף אַ באַרגיקן שטח איבער אַ טאָל־אויסשפּרייט. אַ נעץ פון ברוקירטע שאָסייען, שמאָלע געסלעך, וואָס קניפּן זיך און קרייצן, ווערן פאַרלאָרן צווישן איינשטאָקיקע הײַזקעס מיט הויכע, דרײַפליגלדיקע פענצטער. איינשויביקע פראָנט־טירן, וואָס עפענען זיך צום שוועל אַרויס: די שוועל פירט צו די הײַזער. גערטנדלעך, סעדלעך אַרומגע־פאַרקנטע. איינציקע סאַקסאַאול־ביימלעך — קאַרליק־ביימלעך, וואָס מ׳זעט אין דער געגנט אויך הינטער די שטעט, אויף די וועגן ביז טורקעסטאַן. זיי גיבן צו דער אַרטשאַפט אַ גרינע, לעבעדיקע מראה פון האַלב דאָרף, האַלב שטאָט.

נאָך אַ פאַרב, אַ נאַטירלעכע, אַ היגע, וואָס גיט צו דעם אויסזע פון אַטשעסײַ און קאָנטאָגי און זייערע אײַנוווינער — אומנאַטירלעך פאַר אַ נישט־היג אויג — איז דאָס קופער־גאָלד, אַ מין „טוי" (אַ כעמישער) וואָס פאַלט אַרײַן אין צוגע־

ברענט גאָלד: די פאַרב לייגט זיך אויף די קעפּ, בערד און פּנימער — אַ „גרים" אויף און אַרום זי ברעמען. אויך די טירן, פענצטער, דעכער פון די הייזקעס, די באַלוסטראַדן זענען באַפאַרבן מיטן שטויב פון די גאָלד־הרודעס און שטיינ־קויל, וואָס נידערט פון די באַרגהויכקייטן, ווו די שאַכטן געפינען זיך. דער געמיש פון ציגלרויטקייט און שוואַרץ, באַקרייגט אויך דאָס גרין וואָס כאַפּט דעם קאָליר פון זשאַווער. די מישלינג־פאַרב לייגט זיך אויף דער גאַנצער געגנט צווישן און אַרום יעדע שאַכט־שטעטלעך. אַלץ דאָ טראָגט דעם חותם פון מיש־לינג־קאָליר, מאַכט אַלץ און אַלעמען משונהדיק־אַנדערש ביז קאָמישקייט.

סך־הכּול אַ הונדערט און פופציק וויאָרסט פון מיטלאַזיע — לויט די רוסישע לענגען און ברייטן — נישט קיין גרויסער מרחק — און אַזוי אַנדערשדיק דאָ ס'לעבן. די מלחמה הערט זיך און זעט זיך אַזוי ווייניק, אַ שטייגער — אַן אַנדער לאַנד, אַן אַנדער פּלאַנעט אָדער — אַן אַנדער תּקופה. דאָ לעבט מען רויִקער, זאַטער. די אוצרות פון די ערדטיפעניש, די נאַטורשפע יוירט אַריבער, וואַרפט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך הויפנס, הונדערט־און טויזנט־טאָניקע בערג „שוואַרץ גאָלד" און גאָלד־הרודעס — קלעפּיק גאָלדיק־רויטער „ליים". זיי גלאַנצן און חנדלען זיך קעגן דער זון, דער מיטלאַזיאַטישער — מיט גבורה און מיט אַן אייגענער, אינערלעכער ליכטיקייט. דאָס דאַזיקע מערקט זיך אויך אויף די באַוווינער, די אַרויסגראָבער, אַרויסברענגער פון די אוצרות, פון דער גאָלד־שפע אויף דער ליכטיקער שײַן.

יעדן אינדערפרי, מיטן קלונג, שטראָמען די מחנות בלויע און גראָלעך־גרינע אַרבעטס־בגדים. איבער די שמאָלע שאָסייען, ווו ראָד־פאַרקער איז אַזוי זעלטן.

גאָלדשטויב אויף די ברעמען, פּנימער. אַ טונקלקייט אַרום די אויגן. אַרום פיר, פינעף נאָך מיטאָג אַז מען זעט זיי אַראָפּגיין ווייסט מען: אַ צווייטער שיכט. צוויי און דרײַ שיכטן. פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת גייט אַן די אַרבעט אין די שאַכטן. דאָס איז דאָ דער איינציקער סימן — מלחמה. אַלץ פאַרן פראָנט, „פאַטערלענדישע מלחמה". און נאָך אַ סימן־מלחמה: קורצע ידיעות פון ראַדיאָ־הילכער אויפן „זבאָרנע פונקט" אַרום קולטור־זאַל, ווו מען קומט זיך צונויף אין די אָוונטן:

„אונדזערע האָבן אָפּגענומען די שטאָט...?"

„אונדזערע האָבן איבערגעלאָזט דעם באַפעלקערטן פונקט...?"

צייטונגען לייענט מען דאָ ווייניק. גאָר ווייניק קאָן מען זיך פון זיי דער־וויסן. די היגע — אַ געמישטע באַפעלקערונג: אוזבעקן, קאַזאַכן, קירגיזן, קאַלאַ־מיקן, טשוואַשן, אויך רוסן. פון די אינוואַלידן, צוריקגעקומענע פון די פראָנטן,

הערט מען נייעס. מ׳שטוינט און מ׳גאַפּט, אויף די שווידערלעכקייטן, ווילדע מעשׂים פון „גערמאַניעץ״.

צוזאַמען מיט די נײַעס — קײַט מען און מען שפּײַט דעם גרינעם קלייסטער, אַ מין קרײַטעכצער — אַ מנהג, וואָס איז אַוודאי איבערגעגאַנגען פון מיטל־קאַזאַכסטאַן. מ׳פּאַרציט אַ נאַרגילע. די געדיכטע רויך־קנײַלעכלעך, צעצויגענע, פאַרשטעלן נישט דעם טרויער, דעם אומרו אויף די פּנימער: רויִקע פּנימער פון שאַכטיאָרן, יעדער איינער איז אַוודאי „שׂמח בחלקו״, וואָס ער איז דאָהי און נישט דאָרט אויפן פראָנט.

אַ פּאַרטײַעט גערויש קומט פון איינציקן קליינעם סטאַציעלע: מערסטנס אין די נעכט און אין די פּאַרטאָגן. שטילע טריט, אַ שטיל גערייד, עלעהיי אַרום אַ מסוכּן קראַנקן. — אַ באַקאַנטע „קראַנקייט״ — אומלעגאַלער האַנדל און אויסטויש פון סחורות. אַ שושקעניש. פלינקע תּנועות פון מענטשלעכע געשטאַלטן, שאָטנס. אַזוי געהיים, ווי זיי קומען — ווערן זיי נעלם. לאָזן נאָך זיך אַן אומרו וואָס נעמט צו דעם שלאָף פון די אויגן, מאַכט ציטערן ס׳האַרץ בײַ דער אַרבעט. ספּעקולאַציע. שווערע שטראָפן פאַר ספּעקולאַציע. סיביר. פראָנט. פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת לעבט מען מיט שרעק, מיט אַנגסט און דער שמוגל גייט אָן. מ׳ברענגט אַרײַן — זאָגט מען — ווײַס מעל, צוקער, זאַלץ, שוועבעלעך, פאָדעם, אויך פלייש (אַ געקוילעט שעפּסל). מ׳פירט פון דאַנעט עפּעס אַוועק. וואָס, ווייסט מען נישט. מ׳ווייסט, אַז ליידיק פאָרט מען נישט, גייט מען פון דאַנעט נישט אַרויס. מען פילט דעם צוקום פון פּראָדוקטן, לעבנסמיטל, נײַע און פאַרעלטערטע הויזן, מאַרינאַרקעס, שטיקער לײַוונט, זאָקן, שיך, קאַלאָשן.

דאָס שטילע, אַרבעטנדיקע צווילינג־שטעטל אַטשעסײַ און קאַנטאַגי ווערט אַ שטילער שותּף צום גרויסן סוד, וואָס איז שוין קיין סוד נישט — וואָס גייט און קומט מיט דער קאָלייקע פון דער קליינער סטאַציע.

געהיימע, אומלעגאַלע װעגן אויף אַהין און צוריק. פאַלשע קאָמאַנדיראָווקעס מיט אומיסטן פאַרפּאַטשקעטע, נאָכגעמאַכטע זיגלען מיט לאַנגע, צעצויגענע נעמען פון סאָוויעטישע פירמעס, קערפּערשאַפטן, חתימות נישט צום איבערלייענען, דעשיפרירן, נישט צו פאַרשטיין. די נאַטשאַלסטווע — נישט קיין גרויסע שפּראַכן־קענער, גראַמאַטנע מענטשן. די וואָס קענען יאָ — לייענען אַזוי ווי מ׳דאַרף... עס לוינט זיך זיי... דאָס „אויג״, וואָס היט דאָס לאַנד פון ספּעקולאַציע — איז געניט אין די היגע פירעכצער: ספּעקולאַציע — אַ ראַק אין מעכטיקן גוף פון די מאַכט־אָרגאַנען ביז אַרויף צום קאָפּ. אָדער, שותּפים צום אומלעגאַל־לעגאַלן האַנדל, אָדער — מ׳מאַכט זיך נישט זען. די מיאוסע שפּין — „הונגער״ — האָט איר „נעץ״ אויסגעשפּרייט אויף איבער די קעפּ פון די געזעץ־היטער. אַלע

שפירן די סכנה. מע שפירט און „מ׳שמירט״... דער קרייז פון ערשטן „שטיין״ געשליידערט אין ים פון ספעקולאַציע — ווערט גרעסער, אויסגעשפּרייטער, פאַרשלינגט אַלץ ברייטערע און העכערע ספערן — אַ צעכוואַליעטער „טײַך״, וואָס שלינגט, שליסט אײַן „רינג״ אין „רינג״, פאַלט אַרײַן אין צעבושעוועטן ים פון מלחמה־ווירקלעכקייט.

אויך אין די נאָרמאַלע צײַטן, דערציילט מען דאָ, איז דאָ אָנגעגאַנגען אַ צווישן־שטאָטישער שמוגל מיט פּראָדוקטן, סחורות, וואָס איין געגנט האָט זיי איבערגענוג, בעת אַ שכנותדיקע אָרטשאַפט ליידט פון דוחק. אַצינד, אין סאַמע צעפלאַקערטער מלחמה — מחמת דעם פעלן סײַ פון לעבנסמיטל, סײַ פון טראַנס־פּאָרט־מיטלען — ווערט דער מאַנגל „רעגולירט״ מיט אייגענע כּוחות און וועגן.

העכער צוויי חדשים האָט ער געאַרבעט אין די שאַכטן. באַקומען אַ גרעסערן ברויט־פּאַיאָק, צוגאָב־מיטאָג. געוווינט אין אײַלעניש־אויפגעשטעלטן באַראַק פאַר די מאָביליזירטע שאַכטיאָרן. צוגעוווינט זיך צו דער אונטערערדישער פינצ־טערניש, צו דער שטיקנדיקער לופט מיט וועלכער מ׳האָט אַכט־צען שעה אין טאָג געאָטעמט אויף דער קאַטאָרזשנער אַרבעט: פירן וואַגאָנעטקעס אַרויף און אַראָפּ, אויבן — צוויי־דרײַ קילאָמעטער ווײַט, ווײַטער פון קאַנטאָר, אונטן — גיין געבויגן מיט אָנגעהאָנגענעם לאָמטערנדל פון פאָרנט. דערלערנט די סימנים: אַ צעציטערט פײַערל אַ ווינטל אין פּנים — פירט צום אַרויסגאַנג פון שאַכט, אַ צוג אין רוקן, אויפן נאַקן — טיפער אין די קוילנגרובן.

שווער אים אָנגעקומען די געוווינשאַפט. די הענט, די מאָזאָליעס האָבן ווי געטאָן, די געלענקען — געבראָכן. די פּיס האָבן קוים געטראָגן דעם אויסגע־מאַטערטן גוף. דער דומפּיקער קוילנשטאָף האָט געפּרעסט דאָס האַרץ, געשטיקט אין האַלדז, באַשווערט ס׳אָטעמען. די אומפּעיִקייט פון „אַרויסדרייען״ זיך, „מאַנ־קערירן״, אויפן לשון פון די שאַכטיאָרן, וואָס אַ סך האָבן עס געטאָן, האָט אים אין די אויגן פון די קאָלעגן „פּאַ פּאַכו״ געמאַכט פאַר אַ גוטן שאַכטיאָר. ווי ס׳ווערטל, וואָס איז דאָרט אומגעגאַנגען: „פּריוויקניעש אַ זדאָכניעש״ וועסט זיך צוגעוווינעז אָדער פּגרן — האָט, קאָנטיק, אים געשטאַרקט: שטאַרקער פון טויט איז געווען דער ווילן צו לעבן. צוגעהאָלפן האָבן אים טאָקע די קאָלעגן „פּאַ פּאַכו״. ס׳רוב פון זיי — אויסגעפּרוווטע, אײַנגעאיבטע שאַכטיאָרן. אַמאָל — מיט מעשׂים, אַמאָל — מיט האַרציקע שמייכלען, גוטמוטיקע רייד: — ניטשעוואָ, גאָלובטשיק, פּריוויקניעש. (מאַכט נישט אויס, בחורל, וועסט זיך צוגעוויינען). זיי האָבן אים נישט איין מאָל געלערנט, ווי מ׳לערנט אַ קינד האַלטן אַ פען, נעמען אַ מכשיר אין האַנט, ווו זיך בייגן, נייגן, שטעלן אויף די קני, וויאַזוי פאַרהיטן דעם קאָפּ פון אַ קלאַפּ. געלערנט און געטרייסט:

— די בלאַטערן, גאָלובטשיק, וועלן איַנגיין, די הויטן — פאַרהאַרטעוועט ווערן.

✶

סוף ניַינצן צוויי און פערציק. פאַרביסענע שלאַכטן אין די פאַרשטעט פון סטאַלינגראַד, אין סטאַלינגראַד גופא. דיַטשישע עראָפּלאַנען — בייטאָג און ביַינאַכט. אַ מיליאָן סאָלדאַטן, זאָגט מען, האָט היטלער אַ וואַרף געטאָן אויפן דאָזיקן פראָנט. דיַטשישע מאָטאָראַזירטע קאָלאָנעס — פון לינקס און רעכטס: שרעקלעכע לאַפּעס פון אַ צערייצטער חיה, אַ הונגעריקער חיה וואָס פרעסט, שלינגט איַין רוסישע איינהייטן, טראַפּייען. גרין־גראָע און פעד־גראָע, טונקעלע „פלעקן" אויפן שניי — האַלב טויטע, טויטע און פאַרוווּנדעטע פוןביידע זיַיטן. ביידע אַרמייען — צוויי שנעלצוגן אין אָנשטויס. — אַ רעגן, אַ האָגל פון פיַיער פון אַלע סאָרטן, מינים געווער פון די אָנגריַיפער און פאַרטיידיקער. סטאַלינגראַד — דער לעצטער פאַרפּאָסטן פון אייראָפּעיִשן רוסלאַנד. דער שטאַרקסטער כּוח־פאַרמעסט: דער הויכפּונקט פון דיַטשישע כּסדרדיקע נצחונות און פון די פאַרטיי־דיקער — קליגער פון די קנאַפּע צווייייאָריקע נסיונות פון פאַרביסענע קאַמפן, געשטאַרקט פון פאַרשפּילטע שלאַכטן און ניַיע רעזערוו־כּוחות נאָך די ריקצוגן און איבערלאָזן שטעט אין גערמאַנישע הענט.

אויף די פראָנטן, ווי אין הינטערלאַנד — אַ לאָזונג: „ראַטעווען רוסלאַנד — ראַטעווען די מענטשהייט פון פאַרניכטונג. שלאָגן דעם גערמאַניעץ ביי סטאַלינג־ראַד — אַרויסשלאָגן טאָגליכט פון דער פינצטערניש; איַינשפּאַנען ס׳גרויסע, גראָע לאַנד אין דער „פאַטערלענדישער מלחמה".

פּופּציק שאַכטיאָרן ווערן צוריקגעשיקט קיין טורקעסטאַן אין „וואָיענקאָ־מאַט" ער דער איינציקער ייִד צווישן זיי.

שׂרה און שימעלע — מיט אים קיין טורקעסטאַן.

אַ גרויסער הויף. אַ לאַנגער באַראַק — דער „וואָיענקאָמאַט". עטלעכע הונדערט מאָביליזירטע. פּעק, פּעקעלעך, טשעמאָדאַנען, קעסטלעך, קוישן, קלו־מיקעס, רוקזעק. אַ סך פרויען, קינדער, משפּחות — מיט די מאָביליזירטע מאַנען. אויף „אַראַבאַ׳ס * און וועגעלעך צעפירט מען די משפּחות אין קיביטקעס. די מאָביליזירטע וואַרטן אויף באַפעלן.

מ׳רופט אויס נעמען. מ׳שיקט אַוועק גרופּעס. צוויי טעג און צוויי נעכט האַלט אָן ס׳רופעניש. אין רעדלעך זיצט מען, איַינגעקנאָדערטע, נישט דערשלאָ־

* הויכע וואָגנס אויף צוויי רעדער געפירט פון פריידעס.

פענע. מ׳עסט פון די מיטגעברענגטע עסנס, פון געקויפטע אויפן וועג, נישט ווײַט פון באַזאַר. די אינדערפרײַען זענען קאַלטע, בײַטאָג — אַ שטאַרקע זון. הייס. אַ דעמפּיקע, שטיקנדיקע טרוקעניש. אַ ריח פון מענטשן־שווייס, פון לײַבער געזונטע, אומגעוואַשענע, פון מאַכאָרקע אין שקאַרמיצלעך צײַטונג־פּאַפּיר, פון שוואַרצע פּעניצן ברויט און וואַרעמע לעפּיאָשקעס. נישט־ראַזירטע פּנימער. טונקעלע און רויטלעכע פלעקן אַרום נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן.

מ׳גענעצט פון לאַנגווײַל, פון געצוווּנגענעם גאָרנישט טאָן. מעשׂיות פון פראָנטן, נישט קיין פריילעכע נײַס פון די שטעט, געגנטן אָקופּירטע פון דײַטש. רדיפות אויף „יעווריעין״. געטאָ. קאָנצענטראַציע־לאַגערן. מ׳פּאַרטרײַבט דעם אומרו מיט וויצן, חוזק־ווערטלעך אויפן אַדרעס פון אַ צווייטן, אַ דריטן — גורל־ברודער. מ׳געפינט זיך אָפּ, מ׳דערקענט זיך — פון איין שטאָט, קאָלכאָז, פון איין ראַיאָן, מ׳שליסט נײַע קאָנטשאַפטן. סיגאַרעטן־רויך און רייד טײַען־אויף דאָס אײַז פון פרעמדקייט, פון אומצוטרוי צו איינאַנדער. ס׳עפענען זיך הערצער, בענקשאַפטן: היים, ווײַב, קינדער, צו אַ מאַמען, צו אַ געליבטער. קלעפּלט מען זיך שוין גוטברודעריש אין די פּלייצעס. הענט, פינגער פּאַרקלאַמערן זיך און „האַלטן זיך״, מ׳שווערט געטרײַשאַפט.

נאָך אַ חודש־צוויי — פרילינג. אין מיטלאַזיע איז נישטאָ קיין אומבײַט פון צײַטן. די זון וואַרעמט. די ערד איז אַ זאַמדיק־ליימיק־פײַכטע. וואַסערלעך און, שניי־לאַטעס, ברודיקע. שניי־לאַטעס אויף די דעכער פון די קיביטקעס. נידעריקע דעכער פון שטרוי, ליים און קעמל־מיסט. וואַרעמע ווינטלעך בײַטאָג, קאַלט בײַנאַכט. זיצענדיק שלאָפט מען. שלאָפנדיק זיצט מען. די פּעקלעך, קלומי־קעס — צוקאָפּנס. אַ גוטע פּאָר שטיוול, אַ נײַע פופייקע — דאַרף מען גוט היטן... עפנסט די אויגן — דײַן קלומיק איז אויפגעבונדן, צעשאָטן, מ׳גנבהט נישט. „מ׳נעמט״ „על פי טעות״ פון אַ צווייטן וואָס עס לאָזט זיך, וואָס עס געפעלט.

ריחות פון אַ גרינעם שפּראָץ אויף די קאַרליק־ביימלעך, סאַקסאַול, נישט ווײַט פון זאַמל־פּונקט. פון דער היים — קיין שום ידיעה. די נײַעסן, געהערטע, איבערדערציילטע פון „דאָרטן״ — שרעקלעכע, אומגלויבלעכע. ערגער איז דאָס שווײַגן. אַ טויטלעכע שווײַגעניש אַרום די נײַעסן פון „יענער זײַט״.

גוטע פראָנט־נײַעס. זיג פון דער רויטער אַרמיי בײַ סטאַלינגראַד. ס׳מלחמה־ראַד האָט זיך אַ קער געטאָן אויף צוריק. וועט מען דערלעבן דעם ניצחון? וועט זיך אויך „זײַן ראַד״ אַ דריי טאָן אויף צוריק? — אַ בענקשאַפט צו היים האָט זיך אין אַהרונען דערוועקט. אָט־אָט — פּסח. ער דערמאָנט זיך ווידער אַמאָל:

דער שענסטער, דער לענגסטער יום־טוב בײַ אַ בעקער איז פּסח. טאַטע־מאַמע — אַכט טעג אין שטוב. די בעקערײַ — געשלאָסן. אויף דער טיר פון

געוועלבל — אַ פּרענט. אַכט טעג שלאָפט דער טאַטע אין אַ בעט, ווי אַלע מענטשן. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די וואָכעדיקע קליידער, ס׳מאַלאַנשעגע כאַלאַט. די שיך — אונטערן בעט. שטיוולעטן טראָגט ער. אַ סאַמעטן „יידיש היטעלע״. גאַנצע אַכט טעג רוט ער. צוויי סדר־נעכט. זיצט אַנגעלענטערהייט אויפן הסב־בעט, ס׳מאַמעלע — לעם אים. איר פּנים שײַנט אַרויס פון געבלימטן קלייד אין האַלבע אַרבעלעך, כאָטש אין דרויסן איז נאָך קיל. אַ ווײַס קאָפּטיכל איבערן שייטל. אַ שנירעלע „פּאַלשע״ קרעלן אויפן האַלדז, וואָס זי האָט קיינמאָל נישט קיין צײַט אויף זיך „אַרויפצוציען״. דער טאַטע, וואָס ווערט אַלע פּרײַטיק־צו־נאַכטס אַנטשלאָפן בײַ די פיש, אָדער בײַ דער יויך; צום בענטשן שאָקלט ער זיך שוין ווי אַ שיכורער: ס׳בערדל פאַרקוועטשט אונטער דער גאָמבע — אין דער סדר־נאַכט איז ער וואַכעדיק.

איטלעכס יאָר פרעגט אַן אַנדער קינד די פיר קושיות. אַפרימל — אַ חזקה ביי אים — לייענט הויך אויפן קול די הגדה. ביינישל, דער מאַמעס שוועסטערס מאַן (מיט פיר קינדער) — אַן אורח אויף פּסח. לעבט פון שטריקנדרייערײַ, האַנדלט צו מיט פלאַקס און דרייט נישט אויס ס׳אויסקומעניש. אַ ייִד, אַ חסיד. אַן אָרעמאַן אין „אַכצן פּאַלעס״. ס׳מאַמעלע דאגהט, די שטוב, פיר קינדערלעך, זאָלן, חלילה, נישט הונגערן. פּרײַטיק שיקט זי אַרײַן צוויי חלות, אַ ברייטל. רעדט מיט דער פישערקע: אַ פישל אויף שבת — אַ מצווה. מיטן קצב רעדט זי — אַ ביסל דרויב, קאָפּפלייש, אַ גראַשניצע. דער פלאַקס, וואָס ביינישל קויפט־אויף בײַ די פויערים אין די פרימאָרגנס אויפן וועג צום מאַרק — איז נישט ווערט די טרחה. די סחורה איז קיין סחורה נישט. ס׳איז ווי ס׳ווערטל זאָגט: „ווען פרייען זיך די סוחרים, אַז מ׳שיקט אַ נאַר אויפן יאַריד״. נישט קיין נאַר, ביינישל. אַן איידעלער ייִנגערמאַן. קען אין די קליינע אותיות. אַ פרומער ייִד. אַ געוועזע־נער ישיבה־בחור. זיצט פּסח רעכטס פון טאַטן. פירט טיש.

ביינישל. אַ וואָך פאַר יום־טוב נעמט ער אַראָפּ ס׳האַנט־מילעכל — אַ ירושה פון זײַן זיידן, ר׳ גדליה שאַשקעס עליו השלום, און זעצט זיך מאַלן דעם שמירה־ווייץ. אַ גאַנץ יאָר הענגט ס׳מילעכל אויפן פּולאָפּ אין בית המדרש, וווּ ער דאַוונט. דעם ווייץ באַקומט ער פון אַ רײַכן תבואה־סוחר פאַר וועמען ער דרייט שטריק פון ריינעם פלאַקס. גמליאל, דער שמש, היט ס׳כשרות. איינער שיט ס׳מעל, איינער גיסט וואַסער, אַנדערע וועלגערן, רעדלען. דער רבי שנײַדט די מיירע מיט אַ הילצערן מעסער.

צו דער סדר־נאַכט פאַרגעסט נישט ביינישל מיטצונעמען אַ קאַרפינקע ווײַן, וואָס ער גיסט אָפּ פון גרויסן גאַנשער וואָס ער נעמט אַראָפּ פון שאַנק. סערקעלע, ס׳ווײַבל, סטראַיעט אויס די קינדער, די פיר ייִנגעלעך, אין נײַע גאַרניטורלעך,

קאַשקעטלעך, שיכעלעך לכּבוד יום־טוב. ביינישל — אין אַ ווײַס געמאַנגלט העמד אונטער דער שבתדיקער קאַפּאָטע. סערקעלע — אין אַ שלאַפראַק, צוויי פּערלמוטערנע שפּילקעס אין שייטל. דער טאַטע — אַ מלך. נאָכן עסן, בענטשן, האָט ער ליב צו דערציילן — צום וויפלסטן מאָל — דערציילן וועגן זײַן „ראָדע" שטאַרקע מענטשן. ער פאַרגעסט נישט דעם ווײַטן קרוב, פעטער גבריאל, „האַוורילאַ", וואָס האָט נאַראַיעט קויפן ס׳פערדל, געלערנט אים, ווי אַזוי מ׳שפּאַנט אַ פערד, מ׳טוט אָן אַ צײַמל, מ׳האַלט אַפּאַר לייצעס אין די הענט און — פאַרמישן אַן אָבעריק.

אַ מעשׂה מיט צוויי גזלנים, וואָס זענען אַמאָל אַרײַן צו אים אין שטוב. איינעם האָט ער געשפּאָלטן מ׳קאָפּ מיט אַ לײַכטער, דער צווייטער האָט זיך גלײַך אָפּגעטראָגן. נאָך אַ פעטער האָט ער געהאַט — שׂמחה מאיר — איטלעכן זונטיק איז ער געקומען אין בעקערײַ, אָפּקויפן פאַר אַ שיבוש די אַלטגעבאַקענע ברויטן. טרוקענערהייט האָט ער געבראָכן שטיקער און געוואָרפן אין מויל אַרײַן: אַן עלטער־זיידע — לאַזער — אויך אַ גבר פון אַ מאַנצביל. האָט געהאַט אַ מויל געזונטע ציין, פלעגט אויפעסן אַ גאַנץ ראַזעווע ברויטל און אַ פונט רעטשענע קאַשע.

אויך ס׳מאַמעלע, בײַ דער זײַט פון טאַטן, האָט געלויכטן. די אַכט טעג פּסח זענען פאַר איר — האָט זי געזאָגט — אַ דאַטשע. עסן, שלאָפן צו דער צײַט, גרייטן עסן פאַר די קינדער, אַלע קיין עין־הרע אַרום טיש. מ׳האָט צײַט צו כאַפּן אַ דרימל, אַמאָל — אַ שפּאַציר אויף דער לובעלסקי גאַס מיט אַ מאַן, ווי אַלע מענטשן. פריידקע — דערלאַנגט צום טיש.

די מאַמע איז קראַנק געוואָרן און פריידקע האָט איבערגענומען די באַלעבאַטישקייט. אַ פּלוצעמדיקע קרענק. געליימט אויף ביידע פיס. אַרויס פון שטוב אויפן הויף אויסגיסן אַ פּאַמעשאַף. צוריק האָט זי שוין נישט געקאָנט אַ ריר־טאָן מיט די פיס. אויף די הענט האָט דער טאַטע זי אַרײַנגעטראָגן. ס׳לשון האָט זי נישט פאַרלוירן:

— אַ גוט אויג, שלום.

— וואָס פעלט דיר אײַן?

— דאָס וואָס דו הערסט, אַן עין־הרע.

אין מיליטערישן שפּיטאָל, ס׳איינציקע אין שטאָט, האָט מען די מאַמען אָוועקגעפירט. זי איז לאַנג דאָרט נישט געלעגן. גויים. גויישע שוועסטער. פּאַראַנדקעס. נישט קיין כּשר עסן.

— אַ היים. קוים איז איר באַשערט צו שטאַרבן — איז אויפן אייגענעם בעט. ס׳מאַכט זיך אָבער נישט אַזוי גיך, ווי ס׳רעדט זיך. ס׳אַ שפּיטאָל גויים.

מ׳דאַרף קודם באַצאָלן. אויסשרײַבן. חתמענען אויף פּאַפּירן. זונטיק פאַרנאַכט. ליידיק. נישטאָ קיין דאָקטער, קיין שוועסטער. דער סטרוזש זיצט און דרעמלט. אפשר שיכּור, זיך אָנגעזשלאָפּעט. דער טאַטע האָט זי, קאָן מען זאָגן, אַרויס־געגנבעט. אויף די הענט, ווי אַ קינד, האָט ער זי געטראָגן.

— אפשר רופן אַ דאָקטער אין שטוב אַרײַן?

— ניין. נישט קיין דאָקטוירים.

— דעם פעלדשער, מאָטי וואַקסמאַנען, אפשר?

— ניין.

— ווונדער דערציילט מען פון אים: אַ שיקסל מיט אַ געשוואָלן קעפּל. בײַ די גרעסטע דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן אויסגעווען און — גאָרנישט. מאָטל וואַקסמאַן האָט אַ קוק געטאָן אויפן שיקסל און געזאָגט:

— דאָס מיידל האָט זיך אַרײַנגעשטופּט אַן אַרבעסל אין נעזל.

ער האָט דאָס אַרבעסל אַרויסגענומען. דאָס געשווילעכץ איז אָפּגעגאַנגען. דאָס שיקסל איז געזונט געוואָרן. די דאָקטוירים האָבן געגאַפט.

— — — אַ מיידל, אַ לונגענקראַנקע, גוססט. אַלע זאָגן איר אָפּ ס׳לעבן. טאַטע־מאַמע וויינען, סקאַמלען: — האָט רחמנות, ראַטעוועט!

קומט ער, מאָטי וואַקסמאַן, באַטראַכט דאָס גוטה־למותדיקע מיידל. איין זאַך — מאַכט ער — וועט מען נאָך פּרוּוון: צעלאָזן חזיר־שמאַלץ.

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז די קראַנקע צו זיך געקומען. חתונה געהאַט. געפאָרן קיין אַמעריקע.

און ס׳מאַמעלע — בײַ ס׳איריקע:

— אָפּשפּרעכן — יאָ.

אַן אָפּשפּרעכערקע איז גראָד שווער געווען צו געפינען. סערקעלע האָט אָנגעהויבן אַרײַנקומען. ביינישל, דער גערער חסיד איז אַוועק צו „זײַן" רבין, ר׳ זעלמעלע, ר׳ זעלמעלע האָט געשיקט רופן דעם שמש מיכאל, אים געהייסן איבערקוקן די מזוזות און שטוב בײַ דער קראַנקער, אין געוועלבל, אין בעקערײַ: געהייסן אים אַרײַנגיין צום סופר־סת״ם ער זאָל בודק זײַן די תּפילין.

דער מאַמען איז בעסער געוואָרן. זי האָט אָנגעהויבן רירן מיט די פינגער פון איין פוס, נאָכדעם — מיטן גאַנצן פוס. אויך מיטן צווייטן. פּאַמעלעכקע איז זי אַראָפּ פון בעט. אַרויס אויף דער גאַס. געגאַנגען איטלעכן דאָנערשטיק אין בעקערײַ, העלפן פלעכטן קוילעטשן, וואַרפן „חלה" אין אויוון אַרײַן, ווי דער מנהג פאָרן אויסברענען זיך פון פײַער. געשלעפּט אַ פוס. מילא — האָט זי, ווי איר שטייגער, ליב געהאַט זיך צו ווערטלען — „בעסער שלעפן אַ פוס אײדער, חלילה, שלעפן אויף אַ וואָגן"". אײַ, פּסח. די סדר־נעכט. ביינישל׳ס

מעשׂיות, די פּירושים וועגן יציאת מצרים; אויך מעשׂיות וועגן רבנישע הייף, חסידים, רײַכע ייִדן און זיידענע יונגערמאַנטשיקעס, איידעמס קעסט־קינדער. געפּאָרן מיטן שווער צו רביים. פון ראש השנה ביז יום־כּיפּור, אַמאָל ביז איבער אַלע יום־טובים — אויפגעהאַלטן זיך אין די אַכסניות.

דער טאַטע האָט ליב געהאַט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל דערציילן די „נסים" פון אַרויסגעבהגנען די מאַמען פון שפּיטאָל: טראַגנדיק זי אויף די הענט איז אים אַ פּחד באַפאַלן. נישט פאַר די שפּיטאָל־מענטשן, נישט פאַרן שיכּורן סטרוזש. אירע קאַלטע אַראָפּהענגענדיקע פיס האָבן אויף אים אָנגעיאָגט אַ מורא, גלײַך דער מלאך המוות וואָלט נאָענט פון זיי פאַרבײַגעשוועבט...

נאָר אַז מ׳שמועסט אַ „נס", עלעהיי — נס יציאת מצרים. די מאַמע זאָל האָבן פון דער „העלער הויט" זיך אַ מונטער געטאָן, געעפנט די אויגן, געשמייכלט צו אים: „מײַן גאָטזעליקע מאַמע איז אַצינד געשטאַנען ביים שפּיטאָל־בעט — מאַכט זי — געטאַפּט די פינגער פון די פיס און געזאָגט: — וועסט געזונט ווערן, אַהיים, אַהיים זאָלסטו גיין. געהערט אַזעלכע רייד, איז ער מיט איר נישט געגאַנגען נאָר געלאָפן.

דער טאַטע: אַ שווײַגער. נישט מתוך עקשנות. חלילה. פאַרקערט: אַ מענטש מיט „אַ ווייך האַרץ", מיט אַן עקשנות פון אַ שטומער צונג, וואָס פאַרטראָגט נישט קיין שלעכטס, פאַרלײַדט נישט קיין עוולה. אַ סענטימענטאַלער מענטש, וואָס מיינט, אַז זײַן נישט־רעדן — זאָגט אַ סך.

ביז עלף יאָר געלעבט אויף „קעסט" בײַם זיידן, דעם לאַטוטניק. צו צוועלף יאָר — אויף דער לער בײַ אַ בעקער. ווי אַן אַרבעטאָרער האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט קיין צײַט צו גיין אין אַ שול, אין אַ חדר, שוין אָפּגערעדט פון אַרײַנקוקן אין אַ ספר. צום טראַכטן, צו פילאָסאָפירן אויף זײַן שטייגער, האָט ער נישט באַדאַרפט קיין באַזונדערע צײַט. דאָס איז בײַ אים אַ חלק פון זײַן אַרבעט, פון זײַן לעבן. ער האָט אַ סך מאָל אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק — אויסגעשוויגן אַ געדאַנק — אין קלוגע רייד, אויף זײַן האַמעטנע אומגעהובלט לשון, וואָס געלערנטע, פּראָפעסאָרן וואָלטן שענער פאַרמולירט אָבער נישט טיפער, נישט קליגער פון אים.

אַן עצבות, אַ פאַרבאָרגענער טרויער און אַ התלהבות צום לעבן, צו מעשׂים, האָבן זיך געשטויסן אין אים, אין זײַן אומבאַלאַנסירטער נשמה. געליטן פון אומנייטיקע טראַכטענישן, שטימונגען.

„גרויס קינד" — האָט אים גערופן ס׳מאַמעלע, וואָס האָט באַדאַרפט צו אים אַרויפקוקן, פאַררײַסן דעם קאָפּ. אַ מאַנצביל מיט אַ ברייט, קאַנטיק פּנים פון אַ רוס — ביז ער האָט נישט געעפנט ס׳מויל און גערעדט רוסיש — אַ „רוס"

מיט אַ ייִדיש האַרץ מיט וואַרעמקייט, מיט היץ. אַז די היץ גייט אָפּ, וועקט זיך אין אים די עקשנות פון איינעם וואָס ווייסט, וואָס ער וויל: וויל מ'זאָל אים פאַרשטיין אומגערעדט.

דער טאַטע האָט אויך נישט ליב געהאַט קיין דאָקטוירים. ס'לעצטע יאָר ווען ער איז געווען צו גאַסט אויף פּסח, האָט ער צוגעזען מיט די אייגענע אויגן מ'טאַטנס מצב: נאָך אַ שווערער פאַרקילונג זיך פאַרגאַנגען אין לאַנגע שווערע הוסטן. אַפּט — קאַפּווייטיק. „געגעסן" פּראַשקעס „קאַגוט" *, וואָס פריידקע האָט אים געברענגט פון אַפּטייק. זי האָט זיך ביי אים געבעטן:

— אפשר אַ דאָקטער, טאַטע?

— אויף אַן אַלטן שוך לייגט מען נישט קיין לאַטע — האָט ער געפּרוווט „מאַכן אַ גראַם" אויפן שטייגער פון דער מאַמען.

ער האָט יאָ ליב געהאַט צו דערציילן אויסטערלישע מעשיות פון זײַן „סלוזשבע". ער האָט זיך „געמאַכט אַן אויער". אַ סברה מ'זאָל אים האָבן געמסר'ט. מיט אַ פּיַפּעניש אין אויער האָט ער אָפּגעדינט גאַנצע פינף יאָר. „שפּילסט זיך מיט פאַניען" — איז געווען זײַן ווערטל.

ער, אַ חדר־ייִנגל, האָט געגאַפט פון טאַטנס העלדישקייט.

אַט איז ער הײַנט אַ טאַטע פון אַ פינפיעריק ייִנגעלע, מסתמא נישט ייִנגער פון טאַטן דעמאָלט — אויך אַ סאָלדאַט ביי פאַניען. אלא מאַי? אַן אַנדער פאַניע, אַנדערע „זאַקאָנען". ווי זאָגט ס'ווערטל: — די זעלבע יענטע...

נו, יאָ, די ערד איז קיילעכדיק. די וועלט דרייט זיך: דרייט זיך און שטייט אויף אַן אָרט. די צייטן — נישט די זעלבע, דאָס לעבן — אַן אַנדער לעבן. אויך דער טויט, אוי, די טויטן, די מיתה משונות האָבן זיך געענדערט. וואָדען? ציוויליזאַציע...

סטאַכאַנאָווסקי גאַס — סאָראַ מיט שימעלען.

---

* אַ פּראַשעק קעגן קאָפּווייטיק.

8

אין הויף פון וואָיענקאָמאַט, אַן אָנגעלענטער אין זײַן רוקזאַק מיט אַביסל פּראָוויאַנט: קאָנסערוון־פּושקעלעך, וואָס ער שלעפּט פון קאַנטאַגי, אַ סוועטער, אַ פּאָר הויזן, אַ ווינטער־היטל — איז ער אַצינד אין עלטער פון טאַטן בעת „סלוזשבע" בײַ ניקאָלײַען. ער אהרעלע, איז דעמאָלט אַ קינד געווען. פינעף קינדער אין שטוב. אַצינד איז ער אַ טאַטע פון איין קינד. עס בענקט זיך צו שימעלען. ס׳בענקט זיך מ׳קאָפּ אַוועקלייגן אויף אַ שטוביק געלעגער. צוויי קילאָ־מעטער פון דער ליימיקער קיביטקע, ווו מ׳האָט זיי אײַנגעמאָסטעט. שימעלע — דריי און אַ האַלב יאָר אים. ער מוז זיך דערשלאָגן אַהיים. ער גיט אַ קוק אויפן האַנט־זייגערל — דער לעצטער פאַרבלײַב פון פאַר דער מלחמה — ער איז אים מיט אַמאָל „איבעריק" געוואָרן, דער זייגער. ער דאַרף אַ קאָמאַנדיראָווקע, דאַרף ער. כאָטש אויף צוויי טעג אַרויס פון דאַנעט. אַ וואָך צײַט זיצט מען שוין. אויך ס׳רופן צו די „אָטפּראַווקעס" האָט אויפגעהערט. עמעצער האָט אים אָנגעוויזן ווען עמען אַזאַ „מתנה" וועט צונויז קומען... דער וואָס האָט אים אָנגעוויזן, איז אויך אַ בעלן די זאַך פאַר אים אַדורכצופירן.

דעם זעלבן טאָג האָט ער געהערט אויסרופן זײַן נאָמען: אין קאַנטאָר פון וואָיענקאָמאַט רופט מען אים. סיראָקין דער קאָמאַנדיר — אַ הויכער, בלאָנדער שגץ, קורץ־געשוירענע געזשיבקע, צוויי וואָסערדיקע שמייכלענדיקע אויגן — שטייט קעגן אים. ער דערלאַנגט אים אין האַנט דעם פּאַספּאָרט, ס׳וואָיענסקי ביכל און זאָגט: — קאַגדאַ נוזשנאָ בודיעט — פּאָזאַוויאָם: ווען מ׳וועט דאַרפן, וועט מען דיך רופן.

שטיל און שנעל געמאַכט דעם „טויש". שטאָט אַ זייגער — אַ קאָמאַנדיראָווקע אויף דער האַנט. צו מאָרגנס פאַרפרי, עס האָט נאָך געבלויט, האָט ער זיך מיטן קלומיקל געלאָזט אין וועג אַרײַן.

אויפגייענדיקער, טונקעלער פרימאָרגן־נעפּל. באַלד וועט ער שיטערער, דורכזיכטיקער ווערן, דער נעפּל. אָפּדעקן פעלד, אַ ביימל. נישט ווײַט, אַן „אַריק", אַ קאַנאַל. אַ סך זענען זיי דאָ, האָט ער געהערט, ווו ס׳רעגנוואַסער אין די ווינטער־חדשים זאַמלט זיך און האַלט אָן ביז די הייסע זומערטעג. ער וועט זיך אַרומוואַשן, טוישן ס׳לויזיקע העמד אויף זיך. אַ האַלבע שעה און ער איז אין שטוב. אַ ליידיקער שטח. עטלעכע סאַקסאַולן אויפן וועג. אין דעם גראָען מאָרגן־

ליכט זעען זיי אויס קלענער, געבויגענער. קאַרליקעס פאַרשטויבטע, איינגע־דאַרטע. קאַלט. זומערקליידער טראָגט ער אויף זיך. נישט געטוישט זיי העכער אַ וואָך צייט. דאָרט אין קאַנטאָקי איז הייס געווען. נישט קיין צייט געהאַט, פאַרגעסן נעמען אויף זיך אַ ריין העמד, טוישן די אַרבעטס־בגדים. גייענדיק נעמט ער אַרויס פון קלומיקל דעם סוועטער. ציט אים אַרויף אויף זיך. לייכטע שיך טראָגט ער. אין די פיס, ביז די פיס־פּאָדעשוועס, איז אים קאַלט. די קעלט קריכט אין די ביינער.

דער זשוויר ביי די זייטן וועג ווו ער גייט, די פייכטקייט — דריקט, נעצט אַדורך. ער פאַרשנעלערט דעם טראָט. עס ווערט אים אַביסעלע וואַרעמער. אויך וואַרעמער אויפן האַרץ. אָט־אָט איז ער אויפן באַזאַר. פון באַזאַר — אויפן טאָלטשאָק, נישט ווייט פון דער סטאַציע. אַ ברייטער טראַקט צעשניידט די שטאָט אויף צוויי. רעכטס פון טראַקט — די סטאַכאַנאָוועסקי. ביי איר אויסבייג — אַ פּערעאַולעקל, אַ הייפל, די קיביטקע.

שימעלע שלאָפט נאָך אַוודאי. ער וועט אים נישט איבערוועקן. שׂרה — אַ שלאָפנדיקע, אַ וואַכעדיקע — זיין אָנקום וועט זי דערשפירן פון ווי ווייט.

אויפן באַזאַר — לײדיקע סטראַגאַנעס, טישלעך, בודקעס, טישן, בופעטן פון פראָסטן האָלץ. בוטלעס קאַלירןקע געטראַנקען פאַר קליינע רובלס פאַר־קויפט מען דאָ אין די הייסע טעג. שטויסן לעפּיאָשקעס פון אַלע גרייסן, קוקורוזע־מעל. מיט פּענעצן ברויט, האַלבע און גאַנצע ברויטן אין שמאַטעס, האַנטעכער, אין קיישלעך, אונטערן העמד אויפן לייב — פאַר עטלעכע רובל קאָן מען זיך אונטערלענען ס׳האַרץ — האָט ער געהערט.

פון אונטער אַ בודקע שאַרן זיך אַפּער דריי געשטאַלטן: צוויי פרויען און אַ מאַן. שווער אין גראָען, כמאַרנעם פרימאָרגן אויסשיילן פּנימער. עס וואַרפן זיך אין די אויגן צעפּלויגענע, בלאָנדע האָר, אַ רויטע זומער־בלוזקע, אַ טונקעלע ספּודניצע. זי גייט געאָרעמט מיט אַ פרוי אין אַ מאַנטל, וואָס האָט נישט קיין קאָליר, ביזן האַלדז פאַרדעקט. מ׳זעט בלויז אַ קאָפּ און פיס: נאַקעטע פיס אין טאַפּעטשקעס. דער דריטער — אַ מאַן, מיטלוווקסיק, ברייטפּלייציק. זיין גאַנג — אַ צעוואַקלטער, אַ שיכּורער. אָט נעמען זיי אים אַריין אין מיטן, די צוויי פאַרטנע־רינס. ער פירט בײדע געאָרעמט. זיי געפעלן אים נישט, די אַנטקעגנייענדיקע. ערגער: זיי שרעקן אים. אַליין אויפן לײדיקן באַזאַר און אַזעלכע אומהיימלעכע געסט. קיין גוטס זאָגט זייער גאַנג נישט אָן. אויסמיידן זיי איז שוין צו שפּעט.

פּנים אל פּנים בלייבן זיי שטיין.

— העי, גאָלובטשיק, זוכסט עפּעס? — פרעגט די מיט די צעפּלאָשעטע האָר.

ער איז דערשראָקן. פאַרלירט זיך. ענטפערט נישט.

— אויך אַ דריטע איז דאָ, נישט ווײַט הינטערן באַזאַר, אויב צוויי זענען דיר ווייניק — לאָכן זיי אָפּ פון אים — קלייב זיך אויס איינע.

— שוין ליכטיק — זאָגט די צווייטע. לאָז אים גיין, די לאָכודרע.

— ס׳מאַכט נישט. קאַלט. ער׳ט זיך דערוואַרעמען — רופט זיך ווידער אָן די ערשטע. דער מאַן שטייט אַ וואַקלדיקער. די אויגן פאַרקוקט ערגעץ ווײַט. ס׳פּנים לאַכט. צוויי קליינע קאָלאָמיקישע אייגעלעך שפּעלטלען זיך.

— זעסט דאָך, טאַשמעטאָוו, אַ יאָלד.

— ער האָט נישט מיט „וואָס" — הערט ער זײַן הייזעריק קול. דער ברייטער קאָפּ מיט צעשויבערטע האָר — נידעריק איבער די אַקסלען, ווי אָן אַ האַלדז זיצט אויף אים פעסט, בייגט זיך לינקס און רעכטס. יאָ, נישט קיין טעות געהאַט, שיכור, — טראַכט ער זיך און קאָן קיין וואָרט נישט ברענגען אויף די ליפּן.

אַ טאָטעריש פּנים. ס׳מויל — די ברייט פון זײַן פּנים — עפנט זיך: — קויף עפּעס.

— דאָ. יאָ, פאַרוואָס טאָקע נישט — רופן זיך אָןביידע.

זיי לאָזן שטיין דעם אוכאַזשאָר. די אין מאַנטל, צעקנעפּלט זיך און ציט אַרויס אַ וואָלענעם שאַליק און אַ פּאָר קאַלאָשן.

ער כאַפּט אַ יישוב. מ׳דאַרף פּטור ווערן פון זיי: וואָס פריִער פּטור ווערן. אַ מבלבולער, מיט ציטערדיקע הענט נעמט ער די קאַלאָשן, באַטאַפּט, באַקוקט, פרעגט: — סקאָלקאָ? וויפל?

— סקאָלקאָ דאַיאָש? וויפל גיסטו?

אַדורכגעקומען. צען טשערוואָנצעס. די לעצטע צען טשערוואָנצעס. בעתן אַרײַנציילן ס׳געלט אין טאַשמעטאָוס אָפענער האַנט — האָט איינע פון די צוויי פאַרטנערינס, וואָס איז נאָענט פון אים געשטאַנען, באַטאַפּט זײַנע קעשענעס. אַרויסגעשלעפּט דעם פּאַספּאָרט מיטן וואָיענסקי ביכל. אין אַזאַ צײַט זענען דאָקומענטן די בעסטע „סחורה"... שלעכט — טראַכט ער. „זוך נישט, איך האָב נישט מער קיין געלט" — זאָגט ער צו איר. זי גיט אים צוריק די דאָקומענטן. אויף דער פּאָדעשווע פון איין קאַלאָש זעט ער אַ דרײַקאַנטיק, רויט זיגעלע. געלקחנט אוודאי בײַ איינעם, וואָס האָט זיי נאָך אַ לאַנג שטיין אין אָטשערעד געקויפט. אַ „פריש שטיקל אַרבעט". דער באַגנבהטער שלאָפט נאָך זיכער און זיי האָבן שוין אַ פּאָר רובל אויף אַ שנאַפּס, אויף אַ פרישן ביסן.

אַזוי צי אַזוי. וואָס פריִער פּטור ווערן. גוט פון דעסטוועגן וואָס ס׳איז אַדורך גלאַטיק. אַהיים. ער פאַרגיכערט דעם טראַט. שלינגט מיט זשעדנעקייט ס׳שטיקל וועג, וואָס איז געבליבן ביזן עק סטאַכאַנאָווסקי און זייער פּערעאולעק — און שוין איז ער אינעווייניק.

אומגעריכט געדופן געוואָרן אין קאַנטאָר פון וואָיענקאָמאַט, אומגעריכט

וועט ער זיך אַ ווײַז־טאָן. שימעלע. ס׳חיות גייט אים אויס זען ס׳קינד. ער וועט אויף אים אַרויף. אַרומנעמען, קושן. אָט שטייט ער בײַם טויערל, זוכט ס׳קייטעלע פון אינעווייניק. שימעלע איז שוין אַוודאי אויף. וועט אים אַקעגנלויפן. ער נעמט אַראָפּ דעם רוקזאַק, וואָס דריקט די גאַנצע צײַט אויף די פּלייצעס און — — —

— האַלט!

ער ציטערט אויף פונעם פּלוצעמדיקן „האַלט", דרייט אויס דעם קאָפּ: ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן לעם אים צוויי מיליציאַנערן.

עס איז שוין גוט ליכטיק. ס׳בלענדיקע ליכט פון עלעקטרישן לעמפּל אין מיליציאַנערס האַנט — פינצטערט זײַנע אויגן.

— פון וואַנעט, גראַזשדאַנין?

איידער ער האָט צוריקבאַקומען ס׳לשון, האָט דער מיטן לעמפּל אין האַנט שטרענגער געפרעגט: — פּאַספּאָרט, וואָיענסקי קניזשקי?

ער ווײַזט אים די דאָקומענטן און די קאָמאַנדיראָווקע: אויף צוויי טעג באַפרײַט אים, זען זיך מיט פרוי און קינד — זאָגט ער.

— וואָס האָסטו אין פּעקעלע אונטערן אָרעם? — ווײַזט דער צווייטער אָן אויף די קאַלאַשן.

— מײַנע קאַלאָשן.

— ווי אַזוי קומען צו דיר נײַע קאַלאָשן?

— חבר מיליציאַנער — שטאַמלט ער — איך בין אַ מאָביליזירטער, דערלויבט מיר אויפקלערן די זאַך, איך — — —

— שוויג! — רײַסט ער אים איבער אין מיטן די רייד — דאָרטן, דאָרטן.

— ווו דאָרטן?

— אין קאָמיסאַריאַט וועסטן דערציילן מעשיות, בלאָפן.

אין דער פרי. סאָראַ און שימעלע — אין בעט. אַ קאַלטער דרויסן. נישטאָ נאָך וואָס זיך צו יאָגן. נישטאָ מיט וואָס אונטערצוהייצן ס׳לײמקעכל. דער לאַראָק, ווו מ׳טיילט ברויט אויף די קאַרטעלעך איז נאָך געשלאָסן. עס הערט זיך אַ לײַכט אָנקלאַפּן איר טיר. ס׳קלאַפּן ווערט שטאַרקער, האַסטיקער.

— קטאָ עטאָ, ווער איז עס?

— מיליץ.

— מיליץ? ווײ איז מיר.

— עפענען!

שימעלע צעוויינט זיך. סאָראַ גייט אַראָפּ פון געלעגער, כאַפּט עפּעס אויף זיך, עפנט די טיר.

— זדראַסטוויטע.

— פּאַזשאַלוסטע, אַ גוט מאָרגן

איינער פון זיי רופט אויס זײַן נאָמען: — וווינט דאָ אַזאַ איינער?

— יאָ.

— ווו איז אײַער מאַן?

— מאָביליזירט. אין וואָיענקאָמאַט.

— ער איז בײַ אונדז.

— בײַ אײַך? מײַן מאַן? אַרעסטירט?

— בײַ אונדז. מיר פאָרשן די זאַך.

— וואָסער זאַך?

— אַן אויספאָרשונג. דערלויבט אונדז מאַכן אַ רעוויזיע.

— אַ רעוויזיע? בײַ אונדז, בײַ מיר אין שטוב? פּאַזשאַלוסטאַ.

פיר נאַקעטע ווענט. צוויי בענקלעך אַ שעניקל, ווו שימעלע שלאָפט. אַ טישל. אָפן פאָרן אויג די גאַנצע „באַלעבאַטישקייט". נישטאָ ווו צו זוכן, נישטאָ וואָס צו זוכן. עטלעכע מינוט האָט געדויערט די רעוויזיע. פון וואַנעט איז אײַער מאַן געגאַנגען אין דער פריִער שעה? — האָט איינער געפרעגט. און דער צווייטער: — נייע קאַלאָשן, פון וואַנעט?

— נײַע קאַלאָשן, מײַן מאַן? אָט הער איך פון אײַך. נישט געזען אים זינט דער מאָביליזאַציע.

— גנבהשע קאַלאָשן.

— חברים פּאָליציסטן, בירגער, אַ טעות. איך ווייס פון גאָרנישט.

✶

אַ נאַכט פריִער זענען גנבים אַרײַן אין אַ שטוב נישט ווײַט פון באַזאַר. אַ מאַן און צוויי פרויען האָט מען פאַרהאַלטן. די באַגנבהטע — אַ באַלעבאָסטע, איינע אַליין, „אַן עוואַקואירטע". מ'האָט איר געבונדן די הענט, פאַרשטאָפּט ס'מויל. אַרויסגעטראָגן פון שטוב וואָס עס האָט זיך געלאָזט און אַוועק.

די דרײַ, וואָס מ'האָט פאַרהאַלטן האָבן דערציילט ווען זיי האָבן פאַרקויפט די קאַלאָשן. ביז די זאַך איז אויפגעקלערט געוואָרן — קנאַפּע צוויי טעג האָט געדויערט — האָט סאַראַ זיך אָנגעהערט: „יעווריעין. יעווריעין". גנבים. זענען שולדיק אין דער מלחמה. עסן אָפּ ס'ברויט פון די פעלדער, די יעווריעין. אַ היישעריק. די „פּאָלשעוויקעס" און די יעווריעין וועט דער געדמאַניעץ אויס־הרגענען". נאָך דאָס האָט איר אויסגעפעלט, סאַראַן. — אַ צולאָג צו דער אַליינ־קייט, צום הונגער, צו דער פרעמד: ווילדע פרעמד.

ווי צוויי יאָר האָבן זיך געצויגן די צוויי טעג און נעכט. ערשט, אַז ער איז

אהיימגעקומען האָט ער איר פּאַדראָבנע דערציילט די גאַנצע פּאַרלויפּעניש: אַן אומגליק מיט אַ גליק. אַ גליק — באַקומען אַ קאָמאַנדיראָווקע אויף צוויי טעג. מ׳עט אַ טראַכט טאָן. אפשר וועט ער פון דעם וואָיענקאָמאַט — פּטור ווערן. און אַן אומגליק — די באַגעגעניש פון די דריַי אויפן באַזאַר, די סחורה וואָס ער האָט איַינגעהאַנדלט.

צוויי לעפּיאָשקעס האָט ער אַרויסגענומען פון רוקזאַק (מיט אַ טאָג־צוויי פריִער געקויפט אויפן באַזאַר) אַ האַלב ראַזעווע ברייטל, אויב ס׳איז נאָך נישט פאַר־שימלט. פון קאָנטאַגי טראָגט ער עס אין רוקזאַק.

שימעלע איז אַרויף אויף אים: — טאַטע, טאַטע, ווו ביסטו געווען?

פון שׂרהס פּנים האָט אַראָפּגעוויינט צער, ליבשאַפט און שרעק, וואָס ערשט נאָך דעם ווי מ׳,,פאַרדייעט" וואָס עס איז פאַרגעקומען, שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. נישט קיין טרערן — טרערן־הייטלעך גלאַנציקע, אָט־אָט פּלאַצן זיי.

זיי האָבן נישט געפּלאַצט. אויך ס׳איבערגעשראָקענע האַרץ האָט נישט געפּלאַצט. אַהרן האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך ס׳אָנטאָן. שׂרה האָט צוגעגרייט אַן עמער וואַסער, אַ שטיקל זייף — אויף שוואַרץ געקויפט אויפן באַזאַר — און אַ ריין העמד. ס׳אומריינע העמד אַריַינגעוואָרפן אין טשהונענעם באַניאַק — אויך אויפן באַזאַר איַינגעהאַנדלט — מיט קאָכעדיק וואַסער אויף דער פּליטע.

מ׳האָט אים בעת דער אויספאַרשונג קאָנפראָנטירט מיט מענטשן, פאַר־שיידענע, אומסימפּאַטישע פּנימער, צווישן זיי — טאַשמעטאָוון מיט די צוויי נקבות.

אַ געזעץ, אַן אומגעזעצלעך געזעץ, צי אַ מינהג אין דער סאָוויעטישער יוסטיץ: ,,ביסט בחזקת שולדיק, ביז דו באַוויַיזט נישט דיַין אומשולד". אַ סברה, אַז דאָס איז אַ נאָכשלעפּעניש פון לעניגס ציַיטן: בעתן בירגעקריג זאָל מען האָבן געכאַפּט עטלעכע רוסן, באַשולדיקט זיי אין אַנגעהעריקייט צו די וויַיסגוואַר־דייצעס. וואָס טאָן מיט זיי? לעניגן האָט לאַנג נישט געקלערט און געזאָגט: — אויסשיסן אַלע, נאָכדעם וועט מען זען... אַזוי האָט מען זיך אַנדערציילט.

צוריק אין וואָיענקאָמאַט האָט ער זיך נישט צוגעשטעלט. נאָך אַ נישט־געשריבן געזעץ, אַ מינהג: שטעלסטו זיך נישט צו צו דער ציַיט: אין שטוב ביסטו נישטאָ — ,,פאַרגעסט" מען אין דיר. אויף ווי לאַנג ,,מ׳פאַרגעסט", ווייסט מען נישט. ער האָט זיך מער אין וואָיענקאָמאַט נישט געוויזן. נישט געשלאָפן אין שטוב צוויי נעכט.

אהרון האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז נאָך חבֿר׳ה — נישט קיין סך — האָבן געטאָן ווי ער. מ׳האָט זיך שפּעטער געטראָפן אויפן טרעפפּונקט פון די ,,עוואַקואירטע" — באַזאַר אָדער טאָלטשאָק.

9

ער אַרבעט אין „זאַגאָט זיערנאָ״. אַ גרויזשטיק. אַ גרויסער, אָפענער הויף. אַ ריי סקלאַדן אין אַ „ד״. אַ גרויסער, ברייטער אײַזערנער טויער. צום הויף פירט אַ שטויבוועג, אַ שמאָל געסל, וואָס שלענגלט זיך קרומלעך ביזן טויער.

אַרום די סקלאַדן, דרויסנדיק — הײַזקעס, קיביטקעס, ווי דער שטייגער דאָ, נידעריקע דעכער איבער קליינע פענצטערלעך. די אַרבעט: פינעף און זעקספּו־דיקע זעק קאָרן, ווייץ, גערשטן, פּראָסע. פון די הויכע „אַראַבאַ׳ס״, פון די קעמלס הויקערס, בעתן נידערן מיט דער לאַדונג — אין די סקלאַדן. פול ביז אונטערן דאַך די תּבֿואה־קערנער. מ׳לייגט לייטערלעך. אַרויף און אַראָפּ מיט די לייטערלעך מיט די זעק אויף די פּלייצעס. שווער. „בײַ אַ שווערן וואָגן — איז גוט צופוס צו גיין״. איז דער חסרון, וואָס דער „וואָגן״ איז נישט דײַנער. דיינע זענען די פיס.

פון אין דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט טאַסקעט מען די פולע זעק בעת דער מאָגן איז ליידיק. דערמאָנט עס אינעם פּסוק: לא תחסום שור בדישו: (זאָלסט נישט שטערן דעם אָקס בעת ער כאַפּט אַ זשאַרנע ביים דרעשען). טועם זײַן — לאָ מיט אַן אלף, אַ פּײַג. טאָמער ווייניק — אַ פּויסט, אַ הייבן אַ האַנט, קלעפּ.

פאַרנאַכט, צו זונפאַרגאַנג גייט ער אַהיים. אַ הייסער פאַרנאַכט. די זון — אַ פײַערדיקער האַלבער ראָד. די רויטקייט פאַרגיסט די ליימדעכער, די גראָע ווענט פון די קיביטקעס. זי ציגדט אָן די קליינע פענצטערלעך. שאָטן און ליכט פון אַ זוניקן טאָג־פאַרגאַנג. די ליכט־און שאָטן־שפּיל טײַעט אויף אין אים די מידקייט. ער האָט ליב דעם היגן ערבֿ־נאַכט. דער מישלינג־קאָליר גיט אַ שענערן אויסזען אַלע זאַכן, כאָטש ער ווייסט, אַז אַנדערש זעט אַלץ אויס אין דער ווירקלעכקייט. ער האָט ליב דעם קאָליר פון אילוזיע. אין דער אָפענער טאָגשײַן איז אַלץ נאַקעט, פיינלעך־קלאָר, אויף די פּראָנטן אַ קעגנזײַטיק אויסמאָרדן זיך. דאָ, אין הינטערלאַנד — הונגער, היימלאָזקייט. אַ גנבֿ איז דאָ דער הונגער. ער האָט זײַנע געהיימע, געמיינע וועגן. ער שלאָגט און דערשלאָגט נישט. כאַפּט דיך פאַרן האַלדז. שטיקט דיך. דערשטיקט נישט. ער פאַראומערט דאָס לעבן, לאָזט נישט שטאַרבן. אַ קאַמף, אַ באָרעניש פאַר אַ שעה, אַ טאָג לעבן: אַוועקלייגן דעם קאָפּ אויף אַ קישן. אַ ריין העמד טראָגן אויף זיך. לאַנגע, אויסמאַטערנדיקע טעג. פון מידקייט, נישט דערעסן — אַנטלויפט דער שלאָף פון די אויגן אין די

נעכט. ס׳קומט אים אויס ער פאָרט אין אַ באַן, האַלב־וואָך, האַלב פאַרשלאָפֿן. אַ לאַנגע נסיעה. אַ פאַמעלעכע נסיעה. די ברויט־קאַרטעלעך — אויסגעשניטענע פענצטערלעך פון טאַלאָנען: זעסט דורך זיי דעם מאָרגנדיקן טאָג, דעם איבער־מאָרגן. און די „באַן״ שלעפּט זיך פון סטאַציע צו סטאַציע. זי פירט דיך אין ערגעצלאַנד... ווי לאַנג וועט זיך די „באַן״ אַזוי שלעפּן? אָדער פאָרן, אָדער שטיינבלײַבן אָדער — אַ קאַטאַסטראָפע, איבערקערן, איבערדרייען זיך מיט די רעדער אַרויף, מיטן קאָפּ אַראָפּ און אַ סוף זאָל עס נעמען.

דרײַ, ס׳פּערטע יאָר זינט דעם אַנטלויפן פון וואַרשע. אויף מזרח, צו דער רוסישער גרענעץ געלאָפן. אַנגסטיקער דראַנג און געשטויס. איטלעכע פאָר מינוט — אַן אָנפאַל. פון הימל — פײַער. די ערד אונטער די פיס — ציטערט. שטויב. רויך. אַ רעש פון אויפרײַסן, שאָסן: אויטאָמאַטיש געווער שטעפּט די לופט. סאַראַ — אין דריטן־פערטן חודש. זי פאַלט פון די פיס. לאהקע — נעלם געוואָרן. אַ בענקעניש. אַ קרענקעניש. ווו איז זי אַצינד לאהקע? איז זי אַליין, מיט עמעצן? אַ חבר, אַ מאַן?

לעבט זי, צי, חלילה, ווער ווייסט. די וועגן פול מיט טויטע, פאַרוואונדעטע, קראַנקע — שטעקן געבליבן אין מיטן לויף ערגעץ אין אַ דאָרף, הינטער אַ שטאָט, אין וואַלד, אין אַ שפּיטאָל?

וואָס טוט מען מיט סאַראַן?

העכער דרײַ יאָר לעבט ער מיט אַ ווײַב, אַ טאַטע פון אַ קינד און — חלומט פון אַ געליבטער. אַ קראַנט איז ער. זוכט אונטער דער ערד שפּײַז, פאַרגעניגנס, ליבע. געניסן מאַכט געמיין — זאָגט ערגעץ געטע אין „פאַוסט״: יאָ, אַ קראָט. ליגט אין דר׳ערד און — לעבט...

ער גייט צוריק פון „זאַגאָט זיערנאָ״. ער גייט פאַרבײַ דעם לאַראָק פון אַלטענבײַעוון, דעם בוכאַרער ייִד, וואָס גיט אַרויס די פּאַיאָקן אויף די ברויט־קאַרטעלעך... אַן אָטשערעד בײַם קליינעם, פאַרקראַטעטן פענצטערל. אַ צוויי־דרײַ פאַכיקער אָטשערעד: שטייענדיקע, זיצנדיקע, און ליגנדיקע צופוסן פון אָטשערעד. אַלע מיט אַמאָל שטופּן זיך צום פענצטערל, שטרעקן די הענט מיט די קאַליריקע ברויט־ביכעלעך. אַלטענבײַעוו שנײַדט דאָס ברויט, אַז קיין קרישקעלע זאָל נישט אין ניוועץ גיין. וועגט די האַלבע, פערטל און פענעצלעך ווי גאָלד. דרײַהונדערט און זעקהונדערט גראַם ברויט — אַזוי קליין אויף דער וואָגשאָל, אַזוי גרויס אין די אויגן. עלטערע מענטשן, באַבעס, קינדער זעט מען: קראַנקע, אומפעיִקע צו אַרבעט — די אָטשערעד־מענטשן. מיט אײַלנדיקע טריט גייט ער פאַרבײַ דעם לאַראָק. אַ שטים, ניין נישט קיין מענטשלעכע שטים הערט ער: ער בייגט אויס דעם קאָפּ פון וואַנעט די פרײַכעניש, דער געראָישלאָזער געפּליסטער קומט. פון

אַ קנויל שמאַטעס אַרויס, זײַטיק פון פענצטערל, אַנגעלענט אין דער וואַנט, קומט דאָס שטערבלעך־פאַרחלשטע קול:

— קאַכאַני! (געליבטער).

אַ פּנים אַ געשוואָלנס. בלוילעך־טונקעלע רעדער, אויפגעלאָפענע אַרום די אויגן. אַ ברודיק, טונקל טיכל אויפן קאָפּ, ביז איבערן שטערן — אַ צעאַקערטער פון גאַנצע און האַלבע קנייטשעלעך. ער דערקענט נישט דאָס פּנים. ער הערט דאָך אָבער דעם „קאַכאַני״. אַ פּויליש וואָרט. און וואָס פאַר אַ וואָרט, דאָ, אין דעם העק, ביי אַ דרייפּאַכיקן אָטשערעד אויף ברויט. וואָס טוט זיך דאָ? ווו איז ער? וואָס הערן זיינע אויערן? איז ער חסר־דעה? דאַכט זיך אים? מיד. שלעפּט די פיס פון דער אַרבעט, אָבער טויב איז ער דאָך נישט. ער בייגט זיך נענטער צו צום פּעקל שמאַטעס — אַ מענטשלעך פּנים. אַ מאַטער גלאַנץ אין די טונקעלע אויגן טיף־פאַרשטעקטע אין שטערן:

— קאַכאַני, דערקענסט מיך נישט? — הערט ער שוין פון דער נאָענט דאָס קול. עפּעס ענלעכס אויף אַ טרער, אַ געפּרווירענע טרער, וואָס רירט זיך נישט פון אָרט. אין די אויגן: ניין, נישט קיין טרער — אַ דימענט אַ פאַרשטויבטער ליכט אַרויס פון דאָרט. אַ הייסער פאַרנאַכט. אַ ריח פון מענטשנשווייס, אים איז אַ סקרוך אַריבער איבערן לייב, נאָדעלעך אין רוקן, אויפן פּנים — אַ געענדזענע הויט. ס׳קול הערט ער שוין נישט. איז עס שטיל געוואָרן, מיד פון צוויי מאָל אַרויספּרייען, צי איז ער טויב, טויב־שטום? אויך ער קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן. ווען זעט ער? לאהקען זעט ער. ער זעט, ווי זי עפנט און פאַר־מאַכט די ליפּן — אַ פיש אויף דער טריקעניש. ער לייגט צו זיין האַנט צו איר מויל, אַ שטייגער די האַנט וויל זאָגן: — גענוג, מ׳דאַרף נישט, כ׳ווייס שוין אַלץ...

— לאהקע! — הערט ער פּלוצעם זיין אייגן קול.

ס׳איז אים אין די רגעס אויסגעקומען עלעהיי ער כאַפּט זיך אויף פון אַ חלום: וועקט זיך איבער פון אייגענעם געשריי. אַ וויסטער, מתיקותדיקער חלום אין מיטן העלן טאָג פאַר אַלעמענס אויגן.

— לאהקע? — האָט ער ווי צו זיך אַליין געזאָגט, ווי ער וואָלט נישט געגלייבט די אייגענע אויגן. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ״. זי האָט זיך קוים אונטערגעהויבן, געפּרוווט זיך אָנלענען אויף אַן עלענבויגן און צוריק־געפאַלן.

אַן אַלטיטשקע גויע וואָס איז געשטאַנען אין אָטשערעד, האָט זיך אָנגעצ־בויגן צו זיי. געזען אוודאי וואָס דאָ קומט פאָר. זי האָט אַרייַנגעשטעקט איר דאַרע האַנט אין טאָרבעלע ווו ס׳איז געלעגן דער פּאַיאָק ברויט, דעם נאָרוואָס אַרויסבאַקומען פון פענצטערל. מיט די קנאָכיקע פינגער אָפּגעבראָכן אַ שטיקל

און עס אים דערלאַנגט. ער האָט זיך איַינגעקוקט אין דער אַלטיטשקערס האַנט, אין קליינעם געקנייטשטן פּנים — אַ וועלשענע נוס — אין אָרעמען טאָרבעלע, אין אָרעמען קלייד, וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגן און מיט זיַין האַנט אָפּגע־שטויסן אירע מיט אַ: — ספּאַסיבאָ (אַ דאַנק) גראַזשדאַנקאָ, אַ דאַנק. באַלד, באַלד גייען מיר אַהיים.

אַן אַראַבאַ איז נאָענט פון לאַראַק פאַרבײַגעפאָרן. ער איז צוגעגאַן, געבעטן, אַנווײַזנדיק מיט דער האַנט אויפן מענטשנגעשטאַלט אין פעקל שמאַטעס, וואָס ער וויל נעמען צו זיך אין שטוב אַרײַן.

— אַוודאי אַן עוואַקואירטע — האָט דער באַלעגאָלע געזאָגט.

— דאַ, דאַ (יאָ, יאָ) — האָט ער באַשטעטיקט.

אַ קאַזאַך איז אויף דער קעלניע געזעסן. אַ שאַרף, קאַנטיק פּנים. שפּיציקע קינען. אַ שפּיציק גאָמבעלע. אַן אײַנגעפאַלן מויל. איין צאָן, אַ פּיַען, האָט ער געזען בעת דער קאַזאַך האָט געעפנט ס׳מויל.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און מיטן אײַנגעשרומפּענעם גאָמבעלע מיט אַ שפּראָץ פון אַ גראָ־שיטערלעך בערדעלע, אויף „יאָ״. זיַינע שוואַרצע, שמאָלע אייגעלעך האָבן זיך געשפּעלטלט אין אַ שמייכעלע. צופרידן מן הסתם, וואָס ער וועט מיט זיַין אַראַבאַ ראַטעווען אַ מענטש — האָט אַ טונקעלע שיַין ווי פון ברענענדיקע ליכט פון זיי אַרויסגעפינקלט.

איבער אַ וואָגט, ווו ער, סאַראַ און שימעלע וווינען, איז ווי צוגעקלעפּט נאָך אַן איינצימערדיק קיביטקעלע געשטאַנען. ס׳קאָן גרײַלעך זיַין, אַז דאָס טונ־קעלע חדרל, אָן אַ פענצטער איז געווען אַ שטעלכל פאַר אַ שעפּסל, אַ קאָזע. אַ טיר איז קרום אויף איין זאַוויעסע געהאָנגען. אין ווינקל איז אַן אַלטער קופערט געשטאַנען. דאָרט האָט ער אײַנגעמאָסטעט לאהקען.

די אָפּאַ, די באַלעבאָסטע פוןביידע שטיבלעך און פון הייפל, ווו אויך איר שטיבל איז געשטאַנען, ווי אַ סגל צו די צוויי — האָט פון ערגעץ געברענגט אַ בעטל, אויפן אָרט פון קופערט, אַ טישל און אַ דרײַפיסיק בענקל. דאָס דרײַפיסיקע בענקל איז איר געבליבן פון אַ פריַערדיקן שכן — אויך אַן „עוואַקואירטער״. דאָ, אין קאַזאַכסטאַן, נוצט מען נישט קיין בענקלעך. אויף אַ דיוואַן, אַ וואַטע־נע קאָלדרע — אויך אויף דער גאָלער ערד — זיצט מען מיט פאַרלייגטע פיס אונטער זיך.

ער האָט פון דער אַרבעט געברענגט אַ ליידיקן זאַק, אַנגעפילט אים מיט שטרוי. לאהקע האָט געהאַט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. וואַסער ציט מען דאָ מיט אַ שטריק און עמער פון אַן אָפענעם ברונעם, ווי אַמאָל אברהם אבינו אין באר שבע.

סאַראָס „גאַרדעראָבע" האָט אויך געפּאַסט פּאַר לאהקען. לאהקע איז קראַנק, שוואַך, קוים וואָס זי נעמט אַ ביסן אין מויל אַריַין. די אַרבעט אין „זאַגאָט זיערנאַ" מאַטערט אויס. פינף־זעקס־פּודיקע זעק אַראָפּשלעפּן פון די קעמלישע גאַרבן — קאַראַוואַנעווייַז קומען זיי געשפּאַנט אין גרויסע וואַגנס, אַראַבאַ׳ס — צו דער וואָג. פון דער וואָג אין די סקלאַדן אויף הילצערנע טרעפּן־לייטערס. נאַרמעס. ווילסט נישט בלייַבן הינטערשטעליק. טאָרסט נישט בלייַבן הינטער־שטעליק. דער שׂכר איז לויט דער נאָרמע. אַכט־צען שעה אַ טאָג.

שלעפּט מען בגנבה אין די קעשענעס, אין די אַרבל, אין די גאַטקעס: לאַנגע גאַטקעס אונטן אַרומגעבונדן, די „סחורה" זאָל זיך נישט שיטן און „פּאַרשיטן". אויפדעקן דעם גנב מיט דער גנבה.

אויסגעלערנט זיך גיין „מיט פולן" — אַנגעצויגן, געפּרייַגט פון די ליטקעס ביז אַרויף צום פּאַסעק. די אַרבל־אָרעמס, ווי געשוואָלן, נישט אַ ריר טאָן מיט אַן אבר. אַזאַ גאַנג איז פאַרדעכטיקט, שווער און מסוכן. צען־צוואַנציק מעטער פון די סקלאַדן ביזן טויער, ווו ס׳שטייט אַ קאַראַול: סיַידן דער קאַראַול איז אַן איבערגעקויפטער. קויפסט אים איבער מיט אַ ביסל סחורה, וואָס טראָגסט פאַר אים אַרויס, ביז צו אים אין שטוב אַריַין. ערשט דאָרט ליידיקסטו זיך אויס. קומסט צוריק אַ מידער פון פחד נישט פאַרהאַלטן צו ווערן אויפן וועג. די אַרבעט גייט אָן וויַיטער און — די הויפּט־דאגה — מאַכן אַ „גאַנג" פאַר זיך.

כאַפּט מען אַזאַ איינעם אַ „פולן" אויסער די סקלאַדן — מאַכט מען אים דעם פּסק אויפן אָרט: מ׳בויקערט אָן די ביינער, אָן צו פרעגן, אָן פאַרשן. טרעפט עס איבעוויייניק? — „פאַרבעט" אים כאַסאַן דער סקלאַדאָווּשטשיק אַריַין אין סקלאַד. מען „שיט זיך אויס" און ער צײלט אַריַין עטלעכע לייַטישע קלעפּ אָן צו עפענען ס׳מויל. בלויז דער קאָפּ דרייט זיך אויף „ניין", ווי איינער רעדט: — אַרבעטן ביסטו געקומען צי גנבהנען?

אַמאָל מאַכט ער עס הויך אויפן קול, אויף רוסיש אויך אַנדערע זאָלן הערן למען יראו ויראו:

— נייעלזאַ, מ׳טאָר נישט. גאָסודאַרסטעוועננע ברויט!

כאַסאַן זיצט לעם דער גרויסער וואָג. זייַנע קליינע אייגעלעך פאַרשטעקט אין נידעריקן שטערן מעסטן יעדן באַוועג, אַפילו יעדן גאַנג צו די סקלאַדן און פון די סקלאַדן צום טויער. די שפּעלטל־אייגעלעך, דאַכט זיך, דרימלען, מרוזשען זיך קעגן דער זון — אַמאָל אויך פון מידקייט — אָבער זעען אַלץ. שווער צו וויסן ווען זיי זעען, ווען זיי דרימלען. אויך ער זיצט אַכט־צען שעה נאָכאַנאַנד אין די הייסע טעג, ווען די בראַנדיקע זון קלאַפּט אין קאָפּ אַריַין, שׂרפֿהט דאָס פּנים, יאָגט אָן אַ היץ ווי פון אַן אונטערגעהייצטן אויוון.

ס׳גיין מיטן „פולן״ איז דאָ געוואָרן אַ רגילות, אַזיסט האָסטו נישט קיין כּוח אויף די פיס צו שטיין, אַוודאי און אַוודאי נישט טאַסקען די פינעף־זעקס פודיקע זעק קערנער ביז אונטערן דאַך אַרויף. דו לעבסט זיך איין מיט דער שרעק. זי ווערט דיין צווייטע נאַטור, אַ שטייגער — אַ שיכּור מיטן פלעשל. ווייסט, אַז עס שאַדט דיר צום געזונט, אָבער קאָנסט זיך נישט אָפּגעוויינען. באַשליסט: היינט — ס׳לעצטע מאָל, אַזוי מאָרגן, אַזוי איבערמאָרגן. גייסט ווידער אָן אויסגעפּרייגטער. אויפן רוקן פּילסטו כּאַסאַנס דורכדרינגלעכע בליקן. זיי שפּיזן דיך דורך און דורך. נישטאָ קיין פּאָרויס. נישטאָ קיין צוריק. פּרוווסט כּלומרשט זיך אָפּשטעלן, פּאַרזייכערן, בעטן פּייער ביי עמעצן וואָס גייט פאַרביי. שטייסט שוין ווייט פון כּאַסאַנען און זעסט אים אַ זיצנדיקן ביי דער וואָג: אַ נידעריקער, פעסטער גוף, אַ ליסע קאָפּ אויף אַ נידעריקן קאַרק, אַ טונקל־געשטופּלט פּנים. גייסט און טראַכסט, צוגעטראַכט אַ פּאַרטל — אַ „מתּנה״: אַ זייגערל, אַ גאָלד־שטיקל...

די פויסט וואָס כּאַסאַן איז געוווינט געוועזן צו הייבן און „אויסשלאָגן״ דעם שאָדן — די זעלבע פויסט האָט זיך אָנגעהויבן ברייטער עפענען, גענומען וואָס מ׳האָט אַריינגעלייגט, זי שנעל פאַרמאַכט און אַריינגערוקט אין קעשענע אונטער זיין גראָען, לענגלעכן פאַרטעך, וואָס האָט זיין פעסטן נידעריקן גוף געמאַכט נאָך נידעריקער. זיין דזשוליאַ — אַ שיינע, יונגע קאַזאַכין, די פערטע. דריי ווייבער האָט ער מיט קלעפּ פאַריאָגט פון זיין הויז — נעמט די „מתּנות״ פון זיינע הענט און לייגט זיי אין קופערט — ווייסט מען צו דערציילן. נאָך טייערע חפצים ליגן דאָרט: שאַליקעס פון ריינעם וואָל, זיידענע זאָקן, באַטיס־טענע בלוזקעס, סאַמעטענע קליידער, ליאַקערקעס אויף אַ הויך קנאַפּעלע. נעמען עפּעס אויף זיך — אסור: אויפקוקערס, מוסרים. פאַר די נאָענטסטע שכנים דאַרף מען זיך היטן. אַ ניי בגד, אַ האַנט־זייגערל, אַ פינגערל — „ווו קומט עס צו דיר?״ „פון וואַנעט?״ „פאַר וועלכן געלט?״ די זשאַלאָוואַניע פון אַ סקלאַדאָוושטשיק סטייעט קוים אויף אַ האַלבן חודש לעבן.

אַ טבע האָט זי, דזשוליאַ, ווייסן אַלע, ווען זי איז אַליין אין שטוב עפנט זי דעם קופערט (פריער פאַרשליסט זי גוט די טיר, לאָזט אַראָפּ די שטאָרן פון די פענצטער), קוקט זיך גוט איין אין די „מתּנות״ און פאַרמאַכט צוריק דעם דעק. שטיל טוט זי דאָס, אַשטייגער די ווענט האָבן אויגן.

דזשוליאַן, זיין שיין ווייבל, האָט ער נישט געשלאָגן, אויף איר קיין פינגער נישט אַרויפגעלייגט. אויך מיט די גרוזשטשיקעס האָט ער זיך פאַרהיימישט. אַ מין שטומער „פּאַקט״ איז געשלאָסן געוואָרן צווישן אים און זיינע „מענטשן״: „דו גיב אונדז פרייע הענט, דו וועסט פון אונדז נישט אַוועקגיין מיט ליידיקע הענט״...

10

בײַנאַכט, אויפֿן דיוואַנבעט, „לערנט" אים, דזשוליאַ, דעם אַלטן ווײַבערניק, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט די יונגען, די גרוזשטשיקעס, וואָס גייען מיט „פּולן".

— זיי זענען הונגעריק, זיי אַרבעטן שווער.

— נו, און די וולאַסט? זיי וועלן שווײַגן? אויף סיביר, אין טורמע וועט ער גיין.

— מ'עט זיך אַן עצה געבן.

— אַלע גנבהנען. וואָר נאָ וואָריע סעדיט וואָראָם פּאָגאָניאַיעט *.

שווײַגט ער. דרייט זיך אויפֿן געלעגער. ברומט. ווייסט זי, דזשוליאַ, וואָס ער וויל.

זי קומט צו אים פֿון איר אַלקער אַרויס מיטן העמד אויפֿן אָרעם. בלײַבט שטיין לעם אים. זײַנע אייגעלעך, וואָס קיינמאָל ווייסט מען נישט צי דרימלען זיי, צי זענען זיי אויף, קוקן אויף איר מיט אַ זײַטיק קוקעלע — זעט זי און מאַכט זיך נישט זעענדיק. זי דעקט אָפּ אַן אַקסל, אַן אָרעם. אירע רונדיקע ווייכקייטן, ווײַסע, גלאַטיקע, אַשטייגער אַ האַלבע לבנה וואָלט דורכן פּענצטער אַרײַנגעלויכטן. אַ דינער, ווײַסער האַלדז, לאַנגע, שוואַרצע האָר, וואָס זענען תמיד פֿאַרפּלאָכטן אין אַ צאָפּ. אירע ווײַסע, פֿאַרהויבענע הענט בעתן פֿאַרנעמען די האָר אויף אַרונטער — ליכטשטראַלן אין דער טונקלעניש פֿון חדר.

עטלעכע מינוט שטייט זי אַזוי אונטער, עלעהיי זי גרייט זיך צו אַ טאַנץ: אַ מזרח־טאַנץ אונטער אַ ניגון פֿון אַ צוויסטרונעדיקן צימבל. אַ בענקענדיקער ניגון, איינטאָניק, אומענדלעך, ווי דער סטעפּ. אַ טענצערין געווען, דזשוליאַ. פֿון אַן אָרעמער שטוב האָט ער זי אַרויסגענומען, דער סקלאַדאָווישטשיק כאַסאַן. אַ טענצערין פֿאַר אַ געזעמל באַזויפֿטע מענער מיט פּיס אונטער זיך אַרום פֿאַנען „פּלאָוו" און בישמאַרמאַק **, בוזעס ביר און קאָליריקע געטראַנקען. אויך ברוינע טשײַ און פֿולע טאַצן שעפּסנפלייש. שיכּורלעך, מיט פֿײַערדיקע אויגן, צעשמייכלטע פּנימער, פּרעכטע תּנועות פֿון הענט, פֿינגער: אויסגעשרייען, אַ

* אַ גנב זיצט אויף אַ גנב און טרײַבט אַן מיט אַ גנב.

** רײַז אויף שעפּסנפעטס און פעטע ביינער.

ווילד פּאַטשן מיט די הענט צו יעדן קערפּער־בויג אירן, צו יעדער חנ׳עוודיקער מינע פון שיינעם פּנימל און שטעל פון די שיינע, שלאַנקע פיסלעך.

ער ליגט מיטן פּנים פּאַרנורעט אין קישן. ברומט... גוט באַקאַנט איר זײַן ברומען... שטייט זי נאָך אונטער אַזוי עטלעכע מינוט. נאָך דעם בייגט זי זיך אַראָפּ: פּריִער — אויף די קני, ווי צו אַ תּפילה. מינוטן אַזוי שטייט זי אַן אָגעבויגענע צו אים מיט די הענט אויפן פּנים איבער די אויגן. דורך די פינגערשפּאַרעס זעט זי זײַן נידעריקן, פעטן גוף, דעם ליסע קאָפּ — קיילעכדיק, שווער ווי אַן אַרבוז. זײַן ברומען גייט איבער אין אַ ווויערײַ — אַ הונגעריקער בער אויפגערייצט פון עפּעס אַ לעבעדיקס, וואָס ער גרייט זיך פּאַרצוקן.

זי לייגט זיך צו. באַלד וועט זי אים אײַננעמען, דעם ווײַבערניק, די הונגעריקע חיה... זי האָט שוין עפּעס צוגעטראַכט, שושקעט זי אים אין אויער אַרײַן — נישטאָ וואָס מורא צו האָבן מיטן פעלן צו דער וואָג בעת אַ רעמינענט.

אינסצעניזירן אַ גנבה: אַ וואַנט־אויפבּרוך אין איינעם פון די סקלאַדן. צוויי, דרײַ קירפּיטשן אַרויסנעמען און זאָל זיך שיטן... טאַקע אַנשיטן עטלעכע זעק און אָוועקטאַסקען און... כאַפּט דעם גנב. איינער פון די יונגען וועט עס מאַכן. זיי וועלן פּאַרדינען. זיי וועלן פאַר דער סחורה ברענגען „מתּנות" און — זוכט זיי, די גנבים.

נאָך עפּעס. זי האָט געהערט אַז די גערמאַנצעס וועלן אַ ליאַדע טאָג, אַט־אַט, אַהער קומען. זיי וועלן די קאַזאַכן נישט טשעפּען. דעם פּרעדסעדאַטעל, די רוסן, „פּאַלשעוויקעס" און די יעווריעיען וועלן זיי „קאַלט" מאַכן, אויף סיביר פּאַרשיקן, אויף אויסשטאַרבן פון קעלט, פון הונגער. מען וועט צעלאָזן די קאָלכאָזן. ערד און ברויט צו דער זעט — פאַר אַלע. אויך ווײַבער, ווײַבער וועלן זײַן גענוג.

— ניין, דזשוליאַ, איך דאַרף נישט קיין ווײַבער, שיין שעפּסל מײַנס.

די ערשטע וועט דער גערמאַניעץ דעם טויט מאַכן די יעווריעיען. טאָמער ווייניק, וואָס זיי האָבן די מלחמה געבראַכט, זענען זיי פול אין די שטעט, דערפער, עסן אָפּ די תּבואה פון די פעלדער. אַלע קראַנקייטן, מגיפות ברענגען זיי.

ער הערט יאָ און הערט נישט. נאַרישע רייד ווײַבערישע. ער פילט די נאַקעטקייט פון איר לײַב, דעם בשׂמים־ריח פון אירע ווײַסע אָרעמס, הענט, האַלדז — אוודאי פון די „מתּנות", וואָס די יונגען ברענגען. איר אין די הענט אַרײַן ברענגען זיי די „מתּנות". נישט אַלץ זאָגט זי אים אויס, די קליינע, די כיטרע. אַ קעפּל האָט זי דזשוליאַ, מ׳קאָן זיך אויף איר פּאַרלאָזן. נישט קיין שלעכטער אײַנפאַל.

אויך ער, אַהרן, האָט אָנגעהויבן אַהיימברענגען „מתּנות" אין שטוב אַרײַן: אַ האַלב, אַמאָל אַ גאַנץ ברויט. וואַרעמע, ווײַסע לעפּיאָשקעס. אויך אַ לעבעדיקן

גראָשן, טשערוואָנצעס, האָט מען געזען פאַר די אויגן. פאַר די „קאַליריקע פאַפּירלעך", כאָטש קיין גרויסן ווערט האָבן זיי נישט, קאָן מען אויפן טאָלטשאָק, באַזאַר אַלץ קויפן. שוין כמעט אַלץ אויספאַרקויפט פון זיך. סאַראַ, לאהקע, שימעלע — אָן אַ העמד אויפן לײַב.

נישט גרינג איז אים אָנגעקומען ס'גיין מיט „פּולן". ער איז נישט מסוגל דערצו. ער גלייבט זיך נישט, אַז ער טוט עס. די פאַרבונדענע רובאַשקע־אַרבל, די אַרבל פון דער פּופּייקע, וואָס ער לאָזט פון זיך נישט אַראָפּ (אַזוי איז דאָ דער מנהג, כדי נישט צוצולאָזן צו זיך די זון...) — אָנגעפּילטע קישקעס קונציק פאַרבונדענע בײַם העלדזל. אַזאַ גאַנג מסרט. אַ פּאַפּיראָסל, אָדער ווען ער טרעפט אין מיטן גאַנג צום טויער „פאַררעדן די ציין" — שוין אַ באַקאַנט פאַרטל אויך פאַרן קאַראַול, פאַר די מענטשן, וואָס זיצן אינעווייניק אין קאַנטאָר.

דזשוליאַ, אַ שטומער שותף צו די גענג איז זי געווען. ווען מ'האָט באַדאַרפט, האָט זי אַ רוף געטאָן מיט אַ פינגער־אויסבייג דעם קאַראַול און דער גאַנג צום טויער — פרײַ. אַ מינהג אַ נײַער: זי פלעגט קומען אויף עטלעכע שעה איבער־נעמען איר מאַן, כאָסאַנען, אַהיימשיקן אים שלאָפן, אָפּרוען.

די עטלעכע שעה זענען געווען די בעסטע און די „טײַערסטע". מ'האָט געמאַכט עטלעכע גאַלעס, וואָס האָבן געסטײַעט אויף אַ וואָך־צוויי קומען און אַהיימגיין פון דער אַרבעט — ליידיק.

✶

אויפן אַכטן, צענטן טאָג האָט לאַקע געעפנט די קראַנקע אויגן. ס'געשווילעכץ פון פּנים איז ביסלעכווײַז אָפּגעגאַנגען. די קנייטשעלעך אויפן שטערן, האַלדז — אַביסעלע אויסגעגלײַכט. די הויט האָט באַקומען אַן אַנדער מראה. דער שוואַרצער האָר־אָנוווקס אויפן קאָפּ — העכער, געדיכטער, אויסגעצוואָגן, פאַרקעמט.

פאַר די „קאַליריקע פאַפּירלעך" האָט ער אײַנגעהאַנדלט אַ העמד, אַ קליידל, אַ בלוזקע, אַ ספּודניצע. טאָפּלט האָט ער אײַנגעהאַנדלט: פאַר שׂרהן און פאַר לאהקען. לאהקע האָט זיך געשטעלט אויף די פיס. זי איז געוואָרן סאַראַס „רעכטע האַנט" אין דער אָרעמער באַלעבאַטישקייט, פון מאָל צו מאָל אויך אויפן באַזאַר. פאַרקויפן, אײַנטוישן עטלעכע קילאָ ווייץ, קאָרן אויף אַ פרישן ביסן, וואָס האָט תּמיד געפעלט: אַביסל מילך, אַן אורוק פאַר שימעלען, אַ שטיקל זייף, וואָס איז דאָ אַ יקר המציאות.

איז סאַראַ געווען אויפן באַזאַר, האָט לאהקע זיך פאַרנומען מיט שימעלען: פאַרמישט אַ קלעי, אַ לעמישקע — ציגנמילך אויף געקאָכט וואַסער פאַרן הונגע־ריקן קינד. זי האָט פאַר שימעלען לידעלעך געזונגען אויף יידיש, פּויליש, רוסיש.

שימעלע האָט זיך צוגעוווינט, ליב באַקומען די „טשאַטשע לאהקע".

אין איינעם אַ טאָג האָט ער אַהיימגעברענגט אַ נײַעס: אין דיעט־דאָם** דאַרף מען אַ מענטש. נאָך זעקס הונדערט גראַם ברויט אויף אַן אַרבעטסקאַרטע איז אַ יש אין אַ שטוב פון פיר נפשות. פון „דיעט־דאָם" קומט מען נישט קיין הונגעריקער, מ׳ברענגט אויך עפּעס אַ היים. לאַהקע האָט זיך געמאָלדן. אים איז נמאס געוואָרן די אַרבעט. ס׳גיין מיט „פּולן" איז אויסער סכנה, ס׳איז אָבער קעגן זײַן כאַראַקטער, קעגן זײַן התנהגות, קעגן זײַן אַרט טראַכטן, לעבן, וועלטבאַנעם.

זײַן כאַראַקטער — אַ ספּיראַל, וואָס פירט איבער היץ און קעלט בײַם לײַכטסטן לופטדרוק. און אים דריקט פון אַלע זײַטן. אין סאַמע מיטן מלחמה — אַ מלחמה מיט זיך. דער „זיך" איז נישט איינער: אַ מאַן פון אַ ווײַב, אַ טאַטע פון אַ קינד, אַ געליבטער און — אַ שרײַבער. ער לאָזט נישט אַרויס די פּען פון האַנט. שטימונגען. אַ נאָגעניש. אַ טרויער. אמת, אויך פריידיקע מינוטן מיט לאַהקעס זײַן אונטער איין דאַך. פריידיקע מינוטן און אַזוי קורץ: בליצן אויף זײַן פאַרכמאַרעטן הימל. דאַך און פאַרט — אַ שייַנענדיקער טרויער: אַצינד, ווען לאַהקע איז מיט אים — אַ תּפילה, אַ ניגון אין גאַנג צו עפּעס שענערס וואָס דערהייבט זיך צו הויכע אַקטאַוון.

לאַהקע קומט „פון דיעט דאָם" אַן אָפּגעגעסענע. תּמיד מיט אַ פּעקעלע אונטערן אָרעם. שימעלע לויפט איר אַנטקעגן: „וואָס האָט געברענגט די טשאָטשע לענאַ". אויך דעם נאָמען „לענאַ" האָט זי געברענגט פון „דיעט דאָם". אַזוי רופט איר די בוכאַרין, איר זאַוויעדווישטשע, ראַיאַ. לאַהקע איז ייִנגער געוואָרן, שענער. לאַהקע — ווי מיט פינעף יאָר צוריק, די קורסאַנטין. עטלעכע חדשים סך־הכל, און נישט די זעלבע לאַהקע, וואָס דער קאַזאַך האָט אויף זײַן אַראַבאַ אַהער צופירן געברענגט. ער איז צופרידן. ער איז גליקלעך. ער איז אומגליקלעך. זי איז אַ שטוב־מענטש. אַ ליימוועגטל טיילט זיי אָפּ. לאַהקע איז סאַראַס בעסטע חברטע, איר נאָענטסטער פרײַנד. סאַראַ נעמט־אויף איר „פרײַנדשאַפט" אַן איבעריקער התלהבות. שמייכלט צו איר האַרציק, בעת דאָס האַרץ ציטערט דערמאָנענדיק פאַר אים איר נאָמען. זי האָט אין וואַרשע, אויף לעשנע נומער זעקס געהערט פון איר, געהערט און געמאַכט זיך פאַרגעסן. געזען האָט זי זי נישט. וואָס פאַר אַ געמיינזאַמס האָט זי דאָ מיט איר? — זײַנס אַ געוועזענע באַקאַנטע, אַ פרײַנדין. געברענגט איר אין שטוב אַרײַן אַ נוטה־למותדיקע: נו, איז מען דאָך אַ מענטש, דאָ — אַ ווילדע פרעמד. האָט זי עס געטאָן פאַר לאַהקען און פאַר איר מאַן, וואָס זי האָט ליב, האָט זי אַנדערש געקאָנט? — אוודאי זעט זי, הערט זי, זייערע

** קינדער־היים.

שמועסן, זייערע שטילע געלעכטערס פון איבער דער וואַנט. ער גייט אַפּט אַרײַן צו איר נעמען עפּעס, ברענגען עפּעס, פרעגן; זוימט זיך לענגער, ווי מ׳באַדאַרף...

ער האָט לאהקען צו זיך אין שטוב אַרײַן געברענגט. אָבער דאָ איז נישט לעשנאָ נומער זעקס. ער איז דאָ נישט אַליין. שׂרה איז דאָ. שימעלע איז דאָ. פרעמד. אַן אַניאַג, אַן אַנלויף פון „עוואַקואירטע": טשוואַשן, קירגיזן, כינע־זער, קאַלאַמיקן, יאַפּאַנער. אַרויסגעריסענע פון היימען. איבערגעשעדלעטע, מיט אַן האַק און פּאַק, צעוואָרפענע אין די ווײַטסטע ווינקלען פון מיטלאַזיע, אין די קאַלכאָזן, סאָווכאָזן: היימלאָזע, אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ. שלעפּן, שלאַנדערן זיך אַרום קרוע־בלוואה, אויסגעמאַטערטע, פאַרהונגערטע. בײַ די שטעלעס, סטראַ־גאַנעס אויפן באַזאַר, בײַ די לאַראַקן, ווו מ׳טיילט די ברויט־קאַרטן, בײַ די טויערן פון טאַלטשאַק — זעט מען זיי. מ׳בעט אַ נדבה, מ׳רײַסט דעם ביסן פון מויל.

דער דרוק פון לעבן, מלחמה — אויף זײַנע יונגע פּלייצעס: איגעוויינ.יק, אין אים — אַ יאַמערגעזאַנג: עס יאָמערט דער פאַרדראָס, דער ווייטיק פון פאַרראַט. מחשבה — כמעשה. ער לעבט מיט סאַראַן, שלאָפט מיט איר אין איין בעט און — טראַכט פון לאהקען. ער ווייסט: אויך לאהקע טראַכט פון אים. העכער אַ האַלב יאָר געלעבט מיט שרעקן בעתן אַרויסגיין מיט „פּולן". געוווסט, אַז עס קאָן זיך שלעכט ענדיקן. ער געדענקט דאָס ווערטל: „ס׳קריגעלע טראָגט אַזוי לאַנג, ביז דאָס אייזרעלע ברעכט זיך אָפּ". איז זײַן ליבע צו לאהקען נישט „טראָגן" אַ פול קריגעלע, אַ לאָגל מיט ליבשאַפט, און דאָס „אייזרעלע" קאָן זיך אַ ליאַדע טאָג אָפּרײַסן? — און ווו ס׳ביסל מענטשלעכקייט, יאַהנדעס, אַחריות פאַר אַ פרוי, זײַן פרוי, אַ מאַמע פון זײַן קינד?

ווו האָט מען אַהינגעטאָן די אַרויסגעטראָגענע סחורה? אין די פריזע ערב־שעהן, רײַטן אָן אויף אייזעלעך מיט שאַ־שטיל קאַפּיטקעס אויף זאַמדיקן באָדן, אַמאָל אויך מיט דער מאַרזשאַ * בלייבן שטיין ביים טויערל פון הייפל.

איידער זײַן דערנענטערן זיך, שטייט ער שוין בײַם טירל. מיט אַ פּוסהייב אין דער רײַטער אויף דער ערד. אַ שעפּטשעניש. געהעמטע תנועות בעתן איבערשיטן די סחורה אין די צוגעגרייטע טאָרבעס. פּעקלעך טשערוואָנצעס גייען איבער פון האַנט אין האַנט. מ׳פּאַרוואָרפט די אָנגעפּילטע טאָרבעס אויפן אייזל־רוקן, וואָס גיט בעת מעשׂה אַזש אַ דריגע. פון דער טאָפּלטער משׂא פון ביידע זײַטן אַראָפּשווערנדיקע טאָרבעס, ווערן די בײַכלעך נידעריקער צו דער ערד:

---

* ס׳ווייב.

אָט־אָט ברעכן זיך אײַן די פּיסלעך. ס׳דאַכט זיך נאָר אַזױ. אַ שטאַרקע מיטן בײַטש־שטעקעלע אין קאַרק, צװישן די אױערן, אַ סמאַטשקע „טשיק, טשיק״, און דער אײזל־קאָפּ גיט אַ פאַרציטערטן טרײסל, אַ דרײ, אַ שטײגער דער קאָפּ װיל פון זיך אַראָפּיאָגן אַ פליג. און אפשר? װען ס׳אײזעלע קאָן רעדן װאָלט עס אפשר געזאָגט: — װאָס שטאַרקעסטו, איך גײ דאָך.

ס׳גײט נישט ס׳אײזעלע. די דינע פּיסעלעך לױפן, האָפּסלען: אַ שטיל האָפּס־לען פון קאָפּיטקעס אױף װײכן באָדן, עלעהיי שנײ, װאָס לאָזט אין זיך איבער טריט.

מיט יעדן ציפּ פון שטעקעלע גײען די לױפיקע טריטלעך איבער אין אַ ריטמישטענצלדיקן גאַנג. טאָמער װײניק די באַלאָדענע משׂא — כאַפּט זיך אױך אַרױף דער באַבײַ. זײַן לאַנגער סורדוט דעקט צו די סחורה, און ס׳אײזעלע ביזן קאָפּ. ס׳דאַכט זיך, אַז דער רײַטער זיצט אױף עפּעס אַזױנס, װאָס האָט נאָר אַ קאָפּ און לױפיקע פּיסלעך. איבערן סורדוט — אַ קאָפּ מיט אַ ברײטן שטרױהוט, װי אַן איבערגעדרײטער טעלער.

אױס מיט די סקלאָדן, מיטן „שותפות״ מיט די יונגען, די גרוזשטשיקעס: רוסן, אוקראַינער, טשעטשענצעס. אײנער, אַן „אַנדערהאַלבן־מעטערדיקער״, גע־זונט װי אַן אָקס, מ׳רופט אים מיט אַ צוזאַמען: „מאַלענקי אַלע װאָזשנענקי״,* האָט נישט מער אױף זיך די ממזרישע בליקן פון כאַסאַנען, װען ער האָט נאָך געהױבן אַ האַנט. די פאַרשערישע, כיטרע אײגעלעך פון דזשוליאַן. מורא געהאַט פאַר איר קלוג קעפּל. װער װײסט װאָס זי איז נאָך מסוגל צוצוטראַכטן נאָכן „אָנעסן״ זיך מיט „מתנות״. — טי ניע יעװרעי** — האָט זי אים אײן מאָל געזאָגט, געקוקט אים גלײַך אין די אױגן אַרײַן, װי אײנער רעדט: ייִדן זענען פױלאַקעס, דאַרמאָיעדניקעס, דו אַרבעטסט גוט, װי אַן אונדזעריקער. נישט דאָס ערשטע מאָל הערט ער דאָס. ער װײסט, אַז דאָס איז אױך אױפן חשבון פון זײַן „טשודנע״ אױסזען: נידעריקער װוקס, שמאָלע אײגעלעך, פאַרצװיגן מיט אַ דין הײַטעלע ביז די שאַרפע קינען, װאָס כאַפּן די מראה פון אַ מאָנגאָליש־קאַלאָ־מיקישן אָפּשטאַם.

זײַן פּנים ציט אַרױף אַ שמײכעלע:

„זײַן טאַטע האָט געדינט בײַ פּאָניען, געמאַכט די ׳סלוזשבע׳ ערגעץ אין קאַװקאַז בײַ טיפליס און אױך אין סאַכאַלין, אַװדאי זיך פאַרקוקט אױף יענע פּנימער...״

---

* קלײנער אָבער װאָזשנער.

** דו ביסט נישט קײן ייִד.

אויך אַ מעלה האָט געהאַט זײַן נישט־ייִדיש פּנים: עס האָט אים אין פּוילן, אין רוסלאַנד און דאָהי געראַטעוועט פון קלעפּ.

ער האָט פּאַר איר און פּאַר זײַנע „חברים" די גרוזשטשיקעס, געזונטע גויִים, געשריבן ספּראַווקעס, געפעלשט חתימות און פּיעטשאַטן. ער האָט פּאַר זיי „דאָקאַזשעט" דעם ביטערן טראָפּן. איז קיין בראָנפן נישט געווען, איז גוט סאַמאָגאָן. איז קיין סאַמאָגאָן נישטאָ — איז אָדעקאָלאָן, ברענספּירט. אָן „איינ־געצן" דעם גאָרגל איז שווער אין דער פרי אויפצושטיין צו דער אַרבעט...

אויפגעהערט האָט ער צוליב אַ פּאַרגלוסט נישט „אַנשיטן" זיך נאָר נעמען אַ ביסעלע „סחורה" און גיין מיט אַ האַלב־פול זעקעלע ווייץ אַ היים. אַרויס פון הויף מיט געוויינלעכע טריט, אַ נאָרמאַלער גאַנג פון אַן אַרבעט. הינטער אים, ווי פון דר'ערד אַרויס דערשפּירט פּלוצעם — נאָר דער, וואָס געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע שפּירט אומגעזען — אַז ס'גייט עמעצער פון יענע לײַט: אַן נ.ק.וו.ד., אָדער אַן אַנדערער מיט אַ „טשין". וואָס טוט מען? פאַרשנעלערן די שפּאַן? פאַר וואָס? אַ סימן, אַז ער וויל זיך שנעל אָפּטראָגן פון יענעמס אויגן. חוץ דעם — יענעמס שפּאַן זענען במילא גרעסערע, ער וועט אים דעריאָגן. דאָס גלײַכן — אָפּשטעלן זיך אין מיטן וועג? פאַר וואָס? ווידער פאַרדעכטיקט. גייט ער און שאָקלט מיטן זעקעלע, מכלומרשט האַלב־ליידיק, גרינג עלעהיי ס'ליגן דאָרט עטלעכע שמאַטעס. דאָס האַרץ קלאַפּט העכער, ווי די טריט אויפן פאַר־טריקנטן, האַרטן ליים־באָדן: אָט־אָט הערט ער „סטאָי"! אַנוקאַ, ווײַז וואָס האָסטו דאָ?"

ער הערט נישט קיין „סטאָי". בלויז די דערנענטערנדיקע טריט הערט ער. אָט שטייט ער רעכטס פון אים און פון זעקעלע אין זײַן האַנט. ער הערט נישט אויף צו שאָקלען עס און מערקט, ווי יענער מיטן היטל מיטן רויט־בלויען פּאַס נ.ק.וו.ד. פאַרהייבט אַ שטיוול, נאָר דער שפּיץ שטיוול גרייכט נישט צום זעקעלע. צוויי־דריי צענטימעטער סך הכל בידעריקער פון באַמבלענדיקן האַלב־פולן זע־קעלע... סעקונדן דויערט דער פאַרבײַגיי. נאָך אַמאָל אויפהייבן דעם פוס האָט ער, קאַנטיק, זיך געפוילט, אָדער ער האָט זיך געאײַלט און דער ישוב הדעת אָפּשטעלן זיך אָדער גיין ווייטער האָט געדויערט לענגער, ווי די שפּרײַז. און אָט שטייט ער שוין אַ טראָט, צוויי ווײַטער. סעקונדן, אפשר ברוכטיילן פון סעקונדן, האָט עס געדויערט און די עטלעכע צענטימעטער לופט פון שפּיץ שטיוול ביז צום זעקעלע האָבן געראַטעוועט די סיטואַציע. די קורצע מינוטן פון זײַן דערווײַטערן זיך, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי שעהען, האָבן דערפרייט דאָס איבערגעשראָקענע האַרץ, וואָס האָט פּאַמעלעכקע אָבער זיכער אָנגעהויבן פרײַ אָפּאָטעמען.

אויס מיט די סקלאַדן. זײַן לעצטער גאַנג איז דאָס געווען.

שׂרה איז זײַן ווײַב, לאהקען האָט ער ליב. שׂרה ווייסט. מער, ווי זי ווייסט, שפּירט זי, דעשיפּרירט מיט איר פרויען־אינסטינקט, וואָס צווישןביידע קומט פאָר... זי איז אַליין: איינע אַליין מיט איר צער, מיט איר פרייד: פרייד פון אַ מאַמען פון אַ שיין גערעאָטן יינגעלע. אַליין אין איר דאגה און ליבשאַפט צו ביידע — צו מאַן און קינד. מער ווי דאָס קינד און אים האָט זי דאָך נישט. ער איז גוט צו איר. טוט אַלץ אין שטוב ס׳זאָל דאָס שטיקל ברויט נישט פעלן — ברויט אין מלחמה־צײַט, ברויט איז מלחמה. קאָן זי אים גייטן ער זאָל איר ליב האָבן? קאָן זי צוזען די ליבע צווישן זיי ביידע? — ער האָט ליב דאָס קינד — האָט ער איר געזאָגט. שימעלע איז די אַקס פון דער וועלט: זײַן וועלט. דער קנופּ איז ער... „צוויי פּאַלוסן בינדט ער צונויף..."

אוועק דער פרילינג. זומער. תּמוז. הייסע טעג. לאַנגע טעג. אין די אוונטן איז די לופט אין קיביטקעס — די ליימוועגט אַנגעגליטע פון שווערע היצן — אַ דומפּיקע, אַ וואַרעמקייט, שווער דעם אָטעם צו כאַפּן. מ׳שפּרייט אויס אַ קאָלדרע דרויסנדיק פון דער קיביטקע. אַפּט זעצט זיך צו די אַפּאַ, די באַלעבאָסטע, אַ שכנטע פון צווייטן הייפל ברענגט אַרויס אַ טאַץ מיט טשײַ, מיט עטלעכע אורוק. מ׳דערציילט זיך מעשׂיות, פּאַרלויפּעניש פון טאָג, מלחמה־נײַעס. פון דער באַן־סטאַציע קומט די נײַעס. לאַנגע וואַגאָנען־קייטן מיט סאָלדאַטן פּאַרווונדעטע, אויפן וועג צו שפּיטעלער. שפּעט בײַנאַכט גייט מען צוריק אין די קיביטקעס. דער לאַנג־חדשימדיקער זומער האָט דאָ ליכטיקע אויגן: בײַטאָג — די ברענענ־דיקע זון, בײַנאַכט — די לבֿנה. אַ האַלבע לבֿנה, אַ גאַנצע אָבער תּמיד — אַ שווימענדיקע אויף אַ ליכטיק צי טונקל־בלויען אומבאַפלעקטן הימל.

די פּאַרטאַגן — קילע. די זון — אַ רוי שטיק שעפּסנפלייש אויפן ראַנד פון הימלבעקן. די העלע, צעשווומענע וואָלקנדלעך — צעדריבלטע, ווײַסע וואַטע־קנוילן באַפּאַרבטע פון דער יונגער זון. דאָס זענען די שענסטע שעהען פון טאָג. באַלד וועט באַפאַלן די היץ, אָנפילן דעם חלל מיט אַ בלײַענער, מאַטער שווער־קייט. אומגעלומפּערטע קעמל־פּיס און דינינקע אייזל־פּיסלעך וועלן אויפהייבן אַ שטויב, וואָס לייגט זיך אויף די נישט־ברוקירטע וועגן, ווי אַ ווײַסער מיאַל: מאַכט ווייכער די פּאַרטריקנטע, אָדערדיק־צעשפּאָלטענע, ליימיקע ערד. דער שטויב קלעפּט צו די פּיס — באָרוועסע און אין שמאָטע־שיך פון די היימלאָזע, מידע גייער — טוט זיך אָן אויף די פּײַכטע, שווייסיקע פּנימער, גרימירט זיי אויף קויטיק־גראָ. פּנים־און האַלדז־הויט — אויך פון יונגע מענטשן — קאַרביק און קנייטשיק, איבער נאַכט — זקנים. דער מענטש זעט עס נישט אויף זיך. ערשט ווען ער קוקט אויף אַ צווייטן, זעט ער זיך, ווי אין שפּיגל... אומעט,

נאָכלעסיקייט אין גאַנג. אין די אויגן — אַ מאַטע שײַן, ווי די שײַן פון וואַקסע־נעם הימל מיטן אָניאָג פון אַ מדבר־ווינט.

אַן אומרו באַפאַלט אים. אַן אומווילן, אַ שוואַכקייט אין די אברים. אין אַזעלכע שעהען כאַפּט ער זיך צו צו דער סטאַציע. אַהין און צוריק — באַנען, לאַנגע וואַגאָנען־קייטן. אַ הייזעריק פײַפן פון לאָקאָמאָטיוון. אַ גרילציק ריטשען פון רעדער אויף רעלסן. געלאָדענע וואַגאָנעס. אָפענע וואַגאָנעס פאַרצויגענע מיט פּלאַנדעקעס. ווייסט ער: טאַנקען, געווער־חלקים, מאָרד־מכשירים, מיליטערישע אַנטאַן, פּראָוויאַנט. אַלץ פאָרן פראָנט. פאָרן אָפענעם, אומגעזעטיקטן, פײַערדיקן פּיסק פון פראָנט. אויף צוריק — פאַרזיגלטע וואַגאָנעס. סאָלדאַטן. דורך פאַר־קראַטעטע פענצטערלעך, שפּאַלטן, שפּאַרעס, דורכגעשאָסענע ווענטלעך און ריסן — באַנדאַזשירטע קעפּ, הענט, פיס. צעפּאַטלטע האָר. אויגן — רחמים־בעטנדי־קע: צעווייטיקטע קרעכצן, אויסגעשרייען, אַ וויינענדיק געזאַנג, אַ רופן צו טאַטע־מאַמע, ווײַב, געליבטע. הייזעריקע מענער־שטימען שעלטן, זידלען, זינ־גען פראָנט־לידער: האַרציקע, שטילע טענער פון בענקשאַפט: — מאַמעלע רוסלאַנד: מאַט׳ ראָדנאַיאַ!

קינדער. גרויסע קינדער פון אין יסורים־אָפּגייענדיקער מאַמען. בלוטיקע קאַמפן. אַטאַקעס און קאָנטער־אַטאַקעס אויף אַלע פראָנטן. סימנים, אָנזאָג פון סוף נישט־געלונגענעם „בליץ־קריג״. סאָוויעטיש מיליטער האָט אויף אַ טייל פראָנט־אָפּשניטן אויפגעהערט זיך צוריקציִען, גייט אויך איבער אין אָנגריף. שטעט, באַפעלקערטע פונקטן, גייען איבער פון האַנט צו האַנט. פון די ראַדיאָ־הילכערס דערוויסט מען זיך:

„אונדזערע האָבן איבערגעלאָזט״.

„אונדזערע האָבן אָפּגענומען״.

„דער זיג איז מיט אונדז״.

„אונדזער זאַך איז אַ גערעכטע״.

הונדערטער, טויזנטער, אין די צענדליקער טויזנטער קרבנות פון ביידע זײַטן. דער שונא צאָלט פאַר יעדן שפּאַן רוסישע ערד מיט מענטש און מיט צײַט. צײַט איז דאָס היילמיטל פאַר די סאָוויעטישע, צעקלאַפּטע אַרמייען, וואָס זענען שוין ווידער פעיִק קעגנשטעלן זיך דעם דרוק אין דער לופטן — אויף דער ערד פון די דײַטשישע אָנגרייף־כּוחות.

ווי האַלט ער מיט זײַן פּריוואַטער מלחמה? מיט זיך, מיט סאַראַן? אָנגע־הויבן מיט פיר, פינעף יאָר צוריק, דאָרט אין וואַרשע, אין סאַמע אָנהייב פון זײַן קאָוואַלערסקי לעבן: אויפן אָנהייב אָדער מיטוועג פון זײַנע גענג: אַ גאַנג

צו עפּעס נײַערס, שענערס, צו אַ יום־טוב, וואָס דאַרף אים אַרויסהייבן פון זײַן גראָען, שווערן אײַנדערוואַכן.

לאהקע. איין הײַזקע. איר חרדל — „צוגעקלעפּט" צו דער וואַנט פון זייער הײַזקע — אַ סיאַמער צווילינג. אין איין הייפל אויף אַן אויסגעשפּרייטער קאָלדרע זיצט מען. פון איין טעפּל, ביי איין טיש עסט מען. מ׳טרינקט שטאַרקן טשײַ, מ׳דערציילט זיך מעשׂיות. מ׳לאַכט היימישלעך — משפּחהדיק. בײַ דער אַפּאַ, בײַ די נאָענטע שכנים הייסט עס: לאָהקע, — סאַראַס אַ שוועסטער. אין די נעכט — אַ וואַנט. קאָן אַ וואַנט שיידן צוויי הערצער?

— קאַכאַני! — טאָג און נאַכט קלינגט אים דאָס דאַזיקע וואָרט אין די אויערן.

ווי גליקלעך וואָלט ער געווען צו הערן דאָס וואָרט פון לאהקן דעמאָלט, דאָרטן, פאַר דעם וואָס מענטשן רופן „מבול" — דאָס צויבערוואָרט פון לאהקעס מויל. אויף דער שול־באַנק אין דער אַלטער היים — מילא. קינדער געווען. אָבער שפּעטער, אין וואַרשע — אַ באַנק לעם אַ באַנק אויף די אָוונט־קורסן. עטלעכע מאָל זי אַפּגעפירט אַהיים צו דער מומע. שפּאַצירט אויף וואַרשעווער גאַסן: ס׳רווישיקע, פּלווישיקע וואַרשע. ער געדענקט נאָך איר בליק, וואָס האָט אויפגעטײַעט דעם אומעט אויף זײַן פּנים, געוועקט אין אים אַ פרייד. אַוודאי וואָלט זיך זײַן גאַנג אין לעבן געצייכנט אַנדערש. אָט האָט ער זי ווידער פאַר זיך: אַ חלום אויף דער וואָר. און סאַראַ וואָר? מלחמה. ווילדער פּרעמד און אַ מאַן פון אַ פרוי. אַ טאַטע פון אַ קינד.

לאהקע האָט סייסמאָגראַפיש אויפגעכאַפּט זײַנע ספקות, קווילענישן. אויך זײַן סגולה: פאַר אַ גוט וואָרט, אַ האַרציק שמייכעלע — גרייט מוחל זײַן: איבערשפּרונגען די עוולה, די בושה, ווי מ׳שפּרינגט איבער אַ מוטנע וואַסערל בשעת מ׳גייט, מ׳לויפט אונטער אַ רעגן. נאָך מער: די סגולה פון אַרײַנלעבן זיך אין יענעמס געפילנוועלט, איבערנעמען זיך מיט יענעמס צער און פרייד, אויסשעפּן ביזן דנאָ די קוואַלן גוטס און רחמים און איבערגיסן, ווי מ׳גיסט איבער ווײַן, פון איין כלי אין דער אַנדערער.

פון לאהקעס וואָרט, שמייכל האָט געשטראָמט אַצינד, ווי פריִער, אַן אינער־לעך ליכט, אַ וואַרעמקייט. אַלע שלוזן פון גוטס און רחמים האָבן אירע רייד אין אים געעפנט.

שטילע חשבונות מיט זיך, מיט לאהקען, מיט שׂרהן. פון זײַן שווײַגן, פון זײַן פּנים און התנהגות, האָט לאהקע אַראָפּגעלייענט זײַנע מחשבות. אַ שטילער, שטומער שותף איז זי געווען צו זײַנע האַרץ־סברות: צו זײַנע זוכענישן און בענקענישן צו עפּעס אַ דאַיִק־נישטאָיקס. ער האָט פאַר איר געלייענט זײַנע

לידער. זי האָט אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן אַראָפּגעלייענט פון זײַן פּנים, וואָס אין זײַן געמיט ליגט פאַרבאָרגן, באַהאַלטן. ווי דער טונקעלער הימל אין סוף חודש האָט זײַן וועג געפירט צון איר איין און איינציק וואָרט: — קאַכאַני.

עס האָט באַפעסטיקט אין אים דעם גלויבן אין זײַנע שעפערישע כוחות, אין אַ העכערער דערקענטעניש, וואָס פאַרלייקנט נישט קיין לײַדנשאַפט און העלפט אַרויס אין גײַסטיקע וואַנדלונגען.

ערגעץ האָט ער געלייענט:

שרייבער, קינסטלער בכלל רופן זיך איבער, ווי לייבן אין וואַלד. שווייגן זיך איבער — האָט ער צו זיך געזאָגט — איבער דורות, תקופות, יאָרהונדערטער. נישט אַנדערש נאָר דער וואָס געבוירט לעבן, טויט, דער אייביקער באַדינגלע־כער כוח גורט אָן זײַנע אויסדערוויילטע מיט אַ מין גײַסטיקן חומר, מיט אַ סטאַבילער דינאַמישער פליסיקייט פון אייביק ביז אייביק, וואָס גיסט זיך איבער פון מענטש צו מענטש איבער מרחקים און צײַטן, וואָס לאָזן זיך נישט מעסטן מיט געוויינטלעכע מאָסן פון פאַרשטאַנד. איז די איינציקע ברירה אָננעמען אַלדאָס געשען, ווי אַקסיאָמעס פון אַ קראַפט, וואָס איז נישט משיג צו זײַן מיטן שׂכל — אַ פּיטשימאַנטשיקל, רינגעלע אין דער אומצורײַסיקער קייט פון וועלט־געשען, וואָס איז אי דער מקור, די סיבה און אי דער פועל יוצא פון דער עקזיס־טענץ פון בײדע זײַטן לעבן.

איז אַ צופאַל ס׳ווידער טרעפן איר בײַם לאַראַק פון אַלטענבײַיעוון, נאָך העכער פיר יאָר פאַרלירן יעדן שפּור פון איר? קנאַפּע פיר יאָר מלחמה. נע־ונד, וולוטשענגע. פרעמד. שווערע אַרבעט. פּחדים אַנגסט־רגעס בעתן אַנטלויפן. לאַנגע וואָכן נסיעות אין די טיעפּלושקעס, סיביר. שאַכטן, „זאַגאָט־זיערנאָ״. הײַנט, וואָס דערוואַרט דעם בן־אדם אין נאָענטן מאָרגן, איבערמאָרגן? וויפל לעבנס, יחידים, משפחות, פעלקער שטייען נאָך אין קאָן?

ליגט נישט די סיבה — פרעגט ער זיך צום ווילפסטן מאָל — פון אַזעלכע צופאַלן אין דער תשוקה, וואָס וואַכט איבער דער שיכחה? האָט נישט זײַן תשוקה — אפשר אויך אירע — אים געפירט יענעם טאָג, יענע שעה צום לאַראַק פון אַלטנבײַיעוון? און אפשר האָט דער צופאַל אַ באַהאַלטענע לאָגיק? אַזוי לאַנג, ווי דער בן אדם קאָן זיך נישט דערגרונטעווען צו דער לאָגיק, האַלט ער עס פאַר אַ גאָטזאַך, אַ גאָט־גורל זאַך.

האָט אים פון דעסטוועגן הנאה געטאָן וואָס ס׳איז נאָך דאָ אָרט פאַרן מענטש־לעכן שׂכל, צום מענטשלעכן טראַכטן. אפשר וועלן אויך די מוחות, וואָס פירן מלחמה זיך דערטראַכטן צו אַ שלום.

כּדאי צו לעבן. לאַנג לעבן, כּדי צו דערלערנען אַל דאָס אומגעריכטע, וואָס

געשעט אין און אַרום מענטש, בפרט אין אַ מלחמה־צײַט. וואָס האָט איר צו יענעם מצב דערפירט?

לאהקע האָט דערציילט:

נאָכן אַריבער דעם בוג — געבליבן אין קאָוועל. טאַטע־מאַמע, צוויי ייִנגערע ברידערלעך — אין דער היים. קאָוועל, דער ערשטער מקום מקלט נאָכן אַריבער דעם בוג. איבער נאַכט — אין די הונדערטער, טויזנטער, איינצלנע און משפחות — „ביעזשענצעס". דאַכלאָז, פּרנסה־לאָז. אַ וואַלגערן זיך אויף וואָקזאַלן, אין קלובן, שילן, שולן, בתי־מדרשים. גאַרקיכן. צוגעטיילטע זופּן. פּאַרציעס ברויט. צוויי־דרײַ משפחות אין איין דירה. רעגיסטראַציע אויף אַרבעט קיין טיף רוסלאַנד. רעגיסטראַציע אויף נעמען אַ רוסישן פּאַספּאָרט, אויף צוריקפאָרן צו די פאַרלאָזטע היימען. דעזאָריענטאַציע.

פון ווייטע רוסישע קאַנטן קומען אָן ידיעות און בריוו, בריוולעך אויף טונקל־שאַרסטקע שלעכט פּאַפּיר, אין איילעניש געשריבן. שלעכטע, ביטערע גרוסן. סאָוויעטישע פּרעסע אויף די „באַפרײַטע געביטן", ראַדיא — שווײַגן. זי שרײַבט אַ היים. ס׳קומט צוריק אַ קאַרטל: „צו אַלט צו לויפן".... „נישטאָ קיין כוח צו וואָלוטשען זיך אין דער פרעמד". — — — „שוין איין מאָל איבערגעלעבט דעם דײַטש, מ׳וועט היטלערן, ב״ה, אויך איבערלעבן". זי בלײַבט דערווײַל אין קאָוועל. דער געדאַנק, אַז אויך ער, אהרון, איז אַוודאי געבליבן דערווײַל אויף די „זאַפּאַדנע געביטן" — האַלט איר אָפּ פון צוריקפאָרן, פון ווערבירן זיך אויף אַרבעט קיין טיף רוסלאַנד. אַ געפיל האָט זי געהאַט — פון וואַנען אַזאַ געפיל האָט זיך צו איר גענומען, ווייסט זי נישט — אַז ערגעצוו וועט זי אים טרעפן.

✱

די בדידות האָט ווי אַ טונקעלער פאָרהאַנג זיך אַראָפּגעלאָזט צווישן איר און סאַראַן ווי פּוילע, שלעפעריקע קעץ האָבן זיך געצויגן די נעכט, אין די טעג — נאָכן איבעררײַסן די אַרבעט אין „זאַגאַט־זיערנאַ" — געגאַנגען איבער די הייף, הייפלעך אונטערהאַקן אַ ביימל, אויסקאַרטשעווען אַ פּניען.

העכער אַ יאָר וווינען זיי דאָ. מ׳קומט צו זיי אין די קיביטקעס, די נידעריקע, געבויגענע, געבונדענע צו דער ערד. ער אַרבעט אין זייערע גערנטער פאַר אַ שיבוש, פאַר אַ פּענעץ ברויט, עטלעכע אורוק, אַ שיסעלע „פּלאָוו", פאַר סקאַרניקעס אַלטגעבאַקענע, אַ ביסל קאָזע־מילך, אַ פּענעץ שוואַרץ ברויט (שוואַרץ ברויט נעמען זיי די היגע נישט אין מויל אַרײַן). און אַזוי ווייניק ווייסט מען פון זיי, זייער שטייגער לעבן, זייערע פירעכצער, געפילן, מחשבות, זאַבאַבאָנעס, תפילות, גלויבן און אַבערגלויבן; זייער פּחד פאַר די „פּאַלשעוויקעס" און פאַר רוחות,

שדים, נישט־גוטע. אַללאַ. עפּעס באַהאַלטנס, פאַרהוילנס אין זייערע טונקעלע, האַרטע פּנימער, אין די שפּעלטל־אייגעלעך פאַרצויגענע מיט אַ הײַטל. אַט שמייכלט ער און אַט — וואַרפט אים די נכפּה. ברואים — פּילבאַרע, פעיִקע אויף התרוממות הנפש, און שיכּור־פאַנאַטיש.

אָפן פאַר כּול דיכפּין זענען גאַנצע טעג זייערע קיביטקעס, און באַהאַלטן, פול מיט חשד צו די „פרעמדע" ווײַסע, די „וואָקואַזירטע". שטאַרקע, געזונטע ברואים, און פויל, פלעגמאַטיש צו אַרבעט. קינדיש־נאַיוו אין זייערע פאַנטאַזיעס און אַ שוואַכקייט צו גבורה — אַ ירושה, אפשר, פון דזשינגיס כאַן. נאָמאַדן־ענלעך צו זייערע אורפאַטערס טאַמוטשין און זון, ווו די נישט־ווײַטע סאַמאַר־קאַנט איז געווען די הויפּט־שטאָט פון זייער אימפּעריע.

מיט מאָדנער, אומפאַרשטענדלעכער פאַררייסנקייט און ניסתּרער גאווה, קול־טיווירן זיי זייער פּרימיטיוו — אַן אייגנאַרט פון די ווײַטע, מיטלאַזיאַטישע מזרח־פעלקער. פילסט אַרויס אין זיי אַ שטומען פּראָטעסט קעגן דער אינטע־לעקטועלער חדווה פון די ווײַסע. מיט ציניִשער חנופה שמייכלען זיי דיר אין פּנים אַרײַן. זייער באַנעם — שטילע מרידה קעגן עוולה, קעגן די סאָוויעטישע זאַקאָנעס — אַ קללה פון אַללאַ.

ער רעדט מיט זיי, פּרווט פאַרשטיין זייער לשון. דריקט זייערע שווערע הענט, מ'קלעפּלט זיך גוטברודעריש אין די פּלייצעס און אַזוי פאַרהוילן ס'אַרײַנד־רינגען אין זייערע געמיטער, דערקענען זייער כאַראַקטער. שטייסט נאָענט פון זיי און — ווײַט, פרעמד אומבאַגרײַפלעך זייערע מעשים, מנהגים און התנהגות. אַכיבע דאָס איז אַן אייגנמיניקייט, אַ סטיגמע, אַ חותם, וואָס די נאַטור באַשטימט פאַר יעדן שבט, פאָלק, ראַסע.

אומפאַרמײַדלעך איז די מחיצה צווישן אָט די מזרח־פעלקער און דער מערב־וועלט. אומזיסט די מי זיי צו דערלערנען, פּרוּוון די מחיצה באַזײַטיקן, צעברעכן.

✱

פון אין דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט דרייט ער זיך איבער די הייפלעך, הײַזקעס מיט אַ קיטעמען און לאָפּעטקע אויפן אַקסל. רייניקט גערטנער, קאַרטשעט אויס אַן איבערגעבראָכן ביימל, רײַסט אויס דערנער, ווילדגראָז, שלעפּט אַרויס שטיינער און רייניקט די „אַריק"ס — קאַנאַלן, ווו ס'רעגנוואַסער זאַמלט זיך און האַלט אָן חדשים־לאַנג. ער עסט, וואָס מ'גיט אים און ברענגט אַהיים שיריים פון זייערע עסנס: פּעטע ביינער און שטיקלעך „קורדזשוק" — שעפּסן־פעטס — אַן איבערבלײַב נאָך זייערע שמחות, וואָס מ'מאַכט אָפט אין איינעם פון די הייף. מיט ווילדע קולות און אַ הו־הו־הוקען אין שרײַען רופט מען צונויף

די שכנים. אַזוי אויך צו די סעודות נאָך אַ לוויה. קומט ער אויך, דער אומגע־בעטענער גאַסט, קוים דרייט ער זיך אין יענער געגנט. אַן אײַנגעמידטער, אַ שווייסיק־פאַרשטויבטער, קומט ער אַהיים, שימעלע פאַלט אויף אים אַרויף. מיט די לעצטע כוחות כאַפּט ער אים אויף די הענט, זעצט זיך אַנידער מיט אים אַ שפּיל טאָן.

אַפּאַטישע, שווערלעכע בליקן וואַרפט ער צו סאַראַן. זי שלינגט די „ביטערע פּיגולקעס" אַן אַ וואָרט אַרויסרײדן. זי ווייסט: אַוודאי הונגעריק אָדער נישט דערעסן. די שיריים פון דער טאָרבע וואָס ער טראָגט מיט זיך, לייגט ער אויפן טיש. זי איז גוט צו אים. העלפט אים אַראָפּוואַרפן פון זיך די שווערע שיך פון האַרטן בוקאַט, פאַרטריקנטע, פאַרבלאָטיקטע, טראָגט אים צו אַ שיסל וואַסער. אָפּגעוואַשן ס׳פּנים, די הענט, צעשעקעטע פון קיעטמען און לאַפּעטקע — בלייבט ער זיצן אַ שטומער.

זי גייט אים אַרום מיט נכנע טריט: טריט קוים־קוימיקע, ווי מ׳גייט אויף אַ דין פראַסטיק הײַטל. אַ שלעכט וואָרט און „ס׳הײַטל" ברעכט זיך אײַן. אַ ווייטיק איר דאָס קוקן אויפן אָפּגעצערטן פּנים זײַנעם, מיט סימנים פון טונקעלע רעדער אַרום די אויגן. זײַן נאַכלעסיק זיצן, — קלאַמפּערשט ער רוט. אין זײַנע שטומע בליקן זעט זי, אַז אינעווייניק בײַ אים איז נישט אַזוי רויק... עפּעס קאָכט אין אים... וואָס ס׳ועט זיך אויסקאָכן — ווייסט זי נישט.

✶

גערעכט געווען ראַיאַ, די בוכאַרער פרוי, די אויפזעערין פון „דיעט־דאָם" ווו לאהקע אַרבעט — זאָגט ער צו זיך. ער כאַפּט זיך פון צײַט צו צײַט אַהין אַרײַן. ראַיאַ׳ס שוואַרצע, קלוגע אויגן זעען אַלץ.

— אַן אָפּעראַציע, בראַטאַק — האָט זי אים איין מאָל געזאָגט. ביידע וועט איר נאָכדעם געזונט ווערן.

— און שימעלע?

— ער איז דערווייל אין „דיעט־דאָם".

— און וואָס ווײַטער?

— אָט אַזוי־אַ, דו און סאַראַ — וואָס ווײַטער?

ער האָט געשוויגן.

— אַוודאי טוט ווי — האָט זי ווײַטער גערעדט — אַז מ׳שנײַדט רינט בלוט.

— אַצינד? מלחמה. פרעמד? זי איז דאָ אַליין?

— דאָס איז דײַן פּריוואַטע מלחמה. ווי לאַנג נאָך?...

ער האָט שווער געשוויגן.

— איר וועט ביידע געזונט ווערן. יונגע מענטשן. די צײַט וועט היילן.

געפֿילט געווען ראַיאַ. אָבער אים איז גרינגער צו לעבן מיטן שקר. ער האָט ליב זײַן קינד, אַ ייִנגעלע, עפּעס מער פֿון פֿיר יאָר. אַ קינד דאַרף אַ טאַטן. סאַראַ אַליין אָן אים? זי וועט עס נישט אויסהאַלטן, זי וועט... זי וועט... ניין, ער טאָר נישט זײַן דער גורם צו אַן אומגליק. אומברענגען אַ מענטש, אַ פֿרוי, אַ מאַמע פֿון אַ קינד צוליב אייגנליבע? אַ פֿאַרברעכן. סאַראַ — אַ קרבן. אויב וועט ער לעבן בלײַבן, וועט דער קרבן אים נאָכגיין אַ גאַנץ לעבן, ווי אַ שאָטן.

ער האָט דאָ זעקס ברידער. געאַרבעט נישט ווײַט פֿון אים, אויך אין קוילנגרוּבן. מיטן שאַפֿן זיך פֿון דער שיקאָרסקי־אַרמיי האָבן אַ סך „עוואַקואירטע" זיך מאָביליזירט. ייִדן האָט מען ס׳רוב אָפּגעוואָרפֿן. נישט ווייניק איז געלונגען אָנגענומען צו ווערן. אַריבער דורך אַשכאַבאַד אויף „יענער זײַט" — איראַן, ענגלאַנד, ארץ ישׂראל. ער איז זיכער, אַז זײַנע ברידער זענען ערגעץ ווו פֿון דער אָדער פֿון יענער זײַט. סאַראַ האָט איין און איינציקן מענטש דאָ — אים. „איינער — איז קיינער". בפֿרט אין אַזאַ אַכזריותדיקער צײַט.

שלעפּן זיך פֿויל די טעג. יעדער אָפּגעלאָפּענער טאָג, מעת־לעת, איז אַ לייגן נאָסע העלצער אויף אַ פֿײַער: ס׳פֿײַער צישעט, דושעט, נישט סע ברענט, נישט עס לעשט זיך. באַדאַרפֿט פֿריִער דערוועגן טראַכטן: אַ סך, אַ סך פֿריִער...

סאַראַ. אַ שיינע פֿרוי. אַ געטרײַע. שלעפּט צוזאַמען מיט אים דעם „שווערן וואָגן" פֿון אָפּגעפֿרעמדקייט, צער, הונגער. איר ערשטע דאגה — דער מאַן און דאָס קינד. זי איז די לעצטע צום קאָרגן ביסן ברויט. קיין וואָרט נישט וועגן לאהקען. אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן טראָגט זי דעם ווייטיק. זײַן ליבע צו לאהקען — אַ מעסער אין איר רוקן. קיינער זעט נישט דאָס „מעסער". קיינער זעט נישט איר ווונד, אַ שטייגער — די ווונד און דאָס „מעסער" האָבן אַ בונד קעגן איר געשלאָסן: אַ „פֿלירט" אַזאַ... אַ טראַומע: די דריטע טראַומע. די ערשטע האָט זיך אָנגעהויבן אין שטוב צו דרײַצן, פֿערצן יאָר... די צווייטע — דער זשוליק, דער „פֿילם־דרייער" אין וואַרשע. ניין. ער וועט נישט זײַן קיין שותף צו די ערשטע צוויי.

אַ געפֿיל פֿון רחמים, פֿון גוטסקייט האָט זיך אין אים דערוועקט צו זײַן ווײַב, די מאַמע פֿון זײַן קינד. כּדי וואָלט זי אויפֿגעהויבן אַ קול, וואָלט זי זיך פֿאַר אים פֿאַרקלאָגט, אים געזידלט. פֿאַרוואָס שווײַגט זי? סײַדן, אַכיבע איר ווונד איז אַ טיפֿער ברונעם. זי שעפּט פֿון אים די כּוחות. זי האָט אים ליב. זי קאָן אָן אים נישט לעבן — האָט זי אים איין מאָל געזאָגט. פֿאַרשעמט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי אין עפּעס זיך פֿאַרשולדיקט, האָט זי אַרויסגערעדט אָט די ווערטער. ס׳איז איר גוט מיט אים — האָט זי שטיל צוגעגעבן — עס שלאָגט פֿון אים אַ וואַרעמקייט עלעהײַ זי קומט אַרײַן פֿון אַ קאַלטן דרויסן אין אַ וואַרע־

מער שטוב. פון וואַנעט די וואָרעמקייט קומט — ווייסט זי נישט, וויל נישט וויסן.

זעט זי דען נישט וואָס צווישן אים און לאהקען קומט פאָר? זייערע בליקן? זייערע איבערשמועסן? איר אַרומכאַפּן ס׳קינד ווען ס׳איז אויף זײַנע הענט און עס באַדעקן מיט קושן. מיט אירע הייסע קושן קושט די דאָך אים, איר מאַן. זי מאַכט עס אָפן, פאַר אירע אויגן מיט ספּרינט, מיט חכמה, אַן אינטעליגענטקע. זי איז דאָך אַ שטוב־מענטש, איר, סאַראַס, בעסטע חברטע. מאַכט עס מיט אַ מינע, וואָס וויל זאָגן: — וואָסי? מ׳טאָר נישט אַ קוש טאָן, אַ שיין יינגעלע?

שימעלע איז אַנומלט אַרײַן פון דרויסן מיט אַ געוויין. אַ סקאָרפּיאָן האָט אים אַ ביס געטאָן אין פּיסעלע. לאהקע איז גראָד געווען דערבײַ. זי האָט שימעלען אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט, פון ערגעץ אַרויסגעשלעפּט אַ ווײַס שמאַטקעלע, עס אײַנגעטונקען אין וואַסער, אַ קוועטש געטאָן אויפן אָרט פון ביס, אַרומגעוואַשן די קליינע וווּנד, אַרומגעבונדן. ס׳קינד פון די הענט נישט אַרויסגעלאָזט, געווישט ס׳פאַרוויינטע פּנימל און געגומען אים דערציילן מעשהלעך.

✶

נאַכט. אַ קליין פלעמעלע פון נאַפט־לעמפּל אויפן טיש באַרעט זיך מיט די שאָטנס אויף די ווענט, נידעריקער סטעליע. ביידע אין בעט. שרה איז אויף — פילט ער.

— פאַרוואָס שלאָפסטו נישט?

— כ׳קאָן נישט שלאָפן.

— וואָסי?

— גאָרנישט.

— ווידער גאָרנישט?

— פאַרוואָס ווידער? האָסטו מיך ווענס געפרעגט צי איך שלאָף יאָ צי נישט?

— אפשר מאַכן אַ גלעזל טיי? טשײַ, ווי זיי זאָגן דאָ?

— געטרונקען. מ׳דאַרף נישט. פאַר דיר, אַז דו ווילסט — קאָן איך מאַכן.

— אַ דאַנק.

— נישטאָ פאַרוואָס.

— פאַר דײַן גוטן ווילן.

שטיל. אַנטקעגן שלאָפט שימעלע אויף אַ שעניקל. זי גייט אַראָפּ, דעקט אים צו מיט דער קאָלדרעקע, וואָס האָט זיך, קאָנטיק, אַראָפּגערוקט. ווידער אין בעט.

— מיט עטלעכע טעג צוריק האָסטו מיר געזאָגט, אַז די פרײַע בחירה פון מענטש איז אַן אוצר, דער היטער פונעם אוצר — איז דער שׂאָטן.

— אַקעגן וואָס האָסטו דאָס געזאָגט?

— סתם. פילאָסאָפיע.

— גראָד האָב איך די „פילאָסאָפיע" פאַרשטאַנען. האָסט דאָך אַ מיין דערבײַ, נישט? ער האָט געשוויגן.

— „די פרײַע בחירה" איז לאהקע, נישט אַזוי? און ווער איז דער שׂאָטן? צו וואָס די משלים, די האַלבע ווערטער?

— און דאָ נעמסט אַן אַ מויל מיט שווײַגן.

— פאַר דײַן רעדן צאָל איך מיט געזונט.

— און איך צאָל מיט לעבנסלענגלעכע יסורים.

אַ שלאָפלאָזע נאַכט פאַר ביידע. ס'ערשטע מאָל הערט ער פון איר אַזעלכע ווערטער. משמע: זי לעבט עס שטאַרק איבער. און דו — זאָגט ער צו זיך — „צדיק אין פעלץ", ווילסט זײַן, ווי אין משל פון אליעזר שטיינבאַרג: „דער שוחט שעכט און בלײַבט גערעכט?"

מ'לעבט אויפן פּאַיאַק. לאהקע קומט קיין מאָל נישט אַהיים פון „דיעט-דאָם" מיט ליידיקע הענט. פאַר שימעלען דרייט מען צונויף אַ לעמעשקע פון קוקורוזע־מעל אויף ציגנמילך, וואָס מ'„באַרגט" אַמאָל בײַ דער באַלעבאָסטע, די גוטע אַפּאַ. לאהקע און שׂרה האָבן זיך אויסגעלערנט מאַכן, באַקן קליינע פּלעצעלעך פון קוקורוזע־מעל. אויף דער פײַערקע פון קעכל באַקט מען זיי. אַ מאַכל פאַר שימעלען. אויך סקאַרינקעס ברענגט אַרײַן די אַפּאַ: סקאַרינקעס פון שוואַרצן ברויט, די פּאַיאַקן, וואָס זיי נעמען נישט אין מויל אַרײַן. מ'ווייקט זיי אין וואַסער. שימעלע גריזשעט אָפּ מיט זײַנע געזונטע ציינדעלעך די ערשטע ווייכקייט: ווידער אין וואַסער ביז — „עס צעגייט אין מויל".

טרעפט, אַז אויך די „מאַכלים" זענען נישטאָ, זינגט אים לאהקע אַ לידעלע מיט אַ ניגונדל, וואָס איר מאַמע, ווי זי דערציילט, האָט איר געזונגען בעת זי איז אַ קליינע געווען:

געגאַנגען איז אַ ייִנגעלע
אין פעלד צווישן זאַנגען
און האָט אַ קליינטשיק פייגעלע,
אַ פייגעלע געפאַנגען.
לאָז מיך, לאָז מיך, מיידעלע,
לאָז מיך ווײַטער פליִען

צום פעלדעלע, צום וועלדעלע,
צום נעסטעלע לאָז ציִען —
טראַ־לאַ לאַ, טראַ־לאַ לאַ.

שימעלע האָט ליב די לידעלעך, וואָס די טשאַטשע לאהקע זינגט אים. אַ סך קאָן ער שוין פון אויסנווייניק. ייִדיש, פויליש רוסיש רעדט ער, מישט די דרײַ לשונות. אַ נײַ לשון שאַפט ער. מלא טעם האָט עס. עס ווײַלט זיי, זיי לאַכן, ער לאַכט מיט.

— זעסטו כאַטש, שׂרהלע, ווי ער האָט מיך ליב, שימעלע? — רופט זיך אָן לאהקע.

שׂרה ענטפערט מיט אַ שמייכל. אַ שמייכל עלעהײַ אַ קינד, אַ גרויס קינד, וואָס לאַכט מיט אַ ווייַנענדיקער מינע. לאהקע איז אַ מבין אויף אַזאַ שמייכל. פון גרויס מיטגעפיל צו איר, צו דער שטילער „דראַמע" פון די דרײַ אין די צווויי קליינע ליימשטיבלעך — אַ דראַמע, וווּ זי שפּילט די הויפּטראָלע — מײַדט זי אויס אַרײַנלאָזן זיך אין אַ שמועס מיט סאַראַן.

און ס'האָט געטראָפן:

ביידע זענען געווען אין שטוב. סאַראַ האָט אָנגעגאָסן צוויי טעפּלעך טיי. מ'זופט די טיי, מ'זיפט די ווערטער:

— איך קאָן נישט מער, סאַראַ.

— דו?

— יאָ, איך.

— וואָס קאָנסטו נישט מער?

— צוקוקן קאָן איך נישט.

— רעד קלאָרע ווערטער.

— לײַדסט.

— נישט פון הײַנט, נישט פון נעכטן לײַד איך.

— איך בין שולדיק.

— אַלע זענען מיר שולדיק.

— ווער די „אַלע"?

— אַלע דרײַ.

אַ שווייגן.

— טרינק, די טיי ווערט קאַלט.

לאהקע טוט אַ זיפּ, בייגט אָן איר קאָפּ צו סאַראַן.

— סאַראַ, פאַרוואָס ביסטו אַזוי גוט צו מיר?

— דו ביסט דאָך אַ שטוב־מענטש, מײַן מאַנס אַ באַקאַנטע.

— אַ „באַקאַנטע", יאָ. און נישט מער.

— ס'איז ליגן.

— בין איך אַ ליגנערין?

— דו זאָגסט נישט דעם אמת. איך בין נישט קיין קורסיסטין, נישט קיין אינטעליגענטקע, אָבער נישט אַזוי נאַריש ווי דו מיינסט...

— סאַראַ, איך מײַן נישט דײַן שלעכטס. דו לײַדסט, האָב איך געזאָגט, נישט אמת?

— ביידע לײַדן מיר: איך פון ליבע צו אים, ער — פון אומליבע צו מיר.

— אייגנטלעך וואָלט איר ביידע באַדאַרפט וועגן דעם רעדן.

— פאַר עצות בין איך אויסגעזאָרגט, לאַהקע.

ווידער אַ שווײַגן. אויסגעליידיקט די טעפּלעך טיי. ביידע קוקן זיך אָן:

— חלילה, ביסט נישט קיין נאַרישע — רײַסט לאַהקע איבער דאָס שווײַגן. רעדסט בלויז נאַרישקייטן.

— איך טו נאַרישקייטן. אַ טעות. מײַן טעות.

— איז ער שלעכט צו דיר?

— ניין. אדרבא: דאָס שלעכטע איז וואָס ער איז גוט צו מיר.

— איך וועל אים פון דיר נישט צונעמען.

— ער וועט אַליין אַוועקגיין. ער האָט דיך ליב. דו דאַרפסט אים אײַנגאַנצן פאַר זיך.

— איך קלער איבערגיין אין אַן אַנדער אָרט. כ'מײַן, נישט ווײַט פון ראַיאָן, אין אַ קיביטקע, אַ קאַזאַכין וויל פאַרדינגען.

— זײַ מוחל, רעדסט נאַרישקייטן. אָרט איז וויכטיק? געאָגראַפיע, צי ביאָגראַפיע? איר קאָנט זיך דאָך אַ סך יאָרן פון איין שטאָט, פון איין קלאַס, פון קינדווײַז אויף. איין ביאָגראַפיע. מײַן גאָטזעליקע מאַמע האָט געזאָגט: „אַלטע ליבע זשאַווערט נישט".

אַן לשון איז זי געבליבן זיצן, לאַהקע. אַ צער, אַ גרויס מיטגעפיל און אַן אמתע ליבשאַפט פון מענטש צו מענטש, האָט אַרויסגעקוקט פון אירע אויגן. אָט די „שטומע צונג" איז דאָך אַי קלוג, אַי גוט. וואָסער רוח, וואָסער גײַסט האָט מיך דאָ אַהער געבראַכט? — האָט זי צו זיך געזאָגט. כּדי וואָלט איך דאָרט בײַם געוועלבל פון אַלטענבײַעוון ליגן געבליבן. ווער האָט אים אַהין אויף דעם וועג געפירט יענעם טאָג, יענע שעה? ער האָט מיך געראַטעוועט און זי אומגליקלעך געמאַכט. סאַראַ — אַ קרבן. קאָנטיק, פון גרויס ערגערניש, כּעס אויף זיך, אויף איר גורל, האָט זיך דאָס לעצטע וואָרט „קרבן" אַרויסגעגליטשעט פון מויל.

— איך בין נישט דער קרבן, לאהקע.

— ניין. איך וועל נישט זײַן דער גורם דערצו. דו ביסט שטאַרק, סאַראַ, דײַן שוואַכקייט איז דײַן כּוח.

— ער איז אַ קרבן — האָט ער איר איין מאָל געזאָגט — געלאָזט זיך פירן צו דער עקידה.

— פון וועמען געלאָזט זיך פירן צו דער עקידה?

— פון זײַן שוואַכקייט. איך האָב נישט פאַרשטאַנען דעם מיין פון זײַנע ווערטער. אַ שרײַבער, אַן אינטעליגענט. רעדט מיט תורה, מיט משלים. האָט ער מיר אויפגעקלערט: „אברהם אבינו האָט געפירט יצחקן צו דער עקידה. יצחק האָט געהאַט מזל". אַ גוטער מלאך האָט אָפּגעהאַלטן ס'שעכטמעסער: „ניטע, שטרעק נישט דײַן האַנט אויס צום יינגל". אים האָט גאָט נישט געהאָלפן. קיין מלאך נישט געשיקט — האָט ער געזאָגט. גאָט האָט אים יאָ געהאָלפן — זאָג איך. יאָ געשיקט אים אַ מלאך...

— אויב איך בין דער „מלאך", סאַראַ, וועל איך אָפּהאַלטן דאָס שעכטמעסער.

— מ'קאָן שעכטן אָן אַ מעסער...

— טײַערע סאַראַ, ער וועט עס נישט טאָן.

— ער האָט עס שוין געטאָן.

— ניין. דער „מלאך" האָט פאַרשפּעטיקט...

— אין אַזעלכע זאַכן איז קיינמאָל נישט צו שפּעט.

*

יענעם אָוונט איז לאהקע ביז שפּעט אין דער נאַכט געלעגן אויפן בעטל אין איר קאַמער, נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. קאַפּויער איז איר געקומען דער וועג, דער גאַנצער וועג פון קאָוועל ביז אַהער. העכער אַ יאָר אין קאָוועל. געאַרבעט אין אַ קאַזאַרמע בײַ רייניקן געווער. אַ סך ביעזשענצעס האָבן געאַרבעט דאָרט. איינעם, אַ מישאַ, אַ שטאָטישער, דעם טאַטנס אַ באַקאַנטער, האָט זי דאָרט געטראָפן.

ער האָט איר דערציילט: געזען איר טאַטן אַן אינדערפרי, פאַר אַן „אַקציע". מער ווייסט ער נישט. זײַנע נסים: אַנטלאָפן פון פּלען. אים געכאַפּט אויף „אַרבעט", געיאָגט צו די וואַגאָנעס... דרײַ טעג און צוויי נעכט — אָן אַ ביסן אין מויל, אָן אַ טרונק. אָן ענגשאַפט דערשטיקט צו ווערן. מ'שטופּט זיך צום אײַנציקן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל כאַפּן אַביסל לופט. נאָך אַ שעה־צוויי לעבן. ער, און נאָך עטלעכע, באַשליסן צו שפּרינגען: געהרגעט ווערן און נישט

אַרײַנפּאַלן אין זײערע רוצחישע הענט, נישט גײן אין אױװן אַרײַן. ער שפּרינגט. בלײַבט ליגן בײַ אַ ראָװ לעם דער באַן־ליניע. עמעצער פאַלט לעם אים, אויף אים. ער טרעפט מיטן קנאַפּל פון שוך אויף זײַן פּנים. בלוט פון מויל. צוויי ציין אויסגעהאַקט. בלוט פון רעכטן פוס. נאָכגעשאָסן מסתם. אַ קויל אין פוס טאָפּט ער אָן. ס׳איז נאַכט. ער דערשלעפּט זיך אין אַ דערפל.

אַ פּויער באַמערקט אים, גייט אים אַקעגן מיט אַן אויפגעהויבענער ווידלע. אָפּגעבעטן ס׳לעבן מיט אַ גאָלדן צענערל, וואָס ער האָט בײַ זיך געהאַט. מיטן דורכגעשאָסענעם פוס דערשלעפּט ער זיך צו אַ דאָרפישער כאַטע. אַ שײַער. ער גייט אַרײַן. ווי לאַנג ער איז דאָרטן געלעגן, קאַנטיק פאַרחלשט, געדענקט ער נישט. געעפנט די אויגן — זײַן פוס איז באַנדאַזשירט. לעם אים — אַ שיסעלע עסן. אָט שטייט איבער אים דער פּויער, דער באַלעבאָס.

לענגער — זאָגט ער — קאָן ער דאָ נישט בלײַבן. דרײַ טעג לייגט ער אים קאָמפּרעסן צום פוס, ברוין־און־בלוי געװען, געשוואָלן. אַרויסטרײַבן אַ מענטש פון זײַן שײַער אין אַזאַ לאַגע — באַהיט גאָט. ער קאָן אָבער לענגער אים דאָ נישט האַלטן. אײַנשטעלן זײַן לעבן און ס׳לעבן פון זײַן באָבע, ס׳גאַנצע הויז אין סכנה, שכנים וועלן געוויער ווערן, מסרן. די נעמצי, די גאַטלאַזע, פאַרברענען ס׳הויז מיט די מענטשן, מיטן האָב און גוטס.

בלית ברירה פאַרלאָזט ער דעם שײַער. ער שלאַנדערט זיך אַרײַן בײַנאַכט אין אַ דאָרף נישט ווײַט פון בוג, באַשליסט: גנבהן די גרענעץ. שיסן? ער וועט במילא אַזוי־אַ לאַנג נישט אָנהאַלטן.

עטלעכע הונדערט מעטער פון בוג טרעפט ער אָן אויף אַ דײַטשישן פּאַט־ראָל. צו שפּעט צו אַנטלויפן. ער האָט אויך נישט קיין כוח צו לויפן. נישטאָ זיך וווּ צו באַהאַלטן. דער קראַנקער פוס פּײַניקט. דער פּאַטרול רופט אים צו; קוקט אויף אים, קוקט זיך אַרום. אַ דײַטש. אַ דײַטש און אַ מענטשלעך פּנים זעט ער קעגן זיך. קאַנטיק זײַן אויסזען, הולך, האָט בײַם דײַטש אַרויסגערופן רחמנות: רחמנות בײַ אַ דײַטשישן פּאַטרול? יאָ. אַזוי איז געשען: — וווּהין גייסטו?

ער זאָגט אים דעם אמת און ווײַזט מיט דער האַנט אויף „יענער זײַט". וואַרט — זאָגט ער אים. ס׳איז פיר־פינעף פאַרנאַכט. אַ ווינטער־טאָג. ער זיצט, און בינדט זיך איבער דעם באַנדאַזש. דער דײַטש העלפט אים זיך אויפהייבן, פירט אים צו צום ברעג טײַך. אַ פּויער זיצט אין אַ לודקע. מיט אַ פינגער־אויסבייג רופט ער אים צו. זאָגט אים: זאָג אים — אויף דײַן לשון, אַז איך הייס דיך איבערפירן אויף יענער זײַט. „דײַן לשון" — אַפּנים אויף פּויליש.

אַ כאַטע. אַן אַלטע באָבע. אַ קורץ איבערפרעגן אויף רוסיש, ייִדיש. אַ ייִדיש פּנים האָט ער געזען פאַר זיך. אויך איר רוסיש איז געווען אַ ייִדישער.

עטלעכע וואָכן איז ער אין קאָוועל געלעגן אין שפּיטאָל. אויסגעהיילט. געשיקט אים אין דער קאַזאַרמע „זאַוויעדעוועץ" מיט דער אַרבעט.

ביז יוני ניינצן איין און פערציק איז זי געבליבן אין קאָוועל. צי אים איז געלונגען אַריבערצוגיין די רוסישע גרענעץ — ווייסט זי נישט. ווער ווייסט, וואָס דער גורל האָט פאַר אים צוגעטראַכט. אַן אינטעליגענטער מענטש פון אַ יאָר פינעף און דרייסיק. אַ לערער.

היינט, איר אַריבער די גרענעץ? די בהלה? היטלערס חיילות יאָגן פאָרויס. לעצטער עשאַלאָן דורך באַראַנאָוויטש, ניעסוויעזש, מיר, סטאָלפּצע. רוסישע סאָלדאַטן און ציווילע אין איין וואַגאָן. מ'באָמבאַרדירט וואַגאָנעס אין זייער לויף. אַרויף און אַראָפּ ביי יעדן אָנפאַל. ברענענדיקע וועלדער, ברויט־פעלדער, פאָלוואַרקס, דערפער.

זי האָט זיך דערמאָנט אין זיינע לעצטע ווערטער נאָכן ענדיקן ס'דערציילן:

„די מלחמה אַנטפּלעקט דאָס בעסטע און ס'ערגסטע אינעם מענטש. דער מענטש איז ווי אין גרויסער היץ: אָדער ער ווערט פאַרברענט פון שלעכטס, אָדער — געלייטערט. דער פייער מיט דער ווידלע און דער פייער מיטן אויסבאַהאַלטן אים אין שטאָל, באַנדאַזשירן דעם פוס, געבן עסן, אַ טרונק,ביידע זענען אייגנטלעך איין מענטש: אין אים גאָט און דער טייוול. ecce homo.

אויך אין געטאָ, אין ערשטן האַלבן יאָר, וואָס ער איז דאָרט געווען, האָט ער געזען: יידן זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער, קראַנקייטן, קעלט, טויטקלעפּ. יידן האָבן געגעסן פּאָמעראַנצן, וויינטרויבן, געהוליעט אין די נאַכטלאָקאַלן געשלאָגן אַנדערע יידן. ענגהאַרציקייט און רשעות, הילף און מסירת נפש: ביידע מינים — איין ייד: אין אים דער יצר הרע און דער יצר טוב. ecce homo.

נאָך עפּעס האָט די מלחמה באַוויזן:

דער מענטש איז אַ חיה רעה. אַ חיה איז ערלעך אפילו ווען זי באַגייט אַ רציחה. זי באַפאַלט אַן אַנדער חיה, כולל דעם מענטש, נאָר ווען זי איז הונגעריק. אַ מענטש באַפאַלט אַ מענטש צוליב מאָרד־תאווה — אַ גען־ירושה פון זיין אור־אור־איך זינט ער האָט געשטעלט זיין פוס אויף גאָטס ערד. אַ ליגנערישע באַשעפעניש איז דער מענטש. געניאַל אין זיין ליגנעריי. ער מאַכט עס אַזוי, אַז דער ליגן זאָל אויסזען וואָרהאַפטיק.

שׂרה, למשל, אַ גוטע נשמה. אַ האַרציקער מענטש. זי איז איר שולדיק אַ דאַנק. אַ דאַנק איז נישט דאָס ריכטיקע וואָרט. זיי האָבן דאָך זי געשטעלט אויף די פיס. אָן איר וואָלט אפשר קיין „זיי" נישט געווען. אָן איר צושטימונג, אָן איר גוטן ווילן, אָן איר מענטשלעכקייט, און געוווּסט האָט זי דאָך און געפילט האָט זי אוודאי ווער און וואָס לאַהקע איז פאַר אים, פאַר איר מאַן...

★

אַ קילער חשוון־אָוונט. שימעלע שלאָפט. געוואַרט און נישט געקאָנט זיך דערוואַרטן אויפן טאַטן. סאַראַ האָט געפּרוווט שפּרייטן אַ קאָלדרע אין דרויסן, כאַפּן אַביסל פרישע לופט. אונטערגעזעסן איינע אַליין. שוין שפּעט געווען. די אַפּאַ זעט מען נישט, נישט קיין טשײַ און אין מויל איז ביטער, ביטערער טעם פון איבערשמועס מיט לאהקען.

זי איז צוריק אויפן געלעגער און קיין שלאָף נעמט נישט. אויפן בלוילעכן, לויטערן הימל האָבן וואָלקנדלעך, ווי דרעמלענדיקע קעמלען זיך געריבן איינער אין אַנדערן. אַ פולע לבנה היפּערט פון „קעמל" צו „קעמל". טוקט זיך אונטער. ווערט אויף רגעס נעלם אונטער לויזע, צעשוווּמענע וואַטע־וואָלקנס. אַ קיל ווינטל, גלעט דורכן אָפענעם פענצטער, איר צעהיצט פּנים. אַ היץ אין קאָפּ, קאַפּווייטיק: „אַזוי שפּעט און מ׳זעט אים נישט".

יענעם אָוונט איז ער גאָר שפּעט אַהיימגעקומען. אָנגעהויבן עפּעס טאָן אין אַ גערטנדל בײַ אַ קאַזאַכין. געפּאָרעט זיך, געבאָרעט מיט אַ פּיען און נישט בײַגעקומען אים. האָט ער געלאָזט די אַרבעט אויף מאָרגן. אַוועק אָן אַ ביסן, אָן אַ טרונק.

ביי לאהקען אין קאַמער איז געווען פינצטער. אַוודאי געשלאָפן. סאַראַ איז אויף. ביז זי הערט נישט זײַנע טריט, ביז זי זעט אים נישט צוריק, מאַכט זי קיין אויג נישט צו.

איז דער פרי, צום אַרויסגיין, האָט זי אים געזאָגט, אַז ס׳איז נישטאָ מיט וואָס אונטערצוהייצן ס׳אייוועלע, אַביסל וואַסער אויפקאָכן, כאָטש אַ לעפל געקעכטס פאַרן קינד. כסלו דערנענטערט זיך. קאַלט אין שטוב. בײַטאָג — מילא. אין די אָוונטן, נעכט — ווינטן, שטויב־שטורעמס, רעגן. האָט ער בײַ דער אַפּאַ געליזן אַ העקעלע און אַוועק אָנקלײַבן אווזופּאַיאַ־שטעקעלעך, וואָס בלײַבן נאָכן אַראָפּנעמען דעם כלאָפּאָק פון די פעלדער. ער׳ט אַהיימברענגען אַ בינטל ריטלעך, אַ גרעסער בינטל, וועט זײַן אויף אַ גאַנצער וואָך צו הייצן.

11

אַ שיינער טאָג. דעם וועג צו די כלאָפּאָק־פעלדער קען ער גוט. אין די פרי־שעהען איז קיל אין דרויסן. אָפּגעדעקט די הינטערשטאָטישע ווייַטן. אַ קאַלטע, דורכזיכטיקע זוניקייט. סוף חשוון. די אַרומיקע פרישקייט, ס'מאָרגן־ווינטל וואָס ער אָטעמט אין זיך אַרייַן, דערמאָנט אים אין פרילינג: פּוילישער פרילינג. ער האָט זיך פאַרנומען מיט אַ זייַטיקן וועג. האַלב־מיליטעריש, האַלב־ציוויל־געקליידטע דרייען זיך אויפן הויפּטוועג: כאַפּערס, שאַנטאַזשיסטן. זיי וואַקסן פּלוצעם אויס אומגעזייַעט, אומגעזוען. מכלומרשט היטער, הייסע פּאַט־ריאָטן: פרעגן אויף דאָקומענטן, אַרבעט־ספּראַווקעס. מיינען — לאַפּווקעס, גרינגע פאַרדינסטלעך. זעט מען אַ יונג פּנים, אַ פרעמד, ווייַס פּנים — טשעפּעט מען זיך צו אים. אַ „מתנהלע״, עטלעכע טשערוואָנצעס — ראַטעווען פון זייערע הענט. ווילסטו זיי אויסמייַדן, גיי מיט אַ זייַטיקן וועג.

דער פּחד לאָזט פון דעסטוועגן נישט אָפּ. קיין שום וועג היט דיך נישט אויס פון אַזאַ שטייגער פאַרשוין, וואָס אויך הייבן אַ האַנט איז ביי אים אַ רגילות.

די גרעסטע טייל פעלדער פּוסטעווען. דער באָדן — נאַקעט, געל־רויט, פאַרטרוקנט. שפּאַלטן. לעכער. עקדישן, שלאַנגען האַלטן זיך דאָרט. ער גייט אויף אַ שמאָל אויסגעטראָטן סטעזשקעלע. פוןביידע זייטן ווילדע קוסטעס, דערנער באַדעקטע מיט שטויב: באַאַרבעטע שטיקער פעלד — פריש צעאַקערט — נאָכן אַראָפּנעמען דעם בייַנוול. צוויי מאָל אין יאָר זייעט מען דאָ און מען אַקערט, אין די מלחמה־יאָרן — איינמאָל און מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. צוגעקומען צו די אוזופּאַיאַ־שטעקעלעך. אָפּגערוט זיך עטלעכע מינוט, געגומען אונטער־האַקן זיי, צונויפבינדן מיט אַ שטריקל וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט, און פּאַמעלעכקע זיך געלאָזט גיין אויף צוריק. ער איז פיר־פינעף קילאָמעטער פון שטאָט. האַלבער טאָג. אַ דרימלענדיקע וויסטעניש אונטער אַ בלויען הימל־אויס־שפּרייט. ווייניק פוסגייער, אייזל־רייַטער אין דער שעה. טרעפט, אַז אַ רייַטער אויף אַ קעמל בלייַבט שטעקן אין אַזאַ שעה אין מיטן וועג — שטעלט ער זיך אָפּ, לייגט זיך רוען אונטערן שאָטן פון קעמל.

ער איז אַליין מיטן בינטל ריטלעך אויפן אַקסל. דער שווייס פון שטערן, פּנים רינט אין האַלדז אַרייַן. ס'העמד קלעפּט אויף אים. נאָס די האָר אויפן קאָפּ, אונטער אַ דין ליצעפּעט־היטל, וואָס האָט זיך פאַרהיטן ביי אים פון יענע יאָרן,

פון פוילן — געדענקט נישט געוני פון ווען, — אַ דינער שטאָף און ס׳האַלט נישט אויס דעם דרוק פון דער ברענענדיקער היץ. עס וואַרעמט, בריט אין קאָפּ. די וואַטענע פּופּיקע, אַן אַלטע, אָפּגעטראָגענע, מיט וואַטע־צויטן אַרויסגעצופּטע פון די אַרבל — קיין דין אַנטאָן טראָגט מען דאָ נישט אויף זיך, — צעפּאַרעט עס דאָס לײַב. טרעפט מען אויפן וועג אַן אַריק — אָן אָדער מיט רעשטלעך רעגנ־וואַסער — האָט מען אַ שאָטן־אויסשפּרייט, ווו מ׳קאָן זיך צוזעקן אָפּרוען.

אין די שעהען איז אויך דער באַזאַר און טאַלטשאַק — האַלב־ליידיק. אין די טשײַכאַנאַ׳ס זיצט מען בײַ אַ קופּלע בוזאַ*, בײַ אַ טשײַ. אין גערטנדלעך בײַ די שטובן אונטער אַביימל, אַ שאָטן אונטער אַ נידעריקן דאַך־שיפּוע — רוט מען. מען קײַט דעם גריבעם קלייסטער, אַ מין קרײַטעכצער: מ׳קײַט און מ׳שפּײַט פון אונטער דער צונג. מ׳ציט פון אַ נאַרגילע. זיצט מער ווי איינער — גייט די נאַרגילע איבער פון מויל צו מויל. אַזוי אויך די עסנס — רעדלווײַז אַרום גרויסע שיסלען, פאַנען, איין הילצערנעם לעפל — אויך פון מויל צו מויל. מ׳דערציילט זיך מלחמה־מעשׂיות פון דער קיסל־אַרמיע (רויטע אַרמיי). אַ לאַנגע מלחמה. סטאַלין, און נאָך גרויסע לייט, זאָגט מען, זענען אַוועק פון מאָסקווע אין אָנהייב מלחמה ווען דער געמאַניעץ האָט געיאָגט פאַרויס ביז די טויערן פון מאָסקווע, ביז אין די פאַרשטעט פון לענינגראַד. ערגעץ אין קויבישעוו בײַ דער וואָלגע זאָלן זיי זיך געפינען.

ער גייט און זוכט אַ שאָטן. פון דער ווײַטנס זעט ער אַ פּאַלמע. אַ בענקשאַפט באַפאַלט אים. אַ חשק צו לעבעדיקער בריאה, אַ מענטש; זאָל זײַן אַ בוים און טאָקע אַ מענטש, אפשר טראָגט ער מיט זיך אַ טרונק. אַ טרוקעניש אין מויל. די צונג קלעפּט צום גומען. אַ לעפּיאָשקע האָט ער אויפן וועג געקויפט. זיך געשלאָגן מיט דער דעה: ווען זי אַרויסנעמען פון קעשענע: מיטן לאָזן זיך אין וועג אַרײַן, צי בעתן קומען אויפן אָרט, אָדער אויף צוריקוועג. אַ לאַנגער וועג — צען־צוועלף קילאָמעטער צופוס. אַ הונגעריקן איז שווער אַ טראָט צו שטעלן. ער האָט טראַכטנדיק, אָפּנים, נישט געדענקט, נישט געפילט, אַז ער גייט און קנײַפּט פון דער לעפּיאָשקע. די לעפּיאָשקע איז נישטאָ אין קעשענע. ווען, ווי אַזוי ער האָט זי אויפגעגעסן — אסור צי ער ווייסט. דער הונגער דערקוטשעט אים נישט אַצינד. זאָט? ווען איז ער יאָ זאָט? אָבער דאָ, ווײַט פון שטוב, האַלבער טאָג, הייסער טאָג, ביז ער וועט אַהיימקומען — וועט אַוודאי דער הונגער־שלאַנג הייבן ס׳קעפּל, מיט רויטן צינגל אַ לעק טאָן, אַ נאָג טאָן דאָס האַרץ.

אָט זעט ער אין מיטן פעלד, אויפן סטעזשקעלע אַ מענטש־געשטאַלט. פון

* אַ היגער געטראַנק — אַ־לאַ ביר געמישט מיט סאַק.

מינוט צו מינוט ווערט דאָס געשטאַלט נעגטער. ער זעט שוין אַ פּנים. אפשר אַ באַקאַנטער? ווי זאָגט ס׳פּוילישע ווערטל: „די צופאַלן גייען אום צווישן מענטשן". נו, און לאהקע איז נישט קיין צופאַל? אַ סך האָט ער געהערט פון צופאַלן, באַגעגענישן, אָפּגעפינען זיך, פאַרלירן און ווידער צופעליק זיך געפינען: קרובים, באַקאַנטע, שטאָטישע.

די לעצטע טעג, באַזונדערס אין די נעכט — חלומות, מאָדנע חלומות, האַלוצינאַציעס, פּנימער, געשטאַלטן, קומען אויף, ווערן נעלם: אומקלאָרע געשטאַלטן, אומקלאָרע סיטואַציעס. ער כאַפּט זיך איבער און אַלץ מיט אַלעמען — ווי אין אַן אָפּגרונט; ווי די ערד וואָלט זיך געעפנט און איינגעשלונגען אָן לאָזן אַ סימן פון די דאָזיק־נישטאָיקע בילדער, פּנימער. אַ האַלב־וואַכער בלײַבט ער ליגן מיט אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק און — אַ ליידיקייט, אַ בענקשאַפט. אַלץ איז דאָך אַזוי ווירקלעך, וואָרהאַפטיק געווען. טעלעפּאַטיע, פּאַראַפּסיכאָלאָגיע רופט מען עס אין דער נײַער וויסנשאַפט. עמעצער „זעט" זאַכן, געשעענישן ווײַטער פון אים און אויף צוריק: אַלץ אין אַ לויזער, אומבאַהאַפטענער פאָרעם און דאָך — לעבעדיק אַזוי ווי ער געדענקט זיי, אַזוי ווי זיי זענען פאַרקריצט אין זײַן זכרון. אויך, דאַכט זיך, אין די דאָזיקע מאָמענטן, אַז ער האָט שוין אַזעלכס געזען, איבערגעלעבט און אַצינד זעט ער אַלץ אין אַן אַנדער רעאַליטעט, אַ צעפלאָסענע רעאַליטעט. איז צו גלייבן, אַז וועדליק דער דאָזיקער טעאָריע — דערווײַל נאָך אין די וויקעלעך — זענען פאַראַן אַזעלכע לופט־כוואַליעס, „אַנטי־חומר אויסשטראַלונג". מענטשן פסיכיש־פילעווודיקע, כאַפּן זיי אויף. כאָטש די טעאָריע איז אַ ניסתּרע, אַ מיסטעריעזע, אַ סודותדיקע, פאַרנעמט דאָס פאַקטישע, דאָס רעאַלע אַ סך אָרט אין דער מענטשלעכער עמפּינדונג, אין דער געפילנוועלט, וואָס גיט דער לאָגיק נישט קיין מנוחה.

פאַרוואָס גראָד אַצינד אויפן פרײַען פעלד אין אַזעלכע הייסע שעהען אַזעלכע געדאַנקען? — ווונדערט אים. אויך דאָס איז אַ רעטעניש. אפשר טאַקע ווײַל ער איז אַליין מיט זיך, און די בענקשאַפט צו אַן „עמעצן" רופט אַרויס די בילדער.

אָט שטייט ער נאָענט פון דער פאַלמע. ער איז מקנא דעם בוים. אויך אַ לעבעדיקע באַשעפעניש. אַ גרין־גראָע צעשויבערטע בלעטער־קרוין. אַליין, די פאַלמע און נישט אַליין. ווילדע, ווײַסע טויבן זעט ער דאָ. קרומלעכע, לענגלעכע שנאָבעלעך, הויכע פיסלעך. זיי כאַפּן דעם אויסזען פון קליינע באַטשאַנעס. אפשר אַ מישלינג אַזאַ. די פיסעלעך אין עלאַסטישן גאַנג, פאַרריסענע קעפּלעך, לאַנגע העלדזלעך. די שנאָבעלעך — רויט ווי בײַ די טויבן, די פליגל — שפּיציק ווי בײַ די באַטשאַנעס. אַן איינזאַמע אין פעלד, די פאַלמע אָבער ווייסט נישט פון איר איינזאַמקייט. ציט די נאַרונג פון היגן, טרוקענעם באָדן, אונטער אַ

ברענעדיקן הימל און האַלט אָן די גרינקייט. און אפשר — צו ווייניק רעגן, צופיל היץ. ליידט ער, דער בוים. ווען ער וואָלט געקענט רעדן. ניין, נישטאָ וואָס אים מקנא צו זײַן. מקנא איז ער די טויבן, דעם מישלינג. אַ סך זענען זיי אין דער געגנט. אַט טוט זיך אַ טשאַטע אַ הייב אַרויס פון בלעטער־קרוין: קרײַזן אַרום דעם בוים און זעצן זיך צוריק.

ס׳געשטאַלט וואָס ער האָט פון דער ווײַטנס געזען, דערנענטערט זיך. אַ מאַן אויף אַן אייזעלע, צי גאָר אַ פרוי מיט אַ פעקעלע אויף די פלייצעס? אַ קעפּעלע קוקט אַרויס פון פעקל. בײַ דער האַנט פירט זי עמעצן. אויפן קאָפּ — אַ בינטל העלצלעך, אוזופּאַיאַ־שטעקעלעך? ניין. נישט קיין מענטש. צוויי קליינע ביימלעך. דער ליכטיקער, געדיכטער נעפּל, די ווײַטקייט, בלענדיקע זון, פאַרטושן דאָס בילד. צוויי פלעקן זעט ער, אַ שטייענדיקן און אַ גייענדיקן. פון רגע צו רגע ווערן זיי אָנזעעוודיקער. ער זעט שוין אַקוראַט — אַ מאַן מיט אַ זעקל אויף די פלייצעס. הינטער אים — אַ בוים: אַ הויכער, ברייט־צעצווײַגטער בוים. מען זעט נישט אַזעלכע אין דער געגנט. ער גייט און יענער בלײַבט שטיין. עס דערפרייט אים. ער האָט אויך צײַט אַ טראַכט צו טאָן: סאַראַ וווּנדער! ער האָט דאָך אין זינען געהאַט, געדאַכט וועגן אַ באַגעגעניש. אַ מענטש איז עס — זעט ער פון דער ווײַטנס — און נישט איינער פון די כאַפּערס, די לאַפּוווניקעס. האָט טאַקע זײַן בענקשאַפט צו אַ מענטש אַרויסגערופן דעם גייער?

אפשר האָט יענעמס דערנענטערנדיק געשטאַלט, הינטערן זע־קרייז פון אויג געוועקט אין אים די מחשבה, די באַדערפעניש צו זען אַ לעבעדיקע באַשעפעניש? טעלעפּאַטיע? פּאַראַפּסיכאָלאָגיע? נישט דאָ איז דאָס אָרט, נישט די צײַט, צו געפינען אַ תשובה אויף אַזעלכע שאלות.

מיטן זעלבן שטעגל, וואָס ער גייט צוריק אַהיים, גייט אויך דער מענטש. אַ געבויגענע פלייצע, אויף דער פלייצע — אַ פעקל. נאָענט שטייט ער שוין פון אים. טונקעלע אויגן, גרויסע. אַ לענגלעכע, האַרבאַטע נאָז, אַ יידישע נאָז, וואָלט ער געשוווירן. אַ שוואַרץ קורץ־געשוירן בערדל, פאַרלענגערט זיין מאַגער, פאַרשטויבט פנים, וואָס ווי עס וואָלט אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג צו באַפרײַען דעם אַקסל פון פעקל.

אַ לאַנגער כאַלאַט פון גראָבן טוך אַרומגענומען מיט עפּעס ענלעכס אויף אַ גאַרטעלע. דאָס שטויביקע, פאַרמאַטערטע פנים, ווי עס וואָלט זאָגן: — שווער, שווער דער גאַנג אין אָט דער שעה. דערצו — אַ פעקל אויף די פלייצעס. דאָס איינציקע העלע, וואָס בולט זיך פון דער גראָער געשטאַלט זענען די הענט: ווײַסע, איידעלע הענט. זיי האַלטן פעסט דעם האַלדז פון זעקל, וואָס שווערט אַראָפּ דעם אַקסל, מאַכט אים געבויגענער, נידעריקער.

— סאַלאַם אַלייקום — רופט ער זיך אָן, עטלעכע מעטער קעגן אים.

ער האָט זיך טאָפּלט דערפרייט. דער „סאַלאַם אַלייקום" — אַ סימן: ער זעט אין אים אַ היימישן מענטש, ער וואָלט געזאָגט — אַ ייִדיש פּנים. הײַנט דאָס גאָרגלדיק־צעצויגענע קול און דאָס קוים־קוימיקע שמייכעלע. די מידקייט איז מיט אַמאָל אָפּגעטראָטן. ער איז שטיין געבליבן. ער נעמט אַראָפּ דאָס בינטל צווײַגלעך פון פּלייצע, יענער באַפרײַט זײַן אַקסל פון פּעקל.

— וווהין אין אַזאַ שעה? — פרעגט דער פרעמדער.

— אַהיים, נישט ווײַט פון דער סטאַציע.

— אין אַזאַ היץ?

— אַרויס בין איך פּאַרטאָג, צוליב די־אַ אוזופּאַיאַ־שטעקעלעך. אַביסל זיך פּאַרהאַלטן אין וועג. אַן אומבאַקאַנטער וועג.

— פון וואַנעט ביסטו, יונגערמאַן? אַן „עוואַקואירטער"?

— געטראָפן.

— נישט געטראָפן. דערקענט דיך ווערליק דעם סטראָי. אַ פּוילישער?

— פון פּוילן.

— אַ פּוילישער ייִד?

— טאַק טאָטשנאָ — וויצלט ער זיך שוין מיטן רוסישן „טאַקטאָטשנאָ", מעשׂה היימישער.

— סאַלאַם אַלייקום — זאָגט ער נאָך אַמאָל — און טוט זיך אַ נייג, לייגט צו די האַנט צום שטערן, פון שטערן — צו דער ברוסט, ווי דער שטייגער, דאָ צום באַגריסן אַן אַלטן, גוטן פרײַנד. דו רעדסט — זאָגט ער — מיט אַ בוכאַרער ייִד. קיין ייִדיש קען איך נישט.

— ניטשעוואָ, ס'מאַכט נישט — ענטפערט אהרון — נישט די שפּראַך איז וויכטיק, נאָר דאָס וואָרט און דער עיקר — איינער פון בני ישׂראל.

ביידע האָבן גערעדט אַ גרײַזיקן רוסיש.

שטייענדיקע מיט די פּעקלעך בײַ די פיס, פּנים אל פּנים, איז מען געוואָרן דרײַסטער, ריידעוודיקער.

— וואָס טראָגט אַ ייִד אין פּעקל? — איז ער געוואָרן אויפגעלייגט, היימישער.

— יעדער ייִד האָט אַ פּעקל.

— און ווו ער זאָל נישט גיין — גייט מיט אים מיט דאָס „פּעקל". האַ?

— צוואָס שטיין אין דער היץ — זאָגט דער בוכאַרער — מ'עט זיך צוזעצן אין שאָטן פון בוים, נאָך ווײַט צו דער סטאַציע, בראַטאָק.

ערשט ביים זעצן זיך אָפּרוען האָט ער באַמערקט, אַז דאָס איז אַ פײַגנבוים.

אַזוי נאָענט, ברייט־צעצווייַגט און נישט געזען — האָט עס אים געוווּנדערט.

— מ׳זעט נישט דאָ אַזעלכע ביימער, האַ?

— אמת. סאַקסאַולן און סאַקסאַולן, די קאַרליקעס זעט מען דאָ.

אַ דיקער שטאַם. טיפע קאַרבן, אַרייַנגעוואַקסענע, ווי פּנים־קנייטשן פון אַ זקן. ס׳געצווייַג — נידעריק איבער דער ערד: יעדער צווייַג — די גרעב פון אַ ביימל. אַ ברייטן שאָטן שפּרייטן זיי. קוואַר שטייט דער פייַגנבוים. די וואָרצלען — אָפּגעדעקט. אָט־אָט, דאַכט זיך, פאַלט ער אום. ניין. נישט קיין וואָרצלען. ווי פינגער, גרויסע, גראָבע פון קראַמפּהאַפטיקע הענט קלאַמערן זיך אין דער ערד, אַ שטייגער זיי פאַרהאַלטן דעם שטאַם אין זייַן לעצטער מינוט פון פאַלן. נישט אַנדערש, אַ שטורעם, אַ זאַמדווינט האָט זיך אויף אים יונגערהייט „פאַרלייגט", געשטויסן; געוואָלט אויסרייַסן אים מיט די וואָרצלען פון דער ערד.

יאָ, דער אייַנציקער אין דער געגנט איז דער בוים — זאָגט דער בוכאַרער — סטעפּ האָט ליב פּאַלמעס, ווייַזט ער אָן אויף דער פּאַלמע אין מיטן וועג פון וואַנעט די טשאַטע טויבן האָבן זיך אַ טראָג אַרויס געטאָן, אַרומגעקרייזט. די שלאַנקע פּאַלמע באַקריינט די ליידיקייט — ציט ער ווייַטער, און אים פאַלט אייַן אַז ער רעדט מיט אַ באָטאַניקער.

— — — די זאַמדן האַלטן פעסט די וואָרצלען, בריִען אויס פּאָר זיי די נאָרונג. זייער פאַרריסענע קיַילעכדיקע דינקייט, וואָס אַ ליאַדע ווינט, דאַכט זיך, ברעכט זיי איבער — זענען געכּפּלט אין זייער כּוח און פאַרהאַרטעוועטקייט פון מער איין שטאַם. דאָקעגן פייַגנביימער האָבן ליב שטייניקן באָדן. צווישן פעלדזן וואַקסן זיי. אין פּאַלעסטינע זעט מען זיי אַ סך, ס׳רוב — אין ירושלים.

— פּאַלעסטינע, ירושלים? זענט איר דאָרט געווען?

— געווען. אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר צען־עלף. צוריקגעקומען אַהער ווען די גרענעץ איז אָפן געווען. מ׳האָט דעמאָלט געוואַנדערט: פּערסיע, אַפגאַניסטאַן, אַזערביידזשאַן, אַשכאַבאַד.

— ווען?

— אָהאָ, ווען? באָלשעוויקעס. רויטע. ווייַסע. רעוואָלוציע. אַריבער די גרענעץ און צוריק — סטאָפּ...

ער איז דאָ פאַרבליבן בייַ אַ פעטער. די מאַמע מיט דרייַ ברידערלעך — אין ירושלים, שכונת בוכאַראַ.

— און דער טאַטע?

— דער טאַטע איז נישט צוריקגעקומען פון דער מלחמה. די מאַמע געשטאָרבן. די דרייַ קינדער — הייַנט אוודאי גרויסע בחורים. קיבוצניקעס.

— דערהאַלט איר בריוו פון ארץ ישראל?

— בריוו? מ׳זעט דו ביסט אַן עוואַקואירטער. בריוו פון פּאַלעסטינע? גרוסן, אָפּגעריסענע גרוסן. ער איז מיט אַמאָל שטיל געבליבן. און ווידער: — אייגנטלעך, דאָ רעדט מען נישט אַזעלכע זאַכן. כ׳מיין... סטראָגע... שטרענג פאַרבאָטן. נו, דו ביסט דאָך אַ פּוילישער: אַ פּוילישער ייִד. אָרנטלעכע מענטשן. לײַדן נעבעך, האַ? נישט אַזוי?

— מלחמה. אַלע לײַדן.

— זײַן טאַטע, עליו השלום, האָט נאָך געדענקט דעם בוים. נישט איין מאָל מיטן טאַטן דאָס אָרט פאַרבײַגעגאַנגען. קיינער האָט דעם בוים נישט געפּלאַנצט. אוודאי פאַרטראָגן פון אַ סאַמום־ווינט, וואָס קומט פון סאַהאַראַ. יעקב אבינו — האָט זײַן טאַטע אַ נאָמען געגעבן דעם בוים. אַ פּוילישער ייִד ווייסט פון יעקב אבינו, זײַן געראַנגל מיטן מלאך. — דער פײַגנבוים — מיטן סאַמום־ווינט — אויסגעלענקט, יעקב אבינו. געלערנט אין חדר? שוין פאַרגעסן?

— איר, זע איך, האָט געלערנט אין אַ חדר.

— וואָדען? בײַ אַ מלמד פון תימן, רבי עזרא. יאָ, אַקעגן דעם סאַמום־ווינט, וואָס זאָל האָבן דעם בוים־זאָמען אַהער פאַריאָגט. קיין מענטשלעכער פוס האָט נאָך דאָ דעמאָלט נישט געטראָטן. טשימקענט, אַלמאַ־אַטאַ, זענען געווען דערפלעך. קאַראַוואַנען האָבן זיך אַהין און צוריק געשלעפּט. מ׳עט אפשר עפּעס איבערכאַפּן? אינדערפרי — זאַגסטו — אַרויס פון שטוב.

— אַ דאַנק.

— ס׳ט מיר דאַנקען נאָכדעם...

אַזאַ שאָטן, אַזאַ שאָטן — האָט דער בוכאַרער ווי צו זיך גערעדט — לאָזט מען נישט אַליין אין מיטן טאָג. נישט קיין ווינט, אַ גוטע האַנט האָט אים דאָ פאַרזייט, אַ שאָטן שפּרייטן פאַר מידע גייער. עס האָט אים געצויגן אַהער. געזען אַ מענטש פון דער ווײַטנס, האָט אים, למען האמת, אַביסל געשראָקן. הײַנטיקע צײַטן? ס׳האַרץ האָט אים אָבער געזאָגט, אַז ער וועט עמעצן טרעפן. אַ סך עוואַקואירטע דרייען זיך דאָ אויף די וועגן.

ביידע זענען געזעסן אויפן היגן שטייגער מיט די פיס אונטער זיך. דער בוכאַרער האָט פון אונטערן געוואַנטענעם כאַלאַט אַרויסגענומען אַ קליין פּוש־קעלע, צעעפנט און מיט צוויי פינגער, ווי מ׳נעמט אַ שמעק טאַבאַק, אַרײַנגעוואָרפן אונטער דער צונג אַביסל גרינלעך־שוואַרצן מיאַל. צוויי פּיטעס האָט ער אַרויסגענומען פון אַ פאַטשײַלע, זי אויסגעשפּרייט. שטיקלעכווײַז האָבן ביידע געגעסן, פאַרביסן מיט עטלעכע זיתים פון אַ סלאָיִקל אַרויס.

— דערציילט, דערציילט — האָט ער זיך בײַ אים געבעטן — אַ ייִד, אַזאַ ייִד געטראָפן אין מיטן וועג, אין מיטן ווילדן העק.

— — — יאָ. אויך אים האָט געצויגן אַהער. אַ ווײַטער קרוב וווינט דאָ, הינטער דער שטאָט. אַ מתּנה האָט ער פאַר אים. דווקא הײַנט האָט זיך אים פאַרגלוסט לאָזן אין וועג אַרײַן. מן השמים. הכּול מן השמים. ער זעט באַשײַמ־פּערלעך, זעט ער. זײַן בענקשאַפט צו אַ ייִד, אַ ייִד פון ווײַטע פרעמדע לענדער, האָט אויסגעפּישופט אין דעם העק דעם יונגן מענטש.

— פון וואָס ציט איר חיונה? — האָט ער דעם בוכאַרער ווי איבערגעוועקט פון זײַן פאַרטראַכטקייט.

— פון פאַך — געענדיקט אַ „וראַטשעבנע אוטשילישטשע" * געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון וואַליקעס (פימאַקאַטנע צעך), און איצט לעבט ער פון שוכ־פוצערײַ.

— דאָהי?

— ניין. אין אַשכאַבאַד.

געהערט דאָס וואָרט אַשכאַבאַד, עטלעכע מאָל איבערגעחזרט — האָט זיך אַהרעלע פאַרטראַכט. זײַנע ברידער דאַרפן זיך דאָך, לויט אַלע סימנים, געפינען אין יענער געגנט. זינט דער מאָביליזאַציע צו דער שיקאָרסקי־אַרמיי זענען אַ סך יונגע מענטשן, פוילישע אַהין אוועק: אַריבער די גרענעץ, געבליבן? — ווי עס איז וועמען געלונגען. זײַנע זעקס ברידער — אַלע צוגענומען געוואָרן אין דער אַרמיי. די משפּחות זענען מיטגעפאָרן. נישט אַזוי גרינג אין זיי די זאַך אָנגעקומען. ווי האָבן זיי אים פאַרן אָפּפאָרן געזאָגט — „אַ געלונגען שטיקל אַרבעט".

דער בוכאַרער, זעט ער, נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון אים, גלײַך אָקערשט אין דער מינוט זעט ער אים. אַ היפּשע צײַט זיצט מען דאָ און פּלוצעם — אַזאַ באַטראַכטן אים פון אַלע זײַטן. אַ פאַספאַר־גלאַנץ שלאָגט פון זײַנע אויגן. עפּעס וויל ער אַוודאי פרעגן, זאָגן. קוקט דער בוכאַרער אויפן פרעמדן און אויגנבליק־לעך קומט אויף אין זײַן זכּרון אַ פּנים אָן ענלעכס צו דעם, וואָס ער זעט קעגן זיך. נישט נאָר ס׳פּנים. אויך די הענט־תּנועות בעתן רעדן, ס׳באַוועגן מיטן מויל אַפילו דאָס קול — אַזוי ענלעך. אָקערשט מיט עטלעכע טעג צוריק יענעם געט־ראָפן אין אַשכאַבאַד. יענער האָט אים עפּעס געפרעגט, ער געדענקט נישט גענוי. עטלעכע מינוט איז ער לעם אים געשטאַנען, דערציילט אים, אַז זיי זענען פינעף צי זעקס ברידער. יאָ, דערמאָנט זיך: ער האָט געפרעגט, ווו די פּאָסט, איז, ער וויל אַ בריוו שיקן צו אַ ברודער.

לאַנג, שאַרף, קלוג און פאַרהוילן — אויף היגן אַזיאַטישן שטייגער — האָבן דעם בוכאַרערס בליקן דורכדרינגלעך און מיט נײַגער באַטראַכט זײַן פּנים,

---

* אַ סעמינאַר אויף מעדיצין.

נאָכגעפאָרשט יעדער מויל־תנועה, זיך איינגעהערט אין קלאַנג פון זײַנע רייד.

— מאָדנע קוקט איר אויף מיר — זאָגט צו אים אהרן מיט אַ מינע פון פאַרלעגנהייט.

— עס דערמאָנט מיך אין עמעצן — מאַכט דער בוכאַרער.

— אינטערעסאַנט — האָט ער אַ טבע אין אַזעלכע פאַלן מכלומרשט היי־מישלעך זיך צו חכמען — איז יענער „עמעצער" ענלעך אויף אַ מענטש ?...

— ענלעך צו דיר, בראַטאַק. צוגעקומען צו מײַן פוסבענקעלע, אונטערגעשטאַ־נען עטלעכע מינוט און אַוועקגעגאַנגען.

— פאַרוואָס האָט איר באַלד נישט געזאָגט ? אוי, זיכער מײַנס אַ ברודער — האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. אויפגעשטעלט זיך, אָנגעכאַפּט דעם בוכאַרער בײַביידע הענט, זיי געדריקט צו זיך, נישט אָפּגעלאָזט:

— האָט ער אפשר געזאָגט, ווי ער הייסט ? האָט איר נישט געפרעגט פון וואַנעט ער איז ?

— נישט אײַנגעפאַלן פרעגן אים. מיינסטו טאַקע, אַז דאָס איז איינער פון דײַנע ברידער ?

— איך בין כמעט זיכער. זיכער בין איך. נישטאָ אַ סך אַזעלכע פאַלן — פינף, זעקס ברידער צוזאַמען, אַלע — גאָדיען* און ייִדן דערצו. ווייניק ייִדן האָט מען גענומען אין דער שיקאָרסקי־אַרמיי.

אַזאַ בשורה, אַזאַ בשורה — זאָגט ער צו זיך. אַ פּאַראַגעפיל. פּאַראַפּסיכאָ־לאָגיע. נישט ער איז דער מומחה צו אַנאַליזירן אַזעלכע פאַלן. אָבער אַ פאַקט. אָן אמתע „אַנטי־חומר אויסשטראַלונג". — — — זײַן פּנים פלאַמט, פילט ער. פון אויפרעגונג, פון גוטער אויפרעגונג פלאַמט עס. ער האָט פאַרגעסן אין דער מידקייט, אין הונגער. די עטלעכע שטיקעלעך לעפּיאָשקעס, מיט וואָס דער בוכאַרער האָט אים מכבד געווען — האָבן מער צערייצט דעם הונגער. ער האָט אין אַלץ פאַרגעסן. ווי אַזוי קאָמוניקירן זיך מיט די ברידער איז אים אַצינד געווען די הויפּטזאָרג.

נישט ווײַט פון קאָנטאַגי און אַטשעסײַ האָבן זיי געאַרבעט. פון צײַט צו צײַט, כאַפּנדיק, זיך געזען. זיי איז געלונגען. אים האָט מען אָפּגעוואָרפן. בראַ־קירט. אַ פּוילישער זעלנער האָט נישט געטאָרט זײַן נידעריקער פון אַ מעטער מיט זעכציק צענטימעטער. צוויי צענטימעטער סך הכל האָבן אים געפעלט. צו אַרבעט, שווערע אַרבעט אַ שאַכטיאָר, אַ גרוזשטשיק, אויסגראָבן, אויסקאָרטשע־וועןביימער, פּיעניעס — יאָ.

* מיליטער־פּעזיק.

דער שאָטן פון פייגנבוים האָט זיך אויסגעברייטערט — אַ סימן: דער טאָג רוקט זיך. די זון — נעענטער צו מערב. בלוילעך־רויטע שטרייפן, האַלבע רינגען — אויפן הימלראַנד. די ליידיקע פעלדער, ווײַט־ווײַט, קוים מיטן אויג צו דער־גרייכן — באַפאַרבן מיט אַ פיאָלעטער טונקלקייט.

— צײַט צו גיין — האָט דער בוכאַרער געזאָגט זיך אויפגעהויבן, גענומען ס׳פעקל אויף די פּלייצעס.

זיי האָבן זיך געזעגנט, ווי אַלטע גוטע פרײַנד:

— דו ביסט דאָך אַ פּוילישער — לאָזט ער נישט אַרויס די האַנט פון זײַנער — די פּוילישע, זאָגט מען, וועלן צוריק אַהיימפאָרן.

אַ צער האָט אַרויסגעקוקט פון זײַנע טיף־שוואַרצע אויגן: אַ באַהאַלטענער באַגער, אפשר — קנאה. אַן עצבות אין זײַן קול האָט זיך געהערט בײַם אַרויס־זאָגן די לעצטע ווערטער. ער האָט צוגעגעבן: — די מלחמה וועט זיך ענדיקן. גאָדיק, יעשטשאָ גאָדיק** האָט געזאָגט דער „וואָנסאַטע״. (סטאַלין), פּוילן, פּאַלעסטינע. אוודאי האָט ער נישט־דערזאָגט עפּעס. נישט געזאָגט: — מיר, מיר די היגע, זענען פאַרמשפּט דאָ צו בלײַבן.

ביידע האָבן זיך פאַרנומען מיט באַזונדערע וועגן.

גרויסע, שנעלע שפּאַן האָט ער געשטעלט. פאַרגעסן אין דער מידקייט. אַ לעבערדיקער גרוס פון די ברידער. קנאַפּע צוויי יאָר זיך נישט געזען. נישט געהערט פון זיי, ווי אַזוי זענען זיי אַרויס פון די שאַכטן — אַ רעטעניש. מיט אַ סך רעטענישן לעבט מען דאָ, לעבט דער מענטש. דער עיקר — זאָגט ער צו זיך: דערמאָנט זיך אין אַ חכמה פון אַ דאָקטאָר, וואָס מ׳האָט גערופן צו אַן אַלטיטשקן פּויער, אַ קראַנקן. אַ רעצעפּט האָט ער זיך געבעטן ביים דאָקטאָר. קיין רעצעפּט האָב איך נישט — האָט אים דער דאָקטאָר געענטפער, אַן עצה — יאָ. „נישט אויפהערן אָטעמען״...

יאָ, ער אָטעמט אַצינד שטאַרקער, האַפּערדיקער. ער איז נישט אַליין דאָ. כאָטשע ער האָט געוווסט, אַז ערגעצוו זענען זיי פאַראַן, די ברידער, האָט אַ געדאַנק געעקבערט: מלחמה, יונגע מענטשן, ווײַבער, קינדער. מאַמע, טאַטע, פריידקע און משה, באַבע־זיידע, דרײַצן קינדער: ווו זענען אַלע? אָפּגעהאַקטע, ביטערע גרוסן קומען פון דאָרט. קרובים, שכנים, אַ פּרעכטיקע יוגנט. אונטער־געוואַקסן, עלטער געוואָרן. זיך צעפּאָרן אין די גרויסע שטעט, מעבר לים — קאָטשקעס איבערן וואַסער. טאַטע־מאַמע — פון דער אַנדערער זײַט ברעג. אויך

** אַ יערל, נאָך אַ יערל.

סאַראַ איז באַזאָרגט, שטאַרק באַזאָרגט: זיי זענען נישט אַריבער די גרענעץ — ווייסט זי. דעם טאַטן האָט אוודאי געצויגן אין אַ דאָרף אַרײַן צו זײַנע באַקאַנטע גויִים. די צוויי ברידער, ס׳שוועסטערל?

*

די ליפּן פאַרטרוקנט, פאַרברענט פון דער זון. תמיד זענען זיי פאַרקרומט אין אַ גרימאַס, וואָס מאַכט זײַן פּנים עלטער. דער איינציקער פאַרבלײַב פון זײַן יונגער מראה איז די שאָטין־טשופּרינע, וואָס פאַלט אים איבער די אויגן. אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן וואַרפט ער פון זיך אַראָפּ ס׳פאַרשוויצטע אַנטאָן, וואַשט זיך אַרום. כאַפּט אַ ביס, וואָס סאַראַ גרייט תּמיד אָן און נעמט זיך שפּילן מיטן קינד.

דאָס מאָל איז ער געקומען אַ שמייכלדיקער. געטראָפן אַ ייִד, אַ ייִדישן ייִד, אַ בוכאַרער, אין מיטן העלן טאָג, אין מיטן פעלד, אין וויסטן העק און — אַ בשורה אין זײַן מויל: אָזאַ בשורה.

ער האָט סאַראַן דערציילט וועגן דער באַגעגעניש, וועגן די ברידער — אַביסעלע געצאַמט זײַן פרייד; נישט געוואָלט וועקן אין איר דעם צער, די זאָרג וועגן איר משפּחה, וואָס איז „דאָרטן" געבליבן. רעכט זיך נישט אָפּגערוט און אַוועקגעגאַנגען.

סאַראַ פרעגט נישט ווו ער גייט. זי ווייסט: זינט לאַהקע איז אַריבער אין אַ צווייטער „דירה" — בײַ אַ קאַזאַכין, נאָענט פון דער סטאַציע, אַ באַלעבאַסטע פון אַ הײַזקע מיט צוויי קאַמערן — ווערט ער נאָכן קומען פון דרויסן פאַרלוירן אויף עטלעכע שעה.

לאַהקע האָט איר דערציילט: די קאַזאַכין איז אַליין, איר מאַן — מאָבי־ליזירט. זי העלפט איר צו אין שטוב, אַביסל אין גערטנדל, אין הייפל און — עטלעכע טשערוואָנצעס. טשערוואָנצעס פעלן נישט. זיי האָבן נישט קיין גרויסן ווערט (אפשר דערפאַר „פעלן" זיי נישט), גייען איבער פעקלעכווײַז פון האַנט צו האַנט: אַ וואָזקעלע אורוק, אַ שטיקל זייף, אַליין אויסגעאַרבעטן פון קורשזוקן־פעטס און נאָך עפּעס אַ צומיש, אַ ביאַלאָגישער מוז, אַ מין לעבנס־חוק, מאַכט די מענטשן דערפינדעריש, אײַנפאַלעריש, באַהערשט דעם מוח, בעיקר — דעם מאָגן. דער הונגער פאַרדאַרבט די לאָגיק, דעם קלאָרן זינען, אויך — דעם כבוד האדם. אַ חיה ווערט דער מענטש, וויניקער פון אַ חיה, ווײַל ער פאַרלירט אויף דעם חוש הריח. דער הונגער טרײַבט אים זוכן עסן אין די מיסטקאַסטנס.

סאַראַ בלײַבט אַליין אין שטוב. ס׳איינציקע וואָרט וואָס זי לאָזט אַרויס פון מויל צו זײַן אַוועקגיין: — קום נישט שפּעט.

אַ פּחד באַהערשט איר: לאָבוזעס, הפקר־יונגען דרייען זיך אויף די וועגן.

מ׳פאַרהאַלט, מ׳באַפאַלט אין מיטן גאַס. זיי באַזוכן, דרייען איבער די קעשענעס, טוען אויס נאַקעט. מיט דער נשמה אין דער האַנט דערשלעפּט מען זיך אַהיים, אַמאָל — מיט אַ צולאָג פון „טרוקענע" קלעפּ.

זי שלעפערט איַין שימעלען, לייגט זיך צו און — קאָן נישט אַנטשלאָפן ווערן. כאַפּט אַ שיטערן דרימל, וועקט זיך איבער. ווי אין הינערפלעט ליגט זי. ס׳דאַכט זיך איר: עמעצער עפנט ס׳טירל פון הייפל. ניין, נישט זיינע טריט. לאהקע גייט. וואָס עפּעס לאהקע? אַזוי שפּעט בייַנאַכט, לאהקע? זי הערט דאָך פאַרט ס׳אַראָפּשאָקלען פון זיך די שווערע שיך. און אַ שאַרך הערט זי. אַ שושקע־ניש. עס דערמאָנט איר אין די שושקענישן, ווען לאהקע האָט געוווינט איבער דער וואַנט... זי איז דאָך שוין נישטאָ. ניין, ס׳איז ער אַליין. זי וויל אים פרעגן פאַרוואָס אַזוי שפּעט, פאַרוואָס לאָזט ער זי אַליין מיטן קינד. זי קאָן נישט שלאָפן, קלערט איבער. לאהקע — אַ פאַלשע קאַץ. פאַרוואָס האַלט זי אים אויף ביז אַזוי שפּעט. זי וועט אים נישט צונעמען פון איר — האָט זי געזאָגט. אַ ליגנערין. ניין. מער לאָזט זי אים נישט גיין אַהין. זי וועט שרייַ — ען, וועט זי, שרייַ־און כאַפּט זיך איבער.

שפּעט. זי גייט אַראָפּ פון געלעגער. שטעלט זיך בייַם פענצטער. קיין לעבע־דיקן נפש זעט מען נישט. פינצטער. אַוודאי סוף נאַכט שוין. אַ פינצטערע שעה איידער דאָס שאַריען אויף טאָג. איר פינצטערע שעה, איר פינצטערע נאַכט. זי גייט צו צום קינדס געלעגער. שימעלע שלאָפט. זי וויל נישט איבערוועקן ס׳קינד. זי וויל אָבער האָבן עמעצן בייַ זיך. אַנטאַפּן, אַרומנעמען. נעמט זי ס׳קינד אַ שלאָפנדיקס אויף די הענט און גייט מיט אים צוריק אויף איר געלעגער. זי דריקט ס׳קינד צו זיך, גלעט ס׳קעפּעלע זייַנס, טוליעט ס׳פּנימל צו איר אָפּגע־דעקטער ברוסט. די וואַרעמקייט פון קינדס אָטעם דערפרייט ס׳האַרץ. שימעלע — איר איינציקע טרייסט, איר איינציקע פרייד. ווען דאָס קינד וואָלט געוווּסט, וואָס זייַן מאַמע לעבט איצט איבער...

איר ערשטע ליבע:

„ווילדע פלאָזשע". פאַרבעטן איר אין זייַן קאַוואַלערסקי צימער, לעשנאָ נומער זעקס. האָט ער איר כאַטש איין מאָל געזאָגט „איך האָב דיך ליב"? אמת, ס׳אָן אויסגעדראָשן וואָרט. זי האָט עס פון דעסטוועגן געוואָלט כאַטש איין מאָל הערן פון זייַן מויל. איז וואָס האָט זי געזאָלט טאָן, אַרייַנגעבערענגט אין שטוב אַרייַן אַ מיידל אַ געשוואָלענע פון הונגער, דערצו — זייַנס אַ חברטע פון דער היים. אויף איין באַנק אין שאָקלע געזעסן. זי איז אַליין דאָ — האָט זי שפּעטער דערציילט — געלאָזט אין דער היים אַ טאַטן, אַ מאַמען, צוויי ייִנגערע ברידערלעך. געוווּסט, אַוודאי האָט זי געוווּסט, אַז פון העלפן שטעלן לאהקען

אויף די פיס וועט זי קיין נחת נישט האָבן. זי דערמאָנט זיך אין ווערטל: „אַז ס׳איז באַשערט אַן אומגליק, קומט עס אין שטוב אַרײַן״.

לעשנאָ נומער זעקס. איין צימערל. אַ ברייטער טאַפּטשאַן פון וואַנט צו וואַנט. אַ טיש. אַ פּאָליצקע מיט ביכער. אַ סך פּאַפּירן אויפן טיש, פאַרשריבענע און ליידיקע פּאַפּירלעך. אַ פּאָעט. נישט קיין הויכער. נישט קיין שיינער. נישט דער קאַוואַליער פון ערשטן אײַנדרוק. דאָך האָט זי געזען אין אים עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳זעט נישט אין שענערע, העכערע בחורים. אַ היימישקייט האָט פון זײַן אָפּן, ליכטיק פּנים צו איר גערעדט. אַ פּנים, וואָס לאָזט צו זיך רעדן. און זי איז אַליין. האָט נישט דעם קאָפּ ווי אַוועקצולייגן. האָט נישט צו וועמען, פאַר וועמען אַ וואָרט אַרויסרעדן.

נאָך מיידלעך זענען אַרויפגעקומען. זי האָט נישט געזען מ׳זאָל זיך אין אים פאַרליאַפּען. דאָס איז איר גראָד געפעלן. ער וועט נישט — ווי ער האָט געזאָגט — ווי אַנדערע בחורים, „שטאַרבן פון ליבשאַפט צו איר און אויפשטיין תחית המתים, זיך דערקלערן פאַר אַנדערע אין אייביקער ליבע״, וואָס מיינט — תמיד אַן אַנדערע... זי האָט אין זײַנע אויגן — בלויע־גרויע, לויפיקע, נײַגעריקע, געזען אַ זשעדנעקייט צו מיידלשע לאַסקעס. אויך דאָס איז איר געפעלן. זי האָט געשמייכלט צו אים. אים האָט אימפּאָנירט איר נאַענטקייט, איר צוגעלאָזנקייט — האָט זי געזען. זי האָט צוגעלייגט אַן אויער צו זײַנע רייד, כאָטש נישט תמיד האָט זי באַנומען דעם מיין פון זיי. ער איז להוט געווען צו רעדן, דערציילן וועגן זיך, וועגן זײַנע לידער און פּלענער... האָט זי אים צוליב געטאָן. געהערט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, עלעהיי עס גייט איר באמת אָן. ער האָט איר אַרויסגעוויזן גוטסקייט, אײַנזען, וואָס ביז אים האָט זי פון דעם נישט געוווּסט. נו, אויב דאָס איז נישט קיין ליבשאַפט, וואָס זשע איז עס?

לעשנאָ נומער זעקס. ס׳איינציקע אָרט, ווו זי האָט געקאָנט אַרויפקומען ווען זי וויל, אונטערזיצן, טרינקען אַ גלאָז טיי, מאַכן פאַר אים אַ גלאָז טיי. ער האָט צו איר גערעדט ווי אַ גרויסער, ווי אַן עלטערער ברודער, אַ גוטער ברודער.

נישט לאַנג האָט געדויערט און ס׳אַרויפקומען איז בײַ איר געוואָרן אַ מוז־זאַך. צוגעוווינט זיך צו אים. אַ טאָג־צווויי אים נישט געזען, נישט געהערט אים — איז איר אַן אומעט באַפאַלן, אַ בענקשאַפט. נישט איינע פון די יאַטעכעס וואָס פלעגן אַהין אַרויפקומען האָט עס געוווּנדערט: אַ שיין מיידל, העכער פון אים מיט אַ האַלבן קאָפּ. ער אַ דראָבנינקער, אַ שעמעוודיקער. וואָס האָט זי געזען אין אים? זי וואָלט געשווירן, אַז אויך פון זײַנע אויגן האָט זי אַרויסגעלייענט דעם צער, דעם פאַרדראָס פון זײַן נישט־נושא־חן זײַן בײַ מיידלעך. ס׳האָט

אים — וואָלט זי געזאָגט — נידעריקער געמאַכט אין די אייגענע אויגן.

גראָד אָט אַ דאָס איז פאַר איר גוט געווען. ער וועט זי נישט פאַרראַטן. אירער וועט ער זײַן. צוגעווױנט זיך צו אים. געוווינשאַפט איז שטאַרקער פון ליבע. ליבן קאָן מען אויפהערן, מ׳קאָן אויך פײַנט האָבן. אָפּגעוווינען זיך איז שווערער.

לאַהקע.

גרויס רחמים האָט זי געוועקט בײַ איר מיטן דערציילן וועגן אויפהאַלטן זיך אין קאָוועל ביז נײַנצן איין און פערציק. זיך געבעטן בײַם טאַטן, בײַ דער מאַמען מ׳זאָל צוזאַמען אַריבער די גרענעץ. נישט געריררט זיך פון אָרט. „מ׳עט אים איבערלעבן דעם דאַטש״. נאָכדעם — אַוועק מיטן לעצטן עשאַלאָן אָפּטרעטנ־דיקן סאָוויעטישן מיליטער. אין קאָוועל זיך אָנגעהערט וואָס עס טוט זיך אויף יענער זײַט, זינט דער דײַטש אין אַהין אַרײַן, מיט וואָס פאַר אַ טויט איר טאַטע איז אומגעקומען. איינער, אַ געראַטעוועטער פון דאָרט האָט איר דערציילט:

— — — אַן אַקציע. די רוצחים האָבן באַפוילן צושטעלן זיך אויפן מאַרק־פּלאַץ. מענער פון זעכצן ביז זעכציק. צווייטויזנט מאַן. איר טאַטע האָט זיך צוגעשטעלט. צען אין דער פרי זענען שוין אַלע געווען אויפן אָרט. אַ צעפּ פון עס־עס, אוקראַינער, פּאָליאַקן מיט געווער, מיט פאַלקעס, שטעקנס אין די הענט אַרום די אומגליקלעכע, פאַרזאַמלטע. ערשט ווען ער איז געשטאַנען אין דער רײַ, דער טאַטע, האָט ער זיך דערמאָנט: אים איז דרייַ און זעכציק יאָר. אַ טעות. אַ ביטערער טעות. וואָס טוט מען? ער נעמט אַרויס דעם פּאַספּאָרט, וואָס יעדער האָט באַדאַרפט מיט זיך טראָגן און גיט אַ קוק: יאָ, אַ טעות. ער בעט זיך בײַם היטער אויף אַ מינוט־צוויי צו צוגיין צום אויבערשטורמפירער ווײַזן אים דעם דאָקומענט: ער איז איבער זעכציק. געמאָלדן האָט מען: ביז זעכציק. ער גייט צו צו איינעם פון די עס־עס און ווײַזט אים דעם דאָקומענט. יענער — אַ הויכער יונג, אַן אויסגעפּרייגטער, גאַליפע־הויזן אין גלאַנציקע שטיוול. אַ ברייטער לעדערנער פּאַסיק. אַן אויטאָמאַט אין דער זײַט. דער טאַטע ווײַזט אים, זאָל ער זען מיט די אייגענע אויגן, אים איז דרײַ און זעכציק יאָר. אַ טעות. דער רוצח קוקט נישט אויף אים, גלײַך נישט צו אים רעדט מען. ער נעמט אַרויס דעם אויטאָמאַט. אין איין האַנט האַלט ער דעם אויטאָמאַט, אין דער צווייטער — דעם פּאַספּאָרט, ווי איינער רעדט: ער וויל זען צי דער „יודע״ נאַרט אים נישט. ער פרעגט אים:

— וואָס ווילסטו?

— איך בין, גנעדיקער הער, דריי יאָר עלטער.

עטלעכע מינוט דויערט ס׳שטיין פּנים אל פּנים. דער ייִד מיינט אוודאי, אַז

ער רעדט צו אַ מענטש. באותו רגע ציט יענער אויס די האַנט מיטן אויטאָמאַט און הייסט דעם טאַטן מאַכן דריַי טריט אויף צוריק און — שיסט אויס.

דער טאַטע איז געבליבן ליגן אין אַ קאַלוזשע בלוט.

יענער וואָס האָט דאָס דערציילט איז געווען צווישן די פאַרזאַמלטע, דאָס צוגעזען. דורך אַ נס אַרויס אַ לעבעדיקער, זיך געראַטעוועט.

ער האָט איר אויך דערציילט וועגן אַ „מאַרש צו דער אַרבעט": אַ טויטן־מאַרש, וואָס ער האָט נאָך אַמאָל מיטגעמאַכט. זעקס זענען געבליבן לעבן.

ווי נאָר מען איז אַרויס פון שטאָט האָט מען געעפנט אויף זיי אַ שיסעריַי. די רוצחים זענען געפאָרן אויף דזשיפּן, און זיי זענען געלאָפן. פוןביידע זיַיטן האָט מען געשאָסן. צוויי־דריַי קילאָמעטער איז דער וועג געווען פאַרלייגט מיט טויטע, פאַרוווּנדעטע. מ׳זעלבן טאָג נאָך דעם „מאַרש", זאָל זיך דער בירגער־מייסטער פון שטאָט, אַ פאָלקס־דויטש, אַן עלטערער מאַן, האָבן געוואָנדן צום אויבערשטורמפירער, געבעטן דערלויבן אָפּרוימען די הרוגים פון וועג, וויַיל ס׳קאָן ברענגען צו אַ מגפה. יענער האָט אים אויסגעהערט און געזאָגט: — די דרעקקיקע יודען האָב איך געברויכט אויף פרישטיק, איַיך וועל איך נעמען אויף אָוונט־ברויט, דו בעסער טראָג זיך אָפּ איידער איך שיס.

12

לאהקע.

מיטן איבערגיין אויף „אייגענע קעסט" האָט זי מער צײַט געהאַט אַ טראַכט צי טאָן וועגן אַלץ, וואָס איז מיט איר געשען דאָ, אויף דער זײַט. די ערשטע עטלעכע חדשים געאַרבעט ווי אַ געהילפין אין אַן אַפּטייק. אַ גוטער קאַזאַך. אַן אינטעליגענטער מענטש. אַ סך אײַנזען האָט ער איר אַרויסגעוויזן. ער האָט, קאַנטיק, יאָ געוווּסט וואָס „דאָרטן" טוט זיך. געשוויגן. זײַן שווײַגן האָט גערעדט צו איר. אַ קאָמוניסט. אַן אויפגעקלערטער מענטש. אין איינעם אַן אינדערפרי האָט זי געטראָפן געשלאָסן די אַפּטייק. אַ רויטער זיגל אויף דער טיר. זי האָט פאַרשטאַנען: „ערגעץ בײַ די ווײַסע בערן"... מיט אַ נאַכט פריִער, האָט איר, מיט אַ האַלב מויל, איינגאַנצן אַן איבערגעשראָקענע, דעם אַפּטייקערס פרוי געזאָגט: „מ'האָט אים אַרויסגעפירט פון שטוב..."

אַן אַרבעט, אַן געלט, אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ. געוואָרן אַ שטריקערין אין אַ „פּימאַקאַטנע צעך". זיך צוגעקילט. קראַנק אויף פלעקן־טיפוס. אַ האַלב־קראַנקע איר אויסגעשריבן פון שפּיטאָל — מאַנגל אין בעטלעך. אַ סך פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן — אין די קאָרידאָרן פון שפּיטאָל. אויף דער גאָלער פאָדלעגע ליגט מען.

די צופעליקע באַגעגעניש בײַם לאַראַק פון אַלטעגבײַיעוון. די ערשטע עטלעכע חדשים ס'ווינען אונטער איין דאַך. דאָס צוזאַמען־און־באַזונדער זײַן. מער ווי זיי האָבן גערעדט — ער און זי — האָבן גערעדט זייערע תּנועות, זייערע אויגן. אויפן ווונק האָט מען זיך פאַרשטאַנען. קיינמאָל נישט דערזאָגט דאָס געטראַכטע, קיינמאָל נישט דערטראַכט דאָס געזאָגטע. אַוודאי איז איר נישט צום האַרץ געווען דאָס צוזאַמען וווינען. פון אַזאַ „שותּפות" קאָן קיין גוטס נישט אַרויסקומען. פון דעסטוועגן — האָט זי צו זיך געזאָגט — אַן שׂרהן, אַן איר אָרנטלעכקייט, האַרציקייט — ווער ווייסט צי זי וואָלט הײַנט געלעבט. אַוודאי האָט זי אין שׂרה'ס שווײַגן געזען אַ דערשטיקטן ווייטיק. און זי, זי איז דער גורם. ווי אַזוי וואָלט זי געהאַנדלט ווען עס איז פאַרקערט? נאָר פּשוטע מענטשן קאָנען זײַן אַזוי גוט, אַזוי אוממיטלדיק פרײַנטלעך. אַ פרײַנטלעכקייט, וואָס געבויערט פײַנדשאַפט, קנאה, שׂנאה. ניין, נישט בײַ שׂרהן, זיי ביידע האָבן איר געראַטעוועט פון אַ זיכערן אומקום.

אַ גוטע נשמה די סאַראַ. לעבט שטיל. ליידט שטיל: „דו דאַרפסט אים אײנ־גאַנצן פאַר זיך". אויך דאָס האָט זי שטיל געזאָגט, גלייך װעגן אַ זייטיקן, אַ מינדערװערטיקן ענין רעדט זיך. קיינמאָל קיין הויך װאָרט, קיין שלעכט װאָרט פון איר נישט געהערט. געטיילט זיך מיט איר מיטן קלייד, מיטן העמד, מיטן איינציקן העמד אויפן לייַב. שטילע סאַראַ. אַלץ האָט זי געזען און זעט. געהערט און געשוויגן. אונטער איר נאָז, איבער דער װאַנט — רייד, שושקענישן. עס איז פאַר איר קיין סוד נישט פון ערשטן טאָג זינט זי איז צו זיך געקומען, זיך געשטעלט אויף די פיס.

שׂרה געהערט צו דעם מין פרויען, וואָס איר מאַן איז איר וועלט, בעת אַנדערע האָבן זייער וועלט און אין איר — דעם מאַן. איז עס ביי איר אפשר אַ ירושה פון דורות ייִדישע פרויען, מאַמעס — אַ העכערער געבאָט פון היטן די הייליקייט פון דער משפּחה. זי איז איר מקנא: באַוווּנדערט דעם כּוח פון די שוואַכע.

זי איז אַן עדות, זיך צוגעקוקט, ווי זי טריקנט אָפּ די טעג. איר פּאַיאַק ליגט אין אַ האַנטעכל פאַרוויקלט. רירט זיך נישט צו, וואַרט ביז ער וועט קומען. ערשט דעמאָלט זעצט מען זיך צום „טיש", צום „מאָלצייט". איר מאַן קאָן נישט ליידן קיין הונגער — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל, אַ פאַרשולדיקטן שמייכל.

גוט וואָס זי איז אַצינד אַליין. ער קומט צו איר. וואָדען, ער׳ט נישט קומען? „איך האָב דיך נישט אויפגעהערט ליב צו האָבן זינט איך האָב דיך דערקענט". דו ביסט פאַר מיר אַן אָפּגעפונענער אוצר: אַ פאַרצייַטישער אוצר אונטער חורבות פון שטויב און צייט". אַ גורל־זאַך אונדזער ליבע — זאָגט ער איר. פּאָעזיע? ביין. זיי קלינגען פּאָעטיש אָבער — וואָרהאַפטיק. ער נאַרט נישט. ער נאַרט אויך נישט סאַראַן. ער זאָגט נישט דעם אמת. מ׳קאָן אַזאַ אמת נישט זאָגן. אָבער ער לייקנט נישט, ער פאַרלייקנט נישט, פאַרהוילט נישט פאַר איר דעם ביטערן אמת. ס׳קאָן זיין, אַז דאָס טוט איר נאָך מער וויי. ער גלייבט אין גורל — האָט ער איר געזאָגט. אַ באַגעגעניש מיט אַ בוכאַרער ייִד — אַ שליח פון גורל. אַז דו ווילסט, רוף עס גאָט.

זי האָט אים ליב צו הערן. זי האָט הנאה פון זיינע רייד אויף אַנדערע טעמעס. שוין אָפּגערעדט פון זיין באַליבטער טעמע — פּאָעזיע, פּראָזע. ליטע־ראַטור. ער לייענט פאַר איר זיינע לידער, וואָס ער זאַמלט: „אַז וועלט וועט זיין וועלט, וועט ער וויַיזן וואָס ער קאָן... זי גלייבט אים. זי גלייבט אין אים. ער איז פאַר איר מער ווי אַ געליבטער. אַ גייַסטיק־מאָראַלישער אָנשפּאַר איז ער פאַר איר. אַ מענטש מיט הויכער אייַנגעבוירענער אינטעליגענץ. זי איז וואָס זי איז, וויל נישט זיין מער, אָבער וויל נישט זיין אַליין. אויך „דאָרט" ווער

ווייסט צי איז עמעצער פון דער משפחה געבליבן. איינע אַליין אויף דער וועלט איז זי און וואָס פאַראַ „וועלט". מלחמה. פרעמד. סאַראַ. זי האָט אַ קינד, אַ שיין יינגעלע. וועמען האָט זי?

פאַרנאַכט. די זון — אַ פײַערדיקער האַלב־ראָד. כּהרף־עין איז זי בײַם הימלראַנד, נידערט, פאַרגיסט די ליימדעכער, ווענט, מיט אַ טונקעלער רויטקייט, וואָס פלעמלט אַרויס פון די שײַבלעך מיט אַ גלאַנציקער ליכטיקייט. מינוטן דויערט און דער האָריזאָנט איז אַ געלאָשענער. זי האָט ליב די צעשפּילטע ליכטער פון זונפאַרגאַנג. די דאָזיקע פאַרב גיט אַ שענערן אויסזען אַלץ אויף וואָס דאָס אויג פאַלט.

העכער אַ וואָך זעט זי אים נישט. ער דרייט זיך אַוודאי ערגעץ מיטן קיעטמען אויפן אַקסל אין די הייפלעך, גערטנער. זינט ער האָט אויפגעהערט אַרבעטן אין „זאַגאָט־זיערנאָ" זוכט ער זיך אויס דעם „טאָג אַרבעט" — אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער, אַמאָל — גאָרנישט. קומט אַ היים אַ מידער. וואַרפט צו סאַראַן אַ שמייכל, אַ געמאַכטן שמייכל. ער ווייסט: זי איז באַזאָרגט פון זײַן אויסזען, פון זײַן שלעפּן זיך איבער די הייף אומגעגעסן, אָן אַ טרונק אין אַזעלכע היצן. ער וויל נישט אַהיימקומען מיט ליידיקע הענט.

שלעפּט סאַראַ אַרויס איטלעכס מאָל אַ שמאַטע, די לעצטע „שמאַטעס", וואָס מ'האָט ווי עס איז פאַרהיטן פון דער היים ביז אַהער: אַ זײַדן העמד, אַ באַטיסטענע בלוזקע, אַ צעראַטע, אַ פּאָר זאָקן (ווער דאַרף דאָ זאָקן?). אויך זי איז נישט איין מאָל אַרויס אויפן באַזאַר מיט זייערע זאַכן. „וויעשטשי" האָט זי אויסגערופן אויפן קול — געשעמט זיך פאַרן אייגענעם קול, פאַר די פרעמדע פּרצופים, נײַגעריקע אויגן. זי וויל אָדער פאַרקויפן אָדער טוישן אויף אַ פּענעץ ברויט, אַביסל פּראָסע, קוקורוזע־מעל, אורוק. פלעגט אויך צוריקקומען מיט „סחורה".

די שטוב הונגערט. לאַהקע וויל זיי מיט עפּעס אַרויסהעלפן. גרייט זי צו אַ פּעקעלע פון דעם, וואָס זי טראָגט אַ היים פון „דיעט־דאָם". זאָל ער נאָר קומען. אַוודאי וועט ער קומען. צוגעקערט ס'טראָטואַרל, וואָס פירט אין די קאַמערן, באַשפּריצט ס'ביסל גרינס, די בייטן פון גערטנדל, וואָס די אַפּאַ היט — האָט זי געזאָגט — ווי אָן אויג אין קאָפּ: אַ ציבעלקעלע, אַ רעכטעכל, אַ פּאַמידאָר. פאַר אַ סך טשערוואָנצעס איז עס אויפן באַזאַר נישט צו באַקומען. אָן אָרעמע קאַזאַכין. איר מאַן — מאָביליזירט. די חודשלעכע „זאַפּלאַטע" פאַר זײַן מיליטער־דינסט סטײַעט אויף אַ האַלב שוואַרץ ברויטל — אויף „שוואַרץ"... אינעווייניק, אויפן דיוואַנבעט זיצט זי, לאַהקע, לעם איר — די אַפּאַ. זיי טרינקען טשײַ, שטאַרקע, טונקעלע טשײַ, ווי דער עסענץ, איידער ער ווערט צעפּירט אין

וואַסער. אַזאַ מנהג דאָ. אין אַ שלעכטן רוסיש דערציילט זי לענאַן, אַזוי רופט זי איר, — זי איז דאָך אַ פּוילישע, „ז׳פּאַלשו״ אַז דער גערמאַניעץ וועט קומען וועט ער די קאַזאַכן נישט טשעפּען. די „פּאַלשעוויקעס״ מיט די „יעווריעין״ וועט ער דעם טויט מאַכן. „האָסטו געהערט די נײַעס״ פון „דאָרטן״? אין געטאָס, אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, „די יעוורייען״. ווילן נישט אַרבעטן, שפּאַנא* אויך דאָ — ספּעקולאַנטן. גייען נישט אין מיליטער, אין „קיסל־אַרמיע״. איר מאַן איז אויפן פראָנט.

לאהקע הערט, שאָקלט צו מיטן קאָפּ. ס׳מויל וואָלט זי איר אויסגעדרייט מיטן קאָפּ. די הייסע טשײַ וואָלט זי אויפן פּנים איר אויסגעגאָסן. כאָטש אַ פּאָר טעג, וואָכן נישט זען איר דאָ. אין שפּיטאָל אַרײַן אָוועקנעמען זי. אָט גייט ער. זי זעט אים אין גערטנדל. ער שטייט שוין אין דער אָפענער טיר. די אַפּאַ גייט אַרײַן צו זיך אין קאַמער.

— אַבי מ׳זעט דיך, מיאוסינקער, זיסינקער.

אַ צונאָמען, וואָס ער האָט ליב צו הערן. נישט פּאַר זײַן שיינקייט האָט זי אים ליב. ס׳דערמאָנט אים אין אַן ענלעכן צונאָמען פון איינער אַ יאַטעכע אין וואַרשע:

— אהרעלע נאַרעלע.

ביז שפּעט זענען זיי געזעסן. מיט איר, אין איר מחיצה איז ער באַריידעוודיק. האָט ליב מ׳זאָל אים הערן. זי ווייסט עס, טוט אים צוליב. ער לייענט פאַר איר לידער. זי דערלאַנגט אַ טשײַ. לאַנגע רגעס שטומט מען. אויך דאָס צוזאַמענדיקע שטומען מאַכט אים הערעוודיק, וואַך, נײַגעריק. ער נעמט זי לײַכט אַרום, טוט איר אַ קוש אין קאָפּ, אין די באַקן: אויך ליפּן אין ליפּן — שוין נישט דאָס ערשטע מאָל. — דאָס ליוביען זיך רופט בײַ אים נישט אַרויס קיין עראָטישן רייץ, קיין סעקסועלע מחשבות. פאַרקערט: אַן עצבות וועקט זיך אין אים, אַן אומרו. אַ שטייגער איינער, וואָס האָט אָפּגעפונען אַ טײַערע זאַך, היט זי טאָמער, חלילה, גייט די זאַך פאַרלוירן. ער סטאַרעט זיך איר געפעלן, תמיד זײַן נײַ־אינטערעסאַנט, אויסנעמיק־אינטערעסאַנט. טאָמער נישט — קערט זי זיך אָפּ פון אים. אָ, דעמאָלט פאַרלירט ער עפּעס אַזוינס, עפּעס טײַערס אויפן גאַנצן לעבן.

זי האָט צוגעגרייט אַ פּעקעלע פאַר דער שטוב — זאָגט זי אים. ער שווײַגט. וואָס זאָל ער זאָגן? הלמאַי, ווייסט זי וואָס זי טוט. די „שטוב״ איז הונגעריק. ער איז איר דאַנקבאַר. אָן אַ וואָרט־אַרויסרעדן דאַנקבאַר. אַוודאי וועט ער עס נעמען, אַהיימברענגען.

---

* גנבים.

שרה. ער וווינט מיט אַ ווײַב און האָט ליב אַן אַנדערע. אַ טראַגיש־קאָמישע דראַמע. קאָמיש: ער, דער שעמעוודיקער, דער שוואַכלינג, וואָס „קוים קערט זי זיך אָפּ פון אים, פאַרלירט ער עפּעס טײַערס אויפן גאַנצן לעבן" — אַן אָביעקט, אַ גורם פון ליבע־קנאה, אייפער. זײַן שוואַכקייט דערהויבן צו אַ גבורה:

מאַכט פון דער גויט — אַ טוגנט, האָט ער צו איר געוועדט אויף שטום־לשון. געזאָגט האָט ער: — אָפּט זע איך אין אונדזער דרײַלינג אַ טרופּע, אַ קליינע טרופּע, אין אַ טראַגיש־קאָמישער שפּיל.

אויף אירע מווילווינקלען האָט ער געזען עפּעס ענלעכס אויף אַ שמייכל. — און די הויפּט־ראָלע — האָט ער ווײַטער געצויגן — פון אַן אָרנטלעכן מענטש פּאָר ביידע, שפּיל איך...

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

אין דער אותו רגע, וואָס ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, האָט ער חרטה געקראָגן. מ'זעט זיך אַזוי ווייניק, די שעהען זענען באַגרענעצט. נישט באַדאַרפט באַרירן די דאָזיקע טעמע והראיה — זי איז שטיל געבליבן. פאַרוואָס רעדט זי קיין וואָרט נישט? יאָ, עס טרעפט בײַ אים. פון וועלן תּמיד זײַן גײַ, אינטערעסאַנט, אימפּאָנירנדיק, חכמען זיך — זאָגט ער נאַרישקייטן. „מוות וחיים ביד לשון". ער איז שטיין געבליבן אין פאַרלעגנהייט אַ פאַרטראַכטער, בײַ דער טיר צום אַרויסגיין.

לאַהקע האָט אַ שווײַגנדיקע אים דערלאַנגט ס'צוגעגרייטע פּעקעלע. ער האָט עס אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן גענומען פון איר האַנט, זיך צוגעבויגן צו'ן איר, אַ קוש געטאָן אין שטערן. זי האָט געשמייכלט: — וואָלסט פון דעסט וועגן געמעגט אַביסל אָפּטער זיך ווײַזן...

ערשט נאָך זײַן אַוועקגיין האָבן זײַנע ווערטער אָפּגעעכאָט אין אירע אויערן אַ שטייגער מ'גיט אַ קלעפּל מיט אַ פינגער אין אַן ערדערנער, געשפּאָלטענער זאַך: אַ געשפּאָלטענע כּלי איז זי... גיסט אַ קלעפּל און דער קלאַנג איז אַ פאַל־שער... האָט זי טאָקע דערפאַר גאָרנישט געזאָגט, נישט רעאַגירט מיט אַ וואָרט אויף זײַנע רייד. ער איז נישט אינגאַנצן אומגערעכט, כאָטש ווי זי האָט געזען, האָט אים באַנג געטאָן אויף דעם וואָס ער האָט געזאָגט.

— וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילט זי אין דער טראַגי־קאָמעדיע? — האָט זי זיך געפרעגט.

*

שפּעטע נאַכט. ער גייט צוריק פון לאַהקען. ליידיקע גאַסן. זאָגן, אַז די ליידיקייט וואַרפט נישט אָן אַ שרעק, וואָלט געוועזן אַ ליגן. נישט סימפּאַטיש

איז אַליינגאַנג אין אַזאַ שעה. ער וויל זיך אונטערפּײַפן, כאָטשבי ס׳אײגענע קול הערן, ס׳מאַכט היימלעכער, פאַריאָגט די שרעק־געדאַנקען און — ס׳גייט נישט. ער טראַכט אַצינד. אַצינד האָט ער צײַט צו טראַכטן: וואָס, אייגנטלעך, קומט פאַר מיט אים, אַרום אים? אַ קאַמף פון צוויי פרויען איבער אַ מאַן? ניין. ביידע געהערן נישט צו דעם מין פרוי, וואָס איז גרייט צו אַזאַ מלחמה: נישט ער איז דער טיפּ מאַן איבער וועמען צוויי פרויען זאָלן זיך שלאָגן. עס האָט זיך פּשוט אַזוי געמאַכט צוליב דער אַנאָמאַליע פון דער צײַט. די אַנאָמאַליע, די „רעזשיסערין" האָט אויף אים אַרויפגעלייגט די ראָל פון אַ העלד. בעל כורחו שפּילט ער די ראָל". גערעכט געווען ראַיאַ: „אַן אָפּעראַציע", „איר ווערט ביידע געזונט ווערן". — אַוודאי. צוואָס די טאָפּלטע קרענקעניש? „זי לײַדט פון ליבע צו אים, און ער — פון אומליבע". — זאָגט סאַראַ. גערעכט. ער האָט עס דאָך נישט געוואָלט, נישט געאַנט, אַז אַזאַ זאַך קאָן מיט אים טרעפן. אַוודאי האָט עס אויך נישט לאהקע און נישט סאַראַ געוואָלט.

מאַדנע: ווי אומצופרידן — אפשר אויך אומגליקלעך — ער איז פון אַט דער לאַגע — האָט עס פון דעסט וועגן אין אים דערוועקט אַ נײַ געפיל, אַ מין בטחון, וואָס איז נישט אין זײַן טבע. עס דערמאָנט אים אין עפּעס ענלעכס מיט העכער צען יאָר צוריק — אין תפיסה: אומגעוואָלטערהייט אַ גיבור געוואָרן. אָנגעהויבן גלייבן אין דעם, וואָס ער טוט: קעמפט פאַר אַן אמת, נישט בלויז זײַן אמת. פאַר אַ גערעכטער זאַך קעמפט ער. זיצט אין תפיסה. געכאַפּט קלעפּ בײַ די אויספאָרשונגען. זיך העלדיש געהאַלטן. ער איז ביז דעמאָלט נישט זיכער געווען, צי איז ער פעיִק אויף אַזעלכע זאַכן, וואָס ער האָט פריִער פון זייער קיום נישט געוווסט: איז גרייט מקריב צו זײַן זײַן יונג לעבן פאַר אַן אידייע. איז עס דערפאַר וואָס ער איז דעמאָלט יונג געווען? נישט באַנומען וואָס ער טוט? איז ער אַצינד איבערגערעכנט? צי האָט אים די מלחמה, ווי יענער האָט געזאָגט: אָדער זי פאַרברענט אָדער — זי לײַטערט... ניין. אויב געלײַטערט — וואָלט ער אַנדערש געהאַנדלט, דעצידירטער, אָרנטלעכער.

זאָגט ער צו זיך — זינט ער האָט זי דערקענט — האָט אים מזכה געווען מיט אַ צווייִיק געפיל: פרייד און אומעט. פרייד — ווען איר בליק פאַלט אויף אים, עלעהיי אַ זונשטראַל אויף אַן אָפּענער שוועל אין אַ קילן פרימאָרגן; אַ פרייד, וואָס וועקט אין אים ענערגיע, אַ ווילִיקייט צום לעבן. אומעט? — מחמת ער ווייסט, ער ווייסט וויל, אַז אַלץ וואָס האָט אַן אָנהייב מוז האָבן אַ סוף...

✶

אַ פאַרדמיונטער, אַ צעטראָגענער, ווי תמיד נישט דערטראַכט ביזן סוף,

גייט ער. בײַם אויסבייג־געסל פון סטאַכאַנאָווסקי און דעם פּערעאולעק וואָס פירט אין שטוב אַרײַן, וואַקסט פלוצעם קעגן אים אויס וואָלאָדיאַ. אַ באַקאַנטע פיגור. אַ יונג אין אַ געפּאַסטער גימנאַסטיאָרקע, דער עלטסטער פון אַ שײַקע כּוח־גייער, שלעגער, שיכּורים, וואָס גאַרסירן אין די נעכט, וואַרפן זיך אָן אימה אויף פאַרבייגייער.

פון שרעק מאַכט ער אַ טראַט צוריק, גיט זיך אַ וואַקל און פאַלט אום. וואָלאָדיאַ צעלאַכט זיך. תּמיד ווען ער זעט עמעצן פאַלן, לאַכט ער. זײַנע קײַלעכדיקע, פיגלאַרסקע אויגן ווערן גרעסער, די בלאָנדע, שמאָלע וואָנסעלעך צעציִען זיך, דעקן אָפּ אַ שמאָלן מוילשניט און אַ ווײַס קעסטל ציין. ס'געלעכטער האָט אַ מעלה: ס'ראַטעוועט פון קלעפּ. ער צעכאַכאַטשעט זיך אויף אַ קול:

— לאַדנאַ, קראַסיוואַ.

ווער איז ער? אַ רוס, אַן אוקראַאינער, אַ קאַזאַק, אַ טאָטער? פון וואַנעט קומט ער? פאַרוואָס איז אַזאַ יונג נישט אויפן פראָנט? — ווייסט קיינער נישט. פאַרוואָס לאָזט מען אים אַזוי אַרומשפּאַצירן? אַ באַנדע מיט „שלאַגפערטיקע הענט" אונטער זײַן קאָמאַנדע — ווער וועט וואַגן פרעגן? וועמען פרעגן? לויטן אויסזען — אַ רוס. רעדט גוט קאַזאַכיש, פאַרשטייט ס'לשון פון די טשעטשענצעס, חברט זיך מיט קירגיזן, טשוואַשן און מיט וועמען נישט? מיט אַלע היגע און נישט־היגע; איבערגעסדלעטע קרוע־בלואה, דאַכלאַזע, הונגעריקע.

„אַן אַרנטלעכער באָסיאַק, וואָלאָדיאַ". ער האָט הנאה פון דעם צונאָמען. עטלעכע וואָכן געאַרבעט אין „זאַגאָט־זיערנאָ", קיין גראַם, קיין קערנדל נישט אַרויסגעטראָגן. וואָלאָדיאַ מיט די לאַכנדיקע אויגן און ווײַסן, שמאָלן קעסטל ציין, וועט נישט שיטן אין די הויזן אַרײַן, ווי די האַלעדראַנצעס. גנבהנען ווען דער סקלאַדאָווששיק זעט נישט, מאַכט זיך נישט זען — פוי, פע, דרעקפרע־סער, מײַז. ער איז נישט קיין שפּאַנאַ. אַ שלעגער איז ער. אָנבויקערן עמעצן, אַרויסשלעפּן פון אים טשערוואָנצעס, גאָלדשטיקלעך, אַ זייגערל, אַ רינגל, אַראָפּ־ציִען פון אים אַ פוטער, אַ נײַעם קאָסטיום, לאָזן אים אַ נאַקעטן, אין די גאַטקעס אַהיימלויפן — יאָ. זײַן טאָג, נאַכט־אַרבעט מוז ער זיך „אויסשלאָגן". — העי! קטאָ טי?! ווער ביסטו — איז וואָלאָדיאַ צוגעשטאַנען צו אַהרונען.

ער האָט זיך דערשראָקן פונעם פלוצומדיקן „העי", פאַרריסן דעם קאָפּ, זיך אַ וואַקל געטאָן. אַ בלענדעניש אין די אויגן: זיי קוקן, ווילן זען צי דאָס איז ער, וואָלאָדיאַ. ער האָט זיך צוריק אויסגעגלײַכט. ווי אַ גולם געשטאַנען. אַ וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן. אָט הייבט ער אַ האַנט, וואָלאָדיאַ, און ער שטייט אַ געסטראַכניעטער. נאָך אַ סעקונדע, צוויי, קוים פאַלט ער, וועט ער זיך שוין נישט אויפהייבן. אַ ליידיק, פינצטער געסל. פינצטער אים אין די אויגן. ער

פאַרשטעלט זיך מיט דער האַנט ס׳פּנים אונטער יענעמס אויפגעהויבענער פויסט און — פאַלט ווידער אום. וואָלאָדיאַ צעלאַכט זיך.

— העי! פאַרוואָס האָסטו באַלד נישט געזאָגט, יעווריעיטשיק? אַזוי שפּעט גייסטו פון די סקלאַדן? כאַסאַן, וואָס מאַכט? לעבט ער נאָך?

אַ צעטומלטער, אַן איבערגעשראָקענער, כאַפּט ער זיך פון דעסטוועגן: ער דערקענט אים, וואָלאָדיאַ. אים וועט ער נישט טשעפּען. נאָר צום וואָרט קאָן ער נאָך אַלץ נישט קומען.

— כאַ כאַ כאַ! — צעכאַכאַטשעט ער זיך ווידער — פון „זאַגאַט־זיערנאַ" צי פון אַ נקבה? ווען ס׳איז נישט דו, יעווריעיטשיק, וואָלסטו זיך מיט דער רויטער יויך באַגאָסן.

— קאַק אוטיעביאַ? וואָס הערט מען בײַ דיר? — ענטפערט ער נישט מיט זײַן קול.

— מיינע בראַטאַקעס דרייען זיך דאָ. גוט וואָס האָסט געטראָפן אויף מיר.

— ספּאַסיבאַ, וואָלדאָדיאַ, אַ דאַנק.

— דו פאַרשטייסט? ביז מ׳פּאַקט נישט אַ העכטל, אַ פּעטניאַק גייט מען נישט אַהיים. אונדזער היים איז די גאַס.

קעגן אים, דעם ווילן־יונג, שטייט ער. אַ סך קלענער ווי ער איז, זעט ער זיך. צו רעדן מיט אים דאַרף ער צו הויך פאַררײַסן דעם קאָפּ. ער מאַכט אַ טראָט צוריק. ער זעט זײַן שיכּורלעך פּנים, הערט דאָס הייזעריק־שיכּורלעכע קול:

— דאָ, אויף דער גאַס, בין איך קעניג, פאַרשטייסט, יעווריעיטשיק?

— אַוודאי, אַוודאי פאַרשטיי איך. ביסט אַ נאַש בראַט, אַ דרוג * געדעקנסט כאַסאַנען?

— צי איך געדענק אים? פאַרוואָס האָסטו באַלד נישט געזאָגט ווער דו ביסט? — חזרט ער איבער די שאלה וואָס ער האָט מיט עטלעכע מינוט פריִער געפרעגט.

— זיך דערשראָקן. נישט דערקענט דיך.

— גיב צו פאַררויכערן.

— איך רויכער נישט.

ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע. אַ פּאַטש געטאָן זיך אין שטערן: דוראַק ** — זאָגט ער צו זיך. שפּײַט אויס עטלעכע מאָל אָן שפּײַעכץ, בלויז אַ שפּריצל

---

* אַ חבר.

** אַ טיפּש.

דורך די ציין. שטופט אַרײַן די האַנט אין קעשענע, נעמט אַרויס אַ זשמעניע מאַכאָרקע, אַ שטיקל צײַטונג־פּאַפּיר, פאַרדרייט עס אין אַ שקאַרמיצל. פון דער אָפענער דלאָניע שיט ער די מאַכאָרקע אין שקאַרמיצל, מאַכט דערפון אַ לולקעלע, נעמט עס אין מויל אַרײַן. ער דערטאַפּט בײַ זיך אַ שוועבעלע. אַ רײַב און שוין שלענגלען זיך רויכקײַקעלעך. אַרויף, אַרויף ציִען זיי זיך. ער מאַכט זיי אַוועק מיט דער האַנט. אַ ווינטל צעבלאָזט ס׳פּינטעלע זשאַר. די רויכן ווערן געדיכ־טער, רעדלען זיך איבער זײַן קאָפּ. ער פּיפּטשעט און פרעגט: — איילסט זיך אַ היים? האָסטו אַ באַרישניע, אַ ווייב?

— אַ ווײַב, אַ קינד.

— אַזוי יונג, אַ ריביאָנאָק*** און שוין אַ טאַטע פון אַ קינד?

— פון פוילן געבּרענגט איר. — דאָ בײַ אונדז פעלן ווײַבער?

— נישט געוווּסט, נישט געוווּסט.

— יאָג זיך נישט. ס׳ט נישט פאַרשפּעטיקן. מיר׳ן אונטערזיצן אַביסל. האָב נישט קיין מורא. מיט מיר אויף דער גאַס ביסטו זיכערער ווי בײַ זיך אין שטוב.

— דאַ דאַ. יאָ, בראַטאָק. מאַלאַדיעץ.

אויך ער האָט געהאַט אַ שטוב — הייבט ער אָן — גיט אַ דריי מיטן קאָפּ, לינקס, רעכטס, באַמערקט אַ שטיין, אַ גרויסן גלאַטן שטיין. ביידע האָבן זיך צוגעזעצט. אַ טאַטן, אַ מאַמען געהאַט, ברידער. פּראָסקוראָוו. געהערט פון אַזאַ שטאָט? קאַמיניעץ־פּאָדאָלסקער גובערניע. אַ סך אײַערע דאָרט. אַ יאַטל, אַ פּאַצאַנאַק פון דרײַצן, פערצן יאָר. נײַנצן דרײַ־פיר און דרײַסיק. אַ גרינער אין „פּאַד", האָט מען אים בײַם ערשטן נאַרישן גנבהלע אונטערגעכאַפּט, און אײַנגעז־זעצט. אין תּפיסה — אַזויפיל חבר׳ה. אַלע האָבן געגנבהט. אַלע האָבן געהונ־גערט. קאָלכאָזן. ווייסטו וואָס מען מיינט קאָלכאָזן, סאָווכאָזן, בראַטאָק? ער גיט אַ ציִ פון פּאַפּיר־לולקעלע, רעדט מיט אַ פול מויל רויך:

נעמט מען צו בײַ אַ פּויער אַ באַרישניע, אַ ווײַב — טשאָרט ז׳נים* האָט ער אָן אַנדערע. אַ סך ווײַבער דאָ. נעמט מען צו בײַ אים ס׳פערד, אַ קו, אַ שושקאַ** אָבער ס׳שטיקל פעלד — הרגעסטו אים אַוועק. געשאַכטן אָן אַ מעסער. האָט מען צעבראָכן די טראַקטאָרן. געבּרענגט נײַע — ווידער צעבראָכן, „קאַליע" געוואָרן... פאַרברענט די זאַפּאַסן תּבואה. פעלדער האָבן געפּוסטעוועט. מ׳האָט אויסגעקוילעט די שושקאַ, די בהמות. די פערד אַרויסגעלאָזט פון די שטאַלן.

*** אַ קינד.

* צום טײַוול. מיט זיי.

** אַ חזיר.

קאַלכאָזן? — קיבעני מאַט׳. זענען אַראָפּגעקומען קאָמיסיעס, טאָווארישטשעס, געררעדט, געשריגן, געקלאַפּט אין טיש, געדראָט מיט די פויסטן, מיט תפיסה, סיביר. „שונאים פון פאָלק״, קולאַקן. די פּויערימלעך האָבן געשוויגן. געגעסן קדחת מיט קרענק. הינט, קעץ האָט מען געגעסן און געשוויגן. די טאָוואַרישטשעס אין מאָסקווע — האָט מען דערציילט — לעבן אַ גוטן טאָג. „איינגעפירט קאָל־כאָזן״.

אַ יאַטל, אַ פּאַצאַנאַקל. מ׳האָט אים באַפרייט. נו, קאָן מען איינזיצן אין שטוב? אַלע הונגערן. אַ ווײַלע שטיל. ווידער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ זשמענקע מאַכאָרקע, פאַרדרייט אַ לולקעלע. געררויכערט, און שווייגט. און אים האָט אין די רגעס אַ בויער געטאָן אין מוח אַ דערמאָנונג: ניינצן דריי־פיר און דרייסיק אין פוילן האָבן די „לינקע״, די גאַנצע „אויפגעקלערטע״ וועלט, געפּײַערט דעם נצחון פון סאָוויעטנפאַרבאַנד מיטן איינפירן קאָלכאָזן אויפן רוסישן דאָרף. קאָמוניזם אויף אַ זעקסט־חלק פון דער וועלט. ווײַסרוסלאַנד, אוקראַינע, צענטראַל־ראַטנפאַרבאַנד, דאָנבאַס, קרים. ברויט אויף די פעלדער. ברויט און אַרבעט פאַר אַלע. אַלע גלײַך. סטאַלין — „דער פאָטער פון די פעלקער״. — שווײַגסט, האַ? פאַרבענקט זיך נאָך די גוטע צײַטן... בײַ אײַך ווּפאַלשו — זאָגט מען — איז געוווען עסן, ברויט סקאָלקאָ אוגאָדנאָ, וויפל דו ווילסט, אָן אָטשערעד. אמת?

אהרונען איז אין די רגעס אַדורכגעלאָפן אַ געדאַנקען־בילד: לובעלסקי גאַס, נישט ווײַט פון קאָמיסאַריאַט פירט מען אים אָפּ אונטער אַ שטרענגער וואַך אין תפיסה. יאָ, געענדי אין יאָר ניינצן דריי־פיר און דרײַסיק. אַ ייִנגל פון פופצן אין זעכצנטן יאָר. אויפן ראָג גאַס, נעענטער צו דער תפיסה־מויער איז דאָס ייִנגל שטיין געבליבן. ער גייט נישט ווייטער — האָט ער געזאָגט — און אַראָפּגעזעצט זיך אויפן טראָטואַר.

— וואָס ווילסטו? — האָט איינער פון די וואַכלייט געפרעגט.

— אַ דראָשקע.

— אַנדערש ביסטו נישט געוווינט?

דאָס ייִנגל שווייגט.

— נו, אויפשטיין! — באַפעלן זיי.

דאָס ייִנגל שווייגט. רירט זיך נישט פון אָרט. דערצאָרנטע נעמען זיי אים שטופּן, שטורקען מיט די שטיול, מיט די ביקסן־קאָלבעס. ער זיצט גלײַך נישט אים מיינט מען.

— סמאַרקאַטש, זשיד, קאָמוניסט! געגאַנגען!

*** אַ נאַרישקייט.

דאָס יינגל ענטפערט נישט. מיטנטאָג. מענטשן זאַמלען זיך. מען שושקעט זיך איבער און מ׳וואַרט וואָס וועט דאָ געשען. אויך די וועכטער שושקען זיך איבער: די מוטיקע האַלטונג פון יינגל ברענגט זיי, ווייזט אויס, אין אַ פאַר־לעגנהייט. שלאָגן פאַר אַלעמענס אויגן איז קעגן פּאָליצײ־קאָדעקס. אַ דראַשקע? ווי פּאַסט עס נאָכגעבן דעם יידישן ממזר, דעם זשידאָ־קאָמונאַ? וואָס וועט זאָגן די גאַס? נישקשה, אינעווייניק וועט מען זיך שוין מיט אים אָפּרעכענען.

— וואָס טוט מען? — ווענדט זיך איינער צום צווייטן אויף שטום־לשון.

— דו גייסט? — הערט זיך ווידער זייער באַפעלעריש אויסגעשריי.

— יאָ, אָבער נישט געשלאָגן. נעמט אַראָפּ די קייטעלעך פון מײַנע הענט.

— דו ביסט אַרעסטירט.

— אָבער נישט קיין אַרעסטאַנט.

— נאָך ערגער. אַ פאַרברעכער ביסטו.

— אַ פּאָליטישער אַרעסטירטער בין איך. איך וויל נישט גיין געשלאָגן.

— אויף אַלע פיר וועסטו גיין. אָן רייד, אויפגעהויבן זיך, שנעל!

— איך וויל פאָרן.

— אַ טשטאָ טי? און דו, וואָס שווייגסטו? — הערט ער וואָלאָדיען.

— ניטשעווא, וואָלאָדיאַ. גאָרנישט. סתם זיך פאַרטראַכט, פאַרגאַפּעט. דער־צייל, וואָלאָדיאַ, דערצייל.

— אויך אין מאָסקווע איז אַלץ געווען צו באַקומען אין די לוקסטאָרגן*** פאַר געלט, פאַר גאָלד. פאַר גאָלד האָסטו אַ גאַנצן זאַק ברויט געקאָנט קויפן. האָט יעדער אויסגעקראַצט, אויסגעגראָבן באַהאַלטענע אוצרות, חזרימלעך*, גילדענע זייגערס, רינגלעך און היידאַ קיין מאָסקווע. זייערס אַ שכן, אַ יעווריי, איז אוועק מיט אַ קליין רענצעלע, צוריקגעקומען — מיט אַ זאַק ברויט: ברויט, ברויט פון מאָסקווע. נאָכדעם האָט מען די אַלע אַרויסגעשלעפּט פון די שטובן, פון די בעטן און נאָך אַמאָל היידאַ — שוין נישט קיין מאָסקווע, בראַטאַק, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן, כאַ כאַ כאַ.

— וואָס הייסט נישט קיין מאָסקווע?

— כאַ כאַ כאַ, צו די ווייסע בערן, סיביר.

— פאַרוואָס סיביר?

— יאָלד, אַ פּוילישער און אַ דוראַק וואָס דו ביסט: קאַפּיטאַליסטן. קולאַ־

*** לוקסוס־געשעפטן.

* גאָדענע רוסישע, צענער־רובלס.

קעס. מערזאָווצעס. בונטאָווטשיקעס. קעגן די קאַלכאָזן, קעגן דער וואָלאָסט׳. שמאָק איינער.

וואָלאָדיאַ האָט אָן אויפגערעגטער אויסגעשפּיגן דעם פּיטעם פון פּאַפּירעגעם לולקעלע, אָפּגעווישט די אונטערשטע ליפּ מיט די שאַרית טוטין: פּאַרדרייט אַ צווייט לולקעלע, אָנגעצונדן און דורך מויל־און־נאָז האָבן זיך ווידער קײַקעלעך רויך געעקבערט אין דער לופטן.

— וואָלאָדיאַ, וואַרט אַ ווײַלע, איין סיגאַרעטל נאָכן צווייטן?

— זשאַלקאָ, אַ שאָד, וואָס ס׳איז נישטאָ קיין ביטערער טראָפּן. וואָס האָסטו דאָ אין פּעקעלע?

— טשיפּוכאַ ** עפּעס עסן פאַרן קינד. שפּעט, וואָלאָדיאַ.

וואָלאָדיאַ הערט נישט וואָס מ׳רעדט צו אים. אַ דערוואַרעמטער פון זײַנע רייד, אָן אויפגעקאָכטער אפשר אויך פון כסדרדיקן רויכערן, צי גאָר טאַקע אַ באַדערפעניש צו דערציילן; דערציילן, וואָס ער געדענקט, האָט איבערגעלעבט, אָדער געהערט דערציילן — האָט ער מיט זײַן שווערער לאַפּע געדריקט אויף זײַן אַקסל:

— זיך נאָך אָביסעלע, בראַטאָק. וואָס האָט מען מיט זיי געטאָן, מיינסטו? די אָוועקגעשיקטע האָט מען שוין צוריק נישט געזען. די געבליבענע — מ׳האָט זיי נישט ווײַט געפירט. הינטער דער שטאָט אין אַ וועלדל — אויסגעשאָסן ביז איינעם. צו די שטובן, אין די דערפער, זאָלן זיך האָבן דערטראָגן די הילכן פון די שאָסן.

אַ קליין יינגעלע, אַ פּאַצאַנאָקל, האָט ער קראַפּירט זען ווי אַזוי מאַכן זיי דאָס. איין מאָל, שפּעט בײַנאַכט, איז ער אַרײַן אין וועלדל, אַרויף אויף אַ בוים, ווי אַ ווערווערקע. זאָל מיך אַ שמאָק דערהרגענען צי איך זאָג ליגן, פאַרשטעקט זיך צווישן די צווײַגן און צוגעקוקט ווי מ׳פירט זיי. פּאַרטיעסווײַז האָט מען זיי געפירט. אײַ, ווי קאָמיש דאָס איז געווען. אַ שאָס — און אַ קאָזשעליק, אַ קאַטשע זיך אַרײַן אין אַ גרוב, אַ טיפער גרוב פאַר אַלע: אַלע גלייך אין סאָוויעטנפאַר־באַנד... ווידער אַ שאָס, אַ קניידעלע און אַ קאָזשעליק. קיין פּיפּס האָט מען נישט געהערט. ווי אויף אַ קאַרטינע, דו הערסט! כאַ כאַ כאַ — האָט זיך אים געגלוסט צו לאַכן. אין זיך אַרײַן געלאַכט, זיי, די טאָוואַרישטשעס, זאָלן נישט הערן, אַ זיסט — כאַפּט ער אויך אַ קניידל. עטלעכע זענען זיי געווען, נישט קיין סך. אַלע — אין קאָמאַנדירסקי שינעלן מיט פּאַגאָנעס. פון דעמאָלט אָן כאַפּט אים אָן אַ געלעכטער טאָמער זעט ער עמעצן פאַלן, זיך אַ גליטש טאָן.

** אַ נאַרישקייט.

שפּעט אַהיימגעקומען און לאַנג, לאַנגע יאָרן נאָך דעם נישט געקענט פאַר־געסן וואָלאָדיאַס דערציילן. וואָלאָדיאַ, דער „אַרנטלעכער באָסיאַק". נישט דער זעלבער וואָלאָדיאַ, וואָס איז פאַר אים מיט אַ האַלבע צי אַ שעה צוריק געשטאַנען מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט, מיט צוויי גזלנישע, ציניש־לאַכנדיקע אויגן: דער „קעניג" פון דער שײַקע לאַבוזעס, וואָס וואַרפן אַן אַ שרעק אויף דורכ־גייער. אַ מזל געהאַט, וואָס ער האָט זיך דערשראָקן, אַ וואָקל געטאָן און געפאַלן.

נישט די זעלבע פיגלאַרסקע אויגן, וואָס אָט לאַכן זיי, אָט צינדט זיך אָן אין זיי אַ בייזקייט, אַ יוכע, ווי בײַ די היגע, און מאַכט פרירן ס'בלוט אין אָדער.

אַ יאַטל, אַ „פּאַצאַנאַקל", אַ קינד פון „אָקטאָבער", אַ ייִנגל פון אַ פויערי־שער היים. מעגלעך אויך אַז זײַן טאַטע איז געווען אַ „סטאַטיסט" אויף אַזאַ „קאַרטינע"... זײַן מאַמע, זײַנע ברידער — אויב נישט אויסגעהרגעט, אַוודאי פון הונגער געשטאָרבן אָדער ערגעצווו אין סיביר אויף פאַרשיקונג אומגעקומען.

ער האָט זיך שוין נישט געיאָגט אַ היים. אונטערגעזעסן נאָך עטלעכע מינוט. ער, דער „יעווריעיטשיק", ווי אַ קליין ייִנגל קעגן אַ גרויסן, עלטערן פון אים, איז געשטאַנען צום גיין און מיט אַנדערע אויגן געקוקט אויף דעם שטאָלטנעם יונג אין דער גימנאַסטיאָרקע. ער איז אים מיט אַמאָל נעענטער געוואָרן. אַ מענטש שטייט קעגן אים. אַ קלוגער קאָפּ. אַ זכרון. זײַנע „שלאָגפאַרטיקע" הענט זענען פעיִק צו אַרבעט, צו מעשׂים, אפשר אויך צו גוטע מעשׂים. שטאָט פּחד האָט זיך אין אים אַ מיטגעפיל געוועקט. און פון זײַן מויל — ער ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי — האָט זיך אַ גליטש אַרויס געטאָן: — און ווען דו, וואָלאָדיאַ, גיסט אַ פאַל?

— קלוגער יעווריעיטשיק — האָט ער אויף אים געקוקט, נישט אַרויסגע־נומען ס'לולקעלע פון מויל — און געזאָגט: — איך, בראַטאָק, בין שוין געפאַלן... שוין איין מאָל געפאַלן. אָבער איך לאָז פון זיי...

וואָס האָט ער געזאָלט ענטפערן דערויף? וואָלאָדיאַ האָט לאַנג געקוקט אויף אים און געזאָגט:

— האָסט אַ קעפּל אויף זיך. דו, איר אַלע, וועלן זיך אויסלאַכן פון זיי. קיין פאַלשו, צו דײַנע, וועט איר צוריקפאָרן.

ער האָט געפילט באַדויער אין זײַנע לעצטע ווערטער.

— האָסטו נישט, ווייסטו נישט ווו מ'קאָן פאַקן אַ ביטערן טראָפּן?

— ניין, וואָלאָדיאַ. שפּעט. מ'דאַרף אַהיימגיין.

— קאָנסט גיין. פאַרגעס, פאַרגעס, וואָס האָסט געהערט — זענען געווען זײַנע לעצטע ווערטער. פּחד, מורא, האָט ער געזען אין די אויגן פון גרויסן „העלד" דעם „קעניג" פון די שלעגער. אָט וואָס דער יונגער דור, די „קינדער" פון „אָקטאָבער" האָבן „אָפּגעשפּאָרט" אין די יאָרן פון דער סאָוויעטן־מאַכט.

ס׳האָט אים אפשר באַנג געטאָן אויף אַלץ, וואָס ער האָט דערציילט: דערציילט, אייגנטלעך, זאַכן, וואָס אַלע ווייסן, לעבן מיט די פּחדים און — שווײַגן. דאַכט זיך, אַז זײַן פּנים האָט ווידער אין די לעצטע מינוטן אָנגענומען אַ דראָענדיקע מראה. צוריק וואָלאַדיאַ דער „קעניג״. אויך זײַן קול, די לעצטע ווערטער, האָבן אַנדערש זיך געהערט:

— גיי — האָט ער צום געזעגענען אַ זאָג געטאָן — און זע מײַנע מענטשן זאָלן דיך נישט פאַרטשעפּען.

ער האָט זיך געלאָזט גיין אַ היים.

ער האָט שׂרהן, געטראָפן זיצן פאַרנט פון טירל.

— אַזוי שפּעט?

— און שימעלע?

— שימעלע שלאָפט.

— קאַלט. פאַרוואָס אין זומערדיקן קליידל?

— פאַרגעסן צו כאַפּן אויף זיך אַ וואַרעמע זאַך. געוואַרט אויף דיר. איבערגעקלערט.

— נו, קום אַרײַן.

— אַבי איך זע דיך צוריק.

ס׳ערשטע האָט ער צום אַרײַנקומען אַראָפּגעוואָרפן פון זיך ס׳אַנטאָן, די שיך. צוגעגאַן צום קינד, אַ גלעט געטאָן ס׳קעפּל, צוגערוקט זיך אַ בענקל צום שעניקל, אַוועקגעזעצט.

— ס׳ט עפּעס איבערכאַפּן?

— געגעסן.

— ווו, ווען ס׳טו געגעסן.

— אָט האָב איך געבראַכט אַ פּעקעלע, פּאַק עס אויף.

שׂרה האָט געזען, וואָס אין פּעקעלע טוט זיך. זי האָט געוווּסט פון וועמען דאָס פּעקל איז. זי האָט געשוויגן. מ׳האָט געמאַכט נאַכט.

אַ האַלבע לבנה קוקט אַרויס פון אונטער אַ וואָלקן. אַ שווערער ערב־ווינטער וואָלקן. אָט־אָט גיט אַ גאָס אַ רעגן, ווי ס׳טרעפט דאָ, אומגעריכט נעמט פּלייצן, דונערן. ס׳הערט אויף. אַ ווינט צעבושעוועט זיך. אַ ווילדער ווינט גיט זיך, ווי פון אַ קייט, אַריס, אַ הייב און אַ דריי, ווי אַ שרויף און דערלאַנגט זיך אין דער לופט, שלעפּט מיט אַלץ, וואָס וואַלגערט זיך אויפן זאַמדיקן באָדן: אַמאָל — אַ נאַסער ווינט יאָגט אין פּנים אַרײַן, קריכט אין די אויגן, אין מויל ביז צײנקריצעניש. מינוטן דויערט די זאַווערוכע און שוין — צוריקגעפאַלן דער זאַמד־

פּריס. מיט אַ געפּײַף איז דער אָקערשטער ווינט־אָניאַג אַרויף צו די נידעריקע וואָלקנס — ברודיקע, צעריסענע שמאַטעס, וואָס פאַרשטעלן דעם הימל.

ביידע אין בעט. שׂרה:

— פון דעסטוועגן, ווען דו קומט פריִער אַביסל, וואָלט ס׳קינד געהאַט וואָס צו נעמען אין מויל אַרײַן. הונגעריק געגאַנגען שלאָפן.

— האָסטו געזען, וואָסער פּאַגאַדע אויף דער גאַס?

— אָקעגן וואָס זאָגסטו דאָס?

— אָקעגן דעם: אַז אַזוי איז אויך דאָ דער מזרח־מענטש. אָט איז ער בייז, די נכפּה וואַרפט אים און אָט — אַ מכניס אורחים, אַ טאָוואַרישטש, אַ חבר. אַ ווילדע נאַטור, ווילדע מענטשן.

— איך פאַרשטיי נישט.

— וואָס עס איז אַצינד פאַרגעקומען אין דרויסן — האָב איך איבערגעלעבט.

— ס׳האַרץ האָט מיר געזאָגט. איבערגעקלערט.

— וואָלאָדיאַ.

— וואָלאָדיאַ, דער באַסיאַק?

— אויפן וועג נאָענט פון שטוב מיך פאַרהאַלטן. זײַן פּנים, ווי אַצינד די פּאַגאַדע.

— אוי, ווײ איז מיר.

— אָפּגעקומען מיט שרעק. מזל געהאַט.

— דערצייל. דערצייל.

— וואָס זאָל איך דיר דערציילן? כ׳האָב זיך פון שרעק אַ גליטש געטאָן, געפאַלן: ווייסט דאָך, אַז ער זעט פאַלן אַ מענטש צעכאַכאַטשעט ער זיך.

— נו?

— וואָס נו. ווי די פּאַגאַדע: אויסגעלײַטערט זיך. ער האָט מיך דערקענט. געדענקט פון „זאַגאַט־זיערנאַ״.

וואָלט ער גלייך פון גאַס אַהיימגעקומען וואָלט דאָס נישט געשען — האָט שׂרה צו זיך געזאָגט.

13

לאהקע. אין דער פרוי, רעכט זיך נישט אָפּגערוט, אוודאי אין מויל גאָרנישט געהאַט. ס'הארץ האָט איר געזאָגט. אַ האַרץ איז אַ נביא... לאהקע. שוין נישט דאָס ערשטע מאָל ביַי אים. זי ווייסט ווו ער גייט. זי בלײַבט אַליין אין שטוב, מיט קאָפּדאַרעניש מיט אַ בויערניש אין מוח, ווי צאָנווייטיק.

אַמאָל קומט ער פאַרנאַכט, אַ מידער, רוט נישט קיין מינוט, טוט זיך אַ שפּיל מיטן קינד. וואַשט זיך אָרום, אָן פרעגן, זאָגן אַ וואָרט, אין אײַלעניש גלײַך, ווי איר מאַמע פלעגט זאָגן, „דער פאַיעזד" פאָרט אַוועק — און שוין נישטאָ. צו לאהקען.

לאהקע. „זי וועט אים נישט צונעמען" גיין. אַליין וועט ער אַוועקגיין. איר האָט ער ליב. צום ווײַב איז ער גוט. אַ געטרײַער מאַן. שאַנעוועט איר. קיין שום אַרבעט איז פאַר אים נישט צו שווער אַבי די שטוב זאָל נישט הונגערן. ער לײַדט אויך אוודאי: אַ מאַן, אַ טאַטע, אַ געליבטער. זי זעט עס אויף זײַן פּנים, אין זײַן התנהגות. ער איז גוט צו איר. זײַן גוטקייט האָט אַ טירל געעפנט אין איר האַרץ, איר צעבראָכן האַרץ, מיטן אָנהייבן אַרויפקומען אויף לעשנאָ זעקס. נישט פאַר־ליאָפּעט זיך אין אים. ס'האָבן איר נישט אינטערעסירט די שטיקלעך פּאַפּיר, די פאַרשריבענע קאַיעטן, זײַן פאַרחלומטקייט, זײַנע אומרויִקע, נײַגעריקע אויגן, וואָס האָבן זי יאָ און נישט געזען. אויף די ווענט, אויפן פּאָלעפּ, אויף די פאַר־שריבענע פּאַפּירן האָבן זיי געקוקט. אַ קליינער פאַרדינער. אויך דאָס האָט איר נישט געאַרט. די רייד וואָס ער האָט צו איר גערעדט זענען איר געפעלן, האָבן איר געוואָרעמט. ס'איז איר גוט געווען מיט אים. אלא מאַי? — לאהקע. האָט זי דען נישט געוווּסט פון איר קיום, פון זייער חברשאַפט? געמיינט: ער'ט אין איר פאַרגעסן. מאָלע מ'טרעפט זיך מיט אַ מיידל אויף קורסן, מ'פירט זי אַמאָל אַפּ אַ היים? איז דען חוץ אים וועד מסוגל געווען איר צו פאַרשטיין, צולייגן אַן אויער צו אירע רייד?

לעשנאָ נומער זעקס — אַן אָפענע טיר, אַן אָפן האַרץ. וואַרעמע ווערטער, אַרומנעמיקע הענט. ער האָט איר זײַן האַנט אויסגעשטרעקט. זי איז געפאַלן און ער האָט זי אויפגעהויבן... ער האָט אין איר געוועקט דעם גלויבן אין מענטש און ס'ראָד פון בלוט און באַגער האָט זיך אַ דרײַ געטאָן. האָט זי געקאָנט וויסן, אַז אַ ראָד קאָן זיך אויך אַ דרײַ טאָן אויף צוריק?...

העכער פיר יאָר מלחמה. קיין גוטן טאָג נישט געהאַט זינט דעמאָלט. נישט זײַן שולד. „איך ווייס נישט ווי אַזוי דיך אַרײַנפירן אין סוד פון מײַן לעבן״ — איר געזאָגט. נישט תּמיד האָט זי אים פאַרשטאַנען. אפשר איז ער פאַר איר צו שווער, צופיל — האָט ער געזאָגט. ניין. צו ווייניק בין איך פאַר אים — האָט זיך אין איר אַ ספק אַרײַנגעכאַפּט, ווי אַ מילב אין געזונט האָלץ. זי איז דאָך אַ געזונטער מענטש. זי ווייסט, וואָס זי וויל. און ער? — ער שטרעבט צו עפּעס שענערס, העכערס — האָט ער איר געברײַיעט — צו אַ יום־טוב, וואָס דאַרף, מוז קומען: אַ פּײַערל אַ ווײַטס מאַניעט, ציט אים. וואָס מער ער דערנענטערט זיך — אַלץ ווײַטער, פאַרנעפּלטער ווערט דאָס פּײַערל.

יעדן וואָרט באַזונדער האָט זי פאַרשטאַנען, אָבער דעם מיין פון אַלע צוזאַמען — נישט. נישט באַנומען. זײַנע „פילאָסאָפיעס״:

„אַלט ווי די וועלט איז די ליבע און די שיינקייט. אַלט און תּמיד יונג, ווי דער מענטש זינט ער האָט זיך געשטעלט אויף די צוויי פיס: מענטש־מאַלפּע, וואָס האָט ווער ווייסט וויפל מיליאָנען יאָרן ס׳האָט גענומען, ביז ער האָט אויסגעגלײַכט דעם רוקן פון פיר אויף צוויי״.

אָדער: „פרוי, וואָס איז די פרוי? אַ חוה, אַן אויסגעשניטענע ריפּ פון אָדמען. אָדם, דער מאַן, יאָגט זיך אַ גאַנץ לעבן נאָך זײַן ריפּ...״

*

ווי אין אַלע טעג איז ער צו מאָרגנס אין דער פרי אַרויס „אויסטאַפּן״ אַ טאָג אַרבעט. טאַקע נישט זאַט אָבער תּמיד הונגעריק צו דער שיינקייט פון די מאָרגן־שעהען: די שענסטע שעהען פון טאָג זענען עס בײַ אים.

גראָד האָט זיך געשטעלט אַ שווערער טאָג. די זון האָט שוין היפּש געוואָרעמט, זיך געדראַפּעט אויף ליימפּלויטן, בלינדע ווענט און דעכער פון ליים, שטרוי און קעמלמיסט פון די גראָע קיביטקעס.

אויפן ברייטן וועג, קרום־שלענגלדיק, ווי אַ דאָרפישער טראַקט, וואָס ציט זיך פון דער סטאַציע ביז איז שטאָט — אַן אַכט־צען וויאָרסט — האָט שווער־גופיק מיט לעפּישע טריט זיך געשלעפּט אַ קעמל. צווישן ביידע הויקערס — אַ שווער געפּעק: אַ דריטער „הויקער״ — אַ באַבײַ. אַ וואַטענער סורדוט ביז איבער די פיס, אַ ברייטער שטרוי־הוט, ווי אַן איבערגעדרייטער טעלער. אונטער זיי שלעפּט זיך אַ שאָטן.

אַ זאַמדווינט האָט פלוצעם פון ערגעץ אָנגעיאָגט, וויכערדיק זיך אַ טראָג געטאָן מיט פאַרהויבענעם שטויב. און די היץ — אין מיטן טאָג. אַ שווייס אויפן לײַב. טערפּקע־ביטערלעך אין מויל... בלויז אַ טרונק געטאָן צום אַרויסגיין.

ס׳פּעקעלע, וואָס ער האָט פון לאהקען געבּרענגט — נישט גערירט. ער איז פאַר־בייגעגאַנגען דעם באַזאַר. בּוטלעס מיט קאָלירקער פליסיקייט אויף די סטאַנאַקן, טישלעך. מיט שטויסן לעפּיאָשקעס אין האַנטעכער געוויקלט, אָפּן פאַר אַלעמענס אויגן דרייען זיך באָבעס. די קעשענע איז ליידיק.

אַזייגער עלף־צוועלף, די מיטנטאָג־זון „באַקט" — אַן אונטעגעהייצטער אויוון. אין די שעהען דרייט מען זיך נישט אויף דער גאַס. אויפן באַזאַר, טאָלטשאָק — ווייניק מענטשן. ווייטער גיין האָט נישט קיין טעם, אויך די כּוחות טראָגן נישט. ער פאַרקערוועט אין דער ריכטונג פון לאהקען. זונטיק. „וויכאָדנאָי". זי איז היינט זיכער אין דער היים.

ביי איר קליין הייזקעלע דרייען זיך אַרום הינט מיט אַרויסטראָטשענדיקע ריפּן, דאַר און שמאָל, דרייען זיך. אויסגעמאָגערטע, אויסגעהונגערטע, עסן זיי מענטשן־צואה, מיַיז, אָפּפאַל פון קאַזאַכישע באַלעבאָטישקייטן. אין דער טאָג־שעה, ליגן זיי אויסגעמאָטערטע מיט איַינגעפאַלענע בייכער, ווי פּגרים. בייַנאַכט בּילן זיי לאַנג און צעצויגן, יאָמערן ווי שאַקאַלן. און אפשר זענען עס שאַקאַלן אָדער מישלינגען. אין די ערב־טאָג־שעהען, קוים טרעפט מען אַזאַ הונט־שאַקאַל, לענגלעכע קעפּ, אָפּגעצערטע, שמאָלע פּיסקעס, קליינע אייגעלעך, איז שווער אונטערשיידן — אַ הונט צי אַ שאַקאַל. סקאָרפּיאָנען מיט פאַרהויבענע קעפּלעך, לאַנגע, ווייכע עקן, קלעטערן, דראַפּען זיך מיט געשיקטקייט אויף די אַשיק־גראַע ווענט. מיט צעשראָקענע בליקן אין אַרבּעס־אייגעלעך, ציטער אין די לאַנגע עקן און לאַפּקעס — אַנטרינען זיי אין די שפּאַלטן ביַי יעדן אָניאָג פון אַ מענטש־געשטאַלט.

לאהקע איז געווען אין שטוב. זי איז אַליין. איר באַלעבאָסטע איז אין טשימקענט. דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז איר מאַן איז שווער פאַרוואונדעט. ליגט אין שפּיטאָל.

לאהקע האָט זיך געוואונדערט:

— האַלבער טאָג ?

— אַזאַ טאָג ?

— מיינסט די זאַמד־זאַוויערוכע ?

— יאָ. און נישטאָ וואָס צו טאָן אין גאַס.

— נו, אַדרבא: מיאוסינקער־זיסינקער, גוט געטאָן. אַ טשיַי ?

— קודם אָפּכאַפּן דעם אָטעם. צופוס אַזאַ לאַנגן וועג.

— צוליב דעם ביסטו געקומען ?

— דו ווייסט גענוי צוליב וואָס כ׳בין געקומען...

זי האָט געשוויגן.

ס׳שטיבל איז אויפגערוימט. אויסגעקערט ס׳ליימפאָדלאָגעלע. די נאָסע, טונקעלע וואַסערפלעקן, פריש־אָנגעשפריצטע, גיבן צו אַ קילקייט. זיי דערמאָ־נען אים אין אַ פריַיטיק אין דער היים. דער בעזעם אין אַ ווינקלשטוב, ס׳קע־סעלע וואַסער ביַי דער טיר. אַ שעפּקוואַרט. אַ האַנטעך. זיַין אָרעמע שטוב: דער טאַטע נאָך נישט געקומען פון בעקעריַי. ס׳מאַמעלע יאָגט אַ היים. זיבן ברידער. זעקס. די ערשטע דריַי, פיר חדשים — אַלע צוזאַמען: פאַרפאַרן (פאַר־שיקט) אין אַרכאַנגעלסקער ראַיאָן. ווינטער. און ער, דער זיבנטער. דאָהי, טיפע שנייען. פּראַסטיקער הימל. וואַלד. וואַלד. וואַלד. הויכע גראַבשטאַמיקע ביימער פאַרשטעלן דעם הימל. דער עלטסטער ברודער, מאיר־וואָלף, מישאַ — דער בריגאַדיר. אַן אייגענע „בריגאַדע״. דער ערשטער, ערגסטער ווינטער אין סיביר. די ערשטע צייַט ביזן אויפשטעלן די באַראַקן — געשלאָפן, געלעגן אונטערן פּראַסטיקן הימל ביַי פיַיערן פון אָנגעהאַקטע קופּעס צוויַיגן. די פיַיערן האָבן דעם הויכן שניי צעשמאָלצן ביז שוואַרצן וואַלדגרונט, צעפוילטע גראָז־פלעקן. אין די שניי־גרובן האָט מען „געוווינט״. „פּריוויקעניעש אַ זדאַכניש״ — ס׳ט זיך צוגעוויינען אָדער פּגרן — איז אומגעגאַנגען אַ ווערטל.

מיט קליינע „לוטשקעס״ זעגט מען אונטער ביַימער. מיט געוואַקל און געקראַך פאַלן זיי. דעקן נישט איין מאָל צו אַ מענטש. שטרענגע נאָרמעס. מאָגערע פּאַיאָקן, זופּן, אַ סך מאָל מיט לעבעדיק „פליישׂ״ — ווערעם.

אים האָט מען פון דאָרט איבערגעשיקט קיין טורקעסטאַן, מיטל־אַזיע, פון טורקעסטאַן אין די שאַכטן. ווי אַזוי, ווען די ברידער זענען פון דאָרטן אַרויס — ווייסט ער נישט. אויף מאיר־וואָלפן דעם עלטסטן מיט זיַין „בריגאַדע״, האָט מען זיך געקענט פאַרלאָזן... ער איז צו ריזיקאַלישע געווען נישט פעיִק. אין דער אַלטער היים — אַ פאַרחלומטער, אַן עולם התוהוניק, דאָ — אַ לא יוצלח. „ניעזאַראַדנע״ — האָבן אים די ברידער אַ נאָמען געגעבן.

אין מיטן פון אַ פּראַסטיקן טאָג, נאָך דער אַרבעט, — האָט מען אים אַרויס־גערופן אין קאַנטאָר. שׂרה מיטן קינד זענען שוין געזעסן אויף אַ שליטן געשפּאַנט צו אַ פערד און — היידאַ. וווהין? — מ׳וועט אים שוין זאָגן.

ביידע זענען געזעסן אויפן דיוואַנבעט. היפּשע עטלעכע שעה געזעסן. שוין נאָך דער טשיַי, נאָך לאַנגע שמועסן און דערמאָנונגען. וועגן די „איבערלעבונ־גען״ פון נעכטן, היַינט, דאָס צוזאַמען וווינען און אַצינד באַזונדער — קיין וואָרט נישט. אויף דער דאָזיקער טעמע, האָט דאָס שוויַיגן זיך שטאַרק געלאָזט „הערן״...

לאהקע — אין אַ סיצן קליידל אויף צוויי דינינקע אָרעם־בענדלעך. באַר־וועס. ס׳גזשיבקעלע — ער וואָלט געשווירן, ווי מיט פינעף יאָר צוריק. אַ וויש

מיט דער האַנט און אַ שאַר אַרויף אַ לאָק, וואָס פאַלט אויפן שטערן בשעתן רעדן. די זעלבע טונקל־ברוינע אויגן קוקן אויף אים. דער מאַטער העל פון פּנים, דאָס מאָל, אַביסעלע טונקעלער. אפשר אָפּגעבערענט פון דער זון. אַ טונקל־ליכטיק פּנים פון אַ רײַפער פרוי. אַ קלוג שמייכעלע.

עטלעכע דינע פענעצלעך ברויט אויף אַן אויסגעשפּרייט האַנטעך — אויפן היגן שטייגער. אַ צעשניטן רעטעכל, אַ ציבעלקעלע, אַ ליעפּאָשקע. אורוק. בײַ אַ הונגעריקן מענטש וואָס איז נאָענט פון אַזאַ כּיבוד, ובפרט נאָך אין דער מחיצה פון לאהקען — טרעט אָפּ די בושה אין אַ זײַט. ער האָט געוווסט, אַז לאהקע ווייסט — ער איז הונגעריק. נאָך עפּעס האָבן ביידע געוווסט: דאָ בײַ דער באַלעבאָסטע פעלט נישט דער ביסן: בײַ אָט דער פאַרגרעבטער ייִדן־שונא האָט דער ביסן אַ טאָפּעלטן טעם.

מ׳זופּט שוין צום צווייטן מאָל טשײַ. לאהקע דערציילט נאָך אַמאָל בפּרוטיות, ווי אַזוי זי איז אַרויס אַ לעבעדיקע מיטן לעצטן עשאַלאָן פון די „באַפרײַטע געביטן". אין קאָוועל — אַ ביעזשענצע, דאָ — אַן „עוואַקואירטע". גוט, וואָס זי איז נישט אַליין דאָ...

ביידע האָבן געשמייכלט. אַקסל צו אַסל זיצן זיי. דאָס שטערט אים נישט באַוווּנדערן מיט אַ זײַטן־בליק אירע פּרויִשע רונדיקייטן, דעם יונגן, קלאָרן האַלדז. קיין סימן פון אַ קנייטשעלע. דינער בויך־בעקן. ס׳פרייט אים, וואָס די פיר־פינעף יאָר וואָלוטשענגע, הונגער, קראַנקייט האָבן אַזוי ווייניק „אָפּגעדונגען" פון איר יוגנט־חן. אַ רייץ פון אַ האַרמאָנישער שיינקייט איז אויסגעגאָסן אויף איר געשטאַלט. און ער זיצט אַזוי נאָענט פון איר. און זי — נאָענט פון אים, דרייען צו זיך אויס פון מאָל צו מאָל די קעפּ, קוקן זיך אָן. פאַרליבטע צוויי פאַר אויגן. אים דאַכט, אַז זי הערט ס׳פאַרשטאַרקטע האַסטיקע קלאַפּן פון זײַן האַרץ.

אַ נײַע שפּירונג האָט אים אין די רגעס אַרומגעכאַפּט. אַן אימפּולסירן פון פרישע כּוחות. פון וואַנעט זיי קומען? נישט אַציינד די צײַט צו טראַכטן. ליבע, די ליבע צו לאהקען איז פאַר אים אַ סך מער, ווי דער געוויינלעכער זין פון דאָזיקן וואָרט. עס איז פאַר אים אַ גאָט־געשאַנק, אַ פאַרגיטיקונג. אַן אמתע רעקאָמפּענסאַטע.

דער געדאַנק אַז זי לעבט, אַז ערגעצוווּ איז זי פאַראַן — האָט אים קיינמאָל נישט אָפּגעלאָזט. ס׳איבערגיין די לעצטע חדשים דאָ אַהער — האָט אים נאָך מער דערנענטערט. ווי פריִער, פאַר דער מלחמה, דאָרטן, אַזוי הײַנט דאָ — אַ שטראָם ליכט האָט זי אַרײַנגעבערענגט אין זײַן לאַנגן אינדערוואַכן.

אַן אַלט־נײַ שרעקיק געפיל פילט ער אין האַסטיקן קלאַפּן פון זײַן האַרץ. ס׳וואַקסט, ס׳ווירט אין אים אַ גלוסטונג מיט אַ קראַפט פון אַן ערשטקייט. אויך

פון איר פּנים. אין אירע ברייט־צעעפנטע אויגן וואָס זי נעמט פון אים נישט אַראָפּ — שטראָמט אַן אינערלעך ליכט. צום ערשטן מאָל זעט ער דאָס אין דער שײַן פון דער אונטערגייענדיקער זון. קעגן אָפענעם פּעצנצערל זיצן זיי. ער הייבט זיך אויף גייט צו פאַרמאַכן די צוויי לעדן. נאָכדעם גייט ער צו צו דער טיר, פאַרמאַכט זי אויפן ריגל, פאַרלייגט אויך ס'קייטעלע.

— וואָסי, קיינער וועט אונדז נישט אַרויסגנבהנען — זאָגט לאהקע און צעלאַכט זיך. ס'ערשטע מאָל הערט ער זי לאַכן אויפן קול.

— אַ ריגל איז דיר ווייניק, אויך אַ קייטעלע?

— עס איז אינטימער.

איר דורכדרינגלעכער קוק, זעט ער, לייענט אין צוק פון זײַן אייבערשטער ליפּ אַראָפּ אַלץ וואָס בײַ אים אינעווייניק טוט זיך. איז גוט, וואָס די שטילקייט „נעמט דאָס וואָרט" פון צוויי פאַרליבטע הערצער. אין זײַן מוח האָט פּלוצעם עפּעס אויפגעבליט. ווי תּמיד נאָך אַ בליץ, ווערט די פינצטערניש געדיכטער. די לעצטע נאַכט איידער לאהקעס איבערגיין דאָ אַהער, האָט שׂרה (נאָכן „בליץ") זיך צעדונערט פון שלאָף אַרויס:

— נעם אים צו פון מיר! יאָג אים אַרויס פון שטוב!

— שׂרהלע, וואָס איז מיט דיר?

— נעם אים צו דעם מלאך המוות!

— וואָס האָט זיך דיר געחלומט, סאָראַ?

זי האָט זיך אויפגעזעצט, האַלב וואַך, האַלב אין שלאָף:

— ניין. נישט קיין חלום! — האָט זי זיך צעשריגן — יאָג אים אַרויס פון שטוב, דעם רויבפויגל! פון געשריי האָט שימעלע זיך אויפגעוועקט, זיך צעוויינט, לאהקע איז אַרײַן אין הוילן העמד.

„מלאך־המוות", „רויבפויגל". ער האָט געוווּסט וועמען שׂרה מיינט — שטייט זי לעבן אים אין הוילן העמד. ווען נישט דער „חלום" סאָראַס — ווער ווייסט צי עס וואָלט געווען די לעצטע נאַכט איצט פון ווינען אַלע דרײַ אונטער איין דאַך.

אויך לאהקע האָט זיך אין די דאָזיקע רגעס דערמאָנט: — זינג מיר אַ לידעלע, טשאָטשע.

יידישע, פּוילישע, רוסישע לידלעך האָט זי שימעלען געזונגען. נישט איין מאָל מיט אַ לידעלע אים אײַנגעשלעפט אַ הונגעריקן. זי האָט ליב שימעלען. זי האָט ליב זײַן טאַטן. זי האָטביידע נישט. זי האָט קיינעם נישט. אַ רחמנות אויף זיי. אַ רחמנות אויף זיך אַליין. יאָ, אויך אויף סאָראַן אַ רחמנות. סאָראַ לײַדט און זי איז דער גורם. כּײַ וואָלט זי דאָרט בײַם לאַראָק פון אַלטענבײַעוון געבליבן ליגן און — אַ סוף וואָלט עס גענומען. ווי מעג זי אים ליב האָבן. ער

איז דאָך סאַראַס מאַן, אַ טאַטע פון אַ קינד. צו שפּעט. צו שפּעט. ניין. זי קאָן אים נישט ליבהאָבן. דאָס איז איר ערשטע און לעצטע ליבע.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרגאַפט?

— סתם.

— נישט סתם. עפּעס ווילסטו, זע איך, זאָגן.

— זיך דערמאָנט אין עפּעס.

— פאַר וואָס זשע שווײַגסטו?

— זיך דערמאָנט אין שימעלען.

— יאָ, שוין עטלעכע מאָל געפרעגט: ווו די טשאַטשע לאהקע?

אַ שווײַגן. און פּלוצעם:

— איך האָב ליב קינדער. די קינדער אין „דיעט־דאָם" דערהאַלטן מיך בײַם לעבן.

— איז הײַנט אַ צײַט אויף קינדער געבוירן?

— איז הײַנט אַ צײַט אויף ליבע?

ליבע פרעגט נישט אויף קיין צײַט.

— אָן קינדער וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט: דו ביסט אַ טאַטע, האָסט אַ חלק אין וועלט־קיום, און איך?

— קינדער. משפּחה־לעבן די־אַ געזעצן האָבן מענטשן באַשאַפן. ליבע איז פון גאָט, פון דער נאַטור, דאָס בעסטע געשאַנק פאַרן מענטש. ווען מ׳וואָלט נישט צוגעשמאָלצן ס׳לעבן מיט ליבע, אַ שטייגער מ׳טוט אַרײַן אַ לעפעלע צוקער אין אַ רעצעפּט פאַר אַ קינד — וואָלט אפשר דער מענטש נישט געפונען קיין טעם אין דער עקזיסטענץ.

— אָן געזעץ וואָלט געווען אַנאַרכיע, מאָרד: ביידע וואָלטן געווען.

— ס׳געזעץ זאָרגט פאַר דער געזעלשאַפט, פאַרן כלל. די טבע פון מענטש איז אומבאַגרענעצט. נישטאָ קיין שענערס אין לעבן, ווי ליבע, זי איז אי מענטש־לעך אי געטלעך.

לאהקע האָט אַ שווײַגנדיקע זיך פאַרקוקט אין פענצטערל צום זונפאַרגאַנג, וואָס האָט זיך מיט מינוטן פריִער געשפּיגלט אין די שײַבעלעך. זי האָט עפּעס אין דער שטיל געזאָגט, ווי צו זיך אַליין:

— יאָ, געזעצן מאַכן די מענטשן. די ליבע קומט פון גאָט. אַ סך מאָל האָט מען ליב נישט דעם מאַן נאָר די ליבע.

דער אָוונט איז צוגעפאַלן. גיב אַ קוק, זאָגט זי צו אים, און ווײַזט מיט דער האַנט צום פענצטערל. גיי, עפן עס. אַ ליידיק הייפל. אַ לײדיק געסל. קיינער וועט נישט שטערן אין די אינטימע מינוטן.

איר האַנט נעמט אָן זײַן פּנים און דרייט עס אויס צום זונפאַרגאַנג:

— זע די פאַרבנרײַכקייט. אַלטע תּמיד נײַע פאַרבן. אָן אייביק אַלט־יונגע שפּיל פון ליכט און שאָטן.

— רעדסט דאָך ווי אַ פּאָעטין.

— איך רעד דאָך צו אַ פּאָעט.

אַ שאָד, מאַכט זי, וואָס זי איז נישט קיין מאָלערין. — אַזאַ מאָזאַיִק, אַזעלכע פיגורן, ליניעס, געשטאַלטן, שאַטירונגען. קיין שום מאָלער־מײַסטער אין דער וועלט איז נישט מסוגל מיט אַזויפיל קראַפט און שיינקייט, מיט אַזויפיל נײַקייט אַרויסברענגען אויף פּאַפּיר, אויף לײַוונט אַזעלכע געמעלן, אַזאַ בילדערישקייט.

— יאַן מאַטעיקאָ, רעמבראַנדט, פאַר זיי — טיציאַן, מיכאל אַנדזשעלאָ, נו, און פּיקאַסאָ, שאַגאַל ?

— אַוודאי זענען זיי גרויסע מײַסטער. אָבער די בעסטע, קינסטלערישע־מאָלערייען זענען — נאָכגעמאַכט דער נאַטור.

— האָט דאָך אָסקאַר ווײַלד געזאָגט ערגעץ, אַז די נאַטור דאַרף זיך קומען לערנען בײַם לעבן, בײַ דער קונסט.

— האָט ער געזאָגט... אַ גרויסער שרײַבער. ס׳ט געלייענט זײַן „ס׳בילד פון דאָריאַן גריי״ ? — געלייענט.

נישט אַלץ, וואָס גרויסע שרײַבער זאָגן מוז זײַן אמת. אין שרײַבן, אין שאַפן זענען זיי גרעסער, ווי אין רעדן. ווי אין לעבן, און ווידער שטיל.

אַזעלכע דערהויבענע רגעס, אַזעלכע אינטימע מינוטן האָבן אַ טבע זיך אַרויסהעלפן מיט אַ שווײַגעניש, אַ הויך שווײַגעניש. לאַהקעס הענט לאָזן נישט אַרויס זײַן פּנים, קליינע, ווײַסע הענטלעך פון אַ געוועזענער גימנאַזיסטין, סטודענטין, פאַרמאַצעווטין. די אַרבעט אין „פּימאַקאַטנע צעך״ און אין „דיעט־דאָם״ האָבן נישט פאַרגרעבט די פינגער: איידעלע, שמאָלע פינגער. אין דער שײַן פון דער פאַרגײַיענדיקער זון שלאָגט פון זיי, דורך זיי, אַ ראָזע לויטערקייט, ווי פון צווישן די פינגער איבער דער מאַמעס פּנים בעתן ליכט־בענטשן...

אַ תּפילה, אַ שטילע תּפילה האָט פון זײַן האַרץ זיך געטראָגן צו דער שיינער, אינטעליגענטער לאַהקע, מיט וועמען דער גורל האָט אים צוריק צונויפגעפירט, געבענטשט אים.

זי בייגט נעענטער צו זײַן קאָפּ צו אירן: פּנים־אל־פּנים, נאָז צו נאָז, ליפּן צו ליפּן. טוליען זיך, באַשמעקן זיך, בײַסן זיך — הייסע, ברייקע ביסן, קושן. זײַנע הענט צעשפּיליען איר סיצן קליידל פון אָפענעם דעקאָלט ביז אַראָפּ, אַראָפּ. פון טאַלעכל צווישןביידע אָפּגעדעקטע בריסטלעך טרינקט ער איר יוגנט: איר פאַרשפּעטיקטע יוגנט, אָן אויסגעשטאַנענע: צוויי רויטע פּיטעמס — מאַלינעס

רייפע, מתיקותדיקע. עס שלאָגט פון זיי אַ דערבאַרעמדיקע פרישקייט: אַ פריש־קייט, עלעהיי בלומען באַשפריצטע אין אַ גאָרטן; לאהקעס פאַרשלאָסענער גאָרטן — אַ פיר־און־צוואָנציק יאָריק מיידל־פרוי, וואָס ליבע צו אַ מאַן — אַ נשמה־ליבע — אַ באַהאַפטענע פון גוף צו גוף איז פאַר איר סוד.

זי באַפרײַט אירע הענט, פאַרוואַרפט זיי איבער זײַנע אַקסלען. און ס׳ציִען זיך אָרעמס צו אָרעמס פאַמעלעכקע און מיט אַ קראַפט, וואָס איז גובר יעדן ווידערשטאַנד. ליפּן ווערן ווילד, שליסן זיך אײַן אויף מינוטן, וואָס ציִען זיך ווי שעהען. נישט אויף אַ דיוואַנבעט, זיצן זיי.ביידע — צעוואַקלט, ווי אַ יונג זאַנגנפעלד, וואָס אַ ווינטל איז איבער אים אַריבער. נישט קיין ווינטל, אַ שטורעם... נישט קיין זאַנגנפעלד — אַ וואַלד. אַ דזשונגל אויף זאַמדיקער, קאַזאַכסטאַנער ערד. לאהקע פאַרגייט זיך אין אַ געלעכטער: אַ שטיל, טיף געלעכטער פון אַ פרייד, אַ תּענוג, וואָס שטראָמט, קוועלט פון איר גוף און נשמה. אַ ווילד געלעכטער, פאַר איר גופא אומבאַקאַנט. אויך פאַר אים נישט די זעלבע לאהקע, די גימנאַזיסטין, די פאַרמאַצעווטין. נישט לאהקע פון בינטל שמאַטעס אַרויס בײַם לאַראַק פון אַלטענבײַעוו. אַן אַנדערע, אַן אַנדערע, ווילדפרעמדע איז זי פאַר אים. די תּנועות פון אירע הענט אַרום זײַן נאַקן — צווײַגן. ער אָטעמט אַרײַן אין זיך זייער פרישקייט. זײַן מויל אויף איר האַלדז. — אַ פרילינג־אָוונט מיט אַ מילדער וואַרעם נעמט אים אַרום. איר נאַקעטער גוף ציט אים צו, שליסט זיך אײַן אין אים. צוויי גופים אין איין הויך געזאַנג אויף שטום־לשון. אַלע סטרונעס פון זײַן האַרץ ציטערן אויף. אויך דער ריח פון איר לײַב איז נײַ און פרעמד זײַנע חושים.

קאָן מען אין אַזעלכע רגעס וויסן, ווי לאַנג די באַהעפטונג דויערט? רגעס? שעהען? יאָרן? אַ העלפט פון זײַנע יאָרן, באַוווסטזיניקע יאָרן, זינט ער געדענקט זיך, האָט אים געצויגן צו אָט דעם מיידל־קינד, צו דער מיידל־פרוי. אַצינד ליגן ביידע אין זיסער פאַרגעסעניש. ער איז ייִנגער געוואָרן. זיכערער בײַ זיך. ער ווייסט שוין ווי אַזוי מ׳מאַכט דעם ערשטן טראָט. אַ נײַער גליקלעכער אָנהייב. און ער ווייסט: — יעדער אָנהייב האָט אַ סוף.

ביידע ווייסן: — דער סוף איז דערווײַל סוד...

14

מיט גלישטראָמען פון אַ הייסן טאָג איז צוגעפאַלן די נאַכט. אַ היציקע דומפיקע שווערע לופט. אַ היץ האָט אַ שלאָג געטאָן אין פּנים מיטן איבערטרעטן די שוועל פון שטוב.

ער האָט געטראָפן די אַפּאַ און שימעלען. ס׳קינד איז אַרויף אויף אים, צוגעפאַלן קושן:

— ווו די מאַמע?

זי האָט נייטיק באַדאַרפט אַוועקגיין, ז׳ט באַלד קומען — האָט געענטפערט די אַפּאַ. זי האָט זיך אויפגעהויבן און אַרײַן צו זיך אין קאַמער.

— וואָס האָסטו דאָ אין פּעקעלע, טאַטע?

שוין איז עס אויפגעבונדן: צוויי לעפּיאָשקעס, אַ פענעץ שוואַרץ ברויט, אַ טאַרבעלע אורוק. ער האָט געזען, ווי לאַהקע גרייט אַ פּעקעלע צו זײַן אַהיימ־גיין. גוט האָט זי געטאָן. אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט בײַנאַכט, און אַהיימקומען מיט ליידיקע הענט? ער האָט געוווסט, אַז לאַהקע ווייסט: אין שטוב איז נישטאָ וואָס צו נעמען אין מויל אַרײַן. אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן האָט ער דאָס פּעקעלע גענומען. ער איז נאָך לאַנג געשטאַנען אין דער אָפענער טיר, איר הענטל אין זײַנער זיי האָבן זיך געקוקט אין די אויגן אַרײַן.

לאַהקעס פּנים — אַן אויסגעליכטיקטס און פאַרשאָטנט פון אַ צער, וואָס איז אויך זײַן צער. ער גייט אַוועק. צי וועט ער ווידער קומען? סאַראַ וואַרט אויף אים, קוקט זיך אויס די אויגן. — זאָגט זי צו זיך. עס קלינגען נאָך זײַנע לעצטע ווערטער אין אירע אויערן: „איז הײַנט אַ צײַט צו געבוירן קינדער?"... און זי, שטאָט אַן ענטפער — אַ פראַגע: — ווען זעט מען דיך נאָך אַמאָל?

— איך זע דיך אויך ווען איך בין נישט מיט דיר.

— נו, גיי, סאַראַ מיטן קינד זענען אַליין.

שימעלע זויגט אַן אורוק, פרעגט: — מעג ער נעמען אַ שטיקל לעפּיאָשקע?

— פאַר דיר, פאַר דיר, ייִנגעלע.

— און פאַר דער מאַמען?

— אויך פאַר דער מאַמען. אָט אַ פענעץ ברויט.

— און לעפּיאָשקע?

— אויך לעפּיאָשקע.

ער קוקט זיך אַרום. אין ווינקל שטוב — די לאָפּעטקע און דער קיעטמען. פאַרגעסן אין דער פרי נעמען מיט זיך. וויאַזוי איז עס געשען? ס׳ערשטע מאָל טרעפט עס ביי אים. פאַרוואָס האָט ער די גאַנצע צייט ביזן אַריינקומען אין שטוב נישט געדענקט, נישט געפילט, אַז ער איז אַרויס אָן די אַרבעטס־כלים? מיט ליידיקע הענט אַוועק, ביי לאהקען געווען... אַרויס פון קאָפּ אַזאַ זאַך?

שׂרה. אַוודאי וועט ער איר זאָגן ווו ער איז געווען: דער זאַמדשטורעם, וואָס האָט אים אויפן וועג געטראָפן, האָט מן הסתם אויך דאָ אַ ווייווע געטאָן. צוואָס צוריקגיין? מיט ליידיקע הענט צוריקקומען? ער׳ט זיך אַריינכאַפּן צו לאהקען. פון איר וועט ער מיט ליידיקע הענט נישט אַוועקגיין... זי געדענקט, אַוודאי געדענקט זי, וואָס מ׳האָט פאַר איר געטאָן, וואָס דו, סאַראַ, האָסט פאַר איר געטאָן — וועט ער איר זאָגן. און נאָך וועט ער איז זאָגן ביי איר באַלעבאָסטע, אין „דיעט־דאָם" פעלט נישט דער ביסן.

יענעם אינדערפרי, נאָך זיין אַוועקגיין, איז אויך שׂרהן געווען אַ גרויס וווּנדער, זעענדיק די לאָפּעטקע, דעם קיעטמען אין ווינקל שטוב. געמיינט: אָט־אָט קערט ער זיך אום, נעמט, וואָס ער האָט פאַרגעסן. פאַרנאַכט און ער איז נאָך נישטאָ. זי הייבט אָן איבערקלערן. שוין איין מאָל געטראָפן דעם „קעניג". מזל. נישט תּמיד האָט מען מזל. טאָמער טרעפט ער אָן אויף איינעם פון זיין שייקע? שוין מיטנטאָג. נאַכט. שפּעטע נאַכט. זי ווייסט נישט וויאַזוי, פאַרוואָס פון דער זאָרג איז זי פּלוצעם אַריבער אויף גאָר עפּעס אַנדערש. אַ געפיל, אַ פאַרגעפיל: „אַפּגעשטאַדט אַ וויזיט ביי לאהקען". — ס׳האַרץ זאָגט איר, אַז ער וועט אַזוי שנעל נישט קומען. אַזוי צי אַזוי — איינזיצן אין שטוב קאָן זי נישט. זי איז אַריין צו דער אָפּאַ, געבעטן איר אַ שעה־צוויי זיין מיט שימעלען, זי דאַרף בייטיק ערגעץ צוגיין.

זי קען גוט דעם וועג, שׂרה. אַ וואָך־צוויי נאָכן אַריבערגיין אויף „אייגענע קעסט" — האָט זיי ביידן לאהקע פאַרבעטן אויף אַ טשיי. איר באַלעבאָסטע האָט פון איר, לאהקען, געהערט, אַז זי האָט דאָ אַ „שוועסטער" מיט אַ מאַן, אויך „עוואַקואירטע" — וויל זי זיך מיט זיי זען. זענען זיי אַוועק אַהין. די אָפּאַ האָט דערלאַנגט ברוינעם טשיי מיט אורוק. עפּעס איבערגעפרעגט, געזאָגט אויף אַ שלעכטן רוסיש, אונטערגעזעסן אַביסל און אַריין צו זיך אין קאַמער.

איז מען געזעסן אויפן דיוואַנבעט. לאהקע האָט דערציילט וועגן איר היים. אַ צווייצימערדיקע וווינונג. אַ שיינע גאַס. טראָטואַרן. גרינס, ווייט פון יידישן קוואַרטל. אים איז די גאַס גוט באַקאַנט. צום אַהיימגיין פון שקאָלע פלעגן זיי צוזאַמען מאַכן אַ קליינעם שפּאַציר ביז „איר" גאַס. אַלטע ליפּעס. קאַשטאַן־ביימער. אַקאַציע־בלי אין פרילינג. לעבן גרויסן שול־בנין, ווו זיי האָבן געלערנט —

די „קראַנקן־קאַסע", אַביסעלע ווײַטער — דער „אוזשאַנד סקאַרבאָווע" דער שטייער־אַמט. אַ געמישטע באַפעלקערונג: ייִדן, פּאָליאַקן, אוקראַינער. מ'האָט געלעבט אין גוטער שכנות. נישט ווײַט פון זייער שטוב — אַ גרויסער הויף. עטלעכע דונאַם גאָרטן. אַ סעדל. דער אייגנטימער פון הויף — אַ רוסישער פּאָפּ. בעז־ביימער, טאָפּאָלן האָט מען דאָרט געזען. אין קילן שאָטן פון די ביימער איז מען געקומען זיך אָפּרוען אין די פרײַע שעהען, אַמאָל — אַ שבת נאָך מיטאָג. אין די ערב ימים־נוראים־טעג. יאָר־יערלעך — האָט מען פון דאָרטן געטראָגן גרינס אויף שבועות. בלומען אויף סוכות. נאָכן ענדיקן די פּאָווישעכנע שקאָלע — וואַרשע.

זי הייבט זיך אויף, לאהקע, פאָרעט זיך בײַ אַ פּעקעלע אין ווינקל־שטוב און קומט צוריק מיט אַ פאָטאָגראַפיע אין האַנט. זי ווייסט אַליין נישט וויאַזוי די פאָטאָגראַפיע האָט זיך בײַ איר פאַרהיטן.

אַ שיין אַליוון פּנימל פון אַ שקאָלע־מיידל אין אַ גראַנאַטן קליידל מיט אַ ווײַס „בע־בע־קעלנערל. אַ שוואַרץ, קורצגעשויגן גזשיבקעלע. טונקל־ברוינע אויגן. אויסגערונדיקטע ברעמען־בויגנס. שׂרה נעמט די פאָטאָגראַפיע פון אירע הענט, באַקוקט, דרייט זי פון אַלע זײַטן. הלמאַי זאָל זי לייקענען: אַ שיין מיידל. נאָך הײַנט ביסטו שיין — שמייכלט זי צו איר — כאַפּט אַ זײַטיקן קוק אויף אים און פילט בעת מעשׂה אַ ווייטיק, עלעהיי אַ העלצל האָט זיך אונטערן נאָגל אַרײַנגעשטאָכן... לאהקעס פּנים ווערט טרויעריק ווען זי דערמאָנט זיך אין טאַטע־מאַמע, אין די צוויי ייִנגערע ברידערלעך. מיטן טאַטן ווייסט זי שוין וואָס די רצחים האָבן געטאָן. די מאַמע, די ברידערלעך, שוין גרויסע ייִנגעלעך אַוודאי. ווו זענען זיי אַלע?

— אַ נס, ממש אַ נס, ס'פאַרהיטן זיך פון אַזאַ פאָטאָגראַפיע — זאָגט סאַראַ (וואָס נאָך האָט זי געהאַט צו זאָגן?...) און גיט איר צוריק ס'בילד.

— ווער האָט אין דער היים נישט געלאָזט קיין משפּחה, קרובים? — רופט ער זיך אָן, כּדי נישט זיצן שטום ווי אַ גולם.

שׂרה האָט געשוויגן. איר מאַמע — שוין עטלעכע יאָר נישטאָ. אַ מזל געהאַט. געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, אויפן אייגענעם בעט. די צוויי ברידער, ס'שוועסטערל — אומבאַוווסט, ווי אומבאַוווסט ס'איז דער גורל פון אַלע ייִדן, וואָס זענען דאָרט געבליבן. וועגן טאַטן? קוים לעבט ער? זי איז אים מוחל. זאָל אים אויך גאָט מוחל זײַן. נישט דערלעבט צו הערן פון איר ס'וואָרט „טאַטע".

און אים איז זײַן היים פאַר די אויגן געשטאַנען. ער האָט זיך נישט געקאָנט שענקען; פאַרוואָס האָט ער גראַד די לעצטע טעג ערב דער מלחמה זיך צוריק־

געקערט קיין וואַרשע. צו שׂרהן — „זײַן חברטע, זײַן ווײַב, צו זײַן קינד אונטער אירע ריפּן"...

מער פון אַלץ האָט אים געפּײַניקט דער געדאַנק, וויפל צרות האָט ער טאַטע־מאַמען אָנגעטאָן מיט זײַן אַרעסט. העכער אַ האַלב יאָר אין תּפיסה. זעקס צײַן האָט די מאַמע פאַרלאָרן — „יעדן חודש אַ צאָן" — האָט זי געזאָגט. „דערוואַרט אַביסל נחת פון די קינדער". „פאַר די ׳טעפּ מילך׳, וואָס זיי האָבן פון איר געזויגן — כאַטש אַ קליין קריגעלע פרייד"... די זילבערנע לײַכטער — איר דרשה־געשאַנק — פאַרקויפט, אַן אַדוואָקאַט געשטעלט צו זײַן ספּראַווע. פאַר אַ חתונה, פריידקעס חתונה, און ער האָט זיך געיאָגט צו דער „שטיפמאַמע" — וואַרשע, צו זײַן חברטע האָט ער זיך געיאָגט.

אַ ווײַלע זענען אַלע שטיל געבליבן. שׂרה האָט, נישט אָן קנאה, געקוקט אויף לאהקען. זי האָט אין אירע אויגן אויסגעזען נישט קיין סך עלטער, ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע. דער גאַנצער וויזט איז איר אויסגעפאַלן באַקאַם. — נישט צום האַרץ געווען. אויך זײַן שווײַגן האָט איר דענערווירט. הײַנט לאהקעס אויפגעלייגטקייט? געשפּרייט אַ האַנטעך. דערלאַנגט אַ לײַכטן כּיבוד. רק זי קוקט אויף אים, זי נעמט אירע אויגן פון אים נישט אַראָפּ. און אפשר דאַכט זיך איר. אָוועטאָווע — וואָס פריִער אויפהייבן זיך און אָוועק גיין. זי קאָן דאָ נישט זײַן מער. איינער פון די דרײַ דאָ איז איבעריק. זי, זי איז דאָ אָן איבעריקע — האָט זי צו זיך געזאָגט. צום פאַרבעטן זיי אַהער האָט זי געמיינט: אפשר וויל זי איר, זיי, עפּעס וויכטיקס זאָגן, עפּעס פון דעם וואָס ליגט, דריקט אויפן האַרץ. קנאַפּע פינעף חדשים אונטער איין דאַך, איבער אַ וואַנט. רייד. שושקענישן... אָפענע ווערטער געמיינט צו הערן. אַראָפּציִען דעם „שלייער" פון פּנים, פון שיינעם פּנימל. אירע שמייכעלעך... לאהקעס. יאָ, געשטעלט איר אויף די פיס, מיטן לעצטן ביסן זיך געטיילט. דער לעצטער איבערשמועס מיט איר: „זי וועט אים בײַ איר נישט צונעמען". „ער וועט אַליין אָוועקגיין". זי האָט נישט געענטפערט. וואָס האָט זי געהאַט דערויף צו ענטפערן?

מיטן זעלבן וועג פון דעמאָלט, האָט זי זיך געלאָזט גיין. זי איז זיכער געווען אים דאָ צו טרעפן. אָט שטייט זי שוין נאָענט פון הייפל. אַ לאַנגער וועג און ווי שנעל אַדורך. נישט געגאַנגען איז זי. געטראָגן פון די געדאַנקען, פון, ווי איר מאַמע פלעגט זאָגן — „פון כּוח הדם". נישט מיט אירע פיס איז זי געגאַנגען. זי האָט דאָך נישט קיין כּוח. גאָרנישט אין מויל געהאַט. ווו יאָגט עס איר? וואָס איז די אײַלעניש? אָט, נאָך עטלעכע מעטער, עטלעכע שפּרײַז — און זי איז אינעווייניק. פאַרוואָס זשע איז זי שטייענגעבליבן? שטייט, קוקט זיך אַרום, ווי אַ גנב, ווי אַ פאַרברעכער איידער ער גייט אויספירן דעם איבערפאַל. בײַ וועמען

האָט זי געגנבהט? ניין. איר האָט מען באַגנבהט. וועמען זוכט זי? דעם גנב, דעם פאַרברעכער? ווער איז דער פאַרברעכער? — אייגנטלעך טוט זי אַצינד אַזוינס — ס'ערשטע מאָל אַזוינס, — וואָס זי וואָלט מיט אַ טאָג, מיט עטלעכע שעה פריִער נישט געגלייבט, אַז זי איז פעיִק דאָס צו טאָן. נאָכשפּיאָנירן איר מאַן. אַ שפּירהונט איז זי? יאָ, אַ שפּירהונט געטראָפן פון אַ פּײַנטלעכער קויל. פון אַ „פּרײַנטלעכער" קויל. — אויף וואָס אַ מענטש איז פעיִק — זאָגט זי צו זיך. האָט זי טאַקע אַזוי ליב איר מאַן? ליבע צי שׂנאה. חלילה. זי איז אים נישט קיין שׂונא. אויך לאהקען איז זי נישט קיין שׂונא. לאהקע האָט אים ליב, איַי, ער איז אַ מאַן פון אַ פרוי, אַ טאַטע פון אַ קינד — שוין גענוג אַזעלכע זאַכן. אויך ער האָט ליב. לאהקען קושט ער, מיט איר — ווינט ער. שלאָפט מיט איר אין איין בעט און — חלומט פון דער געליבטער.

רעכטס פון הייפל — אַ פערעאולעק, לינקס — אַ ליידיקער שטח. עטלעכע צעוואָרפענע קיביטקעס, ווי קאַסטנס גרויסע, אָראָפּגעפאַלענע פון אַ פאַרבײַ־פאָרנדיקן וואָגן און — פאַרגעסן אין זיי.

עטלעכע שפּאַן, עטלעכע מעטער טיילט איר אָפּ פון איר (שווער איר אַרויס־זאָגן ס'וואָרט „לאהקע", ווי שווער ס'איז איר צו זאָגן דאָס וואָרט „טאַטע".)ביידע האָבן איר געלייגט שטיינער אויפן וועג: שטיינער אויפן האַרץ. אַ שטיין, וואָס ליגט לאַנג אויף אַן אָרט — וואַקסט. יאָ, אויך שטיינער וואַקסן.

אַ גרויס נאַרישקייט טוט זי. שימעלען געלאָזט בײַ דער אָפּאַ אויף באַלד צוריקצוקומען. שוין היפּשע עטלעכע שעה און זי שטייט, רירט זיך נישט פון אָרט. שימעלע וויל אַוודאי שלאָפן. הונגעריק. נמאס דאָס שטיין. זי מאַכט אַ טריט־צווייַ צוריק. דרייט זיך אַ הין און צוריק. דרייט זיך ווי „אַ נאַר אויפן יאַריד". יאָ, שוין איין מאָל אַ „יאַריד". אַ נאַר איז זי. אפשר איז ער גאָר נישטאָ דאָ? אָדער, געוועזן, און אַהיימגעגאַנגען? און אפשר — אַן אויסדאַכטעניש, אַ פאַנ־טאַזיע? אַ נאַריש ווײַב, אַ נאַריש־פאַרליבט ווײַב. אַלץ וואָס זי האָט געטאָן פאַר „איר" (לאהקען) האָט זי דאָך געטאָן פון ליבשאַפט צו אים. מיט זײַן ליבשאַפט צו „איר" האָט ער איר אָנגעשטעקט. עטלעכע שריט פון הייפל שטייט זי, ווי איינער שטייט אויפן ראַנד פון אַ תהום.

בײַ דער שײַן פון אַ האַלבער לבנה, ווי אַ פאַרטײַעט אויג פון אַ וואָלקן אַרויס, זעט זי איר שאָטן אויף דער וואַנט. אַ קרומער, אויסגעצויגענער, דרײַ מאָל גרעסער פון איר, דער שאָטן. זי האָט מורא, שרעקט זיך פאַרן אייגענעם שאָטן: טאָמער איז ער יאָ דאָ? פּלוצעם גיט ער זיך אַ באַווײַז — וואָס וועט זי אים זאָגן? וואָס טוט זי דאָ, האַ? אַ בושה. פאַר זיך, פאַר איר שאָטן אַ בושה. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, מיט אַן אײַלעניש, ווי עמעצער וואָלט איר

געיאָגט — זיך געלאָזט גיין. אַהיים גייט זי, צום קינד. אָן אויסדרייען דעם קאָפּ אויף צוריק, גייט זי. זי לויפט. אין קאָפּ — אַ שגעון: שימעלע. הונגעריק, שלעפעריק. וואָס האָט זי געטאָן? ביַי אַ פרעמדער, אַ קאַזאַכין איבערגעלאָזט איר קינד. דער טאַטע נישטאָ. די מאַמע נישטאָ. שפעט. ערשט דער וועג אַהיים? ווי פון אַ נישט־גוטן געטריבן איז זי אַריַין אין שטוב.

אַ טונקעלע שיַין פון אַ נאַפט־לעמפּל אויף דער וואַנט באַרעט זיך מיט די שאָטנס אויף דער נידעריקער סטעליע. ווען זעט זי? ער און שימעלע אויפן בעטל. אויף אַ בענקל לעבן בעטל, אויף אַן אויסגעשפּרייט האַנטעך ליגן צוויי פּיטעס, אַ שוואַרצער פּענעץ ברויט — נישט גערירט.

— מאַמע, איך וואַרט אויף דיר. פאַרוואָס אַזוי לאַנג זיך געזוימט?

— קינד מיַינס, דער טאַטע איז דאָך מיט דיר.

— איך בין הונגעריק.

— פאַרוואָס עסטו נישט?

— כ׳וואַרט אויף דיר. ביסט דאָך אויך הונגעריק.

— נאַריש ייִנגל וואָס דו ביסט. נישט באַדאַרפט וואַרטן.

זי לאָזט פאַלן אירע בליקן אויף אים, ווי זי וואָלט וועלן אויך אים דאָס זאָגן שטומערהייט: פאַרוואָס געוואַרט. ער שוויַיגט. שימעלע זאָגט: — נישט געוווּסט וויפל שטיקלעך לעפּיאָשקע איבערלאָזן פאַר דיר, מאַמע.

✶

די נאַכט האָט זיך געצויגן לענגער ווי אַלע נעכט. ביידע צוזאַמען און באַזונדער: צוויי חלקים פון אַ צעשניטענעם פּיש, אַ צאַפּלדיקן, אַ לעבעדיקן. ווי די פּיש שוויַיגן זיי. — מן הסתם ווייסט זי פאַרוואָס זי שוויַיגט — האָט ער צו זיך געזאָגט. פאַר אים איז איר ליבשאַפט, ווי די וואַרעמקייט אין מויל פון אַ שטוב־חיה: אַ הונט, אַ קאַץ, וואָס טראָגט איבער די געבוירלינגען בשעת אַ סכּנה פון איין אָרט אויף אַ צווייטן: אַ דערשטיקנדיקע ליבשאַפט. פאַר שרהן איז אַלץ אַציַנד קלאָר: פינצטער קלאָר. ער איז געקומען פון „איר". אויך אין די צוויי פּיטעס, אין שוואַרצן פּענעץ ברויט זעט זי דאָס.

— פאַרוואָס שלאָפסטו נישט? פרעגט ער איר.

— כ׳קאָן נישט שלאָפן.

— שוין נישט דאָס ערשטע מאָל הער איך דאָס פון דיר, וואָסי?

— גאָרנישט. און דו? פאַרוואָס שלאָפסט דו נישט?

געוואַרט אויף דיר. אויך שימעלע געוואַרט אויף דיר מיטן עסן.

אַ שוויַיגן.

— ווּ ס'טו געלאָזט די לאָפּעטקע מיטן קיעטמען?
— אין שטוב. פאַרגעסן.
— אַהיימקומען אויך פאַרגעסן?
— פאַרש מיך נישט.

אַ ווײַלע שפּעטער:

— ווײַט געווען אין שטוב אַרײַן. אַ זאַמדווינט. ווּ די הענט פאַרטשעפּען סיי ווי נישט געווען. עפּעס אַהיימגעבערענגט פון לאהקען.
— פאַר ווּעמען?
— מער האָב איך נישט וואָס צו זאָגן.
— דײַנע ווערטער קלינגען. ווי צינענע מטבעות.
— פאַלש?
— חלילה. שוואַך קלינגען זיי און וואַרפסט זיי אונטער מיט אַ קמצנישער האַנט, נדבות...
— איך קאָן מיט קיין אַנדערע „מטבעות" נישט צאָלן...
— איך צאָל פאַר מײַן ליבשאַפט דעם העכסטן פּרײַז — מיט מײַן לעבן.
— פון מיר דאָס זעלבע צו הערן.
— מײַן ליבשאַפט איז אַ שותּף צו דײַן אומגליקלעכקייט.
— מײַן שותּף צו דער אומגליקלעכקייט איז מײַן שוואַכקייט.
— און איך לעב מיטן שקר.
— ס'אַן אמת.

שטיל. פינצטער אין שטוב. אויך קיין שאָטן זעט מען נישט, אַ שטייגער: ער וויל נישט זײַן קיין עדות פון זייער איבעררייד.

פלייצע צו פלייצע זענען זיי געלעגן. צוויי רעלסן, נאָענט פון זיך, פּאַראַלעל ציִען זיי זיך ווײַט-ווײַט איבער שטעט, גרענעצן, לענדער, אָרטשאַפטן — און קומען זיך נישט צוזאַמען... העכער פינעף יאָר אַזוי, און ווער ווייסט ביז ווי לאַנג. אַ הויך שווײַגעניש. ביידע טרייסלען זיך, וואַרפן זיך, ווי האַלב-אָפּגע-שאָבענע פיש.

ס'ערשטע מאָל אַרויסגעזאָגט עפּעס פון דעם, וואָס ער שווײַגט אויס יאָרנ-לאַנג. אויך פון איר האָט ער דאָס מאָל געהערט ווערטער — צום ערשטן מאָל הערט ער זיי. גוט אַזוי. בעסער. שווײַגן איז אַ קראַנקייט. עס עסט פון אינעווייניק. אַ ראַק. ער וויל נישט זי זאָל קראַנק זײַן. זי איז זײַן ווײַב. זי איז די מאַמע פון זײַן קינד. אירע רייד האָבן דאָס מאָל אים ערגעצווו אַ שטאָך געטאָן, אַ ביַן, אַ גיפט אין אים אַרײַנגעלאָזט. אָ, ערשט אַצינד וועט ער שוין קיין אויג נישט צומאַכן. אַ וואַכער, אַן אויפגעוואַכטער פונעם שטאָך ליגט ער און דער „זשום"

פון דער „בין", וואָס לעבן אים, ווי אַ קליין עראָפּלאַנדל טראָגט אים אַוועק פון דאַנען, אַוועק ווײַט, ווײַט אויף צוריק...

— — — אַ ייִנגל. מעשׂיות פון זײַן זיידן. ביז וואַרשע האָט ער זיי געטראָגן. איבער גרענעצן לענדער — נישט פאַרגעסן. דער זיידע — מ'טאַטנס טאַטע. אַ שנײַדער. בײַ גוים — אַ „פּאַדריגע". אויף דער עלטער, אויפגעהערט גיין אויפן דאָרף, אַהיימברענגען „די וואָך אַרבעט" — האָט ער זיך געזעצט אַרײַנקוקן אין אַ ספר. דערציילט אין שטוב, וואָס ער האָט אין שולעכל געהערט פון בעלי־דרשער, אויך מעשׂיות פון מדרש, פון הייליקע צדיקים.

דער זיידע וואָס האָט געוווּסט, אַז ס'מאַמעלע האַלט אים פאַר „אַ צדיק אין פעלץ" — פלעגט אים נישט איינמאָל רופן צו זיך, רעדן צו אים ווי צו אַ גרויסן. אַ מעשׂה פון רבי עקיבא, די ליבע צו דער שיינער, רײַכער טאָכטער, וואָס האָט אים דערפירט ער זאָל זיך זעצן לערנען, ווערן אַ גרויסער תּנא. די מעשׂה פון רבי עקיבא איז אים געפעלן. ביז הײַנט צו טאָג געדענקט ער זי: אויך ער וויל ווערן — נישט קיין תּנא — אַ שרײַבער: אַ גרויסער, באַרימטער שרײַבער, אויף וועלכע וועגן פירט אים לאַהקע? אמת, ער האָט איר ליב. אָבער וווּהין פירט די ליבע? — טאָקע נישט קיין תּנא אָבער אויף גוטע וועגן פירט זי אים.

נאָך אַ מעשׂה: דער ויכּוח פון משה רבנו מיט גאָט. משה האָט געוואָלט באַדײַ ווערן אַ תּלמיד בײַ יהושען, מקנא געווען. כאָטש די חז"ל זאָגן: „מאה מיתות ולא קנאה אחת".* אָבער ער האָט פאָרט מקנא געווען יהושע בן נון, וואָס אויף אים האָט גאָט אַרויפגעלייגט די מצווה פון אַריבערטרעטן די הייליקע ערד ארץ ישׂראל.

פאַרוואָס, פאַרוואָס — פרעגט ער זיך (דער „צדיק אין פעלץ"), — פאַר־שאָפט ער קנאה זײַן ווײַב: קנאה, וואָס איז מער ווי „מאה מיתות"?

און די חומש־מעשׂיות? מוטער רחלס געוויין אויפן וועג פון פדן־ארם: ס'בילד, ווי אברהם צעברעכט די געצן פון טאַטן תּרח און ווי ס'גייען די קעמלען איבער די וועגן פון כּנען. אַ רחמנות אויף דער אַרויסגעטריבענער הגר, אַ וואַנדערנדיקע מיט איר זונעלע, ישמעאל, איבער די פּוסטע ווײַטקייטן פון מדבר.

און ער, אַ טאַטע פון אַ פּיריאָריק ייִנגעלע? שׂרה איז נישט הגר, שימעלע איז נישט ישמעאל. וועט ער איר דאָ אין וויסטן וואַנדער לאָזן אַליין? אַדרבא: איז אברהם אבינו'ס פאַרטרײַבן הגר'ן פון זײַן הויז נישט געווען אויפן פאַרלאַנג פון שׂרהן, זײַן ווײַב?

נו, גוטע סאָראַ. פאַר וואָס שווײַגסטו?...

---

* בעסער הונדערט טויטן איידער איין קנאה.

עס האָט שוין געטאָגט. באַלד דאַרף ער זיך אויפהייבן, נעמען דאָס לאָפּעט־קעלע, דעם קיעטמען, אַרויס אין דרויסן „אויסטאָפּן" דעם טאָג אַרבעט. נישט דאָס ערשטע מאָל פרעגט ער זיך שאלות און לאָזט זיי הענגען אין דער לופטן. נישטאָ קיין ענטפער. ער זינדיקט און קלאַפּט זיך על חטא. קלאַפּט זיך אַ סך מאָל על חטא איידער ער זינדיקט: אַ ייִדישע טבע. ער האָט געלעבט, לעבט צווישן גויִים, גויִים בני־גויִים און פאַרגוי'ט נישט געוואָרן. עס טוט אים הנאה. צווישן הנאה'ס, ליבע און זינד לעבט ער. וואַקלט זיך, בייגט זיך אין אַלע זײַטן, אויף אַהין און צוריק, עלעהיי אַ בוים, אַ בײַמל אין אַ שטורעם. ניין. אַ שיף אויף אַ צעכוואַליעטן ים: ים פון לעבן. פיר יאָר מלחמה. פרעמד, ווילדע פרעמד.

פרילינג, נײַנצן פיר און פערציק. גוטע נײַעס פון די פראָנטן. ראַדיאָ־הילכערס אויף עפנטלעכע פּלעצער שרײַען מיט קולי־קולות:

„דער שונא איז צעקלאַפּט אָבער נאָך נישט פאַרניכטעט".

„אַרבעט און אויסדויער וועט שטאַרקן די רויטע אַרמיי".

די היגע, די אָרטיקע, האָבן די נײַעס אויסגעטײַטשט אויף זייער שטייגער. זיך קענען ס'לשון פון די לאָזונגען אין רוקע צײַטן און אין מלחמה.

„מע מײַנט שוין ווידער געבן אַ פּלייצע".

„ענגער אײַנציִען דעם פּאַסעק".

רייד פון מויל צו אויער: „וואָס וועט זײַן מיט די אינוואַלידן, קאַליקעס, קאָנטוזשעטע, שווער־פאַרוווּנדעטע אין די שפּיטעלער?"

„מיט די אַלמנות, מיט די יתומים, וואָס וועט זײַן?"

דערווײַל גייט אָן די מלחמה. ווײַט איבער די גרענעצן פון לאַנד גייט זי מיט פּאַמעלעכע טריט און מיט אַ סך אַ סך קרבנות. די פרילינג־שוואַלב פליט הויך, ווײַט איבערן צעאַקערטן פעלד פון לעבן — צעאַקערט פון פײַן און צער און בלוט און שווייס — און דער שאָטן פון „שוואַלב" שלעפּט זיך ביז דאָ אַהער אין הינטערלאַנד. „אויך אויף אונדזער גאַס וועט די זון אויפשײַנען" — האָט געזאָגט דער גרויסער, דער „פאָטער פון די פעלקער". דערווײַל, דערווײַל — אַ לאַנגער, שווערער שאָטן...

נײַע דעקרעטן גרייט מען שוין. „סאַבאָטניקעס",* „פרײַוויליקע אַרבעט" אין די וויכאָדנאָי־טעג. די פעלדער, פאַרוואָרלאָזטע, פאַרברענט פון לאַנגע, הייסע זומערס — אַקערן און זייען. קינדער איבערן שול־עלטער — אין די קאָלכאָזן, אין די אַמוניציע־פאַבריקן.

---

* רו־טעג.

15

פרילינג. אין די נעכט האָבן שטערן געצונדן מיט צעציטערטער האָפענונג און פחד. פחד פאַרן לעבן מיט נײַע לאָקונגען און חנען, וואָס האָבן געקלאַפּט אין די טויערן פון טעג, אין די טויערן פון הערצער, געוועקט אי בענקשאַפט, אי אומרו. אַ טאָפּלטער אומרו: אַ נײַער טאָג, וואָס ליגט נאָך דערווײַל אונטער חורבות און אַ שטילשווײַגן פון „יענער זײַט", פון וואַנעט מ'איז אַנטלאָפן „מיט דער נשמה אין דער האַנט": איבערגעלאָזט היימען, עלטערן, שוועסטער, ברי־דער, קרובים, כּלות, געליבטע, ווײַבער און קינדער.

אַ שטילשווײַגן, עלעהיי בלינדע ווענט מיט שפּאַרעס דורך וואַנען ס'רייסן זיך אַרויס ידיעות פון חורבן: ייִדישער חורבן אין פּוילן, אין אַלע מזרח־אייראָ־פּעיִשע לענדער ביז טיף רוסלאַנד פון וואַנעט מען האָט דאָס לעצטע יאָר געטר־מען יאָגן און צעשמעטערן די היטלעריסטישע מיליטערישע כּוחות: דעריאָגט זיי שוין באַלד ווײַט אויסער די גרענעצן פון לאַנד. אין מוח הייבן אָן גריזשען ידיעות, אָפּגעריסענע, אומקאָנטראָלירטע, וועגן שוידערלעכע מעשׂים פון די רוצחישע דײַטשן. מ'יאָגט, מ'שלאָגט זיי, די היטלעריסטן, אָבער דער גיפט, דער אַנטיסעמיטישער סם, וואָס איז דאָרט דורך זיי געזייעט געוואָרן, די פאַר־פּעסטעטע לופט — איז געבליבן, אַזש דאָ ביז אַהער דערגאַנגען. די שׂנאה צום ייִד אונטערן מאַנטעלע פון „עוואַקואירטע" האָט זיך פון דאָס נײַ צעבליט — פּאָקרעווע אויף אַ מיסטיק פעלד.

שׂנאה און קינאה צו די, וואָס אָט־אָט פאָרן זיי אַ היים. רעפּאַטריאַציע.

דאָס נײַע פרעמדוואָרט איז דאָ געגאַנגען פון מויל צו אויער און געוואָרן די טעמע פון טאָג. אַ פרייד געמישט מיט קנאה אויף די ליפּן פון די היגע, ס'רוב — קאַזאַכן: פּטור ווערן פון די אומגעבעטענע געסט און — אַ שאָד, וואָס מ'לאָזט זיי אַרויס פון דאַנען. דאָס טאָפּלטע געפיל האָט געררייצט זייערע געמיטער: אַ דערשטיקט געשריי פון קריוודע האָט זיך געהערט פון זייערע העלדזער דורך מײַלער פאַרשטומטע מיט ווײַסע קריצנדיקע ציין. שטומער פּראָטעסט קעגן די „פּאָלשעוויקעס" מיט זייערע זאַקאָנען, אַלטע און נײַע דעקרעטן און די „עוואַ־קואירטע", וואָס מ'לאָזט צוריקפאָרן אין זייערע היימען, וווּ ס'איז דאָ פון אַלדאָס גוטס, כּטוב הפּנטזיה פון די מזרח־מענטשן מיט זייערע נטיות צו מעשׂיות פון „טויזנט און איין נאַכט".

מאָדנע: דווקא אַצינד, אָנהייב סוף, קומען אים קאַפּויער זכרונות פון נאָענטן נעכטן, אייערנעכטן און סתּם מחשבות, וואָס זינט ער איז צו זײַן שׂכל געקו־מען — לאָזן אים נישט אָפּ; מחשבות וועגן לעבן, גורלות פון מענטש: לעבן און טויט. פאַר דער מלחמה האָט ער אַ סך געלייענט, געטראַכט: יעדן טאָג, יעדער שעה שטאַרבט עפּעס אָפּ אין מענטש, טויט גליווערט אין בלוט, אין פלייש פון דער מוטער־טראַכט — די וועלט פון עמבריאָן. אַצינד, העכער פיר יאָר מלחמה, פּרעוניות, הונגער־טויט, אומקום — האָבן די דאָזיקע באַגריפן גאָר אַן אַנדער משמעות. נאַרמאַלער טויט מײַנט פאַרגאַנג, נישט ווערן, אומקער צום גאָרנישט, צום גרויסן גאָרנישט. מלחמה־הריגות, פּײַן, צוגעטראַכטע, ראַפינירטע מיתה־משונות מײַנט — געפּרווווט ווערן מיט יסורים, גייסטיקע, נשמה־עינויים: לעבן שטאַרבנדיק, שטאַרבן לעבנדיק. מיט אַנדערע ווערטער: נסיון פון טויט. אַ, ערשט דעמאָלט פּילסטו, באַנעמסטו די געטלעכע גבורה פון דעם וואָס האָט געבוירן לעבן, געשאַנקען לעבן, אמונה. ניין. נישט פרומקייט אין רעליגעזן זין פון וואָרט. מיסטעריעזער כּוח, כּוח עליון, גורל, דאָס וואָס מענטשן רופן אַן גאָט. ער גלייבט אין דעם יש, יש מאין. אין די צופאַלן, וואָס זענען נישט קיין צופאַלן — גלייבט ער. אַ שטייגער: דער גרוס פון די ברידער, ס'אָפּגעפּינען לאהקען. ער זעט באַשײַמפּערלעך אין דעם אַ מין ניסתּרן כּוח, וואָס פירט און דערפירט צו די „צופאַלן", הגם דעם בן־אדם איז געגעבן „די פרײַע בחירה". אמת, ער איז פרײַ אין זײַן בחירה, אָבער ווער קערוועט מיט זײַנע געדאַנקען, וואָס באַשטימען די „בחירה"? — דעטערמיניזם. די פרײַע בחירה איז אַן אוצר — האָט ער ערגעץ געלייענט. אָבער דער היטער פון „אוצר" איז — דער שׂטן...

אָפּגעריסענע געדאַנקען, טעאָריעס, תּורות, אייגענע, אויסגעליִענע, איבער־געקײַטע. זיי פּילן אויס זײַנע וועלונגען און ווונטשן. געדאַנקען נישט־דערטראַכ־טע. צעוואָרפענע, ווי צעוואָרפענע מלבושים אין אַ שאַנק. שווער זיי צונויפ־נעמען, אײַנסדרן. ער דערמאָנט זיך דעם ערשטן ווינטער אין סיביר, די וואַלד־אַרבעט, באַראַקן. ער איז קראַנק געוואָרן. אַ לונגען־אַנצינדונג. ווײַט פון אַ דאָקטער. נישטאָ קיין מעדיצינען. ער ליגט אין הויכער היץ. ס'פּנים פלאַמט. קיין טראָפּן געקאָכט וואַסער נישט אין מויל אַרײַן גענומען. די פאַרברענטע ליפּן באַוועגן זיך, רעדן, פּלאַפּלען: „שימעלע", „יאָסל", „אָפרימקע", „מאיר־וואָלף", „לאהקע! לאהקע"! די נעמען פון די ברידער קען זי, שׂרה, געדענקט זי אויך לאהקען? — געהערט דעם נאָמען נאָך אין וואַרשע. זיכער פאַרגעסן: געמיינט — אויך ער האָט פאַרגעסן...

נישטאָ קיין טראָפּן מילך פאַרן קינד, קוים אַ יאָר אים, שימעלען. שׂרה שטייט איבער זײַן בעטל, לייגט אים קאַלטע קאָמפּרעסן אויפן שטערן. ער רעדט פון

היץ: „לאהקע, טייערע, ווו ביסטו?" זי האָט אים נאָכדעם, ווען ר׳איז געזונט געוואָרן, געזאָגט, אַז ער האָט גערעדט פון היץ: גערעדט נאַרישקייטן. ער האָט איר געפּרוווט אויפקלערן, אַז אויך די שיכחה האָט אַ זכרון... און אפשר האָט ער אין יענע מינוטן געשריבן אַ ליד?...

זי איז געלאָפן צו די שכנים בעטן אַ ביסעלע מילך, אַ ציבעלקעלע, אַ צוינדל קנאָבל וואָלט פאַר אים געווען אַ רפואה. אויך אין די פּויערישע שכנישע שטובן איז נישט תּמיד געווען ס׳ביסל מילך, דער ביסן ברויט. „איר מאַן איז קראַנק, איר מאַן קאָן נישט ליַידן קיין הונגער" — האָט זי מיטן עפּענען אַ פרעמדע טיר געבעטן. ווען זי ווייסט, האָט זי אים שפּעטער געזאָגט, ווו לאהקע געפינט זיך, צי איז זי דאָ ערגעץ אין די קאַנטן — וואָלט זי צופוס געגאַנגען. זי וואָלט פאַר אים געווען די בעסטע רפואה...

שׂרה — אין אַ לאַנג באַרכעטן קליידל. אַ וואָטענעם, אויסגעמוטשעטן שפּענ־צער האָט זי געטראָגן אויף זיך. די שיינע, שטאָלטנע סאַראָ — קיין גאַנצע פינעף און צוואַנציק יאָר נישט אַלט — און שוין עטלעכע, גראָע פּעדעם אין איר שוואַרצן קאָפּ האָר. אַן אָפּגעמאָגערטע, אַ געבויגענע. געדרייט זיך אַרום אים, אַרום קינד. אַן אָפּגעצערט פּנים. אַ צער אין די אויגן. אַ יונגער צער. נישט זי און נישט ער האָבן דעמאָלט געוווסט וויפל און וואָס פאַר אַ צערן און צרות עס דערוואַרט זיי.

איר מאַן איז קראַנק: איר מאַן — איר וועלט — אויף בלי־מה הענגט איר וועלט...

אומגעהובלט איר ליבע צו אים: אומגעהובלט, פּראָסט און פּשוט, ווי דער האַלצטיש, ס׳איינציקע שטיקל „מעבל" אין קאַמער: ווי דאָס אָרעמע שטיקל ברויט אויפן טיש. פּאָסנע ברויט. פּאָסנע, ערלעכע ליבע, אין ביידע איז זי געווען זשעדנע. אַן אים, חלילה, וואָס איז זי אָן אים דאָ אַליין מיטן קינד? — האָט זי צו זיך געזאָגט. ער האָט איר מיט פיר פינעף יאָר צוריק אַ האַנט אויס־געשטרעקט. אַ געפּאַלענע. ער האָט זי אויפגעהויבן. זינט די מעשׂה מיטן טאַטן, מיטן פילם־דרייער — האָט זי חוץ אים קיינעם נישט אויף דער וועלט. אַלע ליבע־לוסטן און ליבע־ליַידן — אין אים: ער און שימעלע.

ער האָט געוווסט, אַז שׂרה לעבט־איבער שווערע טעג, חדשים. זי האָט ווייניק גערעדט. אירע ווייניקע ווערטער, די פּשוטע, וואָס ער האָט פון איר אַרויס־דאַביוועט, פון מאָל צו מאָל, האָט ער אויף זיַין שטייגער אויסגעטיַיטשט, געגעבן זיי די אמתע משמעות. ער האָט מיט איר דערוועגן נישט גערעדט. צו שווער געווען פאַר איר זיַין לשון, זיַינע געדאַנקען. מער ווי מיטן פאַרשטאַנד, האָט זי מיטן חוש, מיט איר ליבשאַפט צו אים, באַנומען דעם מיין, מ׳קאָן זאָגן —

געליינט זײַנע געדאַנקען. אויך זײַן שווײַגן האָט זי פאַר ליב גענומען. זי האָט אים „איר שולד און אומשולד אָפּגעגעבן" — האָט זי אים איינמאָל געזאָגט. שיין געזאָגט. האָט אים יאָ און נישט געוואונדערט אויפן שיינעם זאָג. אמת, אויף אַן אמת דאַרף מען נישט לאַנג טראַכטן. אויך בײַ אומגעהובלטע מענטשן קומט ער אַרויס, טאַקע רוי, נאַקעט, אָבער נאַקעט, ווי דער אמת. אויך איר שווײַגן, אָפּשווײַגן — האָט ער פאַרשטאַנען. אַראָפּגעלייענט פון איר פּנים. איר פּנים — אַן אָפּן בוך פאַר אים...

עס האָט אים אָפּט פאַרדראָסן אויף זיך. ער, אייגנטלעך אַ שוואַכלינג. פאַרוואָס שפּילט ער די ראָל פאַר איר, ווי אַן אַלצוויסער, אַ גיבור? מענטשן וואָס לײַדן אין דער קינדהייט, יוגנט, פון פעלן ליבע, לעבן ווי ער מיט אַ געפיל פון עוולה, זוכן מאַכט איבערן שוואַכן, אַפילו ווען דער שוואַכער איז אַן אייגן ווײַב: אַפילו, און אפשר מחמת, ווײַל דאָס מינערט דעם אייגענעם מינדערווערט־געפיל די באַדרענגעניש, ס'געפיל פון עוולה, וואָס שלעפּט זיך נאָך אים נאָך. זײַן שוואַכקייט — זײַן כוח, דער פּלוס־מינוס־שטראָם וואָס שלאָגט אַרויס ליכט, באַפעל, סמכות, וואָס דאַרף צעטרײַבן פּחד... וואָדען אויב נישט פּחד? פאַר וואָס האָט ער נישט געמאַכט די „אָפּעראַציע", ווי ראָיאַ האָט אים געעצהט? אויף וואָס האָט ער געוואַרט? — אַ פּחדן אַ קליינער מענטש איז ער: און — ווידער פרווידיאַדע — אפשר בינדן אים דווקא צו איר, צו סאַראַן, די קעגנזאַצן אין ביידנס כאַראַקטער? איינער זעט אין צווייטן „זײַנס", וואָס ער האָט נישט ליב, וואָס איז אים דערווידער, ווײַל עס אויסבאַהאַלטן.

ווער איז ער? וואָס איז ער? געירשנט אָביסל פון „גאָטס אוניווערסיטעטן", אָביסל דעראָבערט אין די שקאָלעס: אַ פּאָעט — אַ פּיטשימאַנטשיקל. האַלט זיך בײַ דער אויסגעחלומטער גרויסקייט, חוצפה — אַ קינד פון דער בושה, וואָס ער קאָן נישט גובר זײַן. „ער וועט נאָך ווײַזן און באַווײַזן". — בסך הכול איז ער צווישן דעם וואָס ער איז און וויל זײַן, אויב נישט — נאָך נידעריקער... ווי אַ שרײַבער, — אַ מאַרגנדיקע באַרימטקייט — שטייט ער קוים אויף די אייגענע פיס, פון די הענט מאַכט ער פליגל... אַ פלעדערמויז: פאַרהייבט זיך עטוואָס העכער פון דער ערד און נישט ווײַטער ווי איבערן דאַך, איבערן קוימען. פלאָטערט, פליט אין זיך, אַרום זיך. צווישן טאָג און נאַכט קרײַזט ער אַרום: מיט די צעשפּרייטע פליגעלעך מעסערט ער דורך דעם בין־השמשות, וואָס פירט אין דער ממשלה פון דער נאַכט. די טונקלעניש צינדט אַן זײַן דמיון. אילומינאַציע, אילוזיע — זײַן וואָר.

*

רעפּאַטריאַציע — אַן איילבירט־בלעטל אין שנאָבבעלע פון דער „טויב", און דער „מבול" האָט נאָך נישט אויפגעהערט. די „תּיבה" שווימט... אָט־אָט זעט מען אַ שפּיץ ערד, אַ שפּיץ היים. אַ קלאַנג האָט זיך דאָ אַהער צו אים דערטראָגן: פריידקע האָט חתונה געהאַט, געבוירן אַ ייִנגעלע. משה און פריידקע — טאַטע־מאַמע. ווער דאַרף איך פרעגן? ווער ווייסט? וואָס ווייסט מען? און אַז מ'ווייסט נישט — איז כּטוב לבו מיין: דער ווײַן פון דער פאַנטאַזיע. אַלע שטייען אים לעבעדיקע פאַר די אויגן. דער טאַטע. אַ פּשוטער ייִד, האָט קיין פּען אין דער האַנט נישט געהאַלטן, אין קיין ספר נישט אַרײַנגעקוקט. ער האָט פון דעסטוועגן ליב געהאַט אַרויסזאָגן אַ געדאַנק, וואָס קלוגערע, געלערנטע בעלי־פּען און בעלי־פּה האָבן נישט געזאָגט. מ'מעג זאָגן: אַ גאָט־געשאַנק. ער האָט בפּירוש ליב געהאַט אַ גריבל טאָן זיך אין „מה למעלה, מה למטה" — זײַן לעבנס־פילאָסאָפיע, די פילאָסאָפיע פון קיום.

פּסח. פּסח פון פאַר דער מלחמה: דער לענגסטער, שענסטער יום־טוב בײַ אַ בעקער. אַכט טעג אין שטוב. אַכט נעכט שלאָפן אין אַ בעט, ווי אַלע מענטשן. איז גוט פאַר אים און נישט גוט — פלעגט דער טאַטע אין גוטן מוט זאָגן, אַז ער קאָן נישט אײַנליגן אין אַ בעט. נישט געוווינט. דרימלט אײַן, וועקט זיך איבער. אַ שיטערער שלאָף. חלומות. דאַכטענישן... דער אויוון איז אויס־געברענט מ'דאַרף אונטערוואַרפן עטלעכע שפּאַלעס האָלץ. גייט ער אַראָפּ. נאָענט פון אויוון ליגן אָנגעגרייט העלצער. ער הייבט זיי אָן וואַרפן אויפן צאַנקענדיקן פײַער. נאָר... עפּעס זעט ער נישט קיין פלעמל, פילט נישט די היץ, נישט דעם ריח פון די רויכן. טונקל אַרום אים. פינצטער אין אויוון. ווּ דער אויוון? ווּ ס'פײַער?

אַ פּוסטער חלום אַ נאַרישער. בײַם קאַמאָד שטייט ער, שטופּט די העלצער אונטערן שופלאָד. אוי, אַ טעות: זײַן טעות... אַ נאַרישער חלום... גייט ער צוריק אין בעט אַרײַן. שלאָפן קאָן ער שוין נישט, שיטערער דער דרימל האָט שוין קיין טעם נישט. „איבערוועקן די שטוב" וויל ער נישט, פאַרשטערן אַ יום־טוב? זעצט ער זיך צו צום טיש, מ'קאָפּ — אין בײדע הענט: גרויסע, גראָמאַדנע הענט, שווערע הענט וואָס זענען נישט געוווינט צו רוען. אַ האַלב־פאַרשלאָפענער זיצט ער. מיד, אַ שטייגער געקומען צו לויפן פון אַ ווײַטן וועג. זײַן וועג — אַ לויפן, אַ לויפיקער גאַנג פון שטוב אין בעקערײַ, אַמאָל — אין געוועלבל, זען וואָס דאָרט הערט זיך, פון געוועלבל אין שטוב אַרײַן אויף אַ ביסל וואַרעמס איבער־כאַפּן און — צוריק אין בעקערײַ. אויך שבת איז ער נישט געוווינט צו גיין מיט אַ בנעימותדיקן גאַנג. די איינציקע נאַכט נאָך אַ וואָך אַרבעט — קאָן ער פון מידקייט נישט אײַנשלאָפן. ער הייבט זיך אויף, גיסט אָפּ נעגל־וואַסער, מיט שטילע טריט, ווי — ס'זאָל נישט געדאַכט זײַן — אין אַ שטוב פון אַ שווער־

קראַנקן, טוט ער זיך אָן. נעמט אויף זיך די שבתדיקע קאַפּאָטע, ס׳שבתדיקע „ידישע היטעלע״, דעם טלית, אַריַין אין די שטיווילעטן און אַרויס פון שטוב. אַ גאַווינע בײַם שמש: דער ערשטער צו שחרית. אויף אַ באַנק לעם דער טיר זיצט ער. ס׳זיצן דאָרט: בעריש בעדנער, חיים לייב סטעלמאַך, שמחה וואַסערטרעגער.

שטעלט זיך די וואָך — לויפט ס׳מאַמעלע אין געוועלבל. אויף אַן אונטערשטער פּאָליצקע, פאַרשטעלט פאַר אַ פרעמד אויג — אַ צולאָג צו די געבעקסן וואָס אויפן בופעט, האַלט זי עטלעכע פלעשלעך בראַנפן אויף אַ „לחיים״, וואָס אַ ייִד קומט אַמאָל פריַיטיק פאַר לעכטצינדן קויפן, פאַרגרייטן אויף „נאָך אַ שבתדיק שטיקל פיש״. האַנדלט אונטער אין דער שטיל מיט ברוינע קאַשע. זומער אין די „ניַין טעג״, ווען מ׳עסט אַ סך קאַשע מיט מילך — וויַיזט זיך אַ קונה. אויך אין ווינטער־טעג, חנוכה־צײַט ווען מ׳באַקט גריטשקעלעך פון רעטשנמעל — אויך באַהאַלטן פון אַ פרעמד אויג — טרעפט זיך אַ בעלן.

נעכע, די שפּיַיזקרעמערין פון אַנטקעגן איבער דעם געוועלבל, זאָגט, אַז די בעקערין „זשאַבט״. — זי, נעכע, זיצט אָפּ „גאַנצע לעכע טעג״ און קוקט אויס אַ קונה. זי איז איר, דער בעקערין, חלילה נישט מקנא. אויך בײַ איר טרעפט: פריַיטיק פאַרנאַכט, ס׳האַלט שוין בײַם פאַרלייגן דעם פרענט אויף דער טיר, וויַיזט זיך אַ ייִד דערקוויקן ס׳הארץ מיט אַביסל זויערקרויט, אַ ביסל קוואַס פון איַינגעלייגטע אוגערקעס, קויפט אַביסל ריצנאַייל אויסצושמירן די שטיוול, די טשיזמעס. זומער, ערב ראש־השנה, קאָן מען בײַ נעכען קריגן פאַר עטלעכע גראָשן ווערעם־קרויט קעגן... די ווערעם אין מאָגן. ווי זאָגט דאָס ווערטל: „אַ שעה פאַר שבת — איז נאָך נישט שבת״.

צען מיַילער האָט די קליינע בעקערײַ געשפּײַזט — האָט זיך ס׳מאַמעלע באַרימט. אַ גאַנצע וואָך אַרומגעהאָוועט. געלעבט מיטן הייליקן שבת. איר מאַן, שלום, ווייסט די גאַנצע שטאָט, איז אַ ראַיעלער מענטש. אויף זײַן וואָרט קאָן מען שטעלן אַ הויז. שרײַבט ער אונטער אַ וועקסעלע — איז עס געצאָלט צום טאָג. זײַנס אַ וועקסעל איז צום ראַיענט נישט געגאַנגען. אָפּצאָלן אַ ראַטע האָט דער טאַטע אויסגענומען: „בעזרת השם, מאַנטיק צו פרשת מקץ, אָדער — דינסטיק נאָכן יאַריד, צו פרשת ויגש. פון די גמילת־חסדים אין דער גמינע — האָט מען אויך אָפּגעשפּאָרט אויף מתן בסתר, הכנסת אורחים, מלביש ערומים. ס׳פּושקעלע פון מאיר בעל נס — אויך נישט פאַרשעמט...

דער זיידע פון דער מאַמעס צד — משה׳ס שוועך, דער מחותן פון זײַנוול היטלמאַכער — וואָס האָט ייִנגלוויַיז געלערנט אין אַ חדר, אפשר אויך אין אַ ישיבה, איז געוואָרן אַ געריוועטער שוסטער. אַ נידעריקער ייִד מיט אַ לאַנגער

באַרד. אַ פּאַמעלעכער. „צערייַסט זיך נישט דעם לעטניק", איז אַזוי געלאַסענער־הייט געוואָרן אַ טאַטע פון דרייַצן קינדער, פינעף מיידלעך און אַכט זין — אַלע שוסטער, גוטע פּאַכמענער. פינעף האָבן געאַרבעט אויף טאָג־לוין, „ביי יענעם", דריי — אין שטוב, אויף נידעריקע בענקעלעך מיט אייַנגעפּאַלענע געזעסן ביי אַ נידעריק וואַרשטאַטל. אַ סך מעשׂיות געדענקט זיך ביז הייַנט צו טאָג. אַ מעשׂה וועגן אַ גרויסן צדיק, וואָס — וועדליק מענטשן האָבן דערציילט — לייענט דעם גורל פון מענטש לויט די קאַרבן אויפן שטערן. אַ חסיד זאָל האָבן ערב יום־כּיפּור געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין מורא פאַר יום־הדין באשר ער האָט אַ גאַנץ יאָר געלערנט תּורה, נישט באַגאַנגען קיין עבירה. האָט זיך דאָס דערטראָגן צום רבין ר' זיינוועלע. האָט אים דער רבי געשיקט רופן צו זיך, אים לאַנג געקוקט אין די אויגן אַרייַן און געזאָגט: — דייַנע אַלע מעשׂים טובים ליגן אין הימל צעבראָכן און צעלאָמיעט, ווייַל האָסט נישט אויסגעריסן ס'שלעכטס פון דייַן האַרץ. דער חסיד איז גלייַך אַוועקגעלאָפן תּשובה טאָן. נאָכן דערציילן די מעשׂה, האָט די באָבע לייטשע, וואָס איז דערביי געווען, זיך אָנגערופן: — קינדערלעך, בעסער גוט זייַן, איידער פרום.

דער ייִד פלעגט אויך דערמאָנען נעמען פון קליינע ספרימלעך מיט רש"י־כּתב, אַלטע ייִדישע כראָניקעס: „עמק הבכא", „שבט יהודה", „שארית ישׂראל". חודש אלול, חודש החסד והרחמים, ווען עס שטאַרקט זיך דער רוח המוסר — איז ער שעהען־לאַנג געזעסן אין שילעכל. געהערט דערציילן מעשׂיות און שפּעטער אַהיימגעבערענגט זיי אין שטוב אַרייַן. צום עלטסטן זון, פּיניע, אַן „אויפגעקלערטער", האָט ער אַזוי געזאָגט: — לא זו הדרך, מייַן קינד, דער רבונו של עולם האָט פאַר דיר געוווּסט, ווי אַזוי צו פירן די וועלט.

חוץ שוסטערייַ האָט דער זיידע, ווען ער איז אַביסל ייִנגער געווען, צוגעהאַנדלט מיט „טילקעס" צו שטיוול. אָפּגעקויפט די „טילקעס" בייַם שינדלמאַכער משה פּרץ. משה־פּרץ האָט זיך פאַרנומען מיט צוגרייטן שפּענער (שוואָבעס) פון די סאָסנע־ביימער, וואָס זענען געוואַקסן הינטער דער שטאָט. פּיניע, דער מייַסטער פון די צוויי ברידער, האָט געהאַט אַ שם. אין זייַנס אַ פּאָר אָפּיצערסקע שטיוועלעך פון ריינער געמזע, הויכע סאַזעוואַניעס און שפּיציקע נעז — האָט מען זיך געקאָנט שפּיגלען — האָבן מענטשן געזאָגט. פּאַרוטשניקעס, גענעראַלער פון די קאַשאַרן הינטער דער שטאָט — צווייטער פּאָלק אולאַנער — האָבן באַשטעלט ביי אים שטיוול און פּאָר זייערע פרויען, געליבטע — לעטשלעך, ליאַקערקעס. ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל געקומען פון וואַרשע צו גאַסט אַהיים — האָט פּיניע „אויסגעלאַדעוועט" פאַר אים אַ פּאָר שיך — ווי ער פלעגט זאָגן — מיטן „סקריפּ". אַז דער זיידע איז נישט געווען אין שטוב, האָט פּיניע, מעשׂה

גרויסער „פעטער פיניע", געפרווווט נאָכדערציילן מ׳זיידנס מעשׂיות. ער האָט עס נישט גוט געמאַכט. אָבער אַ קול־נגינה האָט ער יאָ געהאַט, פיניע. כאָטש אַן „אויפגעקלערטער", האָט מען אים אַמאָל אַ שבת צוגעלאָזט צום עמוד. (ער האָט פון אַזאַ כבוד געהאַלטן, כאָטש זיינע, חברים פון דער לינקער פועלי ציון־פּאַרטיי האָבן אים אויסגעלאַכט). אָבער ווײַטער ווי פון „פּאַרנט" איז עס נישט געגאַנגען. איין מאָל אין אַ ראש־חודש און אַ חול המועד־סוכות האָט ער „אָוועקגעלייגט" אַ הלל, אַז די שטאָט האָט געגאָפּט.

עס געדענקט זיך אַ פּאַל. ער, אהרעלע, איז דעמאָלט אַלט געווען אַ פינעף־זעקס יאָר. די שוסטערס וואָס האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „מסילת ישרים" — דער זיידע האָט זיך דאָרט געעוסקט — האָבן געלאָזט שרײַבן אַ ספר־תורה. צום סיום, בעתן ברענגען די ספר־תורה אין שולעכל — האָט מען געמאַכט אַ שׂמחה. יענעם טאָג האָט מען אָוועקגעלייגט ס׳קלאָפּערגעציייג: העמערלעך, צווענגלעך, אַל, פּאָטשעגעל, דראַטוועס און אַרויס אין גאַס אין אַ הליכה, אַ פּראָצעסיע. אויך די ווײַבער אין אויסגעקעמטע שייטלעך, קינדער אין נײַע גאַרניטורלעך, היטעלעך, יאַרמלקעס, יונגע ווײַבלעך מיט די קינדער אויף די הענט, אויף די אַקסלען — אַלע, אַלע מיט פּאַראַד צום שילעכל דורך דער פּרינצעפּאַלנער גאַס. יונגע באַלעבעסלעך האָבן פאַרויס פון זיך געטראָגן די תורה און געטאַנצט. פאַרויס פון אַלע — די שטאָטישע קאַפּעליע מיט טרומפּייט און צימבל. מיט תהי־לות און תשבחות האָט זיך די תהלוכה לאַנג געצויגן, אַוודאי אַ שעה־צוויי. אַ גדולה, אַ התחלתא דגאולה.

אין מיטן פון די פריילעכע אויסגעשרייען שפּרינגט אַרײַן איוואַניוק, דער גויִישער שוסטער, דער איינציקער גויִישער שוסטער אין שטאָט. ער טאַנצט אויך. קהל גלאָצט מיט די אויגן, צעמישט, מבולבל: ס׳טײַטשט, אַ גוי אויף אַ הייליקער שׂמחה?

איוואַניוק האָט אָפּנים דערשנאַפּט, אַז ער, ווי די שטאָט האָט גערעדט — טאַנצט אויף אַ „פּרעמדער חתונה", און אַז אַלע אויגן זענען געווענדט צו אים, — אפשר זיך טאַקע דערשראָקן — האָט ער אויסגעשריגן:

— ליודעי! (מענטשן) אַ ייִד בין איך טאַקע נישט, אָבער אַ קאָלעגאַ פּאַ פּאַכו, אַ שוסטער בין איך יאָ!

אַצינד, גראָד אַצינד זיך דערמאָנט. נאַרישקייטן געדענקען זיך. אַ מעשׂה פון קנאַפּע צוואַנציק יאָר. אַ חדר־ייִנגל, די מענטשן, די פּנימער, דאָס לעבן, די פּירעכצער — אַלץ שטייט אים פאַר די אויגן, ווי אָקערשט נעכטן איז עס געווען, ווו זענען אַלע? — נישטאָ? נו, שוין זשע איז פון אַלץ און אַלעמען: ברידער,

שוועסטער, טאַטע־מאַמע, באָבע־זיידע: פון זיידנס מעשׂיות געבליבן אַ מעשׂה שהיה ?...

✶

רעפּאַטריאַציע. דאָס וואָרט האָט באַקומען פליגל. אַ פרעמדוואָרט — גלאָק אין די הערצער פון הונדערטער, טויזנטער, אפשר צענדליקער טויזנטער מענטשן. פאַר ייִדן — אַ שופר של משיח, אַן אויסלייזער. האָט מען שוין געוווּסט, ווי איבער נאַכט זיך דערוווּסט, וואָס „דאָרטן״ טוט זיך... עס טוט זיך שוין גאָרנישט. ס׳האָט זיך געטאָן... שוין געווען דער משיח — גאָטס שׂטן... היטלער. אַראָפּ אויף דער ערד מיט זײַן פײַערדיקער שווערד און געקאָסעט ס׳גרינע פעלד פון לעבן.

מ׳האָט געוווּסט, געגלייבט און נישט געוואָלט גלייבן. ניט שוין זשע האָט מען אַלע אויסגעהרגעט ? אויך אין אַ מלחמה פאַלן דאָך נישט אַלע. דאָ האָט מען זיך געקלאָגט אויף די לאַגערן, פאַרשיקונגען, סיביר, „טרוד־פראָנט״, נע־ונד, הונגער, אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אַ סך זענען, למען האמת, אויסגעשטאָרבן, אומ־געקומען. אָבער זע נאָר, זע: פון אַלע ווינקלען פון גרויסן גראָען לאַנד קומט מען זיך צונויף. קושן. אַרומאַרעמונגען. טרערן פון פרייד, פון אָפּגע־פינען זיך. האַלבע און כמעט גאַנצע משפּחות. אויך עלטערע און קינדער זעט מען. פנימער לאַכן, פרייען זיך, די נשמות וויינען, ווייטיקן. די שווידערלעכע נײַעס פאַראומערט די פרייד: ייִדישע פרייד געמישט מיט טרערן.

וואַגאָנעס. לאַנגע וואַגאָנען־קייטן — שטובן אויף רעדער, אויף רעלסן. זיי װעלן שוין פירן. זיי וויסן וווּהין צו פאָרן. אַ טאָג, אַ נאַכט אין „וואַגאָנען־שטובן״. מ׳וואָרט אויף אַ באַפעל. אַ מעת־לעת, צוויי. מען עסט פון די טאָרבעס, טשעמאָ־דאַנעס, קיישלעך, טורניסטערס. רייד. מעשׂיות. איבערלעבענישן פון נעכטן, אייערנעכטן, הײַנט: דאָ און „דאָרטן״. דאָס וואָרט „דאָרטן״ — אַ שטייגער אַ נײַער פּלאַנעט. נײַע מענטשן, נײַע פנימער, פּירעכצער. נישט דער זעלבער דאָרטן, וואָס האָסט מיט פיר, פינעף יאָר צוריק איבערגעלאָזט. אָוועק אויף באַלד צוריקצוקומען. אַפילו מיט טאַטע־מאַמע, מיט די נאָענטסטע קרובים זיך נישט געזעגנט. און דו ווילסט פאָרט און אָבער נישט גלייבן, אַז וועסט קיינעם פון זיי נישט טרעפן. אפשר טרײַבט מען איבער, אפשר איז נישט אַזוי סטראַשנע. אין אַלע צײַטן זענען געווען שיקאַנעס, רדיפות, גירושים. ייִדן זענען געבליבן לעבן. נו, שוין זשע קיינער נישט געבליבן ? לייגט זיך דאָס אויפן שׂכל ? ייִדן־ריין. אַ שטאָט, שטעטל אָן ייִדן ? אַ לאַנד אָן ייִדן ? די אינדערפרי׳ען און די נעכט זענען קאַלטע. סוף ווינטער נײַנצן זעקס און פערציק. אין פּוילן — פרילינג,

דאָהי — כאַטש מיטלאַזיע — נאָך קאַלט. ערשט שפּעטער, אין מיטן טאָג קומט די זון. וואַגאַנעס. ווו עס איז דאָ טירן — פאַררוקט מען, ווו נישט — הענגט מען אויף קאָלדרעס, דעקעס קעגן ווינטן, שנייעלעך, רעגנפּריס.

סוף ווינטער. מיט אַ יאָר, עפּעס מער, צוריק, האָט מען באַפרײַט „זײַן" שטאָט, זײַן היים, חנוכּה־צײַט — דערמאָנט ער זיך:

אַ, איר קליינע ליכטעלעך,
איר דערציילט געשיכטעלעך,
מעשׂהלעך אָן אַ צאָל — — —

— — — מער, ווי אָט די דרײַ שורהלעך, וואָס מ'האָט חנוכּה געזונגען אין פאָלקס־שול, ווו ער האָט געלערנט, געדענקט ער נישט: „געשיכטעלעך, מעשׂה־לעך אָן אַ צאָל, אָן אַ צאָל — — — אַכט טעג נאָכאַנאַנד פלעגט דער טאַטע, אין די אָוונטן, זיך צוכאַפּן און שטוב אָנצינדן אַ ליכטל. פריידקע האָט דערלאַנגט לאַטקעס צום טיש. מ'האָט געשפּילט אין דריידל. בײַם זיידן אין קעלער, הינטערן וואַרשטאַטל, איז געשטאַנען אַ פאַס זויערקרויט. אַ הילצערן דעקל, אויבן — אַ שטיין. קאַלט זויערקרויט האָט געסטײַעט אויף אַ גאַנץ יאָר.

אַז דער זיידע האָט געהאַט אַ פרומען טאַטן, האָט אהרעלע זיך דערוווּסט פון אַ מעשׂה, וואָס מ'האָט דערציילט: זײַן טאַטע, דער עלטערזיידע, האָט געהאַט אַ היתּר שחיטה. געוואָרן איז ער אַ שנײַדער פון ווענען ער האָט איבערגענומען ס'פאַך. אַ שנײַדער און אַ בעל־תּפילה. פאַרוואָס? — ער איז געקומען אין שעכטהויז מיט אַ גוט אָנגעשאַרפטן חלף, מוכן ומזומן צום ערשטן מאָל נעמען זיך צו דער מלאכה. אַלץ איז גרייט. ער נעמט אַרויס דעם חלף פון שיידל און דערנענטערט זיך צו דער קו. מיט אַמאָל האָט די קו, אַ צוגעבונדענע מיט שטריק צו אײַזערנע רינגען פאַרשטעקטע אין דער צעמענט־פאָדלאָגע, אויפגעהויבן דעם קאָפּ אויסגעדרייט אין זײַן זײַט אַרײַן אַ טרויעריקן, מענטשלעכן בליק. ער האָט עס געזען אין די בהמישע אויגן. עס איז אים פאַרגאַנגען אונטערן האַרץ. ווען די קו קאָן רעדן — האָט ער געטראַכט אין די רגעס — וואָלט זי אַוודאי געפרעגט: — פאַר וואָס קומט מיך צו שעכטן?

דער עלטער־זיידע האָט צוריק פאַרמאַכט דעם חלף, אים אַרײַנגעלייגט אין שיידל און פון דעמאָלט — אויס שוחט.

16

וואַגאָנעס אין געטרייסל. קאַלדרעס, קאַצן, פּלאַכטעס צעהאַנגענע — שטאַט טירן — פּלאַטערן פון ווינט. סטאַציעס. ראַזיעדן. אַ שטעטל, אַ דערפל. כוטאָרס, כאַטעס, פּאַלוואָרקס. אַ וואַלד. ליידיקע פעלדער. אַ וואָראָנע צעקראַקעט זיך, פּאַטשט אַרויס דעם מאַרגנבלוי פון די פליגל. אַ טאָל, אַ באַרג. ווידער אַ סטאַציע. עטלעכע מינוט רו. מ׳לויפט אַראָפּ פון די וואַגאָנעס אָנפילן די טעפּ, פלעשער, טשייניקעס, עמערס. צו די קראַנען אויפן וואָקזאַל לויפט מען. ווידער געפּאַרן. אַ געיאָג, אַ גליטשן זיך, אַ ריטשען פון רעדער אויף רעלסן. טעלעפאָן־סלופּעס יאָגן אויף צוריק. לאָזן לאַנג דעם געזשום אין די אויערן.

הויכע בערג־קייטן, באַוואַלדיקט, באַוואָקסן מיט קוסטעס און ליידיקע שפּיצן ווי אײַנגעדרימלטע איכטיאָ זאַווערן: נאַקעטע הויקער־בערג ווי קעמלען מיט אָפּגעריבענע ליאַדרעס. הימל, שטיקלעך לבנה־שײַן דורכן פאַרקראַטעטן פענצטערל.

ווידער טאָג, ווידער נאַכט. אין מיטן צווישן צוויי וועלדער לויפט די באַן, ווי אין אַ טונעל. הויכע סאָסנעס, דעמבעס אַלטע, גראָבשטאַמיקע־צעצווײַגטע, אַ קילער הימל, אַ שניי־פּריס. אַ ריח פון היימישער ערד. פּוילן.

ווי בייזע הינט מיט אָפענע פּיסקעס רײַסצײַנער יאָגן די געדאַנקען, רײַסן שטיקער האַרץ. פּוילן. דאָ געבוירן. דאָ געלעבט.

אַ נידעריקער הימל, אַ פּאַרוואָלקנטער. גרינער שפּראָץ אויף די ביימער. אַ באַטשאַן פּאַרויס פון אַ טשאַטע באַטשאַנעס שערן מיט צעשפּרייטע פליגל דעם גרויבלוי פון פּוילישן הימל. קומען אַוודאי פון ווײַטע, קאַלטע לענדער מקבל־פּנים־זײַן דעם פרילינג.

גרינער שפּראָץ און וואַרעמער רעגן

— וואָס ברענגסטו פאַר די קליינע קינדער וועגן ?

דערמאָנט ער זיך צוויי שורהלעך פון אַ לידל פון פאָלקס־שול. וואָס ברענגסטו אַצינד, פרילינג ניינצן זעקס און פערציק פאַר די קינדער, פאַר אַלע די, וואָס ס׳מעסער פון שעכטער האָט אויסגעמיטן ? פאַר די, וואָס קומען צוריק פון ווײַטן, ווײַסן סיביר און הייסן מיטלאַזיע ? צוריק אין דער היים — אָן אַ היים ?

באַקאַנטע דאָרפישע כאַטעס, גרינע פעלדער. גערטנדלעך. כאַטעס. שטאַכעטן געמאַליעוועט אויף גרין. אויף אַ שפּיץ שטאַכעט — אַ לאַדושקע מיטן באָדעם

אַרויף. אַ קו אויף אַ פּאַשע־פעלד. אַ נידעריקער הימל, אַ פּאַרוואָלקנטער. גרינער שפּראָץ אויף די בײמער. יאָ. פּוילן.

פּרילינג אויף פּוילישער באַפרײַטער ערד. וואָס ברענגט ער דער פּרילינג פאַר די אין די וואַגאָנעס — אַן איבערבלײַב, אפשר לעצטער, פון אַן אויסגע־הרגעט פאָלק? ס׳איז העלער טאָג. פון אין דער פרי שטייט די באַן. לעצטע סטאַציע. דער הימל לײַטערט זיך אויס. אויפן האַרץ, אין האַרץ — האַרבסט. עפּעס דריקט. עפּעס ליגט אויפן געמיט אַ שווערקייט, וואָס לאָזט זיך נישט אויסדריקן אין ווערטער. קוקסט זיך אַרום. פון וואַגאָן קוקסטו אַרויס. דײַנע אויגן זוכן עמעצן, כאָטש דו ווייסט, אַז קיינער פון די וואָס דו דערוואַרטסט איז נישטאָ, וועט נישט קומען. די אויגן זוכן און די פיס ווי געליימט, ווילן נישט, קאָנען נישט אַ ריר טאָן זיך. ווילן נישט אַראָפּגיין. וואָס וועט ער דאָ טאָן? ווו וועט ער גיין? וועמער וואַרט אויף אים? אַ פּנים, אַ שמייכל, פריידיקע טרער, אַן אַרומנעם, אַ קלעפּלען זיך אין פּלייצע, אַ גוטברודערישן דרוק די האַנט.

אָ, וואָס זעען זײַנע אויגן איבער דער טיר פון וואַקזאַל? פאַר וואָס האָט ער דאָס פריִער נישט געזען?:

Witajćie Brodace

Witajćie Rodace

קאָנדוקטאָרן אין טונקל־גראַנאַטענע מונדירן, היטלען מיט קיילעכדיקע דענ־קעס, גלאַנציקע, פּיבערנע דאַשקעס, בלעכענע אָדלערס בלאַנקען אין דער זון. מיט אויסגעלאָשענע לאַמטערנס אין די הענט דרייען זיי זיך. זיי זעען דיך נישט. ווילן דיך נישט זען. אַ סך, אַ סך, אַזויפיל קאָנדוקטאָרן און — זעען קיינעם נישט. זיי קוקן צו דיר און קוקן אַוועק: אַזויפיל מענער, יונגע און אַלטע, פרויען מיט קינדער אויף די הענט, ייִנגלעך, מיידלעך. פּעק. זעק. טשעמאָדאַנעס. קעסטלעך, קיישלעך. וואַליזעס.

בייזעלכע פּנימער. מאָדנע, אויסטערלישע בליקן. זיי דרייען אָפּ די קעפּ. דאַכט זיך, אַז זיי האַלטן זיך בײַ די נעז, אַ שטייגער מ׳גייט פאַרבײַ אַן אָרט פון וואַנעט ס׳שלאָגן שלעכטע ריחות...

העלער טאָג. מיטנטאָג. ווו איז די זון פּלוצעם נעלם געוואָרן? אונטער אַ וואָלקן אַרונטער? וויל זי אויך נישט זען די צוריקגעקומענע, צי — שעמט זי זיך זיי צו קוקן אין די אויגן אַרײַן? זענען זיי אויך דער זון, גאָטס זון, גרויס אין די אויגן?

ס׳האַרץ האָט געזאָגט, ס׳האַרץ האָט נישט גענאַרט. אלא מאי? נסים? אפשר, טאָמער? און דו טיטשעסט זיי אין די אויגן אַרײַן: העלע, וואַסערדיקע, פּוילישע אויגן „איך בין דאָ, איך בין ווידער דאָ". זיי ווייסן ווער דו ביסט, פון

וואַנעט דו קומסט: „זשידאָ־קאָמונאַ" אויסבאַהאַלטן זיך דאָרט. אַנטלאָפן. דאָ, אין דײַן לאַנד, דײַן היים, אין מיטן העלן טאָג ווערט דיר ווידער און אָבער קלאָר: פינצטער־קלאָר — ביסט אין דער פרעמד. די אויפשריפט איבער דער טיר פון וואָקזאַל, ווי די אויפשריפט אויפן טויער פון דאַנטעס „גיהנום":

„דאָ ענדיקן זיך אַלע דײַנע האָפענונגען".

ניין, ביסט נאָך נישט אין דײַן היים. אין אַ גרויסער שטאָט, וואַבלזשיך (פריִער וואַלדענבורג), באַוווינט פון דײַטשן — אײַנגעמאָסטעט. ער, שׂרה און שימעלע, נאָך אַ סך משפּחות — אַ צײַטווײַליקע דירה. אויף דער ווײַל וווינט מען. נישט דײַנע פיר ווענט. נישט דײַן דאָך איבערן קאָפּ. נישט דײַן קישן אונטערן קאָפּ, נישט דײַן בעט, דײַן טיש. לאַנג האָט ער דאָרט נישט געקאָנט אײַנזיצן. עס האָט געצויגן אַהין, ווי ס'זינגט זיך אין לידל „ווו דײַן וויגל איז געשטאַנען". ווילסט מיט די אייגענע אויגן זען, ווילסט מיט דײַנע פיס באַטרעטן די ערד, ווו האָסט קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר געלעבט, געדײַעט. דײַן שטוב ווילסטו זען. נישטאָ די שטוב — איז דאָס אָרט, ווו זי איז געשטאַנען און די שטובן פון די שכנים, וואָס זענען פריִער געווען קאָמערן, קאָשאַרן — ווילסטו זען.

דעם הויף, די „טרערן־קלאָטקע", וואָס האָט געפירט אין שטוב אַרײַן. אַ קלאָטקע פון דרײַ שפּאַלעס די ברייט. ערב יום־כּיפּור האָבן זיך דאָרט באַגעגנט ברוגזע שנור־און־שוויגער, צעקריגטע ברידער, מחותּנים: פעטערס, קרובים, שכנים. מ'האָט זיך געדריקט די הענט. מיט טרערן אין די אויגן זיך געווונטשן אַ גוט געבענטשט יאָר, אַ „חתימה טובֿה", געבעטן סליחה ומחילה.

ער וויל זען דעם ברונעם אין מיטן הויף. אַ גרויסער האָלצראָד מיט פלע־קער. אַ קליין ייִנגל — האָט ער זיך מיט בײדע הענטלעך אָנגעהאַנגען אויף איינעם פון די פלעקער און אַרויפגעצויגן אַ קעסל וואַסער. איינער אַרויף, איינער — אַראָפּ. אין הייסע זומערטעג האָבן חבֿר'ה קליינוואַרג אין די וואַסערן, וואָס האָבן זיך אַרום ברונעם געזאַמלט — געמאַכט אַ „באָד". אין די ווינטערס — שנייען, פרעסט — די וואַסערן געפרוירן, מסוכּן געווען דער צוגאַנג, איז פאַרן קליינוואַרג געווען — אַ גליטש. מיט ליזשוועס פון שטיקלעך האָלץ מיט אַ דראָט אָדער אַ שטיקל בעדנאַרקע אין מיטן, אויך מיט סאַנקעלעך אַליין־צונויפגעקלעפּט־ראַיעט — האָט מען שעהען לאַנג אַרומגעוויוועט. אין ווינקל, ווי אַ פערטע וואַנט צום הויף, וואָס איז געווען ווי אַ „ד" — אַ ביסעלע ווײַטלעך פון די „דירות" — אַ רײַ אָפּטריטן, ווו „דער הויף איז געגאַנגען"... אַ בוים, אַ הויקער, אויסגעקרומט, נאַקעט, קוואַרע צווײַגן, די קאָרע — טונקל־שוואַרץ ווי די ערד — איז פאַר די ווײַסע חבֿרהניקעס — אויך פאַר אים — געווען אַ הוידלקע. אויך בעתן שפּילן אין „כאַפּעלעך" האָט מען זיך מיטן בוים אַרויסגעהאָלפן. רעכטס פון הויף האָט זיך

אויף היפשע עטלעכע דעסאַטין געשפּרייט אַ סאַד. אַרום סאַד — אַ האַלץ־פּאַרקן, איבער אים — אַ דראָטצעפּ. אַ וואָלפהונט מיט אַן אָפענעם פּיסק רײַסצייִנער האָט זיך געדרייט דרויסנדיק פון דער בודע, גרייט צו דורסן יעדן איינעם, וואָס וועט אַריבער דעם פּאַרקן. בײַם מינדסטן שאָרך, קער און וועגד, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן מיטשלעפּנדיק די שווערע קייט, אַזוי לאַנג ביז דער אַריבערקריי־כער איז נעלם געוואָרן. ער האָט נאָך נאָכדעם לאַנג געוואָרטשעט — אַפּנים פון פּאַרדראָס... אויך אַ שומר מיט אַ פּאַלקע אין דער האַנט האָט מען דאָרט געזען. דער באַלעבאָס פון סאַד — אַ רוסישער פּאָפּ — האָט געוווינט ווײַט הינטער דער שטאָט.

די שאַרפע ריחות פון בלי׳עכץ אויף די ביימער, שפּעטער — פון די פּירות. האָבן זיך געטראָגן ווײַט אַריבער דעם פּלויט. עס האָט געצויגן, געלאָקט אַריבער־כאַפּן זיך, נעמען אַ זאַפּטיקן עפּל אין מויל אַרײַן, אַ באַרנע, אויך גרויסע פלוימען, ווענגלאָקן אויף קליינע ביימלעך, האָבן זיך גלײַך אַרײַנגעגליטשט אין די קעשענעס.

האָט מען אויך אין צווייען זיך אַריבערגעלאָזט פון יענער זײַט פּאַרקן: איינער מיט אַן עמער צוגעבונדן צו אַ שטריק, איינער — אין דרויסן. אָנגעפילט, אַריבערגעצויגן — איז דער פון סאַד אַריבער אין דרויסן און דער צווייטער — פון דער אַנדערער זײַט. דעם הונט איז אַפּנים נמאס געוואָרן ס׳בילן און שלעפּן מיט זיך די שווערע קייט: מעגלעך — שוין צוגעוווינט צו די קריכערס, ווי איינער רעדט: „זאָלן זיי״. דאָס גלײַכן — דער שומר: אָדער ער האָט געכאַפּט אַ דרימל, אָדער — תּמיד געזען די זעלבע געשטאַלטן, זיך געטראַכט: „זיי האָבן גאָרנישט קיין מורא״. „זאָל זיי וויל באַקומען״.

האָט אַן עלטערער מענטש פון די איינוווינער אָדער פאַרבײַגייער באַמערקט די יאַטן זיך דרייען, קריכן, דראַפּען זיך איבערן פּלויט, האָט ער צו זיך געשמייכלט, באַוווּנדערט זייער געוואַגטקייט, זייער גבורה און מסתּם צו זיך געזאָגט:

— נישקשה, מ׳וועט דעם גלת נישט בדיל הדל מאַכן.

אַ יאָר אַכצן, צוואַנציק דאָ נישט געווען, נישט אַרײַנרעכענדיק די קורצע וויזיטן פון וואַרשע — שטייט ער דאָ ווידער. לעם אים — סאַראַ, שימעלע.

ער מאַכט עטלעכע טריט נענטער צום אָרט, צום הויז, וווּ זיי האָבן געוווינט. נאָענט פון ברונעם דרייט ער זיך, האַלט שימעלען בײַם הענטל. ער זוכט דעם ברונעם. נישטאָ. אַן אָפענער גרוב אַרומגעלייגט מיט שטיינער. אויך אַ ברונעם דערמאָנט ער זיך איז געווען אין באר־שבע, די זיבן ברונעמער פון אברהם אבינוס צײַטן. פון די „דירות״, וואָס זענען פריִער געווען פערד־שטאַלן, קאַזאַר־מעס — קיין סימן. די קלאַטקע — צעוואָרפן. די שפּאַליעס. אַ גרוביקע, לעכער־

דיקע, בלאַטיקע סטעזשקע. דער בוים, דער דאַרער, קוואַרער הויקער — איבער־געבראָכן. אַ הויכער פּיען, ווי אַ לעצטער, פֿוילער צאָן אין מויל פֿון אַ זקן — שטעקט אַרויס פֿון דער ערד. אָרעם הויקערל, אַן אָרעמע מצבה אויפֿן חרוב־געוואָרענעם הויף מיט אַלע אָרעמע איינוווינערס.

נאָך עטלעכע חדשים, פֿריילינג, וועט דער סאַד ווידער בליִען. פּירות רײַפֿע וועלן אַראָפּשווערן פֿון די צווײַגן, ריחות וועלן ווידער פֿאַרשמעקן דעם הויף. ווער וועט די ריחות אײַנזאַפּן? ווער וועט קריכן איבערן פּאַרקן, אַנלייגן קעשענעס אויבסט און פֿולע עמערס מיט שטריק אַריבערציִען אויף דער אַנדערער זײַט? דער וואַלפֿהונט וועט נישט בילן מער און דער שומר וועט אומגעשטערט קאָנען דרעמלען, אַפֿילו אײַנשלאָפֿן.

אַ פֿאַרדמיונטער שטייט ער, רעדט צו זיך:

אויך די אָרעמע שטובן, די פֿאַרטערס און בוידעם־שטובן, אָפּגעמעקט? ער דערמאָנט זיך דעם יום־כּיפּור: טאַטעס, זין, איידעמס, מאַמעס, טעכטער, שנורן און קינדער — אין די קלויזן, בתי־מדרשים. אוודאי שטיל געווען. אָבער — סאַראַ שטילקייט? סאַראַ הייליקע שטילקייט? אַ פֿיש אין וואַסער האָט געציטערט. און שׂמחת־תּורה? אַן ענגשאַפֿט בײַ ד׳ פּנחסלען אין שולעכל. ער גייט לעם טאַטן מיט אַ שטול, אַן איבערגעקערטע אויפֿן קאָפּ, ס׳זאָל זײַן ווו זיך צוזעצן, אָפּרוען נאָך די הקפֿות... אַצינד — אַ טויטע שטילקייט. נישט ווי אויף אַ בית־הקבֿרות. נישט קיין מצבֿה, נישט קיין שטיין. נישט קייןביימל, אַ קוסט, אַ בלום, אַ סימן „פּה נטמן״... נאַקעטע ערד. נאַקעט, ווי דער אמת פֿון זייער אַכזריותדיקן אומברענג. גראָע, נאַסלעכע ערד מיט סימנים פֿון צעגייענדיקן שניי. סוף ווינטער. פֿריילינג, אַ לעבן גייט אויף. אַזויפֿיל לעבנס אָפּגעמעקט, ווי מ׳מעקט אָפּ קרייד פֿון אַ טאָוול.

וועט מען שוין דאָ נישט הערן די געלעכטערס, די פֿריילעכע געשרייען און איבעררופֿן זיך פֿון די קינדער? קינדער מיט ראַניצלעך און אָן ראַניצלעך, מיט טאָרבעלעך עסן און טאָרבעלעך קאַיעטן, ביכלעך, סידורימלעך, תּפֿילין־זעקע־לעך און טליתימלעך. קינדער מיט קאַשקעטלעך, מיט יאַרמלקעס אויף די קעפּלעך.

אויך דער הימל איז אין די יום־טובֿים, אין ראש השנה און יום־כּיפּור דאָ געווען עניוותדיק, האַרבסטיק־נידעריק, געוויקלט אין טליתים ווי די מתפּללים אין די שילן, בתי־מדרשים, די געבויגענע הייזקעס אונטער נידעריקע דעכלעך־שיפֿור־עים, אויך זיי, ווי טליתים איבער די קעפּ פֿון מתפּללים. געדאַכט האָט זיך אין די אַ טעג, מער ווי אַ גאַנץ יאָר — אַז די תּפֿילות, די געבעטן, די ווינטשע־וואַניעס און ס׳אויסוויינען זיך אַ גוט געבענטשט יאָר, זענען נענטער צו גאָט: אַז גאָט איז נענטער צו זײַנע פֿרומע ייִדן, וואָס פֿאַרגעסן נישט אין אים.

פאַר וואָס האָט ער זיי פאַרגעסן? — אַכיבע ער איז נישט געווען דאַבײַ. אַנטשלאָפן געוואָרן אויף זײַן כסא הכבוד...

ווו זענט איר אַלע? פאַרוואָס איז אַזוי שטיל? עס לעכערט די אויערן... די שטילקייט זידט אין בלוט, ווי קאָכעדיקער בוימל אין געפעסן.

ער קאָן נישט מער דאָ שטיין. ער האָט מער נישט וואָס צו טאָן דאָ און ער קאָן זיך פון אָרט נישט רירן. ער קוקט אַרום: אויף די דינינקע גרעזעלעך דאָ און דאָרט, האָבן נישט די מראה פון גראָז. ווי צעקרומטע פאַרזשאַווערטע דראָט־לעך זענען זיי אויס. אויפן אָרט פון שמיעטניק און די קופּעס מיסט פון שטוב־באַלעבאַטישקייט, שיסלען פּאַמיעס, וואָס מ׳האָט דאָ געגאָסן פון טירן און פענצ־טער זעט ער. פלעקן, טונקעלע, גרויסע, ווי שפינען צעטראָטענע. ס׳וועלן מער נישט קומען קיין קעץ, הינט זוכן מיט וואָס זיך אונטערלענען ס׳האַרץ.

„ברודנאַ, שמיערדזשי” (ס׳איז ברודיק, ס׳שטינקט) — האָט אַ פאַרבײַגייענ־דיקער גוי געקרימט מיט דער נאָז. די צוויי ווערטער האָבן אים אין עפּעס דער־מאָנט. צוריק מיט אַ יאָר צען־צוועלף, אויך אין אַ פרילינג, האָט מען פאַרחתמהט דעם אויוון. אַזוי האָט געפּסקנט אַ סאַניטאַר־קאָמיסיע פון מאַגיסטראַט. אַ רויט זיגעלע אויף אַ שטריקל האָט געפינצערט אין די אויגן. זענען טאַטע־מאַמע געבליבן זיצן אַ פאַרשטיינערט זיצן, עלעהיי צוויי רעדער פון אַ וואָגן בלײַבן שטעקן אין אַ בלאָטע, אַ טיפע בלאָטע. ווו זאָל ער זיך אַהינטון? — האָבן מ׳טאַטנס בליקן שטום געפרעגט בײַ דער מאַמען. נעמען מ׳טלית און גיין דאַווע־נען? וואָסער יום־טוב אין מיטן דאַרינען? ווען איז שלום בעקער אין אַ פּראָסטן טאָג אין דער פרי געגאַנגען אין שול אַרײַן? און ס׳מאַמעלע? וווּהין זאָל זי גיין? דער אויוון איז קאַלט און אין האַרץ ברענט אַ פײַער. אין קרעמל, אין מתים־שטיבל? זאָל זי גיין? קוקן אויף די ליידיקע פּאָליצעס? — האָט זי שטיל אַ קרעכץ געטאָן: — גאָטעניו, מיט וועמען טרײַבסטו חוזק? וואָס האָסטו זיך, טאַטע אין הימל, אָנגעזעצט אויף דײַנע קינדער?

און דער טאַטע?:

— כאַטש נעם און הענג אָן צען טאַרבעס און גיי איבער די הײַזער.

אַצינד איז ריין, יודנריין. זיי האָבן זיך דערוואָרט, די גוייִם. „זשידזשי דאָ פּאַלעסטינע” — האָבן זיי געוואָרטשעט, געיאָגט די יידן. נישט געוואָלט זיך רירן, די זשידעס. אַ פאַרעקשנט פאָלק. האָט מען זיי געשיקט גלײַך אין „גן־עדן” אַרײַן... מיט די געדיכטע רויכן, דורך די קוימענס זענען זיי געגאַנגען. טאָג און נאַכט, פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת. מאַסנווײַז מיט ווײַב און קינד, מיט די זיידעס און באָבעס, די אַפּיקורסים און די פרומע, די באַלעגאָלעס און די „שיינע יידן”, די רביים, רבנים און די וואַסערטרעגערס, שוסטערס און שנײַדערס.

גאָרנישט מיטגענומען מיט זיך. נאַקעט, ווי די מאַמעס האָבן זיי געבוירן זענען זיי געגאַנגען. די פרומע ווײַבער — פוסבענקעלעך בײַ זייערע מענער — אַזוי האָט גאָט געוואָלט. כּה אמר אלוהים.

*

פרילינג נײַנצן זעקס און פערציק. איין וואָך זיך פּאַרהאַלטן אויף דער היימערד: אַ היים אָן אַ היים... זיבן טעג. זיבן זונאויפגענג, פּוילישע גרין־גאָלדענע, וואָס האָבן באַלויכטן שטאָק און שטיין, ווו ס'איז מיט זיבן יאָר צוריק געווען ס'ײדנפּערטל.

זיבן זונאויפגענג האָט היטלערס שאָטן זיך געשפּרייט אויף די חורבות, שוואַרצע, סטאַרטשענדיקע קוימענס פון אָפּגעשׂרפהטע, אויסגערויכטע און אויס־געהויכטע הײַזער. זיבן זונאויפגענג קעגן אָן אונטערגייענדיקער זון פון ייִדיש לײַב און לעבן.

זיבן טעג „שבעה”, וואָס וועלן זיך ציִען ווער ווייסט וויפל יאָרן.

דעם לעצטן טאָג פאַרן פאַרלאָזן פּוילן האָט ער געטראָפן אַ ייִד — איין ייִד פון די העכער דרײַסיק טויזנט ייִדן פון זײַן שטאָט. אַ יונגער מענטש — אַ יאָר עטלעכע צוואַנציק. זײַנע עלטערן האָבן געוווינט נישט ווײַט פון הויף. רײַכע מענטשן. אין אַ דערפל, פופצן קילאָמעטער פון שטאָט, זיך אויסבאַהאַלטן.

אַרישע פּאַפּירן. אַן אַריש פּנים. אַ גוטן פּויליש. אַ ביסל געלט און אַ סך מזל. פון זײַן מויל האָט ער געהערט מיט וואָסער טויט משה, פריידקעס מאַן, איז אומגעקומען. משה'ס טויט — דער לעצטער אַקט פון דער טראַגישער אומקום דראַמע פון פריידקען מיטן קינד, טאַטע־מאַמע, דער זיידע מיט די דרײַצן זין און טעכטער.

ביזן סוף נײַנצן דרײַ און פערציק איז נאָך די געטאָ אָפן געווען. מ'האָט זיך פרײַער געקאָנט באַוועגן. ער פלעגט זיך אַרײַנכאַפּן צו משהן. עפּעס ברענגען פון דאָרף, עפּעס אַהין פירן. ביזן לעצטן טאָג פאַרן ליקווידיקן די געטאָ, האָט ער אים געזען אויפן שוסטער־בענקעלע. די אַנדערע בענקעלעך ווו זײַנע צוויי שוואָגערס און דער שווער — פריידקעס זיידע — האָט מען שוין נישט געזען. מ'האָט וועגן די פעלנדיקע נישט גערעדט. אויך פריידקע מיטן ייִנגעלע זענען שוין נישט געווען.

נישט דער זעלבער משה. ער איז ווי נידעריקער אײַנגעשרומפּענער גע־וואָרן. געבויגן, אײַנגעזונקען מיטן נידעריקן בענקל. אַ קרומע פּלייצע, אַ פּנים פון אַ פערד, וואָס פירט אַ לוויה־וואָגן. נישט קיין וועגענער און נישט קיין

לוויות האָט מען דאָס לעצטע יאָר אין געטאָ געזען. אַרויס פון די שטובן און נישט צוריקגעקומען.

אויך די אַרבעט, משה׳ס — נישט די זעלבע שיך, לעטשלעך, אָפּיצערסקע שטיוועלעך, ליאַקערקעס, וואָס מ׳האָט זיך געקאָנט אין זיי „שפּיגלען״. ניין, אַלטע שקראַבעס, שיך צו פאַרלאַטען, זוילן שטיקעווען, צונייען אָן אָפּגעריסענעם נאָסעק, אויסגלײַכן אַ קנאַפּל. ער האָט זיך בײַ דער אַרבעט אָנגעהאַלטן, ווי אַ טרענקענדיקער בײַ אַ שטרוי. — די לעצטע שבלעצטע האָבן זיך געקלאַמערט בײַם לעבן, הונגעריקע, צעבראַכענע, אָן משפחות, ווײַבער, קינדער.

וועגן פריידקען האָט ער פון אים געהערט אָן אויסטערליש איבערדערציילן: שווער געגאַנגען צו קינד. אַכט מעת־לעת אין ווייען: ווייען און — די טראַכט פאַרשלאָסן. ער האָט אויפן בענקל נישט געקענט אײַנזיצן. ס׳העמערל איז אים פון די הענט געפאַלן. נישט געטראָפן צום פלעקל, ס׳פלעקל וואָס ער ציט פון מויל אַרויס טרעפט נישט צום לעכל פון דער פאָדעשווע. די אָל בייגט זיך, די דראַטווע רײַסט זיך איבער, די קאָפּעטע וויל נישט אַרויס פון שוך.

בײַם רײַסן אַ נאָסעק גליטשט זיך די צוואַנג אַרויס פון דער האַנט. קנאַפּע צען יאָר זיצט ער אויפן בענקעלע און אַזאַ זאַך איז בײַ אים נישט געשען. און פריידקע — דריטער מעת־לעת אין ווייען. האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַוועק צו ר׳ פנחסלען, דעם שטאָט־רב. אַ נידעריק־דראַבנע יידל מיט אַ שפּיציקער, געלער באָרד. אויסגעהערט אים האָט ער אַ קרעכץ געטאָן און עפּעס געבומען מורמלען, ווי צו זיך אַליין: „וכוח אין ללידה, וכוח אין״... ער האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. נישט געוואָלט איבערפרעגן.

גײַ — מאַכט ער צו אים — השם יתברך וועט העלפן. איז ער אַהיימגעגאַנגען. אין קאָפּ האָבן זיך געפּלאָנטערט מעשיות, וואָס ער האָט געדענקט פון חדר — סך־הכל עטלעכע זמן־מעשיות וועגן גלגול נשמות, וועגן אַ ניצוץ אור אין בעלי־חי פון אַ פאַרזינדיקטער נשמה פון אַ מענטש. אַ נשמה פון אַ מענטש קאָן אַמאָל אַרײַן אין אַ הונט, אַ קאַץ — לא עלינו — אין פאַרשיידענע ברואים, אַפילו אין אַ ווינטמיל.

אַ שרעק איז אים באַפאַלן. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ נשמה ראַנגלט זיך אין זײַן ווײַבס טראַכט. צומאָרגנס — ווידער בײַ ר׳ פנחסלען, ווידער אַ מורמלעניש: „ווי נאָר די נשמה פאַרלאָזט דעם גוף האָט זי נישט קיין מנוחה״. ס׳שטייט געשריבן: „דבר הסובב סובב הולך הרוח״ (רונד אַרום, רונד אַרום גייט דער ווינט). ר׳ פנחסל, זעט ער, טריטלט צו צו דער ספרים־שאַנק, פאַרהייבט ס׳פוירהאַנגל און נעמט אַרויס אַ קליין דין ביכעלע, דערלאַנגט עס אים:

— נעם אָט דאָס קונטרסל און גיי געזונטערהייט, לייג עס דער קימפּעטאָ־

רין צוקאָפּנס. זי וועט האָבן אַ זכר. פאַרגעס נישט ס'קונטרסל — גיט ער צו — ימים נוראים קומען. קום אַרײַן אין די עשׂרת ימי תשובה אויף אַ קאַפּיטל תהילים.

פון רב איז ער אַוועק אויפן הייליקן אָרט צום קבר פון פריידקעס זיידע (מזל געהאַט, געלעבט, געשטאָרבן אויפן אייגענעם בעט, אים קובר געווען ווי אַ ייִד) ער, דער זיידע, זאָל זיך מיִען פאַר איר. טאָמער ווייניק — האָט מען אין מיטן גיין צו קינד צוגענומען די אַקושערין.

וועגן דער אַקושערינס אומקום האָט מען דערציילט: אויף אַ וואָגן מיט פרויען און קינדער האָט מען זיי אַרויסגעפירט. הינטער דער שטאָט, אויפן וועג צום רובישויוער וואַלד. אַ שוואַנגער־פרוי האָט באַקומען ווייען: שטאַרקע ווייען, איינע נאָך די אַנדערע, די געשרייען — אין לשער. זי האָט זיך מיט איר מטפּל געווען: מיט די ליידיקע הענט געפרוווט איר העלפן. די עס־עס, וואָס זענען געפאָרן אויף אַ קאַמאַנדע און דער פורמאַן, אַן אוקראַינער, האָבן זיך דע־נערווירט, געדראָט איר מיט שיסן קוים וועט זי זיך נישט אויפהערן פּאַרען אַרום דער פרוי. די ווייען האָבן זיך געשטאַרקט. די אומגליקלעכע האָט געשריגן. די רוצחים שטעלן אָפּ דעם וואָגן, שלעפּן אַראָפּ די שוואַנגער־פרוי. דער פורמאַן האָט אַ צי געטאָן מיט די לייצן. די אַקושערין האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דער געוויבערינס געשרייען און געשפּרונגען פון וואָגן. מען האָט זיי ביידע דער־שאָסן. אַ שנייאיקער טאָג געווען. צוויי גראָע פלעקן און בלוט־קאַלוזשעס אויפן ווײַסן שניי.

אויפן אַכטן טאָג איז צו פריידקען דער קימפּעטאָרין געקומען דער דאָקטאָר שאַר, דער געשמדטער ייִד.

ער האָט באַפוילן אָפּרייניקן די בענקלעך, די פּאָדלאָגע פון די שטיקלעך נאַסע וואַטע, גאַזע, צעשאָטענעם פּודער, פלעשלעך פליסיקייטן, וואַזאַלין, יאָד, כּולערליי שמירעכצער — איבערבלײַבעכצן נאָך דער אַקושערינס „רעצעפּטן". — צערוקט די צוויי לײַלעכער, וואָס האָבן דאָס בעט פון דער קימפּעטאָרין אָפּ־געטיילט פון דער שטוב, דער ריח פון דער נאַכט־כּלי און שווייס זאָל אַרויס, באַפוילן אַרײַנברענגען אַ גרויסן לאָמפּ: אַ צוועלפווער לאָמפּ. אַ ווייכער וואַלעק פון אַן אײַנגעוויקלטן קאָץ איז דאָרט געלעגן. איינע, אַ שכנטע, האָט דעם דאָקטער שאַר אויפגעקלערט, אַז דאָס איז, אַ ווײַבערישער ספּאָסוב: מ'לייגט דעם וואַלעק אונטער די קריזשעס פון דער געווינערין, כּדי צו פאַרגרינגערן די געבורט־ווייען.

מיט קלעשטשעס האָט דער דאָקטאָר אָפּגענומען ס'קינד: אַ זכר, ווי ר' פּנחסל האָט געזאָגט. געהאָלפן געוואָרן. אַ ברית. אַ פּדיון־הבן פאַר די לעצטע גראָשנס,

בראָנפּן. לעקאַך, שקאַרמיצלעך אַרבעס, צוקערלעך, אַזויווי פאַר דער מלחמה און, בעזרת השם, זאָל זײַן אַ זיס יאָר.

מען האָט נאָך אַלץ געקענט דעמלט קריגן אויף שוואַרץ — האָט משה באַריכות דערציילט. אַ מאַשין אויף צערען לאַטעס אויף די שיך איז נאָך געווען, צודאַטן — אויך אויף שוואַרץ. מ'האָט נאָך ווי עס איז געזשיפּעט. אלא וואָס? קראַנק. פריידקע האָט אָנגעהויבן קרענקען, דאָקטערן זיך, העכער אַ יאָר צײַט. האַרבסט נײַנצן פיר און פערציק. אָט־אָט, האָט מען געשמועסט ענדיקט זיך די מלחמה: די ייִדן־שחיטות, טויט־מאַרשן, „אַקציעס". די לעצטע, „אַקציע". די לעצטע אַריבער טויזנט ייִדן פון שטאָט — צווישן זיי פריידקע און סרוליק אַנדערהאַלבן יאָריקע ייִנגעלע.

משה'ס טויט. יאַנואַר נײַנצן פינף און פערציק. די לעצטע צוועלף ייִדן: שׂרידים פון אַן אויסגעהרגעטער שטאָט ייִדן געטריבענע אין די ערגעצן פון וואַנעט מ'קומט נישט צוריק. צעטומלטע, צעבראָכענע, פאַרלאָרענע. גאָרנישט האָט זיי געקענט אויפהייבן, אַרויסהייבן פון רעזיגנאַציע: איבערראַשן זיי צום גוטן, דערפרייען, אַפילו מצער זײַן נאָכן פאַרלירן יעדן געפיל פון מורא פאַרן היינט, וואָס האָט געדראָט מיט יעדער שעה לעבן, מיט לעבעדיקן טויט.

אין איינציקן חדר אין הויז פון יודן־ראַט דעם אויסגעליידיקטן פון מענטשן זענען זיי געזעסן. אַלע חדרים אָפּגעשלאָסן.

משה — צווישן זיי אין פוסטן חדר. אבלים. „שבעה" נאָך אַלע נישטאָיקע. צער, יאוש, יסורים אויף אַלעמענס פּנימער. געציילטע טעג, אפשר שעהען טיילט זיי אָפּ פון זיכערן אומקום. אָט־אָט קומען זיי, די מחבלים אין די גרין־גראָע מונדירן. נישט דער טויט האָט געשראָקן. לעבעדיקע צרות, פּײַניקונגען האָט געגליווערט ס'בלוט אין די אָדערן. די מײַלער — שלעסער: קאַליעגעוואָרענע שלעסער. אָפּגענומען ס'לשון. פּלוצעם גיט ער זיך אַ שטעל אויף, משה, ער איז אײַנגעוויקלט אין אַן אַלטן, אָפּגעטראָגענעם פּאַלטן, צי כאַלאַט. אַזוי־אַ שטייענדיק הייבט ער אָן טאַנצן. הייבט די פיס, די הענט אין דער ברייט און נעמט זיך דרייען אין אַ קאַראַהאָד: פון מינוט צו מינוט — שטאַרקער, האַסטיקער. ער טאַנצט און זינגט:

אַשרינו מה טוב חלקנו,
מה טוב חלקנו.

וויכערדיקער אין אַ משוגענעם געדריי און געזאַנג:

מה נעים, נעים גורלנו
מה נעים, נעים גורלנו

ומה יפה, יפה ירושתנו,
אַשרינו!

משה, דער שוסטער. קיינמאָל פון זײַן מויל קיין לשון־קודש וואָרט נישט געהערט. ווי קומט עס צו אים? און סאַראַ קול? אָט גייט עס איבער אין אַ הייזעריק געשריי. ער פּאַטשט מיט די הענט, טופּעט צו מיט די פיס. זיי הייבן זיך, די פיס, טאַנצן. זיי פּלאָנטערן זיך און טאַנצן. דער קאָפּ — פאַרוואָרפן אויף רעכטס, אויף לינקס. ער פאַרנעמט די פּאָלעס פון צעקנעפּלטן כאַלאַט, הילט זיך אין זיי אײַן. טאַנצט. שווייס רינט פון שטערן, פון פּנים. ער טאַנצט אָן קוקן, אָן לאָזן אַ בליק פאַלן אויף די אין חדר. אָן איבעררײַס הייבן זיך די פיס. מיט די הענט האַלט ער ביידע עקן כאַלאַט. ס'פּנים — בלאַס באַגאָסן מיט שווייס אַנגסט. אויגן? — אויסגעגלאָצטע איבער, אַריבער, ערגעץ פאַרקוקט, משוגע־ווילד פאַרקוקט. ער קוקט אויף אַלע און זעט קיינעם נישט.

ס'געזאַנג ווערט כריפּענדיקער, הייזעריקער. מיט די לעצטע כּוחות, אין איין אָטעם טאַנצט ער, שרײַט, זינגט:

אַשרינו, מה טוב, מה טוב!

משה! ר' משה! פּרוּווט יעדער איינער און אַלע צוזאַמען רעדן צו אים, הויך אויפן קול, ווי מ'וועקט איינעם פון שלאָף. מ'שלעפּט אים פאַר אַ פּאָלע. ער רײַסט זיך פון אַלעמענס הענט. די אויגן ווערן גרעסער, אָט קריכן זיי פון די לעכער אַרויס. ער טופּעט מיט די פיס. אײַ, ווו נעמט ער כּוח? — פרעגט, זאָגט איינער דעם צווייטן. אָט וואַרפט זיך דער גאַנצער גוף זײַנער, אין קאָנווולסיע. — משה! די דײַטשן וועלן הערן. איר ברענגט אויף אונדז אָן אומגליק. וואָס טוט זיך מיט אײַך? אומגליק? — הערט מען ס'ערשטע מאָל זײַן קול — אַשרינו, אַשרינו — און ער בלײַבט פּלוצעם שטיין אַזוי פּלוצעם ווי ער האָט אָנגעהויבן טאַנצן. ער צענעמט די הענט, ציט זיי אויס, ווי ער וואָלט רופן צו הילף. עפּעס האָט זיך, קאָנטיק, יאָ דערטראָגן צו זײַן אויפגערייצטן, אָנגעצונדענעם באַוווסטזיין, צו זײַן מוח. ער בלײַבט שטיין אַ ווײַלע, טוט זיך אַ וואַקל און, ווי אָן אונטערגעהאַקטער בוים גיט ער אַ פאַל, אַ דריגע מיט ביידע פיס. ער איז געבליבן ליגן אָן אַ ריר טאָן מיט אָן אבר. אַראָפּ פון זינען. טויט.

איינער פון די צוועלף, וואָס איז בדרך נס ניצול געוואָרן, האָט דאָס דער־ציילט דעם יונגערמאַן. וואָרט בײַ וואָרט דערציילט און צוגעגעבן:

— מען האָט אים נישט באַדויערט, נישט באַוויינט. ניין. שוין נישט געווען קיין טרערן. אויך דאָס וואָרט „באַדויער" האָט זיך פון קיינעמס מויל נישט געהערט. מען איז אים מקנא געווען. יאָ. מקנא.

נאָך האָט ער זיך אָנגעהערט, דער יונגערמאַן:

רוסישע פלענניקעס פלעגן זיך אַרײַנגנבהנען אין געטאָ, בעטן עסן, אַ טרונק. אין די נעכט פלעגן זיי קומען, קלאַפּן אין פענצטער, אין די טירן: אָפּגע־מאָגערטע, פאַרהונגערטע אויסגעשטרעקט אַ האַנט: אַ פויערישע, שווערע, אויס־געפּײַנקטע האַנט; ייִדן בני־רחמים, אַז זיי האָבן נאָר געהאַט, האָבן מיט ליידיקע הענט זיי נישט געלאָזט אַוועקגיין. זיי פלעגן זיך אויך אויסבאַהאַלטן אויף עטלעכע שעה, אַ מאָל — אַ נאַכט, צוויי און נאָך דעם אַנטלויפן אין די וועלדער.

די אוקראַיִנער פון דער געגנט, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דײַטשן, האָבן דאָס דערגיוכעט, געוואָלט דערגיין ווער פון די ייִדן העלפט די פלענניקעס. האָבן אויך זיי זיך פאַרשטעלט פאַר פלענינקעס. אָנגעטאָן צעריסענע קליידער, דערשלאָגן צו די ייִדישע שטובן, אויסגעשטעלט רחמנות־פּנימער, געבעטן עסן, אַ טרונק. שווער געווען צו אונטערשיידן אין די אַ רגעס, אין מיטן דער נאַכט, פאַרטאָגן, ווער עס איז אַן אמתער געפאַנגענער און ווער נישט. אַ סך ייִדן זענען צוליב דעם געפאַלן אַ קרבן. מען האָט גענומען ס׳שטיקל ברויט, אַ מאָל ס׳לעצטע שטיקל ברויט פון מויל פון אַ גוטן ייִד, און אויפן אָרט, ברוטאַל, אַ שלעפּ אַרויס געטאָן אים פון שטוב, מערדעלעך געשלאָגן, אויך אַרויסגעשלעפּט פון שטוב ווער עס איז געווען, אַרויפגעטריבן אויף פון פריִער צוגעגרייטע לאַסט־אויטאָס. צוריקגעקומען איז מען שוין נישט.

אויף אַזאַ אופן האָט מען אויך ליקווידירט די רוסישע גייערס איבער די שטובן. מיט די רוסישע געפאַנגענע זענען די דײַטשן זיך באַגאַנגען, ווי מיט די ייִדן: געפּײַניקט, געשלאָגן. אויסגעמוטשעט בײַ די שווערסטע אַרבעטן. פלעגן אָנלייגן אַ וואָגן מיט קלעצער, ברעטער, אײַזנוואַרג, אײַנשפּאַנען צוואַנציק, דרײַסיק פלענניקעס. האָט מען אַזוי לאַנג געשלעפּט — אונטער קלעפּ פון קאָלבעס און נאַגייקעס — ביז מען איז געפאַלן אין וועג. האַלב־טויטע, נישט־דערשלאָ־גענע, געשאָסענע־נישט דערהרגעטע געלאָזט ליגן. די לעבעדיקע האָבן ווײַטער געשלעפּט ביז זיי זענען געפאַלן.

17

געהערט, אין כעלעם אַז אין לובלין קאָנצענטרירן זיך געראַטעוועטע ייִדן: פון די וועלדער, געטאָס, קאַצעטן, אויסבאַהאַלטענע אויף אַרישע פּאַפּירן, פּאַרטיזאַנער — האָט ער באַשלאָסן אויף אַ טאָג־צוויי אַהין זיך צוכאַפּן. און פון דאָרטן — ווייטער. אַרויס, אַרויס פון דער ברענענדיקער ערד. אפשר דאָרט פּאַרט עמעצן פון די שטאָטישע, באַקאַנטע, היימישע טרעפן, הערן אַ וואָרט, אַ גרוס, אַ סימן פון לעבן. אפשר עמעצער פון שׂרה׳ס משפּחה. זענען זיי, ער, שׂרה און שימעלע, מיט צוויי וואַליזקעס, און קליין ביסל געפּעק, אַרויס אין גאַס אויפן וועג צו דער באַן־סטאַציע. עס איז ווײַטלעך צו דער באַן־טאַציע שׂרה איז נישט בײַ די בעסטע כּוחות. מ׳עט נעמען אַ דראָשקע.

אויפן פּלאַץ, ווו ס׳איז פריִער געווען דער „רינעק" זעט ער דריי דראָשקאַ־רעס, לעבן דרײַ דראָשקעס. פריִע שעה. אַ קאַלטער טאָג שטעלט זיך. אַ פּאַר־שפּעטיקטער פרילינג שלעפּט מיט זיך מיט אַ שטיק ווינטער. אַ נידעריק־פּאַר־וואָלקנטער הימל. אין פּעלצן, קאָזשוכן אַרומגעפּאַסעוועט, געבויגענע שטייען זיי, הוקען אין די הענט אַרײַן, טופּען מיט די פיס. שטייען און דרייען זיך אויף אַן אָרט. פון אונטער די בושליקן, קוטשמעס זעט מען קוים אַ פּנים: בערדיקע, באַוואַנסעטע פּנימער. ער גייט צו צום ערשטן, וואָס שטייט ווײַטלעך פון די צוויי, מיט אַ פּוס אויף אַ ספּריכע פון אַ ראָד. ער דרייט אויס דעם קאָפּ צו אים:

— צו דער באַן?

— צו דער באַן.

יענער נעמט אַראָפּ. דעם פוס פון ראָד, מיט אַ שאַר פון דער האַנט פּאַררוקט ער די קוטשמע, קוקט אויף אים, אויף שׂרהען, שימעלען און דעם ביסל געפּעק, טשעמאָדאַנעס. נאָך אַ ווײַלע באַטראַכטן די פּאַסאַזשירן, מאַכט ער אַ טריט צו זיי און פרעגט נאָך ווידער, אַ שטייגער ער וויל זײַן זיכער צי האָט ער גוט געהערט. פּנים־אל־פּנים שטייט ער צו אים, דער דראָשקאַש. אַ הויכער, בייניקער מאַן. ער בייגט זיך צו, מעסט אים מיט די אויגן. דער בליק ווערט אים אַביסל אי היימ־לעך, אי פאַרדעכטיקט. וואָס איז דאָס אָנקוקן זיך? — וויל ער אים פרעגן. זאָל ער זאָגן וויפל עס קאָסט, וויפל ער וויל. טאָמער מיינט ער אַז די פּאַסאַזשירן האָבן נישט צו באַצאָלן, און מ׳וועט אויפּזיצן. און אָט:

— עמך?

שוין שטייען זיי נעבעטער איינער קעגן אַנדערן. ביידע שווייַגן. ער פֿאַר־רייַסט דעם קאָפּ צום דראָשקער, קוקט אויף אים און ווייסט נישט, וואָס צו ענטפֿערן? יאָ, ווייל ער זאָגן — אַ ייִד און שווייַגט. דער דראָשקער, אַפּנים, האָט אים דערקענט:

— אוי, וועמען זע איך דאָ? ווי רופֿט מען דיך? שוין פֿאַרגעסן.

ער וואָלט אפשר ווייטער געשטאַנען אַזוי אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן ווען נישט דאָס קול: ס׳קול פֿון דראָשקער איז אים קענטלעך:

— גבריאל? האָוורילאָ?!

ביידע כאַפּן זיך אַרום. דעם באַלעגאָלעס שטאַרקע, לאַנגע הענט דריקן אים צו זיך. ער רופֿט נאָך אַמאָל אויס:

— וועמען זעען דאָ מייַנע אויגן? שלום, דעם בעקערס?

— און איר, דו, גבריאל? ווי אַזוי?... איבערגעלעבט? האָ?... ווייל ער פֿרעגן און ווייסט נישט פֿון וווּ, פֿון וואָס אָנהייבן.

— דאָס איז דייַן ווייַבל דייַן קינד?

— און איר, דו, האָוורילאָ, אַליין?

— מ׳עט רעדן, מ׳עט רעדן, ברודערקע. וואַרט. וואַרט. מ׳פֿאָרט נאָך נישט. מ׳עט פֿריִער אַהיימפֿאָרן, קומט, קינדער. אוווּאַ, אוווּאַ, וועמען איך זע.

גבריאל מאַכט עטלעכע טריט צוריק צו דער דראָשקע. ביידע „קאָלעגן פּאָ פּאָכו" דרייען אויס די קעפּ צו זיי, פֿאַרשטייען מסתּמא, וואָס דאָ טוט זיך. שטומען. שמייכלען: שמייכלען, וואָס ווילן זאָגן: — סוואָי — דאָ סוועגאָ.*

— גיב נאָר אַ קוק צו דער חיה, האָ? — זאָגט גבריאל.

ער איז נישט קיין גרויסער ווייסער אין דער „בראַנזשע" — וואָלט ער אים באַדאַרפֿט זאָגן: אַ פֿערד, ווי אַלע פֿערד.

ער האָט דערבייַ געמאַכט אַ מינע, ווי איינער רעדט: — נישט דאָס ליגט מיר אַצינד אין זינען.

נאַרעלע. פֿאַרוואָס איך פֿרעג דיך וווּנדערסטו זיך, האָ? טאָקע קיין סך נישט אונטערגעוואַקסן אָבער אַ קעפּל אויפֿן קאַרק האָסטו, געדענק איך. ווען איך האָב דיך מיטגענומען אין דאָרף אַרייַן קויפֿן דעם לאָשאַק, געדענקסטו?

— איז דאָס יענער לאָשאַק?

— כאַפּ נישט, ברודערקע. נישט יענער, יענע, אַ נקבה אַ קאָבילע איז עס געווען, דער־אָ איז איר זון.

אַ דרייַ יאָריקער. „צער בעלי חיים" האָט דיך ס׳מאַמעלע גערופֿן איאָ?

---

* אייגענע צו אייגענע.

— יאָ, יאָ, גבריאל. איר, דו געדענקט?

— צי איך געדענק. געלאָפן אַרויפוואַרפן אַ זאַק, אַ ליאַך אויפן פערדל, וואָס שטייט „נאַקעט" אויפן רעגן, ס'זאָל זיך, חלילה, נישט פאַרקילן.

— אוי, גבריאל טײַערער, וואָסזשע טוט איר דאָ? איז דאָס דײַן פּרנסה?

— דערווײַל, ברודערקע, טוט מען, וואָס עס לאָזט זיך.

— העי, האַווריליאָ! — שרײַט אײנער פון די צוויי דראָשקערעס, וואָס האָבן די גאַנצע צײַט זיך צוגעקוקט צו דער סצענע — אַ ראַדאָק? **

— וואָדען? — ציט ער אויס זײַן לאַנגע האַנט איבערן קאָפּ פון אַהרעלען, ווי ער וואָלט זאָגן — קוקט איר אָן דאָס מענטשעלע? אַ קינד, אַ יינגל געדענק איך אים: נישט קיין סך אונטערגעוואַקסן אָבער גלאָווע, אַ קעפּעלע האָט עס, אַ קלוגער יאַט.

און צו אים:

— יאָ, ברודערקע, אַליין. ס'ווײַב מיט די צוויי זין — יונגען ווי די לעכט — אין אויוון אַרײַן געגאַנגען.

וויפל מאָל ער האָט דאָס וואָרט געהערט. ווי רויִק, ווי פּשוט עס זאָגט זיך אַרויס, דאָס ברוטאַלע וואָרט — האָט ער זיך אין די רגעס געטראַכט. אויך גבריאל האָט געשוויגן.

— גבריאל, גבריאל, אַ נס זענט איר, ביסטו.

— איך בין דערווײַל אַ באַלעגאָלע, ווי דו זעסט, אַ דראָשקאַזש. מ'וועט הײַנט, בראַטאָק, צו דער באַן נישט פאָרן. קיל אין דרויסן, נישט? דער קליינער, ווי רופט מען אים? שימעלע האָסטו געזאָגט, ס'ווײַבעלע דײַנס ציטערן דאָך פון קעלט.

ער כאַפּט די צוויי וואַליזקעס, ס'פּעקל — אַ וואַליע אַרויף אויף דער דראָש־קע: היידאַ, אַרויף!

— וווהין, גבריאל?

— כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַ היים צו מיר, רײַוועץ, נישט ווײַט.

— ווו דו האָסט פריער געוווינט?

— יאָ. נישט געטוישט ס'אָרט. דאָרט געבוירן געוואָרן. מ'עט מאַכן אַ שנעפּסל, דערוואַרעמען זיך. קומסט דאָך פון „טאַטנס ווײַנגאָרטן" אַ יאָ? פון די „חברים" קומסטו דאָך. זיך כאַטש אויסגעלערנט נעמען אַ ביטערן טראָפּן?

אַ גערטנדל. עטלעכע בײַמלעך. אַ סטעזשקעלע פירט צו אַ הײַזקע. אַן אַלטע, האַלב־דאָרפישע, האַלב־שטאָטישע הײַזקע. אינעווייניק האָט מען אַראָפּגעוואָרפן

** אַ לאַנדסמאַן.

פון זיך די ווינטערדיקע קליידער. אַלע דרײַ, אויך שימעלע, אַרום אַ טיש פון פּראָסטן האָלץ. ברויט. אַ צעשניטענער הערינג, פּוטער, קעז אין אַ בלעכענעם טעלער. אַ פלאַש וואָדקאַ. דרײַ גלעזער. גבריאל גיסט אָן צו האַלבע גלעזער, אין דריטן גלאָז — אַביסעלע איבערן דנאָ, פאַר סאָראַן. אָנגעקלאַפּט אויף אַ „לחיים" האָבן בײַדע איבערגעקערט די גלעזער משקה אין האַלדז אַרײַן. סאָראַ האָט אַ קליינעם זופּ געטאָן, אָוועקגעשטעלט דאָס גלאָז. זי האָט באַשמירט אַ פּענעצל ברויט מיט פּוטער, געגעבן שימעלען.

— ווי זאָגט מען אויף רוסיש? — האָט גבריאל אַביסעלע אַ דערוואָרעמטער אָנגעהויבן — „מאַלענקי אַלע וואָזשענקי"* דו קענסט, זע איך, מאַכן אַ שנעפּסל.

לאַנג האָבן די געסט זיך נישט געלאָזט בעטן. מ'האָט זיך אונטערגעלענט די הערצער. נאָך אַ שטיקעלע ברויט באַשמירט מיט פּוטער, אַרויפגעלייגט אַ שטיקל קעז פאַר שימעלען. צוגעטרונקען טעפּלעך טיי, צוגעביסן פון אָנגע־שניטענעם ברויט.

— איז דאָס דער זון פון יענעם לאַשאַק, די קאָבילע, די נקבה, האַ? אַ גאַנצער „מאַנצפאַרשוין".

— געראָטן אין דער מאַמען. שטעלט פיס, ווי אויף אַ פּאַראַד. געדענקסט דאָס פערדל? קיין בײַטש נישט באַדאַרפט, האַ?

ערשט אַצינד זעט ער גבריאלן. אַ יאָר עטלעכע צוואַנציק זינט ער פלעגט זיך ווײַזן אין בעקערײַ. באַראַיעט, ווי דער טאַטע פלעגט זאָגן — קויפן דעם לאַשאַק, אַ װעגעלע. ער, גבריאל, וועט דעם קליינעם ייִנגל אויסלערנען שפּאַנען אַ פערד, מאַכן אָן אַבעריק. ווערן אַ פורמאַן און צעפירן די ברויטן, די געבעקסן אין די הורט־געוועלבן. ברענגען אַמאָל אַ זעקל מעל, אָוועקפירן אַ קערצל קאָרן צום מילנער. פאַר אַ שיבוש האָט ער „דאָקאַזשעט" דאָס פערדל. פּאָרט אַ פעטער. דרײַ ברידער זענען זיי געווען: ער, שמחה און לאָזער. שוין דערציילט וועגן זייערע גבורהדיקע מעשׂים. אַלע דרײַ, שטאַלטנע, געזונטע „ייִדישע גויִים" האָט מען זיי גערופן. דער טאַטע איז באַשטאַנען, ס'מאַמעלע האָט פּאַטאַקעוועט מיט אַ קאַפּשאַקל און ער איז אַוועק מיט גבריאלן אין דאָרף אַרײַן ברענגען ס'פערדל.

נישט דער זעלבער גבריאל. אַ קאָפּ שיטערע, גראָע, דינינקע הערעלעך. גראָער אַנוווּקס אויפן פּנים. נישט קיין פּנים, אַפּגעצויגענע באַקן, אַזש די קינען סטאַרטשען אַרויס. אַ מאַסיווע נאָז. צוויי לאַנגע, טיפע קאַרבן ביז אַראָפּ דעם

---

* אַ קלייניקער אָבער אַ וואָזשנע.

ברייטן מויל. עפּנט ער עס — האַלב ליידיק, און שיטערע, געלע, גרויסע, קרומ־לעכע ציין — כאַפּט ער די מראה פון אַ מאַן אַ סך עלטער ווי ער איז. אויגן — בלויע, וואַסערדיקע, טונקעלע קישעלעך אַרום זיי. אַ דינע רויטלעכע האַלדז־הויט. די הויט אויפן קאַרק — געקעסטלט און אַ קאָליר פון קראָקאָדיל־לעדער. לאַנגע הענט. בייניקע דלאָניעס, גרויסע, האַרטע. מען האָט זיך צערעדט. מ׳רעדט און מ׳רעדט — זאָגט אַ ווערטל — און מ׳קומט אַרויף אויפן טויט...

— ס׳מאַמעלע, זאָגסטו, גבריאל, דער טאַטע, פריידקע מיטן ייִנגעלע, האַ? אַלע, אַלע? נישטאָ? נו, איז שוין נישט קיין וווּנדער וואָס משה איז אַראָפּ פון זינען. אַלע זענען אַריבער דעם בוג. דער טאַטע האָט נישט געוואָלט. „האָט נישט קיין כוח צו וולוטשען זיך אין דער פרעמד״. נו, יאָ. ווער האָט זיך געקאָנט רעכטן אויף אַזאַ בראָך.

— נו, הער שוין אויף.

— גבריאל, איר, דו, אַליין אַדורכגעמאַכט, ווילט נישט הערן דערפון. דאָרטן, אין רוסלאַנד, האָט מען געלעבט בלינד, טויב. ערשט צום סוף האָט מען געזען ווי גרויס ס׳איז די בראָך.

— די „קופּנע״, וואָס איך פלעג מאַכן בײַם טאַטן געדענקסטו?

אַלע זונטיק אין דער פרי, איבער אַ וואָך, געקומען אין בעקערײַ, פאַר גראַשנס אָפּגעקויפט אַלטגעבאַקענע, בראַטשנע ברויטן, געבעקסן, געוואָרפן אין זעקל אַרײַן, אויף די פּלייצעס און — הײדאַ, אין וועג אַרײַן. אויפן וועג האָט ער שטיקלעכווײַז געבראָכן, געקניפּט פון זעקל און געוואָרפן אין מויל אַרײַן. ער האָט נאָך דעמאָלט געהאַט אַ מויל געזונטע ציין. אַ האַלב שוואַרץ ברויט און אַ הערינגל אין מויל, ווי אַ גאַרמאָשקע, האָט ער „אויסגעשפּילט״ אַ מאַלצײַט. ער איז קאַפּאַבל געווען אויפעסן אַ טעלער גריץ מיטן טעלער.

— ס׳קינד איז מיד, סאַראַ נעם גיי מיט אים אַביסל אַרויס אויף פרישע לופט אָדער לייג אים שלאָפן. בײַ אַ האַלב־אָפּגעליידיקטן טיש זיצןביידע. גבריאל האָט געבערענגט אַ טשײַניק געקאָכט וואַסער, אָוועקגעשטעלט אויפן טיש. מ׳האָט געטרונקען טיי, צוגעביסן מיט וואָס עס איז געבליבן אין די טעלערס.

— דיין מאַמעלע פלעגט דערציילן: אַלע דינסטיק ביסטו מיט אַ גראַבליע און אַ זעקל אויף די פּלייצעס אַוועק אויפן מאַרק, אָנגעגראַבלעט פראַוויאַנט פאַרן פערדל, זיך אויסגעלערנט מאַכן אַן אַבעריק. פון דײַן האַנט האָט עס געגעסן. אויף דער פּאַשע געפירט, געפּאַיעט.

— דערצייל, דערצייל בעסער, גבריאל, ווי אַזוי ביסטו פון גיהנום אַרויס.

— נישט כדאי, נישט מעגלעך. צוואָס? מסתמא האָסטו שוין אַלץ געהערט.

— געהערט, נישט געהערט. איך וויל וויסן, פון דײַן מויל וויל איך וויסן.

— נאַרעלע, קאָן מען אַזעלכע זאַכן איבערגעבן אין ווערטער? ס'אַ מעשה אָן אַ סוף.

— יאָ, כ'ווייס — אָן אַ סוף... כ'מיין, וויפל צײַט ביסטו דאָרט געווען?

— ווו דאָרט? עטלעכע „דאָרט". פון לאַגער צו לאַגער. צײַט? דאָס וואָרט „צײַט" האָט דאָרט נישט עקזיסטירט. די רוצחים — האָט ער מיט אַ טרויעריק־הייזעריקער שטים אָנגעהויבן — האָבן באַשאַפן אַ נײַע צײַט, אָן אַ זייגער, אָן טאָג, אָן נאַכט.

— איך פאַרשטיי נישט.

— ווער קאָן יאָ פאַרשטיין?

די צײַט האָט זיך גערעכנט לויטן קומען פון די באַנען געלאָדענע מיט מענטשן. אויך איך האָב פאַרגעסן אין טאָג, אין נאַכט. קיין גרויסער רעכנמײַס־טער בין איך נישט. ווייסט דאָך: אין די שקאָלעס נישט געגאַנגען. אין סאָביבאָר האָב איך געלערנט, אַז אַלץ האָט אַ דנאָ. אַפילו אַ ים האָט אַ דנאָ. אַ דנאָ פון יסורים איז נישטאָ... ווײַסע הענטשקעס האָבן זיי געטראָגן, די מערדער. מיט די הענט אין ווײַסע הענטשקעס האָבן זיי געשלאָגן, געממית'ט, געשניטן בריסטן פון פרויען, וואָס האָבן צום אויסטון זיי געפּרוווט פאַרשטעלן. אַ פאַבריק פון טויט — האָסטו געהערט פון אַזעלכע „פאַבריקן"? דו ביסט דאָך יאָ אין שקאָלעס געגאַנגען. אַ גוט קעפּל האָסטו אויף זיך, אַ שאַרף קעפּל, — האָט דײַן מאַמעלע געזאָגט. דאַכט זיך קאָנסט אויך מיט דער פען. נו, באַשרײַב אַזעלכע זאַכן.

גיהנום האָסטו געזאָגט. נישט דאָס גיהנום פון חדר. דאָרט האָט מען געברענט און געבראָטן נאָר רשעים. אין סאָביבאָר, טראַווניק האָט מען געברענט לעבע־דיקע, אומשולדיקע מענטשן, פרומע ייִדן, רביים, רבנים, קינדער. מיט מײַנע הענט — האָט ער אויסגעצויגן זײַנע לאַנגע בייניקע הענט — האָב איך די פאַר־גאַזטע געשלעפּט פון אויוון, אַרײַנגעוואָרפן אין די לאַסט־אויטאָס, געפירט אין אָפענע, צוגעגרייטע קאַלכגריבער. נישט קיין צורות פון מענטשן, נישט קיין מתים. הויט און ביינער, צונויפגעוואָסקענע, פאַרקלאַמערטע איינס אין צווייטן. קינדער, מענער, פרויען — איין שטיק, איין מאַסע פאַרברענטע, פאַרגאַזטע ביינערוואַרג. אַ באַרג מענטשנוואַרג. אויסגעזעצטע אויגן. אויסגעקרומטע גע־לענקען. בלוט פון די נעז, פון די אויערן. ביז דער לעצטער מינוט האָבן די אומגליקלעכע געגלייבט אין די שקרים פון די רוצחים. „מע פירט זיי אין באָד אַרײַן" — — — „די קליידער גיט מען אויף דיזאינפעקציע" — — — „נײַע קליידער וועט מען געבן, שיקן אויף אַרבעט"...

אויף פאַרשיידענע אופנים, מיט כל מיני צייכנס האָבן די העפטלינגען, וואָס האָבן בײַ דער מאַרדמאַשין געאַרבעט, צווויסן געגעבן אַז מ'שיקט אין אויוון

אַרײַן. נישט פֿאַרשטאַנען. נישט געוואָלט פֿאַרשטיין. צעטומלט. טויב. שטום. די „קלוגע״, וואָס האָבן נאָך געהאַט די קעפּ אויף זיך, האָבן געזאָגט: „נישט מעגלעך״. „קראַנקע פֿאַנטאַזיע״... נישט אַנדערש — אָפּגעטעמפּט די חושים, אַזיסט וואָלט מען באַפֿאַלן די רוצחים. מיט די ליידיקע הענט, מיט די פֿויסטן, מיט די נעגל, מיט די ציין וואָלט מען זיך אויף זיי געוואָרפֿן: צו די עלעקטרישע דראָטן וואָלט מען געלאָפֿן. זאָל מען שיסן, זאָל מען הענגען, זאָל מען הרגענען.

— איך קוק אויף דיר, גבריאל; ווי אויף איינעם פֿון יענער וועלט.

— פֿון דער וועלט: פֿון דער דרעקישער וועלט בין איך. איך האָב געוואָלט לעבן. האָורילאָ, האָלט זיך, האָב איך געזאָגט צו זיך. דײַן ווײַב מיט די צוויי זין זענען שוין נישטאָ. דו מוזט זײַן, דו מוזט זיי, די מערדער איבערלעבן. איך האָב געגלייבט — ווי אַזוי, פֿאַרוואָס — פֿרעג נישט. איך אַליין ווייס נישט פֿאַרוואָס — אַז איך וועל זיך ראַטעווען. אַ טיפּש, אַ נאַר, אַ פֿויערישער קאָפּ, האָורילאָ, האַ? אַ האַרץ האָב איך זיך געמאַכט — אַ שטיין. אַן אַנדער גבריאל. יענער, דער אַנדערער, האָט זיך געקלאַמערט אין מיר, אין מײַן עוקץ לעבן, וואָס האָט נאָך געזשיפּעט, האָט מיך אָפּגעהאַלטן פֿון אָנטאָן זיך אַ מעשׂה, נעמען זיך ס׳לעבן ווי אַנדערע האָבן געטאָן.

ווי אַ קליין ייִנגל איז אהרן איצט געזעסן קעגן גראָמאַדנעם האָורילאָ. ווי מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק ווען ער איז מיט אים אין דאָרף אַרײַן געפֿאָרן, האָט ער געקוקט אויף אים. אַ סך קליגער, אָפֿענער, שאַרפֿער אין זײַנע ווערטער. גוטע „לערערס״ האָט ער געהאַט: סאָביבאָר, טראַווניק, מײַדאַנעק.

ער האָט ווידער געצויגן: —

„נעמען זיך ס׳לעבן״? מ׳טויט האָט מען זיך גענומען. אויך דאָס איז געווען ווידערשטאַנד, נקמה אין די, וואָס האָבן געלעבט מיט דער תּאווה פֿון מאָרדלוסט. פּראָטעסט נישט נאָר קעגן זיי, די רוצחים. אויך קעגן דעם וואָס האָט געגעבן לעבן, גאָט: „ה׳ נתן — ה׳ לקח״ — ווי ס׳זאָגט זיך אויפֿן טויער פֿון בית הקברות. והשם יבורך. ניין. מ׳וועט אים נישט צוליב טאָן, גאָט. מ׳ט זיך אַליין נעמען ס׳לעבן. טהרה און קבֿרים זענען במילא נישט בנמצא. אַזוי, זעט אויס, האָט ער געוואָלט. נו, ייִנגעלע העלף מיר אַרויס. ביסט דאָך אַ געלערנטער: „כּה אמר ה׳״. — אַזוי שרײַבט זיך אין די הייליקע ספֿרים?

און ער האָט זיך פֿאַרטראַכט, לאַנג נאָכגעטראַכט נאָך האָורילאָ׳ס רייד. גוטע „לערערס״ געהאַט, האָורילאָ. יאָ, גוט — האָט ער צו זיך געזאָגט — וואָס דעם בן־אדם איז געגעבן געוואָרן די „פֿרייע בחירה״, די בחירה — אַליין נעמען זיך דעם טויט.

— וואָס ס׳טו זיך אַזוי פֿאַרטראַכט, קלוג קעפּעלע?

— גאָרנישט. סתם. דערצייל, גבריאל.

ווי אַזוי כ׳בין אַרויס פון דאָרט האָסטו געפרעגט? נאַרעלע. ווער ס׳איז דאָרט געווען וועט קיינמאָל נישט אַרויס: די וואָס זענען דאָרט נישט געווען — וועלן קיינמאָל נישט אַריַין...

אהרן האָט ווידער זיך פאַרטראַכט. נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון גבריאלן. אַן אַנדערער איז ער. דער „צווייטער" גבריאל איז אין אים געזעסן, אים נישט געלאָזט שטאַרבן. אַן עלטערער מאַן, אַן אויסגעמוטשעט פּנים. די אויגן — פאַרלוירן יעדן סימן פון גוייִשן אויסזע. דינע, טרוקענע ליפּן. בעתן רעדן האָט זיך אַ פּיאַנע געבלעזולט בײַ די ווינקלען מויל. סאַראַ רייד? סאַראַ לשון? נאָך די „שקאָלעס", וואָס ער האָט דורכגעמאַכט — דאַרף מען קומען צו אים זיך לערנען, לערנען לעבן.

— כ׳זע דו קוקסט אויף מיר, געעלטערט?

— ניין, גבריאל. דו ביסט יונג, ייִנגער געוואָרן, נײַ־געבוירן.

— עך, נאַרישקייטן. געוואָלט לעבן, געמיינט ס׳וועט זײַן אַ לעבן.

— אָט זיצן מיר דאָך און רעדן נאָך וויפל? צוואָנציק, אַריבער צוואָנציק יאָר?

— אַוואָסערע יאָרן?...

— נו, גבריאל טײַערער, דערצייל.

— — — אַ פינצטערע נאַכט. עטלעכע וואַגאָנעס אַנגעפּראָפּטע מיט אַנטאָן פירט מען אַרויס פון לאַגער. פּונקט איז זײַן זמיאַנע געווען צוריקגיין אין באַראַק, כּדי אין דער פרי איבערנעמען אַנדערע. נישט אין באַראַק אַרײַן אויף דער נאַרע איז ער געגאַנגען. ט׳זיך צוגעכאַפּט צו די וואַגאַנעס, אַרונטערגערוקט זיך אונטער אַ פּאַק שמאַטעס. לאַנג און פּאַמעלעך האָט זיך די באַן געשלעפּט: ווי אויף צו להכעיס פּאַמעלעך, און נישט ווי ס׳ברענגען צופירן אין לאַגער די קרבנות. אויף קליינע און גרעסערע סטאַציעס זיך געשטעלט. דער רוח ווייסט זיי פאַרוואָס. ווען איז אין קאָפּ געלעגן צו טראַכטן דערוועגן? אַ דושנעקייט, אַן ענגשאַפט — נישט צו אָטעמען. און דער פּחד טאָמער? טאָמער צײלט מען אין באַראַק די מענטשן און אײנער פעלט? ער פעלט? — אַן עסן אַן אַ טרונק און דער טויט־פּחד לאָזט נישט אָפּ. פאַר יעדער סטאַציע פליט די נשמה אַרויס. די באַן פאַרלאַנג־זאַמט איר לויף. שטאַק נאַכט. ער שפּרינגט אַראָפּ פון וואַגאָן, לאָזט זיך לויפן ווו די אויגן טראָגן. געלאָפן, געקראָכן אויף אַלע פיר, אויפן בויך זיך געשאַרט. ווו אַ ווינקל, אַ לאָך — אַ באַהעלטעניש. פון איין באַהעלטעניש אין דער צווייטער, אַ שטאַל, אַ שײַער, אַ סנאָפּ אויף אַ פרײַ פעלד, אַ סטאָדעלע. אין אַ בודע פון אַ הונט זיך פאַרשטעקט. אַ הונט — אַ מלאך. דער מענטש איז אַ חיה: אַ חיה

אויף צוויי פיס. דער פירפיסיקער קומט אָן. ביי דער שיין פון אַ גאַזלאַמפּ אַנטקעגן, זעט ער ווי ער גייט. פון הונטס אויגן קוקט אַרויס די נאַכט. פאַרלוירן. דאָ איז דער סוף. אַזאַ סוף? פון אַ הונטס ציינער צעריסן ווערן? מיט זיין בלוט וועט ער זיך באַלעקן, ווי יענע רוצחים? שלעכט. נו, זאָל ער שוין צוקומען און אַ סוף זאָל עס נעמען. וואָס שנעלער צעריסן, צעפּרעסן איידער פון טויט־פּחד אויסגיין אין דער הונט־בודע. ניין. נישט געווען קיין כוח, קיין מוח צו טראַכטן. אַט שטייט דער הונט פאַר דער בודע. זיינע נאַכט־אויגן קוקן אַריין אינעווייניק. מיט אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, ווי דער שטייגער פון אַ הונט, וואָס באַשמעקט דעם קרבן איידער ער נעמט זיך צו אים. אַט דרייט ער דעם קאָפּ אויף רעכטס, לינקס, ווי ער וואָלט כאַפּן אַ יישוב־הדעת. — ניין. ער גייט נישט ווייטער.

דער לענגלעכער קאָפּ, די צוויי אויגן, דאָס קוקן אויף אים — עפּעס פון אַ מענטשלעכע מראה, אַ מענטשלעך פּנים לייכט אַרויס פון זיינע אויגן. ווידער אַ שמעק, אַ דריי מיטן קאָפּ. ווונדערסט זיך אַוודאי, זיין היגטישער קאָפּ קאָן נישט באַנעמען וואָס טוט דאָ אין זיין בודע אַזאַ געשטאַלט ענלעך אויף די צוויי פיסיקע? יענע זענען אַ סך העכער פון אים, פירן אים, זיינס גלייכן, אויף אַ קייט, אויף אַ שטריקל. ניין. שווער די זאַך אויסצומשלען, דערקלערן. שווער אויך פאַר זיך אַליין דאָס באַנעמען. ווען ער גלייבט אין גלגולים, וואָלט ער געזאָגט: אַ גלגול פון אַ מענטש. ניין. די מענטשן זענען אַצינד חיות, היגט, ווילדע רוצחים. אַ מלאך. אַ גוטער מלאך שטייט נאָענט פון דער בודע. מיד אַוודאי פון שטיין, אפשר געגאַנגען אַ לאַנגן וועג ביזן קומען אַהער. דער הונט לייגט זיך אַוועק, ציט אויס די פאָדערשט לאַפּעס, שפּאַרט אָן אויף זיי דעם קאָפּ ווי אויף אַ דרימל צו כאַפּן. יאָ, ער מאַכט צו די אויגן. שלאָפט? רוט מיט פאַרמאַכטע אויגן? ער, דער מענטש — אין דער היגטישער בודע. דער הונט — אין דרויסן: אַ געטרייער היטער פון מענטש.

צוויי מעת־לעת נאָכדעם געבלאָנקעט אָן אַ ביסן אין מויל, אָן אַ טרונק. די נעכט זענען צו אים גוט געווען, פריינטלעך. ערגער — די טעג. קאַלטע, וואַרעמע, נישט קיין נפקא מינה. די זון, דער העלער הימל — אַ שונא.

נאָך עפּעס גראָד אַצינד זיך דערמאָנט: אַ נאַכט פאַרן באַהאַלטן זיך אין וואַגאָן האָט זיך אים געחלומט, אַז ער פאַלט אונטער שווערע קלעפּ פון אַ גומע־נער פאַלקע. ער בלייבט ליגן, קאָן נישט אַ ריר טאָן מיט אַן אבר. ער פילט, אַז ער גייט אַרויס פון גוף, רייסט זיך אָפּ פון אים און הייבט זיך אויף הויך איבער אים. פּלוצעם זעט ער פאַר זיך אַ גרויסן, שוואַרצן פלעק. ער דרינגט אַריין מיטן קאָפּ און פליט, פליט מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די הענט צעשפּרייטע אין דער ברייט און — כאַפּט זיך איבער.

גבריאל, דו לעבסט, דו מוזט לעבן — האָט ווידער יענער, דער צווייטער אין אים — אים געמונטערט, ווי אַ מאַמע, אַ טאַטע מונטערט אַ פאַרחלשט קינד, לאָזט אים נישט שטאַרבן... זעסט דאָך באַשײַמפּערלעך — האָט „יענער" נישט אָפּגעלאָזט — אַז ס'איז דיר באַשערט צו לעבן.

שוין געווען פאַרן סוף, זייער וויסטער סוף. אויך די גויים, אַ סך וואָס האָבן פריִער נישט געלאָזט פאַר די אויגן אַ ייִד, געמסרט, איבערגעגעבן אין די הענט פון די רוצחים, אָדער אַליין, מיט די אייגענע הענט, דערהרגעט — האָבן אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר די רוסן וואָס רוקן זיך פאָרויס, בעמען שטאָט נאָך שטאָט. אַ סאָלטעס פון אַ דאָרף נישט ווייט פון רייוועץ, אָטאָ דאָ ווו זיי זיצן — האָט אים אויסבאַהאַלטן. אַ יונגער גוי. זײַן טאַטע האָט אים געקענט. ער פלעגט אַמאָל צו אים אַרײַנקומען, ווען דער גוי איז נאָך אַ קליין שייגעצל געווען. אַ יונגער גוי מיט אַ ייִדיש האַרץ.

— גבריאל, ליבער טײַערער גבריאל, אפשר פאָרסטו מיט מיט אונדז?

— וווהין פאָרן?

— עסטרייך, דײַטשלאַנד, פון דאָרט ווײַטער: אפשר אַמעריקע, אפשר ארץ ישראל?

— נישט פאַר מיר, ברודערקע, וואָס האָב איך צו זוכן אין יענע לענדער? דאָ, אין דעם דאָרף בין איך געבוירן מיט זעקס און פופציק יאָר צוריק. ווי לאַנג דער אַ „מאַנצפּערשוין", דער זון פון יענעם לאַשאַק וועט מיר דינען, ריר איך זיך נישט פון דאַנעט. די חיה וועט מיר דינען. יאָ, אין חיות, הינט זאָלסטו גלייבן.

— נישט אַלע מענטשן, גבריאל, זענען חיות.

— אַלע גויים האָבן געהאַט אַ האַנט אין הרגען ייִדן. ביסט נאָך אַ „צער בעלי־חיימניק?"

— איך ווייס שוין נישט וואָס איך בין.

— דײַן מאַמעלע עליה השלום איז געווען אַ קלוגע: „אַליין איז די נשמה ריין" — האָט זי געזאָגט.

וואָס דאַרף אַזאַ ייִד ווי איך? אַ שטוב, אַ בעט, אַ טיש. אַביסל גרינס אין גערטנדל. וויפל איך פאַרדין מיט דער חיה איז מיר גענוג.

פון טאַטע־מאַמע האָסטו גאָרנישט געהערט, גבריאל?

— בעסער פרעג נישט. דײַנע ברידער זענען דאָך אַוועק דאָרט אַהין, ווי דו, נישט?

— יאָ, בײַ דער פּערסישער גרענעץ האָב איך געהערט זענען זיי. אפשר אַשכאַבאַד. אפשר ארץ ישראל.

— פון פיניען, דײַן פעטער, האָב איך געהערט.
— ווען ?
— נאָך דער מלחמה. אַ טרויעריקע מעשה: אים איז געלונגען צו אַנטלויפן בעת אַן „אַקציע". אין דער פרי איז עס געווען. דרײַ אַזייגער האָט מען באַדאַרפט אָפּמאַרשירן. מ'האָט געוווסט מיט וואָס, וויאַזוי די „מאַרשן" ענדיקן זיך... צי האָט עמעצער געמסרט, צי האָט מען אים געפונען אין אַ באַהעלטעניש. אָן עס־עס האָט אים געפירט. דעם גאַנצן וועג געשלאָגן מיט דער קאָלבע, מיט די פויסטן איבערן קאָפּ. בלוט איז פון אים גערונען: „האָסט געוואָלט אַ מלחמה, אָט האָסטו אַ מלחמה" — האָט דער מערדער געשריגן. דערשלעפּט אים קוים אַ לעבעדיקן. צו פיר אין אַ ריי איז מען געשטאַנען. דער אויבערשטורמפירער, דער אָנפירער פון דער מחנה גרייט אין וועג אַרײַן, האָט אַ קוק געטאָן אויפן קרבן, אַ קוק אויפן האַנט־זייגערל. פופצן מינוט נאָך דער צײַט געבערענגט אים. פאַרשפּעטיקט — מאַכט ער צום עס־עס. „זאָל ער גיין".
דײַטשישע, יעקישע פּינקטלעכקייט.
צי ער איז לעבנגעבליבן — ווייסט ער נישט. זעט אויס „געגאַנגען" בײַ אַ צווייטער „אַקציע". דער זיידע, האָט ער געהערט, איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. אַ מזל פון אַן אַלטן ייִד. ער איז אײַנגעשלאָפן אין בית־מדרש. מ'האָט דערציילט: פּלוצעם אין מיטן דער נאַכט הערט ער, ווי מ'רופט אויף צום עמוד „יעלה ויבוא". אים דעם געריווען שוסטער צו דער תּורה ? ער עפנט די אויגן, זעט אַ געזעמל מתים שטייען אַרום באַלעמער, לערנען אַרויס, הויך אויפן קול, פון אַ ספר, צי פון אַ תּורה. ס'ווערט אים נישט גוט. שאָטנס רינגלען אים אַרום. ער קאַרבאַלעט זיך אײַן, פאַלט. אײַנגעוויקלט אין טלית ליגט ער און שרײַט ה' אחד, ה' אחד, און — כאַפּט זיך איבער.
אין דער פרי האָט אים דער שמש געפונען אַ פאַרחלשטן. מ'האָט אים דער־מונטערט. ער האָט נאָך געלעבט עטלעכע וואָכן, דערציילט די מעשה מיטן חלום.

*

מ'גנבהט די גרענעץ — פּוילן — טשעכאָסלאָוואַקיע. איבערגענעכטיקט — יאָ און נישט געשלאָפן — אין אַ הויז נישט ווײַט פון דער גרענעץ. אין דער פרי, אַ גרופּע פון צוועלף מענטשן, שימעלע בתוכם, אויף אַ פרײַ פעלד. אַ גרויסער אויסשפּרייט. זומפּיקער באָדן. עטלעכע יונגע ביימלעך, שיטער צעשטעלטע, אַ שמאָל וואַסערל. אַ קאַלטער ווינט יאָגט אין פּנים אַ באַדעקטס פון שווייס: אַנגסט־שווייס מיטן שטעלן די ערשטע טריט אויפן פרײַען שטח אונטער אַ טונקל־בלויען כמאַרנעם הימל. איינער שפּאַנט פאָרויס. אַ הויכער פעסטגע־

בויטער בחור. בלאָנדע טשופרינע, אַ צעפּלאָשעטע פון ווינטל. איטלעכע רגע דרייט ער אויס ס׳פּנים צו די גייער. אַ שמייכלענדיק פּנים. אַ גוט פּנים. עס מינערט דעם פּחד, אָבער די פּיס הערן נישט אויף צו ציטערן. גרויסע שפּאַן שטעלט ער. שווער אים צו דערייאָגן מיט שימעלען אויף די אַקסלען, סאַראַ — ביי דער רעכטער זייט. אַ קילאָמעטער־אַנדערהאַלבן, האָט ער געזאָגט, דער פּאַרויסגייער. העכער אַ האַלבע שעה גייט מען. מ׳זעט נישט קיין סוף. אַט — גרענעץ־סלופּעס, אַ צעפּ פון דראָטן ביז די שפּיצסלופּעס. אַ וואָך דאַרף זיך דאַ דרייען — ווייסט מען. מ׳זעט נישט קיין וואָך. מ׳זעט נישט קיין לעבעדיק נפש. גוט. אָבער וואָס דויערט אַזוי לאַנג דער וועג?

שימעלע וויל עפּעס זאָגן, פרעגן. סאַראַ לייגט צו אַ האַנט צום מיילעכל:

— שי־מע־לע, ש־ש־ש.

ס׳וואַסערל — צו שמאָל אויף צו שווימען, צו ברייט אויף אַריבערשפּאַנען. אויך אַביסל געפּעק טראָגט מען אויף זיך. ביז איבער די קני אין וואַסער. די נאַסקייט קריכט אין די ביינער. האָסט נישט קיין צייט. האָסט אויך מורא אויס־דרייען דעם קאָפּ אויף צוריק. שטרענג פאַרבאָטן רעדן. די אויגן מעסטן דעם וועג. דער הימל — העלער, העלער. וואָס ליכטיקער — אַלץ פינצטערער אין די אויגן. טאָמער, טאָמער ווייזט זיך אַ וואַכמאַן, הערט זיך אַ „האַלט״! שטיל. מ׳הערט ס׳אייגענע אָטעמען. אַ שווער אָטעמען. אַ טשווירק פון אַ פייגעלע הערט מען. אַט איז עס שוין אויף יענער זייט. דו ביסט מקנא דעם פייגעלע. פראַנק און פריי פליט עס, טשווירקעט און דער בן־אדם טאַפּטשעט אין זומפּיקן באָדן. ס׳וואַסער פייפט אין די שיך. ס׳העמד קלעפּט צום לייב. ווייסט נישט: פון אַנגסט, צי פון שווייס, צי פוןביידע. אַלע אויגן זענען געווענדט צו דער פּלייצע פון הויכן, שלאַנקן בחור, איש הבריחה — ווייסט מען. אַוודאי נישט דאָס ערשטע מאָל גייט ער דעם וועג. דערויף זאָגן עדות זיינע דרייסטע, גרויסע טריט גלייך פאַר אים איז דער באָדן אַ טרוקענער. — אפשר „פייפט״ אויך ביי אים אין די שיך. צוגעוווינט צו אַזעלכע וועגן, צו אַזאַ גאַנג.

קעגן אַן אויפגייענדיקער זון זיצן אַלע. מ׳שלעפּט פון זיך אַראָפּ די נאַסע קליידער. מ׳הערט שוין אַ וואָרט, מ׳פאַרגינט זיך אַ וויצל טאָן אויף דער „שוויצבאָד״ צווישן נאַכט און טאָג אויפן פרייען פעלד. דער זומפּיקער באָדן, די גרענעץ־סלופּעס און דער פּחד — הינטער דיר. פאָרויס, וויטער, וואָס דער־וואַרט דיך — ווייסטו נישט. הייבסט אָן פילן דעם ווייטיק אין געלענק פון נישט שלאָפן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, נישט עסן, נישט קיין גלאָז טיי, אַביסל וואַרעמס צו פאַרייאָגן דעם ביטערן טעם פון הונגער. שימעלע וויינט. שלעפעריק. די שרעק, די אויפגעצווונגענע שטילקייט בעתן אַריבער די גרענעץ, צוויי טעג און נעכט

פריער — די גאַנצע גרופּע אין איין שטוב. אַ שעניק, אַ שטרוי־קישעלע, אַ מיליטערישער קאַץ, אַן וואַשן, אַן טוישן אַ העמד, אַ בגד — האָט איַינגעמידט, נישט געלאָזט שלאָפן.

אַ גרויס ראָטשילד־הויז. קאָנצענטראַציע פון שארית הפליטה.

פּאַלאַטקעס אויף אַ נאַסן, בלאָטיקן באָדן. אַ מחנה פון עטלעכע הונדערט פּליטים. קינדער ביַי די הענט, קינדער ביַי דער ברוסט. יונגע מענטשן, עלטערע און אַלטע באָבע־זיידע. גאָרקיך. צינענע טעלער־לעפל. וואַליזקעס, קעסטלעך — „טישן", „בענקלעך". שלעכטע ריחות. געשטאַנק. „ברואימלעך" אונטערן העמד. קריכערס פון אַלע מינים אויפן געלעגער, אונטערן געלעגער. אויך מחשבות קריכן, ראַיען — אַ קופּע ווערעם:

— וואָס וויַיטער? וווהין? ווי לאַנג?

ווידער גרענעצן. נסיעות מיט באַנען, לאַסטאויטאָס. היימלאָזע, נאָמענלאָזע מענטשן. מענטשן פון ערגעצלאַנד. אַלע מיט איין חלום:

— אַ מקום מנוחה. פיר ווענט. אַן אייגן ווינקל. אַ דאַך איבערן קאָפּ און — ווו דעם מידן קאָפּ אַוועקצולייגן.

18

דײַטשלאַנד. ד.פּ.־לאַגער. באַד־רייכענהאַל. אַמעריקאַנער זאָנע. צווייִשטאָ־קיקע בלאָקן־הײַזער, איינער קעגן אַנדערן. אַ שמאָלער שאָסיי. שמאָלע טראָטואַרן. אַ פּאַרק. בענק. הוידלקעס בחפזון אויפגעשטעלטע.

עטלעכע קילאָמעטער פון לאַגער — די שטאָט באַד־רייכענהאַל. רויטע דע־כער, בלעכענע און פון שינדלען. איין און צווייִשטאָקיקע הײַזקעס. גערטנדלעך. רויט־גרין געמאַליעוועטע פלויטלעך, לעבעדיקע פלויטלעך סימעטריש אַרומגע־שוירענע. סטעזשקעס און באַגראָזטע פּלעצער צווישן הויז און הויז. ווײַטלעך פון שטאָט — גרינער אויסשפּרייט, תּבֿואה־פעלדער. העט־ווײַט — שיטערלעכע וועלדלעך, שיער מיטן אויג צו דערגרייכן — די בייערישע אַלפּן. איבער אַלץ — אַ בלויער, לויטערער הימל.

כּמעט איטלעכן טאָג, אין דער פרי, גייט ער מיט שימעלען אין פּאַרק. שׂרה — אין שטוב: איין גרויסע שטוב צעטיילט מיט אַ דיקטן וועגטל אויף צוויי, פאַר צוויי משפּחות.

מאַנגל אין דירות. יעדן טאָג — נײַע פּליטים — איינציקע און משפּחות. אויף אַ באַנק זיצט אַ יונגע פרוי, אַ מאַמע אַוודאי, לעם איר אין אַ וועזיקל — אַ קינד פון אַ יאָר צוויי־דרײַ. אַ שמאָטשיק אין מײַלעכל. שלאָפט. ער זעצט זיך צו. אַ העל, יונג כּמעט קינדיש פּנימל. אַ בלאָנדער קאָפּ האָר. זי קוקט אויף אים. וויל עפּעס זאָגן, פרעגן — זעט ער אין די צוויי חן־גריבעלעך, מיטן עפענען ס׳מויל. דאָס פּנים שמייכלט. עס שמייכלען די חן־גריבעלעך, צוויי אָפּגעדעקטע, גרויסע, פאָדערשטע ציין איבער אַן אַרויסגעהויבן אונטערשט ליפּל. אַ שפּיציק, קינדיש גאָמבעלע. אויגן טיף־בלויע: אַ בלוי פון אַן אַזיערע פאַרשאָטנט פון ביימלעך, הויכע לאָזעס.

כּמעט אַלע טאָג אין די מאָרגן־שעהען איז ער מיט שימעלען אין פּאַרק. שׂרה איז נישט בײַם בעסטן געזונט, דאָקטערט זיך. רעצעפּטן העלפן נישט. מנוחה — זאָגט דער לאַגער־דאָקטאָר. רוב שעהען איז זי אין שטוב, שׂרה, אַ גוטע באַלעבאָסטע האָט תּמיד וואָס צו טאָן. צילאַ הייסט זי, די יונגע מאַמע, זעט אויס אונטער אָדער עפּעס מער איבער די צוואַנציק. איציק איר מאַן, פאָרט איבער די שטעט, שטעטלעך ביז מינכען, האַנדלט — דערציילט זי אומגעפרעגט. אין זעלבן בלאָקן־הויז וווינען בײַ — נאָענטע שכנים, שטעקט זי אָפט אָפּ אַ וויזיט בײַ סאַראַן. (שׂרה).

אין פּאַרק פּלעגט זיך איציק אַ ווײַז טאָן אין דער פרי צום אַרויסגיין פון שטוב, אַמאָל — פאַרנאַכט צום צוריקקומען פון גאַס. כאַפּט ס׳קינד אויף די הענט, אַ קוש, צו צילאָן — אַ שמייכל און מיט אײַליקע טריט, מיט אַ באַשעפּטיקט פּנים, איז ער שוין נישטאָ.

— ער האָט קיינמאָל נישט קיין צײַט. אַ פאַרנומענער מענטש — פאַרקלאָגט זי זיך פאַר אים האַלב ערנסט, האַלב שמייכלענדיק. לאַכט מיטן גאַנצן פּנים. די צוויי חן־גריבעלעך, ס׳יונגע גאַמבעלע — לאַכט מיט.

אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל: צילאַ מיטן וועזיקל און קינד, ער — מיט שימעלען בײַם הענטל.

שימעלע, עלטער פון דעם קליינעם מיידעלע, מיט אַ יאָר פיר־פינעף, מאַכט מינעלעך, שפּילט זיך מיט איר. צילאַ איז באַריידעוודיק. אים האָט נישט אויפגעהערט וווּנדערן אויף איר צוטרווילעכקייט. סך הכּל אַ וואָך־צוויי זינט דער ערשטער טרעפונג דאָ אין פּאַרק, זי ווייסט נישט ווער ער איז, פון וואַנעט ער קומט, ווי מען רופט אים.

— האָט קיינמאָל נישט קיין צײַט איר איציק — הייבט זי אָן פון מיטן, ווי זי וואָלט ממשיך זײַן דעם שמועס פון מיט אַ טאָג פריִער.

— ער מאַכט אוודאי גוטע געשעפטן.

— זײַנע געשעפטן. ר׳פאַרגעסט, אַז ער האָט אַ ווײַב. פאַרוואָס זעט מען נישט סאַראַן?

ער שווײַגט. וואָלט באַדאַרפט זאָגן, אַז סאַראַ פילט זיך נישט גוט. ניין. ער קאָן איר ווייניק. אים איז שווערלעך צו זײַן אָפנהאַרציק מיטן שיינעם, יונגן ווײַבעלע, דער, וואָלט ער געזאָגט, פלאַפּלערין. רעדן וועגן פאַמיליאַרע ענינים דאַרף מען זײַן אַביסעלע נענטער און בכלל... למען האמת האָט ער נישט דאַקעגן, אַדרבא... איז דעריבער טאַקע כּדאַי האַלטן זיך אַביסעלע ווײַטער.

— סאַראַ — ענטפערט ער מיט אַ פאַרשפּעטיקונג — טוט עפּעס אין שטוב, רוט אַ ביסל.

— אַזוי שווער אַרבעט זי?

— זי האָט נישט ליב די גאַס.

גראָד יענעם טאָג האָט באַדאַרפט קומען דער דאָקטער. אין די העכער צוויי חדשים וואָס זיי זענען דאָ איז ער שוין עטלעכע מאָל געווען. קיין רעצעפּטן פאַרשרײַבט ער נישט. רעדט ווייניק. — אַ רעצעפּט, דאָקטער?

אײַלט ער זיך נישט ענטפערן, דער דאָקטער. צום אַרויסגיין פון שטוב לאָזט ער פאַלן אַ וואָרט צו קיינעם נישט:

— פּסיכאָמאַטיע.

און שוין איז ער נישטאָ. צילאָן זאָגן אַזאַ וואָרט דאַרף מען זײַן אָפּגהאַרציק. ער קען זי צו ווייניק צו רעדן מיט איר פאַמיליאַרע זאַכן.

אומאָפּגערעדטערהייט טרעפט מען זיך כּמעט יעדן טאָג. אַ יונג שיין ווײַבע־לע, וואָס קאָן שאָטן עטלעכע שעה שפּאַצירן אין גאָרטן, העלפן די קינדער אַרויף און אַראָפּ פון די הוידלקעס ?... אויך איציק זעט נישט אויס אַ סך עלטער פון איר. אַ שטאַלטנער בחור. אַ שוואַרצער קאָפּ האָר. אויגן — גרויסע, ברוינע. נישט קיין מיאוס פּאָרל — זאָגט ער צו זיך. אַ וווּנדער אים אויף צילאָס באַקלאָגן זיך. רעדט אַ סך, תּמיד דאָס זעלבע שמייכעלע מיט די חן־גריבעלעך און פּאַדערשטע צוויי ציין אויפן אונטערשטן ליפּל און עפּעס, דאַכט זיך, דערזאָגט זי נישט... אַ טריקאָ־קליידל טראָגט זי, כאָטש דער דרויסן איז שוין אַ זומערדיקער. אָפּגע־צויגן ליגט ס׳קליידל אויף איר נישט־צו־הויכן גוף, אַ פולינקער, אויסגעאיידל־טער: שמאָל בײַ דער טאַליע און ברייטער בײַ די שענקלען. אַמאָל — אין אַ קלאַש־ספּודניצע. די שיינע פּיס — אויף אַ הויך קנאַפּעלע. תּמיד — אַ נײַ לעטשל. דאָס ברענגט איר איציק פון זײַנע מסחרים — אַ מין פאַרגיטיקונג פאַר זײַן שטענדיק זײַן פאַרנומען.

— מײַן מאַנס מתּנות — האָט זי ליב איבערצוחזרן, און שטעלט אַרויס אַ פּיסל מיט אַ דריי אויפן שפּיץ קנאַפּעלע.

— אויב אַזוי איז דאָך נישט אמת, אַז ער פאַרגעסט אַז ר׳האָט אַ ווײַב.

— איז דאָס אַלץ, וואָס אַ ווײַב פּאָדערט פון אַ מאַן ?...

אָפּענע דיבורים, באַנאַלע. דאָס שטערט אים נישט פון דעסטוועגן פון טאָג צו טאָג היימישער צו ווערן.

באַנאַלע רייד ? אפשר אַ פּשטות, אַ נאַיוויטעט, עלעהיי אַ קינד: אַזוי ווי עס רעדט צו אַן אַנדער קינד, רעדט עס צו אַן עלטערן, אַן אומבאַקאַנטן, ווי צו אירס גלײַכן.

ער איז עלטער פון איר מיט אַ עטלעכע צען יאָר און איז נישט פון די מענער פון ערשטן אײַנדרוק, זײַן אויסערלעכער אויסזען — נישט צוציִענדיק. ס׳דרייען זיך דאָ אין פּאַרק נאָך יונגעלייט, שענערע, העכערע פון אים. זי איז אַ יונג שיין ווײַבעלע. אַ רבותא אים אויף איר אָפּנהאַרציקייט, פאַרטרוילעכקייט און דווקא צו אים. זי ווייסט, ער האָט איר בײַ דער ערשטער באַגעגעניש געזאָגט: ער איז אַ מאַן פון אַ פרוי און, ווי זי זעט — אַ טאַטע פון אַ ייִנגעלע.

זי מיט איר פריזור פאַרקעמט אויף אַרויף — איז העכער פון אים מיט אַ האַלבן קאָפּ. איר איציק — זאָגט זי — איז אַ גוטער מאַן, אַ גוטער טאַטע.

אמת, אַ באַריידעוודיקע, אַ נאַריש ווײַבל, און דאָך קומט אים אָפּט אויס, אַז זי איז נישט אַזוי נאַריש, ווי ער מיינט. אייגנטלעך, וואָס דערוואַרט ער פון

אַזאַ שטייגער װײַבעלע? חכמה? — בײַ פּרויען זוכט מען נישט דווקא די קלוג־שאַפט. מ'זוכט בײַ זיי דאָס יונג־מיידלישע, דאָס האַפּערדיק־פּריילעכע, דאָס לײַכטע, זאָרגלאָזע, ס'גוטע געמיט, דעם שמייכל, ס'גראַדע און קידער־ווידער־דיקע, דאָס אומדערוואַרט־דערוואַרטע, און ווער ווייסט וויפל נאָך וואָלאַרן וואָס מ'האָט פאַר זיי קיין נאָמען נישט. דאָס לעצטע איז די קלוגשאַפט. געפעלט זי דיר, האָסט זי שוין ליב — איז אַוודאי דער שׂכל אַ וויכטיקער קאָמפּאָנענט און איז מוסיף צו דער שיינקייט. זאָגן, אַז בלויז שׂכל קאָן אָנצינדן אין האַרץ פון אַ מאַן ליבשאַפט — איז נישט דער גאַנצער אמת. איז נישט זײַן גאַנצער אמת.

עס פעלט איר גאָרנישט בײַ איציקן — זאָגט זי. זאָל ער אַמאָל אַרויפקומען מיט די אייגענע אויגן זען. זיי לעבן נישט אויף די „קעסט" פון „אונראַ" נישט פון „דזשאָינט", ווי ס'רוב דאָ אין לאַגער. הײַנט אָנטאָן, שטוב־זאַכן, טישטע־כער, איבערצוג, לײַלעכער, סערוועטן, פוכענע קאָלדרעס, געבלימטע דעקעס, יאַשיקלעך, פאָרהאַנגען, זײַדענע זאָקן. אַ נעבעך אויף זיי, די דײַטשן. אָנגערויבט ייִדיש פאַרמעגן, האָב און גוטס. וויינען, „פאַרקויפן אַראָפּ פון זיך". שווײַגן.

איציק האַנדלט „אויף גרויס". אויך וואַלוטע: „וויכע", „האַרטע", סיגאַרעטן. אין קאַסטנס באַנדראָלירטע ברענגט מען זיי אין שטאָט אַרײַן. פון שטאָט — אין לאַגער האַלב־לעגאַל, אומלעגאַל גייט אָן דער האַנדל. טוצנווײַז פון האַנט צו האַנט: לאַנגע קאַרטאָנען סיגאַרעטן. און יעדער האַנט פאַרדינט. איר איציק טויג זיך אויס צו דעם. אויך זײַן טאַטע (אויך די מאַמע און אַ קליין שוועסטערל זענען דאָ אין לאַגער מיט אים) — אַ שפּיליטער אין דער היים, שפּעטער אין רוסלאַנד האָט ער אויך נישט געלעבט פון פּאַיאָק. איר גייט דער גאַנצער ענין נישט אָן. אַ, די רוצחים, די שווײַנען, זי וויל זיי וואָס פריִער פּטור ווערן. אַ שטומער איז ער געזעסן אָן אײַנגעהערטער, נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר. אַ באַדערפעניש איז אין אים אויפגעגאַנגען פרעגן איר: „ווער ביסטו מיידל־פרוי, מאַמע, ווו ביסטו געווען אין די מלחמה־יאָרן? האָסטו דאָ עמעצן פון דײַן משפּחה? ווי אַזוי, פון וואַנעט קומסטו אַהער?" און ווידער די ערשטע, די הויפּט־פראַגע: „פאַרוואָס גראַד אים דערציילט זי דאָס, אים דעם אומבאַקאַנטן, עלטערן פון איר, נישט צוציִענדיקן מאַנצפאַרשוין?

פון „דאָרטן" קומט זי. — האָט ער פון איר, יאָ און נישט געהערט — וויפל איז זי סך הכל דעמאָלט אַלט געווען? אַ קינד, אַ מיידל־קינד. וויאַזוי איז זי פון דאָרטן אַרויס? ווען האָט זי חתונה געהאַט?

מ'לעבט דאָ אויף „קעסט" בײַ „אונראַ", „דזשאָינט". פון אַרבעט איז אָפּגע־רעדט. מ'זיצט דאָ אויף די וואַליזקעס. מ'וואַרט. אויף משיחן וואַרט מען. אויף אַפידייוויטס, קוואָטע. אויף עפענען די טויערן פון ארץ ישׂראל.

קנאַפּע פינעף טויזנט נפשות אין לאַגער. העכער צוויי טויזנט משפּחות. אַ סך יונגעלײַט. אַ סך קינדערלעך. ווייניק, זייער ווייניק אַלטע לײַט.

— עטלעכע וואָכן קענען מיר זיך שוין און צי ווייסט איר כאָטש מיט וועמען איר רעדט? — האָט ער איר געוואָלט פרעגן.

— עטלעכע וואָכן? פאַרוואָס נישט קנאַפּע דרײַ חדשים?

— נו, אַדרבא?

— אײַער נאָמען מיינט איר? דער מענטש איז וויכטיק נישט דער נאָמען.

— עס פרייט מיך דאָס צו הערן.

זי האָט געשמייכלט איר שמייכעלע מיט די חן־גריבעלעך, געוואָלט, קאָנטיק, נאָך עפּעס זאָגן.

זי רעדט אַ סך, אַ סך, וואָס מען דאַרף נישט און עפּעס שווײַגט זי אויס.

— — — אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ ברודער, צוויי יונגע שוועסטערלעך — — — קליינער, קליינער — — — נישט געבליבן. איר איז געלונגען זיך באַהאַלטן אין אַ בונקער האָט זי אומגעפרעגט אָנגעהויבן — אַן אַלטער ייִד מיט אַ ווײַסער באָרד איז דאָרט געווען און אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר אַכט, צען. מיטן ארײַנקומען אין בונקער האָט דער אַלטער גענומען שרײַען:

„נעמט אַרויס די נקבה"! „נעמט אַרויס די נקבה"! דרייצן און אַ האַלב יאָר איז זי אַלט געווען. איינע געבליבן נאָכן אַרויסנעמען אַלע פון שטוב. אַלע דעם זעלבן טאָג אַוועק מיטן טראַנספּאָרט.

עטלעכע מעת־לעת איז זי געווען אין דער באַהעלטעניש. דער ייִד מיט דער ווײַסער באָרד האָט נישט אויפגעהערט שרייען: „נעמט אַרויס די נקבה"! ס'ייִנגל האָט שטיל געוויינט, זיך געבעטן בײַ אים: — שרײַט נישט אַזוי, די דײַטשן וועלן דאָך הערן.

אַן אַלטע גרויסע מאַרינאַרקע האָט ס'ייִנגעלע אויף זיך געטראָגן. אַפּנים פון טאַטן אָדער פון אַן עלטערן ברודער. זי איז געווען אין אַ דין זומערקליידל. נאָך סוכות. ווינטער ביינצן צוויי און פערציק. זי האָט געציטערט פון קעלט. הונגעריק. וווּנדן אויף די פיס פון לויפן און פאַלן, בײַנאַכט נאָכן שפּרינגען פון וואַגאָן. לעם פענצטערל פון וואַגאָן איז זי געשטאַנען. קוים אויף די פיס זיך געהאַלטן. לעם איר — אַן אַלטיטשקע פרוי. געהערט פון איר, אַז זי איז די לעצטע, די איינציקע פון דער גאַנצער משפּחה, זאָגט צו איר, די אַלטיטשקע: „ביסט אַזוי יונג, דו דאַרפסט לעבן, שפּרינג". נאָך האָבן זיך געשטופּט צום איינציקן פענצטערל, כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט. די אַלטיטשקע נעמט אַרויס פון בוזעם אַ קניפּל. אַלע וואָס קלײַבן זיך שפּרינגען צעטיילט זי וואָס דאָרט איז געווען: איינעם אַ גאָלדענעם בראַסלעט, איינעם אַ זייגערל, אַ קייטעלע, אַ פּאָר אוירינג־

לעך. אַ גאָלדן פינגערל, אַ קדושין־רייפל גיט זי איר. „נעם ס׳וועט דיר צונוץ קומען״, זאָגט זי איר און שטופט איר אין דער האַנט אַרײַן צוויי הונדערט זלאָטעס. ניין. נישט קיין מלאך איז זי געווען. נישטאָ קיין מלאכים, נישט אויפן הימל, נישט אויף דער ערד. אַ גוטע פרוי, אַן אַלטיטשקע, זי איז זיכער אַ לעבעדיקע נישט דערפאָרן.

דעם אמת געזאָגט: זי האָט געגלייבט, אַז זי וועט לעבן, איבערלעבן. זי ווייסט נישט פאַרוואָס, פון וואַנען דער גלויבן האָט זיך צו איר גענומען. זי ווייסט נישט, ווי אַזוי זענען איר אין קאָפּ אַרײַן געקומען אַזעלכע געדאַנקען. אפשר דער אַלטיטשקערס ווערטער: „ביסט אַזוי יונג, דו דאַרפסט לעבן״? אפשר דאָס קדושין־רייפל. ניין. זי גלייבט נישט אין גאָרנישט. זי האָט געוואָלט לעבן.

אויף דער דריטער, צי פערטער נאַכט — זי געדענקט נישט גענוי — האָט דער אַלטער ייִד אָנגעהויבן נאָך העכער שרײַען, געוואָלדעווען: „נעמט אַרויס די נקבה״! ס׳ייִנגעלע האָט פון זיך אַראָפּגעצויגן די מאַרינאַרקע און אַרויפגעוואָרפן אויף איר. דעק זיך צו, האָט ער געזאָגט, דו ציטערסט דאָך פון קעלט.

זי האָט זיך אײַנגעקאָרבאָלעט אין דער מאַרינאַרקע. אַנטשלאָפן געוואָרן. זי געדענקט נישט פון וואָס די וואַרעמקייט האָט איר אַרומגענומען. פון דער מאַרינאַרקע, צי פון עפּעס שווערס, אַ סך שווערערס. אַ גופיקע וואַרעמקייט און אַ הייסן אָטעם און אַ ריח. — נישט קיין גוטער ריח. — זי איז אַזוי מיד געווען, קראַנק, הונגעריק, איבערגעשראָקן פון ייִדס געוואַלדן, מסתם אײַנגעשלאָפן. אַ וואַרעמקייט פון עמעצן וואָס שטופט זיך, שטויסט זיך אין איר אַרײַן האָט זי געפילט: אַ הײַזעריק־פאַרדושעט קרעכצן: „חציפה... לאַז... לאַז....״ אַ ווייטיק האָט זי דערפילט. אַ מאָדנע ווייטיק. געמיינט פון די פאַרווונדעטע פיס. אַ ווייטיק און אַן איבל. זי דאַרף גיין געבן השתנה, און קאָן נישט.

אין שלאָף, ווי אין אַ חלום, האָט זי ווידער דערפילט ס׳שטויסן זיך אין איר אַרײַן...

מער געדענקט זי נישט.

אין דער פרי האָט מען אַנדעקט דעם בונקער. מ׳האָט זי, דעם אַלטן ייִד און דאָס ייִנגל אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן.

זי ליגט אין היץ. הויכע היץ. אויף אַ נאַקעטער פּאָדלעגע ליגט זי. מ׳פירט זי אויף אַ וואָגן. איינער אין אַ ווײַסן כאַלאַט באַטראַכט איר, רעדט צו עמעצן, וואָס שטייט לעם אים. דײַטש האָט מען גערעדט. זי האָט געהערט, נישט געהערט. גאָרנישט פאַרשטאַנען. אײַנגעשלאָפן. אויפן וועג, צוריק אין געטאָ, אויף אַ וואָגן זיצט לעם איר איינער. זי דערקענט אים. דער פאָלקס־דויטש, וואָס פלעגט קומען

צו זיי אין שטוב אַרײַן, גערעדט מיטן טאַטן, מיט דער מאַמען. אַ גוטער גוי, האָט די מאַמע געזאָגט.

ער האָט זי אויף אַ וואָגן אוועקגעפירט — זאָגט ער — צו זײַנעם אַ קאַמע־ראַד, אַ דאָקטאָר. זי איז דאָרט אונטערגעלעגן דרײַ טעג. די היץ איז אַפּגעגאַנגען. זי איז געקומען צו זיך. ער האָט אַ טעכטערל, דער פֿאָלקס־דויטש, דערציילט ער — אין איר עלטער, אַזוי שיין ווי זי. העכער צוויי יאָר זי נישט געזען. ער האָט נישט געקענט צוקוקן ווי זי מוטשעט זיך, ער, דער מײַסטער פון דער פֿאַבריק, וווּ זי האָט געאַרבעט. אַט־אַט — מאַכט ער — קאַפּוט. ער פירט איר צוריק אין געטאָ. ער מוז זי צוריקפירן פון וואַנעט ער האָט זי גענומען.

נאָך אַ נס.

דער באַראַק־עלטסטער, איינער אַ מאַניק זייפערט, האָט איר דערקענט: ער געדענקט, ווען ער מיט נאָך צוויי פון דער געטאָ־פּאָליצײַ זענען געווען נעמען איר טאַטן, די מאַמען, דעם ברודער און די צוויי שוועסטערלעך. געזען אַ שיין מיידעלע, אַ יונגינקע, אַ בלאָנד קעפּעלע האָר, בלויע אויגן — האָט ער איר אַ ווונק געטאָן. זי האָט פאַרשטאַנען... נעלם געוואָרן. איין מאָל נאָך אַן „אַקציע" איז זי ווידער אַרויס פון אַ באַהעלטעניש. אַליין. הונגעריק. וווּ זאָל זי גיין? צוויי נעכט געשלאָפן אויף דער גאַס. מאַניק זייפערט טרעפט איר. זי דערקענט אים יאָ, דערקענט אים נישט. ער גייט צו צו איר און זאָגט:

— אַ באַהעלטעניש, אַ זיכער אָרט האָב איך, אַ געלעגער, עסן, אַ טרונק. ער איז נישט מער באַראַק־עלטסטער. אויך ער איז אין דער באַהעלטעניש. איבער־וואַרטן. מען האַלט בײַם ליקווידירן די געטאָ. ער און נאָך צוויי זענען דאָרטן. צי זי וויל מיט אים גיין אַהין. ער האָט אויך אַ שפּײַער — זאָגט ער — אויף נישט צו באַדאַרפן.

— צי זי וויל? פאַר וואָס נישט? וווּ דען האָט זי צו גיין?

פריש וואַסער אין אַ וויאַדרע האָט איטלעכמאָל איינער פון די דרײַ געבררענגט. איר האָט מען צורו געלאָזט. געהאַלטן איר, ווי אַן אייגן קינד. לעכט, שוועבעלעך, אַ וואַרעם געלעגער. אַ וואַרעם קליידל האָט מען איר געגעבן, וואַרעמע זאָקן, אונטערוועש. אַן עלטערער ברודער. נײַן, אַ טאַטע איז ער פאַר איר געווען, מאַניק זייפערט. האָט זי זיך דערמאַנט אין דער אַלטיטשקערס ווערטער: „דו ביסט אַזוי יונג, דו מוזסט לעבן". זי האָט געגלייבט. זי ווייסט נישט פאַר וואָס, עד היום ווייסט זי נישט פאַר וואָס, פון וואַנעט נעמט זיך צו איר אַזאַ גלויבן. זי זעט דאָך פאַרט, באַשײַמפּערלעך זעט זי: פריִער די אַלטיטשקע, דער פֿאָלקס־דויטש, זייפערט.

איין מאָל אַן אינדערפרי. זיי זענען אַליין אין דער באַהעלטעניש. זייפערט

קומט צו, קוקט איר אין די אויגן אַרײַן, בייגט זיך צו צו איר און פרעגט:

— פון װעמען ביסטו שװאַנגער, מיידעלע?

זי קוקט אים אָן פאַרװוּנדערט, דערשראָקן:

— איך, שװאַנגער? — פּרוּװט זי לייקענען, כאָטש עפּעס פילט זי אַ נודנע־קייט צום ברעכן. אַ הונגער. אַ מאָדנע הונגער צו פאַרשיידענע עסנס. איטלעכמאָל שמעקט איר עפּעס אַנדערש, כאָטש אין בונקער פעלט נישט װאָס צו נעמען אין מויל אַרײַן.

— מײַדעלע, ביסט דאָך נישט קיין נאַר. פאַר װאָס נאַרסטו מיך. איך מיין נישט דײַן שלעכטס.

— פון װאַנעט װייסט איר אַז איך שװאַנגער?

— איך זע די פּײַכטקייט אין דיינע שיינע אייגעלעך, די אויפגעלאָפענע ליפּעלעך. אין דײַן קרימען זיך בײַם נעמען אַ ביסן אין מויל אַרײַן, זע איך.

זי האָט זיך צעװיינט.

— װיין נישט מיידעלע, פאַרװאָס װיינסטו?

— איך האָב געפילט, אַז עפּעס אין מיר טוט זיך. נישט געװוּסט פאַר װאָס, פון װעמען. איך האָב מיט קיינעם נישט געהאַט צו טאָן, הער מאַניק.

— ביסט טאַקע אַ שיין מיידעלע אָבער פון װינט, פון רוח הקודש, װערט מען נישט שװאַנגער.

— אַן אַלטער ייִד מיט אַ װײַסער באָרד איז אין בונקער געװען: האָט די גאַנצע צייט געשריגן „נעמט אַרויס די נקבה”.

— נו, איז װאָס, אַז ער האָט געשריגן?

— מ׳האָט אַנדעקט דעם בונקער.

— נו, איז װאָס, אַז מ׳האָט אַנדעקט מ׳בונקער?

— איך װייס נישט. די לעצטע נאַכט האָב איך געפילט, װי עמעצער שטויסט זיך צו מיר. אַן איבל צו ברעכן... כ׳בין געװען מיד, הונגעריק, צעװוּנדיקט די פיס פון שפּרינגען. כ׳װייס נישט. כ׳בין דערשלאָפן געװאָרן.

— פאַר װאָס ס׳טו מיר נישט דערציילט?

— װאָס האָב איך געװוּסט? װאָס האָב איך געהאַט צו דערציילן?

— מורא געהאַט פאַר מיר, האַ? דאַרפסט פאַר מיר נישט מורא האָבן.

— איר זענט אַ גוטער, הער זייפערט. אַ טאַטע זענט איר פאַר מיר.

— אין אַזאַ צײַט, מיידעלע, טאָר מען קיין קינדער נישט האָבן, װייסטו?

— אַװדאי װייס איך, הער זייפערט.

אַ סך באַקאַנטשאַפט האָט ער געהאַט דער געװעזענער באַראַקן־עלטסטער. אַן עלטערע פרוי מיט אַ קליין רענצעלע אין האַנט האָט זיך אומגעריכט אַ װײַז

געטאָן. קיינער אויסער איר און זייפערט זענען נישט געווען אין דער באַהעלטעניש. ער איז געשטאַנען מיט אַ שיסל וואַסער און אַ ליכט אין דער האַנט. זי האָט זיך ביי איר געפּאַרעט...

— אַצינד, מיידעלע, לייג זיך צו, רו זיך אָפּ — האָט זי געזאָגט — און נישט געוואָרן.

דריי טעג פאַר דער באַפרייונג איז זייפערט אַרויס פון בונקער, אַ קוק טאָן וואָס הערט זיך אין דרויסן.

אַ ליידיקע געטאָ. קיין לעבעדיקן נפש זעט מען נישט — האָט שפּעטער דערציילט איינער, וואָס האָט פון אַ באַהעלטעניש אַרויסגעקוקט. דער לאַגערפירער קורט העסלער מיט זיין וואָלף־הונט האָט זיך געדרייט דרויסנדיק פון זיין „קאַבינעט”. באַמערקט זייפערטן, רופט ער אים צו: — קאָם מאַל היער.

זייפערט איז צוגעגאַנגען. יענער קלעפּלט אים גוטברודעריש אין פּלייצע:

— דיינע קאַמעראַדן, די רוסן קאָמען, נישט וואַר?

זייפערט איז שטיינגעבליבן אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן. עטלעכע מינוט זענען זיי געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן. העסלער ציט אַרויס דעם רעוואָלווער פון לעדער־טעשל, וואָס אויף זיין רימעט. אָן אויסגעפרייגטער, אַרומגעפּאַסעוועטער, הייסט ער אים מאַכן דריי טריט אויף צוריק און — שיסט אויס.

זייפערט איז געבליבן ליגן אַ פאַרגאָסענער אין בלוט.

צילאַ׳ס טונקל־בלאָנדע ברעמען — אָן צופוץ — האָבן בעתן רעדן זיך נערוועז צעצויגן אויף אַרויף, אַראָפּ און ווידער אַרויף. די אָפּלען — ברייטלעך־צעעפנט און געמרוזשעט, אַ שטייגער זיי קוקן אַקעגן דער זון.

דאָקטוירים זעען אין אַזעלכע אויגן־און־ברעמען־תנועות סימנים פון פּאַראַנאָיע. האָט אים שוין נישט געוווּנדערט, נאָכן אויסהערן די פּאַרלויפּענישן ביזן סוף, אויפן עטוואָס אויפגערעגטן, הייזעריקן קול: אויפן ווייטיקלעכן גרימאַס, וואָס האָט נישט געפּאַסט צום שיינעם פּנימל מיט די צוויי חן־גריבעלעך: אַ גרימאַס, וואָס האָט פאַרשאָטנט דעם העלן בלוי פון אירע אויגן, וואָס לייכטן מיט אָן אינערלעך פייערל. מער ווי ביז דעם דערציילן, האָט ער געפילט איר להוטקייט צו רעדן, אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ. אַ שטראָם ווערטער פון איר שיינעם מויל, ווי אַ קוואַלוואַסער פון צווישן שטיינער. ס׳רעדן איז איבערגעגאַנגען אין אַ נערוועזיטעט. אַ לייכטער שוים האָט זיך געבלעזלט אין די מוילווינקלען. ס׳יונגע גאָמבעלע האָט אונטערגעציטערט.

19

ס׳אויפגעצווונגענע גאַרנישטאָן יאָגט אָן אַ לאַנגווײַל. די אינדערפֿרי׳ען, די פֿאַרנאַכטן — איין גרויסער געגעץ: אַ געגעץ אין המשכים. אַ שטייענדיק וואַסער ס׳לאַגערלעבן. שטייענדיק וואַסער גיט אַרויס פֿון זיך אַ שלעכטן ריח.

שפּאַצירט אַ מאַן, פֿירט אַ ייִנגעלע בײַם הענטל, לעם אים — אַ פֿרוי מיט אַ קינד אין אַ וועגעלע. אַ פֿרוי פֿון אַ מאַן, אַ מאַן פֿון אַ פֿרוי. אין פּאַרק, אין גאַס, אויסערן לאַגער — תּמיד צוזאַמען... עפּעס־ן לאַגער־מענטשן די אויגן, מײַלער. פֿון מויל צום אויער. סודות. שוין נישט קיין סודות. אַלע ווייסן, אַלע זעען. קיין גרויסע באַלעבאַטישקייטן פֿירט מען דאָ נישט — פֿליאַטקעווען ווײַבערישע מײַלער:

— זע נאָר ס׳שיינע ווײַבעלע, אַלע טאָג אַן אַנדער סטראָי.

— און ס׳לעטשל אויפֿן הויכן קנאָפּעלע.

— דעם בראַסלעט אויף דער האַנט, ס׳קייטעלע מיטן מגן־דודל אויפֿן האַלדז.

— נישקשה, זי קאָן זיך פֿאַרגינען. איציק איז אַ סוחר, האַנדלט אויף גרויס.

— ער איז קיינמאָל נישט אין דער היים.

— אין דעם גייט עס דאָך...

— ווען טוט זי עפּעס אין שטוב, די צילאַ?

— אַ פֿרוי איז ווי אַ קאַץ: אַז זי האָט נישט, וואָס צו טאָן און זי איז זאַט — פּוצט זי זיך.

— צו איר אוכאַזשאָר וואָס זאָגט איר?

צילאָן גייען נישט אָן די ווײַבערישע רייד. זאָלן זײַ... האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז די טרעפֿעכישן מיט אים זענען געוואָרן אַ רגילות: אויך „ס׳צופֿע־ליקע" טרעפֿן אים — אַ רגילות. צילאָ האָט שוין געוווּסט זײַנע גענג: אין „קאָמי־טעט" — אַ מין שטאַטראַט בזעיר אַנפּין; אין דער רעדאַקציע פֿון דער לאַגער־צײַטונג (אַ ייִדישע צײַטונג מיט לאַטײַנישע אותיות) מיטן קינד אין וועגעלע אָדער אַליין. אויך ער איז תּמיד אַליין. שׂרה? „איר קאָפּ איז נישט דאָבײַ". מוחל אַזאַ „חברשאַפֿט"...

שכנים? „מאַלע וואָס שכנישע מײַלער פּלעטשען. זאָלן זײַ"...

און ער — ווי זײַן טבע — חשבון־הנפש:

נעכטן. הײַנט. מאָרגן. נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר. ס׳צווייטע יאָר אין לאַגער.

ער ענדיקט דעם דריטן צענדליק. יאָרן — ריינגען: אַ רינג אין אַ רינג עלעהײַ — אַ בוים. אַן אויסגעהוילטער בוים. גאָרנישט אויפגעטאָן ביז אַצינד. ער קוקט אויף צוריק, אין זיך אַרײַן קוקט ער. וואָס ווײַטער — שמעלער, טונקעלער די אויסהוילונג. אַ טונעל. ער גײַט. אינקאָגניטאָ גייט ער, אין טונעל מיט אַ לאָמטער אין האַנט: זײַן לאָמטער — וויסן, אַ סך וויסן. קולטווירן זיך. לייענען. שרײַבן. אַרויסגעבן אַ בוך לידער. און ער שטייט אויף אַן אָרט. אַ שטייענדיק וואַסער... אַ שטייענדיק וואַסער, ווי געזאָגט, גיט אַרויס פון זיך אַ שלעכטן ריח... ער וואַרט. אויף וואָס וואַרט ער? ערגעץ. וואַרט אויף אים עפּעס אַ דאַיִק־בישטאיגס. אַ יום־טוב וואַרט אויף אים, וואָס וועט באַלײַכטן זײַן לאַנגן אינדערוואָכן. מיט שׂרהן לעבט ער און ליבט אַן אַנדערע. די אַנדערע איז אייגנטלעך די ערשטע — לאהקע. אויך אַ פּערעלע דרייט זיך ערגעץ, שוועבט אין קרײַז פון די זכרונות.

צילאַ. זי האָט אַ מאַן, האָט אַ קינד. וואָס, וועמען זוכט זי? זיך אַליין אפשר זוכט זי. אַ רחמנות אויף איר. אַ רחמנות אויף זיך. ער קאָן איר נישט העלפן. ער קאָן זיך נישט העלפן. רק אים דאַכט זיך, אַז נישט נאָר ער ליבט אַן אַנדערע: ער לעבט אויך אַן אַנדער לעבן. אַן אויסגעלײַען לעבן לעבט ער, נישט זײַנס. זײַנס דאַרף ערשט קומען. ווען? ווו? וויאַזוי?

*

דײַטשישע ערד. פֿאַרשאָלטענע ערד. וואָס טוט ער דאָ? פֿאַרוואָס טרעטן דאָ זײַנע פֿיס? ער אָטעמט מיט דער דײַטשישער לופֿט. מיטן האַרץ, מיט דער נשמה איז ער ערגעץ אַנדערש. היים. זײַן חרובע היים. ער קאָן זיך נישט שענקען, ער וועט עס קיינמאָל זיך נישט שענקען — צוריקגעפֿאָרן קיין וואַרשע צו שׂרהן. איבערגעלאָזט אַ טאַטן, אַ מאַמען, אַ שוועסטער פֿאַר אַ חתונה, אַ שטוב, זײַן שטוב איבערגעלאָזט.

דײַטשלאַנד. אַ געמיטלעכע לאַנדשאַפֿט. אַ ווייטיקלעכע שיינקייט. אויף מײַלן ווײַט און ברייט קייטלען זיך די בײַערישע אַלפּן העט־ווײַט ביז די פּירענעען. ווי מאַמוטן ליגן זיי באַוואָקסן מיט וואַלד און גראָז. טיף אין די בערג, אין די שטיינערנע געדערים האָט גענעסטעט די שלאַנג — זאָגט מען. היטלער זאָל דאָרט האָבן אויסגעבויט זײַן אונטערערדישן פּאַלאַץ. דײַטשלאַנד איז אַצינד צעפּערטלט, צעשניטן — אַ שלאַנג אויף פֿיר באַזונדערע טיילן. איר געהרגעט אין איר אייגענער נאָרע. ס'פּרעסן די ווערעם זײַן געביין. די דײַטשן לעבן. געזונטע מענער, בייניקע. יונגע. פּרעכע פּרצופֿים. גרינע קאַפּעליושלעך. בלאָנד־האָריקע פֿאַרשוינען. הויכשטאָקיקע הײַזער. ווינעצקי פּענצטער, שטאָרן. אין די ביר־האַלעס, רעסטאָראַנען. אַרום לאַנגע טישן און טישלעך טרעפֿט

מען זיי. יונגע און עלטערע יעקעס ביַי קופּליעס ביר מיט ברייטע שוים־מאַנקעטן. טעלערלעך געפּעפּערטע אַרבעס. זופּן נחתדיק און גרעבצן אויפן קול. האַרטע, טרוקענע, הויכע געלעכטערס. מ׳הייבט דעם הוט פאַר דיר. מ׳טראָגט דיר אונטער דעם „גריס גאָט". מיט ווילגעכאַוועטער געדולדיקייט קלאָגט מען זיך אויפן גורל פון „באַזיגטע". די קינדער לערנט מען רחמנות־פּנימער מאַכן און אויף ווענט און פּאַרקנס שרײַבן: — יודע פּעררעקע.

נאָך קינדער זעט מען. בלויאויגיקע נעגערלעך. קעפּלעך בלאָנדהאַריקע, געקרײַזלטע — אַן אויסשיטעכץ פון יאַדעשליווע אַריש בלוט: אַריש בלוט און נעגער־בלוט. נעגערס — רעשטלעך פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי נאָכן נצחון איבערן „הערן־פאָלק". ס׳איַילט זיך זיי נישט אַהיימפאָרן.

*

שכנים אין איין בלאָקן־הויז, קומט מען זיך אָפּט צוזאַמען. ווייסט זי, סאַראָ, אוי ווייסט זי, אַז „צילאָ קומט נישט צו איר..." און צילאָ רעדט דווקא וועגן איר מאַן: אַ גוטער מאַן, אַ גוטער טאַטע. האַנדלט „אויף גרויס". האַנדלט פון לאַגער אין שטאָט אַרײַן און צוריק — קליידונג, טײַערע שטוב־חפצים. פון שטאָט קומען די דײַטשקעס צו די „יודן" האָבן שפּײַז, קאָנסערוון־פּושקעס, זייף. די „יודן" באַקומען פּעקלעך שפּײַז, סיגאַרעטן. „יודן" האָבן געלט. צאָלן גוט פאַר אַ טאָג אַרבעט, רוימען זייערע שטובן. זיי ווילן נישט אַוועק פון דאַנעט. נאָך פּאַלעס־טינע זאָלן זיי פאָרן, די „יודן".

דײַטשן — וועלף אין שעפּסן־מאַנטעלעך. „היטלער — קאַפּוט". וואָס וויל מען פון זיי? זיי ווייסן גאָרנישט, האָבן גאָרנישט געזען, נישט געהערט... אַזוי פיל זענען זיי דאָ, די „יודן". האַנדלען. וואַגאָנעס מיט פלאָמבירטע קאַסטנס סיגאַרעטן קומען אַרײַן אין קעמפּ. קאָרטאָנען סיגאַרעטן. פון „דזשאָינט" — מאַניפאַקטור, שוכוואַרג, קאָנסערוון־פּושקעס, פיש, פלייש, מילך־פּראָשעק, שאָ־קאָלאַד — פון „אונראַ".

אַרום „האָיאַס" דרייט מען זיך. עפּידייוויטס... זאָלן זיי שוין פאָרן, ווער דאַרף זיי דאָ, די „יודן"?

די טויערן פון ארץ ישראל זענען פאַרמאַכט. ענגלישע שיפן אויף די ימען. בלאָקאַדע. איין מעפּילים־שיף האָט מען אומגעקערט קיין האַמבורג. די ידיעה האָט שנעל זיך אַ טראָג געטאָן איבערן לאַגער, איבער אַלע לאַגערן אין דײַטש־לאַנד. אַ מחנה יונגעליַיט האָבן זיך אַהין אַ לאָז געטאָן. דערמוטיקן די מעפּילים נישט אַראָפּגיין פון דער שיף. נמאס די דײַטשישע, פאַרשאָלטענע ערד. גענוג געזעסן אויף די וואַליזקעס. גענוג פרעמדע „קעסט".

אים האָט האַמבורג דערמאָנט: „על נהרות בבל שם ישבנו", געוויינט און דערמאָנט זיך אין ציון. מיט איר איציקן — זאָגט צילאַ — האָט עס נישט צו טאָן. ער טראַכט פון אַמעריקע, קאַנאַדע, אויסטראַליע.

קליינערהייט, אין דער אַלטער היים, מיטגעפאָרן מיטן טאַטן — אַ שפּיליטער — קיין לובלין, קיין וואַרשע. אין פּאָסיאַלעק, ווו זיי זענען געווען, די גאַנצע משפחה: מאַמע, אַ קליין שוועסטערל — האָט מען אויך נישט געאַרבעט, נישט געלעבט אויפן פּאַיאַק. צוגעהאַנדלט פון פּאָסיאַלעק אין שטאָט אַרײַן, אַ צוואַנציק וויאָרסט, מיט אַ ביסל גרינס, אַן עוף, אַ קעזל, מילך. אויף צוריק — אַ באַנקע קעראָסין, לעכט, שוועבעלעך, נאָדל־פאָדעם, לײַוונט, אונטערוועש, זאַלץ, הערינג. אוודאי איז נישט געווען אַזוי גרינג, ווי סע רעדט זיך. אײַנגעשטעלט ס'לעבן. ספּעקולאַציע. זיצט ער דאָ אויך נישט מיט פאַרלייגטע הענט, איציק.

אהרן שווײַגט. באַעבטע שכנים. אין בלאָקן־הויז פון אַנטקעגן וווינען זיי. מיט עטלעכע טעג צוריק זיך אַ ווײַז געטאָן מיטן קינד אין ווזיקל. גערעדט צו סאַראַן און געקוקט צו אים... (טאָכטער דיר זאָג איך, שוויגער דיר מײַן איך")
„זי האָט חשק זיך אַרײַנכאַפּן זען אַ פילם". סאַראַ האָט יאָ און נישט געהערט.

ערשט אַז צילאַ איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זי אים געזאָגט:

קינאָ? פילמען? שוין געווען אויף אַזעלכע „פילמען"... לאהקע, פּערעלע...

דער פּאַרק איז געוואָרן דער טרעפפּונקט. תּמיד האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז מ'האָט זיך פאַררעדט, אָדער „פאַרגעסן": מען איז שוין אַ היפּש שטיק וועג אויסערן לאַגער. ער מיט שימעלען, זי מיטן מיידעלע. „פאַרגעסן" זיך, מחמתביידע האָבן געוווּסט, אַז אין לאַגער זענען דאָ אויגן און מיילער.

קינאָ איז איר איינציקע ליבע — זאָגט צילאַ. אין דער היים, אַ קליין מיידעלע, אָדער זי איז געגאַנגען מיט דער מאַמען, מיטן טאַטן אָדער — אַליין. מיט אַ בילעט, אָן אַ בילעט. זיך געדרייט שעהען לאַנג אין דרויסן, געקוקט אויף די בילדער, באַטראַכט די שיינע פּנימער פון די אַרטיסטינס, אַרטיסטן.

— הײַנט ביסטו דאָך שוין נישט קיין קליין מיידעלע.

— בײַ דער ליבע צו קינאָ איז זי געבליבן.

— איציק?

— ליבע צו אַ מאַן?

— אַ מאַן, אַ טאַטע פון אַ קינד?

די ערשטע עטלעכע וואָכן נאָך דער באַפרײַיונג — מאַכט זי — באַקענט איציקן אין הויז פון קאָמיטעט, זיבעצן און אַ האַלב יאָר איז זי אַלט געווען. איציק איז דאָרט געקומען מיטן טאַטן. ער האָט געקוקט אויף איר, זי האָט געקוקט אויף אים און — שוין.

— שוין? אַזוי יונג, אַזוי שנעל האָט מען חתונה?

אַליין. איינע אַליין. היימלאָז. זי ווייסט פון ליבע צו אַ מאַמען, צו אַ טאַטן. ווען דער טאַטע וואָלט געלעבט וואָלט ער אַלט געווען נישט מער, ווי אַריבער די פערציק. עלטערע מענער האָט זי ליב: אַ מאַן — אַ טאַטע. וואָס קוקט ער אַזוי אויף איר: — פרעגט זי.

— איך קוק אויף דיר און טראַכט: הייס איך אַן עלטערער מאַן?

— אַוודאי מיט אַ צען יאָר עלטער פון איציקן.

— און מיט אַ צען יאָר יינגער פון דיין טאַטן, עליו השלום.

— ביסט אויך ענלעך צו מיין טאַטן. דאָס זעלבע קול. צום ערשטן מאָל דיך געהערט רעדן איז פאַר מיינע אויגן געשטאַנען דער טאַטע.

— קאָן מען זיך אין אַ קול פאַרליבן?

— כ׳האָב דיר שוין געזאָגט: איך ווייס נישט וואָס מ׳מיינט ליבע. דו געפעלסט מיר.

— צילאַ.

— דו ביסט אַ סך קליגער ווי איך האָב געמיינט, צילעשי. איך דאַנק דיר.

— נישטאָ פאַרוואָס.

— פאַר דיין אָפנהאַרציקייט.

— דו ביסט דער ערשטער מאַן, מענטש פאַר וועמען איך קאָן עפענען מיין האַרץ.

— ביסט אַ טשיקאַווע ווייבעלע.

— און דו — זע נאַר, ווי גרינג עס זאָגט זיך מיר אַרויס „דו" — ביסט אַן ערנסטער, אַ קלוגער, אינטערעסאַנטער מענטש.

— אַ מאַן, אַ טאַטע פון אַ זעקסיאָריק יינגעלע, האָסטו פאַרגעסן צוצוגעבן. האָסט אין זיך אַ „צאַש", זאָגט מען אויף פויליש.

— שוין נישט איין מאָל געהערט דאָס וואָרט.

זי האָט פיינט פּאָליאַקן. ערגער פון די דייטשן. געראַטעוועט האָט זי — שוין דערציילט — אַ פאָלקס־דויטש. אַ פּאָליאַק האָט ביי איר צוגענומען די לעצטע הונדערט זלאָטעס, איר צוגעזאָגט אויסבאַהאַלטן ביי זיך: די לעצטע הונדערט זלאָטעס, וואָס די אַלטיטשקע האָט איר געגעבן און זי אַרויסגעוואָרפן פון קעלער.

— אַזוי. דערצייל, דערצייל, צילאַ.

זי האָט נישט קיין כוח. דערציילן פאַדראַבנע נאָכאַמאָל איז ווי נאָכאַמאָל איבערלעבן דאָס וואָס איז מיט איר געשען. זי שמייכלט, צילאַ. אַ טרויעריק שמייכעלע אויפן שיינעם פנימל. אַן עצבות — אַ וואָלקן איבער אַ זון — אויף

איר פנימל. דאַכט זיך, אַז אויך די ליכטיקע, בלאָנדע האָר ווערן טונקעלער אין זײַנע אויגן, צי איז אים אַ טונקלעניש אַרײַן אין די אויגן? אַ ווײַבעלע, צי אַ מיידל־קינד זעט ער פאַר זיך? ס׳הויקערט אויף איר אַן אַלטע, לאַנגע געשיכטע: אַ צווייטויזנט יעריקע געשיכטע פון נסיונות, פּײַן, פּורעניות. ליבע ווייסט זי נישט וואָס מ׳מיינט. וויפל האָט געפעלט דאָס פערצן־פופצן יאָריקע מיידעלע — די לעצטע פון אַ משפחה — זאָל זײַן נאָך אַן איינס אינעם גרויסן, גרויליקן מספר זעקס, מיט זעקס נולן? צילאַ — אַ זעקסמיליאָניק־מולטיפּליצירטע?

ניין. נישט צילאַ, דאָס שיינע ווײַבעלע געפעלט אים. קיין שום עראָטיש געפיל צו איר. אַ רחמים, אַ טרויער, אַ באַדויער וועקט זיך אין אים. אַ ברודער, אַן עלטערער ברודער, אַ טאַטע איז ער צ׳ון איר. אַ טאַטישע ליבשאַפט פילט ער צון איר. אַ הייליק יידישע טאַכטער. אַ ייִדיש קינד. אסור אויף איר אַ פינגער אַרויפלייגן.

ערשט ער באַמערקט, אַז ער איז אַנגעטאָן עקסטראַוואַגאַנט, אַנדערש ווי ס׳רוב לאַגער־מענטשן. דאָ צווישן די צוויי טונקעלע, צווייטשאַקיע קאַזאַרמע־הײַזער: מענטשן פון פאַרשיידענע שטעט, לענדער, אָרטשאַפטן, פאַרשיידענער מראה, סטראַי און ריידנס־אַרט — זעט ער אויך אין זײַן לבוש אַוודאי אויס, ווי אַן עקזאָטישער פויגל צווישן ווערובלעס. אַ שבתדיק־חולהמועדיקן אויבער־ראָק טראָגט ער, אַ סאַמעטן שאַליקל פאַרוואָרפן אויפן האַלדז, אַ קאָלנער־בינדע. ער זעט באַשײַמפּערלעך, אַז דאָס נאַריש־קלוגע ווײַבעלע האָט זיך דערקענט אויף אים. ער וואָלט אויך אָנעם סאַמעטן שאַליקל גע־פעלן איר. ער האָט פון דעסטוועגן געזען אין אירע בלויע אויגן, אַז זײַן אַנדערשקייט געפעלט איר. משמע: אַזוי וויל זי אים זען. ער איז „עפּעס אַנדערש״ — האָט זי אים איין מאָל געזאָגט. זי האָט שנעל געפונען אין אים דעם פּוילישן זאָג „צאַש״, דעם „עפּעס״, וואָס אַנדערע, שענערע פון אים האָבן נישט.

אויסערן לאַגער, נישט ווײַט פון שטאָט זיצן זיי אויף אַ באַנק. ביידע שווײַגן. ווו נעמט מען כּוח צו שווײַגן — האָט ער צו זיך געזאָגט. „און אַ נײַ הארץ וועל איך אײַך געבן״ — דערמאָנט ער זיך אין אַ פּסוק פון יחזקאל. ווו נעמט מען כּוח אַ נײַ הארץ צו דערטראָגן? זי האָט געהאַט און האָט כּוח — זאָגט ער צו זיך — אָט דאָס קליינע ווײַבעלע. אפשר די רייד, דאָס קול פון דער אַלטיטשקער?: „דו ביסט יונג, דו וועסט איבערלעבן?״

העלער טאָג. מיטנטאָג. ביידע אויסערן לאַגער. די קינדער — אין שטוב. ס׳שווײַגן פון דער באַרײַדעוודיקער צילאַ האָט אַ ווייע געטאָן אויף אים, ווי אַ פּרימאַרגן־ווינטל איבער אַ ליידיק, אָפּגעקאָסעט זומערפעלד. „אָפּגעקאָסעט״ צען יאָר פון זײַן לעבן. די שענסטע יאָרן פון אַ מענטש, אפילו ווען זײַנע יאָרן זענען

נישט געווען אַזוי שיין. עפּעס פון יענע יאָרן גיט זי אים צוריק, צילאַ. ער איז אָבער פּאָרט עלטער פון איר, אַ סך עלטער. אָן עלטערער ברודער איז ער איר. שטילערהייט קלאַפּט ער זיך על־חטא אויף זײַנע נישט באַגאַנגענע זינד. ער האָט נאָך נישט אויפגעהערט קלאַפּן זיך על־חטא אויף די יאָ־באַגאַנגענע זינד — לאַהקע, און נאָ דיר אַ צילאַ. ניין. ער האָט קיין שום זינדיקע מחשבות נישט. קיין יצר־הרע. ער וויל אים נישט גובר זיין. נעמען מיט כּוח דעם יצר־הרע — איז אויך אַ יצר־הרע.

שׂרה, געטרײַע, אומגליקלעכע מאַמע פון זײַן קינד. דו ביסט אין שטוב. וואַרטסט אויפן קומען פון דײַן מאַן. אוועק אין דער פרי. נאָך נישטאָ. „אַוודאי זיך געטראָפן מיט צילאַ". פאַרוואָס שווײַגט זי? פאַרוואָס לאָזט זי אים גיין?

ווער ביסטו, מענטש? אַ פּלאָטערל בן־יום. ניין. אַ בין ביסטו — בין־׳סטו... פּליסט פון איין בלום צו דער צווייטער. ליבע־לוסט, ליבע האָניק:

שׂרה. לאַהקע. צילאַ. אַ פּערעלע פּלאָטערט ערגעץ אין מוח. וויפל נאָך סיורפּריזן — לטוב ולרע — גרייט פאַר אים דער גורל? ס׳שלאַנגען־צינגל, ס׳רויטע, גיפטיקע — חרטה — נאָדלט אַרײַן דעם סם. זיסער סם פון לעבן.

אײַ, וועסטו דערפאַר באַצאָלן, טײַער באַצאָלן...

פּאַטאַליזם.

אין אַזעלכע רגעס איז פון פּאַראַנאָיע ביז צו מרה שחורה — אַ קליינער שפּרײַז. זינט ער איז צו זײַן שׂכל געקומען — מאַכט ער אַזעלכע שפּרײַזן. אַ וואַקלדיקער גאַנג אַזאַ צווישן גוטס און שלעכטס.

אדם, אַ מענטש, יאָגט זיך נאָך דער אויסגעשניטענער ריפּ — חוה.

קאָן אַ גרוב זיך פאַרשיטן מיט אויסקאָפּ פון זיך אַליין?

קאָן אַ לייב זיך זעטיקן מיט זײַן אייגענער זשמעניע?

גוטסקייט, יאַהנדעס — שיינע ווערטער. גאָט האָט געגעבן דעם מענטש די צונג — זאָגט אַ גריכישער פילאָסאָף — כּדי צו פאַרשטעלן זײַנע רעיונות... אין היסטאָרישן גאַנג פון מענטשן־מין, זינט ער האָט זיך געשטעלט אויף די צוויי פיס, זיך געלערנט אָנטאָן אַ פּאָר שיך, אַ מלבוש — זענען די ווערטער נאַקעט, ווי נאַקעט דער מענטש איז אונטערן מלבוש... מיט קמצנישער האַנט שענקט דער מענטש קרישקעלעך אָרנטלעכקייט, אָפּגעשאָבן פון אייגענער אומגעצוימטער אייגנליבע, עגאָ.

קלאָר ווי דער טאָג, דער מיטנהעלער טאָג, איז די ממשות פון די דאָזיקע מחשבות. ערשט אין דער טאָגליכט זעט ער, ווי פּינצטער אים איז.

ווערטער, ווערטער. פון זײַן טיפער געפילנוועלט קוועלן זיי מיטן שטראָם פון בלוט אין די אָדערן פון מינדסטן נאָגעלע ביז אַרויף צו די שלייפן. שלום

וויל ער מאַכן צווישן געפיל און געדאַנק. זינט ער איז צום שׂכל געקומען פירט ער מלחמה מיט זיך: אַ פאַרשפּילטע מלחמה. אפּט, צו אָפּט, דערפירט אים די מחלוקות צו שגעון, צו ספק אין אייגענעם קיום.

צילאַ איז אַליין אין שטוב. נישט קיין האַלבע, אָפּגעטיילטע מיט אַ דיקטן ווענטל, ווי אין רוב שטובן אין לאַגער, מחמת ענגשאַפט פון כסדרדיקן צוקום פון פּליטים. דאָס האָט זיך איציק אויסגעסטאַרעט ביים לייטער פון „ווינונגס־אַמט". איציק טויג זיך אויס צו די זאַכן. ער ווייסט ווו צו עפענען אַ טיר. אַז מ'דאַרף — עפנט ער די האַנט. ער איז דעם אָוונט אין שטוטגאַרט — עטלעכע שעה רייזע מיט דער באַן. שפּעט אַהיימקומען איז נישט כדאי — האָט ער געזאָגט. ער'ט דאָרט איבערנעכטיקן. פאַר עטלעכע קליינע מאַרק שטייט מען אײַן אין שענסטן האָטעל. די יעקעס האָבן ליב מאַרקן.

איינגעשלעפט ס'קינד. העכער אַ שעה האָט געדויערט ס'וויגן, זינגען לידעלעך ביז עס מאַכט צו די אייגעלעך. שוין געטראַפן, אַז פון זיצן לאַנג ביים וויגעלע, זינגען לידערלעך — האָט ס'קינד איינגעשלעפט די מאַמען. הײַנטיקן אָוונט איז עס גרינג געגאַנגען. און דער אָוונט שטעלט זיך ערשט. איציק קומט נישט. אַ גלײַכע זאַך זיך צוכאַפּן אין קינאָ. זי וועט שׂרהן בעטן אַ קליינע טובה: נעמען שימעלען און קומען צו איר, זײַן מיטביידע קינדער. שימעלע איז שוין אַ גרויס יינגעלע. זי וועט מיט זיי אונטערזײַן אַ שעה־צוויי. זי קאָן מאַכן נאַכטעסן פאַר ביידע, אויך פאַר זיך, אַ גלעזל טיי. צו וואָס זיך לאַנגווײַליקן? אַליין אין שטוב? זי וועט גיין מיט „אים" אין קינאָ. ער וועט איר נישט אָפּזאָגן.

סאַראַ איז נישט געקומען. ער איז נישט געגאַנגען. ער איז נישט קיין קינאָ־ליבהאָבער — האָט ער צילאַן געזאָגט.

איז זי אַליין געבליבן אין שטוב. היפּש זיך געלאַנגווײַליקט. אַ שלאָפלאָזע נאַכט איז עס פאַר איר געווען. איר איציק: קומט ער פון אַ רייזע, צי פון שטאָט — איז ער מיד. תּמיד מיד אָדער פאַרנומען מיט זײַנע חשבונות. שטיקלעך פּאַפּיר אויפן טיש, אַ נאָטיץ־ביכל. זיצט מיט אַ באַשעפטיקט פּנים איבער די פּאַפּירלעך ביז ער דרימלט אײַן. דאָס גלעזל טיי אָדער אַ לײַכטן ביס, וואָס זי דערלאַנגט — נישט גערירט. זי וועקט אים איבער.

— אַ, יאָ, צילעשי, מ'וועט מאַכן נאַכט.

ליגט מען אין בעט. איין בעט. איר נעמט נישט קיין שלאָף. דרייט זיך אַהין, אַהער. הייס. זי דעקט זיך אָפּ. קיל — דעקט זי זיך צו. זי דעקט אָפּ אַן אַקסל, רוקט זיך צו נעענטער צו אים. ער דרייט אויס צו איר ס'פּנים:

— צילעשי, נישט אַרײַנגעדרייט ס'ליכט.

— פאַרגעסן.

— ביסט הײַנט אַזוי שײַן, צילעשי.

— ווען ס'ליכט איז אַרײַנגעדרייט וואָלסטו דאָך נישט געזען?

— איך זע דיך תּמיד אַפּילו ווען איך בין נישט אין שטוב.

— ווי האָסטו צײַט צו זען אַ ווײַב?

— ביסט אַ גוט ווײַב. איך האָב דיך ליב.

— ווײַבער גלייבן נישט אויפן וואָרט... איציק.

— וואָסי? האָב איך דיר ווען גענאַרט?

— ניין. נישט דאָס מיין איך.

— וואָס מיינסטו, צילעשי?

— אַ קראַנקן פרעגט מען...

זי הייבט אַרויס דעם נאַקעטן אָרעם, לייגט אים צו צו זײַן אַקסל. זי גיט אַ גלעט, אַ לײַכטן פיר מיט די פינגער איבער זײַן פּנים:

— נישט אַפּראַזירט, איציק.

— מען וועט מיך, צילעשי, צוליב דעם נישט אַרויסוואַרפן פון שטאָט.

צילאַ לאַכט. ס'טוט אים הנאה, וואָס זי לאַכט פון זײַנע רייד. צילאַ שאַרט אַרויף עטלעכע הערלעך וואָס פאַלן אים פון קאָפּ אויפן שטערן:

— ביסט אַ חכם, מײַן מאַן.

ער נעמט איר האַנט, לייגט אַרויף אויף זײַן ברוסט. זי הייבט זיך אונטער. אַן אָנגעשפּאַרטע אויף אַן עלנבויגן, לענט אַן איר קאָפּ אויף זײַן אַקסל. נישט קאַלט אין שטוב. סיוון. אַ לײַכט ווינטל ווייעט אַרײַן דורכן צוגעלענטן לאָדן. אַ שיינע זומערנאַכט. שטיל. די איינציקע שפּאַציר־גאַס צווישן צוויי רייען בלאָקן־הײַזער — ליידיק פון מענטשן. קיין ראָדפאַרקער, קיין וואָרט. שטיל, ווי אין אַ קאַזאַרמע ווען די זעלנער שלאָפן. ווירקלעך געווען דאָ אַ קאַזאַרמע, נאָכדעם — אַ קעמפּ פאַר אַמעריקאַנער מיליטער. פון נישט ווײַט, אויסערן לאַגער, הערט זיך אַ געוויין פון אַ קינד. אַוודאי זיך איבערגעכאַפּט פון שלאָף. אַ הוסט פון אַ פאַרבײַגייענדיקן מענטש הערט זיך. מחמת דער נאָענטקייט פון איין בלאָקן־הויז קעגן צווייטן — הילכט אָפּ דער הוסט מיט אַן עכאָ, ווי פון אַ טונעל אַרויס. צילאַ פילט אַ קילקייט אין די ביינער. אַ האַלב־אָפּגעדעקטע ליגט זי... וואָרט... אַ ציטער, אַ וואַרעמער ציטער נעמט אַדורך איר לײַב... אומגעדולדיק וואָרט זי... ער שלאָפט דאָך נישט, איציק, ער רעדט דאָך צו'ן איר. אָט־אָט, מיינט זי, הייבט ער זיך איבער איר אַריבער. — זי דערפילט זײַן הייסן אָטעם, דעם לײַכטן באַריר פון זײַנע האַריקע פיס אויף איר לײַב. ער רעדט דאָך צו איר ליבע רייד, וואַרעמע רייד רעדט ער צו איר:

— ווייסט, צילעשי, ווידער אַ שפּרונג געטאָן דער אַמעריקאַנער „ווייכער".

דער קאַנאַדער איז געפאַלן. אויף דער בערזע אין מינכען — אַ צעמישעניש. דער ענגלישער סטערלינג האָט זיך געטאָן אַ הייב, צום צווייטן מאָל אין איין וואָך. ס׳הייבט זיך, ס׳פאַלט. אַ קדחת. אַביסעלע מזל, צילעשי, ווערט מען איבער נאַכט אַן עושר. שלאָפסט ?

— ניין. כ׳שלאָף נישט.

ווי קאָן זי שלאָפן — ביידע אין איין בעט, שטענדיק אַ מידער. היינט איז ער פרי אין שטוב. געגעסן. געטרונקען. געשפּילט זיך מיטן קינד. ליגט מיט אַ ווייב און... דערציילט איר נייעס פון דער בערזע. אַ קדחת. אויך איר וואָרפט... אירע ביידע הענט אויף זיין נאַקעטער ברוסט שפּילן זיך מיט די הערעלעך. די אויגן אירע, די אויערן — וואָך צו זיין יעדן שאָרך, ריר. ער רעדט. מיט ביידע אויערן הערט זי: אין איינעם אַריין, פון צווייטן — אַרויס.

— אַן אַקציע־קאַמפּאַניע אין שטוטגאַרט האָט אָנגעזעצט. אַ געסרחה... בדיל הדל געמאַכט הונדערטער מענטשן, אַ סך באַקאַנטע, היימישע חבר׳ה, האַ, צילאַ, ביסט אַ מבין ?

— אַ מבין ? וואָדען ?

קורצע, אָפּגעהאַקטע ווערטער: אַ פּויזע און אַ וואָרט. איר איז טרוקן אין מויל, אַ טערבקע ביטערניש. ס׳קידעט, ס׳וואָרפט איר.

— גוט וואָס ער האָט דאָס מאָל... דאָס... מאָל... נישט, נישט געקויפט... קויפט קיין אַקציעס. אַקציעס. אַקציעס. און איר ליגן נאָך אין די ביינער יענע „אַקציעס״. ער האָט קיין דייטש נישט געזען פאַר די אויגן, די מערדער, די רוצחים.

זי ענטפערט נישט. ער, ווי איבערגעכאַפּט פון שלאָף:

— ניין, צילאַ. איך קען נישט לעבן אויף די „קעסט״ פון „אונרא״, פון „דזשאָינט״.

— הלוואי וואָלט מען געהאַט די קעסט דאָרטן, איציק.

— ווו דאָרטן, צילעשי ?

— דו ביסט געשלאָפן ?

— ניין, צילעשי. מיר רעדן דאָך.

— אַוודאי רעדן מיר. איך האָב זיך אַצינד דערמאָנט, ווי הפקר ס׳איז געווען דאָס יידישע לעבן. געשלאָגן אַ ייד טאָמער איז ער געווען שיין אָנגעטאָן, ווייל ער איז אַ „טשעמבערליין״. אַן אָרעמען ייד — ווייל ער איז אַ קאָמוניסט. געשלאָגן, געמימת׳ט און דו מיט דיינע אַקציעס. פאַרגעסן ?...

— וואָס פאַרגעסן ?

— אַז דו שלאָפסט מיט אַ ווייב.

— חלילה. אַדרבא.

— וואָס אַדרבא, איצקל?

— מײַן לעבן ביסטו. מ׳עט מאַכן אַביסל געלט, פאָרן קיין אַמעריקע. אַ קאָטעטש ט׳מען קויפן, אַ מאַשין, צוויי מאַשינען, פאַר דיר און פאַר נעטאַלען, וואָס וועט אונטערוואַקסן, גיין אין סקול, אין קאַלעדזש. אַ מאַשין איז דאָרט — זאָגט מען — פּיס. נישטאָ דאָרט קיין טראַקטאָרן. מיט די אָמניבוסן פאָרן נאָר די כושים, די נעגערס. נעגערס. נעגערס אַרבעטן אין די ייִדישע הײַזער בײַ די גערטנער, ביימלעך, בלומען. נעגערס — סטרוזשעס. אַ פּאַלאַץ, אַ מלכּה וועסטו בײַ מיר זײַן.

— איך פאַרלאָז זיך אויף דיר, איציק.

ווידער פּרוווט זי מיט אַן אויסגעצויגענעם, נאַקעטן אָרעם אַרומנעמען זײַן האַלדז, פירט די פינגער פון זײַן האַריקער ברוסט אַראָפּ, אַראָפּ, צעקנעפּלט ס׳העמד...

— כ׳האָב דיך ליב, צילעשי.

— ביסט אַ מעדיק, מײַן מאַן.

— פאַר דיר, אַלץ פאַר דיר, צילעשי.

— וואָדען? ביסט דאָך מײַן מ... קלינגט איר קול פאַרציטערט, שרעקיק פון גוטער אויפרעגונג, פון דערוואַרטונג...

— צילעשי גאָלד מײַנס. וואָלט מען געקענט מאַכן קליידער פון גאָלד, וואָלסטו בײַ מיר אין גאָלד געגאַנגען. דו פאַרשטייסט? דו... פאַר...

זי הייבט אויף דעם קאָפּ: פּנים־אל־פּנים צו אים. וואָס זעט זי? ער שלאָפט. אײַנגעשלאָפן. מיד, איר מאַן, איציק, איר גאָלדענער מאַן.

און צילאָס הייסע לײַב האָט זיך פּאַמעלעכקע אײַנגעמאָסטעט אין לאַנגן העמד. פּאַמעלעכקע גייט אָפּ איר וואַרעמער אויפציטער, ווי ס׳גייט אָפּ אַ פּראָסט פון אַ שויב פון אַ וואַרעמען הויך...

ס׳האָט איר נישט פאַרדראָסן. זי איז נישט בייז אויף אים. זי איז בייז אויף זיך, אויף זיך איז זי בייז. מ׳דאַרף נישט צודרינגלעך זײַן — האָט זי זיך געשטראָפט, גלײַך זי איז די שולדיקע, נישט ער. אַן אײַנגעקאַרבאַלעטע אין העמד האָט זי זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו אים, געפּרוווט אײַנשלאָפן. ניין. ס׳נעמט נישט קיין שלאָף. זי פילט ס׳האַסטיקע קלאַפּן פון איר האַרץ, ווי זי וואָלט אַ שווערע זינד באַגאַנגען מיט טראַכטן, מיט איבערגעבן זיך דער תּשוקה... אַ יונגע פרוי: אַ פרוי פון אַ מאַן. איז וואָס? — פון דעסטוועגן... ווען עמעצער וואָלט אַצינד אַ לעק געטאָן איר האַרץ... ער איז דאָך פאָרט איר מאַן. וואָס פאָדערט זי דען פון אים? — נישט קיין נאַר. אַ קלוגער, איר איציק. אַ סוחר. אַ געטרײַער מאַן. זי דערמאָנט זיך: ערשט מיט צוויי טעג צוריק איז ער דאָ

געוועז, איר באַקאַנטער. אַ נאָענטער פרײַנד. ס'איז איר גוט אים צו זען. גוט מיט אים צו רעדן, אים הערן. אַן אינטעליגענטער מענטש. קאַנטיק אויך אים איז נישט אַזוי גוט אויפן האַרץ. איין מאָל, צוויי מאָל סך הכּל געוועזן בײַ זיי אין שטוב. געזעסן ביידע צוזאַמען... זײַן זיצן לעם איר... און איר דרייען זיך אין שטוב, כּלומערשט פאַרטאָן אין דער באַלעבאַטישקייט. עס האָט איר דערמאָנט אין פיר שורות פון אַ לידל מיט אַ ניגון, וואָס — ווי איר מאַמע האָט דערציילט — האָט עס די באָבע געזונגען מיידלווײַז:

דיר דאַכט זיך,
אַז בײַ יענעם לאַכט זיך:
קוקסט אַרײַן דורך דער טיר —
איז ערגער, ווי בײַ מיר.

מיטן ייִנגעלע איז ער געקומען. ביידע קינדער האָבן זיך געשפּילט. זי האָט אויפגעקאָכט אויפן פּרימוס אַ טשײַניק טיי. טיי מיט לימענע האָט זי געשטעלט אויפן טיש. ער האָט ליב טיי מיט לימענע, הייסע טיי עס זאָל בריען אויף די ליפּן, ווי אין רוסלאַנד, פון די סאַמאָוואַרן טרינקט מען, האָט מען אַמאָל געטרונקען — גלײַך אין מויל אַרײַן. זי האָט שוין געוווּסט, וואָס ער האָט ליב, ווען ער האָט נישט ליב האָט זי אויך געוווּסט.

שוין נישט ס'ערשטע מאָל קומט ער צו זיי אין שטוב. גראָד האָט זיך יענעם אָוונט איציק אַ ווײַז געטאָן. שנעל, ווי זײַן טבע איז, אַרײַן, אַ וואָרף געטאָן די טעקע אויפן טיש, דערלאַנגט אים די האַנט: — אָ, אַ גאַסט.

— וואָס מאַכט איר, דו, איציק? שוין לאַנג אײַך נישט געזען.

— אַוודאי, אַז מ'פאַרגעסט מ'האָט אַ ווײַב, אַ שטוב — רופט זיך אָן צילאַ. אַלע דרײַ קוקן זיך אָן.

— פאַרנומען? געשעפטן, האַ?

— איז וואָס שרײַבט איר, דו?

— באַשליס: אָדער „איר" אָדער „דו".

— נו, מיר זענען דאָך באַקאַנטע? האָסטו כאָטש פּרנסה פון דײַן שרײַבן?

— מיט פּרנסה זענען מיר דאָ אַלע באַזאָרגט.

— אַז דו האָסט גאָרנישט דערפון — וואָרף עס אַוועק.

— האָסט געהערט די מעשׂה מיט יאַנקלען און מעכלען מיטן בער?

— ניין. נישט געהערט.

— ביידע זענען געגאַנגען שפּאַצירן אין וואַלד. מעכל ווערט פּלוצעם נעלם.

און אַט זעט ער אים: ער האָלט אַרומגענומען אַ בער. מעכל לאָז אָפּ דעם בער — שרייט יאַנקל.

— יאַנקל — שרייט מעכל אַ דערשראָקענער — דער בער האַלט דאָך מיך...

מ׳זיצט בײַם טיש. צילאַ דערלאַנגט אַ לײַכטן ביס און טיי. איציק זופּט די טיי, אַ ביס, און מישט דעם בלאָק־נאָטיץ. זופּט און פאַרגעסט צו עסן.

— האָסט דאָך גאַרנישט געגעסן, איציק.

— עפּעס געכאַפּט אין גאַס.

— אַבי איך האָב געמיינט, דו פאַסט תּעניתים.

— וואָסי? מיר קאָנען זיך נישט פאַרגינען? און צו אים: —

— דײַן יינגעלע, ווי רופט מען אים, שימעלע, איז אַ שיין יינגעלע, וויפל איז ער אַלט, ביז הונדערט און צוואַנציק?

— זעקס, אין זיבעטן יאָר.

— צו אַן אַלטער בחור פאַר אונדזער נעטאַלע, הא, צילאַ?

— אַז עס וועט האַלטן דערבײַ וועט מען רעדן.

הערט אַ מעשׂה — זעצט ער זיך איבער אין מיטן צווישן צילאַן און דעם גאַסט: — נייטיק געהאַט עטלעכע זאַכן צו ערלעדיקן, זיצט ער אויף אַ דראָשקע און הייסט פאָרן.

— וווהין? — פרעגט דער יעקע.

— איך וועל אייך זאָגן.

— יאָוואָל.

ער וואַרט. אַן עלטערער גוי, דער קוטשער, זיכער אַ יאָר פינף־זעקס־און פופציק. אַן אָנגעפרעסן פּנים. בלאָנד־געלע וואָנסעס. אַ גרינע שליאַפּע מיט אַ פעדער. אַנדערש פאַסט אים נישט דעם באַלעגאַלע. אַן אָפּגעטראָגענע לעדערנע קורטקע אַרומגעפּאַסעוועט. אַ בײַטשל פאַרשטעקט אויף דער קעלניע. אין איין האַנט — די לייצן, מיט דער אַנדערער — פון מאָל צו מאָל — אַ הייב ס׳בײַטשל, אַ שמיצל, ווי אויף אַ ווײַל טאָן זיך. דאָס פערדל לויפט סײַ ווי. שטעלט פיס. אײַ, די יעקעס. מ׳פאָרט. ווו איך הייס אים, בלײַבט שטיין. וואַרט. איך קום אַרויס, אַרויף אויף דער דראָשקע און ווידער — וויאָ. אַזוי פון גאַס צו גאַס. געענדיקט — גיי איך זיך אַראָפּ אָן אַ קוק טאָן אויף זײַן פּרצוף.

— העללאָ, הער?

— איך הער אים ווי מ׳קאָטער.

ווידער: „העללאָ, הער!“ און ער שטרעקט אויס די האַנט פון דער קעלניע אַראָפּ. באַצאָל אים. אַ חוצפּה פון אַ יעקע. מאַרקן גיב אים. אַ מכּה. אַ שווײַן, אַ

היטלער. דער יעקע קוקט אים אָן, אַפּנים פאַרשטאַנען, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ „יודע”. אַ ווײַלע האָט געדויערט. ער ציט צוריק זײַן אויסגעשטרעקטע האַנט, אַ צי די לייצן און אָפּגעפאָרן.

— אַ גרויסע העלדישקייט פון דײַן זײַט, מײַן מאַן.

— רוצחים. ווי האָסטו דערציילט: געהרגעט, געברענט ייִדן: פרויען, קינדער, אַלטע לײַט, גראָבעוועט ייִדיש פאַרמעגן.

— נו, דעריבער...

— אַ מכּה, אַ קרענק אין די זײַטן.

— נו, וועלן שוין די עטלעכע מאַרקן „דעקן” די פאַרברעכנס? אַזוי ביליק?...

— צילעשי, מאַכסט חוזק פון מיר.

— דו, מײַן מאַן, מאַכסט חוזק פון זיך... פון אַלע דערמאָרדעטע, פאַרברענטע, פון די אומגעבראַכטע מאַכסטו חוזק.

— שיין, צילאַ — האָט ער שוין נישט געקענט מער שווײַגן — די דײַטשן האָבן געשאָכטן, געברענט ייִדן דאַרף מען אויף אַ דײַטשישער דראָזשקע פאָרן אומזיסט, אויסשלאָגן זיך הוצאות.

— כּשר גערעכט — האָט געזאָגט צילאַ.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן און אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך בעסער געמאַכט ס'זיצן, איציק, געדרייט זיך אויפן בענקל, אַ שטייגער ס'זיצן שטערט אים ס'דערציילן. צילאָן האָבן, אַפּנים, זײַנע נאַרישע ווערטער שטאַרק פאַרדראָסן. זי האָט מיט כּעס זיך אַ הייב אויף געטאָן, נישט קוקנדיק אין זײַן זײַט אַרײַן, אַרײַנגעוואָרפן: — אַ שיינע נקמה בגויים...

— צילעשי, וואָס איז מיט דיר?

— וואָס איז מיט דיר, מײַן מאַן, ביסט דאָך נישט אַזוי נאַריש ווי דו מאַכסט זיך: אײַלסט זיך דאָך, האָסטו געזאָגט, קענסט נישט אײַנזיצן זע איך. ווו גייסטו שוין ווידער?

ער האָט געזען אין צילעס רייד אַ חשק איבערצופירן דעם שמועס אויף אַן אַנדער רעלס. קלוג געטאָן, צילאַ. פרויען האָבן פּראַקטישן שׂכל — האָט ער צו זיך געזאָגט.

— יאָ, איך דאַרף זײַן אין שטאָט.

ער האָט אויסגעצויגן די האַנט צו דער טעקע, וואָס ער האָט צום אַרײַנקומען אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש, זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַן צו דער טיר. פאַרהאַלטן זיך אַ ווײַלע.

— קום נישט שפּעט.

— גוט, צילאַ. און צום גאַסט: — אַ דם שונא איז ער זיי, די דײַטשן, די — — — און ער האָט קאַנטיק נישט געפונען מער קיין ווערטער. ער איז געשטאַנען מיט דער האַנט אויף דער קליאַמקע, געמורמלט, ווי צו זיך אַליין. ער האָט אין זײַנע אויגן אויסגעזען, איציק, ווי אַ קינד — אַ גרויס קינד — וואָס האָט אויסגעגאָסן אַ טינטער אויפן טישטעך, האָט מורא פאַרן טאַטן, נעמט ער רײַבן, פאַרווישן דעם פלעק: וואָס מער ערווישט און רײַבט — ווערט דער „פלעק" גרעסער.

— נו, פאָרט מען נישט אויף קיין דראָשקע, האַנדלט מען נישט מיט קיין דײַטשן — האָט צילאַ נאָך באַוויזן „צוריקצאָלן" פאַר זײַנע נאַרישע רייד בשעת ער שטייט נאָך אין דער אָפענער טיר.

איציק האָט מן הסתם געפילט, אַז אַזוי־אַ אין מיטן די רייד קאָן ער נישט אַוועקגיין. קאַנטיק יאָ געפונען ס'ריכטיק וואָרט, געוואָלט פאַפּראַווען די מערכה:

— געטראָפן, צילעשי. נישט כדאי זיך אויפרעגן. נאָך אַביסל געלט מאַכן און — אַמעריקע.

— אַמעריקע? אַביסל געלט? — האָט שוין אהרן אויך נישט געקאָנט שווײַגן

— מ'ברענגט אַ סך און מ'מאַכט אַביסל...

אַלע דרײַ האָבן זיך צעלאַכט.

— וואַרט אַ רגע, איציק, איך גיי אויך.

ער האָט זיך אויפגעהויבן געזומען שימעלען בײַם הענטל געמאַכט עטלעכע טריט צו דער טיר. ביידע און שימעלע זענען שוין געשטאַנען דרויסנדיק פון דער טיר, האָט צילאַ ווידער דערמאָנט אים נאָכגעשריגן: — קום נישט שפּעט!

אַליין האָט זי זיך צוגעזעצט אויף דער פּאָדלעגע צום קינד, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט אַ ליאַלקע. זי וויל גיין, זי מוז גיין זען אַ פילם — האָט זי צו זיך געזאָגט. נישקשה, ער מעג אַמאָל בלײַבן אין שטוב. ס'קינד זעט קיינמאָל נישט דעם טאַטן. בײַטאָג האָט ער נישט קיין צײַט, בײַנאַכט — שלאָפט ער... נישט קיין נאַר, איציק, און גערעדט נאַרישקייטן — קאָן זי זיך נישט שענקען. גראָד איז ער געווען דאַבײַ. עס האָט איר אויפגערעגט. זי גלעט נעטאַלען איבערן קעפּעלע און רעדט צו זיך: אַ בושה און אַ חרפּה. איין מאָל ווען ס'איז אויסגעקומען צו רעדן וועגן דײַטשישע מערדערייען, האָט ער איר געזאָגט:

„נקמה פאַר אַ קינד, אַ שלאָפן, האָט דער טײַוול אַליין נאָך נישט באַשאַפן". דאָס איז אַ שורה פון אַ ליד פון איינעם אַ גרויסן שרײַבער — האָט ער איר געזאָגט. זי געדענקט נישט דעם נאָמען פון שרײַבער. אַן אינטעליגענטער מענטש.

ער קאָן אַ סך נעמען פון שרײַבער, פון ביכער. און ער, איציק דער חכם — נעמט נקמה פאַר אַזויפיל מערדערײַען מיט עטלעכע נאַרישע מאַרקן. „אָפּגעמאָנט דעם חוב״. — איר איציק, ווײל מאַכן אַ לעבן אין אַמעריקע. „אין גאָלד וועט זי בײַ אים גײין״. זי גלייבט אים. ער האָט זי ליב, אָבער געלט האָט ער מער ליב.

אַ בושה. ערשט דאָס מאָל ווען ער איז קעגן איציקן געזעסן האָט זי זיך אין אים גוט אײַנגעקוקט. טאַקע נישט קיין שיינער, ווי ער אַליין זאָגט. נישט קיין הויכער. איציק איז העכער, שענער, יינגער פון אים. אָבער ער איז עפּעס אַנדערש. נישט קיין דורכשניטלעך פּנים: אַ נישט־יידישע מראה. ער האָט איר דערציילט צום ווילפסטן מאָל אַז זײַן גויִשער אויסזען האָט אים אין פּוילן, אין רוסלאַנד געראַטעוועט פון קלעפּ. דערצו איז ער נישט קיין פּוילער. געאַרבעט אין אַ תּבואה־סקלאַד. נישט ווי אַ גוי, פאַר צוויי גויִים האָט ער געאַרבעט. געוואָלט ווײַזן, אַז אַ ייִד קאָן אויך אַרבעטן. הײַנט, אַז ער עפּנט ס׳מויל? זײַנע ווערטער קלינגען אַנדערש. זיי האָבן אַ טעם. אַ סך מאָל זאָגט ער, וואָס עס „ליגט איר אויף דער צונג״. ער ווייסט אַזויפיל. לייענט ביכער, שרײַבט לידער. ער פאַרנעמט זיך אין לאַגער מיט קולטור־אַרבעט. ווי אַזוי גאָט האָט צונויפגעפּאָרט אים מיט סאַראַן — ווייסט טאַקע גאָט אַליין. חלילה אים אַ וואָרט וועגן דעם דערמאָנען. זי זעט אין זײַן פּנים, וואָס אינעווייניק בײַ אים טוט זיך... צוריק־גערעדט: אַ גוטע פרוי, נישט קיין מיאוסע. נעבעך. זי איז נישט ביים בעסטן געזונט.

פון דעסטוועגן זעט ער אויס צו זײַן אַ גוטער מאַן. סאַראַ דערציילט איר: ער העלפט איר וואַשן די כּלים, צורוימען די שטוב, פאַרנעמט זיך מיטן קינד.

אַ פרוי דאַרף זײַן שיין, אַ מאַן — קלוג — האָט איר מאַמע געזאָגט. אויך די מענטשן אין לאַגער זאָגן אויף אים: אַן אינטעליגענטער מענטש. ער איז נושא חן בײַ מענטשן. תּמיד ריין אָנגעטאָן. נישט אויסגעפּיאָקעוועט. אויסגעבאַרשט די מאַרינאַרקע. אַ ווײַס העמד. לאַנגע האָר טראָגט ער. עס פּאַסט אים. אַ הויכער שטערן. וועגן „מאַכן אַ לעבן״, זאָגט ער: „יעדער איינער מאַכט אַ לעבן פון דעם, וואָס ער האָט הנאה״. ער האָט הנאה פון לייענען ביכער, שרײַבן פון צײַט צו צײַט אַ ליד, אַן אַרטיקל. דרוקט זיך אין אַ ייִדישער צייטונג, וואָס דערשיינט אין מינכען. ער פאָרט אויך אָפּט אַהין זען זיך מיט חברים פון „זײַן פאַך״. איציק מאַכט געלט — זאָגט ער — זאָל אים ווויל באַקומען. ער קלויבט זיך אַרויסגעבן אַ בוך לידער. ער געפעלט איר. זײַן קול — איר טאַטע, עליו השלום. איציק? אַ ווױלער מאַן, אַ גוטער מאַן. ס׳פעלט איר בײַ אים גאָרנישט און... ספעלט... זי האָט נישט קיין ווערטער דאָס אויסצודריקן. זי איז אַ פרוי פון אַ מאַן, אַ מאַמע פון אַ קינד און אַליין איז זי. זינט מ׳האָט טאַטע־מאַמע, די גאַנצע משפּחה, פון

שטוב אַרויסגענומען — איז זי אַליין: איינע אַליין אויף דער וועלט. אַמעריקע, קאַנאַדע, ישראל. די טויטע וועט מען נישט לעבעדיק מאַכן. און די וואָס זענען לעבעדיק פון דאָרט אַרויס וועלן שוין אין ערגעץ נישט אַרײַן... אַ יתומה איז זי. זי קאָן מיט איציקן דערוועגן נישט רעדן. זײַן קאָפּ איז נישט צו די זאַכן.

ער האָט איר אַ נײַע נשמה אַרײַנגעגעבן. וואָס האָט זי פון איציקן, וואָס ער גייט „אויף גרויס״? מיטן גאַנצן קאָפּ, לײַב און לעבן אין מסחר? נו, לאָמיר זאָגן ער האָט הנאה פון דעם וואָס ער טוט. פון וואָס האָט זי הנאה?

פערציק חדשים אויף דײַטשישער ערד. ד.פּ.־לאַגער. שטאַט. פון צײַט צו צײַט — מינכען. אַלטע און נײַע באַקאַנטשאַפטן. גרוסן פון דער היים, וואָס איז שוין נישט קיין היים. פערציק חדשים אויף וואַליזקעס. אַ נאַגעניש, אַ בענקשאַפט צו אַן אייגן ווינקל. אַ טאָג צו אַרבעט, אַ נאַכט אויף שלאָפן. שוין נאָך דער מלחמה דאָרט אויף דער קליינער ערד — ארץ ישראל. ער האָט שוין אַ לאַנד, אַ ייִדישע מדינה. קיין היים האָט ער נאָך נישט. זײַן היים, די אָרעמע, קומט אים אָציגנד קאַפּויער.

אַ שבת. דער טאַטע קומט פון דער „פּראָסטער שיל״. דערציילט אַמאָל אַ מעשׂה פון אַ בעל־דרשער. זמירות נאָכן עסן. מ׳גייט צו דער באָבען עסן אַ מאַנקיכל, אַ שטיקל פלאָדן און אַ וואַזקעלע פלוימען־קאָמפּאָט. הײַנט די יום־טובים? שבו־עות. מלינטשעס מיט קעז, אַ שטשאַוו־באָרשט פאַרשלאָגן מיט אַן איי. שבת־אויבסט: אַ קאַרש, אַ מאַרעל, אַן עפּל, אַ באַרנע. ראש־השנה, ערב־יום־כּיפּור, די „טרערן־קלאַטקע״ מיט ווינטשעוואַניעס אויף אַ גוט געבענטשט יאָר, אויך שׂמחות, נחת פון קינדער, קינדס־קינדער.

ערב סוכּות האָט ער געשפּאַנט פערד און וואָגן, געפאָרן מיטן עלטערן ברו־דער, מאיר־וואָלף, ברענגען סכך צו דער סוכּה. פריידקע האָט געהאָלפן אויס־סטראָיען די סוכּה מיט קאָליריקע פּאַפּירלעך, מיט, ווי זי האָט געזאָגט, „פייגל אין דער לופטן״.

ערשטער מאַי. אַרבעטער־יום־טוב. רויטע בלימלעך אין לאַץ. דעמאָנסטראַ־ציעס. רויטע פענדלעך. „אָקטאָבער״. פאַרלעזונגען, מיטינגען. „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אײַך״...

אין די אינדערוואָכנס. זײַן טאַטע, אָפּגעכאַפּט — אַמאָל יאָ, אַמאָל נישט — דעם שחרית, עפּעס טועם געווען און מיט זײַן לויפיקן גאַנג צוריק אין בעקערײַ. עסן איז בײַ אים געווען נישט קיין פאַרגעניגן זאַך. אַ באַדערפעניש, ווי אַנדערע באַדערפענישן אַן וועלכע אַ מענטש קאָן זיך נישט באַגיין. דער עיקר — די אַרבעט: די אַרבעט בײַ אים — ווי בײַ אַנדערע דאָס עסן — אַ זאַך פון ליבשאַפט און הנאה.

די גלײַכסטע זאַך בײַ אים — שטיין אַ געבויגענער איבער דער דייזשע טייגן, ראָשטשינעס אָדער — בײַם אויוון. מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, אַן אָפן צעכראַס־טעט העמד — אַרײַן און אַרויסשיבן ברויטן.

ער פּלעגט ברענגען דעם טאַטן אַ פענדעלע געקעכץ, אַ טשײַניק טיי. ער — דער לעצטער בײַם אויסרעכענען די מעלות טובות פון די קינדער און דער ערשטער צו „פּאָלג מיך אַ גאַנג" — פּלעגט בלײַבן איבערגעכטיקן.

באַוווּנדערט דעם טאַטנס קרעפטיקן גוף, ברוינבלויע אָדערן אויף זײַנע הענט, ווי אָנגעצויגענע שטריק. ס'צעהיצטע, פאַרשוויצטע פּנים אַ באַלויכטנס פון די פלאַמען. ברילאַנטענע טראָפּנס שווייס האָבן זיך געקײַקלט פון שטערן אויפן האַלדז, אויף דער האָריקער ברוסט. אַט לעשט ער די גלאָוויעס — אַ קופּע טויטע פייגל.

אַזויפיל יאָרן געלעבט מיטן ריח פון דער פּאַרע, ווי פון געסמאַליעט פלייש. געאָטעמט עלעהיי אַ פויער אָטעמט מיט דער פּאַרע פון שוואַרץ־צעאַקערטער ערד. די עטלעכע מעטער פּאָדלעגע פון דער קליינער סוטערינע — זײַן פעלד, זײַן ברויט.

ווי דער פויער גייט אַ געבויגענער נאָכן אַקער און דרייט נישט אָפּ דעם קאָפּ אויף צוריק — האָט דער טאַטע זײַן קאָפּ קיינמאָל נישט אויסגעדרייט אויף צוריק. נאָר ער, זײַן זון — נישט קיין סך יינגער הײַנט פון זײַן טאַטן דעמאָלט — דרייט יאָ אָפּ דעם קאָפּ אויף צוריק. דאָרטן האָט ער אַלץ איבערגעלאָזט: זײַן יוגנט, זײַן לעבן מיט אַלע חלומות און וועלונגען, דאָס לעבן פון זײַנע פאַר־האַרוועטע, פאַרפּראַצעוועטע טאַטע־מאַמע, באָבע־זיידע, שוועסטער, פעטערס, מומעס: צוריק צו יאָרן און שטח דרייט ער אויס דעם קאָפּ פון דאַנען, דער דײַטשישער, פאַרשלאָטענער ערד: אויב נישט צוריק איז — פאָרויס. ארץ ישראל.

ווען ער נעמט דאָ אַ שטיקל ברויט אין מויל אַרײַן — דערמאָנט עס אים אין טאַטנס ברויטן: אָט שטייט דער טאַטע פאַר אים אַ לעבעדיקער. ער לעשט די פּאָסאָדסקע מיט אַ נאַסער ראָגאָזשע אויף דער קאָטשעבע. אײַנגעזעצט ס'ברויט, לייגט ער זיך צו אויף אַ האַלב זעקל מעל כאַפּן אַ זיצנדיקן דרימל. צו דער מינוט — אָן אַ זייגער — שטייט ער שוין אויף די פיס, נעמט אַרויס ס'ברויט פון אויוון. אַ קלעפּל מיט אַ פינגער־אויסבויג אין באָדעם פון ברויטל, אַ שמיר מיט אַ נאַס שטרוי־בערשטל איבערן ברוינעם ווייערך און דאָס ברויט כאַפּט אַ גלענצל, ווי פון אונטער אַ פּאָליטור.

זײַן אָרעמע היים. ווי האָט געזאָגט דער גרויסער, פּוילישער שרײַבער אַדאַם מיצקעוויטש, וואָס האָט יאָרנלאַנג געלעבט אין דער פרעמד — פּאַריז?:

„שאַצן קאָן מען דיך, היימלאַנד, נאָר דאַן ווען מ'האָט דיך פאַרלאָרן".

דײַטשישע ערד. לופטיקע, ליכטיקע הייזער. ברייטע גאַסן, טראָטואַרן. שוי־פענצטער באַלויכטענע, רעקלאַמעס. האָטעלן. געשעפטן. עלעגאַנט־געקליידטע הערן און דאַמען.

יעקישע פּנימער. ס'ווייעט פון זיי אַ קעלט, ווי פון די סקולפּטורן צעשטעלטע אויף ראָגן, סקווערן, פּאַרקן און גאַסן.

האַרבסט נײַנצן אַכט און פערציק. שיינע, ווייטיקלעך־שיינע טעג. קלאָרע נעכט לבנהדיקע. דאָ און דאָרט — אַ וואָלקנדל, אַ דורכזיכטיקס, אַ ליכטיקס. זיי דערמאָנען דעם פּוילישן „גאָלדענעם האַרבסט". דער ווינטער יאָגט דאָ אָן מיט דינע, פּוכיקע שנייעלעך. זיי לייגן זיך גרינג אויף די רויטע דעכער און דעכלעך. שיטערער פראָסט פּאַרציט זיך אויף די שויבן. ברייטע אַספאַלט־שאָסייען אויס־געבעטע מיט פּריש־אַנגעפאַלענעם שניי. שליטנס. גלעקלעך. פּעטלײַביקע פערד. אַ פּאָרע שפּאָרט פון די רוקנס, בײַכער און מײַלער. אַ פּיאַנע־שוים ביז די צעפליגלטע נאָזלעכער שלאָגט פון זיי. אין די פרילינגס, זומערס — וואַרעמע רעגנס שטעפּן דעם גלאַנציקן אַספאַלט. די אַנגעלאָפענע וואַסערן בלעזלען זיך עלעהיי אַ טײַך: אַ שוואַרצער טײַך. און באַלד — אַ קילע זון, אַ לויטערער הימל. פּאַמעלעך גייען זיי, (פּעמי־מלך), און נישט ווי פּאַרשפּילטע, באַזיגטע. פּאַמעלעך רעדן זיי. האָבן צײַט. יאָגן זיך אין ערגעץ נישט. האָבן גאָרנישט פּאַרלאָרן. ווילן גאָרנישט געפינען.

דער לעצטער פרילינג דאָ. שמעקעדיקע אַקאַציע־ריחות אויף בײַמער. דאָ און דאָרט אַ קנאָספּן־שפּראָץ. מילדע ווינטלעך קילן ס'פּנים. לעבעדיקע פּלויטן, פּלייטלעך אַרום גערטנדלעך גלײַכמאָסיק אַרומגעשווירן גראָז — סטעזשקעלעך פירן צו שטובן. אויסגעקערטע, געוואַשענע טראָטואַרן. הינט, הינטעלעך ווילגע־כאָוועטע. פּאַסיקלעך מיט נומערלעך אויף די העלדזער. זיי בילן נישט. ביוכען, וויען נחתדיק בײַ טויערלעך און טירן. וואַזאַנעס אויף די פענצטער, אין די וויסטאַוועס. שטאָרן פאַרהויבענע און אַראָפּגעלאָזטע.

פּאַרוואָס, פּאַרוואָס קומט זיי דאָס — פרעגט ער זיך? פּאַרשפּילט די מלחמה, וואָס זייער „פיהרער" האָט אָנגעהויבן מיט אַ ווילד געשריי: „טויזנט יאָר דריטער רײַך". ייִדישע אויגן, הונגעריקע אין שטובן, היימען, קוקן דאָס צו. ייִדישע טריט אײַליקע — יאָגן זיך נאָך אַ פאַרלוירענער זאַך — טרעטן אויף דער דאָזי־קער ערד, נישטערן מיט די אויגן, זוכן נעכטיקע טעג...

✶

איציק האָט אָהיימגעבערענגט אַפידייוויט'ס פאַר זיך, צילאַן, און פאַר נעטאַ־לע. אַמעריקע. ער האָט קיינעם נישט אין אויסגעחלומטן אַמעריקע. טאַטע־מאַמע, שוועסטערל — געבליבן אין פּוילן. צילאַ מיינט, אַז ס'איז כדאי אַ רעד טאָן מיט — אפשר פריִער מיט סאַראַן — נאָך דעם מיט אים. געלט? שיפסקאַרטן? איר איציק קאָן עס מאַכן. מ'קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן. ישׂראל איז טאַקע, ווי

מ׳זאָגט, אַן אייגן לאַנד, אָבער צו אַן אייגענער היים קומט עס נאָך נישט. דערווײַל ליגט מען דאָרטן אין די געצעלטן, „אוהלים״. ברויט, מעל, צוקער ברענגט מען פון אַמעריקע. פלייש — פון אַביסיניע. זאַמד. שטיינער. סקאָלעס און היצן. אויף וועש צי טריקענען — זאָגט מען — אַ גוט לאַנד...

זי וועט פריער רעדן מיט סאַראַן — האָט זי בײַ זיך אָפּגעמאַכט. איציק ווײַזט נישט אַרויס קיין גרויס חשק. ער איז נישט קיין עקשן, איר איציק. זי וועט שוין מיט אים אַ רייד טאָן: זי וועט אויך פועלן בײַ אים ער זאָל שטיין גרייט מיט דער קעשענע. אַרעמע מענטשן, אהרן און שׂרה, אָרנטלעכע מענטשן. ער וועט אַרבעטן. ער האַלט אַ פּען אין האַנט. קען עברית, וועט זיך גיכער פאַר איציקן אויסלערנען ענגליש. ער׳ט אָפּגעבן. ער׳ט אָפּצאָלן ביז אַ גראָשן.

— צילעשי, איך זע... איך זע, אַז דו קוואָפּעסט זיך אין אים...

אָפּצאָלן ביז אַ גראָשן? פון וואַנעט? אַ בטלן איז ער, דײַן באַקאַנטער.

— פוי, נישט שיין. וואָס געפעלט דיר נישט בײַ אים?

— ער גיט זיך אָפּ מיט נאַרישקייטן. שרײַבט לידער. פּרנסה דאַרף מען.

— קיינער אין לאַגער שטאַרבט נישט פון הונגער.

— מ׳רעדט דאָך פון אַמעריקע.

— ער איז אַ טיכטיקער מענטש. אין רוסלאַנד האָט ער שווער געאַרבעט.

— אַז מ׳אַרבעט האָט מען נישט קיין צײַט צו מאַכן געלט. חוץ דעם האַלט ער בײַ ישׂראל.

— מ׳האָט זיי דערלאַנגט, די אַראַבטשיקעס, האַ? זיבן מדינות. זעקסהונדערט טויזנט ייִדן סך הכּל, זאָגט מען.

— ער קאָן עברית, זאָגסטו. אין אַמעריקע דאַרף מען נישט קיין עברית.

— ער וועט זיך שנעל אויסלערנען ענגליש.

— אויסלערנען ענגליש, אויסלערנען אַ פּאַך. יעדן טאָג דאַרף מען עסן און אַ דירה?

— און דו מיינסט, אַז אין אַמעריקע וואַקסן דאָלאַרן אויף די בײַמער.

— צילעשי, פאַרלאָז זיך אויף דײַן איציקן.

אין לאַנגע שמועסן מיט צילאַן איז ער קיינמאָל נישט אַרײַנגעגאַנגען. ער האָט איר צוליב געטאָן. זאָל זי טאָן ווי זי וויל. סײַ־ווי וועט פון דעם פּלאַן, איר נאַרישן פּלאַן, גאָרנישט ווערן. אַ גלײַכע זאַך וואָלט געווען זי זאָל זיך אַרויס־שלאָגן פון קאָפּ אַזעלכע געדאַנקען. קעצישע מוחות, די ווײַבער. זי דאַרף וויסן, צילאַ, אַז אויך סאַראַ וועט נישט באַשטיין. סאַראַ האָט איר ליב פון דער ווײַטנס...

מען איז אַוועק אויף אַ שפּאַציר אין שטאָט אַרײַן. פאַרנאַכט. זונפאַרגאַנג. איינער פון די דאָרטיקע זומערדיקע זונפאַרגענג סוף חודש אלול. גאָלד אין די שויבן.

די זון — אַן אָנגעגליטער האַלבקײַלעך אײַזן אויף אַ שפּיצבאַרג פון די בײַערישע אַלפּן — אַ קאָוואַדלע. רויטע פונקענשפּריצן פון צעבראַזגעטער זון, מישן זיך אויס מיטן פּיאָלעט פון די שאָטנס. צופוס גייט מען. נאָענט פון שטאָט — אַ פּאַרק. הויכעביימער געדיכט־באַבלעטערטע, ס׳גאָלד פון סוף־טאָג — אויף זייערע קרוינען. דאָס זעלבע „גאָלד״, וואָס איז אַוודאי באַגינען אויפגעגאַנגען מיטן ראָז פון פרימאָרגן. ער קען די געגנט. נישט איין מאָל זי באַשריבן אין אַ ליד. אַן אַרטיקל. ס׳טרעפט אַמאָל אַ לייכטער נעפּל אין דער פרי אָדער פאַר־נאַכט. — ווישט ער נישט אָפּ ס׳בלוי פון הימל, נישט ס׳גרין פון די פעלדער אויסער דער שטאָט. די גראָזיקע נישט־באַוווינטע ערטער — אַ גרינער טעפּעך. שטראָמען ליכט פאַרגיסן דעם טאָג און ס׳ווייבען די גראָזן פון פרייד מיט טראָפּנס טוי אין די פרימאָרגנס.

די קינדער, די אַרישע, די בלוי־אויגיקע, העל האָריקע, חלומען אַוודאי גוטס אין די נעכט. אַז קינדער חלומען גוטס — לאַכן זיי פון שלאָף אַרויס. די קינדער פון ד.פּ.־לאַגער, אַזויווי זייערע טאַטעס, מאַמעס — שלאָפן אומרויִק, חלומען פון פינצטערע טעג און נעכט, פון מאָרגנס, וואָס ווייסן נישט ווו אײַן און ווו אויס. אין ד.פּ.־לאַגער זענען די בלאָנדע טעג פאַרטונקלט פון שמאָלן פּאַסיקל הימל איבער די בלאָקן־הײַזער מיט אַלטן, אָפּגעריבענעם, אָפּגעבליאַקעוועטן טינק, וואָס שיילט זיך, ווי קאָרע פון אַלטע ביימער. ווי פוילע קעץ זענען אין לאַגער די אינדערפריִען און פאַרנאַכטן: קעץ אויסגעצויגענע אויף דעכער מיט וואָלקנס צוקאָפּנס.

אַ קנאַפּע שעה איז מען געגאַנגען אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. צילאַ אין אַ סאַטין־בלוזקע פון ליילאַ־קאָליר. אַ טריקאָ־ספּודניצע. ווייכע רונדיקייטן. אויס־געאיידלטע בריסטלעך. שמאָלע טאַליע. דער סטראָי מיט דער אָפּגעצויגענער טאַליע מאַכט איר גאַנג אויף אַ הויך לעטשל — גראַציעז. ער — אין אַן אָפּגעטראָ־גענעם אָנצוג, אַ גוט אויסגעבאַרשטער. קאָלנער־בינדע. ס׳גרינע, סאַמעטענע שאַליקל לאָזט ער נישט אַראָפּ פון האַלדז — אַריבערגעוואָרפן און מיט אַ שלייף. כאָטש ס׳איז נישט קאַלט — פאַר אַ פרעמד, אומבאַקאַנט אויג מאַכט עס אפשר אַן עקסטראַוואַגאַנטן אײַנדרוק — פּאַסט עס אים פּאָרט. ער זעט אויס אין צילאַס אויגן אַנדערש. אַן אויסנעמלעכע מראה האָט ער. עס פּאַסט צו זײַן פריזור — לאַנגע האָר, כמעט אַ פּאָלקע. בײַ די זײַטן, נידעריקער פון די שלייפן — גראָער שפּראָץ. אַזוי האָט זי אים געזען ס׳ערשטע מאָל אין פּאַרק, צילאַ. ער איז איר געפעלן. די לאַגער־מענטשן, וואָס האָבן פריִער געקוקט אויף אים, אויף זײַן סטראָי — מיט אַ ביכל אונטערן אָרעם, מיט אַ שמייכעלע, האָבן זיך צוגעוווינט. אַצינד זעט זי, אַז אַלע קוקן אויף אים מיט אירע אויגן.

מ׳האָט זיך צוגעזעצט אויף איינע פון די בענק. איציק, זאָגט זי, איז הײַנט אין שטוב מיטן קינד. נישטאָ זיך וואָס צו אײַלן. ער ווייסט פון הײַנטיקן שפּאַציר. ער ווייסט וועגן וואָס איך וויל מיט דיר רעדן, און סאַראַ? — האָט זי אין איין אָטעם אַרויסגעזאָגט און תּיכּף חרטה געקראָגן. ניין — איז איר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: נישט באַדאַרפט, נישט באַדאַרפט דערמאָנען דעם נאָמען. זי האָט עס אויך געזען אויף זײַן פּנים בײַ דער שײַן פון גאַזלאָמפּ אַנטקעגנדיק זייער באַנק. והראיה? ער האָט איר לאַנג געלאָזט וואַרטן אויף אַן ענטפער. זײַן פּנים האָט געטוישט קאָלירן, די אויגן האָבן געקוקט ערגעץ ווײַט אַריבער איר... ער האָט אין די רגעס געטראַכט: „דאָס נאַריש־קלוגע ווײַבעלע פּיקט מיט איר שנאָבעלע אויף אַ נישט־פאַרהיילטער ווונד: אַן אַלטע ווונד...״ אירע פּאַדרעשטע צוויי גרויסע, ווײַסע ציין אויפן פאַרהויבענעם אונטערשן ליפּל האָבן אים אויסגעזען — שאַרף, שאַרפער ווי תּמיד...

ס׳ערשטע מאָל ווי זיי טרעפן זיך ווײַט אויסערן לאַגער. אַליין אין צווייען. אַ מחיהדיקער שפּאַציר געווען. און דאָס זיצן אַזוי נאָענט איינער פון צווייטן. זי הערט ס׳פאַרשטאַרקטע קלאַפּן פון איר האַרץ. איר דאַכט, אַז ער הערט, ער זעט עס אויף איר פּנים. און דאָך — אַזוי גוט איז פילן זײַן נאָענטקייט. אין אַזעלכע מינוטן נעמט די ליבע זיך צוהילף די שטילקייט. קיינער איז אין פּאַרק נישטאָ. אפשר יאָ, אָבער דאָ וווּ זיי זיצן, עטלעכע סטעזשקעס ווײַטער — לינקס, רעכטס — זעט מען קיינעם נישט. זי וויל מיט אים איבעררעדן אַ וויכטיקע זאַך, זאָגט זי, און ווידער אַ שווײַגן. דאָס לאָמפּן־ליכט צווישן די בײַמער, מער ווי עס לײַכט, זאַמלט עס אַרום זיך שאָטנס. די גלאָשענע ליכט, די שטילקייט העלפן איר. זי טוט זיך אָן אַ כּוח: זי וויל אים פרעגן, וויל זי, צי איז ער אַ בעלן, זי מיינט, צי האָט ער נישט דאַקעגן. זי האָט אַ פּלאַן — אַמעריקע. זי וויל הערן פון זײַן מויל, וויל זי הערן. זאָג נישט יאָ, זאָג נישט ניין. פאַרטראַכט זיך.

ער האָט נאָך אַלץ געשוויגן. זי האָט געוואָלט רעדן. אַלע ווערטער זענען אַנטלאָפן. אַ ליידיקער מוח. זי פּרוּווט זיי אַרויסברענגען און דאָס קול, איר קול, געפעלט איר נישט. עס קלינגט אַנדערש. ס׳איז נישט איר קול. שעהען, טעג, וואָכן, חדשים. דרײַ יאָר אין לאַגער. קיינמאָל האָט זי זיך נישט אײַנגעהערט, קיינמאָל איז איר נישט אַנגעגאַנגען וויאַזוי איר קול קלינגט. פון וואַנען, פאַרוואָס אַזאַ שרעק? זי רעדט דאָך מיט אים נישט דאָס ערשטע מאָל. ווײַל זי איז אויג אויף אויג מיט אים? אפשר דערפאַר — ניין, זיכער דערפאַר — ווײַל ער וועט איר אָפּזאָגן. מאָדנע: דווקא ווײַל ס׳גייט איר אין לעבן. און ווייסן ווייסט זי, אַפילו ווען ער וויל — קאָן ער עס נישט טאָן. סאַראַ באַשטייט נישט. סאַראַ האָט איר איין מאָל געזאָגט, אַז זי האַלט נישט פון אַזאַ „חברשאַפט״. צוליב געגוג

סיבות האַלט אויך ער נישט אָנצונעמען דעם פּלאַן. נאָר אין איר נאַרישן קאָפּ מיעשטשעט זיך אַזאַ פּלאַן.

בלויז אויף איבעררײַסן דאָס שווײַגן — האָט זי נאָכאַמאָל אָנגעהויבן:

— ער וועט איר פעלן אין אַמעריקע. אויך דאָ, אַ טאָג־צוויי זי זעט אים נישט — פעלט ער איר. אומעטיק ווערט זי, אַז זי זעט אים נישט. זע בענקט נאָך אים. אַ שטילע פרייד פילט זי אָצינד זיצנדיק לעם אים. זאָל ער איר נישט צעשטערן די פרייד. ער האָט דאָך ליב צו רעדן. זי וויל אים הערן. פאַרוואָס שווײַגט ער?

אַרום גאַזלאָמפּ וואָס אָנטקעגן, האָט אַ פלאַטערל אַרומגעשוועבט, אָנגעקלאַפּט זיך אין לאָמפּ און אָוועקגעפלאַטערט. ווידער קרײַזט עס אַרום, פליט אַוועק און קומט צוריק.

— אָטאָ דאָס פלאַטערל — זאָגט ער צו איר — איז ערשט נעכטן געווען אַ ווערעמל, געקראָכן, מיטן בײַכעלע זיך געריבן אויף דער ערד. פליגעלעך זענען אָנגעוואַקסן — ציט עס צום ליכט. אַנו, ווער פון אונדז איז דאָס פלאַטערל?

— איך.

— פאַרוואָס דו?

— מיך ציט צו דיר. האָסט אַ ליכטיק פּנים. אַ יונג — אַלט פּנים האָסטו.

ס'ערשטע מאָל הערט ער פון צילאַן אַזעלכע ווערטער. וואָס זי פילט צו אים האָט ער געוווּסט. וואָדען? ער איז דאָך שוין געניט אין די זאַכן. חוץ דעם פילט תמיד אַ מענטש אַרויס זאַכן אײדער זיי קומען צום באַוווּסטזײַן. אַז מ'האָט ליב דאַרף מען נישט זײַן קיין עושר אין ווערטער. זיי קומען אַליין, פון זיך קומען זיי. אוודאי האָט אים געפרייט צו הערן פון צילאַן ליבע־ווערטער, כאָטש בײַ זיך האָט ער אָפּגעמאַכט: צוימען זיך און צוימען זי. זי איז אַ שײנינקע, אַ ווילע, אַ בלאָנדזשענדיק פלאַטערל.

— ניין, צילאַ, איך בין אָצינד דאָס פלאַטערל — האָט ער געזאָגט נאָך אַ לאַנגער הפסקה. אַ וואָרעם בין איך געווען: אַ צעשניטענער אויף צוויי חלקים. די צײַט, ווי די שאַרף פון אַ שווערד, איז איבער אים אַריבער.

— איך פאַרשטיי נישט.

— דו ביסט יונג, אַזוי יונג.

— יונג אין יאָרן אָבער אַלט, אוי, בין איך אַלט: עטלעכע מאָל געשטאָרבן.

— פאַרוואָס אַ צעהאַלבטער? איין העלפט זיצט דאָ מיט דיר, די צווייטע — אין שטוב.

ס'האַרץ פלאַטערט אין מיר. פלאַטערט...

— אַט וואָס איך האָב דיך געוואָלט פרעגן — איז זי צופרידן געווען וואָס אַן דערמאָנען איר נאָמען, האָט ער געמיינט סאַראַן.

— וואָס זאָגט סאַראַ צו אָט דעם פּלאַן ? — איז זי אַ בעלן צו וויסן.

— נישט אַנטציקט...

— אויך איר איציק... ווי אָפּגערעדט זיך...

— מען דאַרף זיך צו אַזעלכע זאַכן נישט „אָפּרעדן”. ביידע פילן דאָס זעלבע, ווײַל ביידע זענען די פּאַרראַטענע. דאַרפסט עס וויסן, צילאַ.

— איז וואָס, אַז איך ווייס ?

— ס'אַ לעקעכל מיט סם.

— דער סם פון לעבן. ליבע.

זי איז מיט אַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן. עס האָט איר געוווּנדערט אויף זיך גופא : ווי אַזוי האָט זיך פון איר מויל אַרויסגעגליטשט דאָס וואָרט ? „ליבע” ? דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן זאָגט זי דאָס. און צו וועמען ? אַ פרעמדער, אַן עלטערער מאַן פון אַ פרוי, אַ געליטענע פרוי. מיינט זי דען איר שלעכטס ? ניין, זי מיינט איר אייגן גוטס. זי האָט ליב דעם מענטש. ליבע פרעגט נישט קיין שאלות.

— אַ, צילעשי, איך ווייס עס אומגעזאָגט. אויך איך האָב צו דיר אַזאַ געפיל פון ערשטן טאָג דערקענען דיך. צילאַ, פאַראַן אַזעלכע חיהלעך, פאַרגעסן דעם נאָמען, אַז מ'רײַסט פון זיי אָפּ אַ פיסל, אַן אבר — וואַקסט ער צוריק אָן. דו האָסט מיר פליגעלעך אָנגעטאָן...

— איז דאָך גוט.

— גוט־שלעכט... דו וועסט זיי צוריק אָפּרײַסן, איך וועל זיי מוזן אָפּרײַסן... נאָך אַ ווײַלע שווייגן — ווידער :

— דערפאַר, צילאַ, טאָרן מיר צוזאַמען נישט פאָרן קיין אַמעריקע.

— דו ביסט דער מאַן וואָס איך האָב ליב. זינט איך האָב דיך דערקענט ווייס איך וואָס ליבע איז.

זי האָט פאַרוואָרפן אירע צוויי קליינע הענט אויף זײַן האַלדז, איר קאָפּ צוגעבויגן צו זײַנעם, ליפּן צו ליפּן. ער האָט פּאַוואָלינקע אַראָפּגענומען אירע הענט פון זיך, לאַנג זיי געהאַלטן אין זײַנע :

— מ'טאָר נישט, צילאַ — האָט ער פּנים־אל־פּנים צו איר גערעדט — ניין, צילאַ.

— פאַר וואָס ניין ?

— אויך דו האָסט אַ מאַן. אַ ווילן מאַן, אַ מאַמע פון אַ קינד ביסטו.

— לאַנגע שעהען, טעג האָב איך געפּלאָנט דעם שפּאַציר.

— אַ דאַנק דיר. גוט האָסטו געטאָן.

— קוש מיך.

— ס'וועט פון דעם קיין גוטס נישט אַרויסקומען.

— מעג איך דיר אַ קוש טאָן?

— דאַכט זיך, אַז דו האָסט געזאָגט, אַז „אַ קראַנקן פרעגט מען"...

אירע ליפּן האָבן זיך איינגעביסן אין זײַנע:

— ס'ערשטע מאָל אין מײַן לעבן. דער ערשטער קוש אַ מאַן, וואָס איך האָב ליב.

— בײַ מיר, צילעשי, איז עס דער לעצטער...

— עקשן.

— איך בין נישט קיין עקשן. איך קאָן נישט, איך טאָר דאָס נישט טאָן. איך בין אַ מאַן פון אַ פרוי, אַ קראַנקע פרוי, אַ מאַמע פון אַ קינד, מײַן קינד. דו, צילאַ...

זי האָט אַרויסגענומען אַ האַנט פון זײַנע און זי צוגעלייגט צו זײַן מויל, נישט געלאָזט אים ענדיקן:

— רעד נישט אַזוי. ס'טוט מיר וויי.

איך פאַרשטיי נישט. האָסט מיך נישט ליב?

— איך האָב עס נישט געזאָגט.

— אָבער איך פרעג.

— וואָס טוען מיר דען דאָ?...

אַ היים זענען זיי געפאָרן מיט אַ דראָזשקע. בײדע האָבן געשוויגן, ווי אויפן וועג אַהער. אַן אַנדער שווײַגן איז דאָס געווען. יענץ שווײַגן איז געווען אַן ערב, ערב אַ שטורעם, וואָס האָט אַלע סטרונעס פון איר האַרץ גערירט. זי האָט זיי געצויגן, געצויגן ביז צום פּלאַצן... אַ שטורעם, וואָס צעוויגט ביימערקרוינען, רײַסט בלעטער, ברעכט צווײַגן. נאָכדעם שײַנט אויף די זון... נאָכדעם אָטעמען די בײַמער פרײַ אָפּ און די האַרץ־סטרונעס צעשפּילן זיך. אַצינד איז עס אַ נאָכ־אַלעמען־שווײַגן. אַלץ געזאָגט. אַלץ אויסגעזונגען, אויסגעשפּילט. אַוועק די אומ־דערוואַרטע־דערוואַרטקייט, די גוטע אויפגערעגטקייט, שפּאַנונג, די איידער־עק־זאַלטאַציע, דער עקסטאַז.

אַן אײַנגעטוליעטע אין אים איז זי געזעסן. אַזוי־אַ איז זי מיט אַ פינעף־זעקס יאָר צוריק, דערמאָנט זי זיך, געזעסן אין אַ דראָזשקע מיטן טאַטן, געפאָרן זען אַ פילם, אַ טעאַטער, אויף אַ קאָנצערט. אַ טאַטישע ליבשאַפט האָט זי אַצינד ווידער דערפילט אין דער פאַרהויבענער בויד פון דער דראָזשקע. אַ פרעמדער מאַן, אַ געליבטער און אַ טאַטישע וואַרעמקייט.

עס האָט געפּריסעט אַ רעגנדל. אַ דין רעגנדל האָט ווי מיט קינדערשע פינגערלעך געפּויקט אין דער בויד. אין ווייכן געוואָקל, אין גליטש פון די רעדער אויפן נאַסן שאָסיי, האָט זי, ווי אין אַ שיפל אויפן וואַסער, זיך ליַיכט באַוועגט, געוויגט אין זיַינע אָרעמס. זי האָט געוואָלט, אַז דאָס „שיפל" זאָל זיך לאַנג לאַנג וויגן ביז ס'וועט קומען צו אַ ברעג. ערגעץ וויַיט־וויַיט זאָל זיַין דער ברעג... ס'טופּען פון די פערדישע קאָפּיטעס, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין די ליידיקע גאַסן — האָט געוויגט און געוועקט... איבערגעוועקט פון אַ חלום: אַ חלום אויף דער וואָר...

דאָס פערד לויפט. פאַר וואָס לויפט עס אַזוי שנעל דאָס פערד?... זי באַפריַיט זיך פון זיַינע אָרעמס. אומבאַוועגלעך זיצט זי אַצינד. דער רעגן האָט אויפגע־הערט. אויך זי האָט אויפגעהערט חלומען. זי פאָרט אַהיים צו איציקן, צו איר קינד פאָרט זי. ס'קינד איז אַוודאי הונגעריק, שלעפעריק. לאַנג, צו לאַנג זיך פאַרזוימט. זיך פאַרגעסן... ווי מעג אַ מאַמע פאַרגעסן? —

זי וויל שוין זען דעם טויער פון לאַגער, די בלאָקן־היַיזער, די שטוב, ס'קינד, איציקן וויל זי זען. ער וועט אַהיימגיין צו זיך. ווו דען האָט ער צו גיין? ער האָט אַ וויַיב, אַ ייִנגעלע אין זעקסטן, זיבעטן יאָר. איז דאָס דאָס לעצטע מאָל? — פרעגט זי זיך. וועט זי זיך מיט אים מער נישט טרעפן? האָט זי אים ליב? זי מיט איר מויל אַרויסגעזאָגט די ווערטער? האָבן זיך זייערע ליפּן געקושט און זי, זי איז געווען דערביַי? האָט זי גייענדיק אַהער געמיינט אים דאָס צו זאָגן? און ער? וואָס האָט ער איר געענטפערט? זיַינע ווערטער האָבן איר געשטאָכן ווי שפּילקעס, ווי העלצלעך אונטער נעגל האָבן זיי זיך אַריַינגעשטאָכן. — און זי האָט געשוויגן. פאַר וואָס האָט זי געשוויגן? זי האָט דאָך נאָך אַזויפיל געהאַט צו זאָגן. בעסער, בעסער אַזוי. נישט באַדאַרפט אים קושן, ניין. כיַי וואָלט זי אים נישט באַקענט, דערקענט, זי וואָלט נישט געוווּסט, וואָס ליבע איז...

21

אַראָפּ פון דער שיף.

משא־װעגעלעך מיט װאַליזקעס, קעסטלעך, געפּעק. רעשיקער געקלומפּער פון אײַזערנע רעדער אויף בעטאָן. אין די שאַפּעס, מאַגאַזינען װערן די װעגעלעך פאַרלאָרן. פרייד־געשרייען. אַ געװײן פון אַ קינד. אַן איבעררופן זיך מיט הענט, מיט פלאַטערנדיקע טיכלעך, לופט־קושן פון דער פאַראַנקערטער שיף עולים בײַם חיפהר פּאָרט, צו די װאָס שטייען אונטן. פּאָרט־אַרבעטער פירן אַרײַן און אַרויס די װעגעלעך. שװייס רינט פון זייערע פּנימער, שטערנס אונטער טעמבל־היטלען, קאַשקעטן און גאָלע קעפּ, צעפּלאָשעטע, צעפּאַטלטע האָר.

װײַטער פון מענטשן־געזעמל שטייט איינער מיט אַ גרויסן בעזעם. אַ נידע־ריקער מאַן, נאָכגעלאָזענע, מגושמדיקע אָרעמס. די העװיות אויפן פּנים בעתן קערן — גרויסע האַלבע רונדן, ברייטע טריט נאָכן בעזעם — דערמאָנען אין עפּעס נישט־ייִדיש. אַ פּויער מיט אַ קאָסע אין דער האַנט דערמאָנט עס. אַ תבואה־פעלד. געזייעט קערנער פון האָפענונג. אַצינד שנײַדט מען מיט טראָפּנס פרייד: פרייד און צער, בענקשאַפט און קרענקשאַפט פון אַן אָפּגעגאַנגען און אויפגייענדיק ייִדיש לעבן אויף ייִדישער ערד.

ער שנײַדט, דער ייִד, מיטן קאָסע־בעזעם די „זאַנגען" — אַ מאָגערער איבער־בלײַב פון ייִדישן גרינעם פעלד, װאָס די „קאָסע" פון שניטער האָט זיי אויס־געמיטן.

די מענטשן־געזעמלעך — סנאָפּעס.

ער איז אַ סנאָפּ פון װיי און װינד: װוּנד און װוּנדער. זײַנע אויגן זעען און גלייבן זיך נישט, װאָס זיי זעען. און דאָך, פּאָרט איז אים אַ רבותא אויף זײַן — ער װאָלט געזאָגט — גלײַכגילט. אַזױפיל געלייענט, געהערט װעגן דער הייליקער ערד, הייליק לאַנד. צװיי טויזנט יאָר װאָרט עס, דאָס לאַנד, אויפן צוריקקער פון בני־ישׂראל, פון אַלע ייִדן, צעשפּרייטע, צעזייטע אויף דער װעלט. און אָט אַצינד קומט עס פאָר, פאַר זײַנע אויגן קומט עס פאָר. פאַר װאָס שטייט ער, װי אַ גולם? פאַרװאָס פאַלט ער נישט קושן די ערד?

אַן אומזיכערקייט, אַ ספק טאָטשעט אינעװייניק. ספק — שװעל פון אַנטוי־שונג? װאָס האָט ער געמיינט? מיט פּויקן און טראָמפּייטן װעט מען אים דאָ אויפנעמען? און אפשר, אפשר אַ נישט־פאַרגינען זיך די פרייד, דעם נס, װאָס

ער איז פון אים אַן עדות? די פרייד פון צוריקקער אַהיים? אמת, אַן אַלטע, פאַרלאָזטע, פאַרגעסענע היים, שטאָט טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער, קרובים — אבות — — — כותל מערבי פון יענער זייַט צעהאַלבטער ירושלים. ווייטער — מדבר. וועט טאָקע דאָ אַ סוף נעמען צו זייַן מדבר אין הארץ: שווערער לעבנס־נסיון, אכזבות, אויסגעברענטע, צעאַשטע חלומות, האָפענונגען?

אַרויסגעהויבן פון יסורים־תהום שטייט ער איצט אויף דער הויכקייט פון אינדיווידועלן — נאַציאָנאַלן דערקענטעניש־געפיל. ניין. זייַן שטיין אַן אַ ריר טאָן זיך פון אָרט איז אַ גלייַכגילט, ווי די פלאַך פון ים, דער ים, ווו די עולים־שיף אַנקערט. הינטער דער „רוזקער" פלאַך — אַ דינאַמיש־געבענטשטער אויפברויז. ער קוקט אויפן שמאָלן בריקל פון ים צו דער יבשה: אַ בריקל צו אַ נייַ לעבן. נישט וואַקלען זיך — זאָגט ער צו זיך — שטעל פרייַ די פיס: נייַע טריט אויף אַלט־נייַער ערד צו אַ נייַ לעבן. אַ בריקל — אַ סימבאָל: פאָרויס — דער עמוד אש, הינטער זיך — דער עמוד ענן... דער רויכוואָלקן: פאַרגאַזט יידיש לייַב און לעבן.

ער שטייט אַ פאַרקוקטער אויף אַ קינד. מיט איין הענטל האַלט עס זיך בייַ דער מאַמעס קלייד, מיטן צווייטן — בייַם באָרטן. הינטער מאַמע און קינד — אַ זקן. אַזוי ווייניק זקנים אויף דער שיף. יונגע טאַטע־מאַמע. ערשט אַצינד באַנעמט ער די גרויסקייט פון דער רגע. ס'דאַכט זיך אים: עמעצער שטרעקט די הענט צום ברעג. זענען דאָס די הענט, וואָס האָבן אין זייערע לעצטע גסיסה־רגעס געשטרעקט צום הימל? געבעטן הילף? און דער הימל האָט זייערע הענט נישט געזען, זייערע תפילות נישט געהערט?

ניין, נישט קיין הענט. ער זעט אַצינד זייער לופטיק געביין. זייערע פנימער, געשטאַלטן זענען עולה השמימה: שוכני־שמים...

אַצינד זעט ער אַנדערע הענט, הענט פון פלייש און ביינער, פון „ביינער־טאָל" — צום ברעג פון ישראל פון אַמאָל און פון היינט: צום ברעג פון אַלצייַטיקע שטראָמען. אין ים פון לעבן איז אַצינד יעדער איינער אַ פערל נאָכן אויסגוס פון די פייַערדיק־פינצטערע שטראָמען.

ער קוקט אויפן לאַנגן שווערן הייבקראַן, ווי אַ האַלדז פון אַ ריזיקער זשיראַפע. אַראָפּ און אַרויף הייבט ער זיך. אין זייַנע אייַזערנע ציינער האַלט ער פעק, קאַסטנס, ווי לעבעדיקע באַשעפענישן. אַ שטייגער אַ מוטער־זשיראַפע טראָגט איבער אירע געבוירלינגען פון איין אָרט אויפן צווייטן.

שׂרה קוקט אויף דער זשיראַפע.

— וואָס זוכסטו, וואָס זעסטו אין פיסק פון דער זשיראַפע?

אונדזער קעסטל זוך איך. ס'זאָל נאָר אַרויס גאַנץ פון די אייַזערנע ציינער.

ס'ליגן דאָרט די קאָלדרעס, ס'ביסל בעטגעוואַנט, וועש, זײַן אַנצוג, עטלעכע קליידלעך, דער טשײַניק, שימעלעס שפּיל־צײַג.

— נו, און דער ראַדיאָ? די ביכער?

— יאָ, דײַנע ביכער.

צוויי מענטשן שטייען אײַנגעקלאַמערט איינער אין צווייטן. אַ סך אויגן זענען אַהין געווענדט. ווערליק דער ברייטער, עטוואָס געבויגענער פּלייצע פון נידעריקן מאַן, און הויכן וווקס, דינעם האַלדז פון יונגן — איז ער זיך משער, אַז דאָס זענען טאַטע און זון. אַז דער זון איז אַ היגער זעט מען פון לײַכטן העמדל איבער די הויזן, סאַנדאַלן אויף די פיס און זונברילן. דער טאַטע טראָגט אַ שעוויאָטענעם צווייריייִקן אַנצוג, אַ גרויסן, טונקעלן „ליצעפּעט". אַ שווייס רינט פון זײַן פּנים, פאַרהאַלט זיך אין זײַן האַלדז־גריבל. אָנגעפּרייט זיך, קלעפּלט מען זיך אין די פּלייצעס, שמייכלען ברייט, רעדן עפּעס צו זיך, אפשר אַזאַ מורמלעניש, קוקן זיך אָן מיט פאַרחדושטע אויגן, נעמען זיך ווידער אַרום און דריקן צו שטאַרק איינער דעם צווייטן.

דער אַלטער ווישט מיט די הענט די טרערן פון יונגנס באַקן און אַליין — וויינט ער. ליפּן שטאַמלען עפּעס, קוים וואָס מען הערט:

— וויל, ווייל איז מיר דיך צו זען.

— און דו, טאַטע, ווי יונג דו זעסט אויס.

שׂרה קוקט אויף טאַטע און זון. אַ מאָדנע קוק. ווער עס ווייסט וואָס צווישן איר און איר טאַטן איז זיך פאַרלאָפן — פאַרשטייט דעם קוק... מעגלעך זי זעט איר טאַטן... ווען זי שעמט זיך נישט פאַר זיך אַליין, פאַר אים, פאַרן מיטן העלן טאָג, דאָ אויפן חיפהער פּאָרט, ווען זי האָט כּוח אַ וואָרט אַרויסצורעדן, איין וואָרט — וואָלט זי צוגעגאַן און געזאָגט — „טאַטע!"

אָט ערשט איז עס געווען, מיט אַכט־נײַן יאָר צוריק. ער איז געשטאַנען מיט אַ פוס אויף אַ ראָד פון וואָגן, לעם אים — בײדע ברידער, אויפן וואָגן מיטן געפּעק און שטוב־חפצים — דאָס שוועסטערל. מיט די אויגן האָט ער זיך געבעטן בײַ איר: „זאָג מיר טאַטע", „איך בין דאָך דײַן טאַטע". „קום, פאָר מיט אונדז — האָט ער נישט אָפּגעלאָזט!" „איך פאָר מיט אים" — האָט זי אָנגעוויזן אויפן „חבר" אירן. אַצינד שטייען זיי דאָ, אין חיפהער פּאָרט, לעם זיי שימעלע — אַ גרויס ייִנגעלע. ווו איז ער, איר טאַטע? די צוויי ברידער און ס'שוועסטערל?

פון גאַנצן שטעטל, ווישקאָוו איבערן בוג, איז קיינער נישט געבליבן — האָט זי געהערט. קיינער. אַ שטאָט מיט ייִדן, איר היים: שבתדיקע שפּאַצירן אויף דער בריק, אויף בײדע זײַטן ברעג פאַזע טײַך. די בריק האָט געפירט צו גרינע לאָנקעס, צו אַ וועלדל. חברים, חברטעס. אויספלוגן. אַ טראַקט און אַ שאָסיי האָבן

געפירט צו שכנותדיקע שטעטלעך, דערפער, אָרטשאַפטן ביז וואַרשע. זי איז פרי אַוועק קיין וואַרשע. צוויי מאָל וואַרשע. געמוזט אַוועק... אַ זעכצן־זיבעצן יאָריק מיידעלע...

צום בית־עולים האָט געפירט אַ ברייטער אַספאַלט־וועג. פוןביידע זײַטן — הויכע, שטײַפע טאַנען. דאָ און דאָרט — אַן עקאַליפּטוס, גראַבשטאַמיקע און קליינע קרומעביימלעך, וואָס דערמאָנען אין די פּוילישע ווערבעס. אויף אַ סך ביימער האָט זיך געשיילט די קאָרע. אַ נײַער, דורכזיכטיקער דינער פּלאַסט האָט, ווי אַ הויט אַ ראָזעווע, יונגע, באַדעקט ס׳נאַקעטע לײַב פונעם בוים. איז ער נישט צו איינעם פון די ביימער געגליכן? — איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק — הויטן וועלן זיך שיילן, הויטן וועלן אָנוואַקסן. וויפל ביימער זענען דאָ אַהער געבראַכט געוואָרן פון אַנדערע לענדער, געפלאַנצט דאָ און אָפּגעדאַרט, אויסגעריסן געוואָרן פון אַ היגן שטורעם, זאַמדווינט? נישט אויסגעהאַלטן דעם דרוק פון היגן קלי־מאַט: זון, היצן, טרוקעניש? וועט ער דאָ וואָרצלען שלאָגן? ער, שרה, שימעלע? צוויי דרײַ מאָל אויסגעריסן, פאַריאָגט געוואָרן פון זײַן ערד, זײַן היים: קעלטן, פרעסט, שניי און היצן, זון, אַזש די ערד אונטער די פיס האָט געברענט.

די זון איז שוין געווען הויך איבערן קאָפּ. אַ ליכטיקער, אומבאַפלעקטער הימל. אַ גרין פעלד, אַ צעאַקערט שטיקל ערד, אַ יישוב, אַ ייִדיש דאָרף. עטלעכע צענדליק הײַזקעס.

דער לאַסטאויטאָ יאָגט. וווהין? „שער העליה“, בית־עולים. גערטנדלעך. טויערלעך, טירלעך פירן צו הײַזקעס. ביימלעך מיט צוזאַמענגעפלאָכטענע קרוי־נען אַרומגעשווירענע אין אַ האַלבן קײַלעך. זיי דערמאָנען אין געוועלבטע סופיטן בײַם אַרײַנגאַנג צו טעמפּלען, געבעט־הײַזער. ווײַטלעך פון די שטובן — הינטערשטײַגן, אַ שטאָל. פאַרזייעטע שטיקער פעלד. קוקורוזעשטענגלעך, פעסטע, הויכע, קײַלעכדיקע קעפּ, געלע אויסגעצויגענע צו דער זון, צוגעבויגענע איינער צום צווייטן, שווערן אַראָפּ פון רײַפקייט. ווי מעשענע טאַצן זעען זיי אויס: טאַצן, וואָס קלאַפּן זיך נישט אָן, אַ שמאָל לופט־פּאַסיקל טיילט זיי פונאַנדער.

נאָכט. די ערשטע נאָכט אין „שער העליה“, הינטער חיפה. הר הכרמל. צע־פינקלטע לעמפּעלעך. ווײַטער פון די צעפינקלטע לעמפּעלעך ציט זיך דער ים: מיטללענדישער ים. ים און יבשה ביז אילת, אום ראַשראַש *. פון אום ראַשראַש האָבן זיך אַמאָל געצויגן קעמל־קאַראַוואַנען קיין און פון עזה און ווײַטער — מיט שיפן צו די ברעגן פון עטיאָפּיע, אינדיע, כינע, און פון מצרים, פון דרום אַפריקע מיטן ים און מיט יבשה זענען איסלאַם־פעלקער קיין מעקאַ עולה־

* די מאָמע פון ווינטן — אַראַביש.

רגל געווען. מיטן דאָזיקן ים־ברעג — אַ זאַמדיקער, ווילדער — זענען אַמאָל געגאַנגען גלחים און סוחרים, מרגלים, רויבערס, נזירים: מיט צלם און מיט שווערד, מיט געווער און מיט תפילות איז מען געגאַנגען.

אַצינד איז דער ברעג־ים באַלעבט, באַבויט, באַמענטשט. די לעמפּעלעך שפּיגלען זיך אין געוואַסער, לײַכטן אַרויס ווי אַראָפּגעפאַלענע שטערן. שטערן אויבן. שטערן אונטן. ער, שׂרה, שימעלע — אין אַ פּאַלאַטקע. אַ געצעלט אָנגעצויגן אויף אַ הויכן דראַנג. בײַטאָג איז הייס. די זון קלאַפּט דורכן ברעזענט, צינדט אָן די „זאַמד־פּאַדלעגע". אַ שוויצבאָד אינעווייניק. נישטאָ ווו צו אַנטלויפן. די נעכט — קאַלטע. אַמאָל באַדעקט דאָס לײַב אַ הייסע פּײַכטקייט, אַמאָל — אַ דושנע היץ. אַ מלאך, אַ שוואַך מלאכל איז דאָס קילע ווינטל פון ים. עס גיט אַ פאָכע מיט אַ פליגל און טראָגט זיך אָפּ, קילט דאָס פּנים אָבער יאָגט נישט אַרויס די היץ וואָס דער גוף אָטעמט אין זיך אַרײַן.

פיר און צוואָנציק שעה אין מעת־לעת אַזאַ „פּאַגאָדע". שווער זיך צוגעוויינען. אַזויפיל מאַרגאַרין עס צעגייט אויף דער זון, זויערע מילך, וואָס מאַכט אַ לויזן מאָגן. ברויט, פריש ברויט, וואָס טריקנט איידער דו נעמסט עס אין מויל אַרײַן. אַ דאַך איבערן קאָפּ זאָגט מען צו.

שימעלע וויינט. ער קאָן נישט אײַנשלאָפן. די קאָמאַרן בײַסן. מער ווי אויף די עלטערע מענטשן זעצן זיך די קאָמאַרן אויף קינדער, האָבן ליב, אַ סברה, יונג בלוט. ס׳בײַכעלע ביז אַרויף צום האַלדז, ס׳פּנימל — אָפּגעשיט מיט רויטע פּרישטשיקעס. עס בײַסט. עס שווענדזשעט.

ער איז אַנטציקט פון כּרמל, באַזונדערס אין די נעכט.

— נו, ווי געפעלט דיר דער כּרמל, שׂרה?

— וואָס האָב איך פון כּרמל, זײַנע לעמפּעלעך, אַז דאָ, אין אוהל איז פינצטער. איך דאַרף אַ שטוב. איין שטערנדל אין פענצטער האָב איך גענוג. בײַטאָג זאָל נישט באַקן די זון.

— ס׳וועט זײַן, שׂרה.

— דערווײַל עסט מען די לבניה, די זויערמילעך, ס׳נאַכטעסן, בײַ אַ ליכטל. און די קאָמאַרן? אַ רחמנות אויפן קינד.

— מיר זענען נישט די איינציקע דאָ, שׂרה. זע, וויפל פּאַלאַטקעס.

— דערפון ווערט מיר נאָך נישט גרינגער.

— ייִדן, ייִדן. טאָקע נישטאָ קיין רעגן, אָבער ייִדן, פּאַלאַטקעס וואַקסן דאָ. הײַזער, שטעט וועט מען בויען, ישובים, קיבוצים.

— ביז דער קרעטשמע — האָט געזאָגט איר מאַמע — דאַרף מען אויך אַ טרונק, אַ קאַפּיטשקע...

— ס׳וועט זײַן מער ווי אַ קאַפּיטשקע. דאָרט איז געווען בעסער ?
— האָט מען געלעבט מיט דער האָפענונג.
— אַן אייגן לאַנד, שׂרה.
— און אַן אייגענע דירה האָסטו שוין ?
— שוין בילכער אַ לאַנד אָן אַ שטוב איידער אַ שטוב אָן אַ לאַנד.
— אוי, פאַנטאַזיאָר, פאַנטאַזיאָר.

אילת. ער געדענקט נישט אַקוראַט וויאַזוי ס׳איז געשען: פון „שער העליה" קיין אילת. ניין, אַהין האָט מען נישט געשיקט קיין עולים. אַהין איז מען פרײַוויליק געפאָרן, ווער עס האָט געוואָלט. אַ שכן, אַ געצעלט לעם אַ געצעלט, זאָל אים האָבן דערציילט וועגן אילת און אים איז דער פּלאַן געפעלן. איז געשען: דער שכן איז ערגעצווו נעלם געוואָרן, און ער, שׂרה און שימעלע אין אילת.

אַ ליידיקער זאַמד־שטח. דרײַ, פיר „חורבעס", פישער־הײַזקעס, שׂרידים פון לײַממויערן, בלינדע ווענט, דיונעס. אומענדלעכער ים־מרחב.

עטלעכע צעוואָרפענע בעדואינער־געצעלטן — שוואַרצע פליאַמעס אויף אַ העלער, נאַקעטער פון זון־פאַרגאָסענער לאַנדשאַפט. נעבנטער צום ברעג — געצעלטן פון גראָ־גרינעם ברעזענט: לאַנגע, פּירקאַנטיקע געצעלטן — אַ מיליטערישע מחנה. קליינע קינדער גייען אָפּט פאַרבײַ מיט עמערס פון ציגנפעל: ליידיקע און פולע עמערס וואַסער, וואָס מ׳שעפּט דאָ פון אַן אָפענעם גרוב אַרויס — אַ ברונעם אויפן שטייגער ברונעמער פון אברהם אבינוס צײַטן. גרעסערע געשטאַלטן, שוואַרץ־געקליידטע, ווײַזן זיך אָפּט מיט בינטלעך צווײַגן אויף די קעפּ. ברייטע, לויזע שלעפּקליידער. שוואַרצע קעפּעלעך, טונקלאָויגיקע פּנימלעך זעט מען אַרויס פון די געוואַנטן, שוואַרצע טיכער, וואָס האַלטן די לעבעדיקע פּעקעלעך געבונדן צו די פּלייצעס.

עטלעכע צוואַנציק משפּחות — ותיקים און נײַע עולים — זענען אַ האַלב יאָר נאָכן באַפרײַען די שטאָט דאָ אָראָפּגעקומען.

שימעלע ווערט פאַרפאַלן אויף לאַנגע שעהען, האַלבע טעג. ברענגט אַמאָל אַהיים אַ קאָרנפּלעצל, אַ ווייצענע פּיתה. אויך ברענגט ער קעשענעס מיט כּל מיני שטיינדלעך, קאָליריקע פיגורלעך, וואָס גיבן אַרויס פון זיך אַ געזאַלצענעם ריח. פולע זשמעניעס ים־מושלען ברענגט ער. אַ באַרוועסער, אין קורצע האָקיהייזעלעך, אַן אָפּגעשיט פּנימעל מיט זומעשפּרענקעלעך, דרייט ער זיך אַרום די שוואַרצע און גראָ־גרינע געצעלטן. חבר׳ט זיך מיט בעדואינער ייִנגלעך, גרעסערע פון אים. איינמאָל האָט אים שׂרה געזען מיט אַ שוואַרץ ייִנגל, אַ הויכן, דאַרן, שיפּלען זיך אויף אַ לודקע.

— שימעלע, שימעלע! — האָט זי אים מיטביידע הענט צו זיך גערופן.

ביידע יינגלעך אין דער לודקע האָבן זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום ברעג, צו שׂרהן.

— אמא, קום אַרויף אויפן שיפל. אַזעלכע שיינע זאַכן אונטן אויפן דנאָ פון ים.

— וואָס פלאַפּלסטו נאַרישקייטן? אַראָפּ, גיכער אַראָפּ, קום אַהיים!

— באַלד קום איך, אמאַלע, אַזעלכע שיינע פישעלעך, פּאַלאַצן אויפן דנאָ בויען זיי. איזה יופי.

— וואָסער יופי? סכנות נפשות, קום אַ היים.

„פּאַלאַצן". וואָס אַ נייַגעריקן יינגל פּאַלט איין. אויף אַלע אירע שׂונאים. זי האָט גאַרנישט אַזעלכע שׂונאים. אַזאַ פּוסטקייט. אַזאַ חמימה. אילת האָט זיך אים פאַרגלוסט, דעם פאַנטאַזיאַר:

— וואָס וועט זיין? וואָס וועט פון קינד אויסוואַקסן? — האָט זי געהאַלטן אין איין איינטענהן.

— ס'וועט זיין, שׂרה. אַ גרויסע פּאַרט־שטאָט וועט דאָ זיין — זאָגט מען. זי דאַרף נישט — מאַכט זי — פּאַרטשטאָט. אַ שקאַלע פאַרן יינגל דאַרף זי. קיין עין הרע אַ צעניאַריק יינגל: ווייסט נישט קיין צורה פון אַן אות.

— אויך דאָס וועט זיין.

— דערווייל לאָזן אים אַזוי הפקר אין וויסטן סטעפּ?

זי איז גערעכט — האָט ער צו זיך געזאָגט. ער זעט דאָס אָבער אַנדערש. ער קאָן עס שׂרהן נישט איבערגעבן אין ווערטער. זי וועט עס נישט באַנעמען, נישט וועלן הערן. נישט פאַר איר געמיט. „וויסטער סטעפּ"... פאַר אים איז עס אַ ווילדע שיינקייט. ווו, ווען, האָט ער דאָס געזען? אויפן הויף אין דער אַלטער היים? אין רוסלאַנד ערגעץ אין פאַרוואָרפענעם פּאָסיאָלעק? אין וויסטן קאַ־זאַכסטאַן? אין דייַטשלאַנד, אין פאַרשאָלטענעם פּוילן נאָכן חורבן? ווי קאָן ער איר אין ווערטער איבערגעבן די פּראַכט פון דער ווילדקייט. ס'אויג דערקוויקט זיך אין די פרימאַרגנס און פאַרנאַכטן בעתן אויפקום און לעשן זיך פון דער זון, פון היגן טאָג, וואָס ציט זיך אַכט, צען שעה. די דיונעס, די פלאַכע בערגקייטן ווערן באַדעקט מיט שטרייַפן פון שאָטנס און ליכט. ווי געלער סאַמעט מיט דינעם גאָלדשטויב באַצירט זעען אויס די צעכוואַליעטע פלאַכן, אַ צעכוואַליעטער זאַמד ים. ס'אויג קאָן זיך נישט זעטיקן מיט דער מיניענדיקער פאַרבנרייַכקייט. אַן אומגע־הויערע שיינקייט טראָגט אין זיך דער „וויסטער סטעפּ". אַן אויסערגעוויינלעכע קאַלירן־שפּיל, ווי אויסגעמייַנסטערט פון אַ קינסטלערישע האַנט. ניין, פון אַ געטלעכער האַנט.

פאַראַן שעהען ווען ס'ליכט פון טאָג גייט־אויף מיט דער בלענדעניש פון

אַן אומבאַפלעקטן בלויען הימל. עס גליווערט ממש די לופט פון דער אָנגעצונ־דענער, רחבותדיקער שטילקייט. רגע־ווײַז דאַכט זיך אים, אַז ער איז נעענטער צו דעם־אַ כּוח, כּוח עליון, וואָס ער זעט נישט — איז נישט צו זען — און ער גלייבט אין אים. נעענטער צו גאָט איז ער. די ווערטער צו אים זענען אָפן. אויך אַ נישט־גלויביקער, ווען ער קומט אויף די דאָזיקע זאַמד־וועגן פילט זיך אַנדערש: העכער, דערהויבענער. זײַן אָטעם, זײַן וואָרט, שעפּטש, צי תּפילה — גלייך אין הימל אַרײַן. אים דאַכט, אַז ווען אין פּוילן, אין פינצטערן אייראָפּע, וואָלט אַזוי קלאָר און ליכטיק געווען דער הימל, אַזוי אָפן ברייט דער רחבות — אַן וואַלד, אַן פּאַלאַצן, הײַזער, אַן מענטשן — וואָלט אויך גאָט זעעוודיקער, דערבאַרעמדיקער געווען. די ליבשאַפט צו דער נאַטור אַוודאי גערישנט פון זיידן דעם דאָרף־גייער, דעם בעל כּורחו געוואָרענעם שנײַדערוק; פון טאַטן, פאַר־שטויסן, פאַרשטופּט אין דער ענגער בעקערײַ, דעם פאַרפּראַצעוועטן ייִד מיט דער יונגער נשמה, נאָכדעם פון די ביכער — האָט ער דאָ פאַר די אויגן: אַ געשאַנק פון דער נאַטור, נאַטירלעך־רוי און ווונדערלעך שיין. האָט ער נישט תּמיד געחלומט פון אַן אייגן שטיקל פעלד, אַן אייגן שטיקל הימל איבערן קאָפּ?

שׂרה — בײַ ס׳איריקע: אַ דירה צווישן מענטשן, אַ שטאָט, אַ סך מענטשן דאַרף זי.

— שׂרה, ס׳אַן אָנהייב. ווי זאָגט מען דאָ: כּל ההתחלות קשות.

— וויפל מאָל האָט מען שוין אָנגעהויבן?

— נאָך דאָס מאָל: ס׳לעצטע מאָל.

— איז עס פאַר אונדזערע כּוחות?

— הלמאי זאָל ער זאָגן, זי איז גערעכט. אַ שיכּון אין תּל־אביב. מיט דער טענה איז שׂרה — זײַן קראַנק, שוואַך ווײַב — צוויי מאָל אין דער וואָך געפאָרן קיין באר־שבע אין סוכנות. זי האָט געפּועלט. צוגעזאָגט אַ שיכּון אין תּל־אביב. עס מאַכט זיך אָבער נישט אַזוי ווי עס רעדט זיך. סײַ ווי, מען איז אַרויס, ווי שׂרה זאָגט, פון העק. אַן אַלט אַראַביש הויז, אַ פּאַרלאָזט׳ס, הינטער יפו. אַ חירבה. אויסגעלאַדעוועט, אַרײַנגעשטעלט נײַע פענצטער, טירן. אַ טראָטואַרל ביזן הייפל: אין הייפל — שטיין און זשוויר אַן אַ שפּראָץ פון גראָז. אַן אַלטער פּריכנער בוים מיט אָפּגעקוואָרטע צווײַגן. די קאָרע — שוואַרץ ווי די ערד — קרישלט זיך, פאַלט פון אים אַראָפּ. אַ בוים — אַ כּיבע אַ הוידלקע פאַר שימעלען.

אַקעגן הויז — אַ פּרדס. קיין אויטאָבוס קומט אַהין נישט צו. ווײַט צום שמאָלן כּבישׂ׳ל, וואָס פירט צום בית ספר. שימעלע מאַכט דעם וועג צופוס. ער האָט נישט שטאַרק ליב דעם בית ספר — „פאַרבלאָנדזשעט" ער אָפט — שוין צו

אָפּט — צום ברעג ים. נאָך ייִנגלעך. ס'איז היימלעך: היימלעך דווקא אין די שעהען, וואָס ער דאַרף זײַן אין בית־ספר, אין שול.

אײַן מאָל איז שׂרה אַהיימגעקומען פון אַן עלטערן־אַסיפה מיט אַ פאַרפלאָמט פּנים פון בושה. אַ ווייטיק איר געווען צו הערן דער לערערינס רייד וועגן איר שימעלע... די שטילע רייד פון דער לערערין זענען, ווי קאַלטע טראָפּנס וואַסער געפאַלן אויף אַ נאַקעטן קאָפּ. שימעלע האָט פאַר דער מאַמען נישט קיין מורא. ער קאָן אָבער נישט צוזען איר פאַרפלאָמט פּנים... ווייסט ער: ווען די מאַמע קומט אַ היים פון אַן עלטערן־אַסיפה איז ער נישטאָ אין שטוב.

ביידע, ער און שׂרה, ווייסן דאָס. ווילן דאָס ייִנגל נישט מצער זײַן, וואַרט מען אויף אַ גוטער מינוט, אויף בעסערע צײַטן.

*

נישט אין ים ווערט מען דערטרונקען נאָר אין אַ ריטשקע — זאָגט אַ רוסיש ווערטל. שוין ס'פערטע יאָר אַ מלוכה־באַאַמטער. די היעראַכיע־לייטער איז מיט אַ סך שטאַפּלען: מנהל כּללי, סגן, ממונים, סגנים, מנהלי־רעסאָרטן, אָפּטיילונגען און זייערע געהילפן, ביז אַראָפּ דעם לעצטן שטאַפּל — פּקיד סתם. סתם באַאַמטער.

פּקודות (באַפעלן), הוראות (אָנווײַזונגען). סטענצל. בריוו־נוסחאות: ציר־קולאַרן. וואָרענישן, דראָאונגען מיט אַ פאַררופן זיך אויף חוקים, פּאַראַגראַפן, תקנות. אסור צוגעבן אַראָפּנעמען אַ וואָרט, איבערשטעלן אַ פּונקט, אַ קאָמע, אויטאָמאַטישע טוונגען און — געהאָרכיק זײַן. (צייתנות). דער לאַנגווײַל, דאָס כּסדרדיקע איבערחזרן די מעכאַנישע טוונגען — אַ מילב. ער עסט די בעסטע חלקים פון שׂכל, אײַנפאַל, מחשבה. אומאינטערעסאַנט, דערווידער אים די אַרבעט. ער טוט אַלץ מיט אַ גיכקייט פון איבערקומען, פּטור ווערן, אַוועקהרגען די צײַט. אין דער אמתן, הרגעט די צײַט אים אַוועק. מ'וואָלט אים אויך אפשר פאַר אַזאַ התנהגות אָפּגעזאָגט. איז די מעשׂה דערפון אַז אָפּזאָגן אַ פּקיד, וואָס אַרבעט סטאַביל (איבער אַ יאָר, לכל הפּחות) איז אַזוי גוט ווי אַרויסציִען, אַרויסרײַסן אַ טשוואָק אַן אַ קאָפּ...

מיד ווערט מען און פויל. אַ מידקייט, וואָס שלעפּערט אײַן דעם מוח, לייגט זיך שווער אויפן געמיט. די הענט הערן דיך אויף פאָלגן. און טון דאַרפסטו, ווי דער ממונה זאָגט: „מה שמוטל עליך"*. און דאָס איז זײַן איינציקער חסרון. כּה אמר הממונה: — „ער האָט אַ סך מעלות: טוט אַ סך זאַכן אויף אייגענער אַחריות, לויט אייגענעם אײַנזען און שׂכל, דולדעט נישט קיין דיסציפּלין, לאָזט

* וואָס עס איז אויף דיך אַרויפגעלייגט...

הערן קריטישע הערות אויף די אַרבעט־סדרים, אויף דער התנהגות פון די ממונים, אומטאָלעראַנץ, חוצפה — דאָס איז נישט דער שטייגער פון אַ מלוכה־באַאַמטן. בנין־אַרבעט. פעלד. קיבוץ. באַדאַרפט די לענג און די ברייט פון דער קליינער ערד מיט די פיס צעאַקערן. נגב. זיבעציק פּראָצענט פון דער קליינער ערד — זאַמדבערג, ליידיקע שטחים, פאַרטרוקנטע, געשפּאָלטענע פון זון און חמימות. אונטער די זאַמדן פון נגב — האָט ער ערגעץ געלייענט — קאָן מען פון די תהום־וואַסערן באַפרוכפּערן דריַי־פיר מאָל אַזויפיל נפשות וויפל ישׂראל ציילט הײַנט. תמנע, די קופּער־גרובן פון שלמה המלכס צײַטן. סדום — די פּאָטאַש־אוצרות. הײַנט די פּרוכטיקע ערד פון שרון, פון גליל ?"

באַדאַרפט אַ שווים טאָן אין דער טיף פון די גורלדיקע נסיונות אויפן קולטור־געביט, יידיש לשון, וואָס איז „דאָרטן" אויסגעריסן, אויסקאָרנייעט געוואָרן צוזאַמען מיטן יידישן אויסגעהרגעטן פאָלק. אויך זיך אַליין קולטיווירן: זײַן פאַרוואָרלאָזט ליטעראַריש פעלד. כמעט צען יאָר נע־ונד. אַ לעבן אויף צו דער־האַלטן דעם גוף, קאָנען שטיין אויף די פיס. און ווו איז די נשמה ? — זײַן פּילבאַרע, סענסיטיווע נשמה ? זײַן ווילן, זײַנע בענקשאַפטן צו אַ שעפעריש לעבן ? — באַקענען דעם מענטש פון ערד, פון פאַבריק, פון וואַרשטאַט, דעם ייִד אין זײַן סטרוקטועלן איבערבוי, מעטאַמאָרפאָזע: דעם האַרעפּאַשנעם ייִד, פּשוטן, וואָס איז נישט אַזוי פּשוט אין זײַנע וועלונגען, שטרעבונגען, אין זײַן אויפריכטיקער ליבשאַפט צום מענטש, צום לאַנד, וואָס דאַרף זײַן לעצטע סטאַציע אין לאַנגן וואָגל־און וואַקל־וועג.

אייגנטלעך שטאַמט ער פון דעם סגאָל. שעפּט די חכמה פון זייערע מסוגל־דיקע הענט און זייער פילאָסאָפיע פון קיום. דאָס שטיין מיטביידע פיס אויף דר'ערד — דערהייבט צו העכערער דערקענטעניש. ביוראָ, משׂרד ממשלתי — אויף היגן לשון — פויל, פעטלעך פון זיצן זיבן־אַכט שעה אויף דער שטול איבער אַ טיש פּאַפּירן, טאַבעלעס. מעכאַנישע טוונגען, וואָס חזרן זיך איבער מיט אַ שטויענדיקער פּינקטלעכקייט. אויסגעקרומט, ווי דער רעכטער אַקסל פון זיצן געבויגן — אַזוי די נשמה — אויסגעקרומט, דער מוח — אָפּגעטעמפּט. וואָס פאַדערט זיך פון אַ פקיד ? נאָכמאַלפּעווען דער רעכן־מאַשין, אויטאָמאַציע, קאָמ־פּיוטער. אַוודאי אַרבעט ער שנעלער, פּינקטלעכער פון מענטש, אָבער אַביסעלע שׂכל ? —

אַ פנימלאָזע מחנה די מלוכה־באַאַמטע. ווערסט איינער פון זיי. ער קומט זיך אויס, ווי אַ שוישפּילער, אַ סטאַטיסט בעת אַן אומאינטערעסאַנטן ספּעקטאַקל. דער „זאַל" איז האַלב־ליידיק. דער עולם געניצט. די „בינע" לאַנגווײַליקט. אומגעדולדיק וואַרטסטו אויף דער שעה פון אַהיימגיין. אַ רגילות געוואָרן דאָס

„אויפטרעטן" און „אפגיין". דו באַרעסט זיך קעגן דער אומשעפערישקייט פון אַזאַ אַרבעט. נישט דאָס האָט ער געמיינט מיטן קומען קיין ישׂראל. ניין. נישט די אויסגעבעטע שטול, דער טעלעפאָן אונטער דער נאָז, פיר גראָע ווענט פון חדר, זענען ישׂראל. איידער דעם קומען אַהער איז פאַר זײַנע אויגן אויפגעגאַנגען די זון פון הינטער די אפרים־בערג; פון כּרמל־באַרג און אַנדערע. ייִדישע פויערים האָט ער געזען. ייִדישע יונגען און מיידלעך מיט ווינטיקע פנימער, שטײַפע מוסקלען, וואָס האָבן די ערשטע עקאַליפּטוסן דאָ געפלאַנצט, אויסגעטריקנט זומפּן, געריייניקט די פאַרפעסטעטע לופט. מיט זוימען פון בלימעלעך, בוים און פלאַנץ, באַפרוכפערט דעם זאַמדיקן באָדן, די בתולה־ערד — ווייכער, נאָכגיביקער גע־מאַכט. ער האָט געדענקט וואָס ער האָט מיט פינעף און צוואַנציק יאָר צוריק געלערנט אין חדר: „בישבו בגלעד, בבשן ובנותיה ובכול הלבנון".

קנאַפּע פיר יאָר זיצט ער דאָ, וועט אַוודאי זיצן צען מאָל דרײַ, ביז דער פענסיע, ווי אַ בוים אַ נישט־פאַרוואָרצלטער. וועט ער זיצן און אָפּדאַרן, אָפּוויאַנען. ניין. אַ צווײַג איז ער: אַ צווײַג אַן אָפּגעבראָכענע פון אַ בוים אַן אונטערגעזעגטן.

נישט אין ביוראָ זיצט ער. ער זיצט אויף אַ וואָגן, וואָס רירט זיך נישט פון אָרט. צוויי פערד געשפּאַנטע צום „וואָגן": אמונה און ספק. ביידע ציִען אין פאַרקערטע זײַטן אַרײַן.

נאָך עמעצער זיצט מיט אים אויפן „וואָגן". ער זעט נישט יענעמס פּנים. ער הערט נאָר ס'קול: צוויי קולות אין איין מענטש: איין מענטש אַ צעצווייטער. איינער אַ בעל־אמונה, דער צווייטער — אַ ספקן. ביידע שלאָגן זיך אין אים, ווי עֵשׂו און יעקב אין דער טראַכט פון זייער מאַמען.

22

אַ מיידעלע, אַ פּקידה, אַרבעט דאָ. אַ מיידעלע אין עלטער, אפשר עפּעס יינגער פון זײַן שימעלע. אַ קלוגע, אַ שיינע, אַ שטילינקע. מ׳הערט איר ווייניק. ווייניקער פון אַנדערע פּקידות רוישיקע, פּלוישיקע, זיצן נישט אײַן אויף אָן אָרט. רכילותלעך, פליאַטקעלעך און מ׳טוט אויך עפּעס בײַם טיש...

ווען זי, דאָס מיידל־קינד, וואָלט נישט געווען אַזוי שיין, וואָלט איר קלוג־שאַפט געוונגנט זי שיין צו מאַכן אין זײַנע אויגן, אין אַלעמענס אויגן. זי פלעגט זיך אָפּט אַ ווײַז טאָן אין זײַן חדר פון אַנטקעגן דער קאַנצעלאַריע. ער האָט צײַט געהאַט זיך אײַנקוקן אין אירע שמאָלע, ווײַסע פינגערלעך, ווי זיי לויפן איבער די קנעפּלעך פון דער שרײַבמאַשין, ווי איבער קלאַווישן. אין אָנהייב האָט געחדושט: ער, אָן עלטערער מאַן, קאָן זײַן איר טאַטע. וואָס אַזוינס האָט זי געזען אין אים? זי שטעלט אונטער אָן אויער צו זײַנע רייד: זייגט מיט די אויערן זײַנע ווערטער. דער חידוש איז איבערגעגאַנגען אין אַ נײַגער. ווער איז זי? פון וואַנעט קומט זי, אַזוי יונג און שוין — אַרבעטן. באַדאַרפט נאָך גיין אין שול, אין גימנאַזיע, אוניווערסיטעט. אַז זי איז נישט קיין סאַברע האָט ער דערקענט אין איר רעדן, אין קלאַנג, דיקציע, אויך אין די תנועות בעתן רעדן: אין די תנועות פון די ווײַסע, שמאָלע פינגערלעך וואָס לויפן איבער די שוואַרצע קנעפּלעך. אויך אין איר שעמעוודיקייט. דאַכט זיך אויך אַביסעלע פרעמדלעך און אין איר פירן זיך, האַלטונג, ווײַטלעך פון די מיידלעך און יונגע ווײַבלעך אין ביוראָ. עס איז נישט דער שטייגער פון די סאַברעלעך.

אַ נײַגער און אַ חידוש טאָמער האָט ער איר נישט געזען אַ טאָג־צוויי: נישט געהערט איר „בוקר טוב, אַדון״ צום זעצן זיך אין דער פרי צום טיש; אַ „בוקר טוב״ און אַ שאָקל מיטן קעפּל, אַ ליכטיק שמייכעלע, אַ שמייכעלע, וואָס ווישט אָפּ, ווי מיט אַ האַנט דעם שטויב פון אַ שפּיגל — האָט זיך אים צו איר געבענקט. איר גאַנץ געשטאַלט, איר דערשײַן האָט אין זײַן זכרון אַרויסגערופן עפּעס ענלעכס צו לאַהקען ס׳ערשטע יאָר אין וואַרשע. זוכט ער נישט אַמאָל אָדער ער וויל זען אין דעם מיידל דאָס געשטאַלט, וואָס אין זײַן געדעכעניש? לאַהקע די גימנאַזיסטין, לאַהקע פון שולבאַנק אין דער אַלטער היים, זײַן ערשטע ליבע? ער איז דאָך שוין נישט דער קורסיסט אין וואַרשע. ער איז מיט קנאַפּע פינעף און צוואַנציק יאָר עלטער, באַוויַבטער, אַ טאַטע פון אַ זון נישט קיין סך עלטער פון איר.

— איר זענט אַן אינטערעסאַנטער מענטש — האָט זי אים איין מאָל געזאָגט. ווער ביסטו, ווו האָלסטו זיך אויף? האָסטו דאָ אַ מאַמע, אַ טאַטן? קיין ענטפער איז נישט געקומען. אַ פּלוצעמדיקער אומעט האָט, בײַם הערן די ווערטער ווי אַ שאָטן זיך געשפּרייט אויף איר שיין פּנימל.

אַזוי יונג, אומדערפאַרן און שוין אַזוי בולט די סגולה: שפּירן אין פּנים פון אַ מאַן, אין צוק פון זײַן ליפּ, דאָס וואָס ס׳טוט זיך בײַ אים אינעווייניק.

זי האָט הצלחה בײַ יונגע, שיינע בחורים. אַ סך דרייען זיך אַרום איר. זי שפּירט אויף זיך זייערע בליקן — האָט זי אים איין מאָל געזאָגט. זי האָט אַ פאַרגעניגן פון נושא־חן־זײַן אין זייערע אויגן און איר ציט דווקא צו עלטערע מענטשן, צו אַן עלטערן מאַן.

אַ יונגינקע, אַ גרינגינקע. ס׳פּנימל — גלײַך איר הויט איז אַן אַבאַזשור און פון אינעווייניק שלאָגט אַ העל־ראָזע ליכטיקייט. יונג און גרינג איז אַרום איר די לופט און צו אַלץ וואָס זי רירט זיך צו. אַזוי אויך מיטן צוזעצן זיך צו זײַן טיש, טרינקען דאָס גלאָז טיי, וואָס מ׳דערלאַנגט דאָ טאָג־טעגלעך אין די שעהען צווישן ניין און צען אַזייגער (אַ מינהג פון דער מאַנדאַטאָרן־צײַט): מיטן אויפהייבן זיך, אונטערשטיין אַ ווײַלע לעם אים, עלעהײַ זי פאַרלענגערט ס׳זיצן און טרינקען ס׳גלאָז טיי. אירע פיסלעך שטייען נישט אײַן אויף אַן אָרט: אַזאַ באַוועגלעכע, גוטע אומגעדולדיקייט. לאהקע, אין אַ באַנײַטער, יונגער אויפלאַגע. נישט לאהקעס שאָקל מיטן קאָפּ און אַ וויש אַרויף מיט דער האַנט אַ לאָק, וואָס פאַלט איר אויפן שטערן, נישט די זעלבע אויגן און דאָך — פאַרט און אָבער, פון וואַנעט אַזאַ ענלעכקייט? צי דאַכט זיך אים אַזוי, צי רופט זײַן בענקשאַפט צו לאהקען אַרויס דאָס מיידלגעשטאַלט? ער וויל אין דעם מיידל־קינד זען זײַן פאַרלאָרענע, זײַן איבערגעריסענע ערשטע און איינציקע ליבע?

לאהקע. ווו איז זי אַצינד? עטלעכע שורות פון אַ ליד אַ גאַנץ־נישט־געשריבנס טויכן אויף אין זײַן מוח. ער נעמט אַ שטיקל פּאַפּיר פון טיש, שרײַבט:

— — — זע, ס׳וויסטעט דאָס הויז
עכאָס פון קלאַנגען, פון ווערטער
וויגן די צײַט מיט דערמאָנונג...
די ליבשאַפט צו דיר —
וואָס ווײַטער אַלץ נענטער — — —

נאַכט. חשוון. דער הימל — אַן אויסגעשטערנטער, ווי אין אָדר. באַלד הייבט ער זיך אויף, וואַשט זיך אַרום, ראַזירט זיך, טוט אָן אַ ווײַס אויבערהעמד, קאָלנער־בינדע. טאָג־טעגלעך זיך אָנגעהויבן ראַזירן נישט ווי פריער — יעדן צווייטן

טאָג. וואָס פּוצט ער זיך אַזוי? ווּעמען וויל ער געפעלן, קוקט זיך אָן און שווײַגט? ער נעמט די טעקע אין האַנט, גיט אַ זופּ טיי, וואָס זי האָט אים אָנגעגרייט. שטייענדיק זופּט ער, נעמט ס׳פּעקעלע: צוויי שטיקלעך ברויט מיט פּוטער, אַ טאָמאַטע, אַן אוגערקעלע און — אַרויס פון שטוב.

אויפן וועג צו דער אַרבעט — פּופּצן, צוואַנציק מינוט צופוס — דערמאָנט ער זיך: נעכטן בײַנאַכט ביז שפּעטער שעה נישט געקאָנט אײַנשלאָפן. אַקעגן אַפּענעם פענצטער האָט אַ קאַלט ליכט פון אַ פולער לבנה די אויגן נישט געלאָזט צומאַכן:

— שימעלע איז נאָך נישטאָ.

תמיד זעט ער זײַן הויך יינגליש געשטאַלט אויפן סטעזשקעלע אין גערטנדל, וואָס פירט אין שטוב אַרײַן. הערט ס׳אַראָפּשאָקלען די שיך, דעם שאָרך פון די דזשינס־הויזן, וואָס ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך. אויך שרה שלאָפט נישט. אַ באָרוועסע, אין העמד גייט זי איטלעכסמאָל אַראָפּ פון בעט, טריטלט צו צו שימעלעס געלעגער, באַטאַפּט ס׳קישן, דעם צודעק: מיט טאַפּנדיקע הענט, נער־ווועזע, מיט שטילע טריט טשאַפּעט זי צוריק: — נישטאָ!

דורכן צעצווייגטן שאָטן־בוים, דרויסנדיק, אין גערטנדל, וואָס ער אַליין האָט געפלאַנצט צום אַרײַן אין שיכּון מיט אַ יאָר צען צוריק, זעען זיך דורכן געצווײַג שטיקלעך לבנה. זענען נישט אַזוי צעשטיקלט, צעשניטן ביידנס הערצער? איין און איינציקער זון זינט ער איז אויף דער וועלט געקומען — האָט מען פון אים צרות.

אין דער ערשטער „דירה״, די חירבה אין יפו — נישט קיין שטאַרקן חשק געהאַט צו די לימודים, רעכט קיין עברית נישט געקענט. אין אַ ווינקל אויף דער לעצטער באַנק אין קלאַס געזעסן. חבר׳ה שילערס קוקן אויף אים — האָט ער זיך געקלאָגט — לאַכן, שושקען זיך, נעמען פון אים נישט אַראָפּ די אויגן. אַ פאַרשעמטער איז ער געזעסן. אפשר נישט שיין אָנגעטאָן, ס׳העמדל צעריסן, פאַרפלעקט? וואָס אַזוינס זעען זיי אויף אים? געשעמט זיך אויפשטיין צוגיין צום טאָוול ווען די לערערין האָט אים צוגערופן. אויך אויף די פּויזעס, צום קומען, אַהיימגיין — זיך מיט זיי נישט געחברט. אַזוי אויך שפּעטער אין די העכערע קלאַסן. נישט געמאַכט קיין לעקציעס. וואָס ער האָט יאָ געמאַכט, האָט נישט געטויגט.

שימעלע איז שיין, געוויקסיק. ער ווייסט דערפון. ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זײַן שיינקייט. ווייסט נישט וואָס אים פעלט, וואָס אים קווילט, וואָס אים איז מהנה. מיידלעך, שילערינס פּײַפן אַרײַן אין פענצטער:

— שימי!

— שימי!

רופן אים אַקוראַט ווען ער זעצט זיך צו אויף אַ שעה, אויף עטלעכע מינוט מאַכן די לעקציעס. ער איז בייז אויף זיך, אויף זיי איז ער בייז: קאָן נישט גובר זײַן די תשוקה צום שײַנעם מין וואָס פּיעשטשעט אים מיט זייערע בליקן, פּײַפן, אַרויסצי׳ען אים פון שטוב. ער יאָגט זיי פון זיך און לויפט צו זיי...

מאַמעס, טאַטנס ליבשאַפט צו אים, איבערגעטריבענע ליבשאַפט צו אים, וועקן שטומע, פּאַסיווע מרידה, אָפט — עקספּלאָזיע: ברוגזט זיך. ער לײַדט דערפון. ס׳אַ שוואַכקייט. מודה זײַן זיך אין דער שוואַכקייט איז ער צו שטאַרק בײַ זיך.

— שלאָפסט, סאַראַ?

— ווי קאָן איך שלאָפן, אַז ער איז נאָך נישטאָ?

— ווּ איז ער אַזוי שפּעט, אַ בחור קיין עין־הרע באַלד אַכצן יאָר?

— ער׳ט אַוודאי באַלד קומען.

— פון וואַנעט קומען? וואָס זוכט ער? ווען זוכט ער?

— זיך אַליין זוכט ער.

— אפשר מ׳נעכטיקן טאָג?...

— נעכטיקע טעג... אוי, מײַן מאַן, האָסט גוט געזאָגט. די נעכטיקע טעג זענען נאָך פון אים נישט אַרויס. ער דאַרף זיי נישט זוכן, דאַרף ער נישט.

— — — סיביר. אַ ווײַסער וועג. אַ ווײַטער וועג אין „באַלניצע״. צוועלף, פופצן וויאָרסט פון פּאָסיאָלעק. דעצעמבער טויזנט נײַן הונדערט פערציק. אין אַ פראָסטיקן פרימאָרגן אויף דער וועלט געפאַלן. אַ קאַלטע כאַטקע. אַ נידעריק פּענצטערל, פאַרוואַקסן מיט פראָסט און שניי. אַ טיפער שניי אין דרויסן. שניי אויף די נידעריקע דעכער. און ער שיט און שיט דער שניי, פאַרשיט די וועגן. קיין ביסל מילך נישטאָ אין שטוב. אַ מאָגער שטיקל שוואַרץ ברויט פּאַיאָק. דער הונגער בורטשעט אין די קישקעס, דער פראָסט קריכט אין די ביינער.

און פרי׳ער: ס׳אַנטלויפן פון די דײַטשישע באָמבעס, עראָפּלאַנען טויזנטער גייער אין אַנגסטיקן פלאַנטער. פײַער פון הימל. שאָסן. אויפרײַסן. פאַרוווּנדעטע, גע־הרגעטע. ער מיטן דיקטן־קעסטל — דער גאַנצער פאַרמעג — אויפן אַקסל. אַ וואַלד ברענט. ס׳פײַער באַלײַכט דעם פינצטערן וועג. סאַראַ מיט דער נשמה אין האַנט און ס׳נפשל אונטער די ריפּן. אירע פּחדים, די טויטשרעק, וואָס ער האָט אײַנגעזויגן פון זײַן מאַמעס ברוסט און פון טאַטן געזירשנט די פּחדים פון אַ מלחמה־קינד מיט דרײַסיק יאָר צוריק, בעת די מאַמע האָט אים געטראָגן אין אַ קישן, אַנטלאָפן פון „דאַטש״? און דער הונגער? די שווערד פון הונגער איז העכער צוויי יאָר געלעגן אויפן האַלדז.

סיביר. סאַראַ מיט שימעלען אין אַ קאַלדרע געוויקלט. אים, שימעלעס טאַטע — אַ „לעבעדיק פעקעלע״ אין אַ קישן. ער, אַ מלחמה־קינד, שימעלע אַ מלחמה־קינד. אַן ערשטע וועלט־מלחמה, אַ צווייטע וועלט־מלחמה. ווי גרויזאַם־שווידערלעך עס חזרט זיך איבער די געשיכטע — סך הכל עפּעס מער ווי אַ דור, טאַטע־זון — צוויי דורות.

שימעלע. ער האָט דאָך קיין קינדהייט נישט געהאַט. ער געדענקט נישט ווען ער האָט געזען אַ שמייכל אויף זײַן פּנים, אויפן ייִנגלס פּנימל. אַז אַ קינד לאַכט נישט איז טרויעריק, אוי, ווי טרויעריק.

שימעלע.

טיף אין זײַן געביין, אין זײַן געמיט, ווי שווערע קלעצער אויפן דעק פון אַ שיף ליגן אין שימעלען דעם טאַטנס, מאַמעס פּחדים, ביידנס דבקות צום לעבן. זונעלע — אַ שיף. וווהין שווימט די „שיף״? אויפן אויבערפלאַך פון לעבן שווימט זי — ווי שווער איז טאַטע־מאַמע אַרײַנפירן אים אין סוד פון ביידנס דאגה, אומרו און זאָרג פון וועגן זײַן גורל. זייער איינציקע תּפילה: — גאָט, היט אים פון קרומע וועגן, פון שלעכטס טאָן. און ער ברוגזט זיך. פאַרוואָס? פאַרוואָס דווקא טרעפן אין טאַטע־מאַמע: פּוגע זײַן אין די וועמען ער האָט ליב? האָט ליב און וויל זיך אין דעם נישט מודה זײַן, טוט אויף צו להכעיס. ער ווייסט נישט: פון וואַנעט זאָל ער וויסן, אַז זײַן מאַמע איידער זי איז אַ מאַמע געוואָרן, אַ ווייב געוואָרן, האָט אים שוין ליב געהאַט. ער איז דאָך איר איינציקע ליבע...

שׂרה שלאָפט. אין העלן טאָג אַרײַן אײַנגעשלאָפן. זי אָטעמט הויך, האַסטיק, ווי עמעצער וואָלט איר געיאָגט. אפשר אַ חלום, אַ שלעכטער חלום, אַ האַלוצי־נאַציע, ריטמיש הייבט זיך איר איינגעפאַלענע ברוסט, די אָפּגעדעקטע.

*

אונטער איין דאַך, אין איין שטוב, אין איין בעט, מאַן און ווײַב, און — באַזונדערע מענטשן. צוויי באַזונדערע וועלטן. צוויי שטערן, נאָענט פון זיך און אין באַזונדערע אָרעאַלן. ווער ווייסט וויפל „ליכט־יאָרן״ טיילן זיי אָפּ. ער קוקט זיך אײַן אין איר פּנים: וואָס איז געוואָרן פון איר פּנים? די לעצטע שׂרידים פון איר שיינקייט גייען אין ניוועץ: פּאָר זײַנע אויגן, אַוודאי אויך פּאָר אירע אויגן. אומברחמנותדיק זענען די מעשׂים פון דער צײַט. אומגעשטערט, פּאַמעלעך און מיט אַ „רעגולערער״, נאַטירלעכער התמדה טוט זי איר מלאכה: ענדערט די מראה פון גוף, פון גאַנג און תּנועה. אַ סך גראָע פּעדעם אין איר

שוואַרצן קאָפּ האָר, שיטערלעך, ווי פון אַ ווינטל צעיאָגט, צעשויבערט, גראָ בײַ די וואָרצלען. עפנט זי די אויגן — גלאָנצט אַרויס פון זיי אַן אויסגייענדיקער זומער פאַרנאַכט. אַ פרוי אין האַרבסט פון אירע טעג.

געדולדיקע. אומשולדיקע.

אַ וואַרעמקייט פון אַ דרימלענדיקער שטוב־חיה וויעט פון איר. אַ שווייסיקער ריח פון אַן אָפּגעדעקט פרויען־לייב. די קאַלטע טאָג־ליכט רינצלט די הויט אויף איר פנים, אַ גרענעצלאָז גוט פנים. דער פּחד פאַרן גורל פון איר אײנציקן זון, די ליבשאַפט צו אים און צו זײַן טאַטן — מאַכט איר קרענקלעך־פּילבאַר, שטעקט זי אַן מיט פאַרגעפיל און מיט אַ קלוגשאַפט, וואָס קומט פון האַרץ. איר דינער געהער דערשפּירט, דעשיפרירט באַוועגונג אונטער דער אייבערפלאַך פון זאַכן, געשעענישן. אַוודאי האָט זי דערפילט, וואָס עס טוט זיך אונטער דער אויבערפלאַך פון זײַנע פּירעכצער: לענגער ווי תּמיד שטייט ער בײַם שפּיגל דווקא אין דער שעה, אינדערפרי, ווען ער יאָגט זיך צו דער אַרבעט, קלײַבט, טוישט די אויבער־העמדער, קאַלנער־בינדע. פאַרגעסט, אַז ער איז שוין קיין יונגערמאַנטשיק. און בכלל: וואָס עפּעס דאָס סטרויען זיך? אַ פּקידה אין משׂרד. אַ קליין, יונג מיידעלע. הײַנט שוין אַ פריילין. אַ רייפע פרוי. ניין. נישט קיין עראָטיש געפיל ציט אים צו איר. חלילה. די רונדע ווייכקייטן פון איר דינעם גוף, דער שטעל, יעדער באַוועג אירער בײַם צוזעצן זיך צו זײַן טיש, ס׳אויפהייבן זיך, ס׳עפענען ס׳מויל, די געהעמטקייט אין די רייד, הײַנט דער מאַטער העל פון איר פנים־הויט — האָבן אַבסעסיוו אַרויסגערופן בײַ אים די ענלעכקייט צו לאהקען. פון גרויס חידוש פלעגט ער זיך אַליין פרעגן:

— אפשר אַ נאָענטע קרובה, אפשר איר קליין שוועסטערל, נאָך אַ קינד געווען: כאָטש ער געדענקט נישט זי זאָל האָבן גערעדט וועגן אַ שוועסטערל: זיך גערעטעוועט. האָט קיינעם נישט דאָ? שוין געטראָפן אַזעלכע זאַכן. ער האָט דערפון קיין סוד נישט געמאַכט פאַר שׂרהן. מער ווי עס האָט איר באַרויקט — האָט עס איר געוווּנדערט. — וואָס פרעגט ער איר? זי האָט די פריילין נישט געזען, זי וויל איר נישט זען: וואָס האָט זי אים צו זאָגן. און, ווי איר טבע — געשוויגן. אים האָט תּיכּף פאַרדראָסן אויף זיך: חרטה געקראָגן אויפן דערמאָנען פאַר איר לאהקעס נאָמען, אויף זײַנע נאַרישע רייד.

אַ מאַן — האָט ער ערגעץ געלייענט — האָט ליב אַ פרוי און ער איז ווײַט פון איר אין שטח און אין צײַט — זוכט ער אין יעדער פרוי איר ענלעכקייט: אין יעדער צווייטער, דריטער, צענטער פרוי וואָס מ׳טרעפט אַפילו אויף דער גאַס, זוכט ער די פרוי, דאָס געשטאַלט, וואָס ער וויל זען.

צום וויפלסטן מאָל פרעגט ער זיך:

— איז אייביק, אומפאַרגעסלעך די ליבע, ווייל זי איז אין מיטן איבערגעריסן געוואָרן ?

היפּאָטעטישע שאלות, בויך־סברות. נישטאָ אויף זיי קיין ענטפער. אַ גרויסע נאַרישקייט געטאָן מיטן אַרײַנפירן שׂרהן אין דעם וואָס פייניקט אים, אין דעם סוד. שׂרהן איז שווער אַזאַ זאַך צו באַנעמען. אויב יאָ — מוז עס איר אַזויגע־רופענער איך־פאַרטיידיקונג־אַפּאַראַט, איר פּסיכישע קאָנסטעלאַציע אָפּשטויסן, אָפּוואַרפן... לאהקע, צילאַ, ער האָט איר אַמאָל דערמאָנט וועגן אַ פּערעלע פון די יוגנט־קרײַזן, איינע פון די „לינקע" יאַטעכעס — שטיינער אויף איר האַרץ געלייגט. שטיינער, וואָס לאָזן זיך נישט רירן פון אָרט... און שטיינער האָבן אַ טבע, אַז זיי ליגן לאַנג אויף אַן אָרט — וואַקסן זיי...

קנאַפּע דרײַ יאָר האָט ער ס׳מיידל נישט געזען. דינט אין צה״ל, פלעגט זיך אַמאָל אַ ווײַז־טאָן אין משׂרד, אין אַ מיליטערישן מונדיר פון אַן אָפיצערקע. אַרײַנגעכאַפּט זיך צו אים אין חדר אויף מינוטן, אַ וואָרט, אַ שמייכל און אַוועק. ווידער חדשים זיך נישט געוויזן. בענקשאַפט האָט זי געלאָזט נאָך זיך: אַ זוניקער נעפּל. וואָכן האָט געדויערט ביז דער „נעפּל" איז זיך צעגאַנגען. — אין די וואָכן האָט דער ליבע־הונגער צו לאהקען זיך נאָך מער געשטאַרקט. אַזוי ווייניק געווען מיט איר צוזאַמען. אַוועק פון איר אומגעזעגנט. געלאָזט אין אים דעם רייץ פון איר קלוג לײַב, די תשוקה אַרײַנדרינגען, און — דערשלאָגן זיך צום מקור פון איר שיינקייט. אָ, יענע נאַכט. יענע ערשטע לעצטע נאַכט. אָפּגעוויקלט איר פון סוד, ווי אַ כירורג וויקלט פון באַנדאַזשן אָפּ אַ וווּנד.

✶

נאָך די צוויי און אַ האַלב יאָר דינסט אין צה״ל — אונטערגעשריבן נאָך דרײַ יאָר — און ווידער אין משׂרד. זי איז הײַנט די הויפּט־סעקרעטאַרין אין דער קאַנצעלאַריע, אַ ממונה אויף אַכט פּקידות, צוויי געהילף־סעקרעטאַרינס.

ניין. נישט פאַרגעסן אין אים. עטלעכע מאָל זיך באַוויזן כלומרשט אין משׂרד — האָט זי זיך פאַר אים פאַרטרויט. געמיינט אים זען. זי איז שוין באַריידעוודיק געוואָרן: איר גופא — האָט זי אים געזאָגט — איז אומבאַגרײַפלעך, וואָס איר ציט צו אים. מיט אַכט צען יאָר צוריק, צום ערשטן מאָל זען אים איז ער איר אויסגעקומען אַ באַקאַנטער, זי האָט אים שוין ערגעצוווּ געזען, דאַכט זיך, אויך געהערט. אַן אינערלעך קול הערט זי ווען ער רעדט צו איר... ער איז דאָך אַ פרעמדער מענטש, אַ מאַן פון אַ פרוי, אַ קראַנקע פרוי, אַ טאַטע פון אַ דערוואַק־סענעם זון. ווידער זיצט זי קעגן אים מיט אַ גלאָז טײַ אין האַנט. „בתה העוון" — זאָגט ער צו איר מיט אַ דגש אויף העוון, וואָס ענדערשט דעם זין, דעם כאַראַק־

טער פון דעם זאָג, וואָס מיינט. שטאָט בתיאבון — מיט אַפּעטיט, ווערט עס בתה־העוון — מיט זינד...

זי שמייכלט. עס געפעלט איר דער וואָרט־שפּיל. אייגנטלעך איז עס אַזוי — זאָגט זי — מחמת אַ שם האָבן די פּקידים, וואָס זינדיקן מיט טיי־טרינקען. זי האָט אים בכלל ליב צו הערן. זײַן אַרט רעדן, זײַנע ווערטער וועקן בײַ איר אינטערעס. באים מן הלב, זיי קומען פון האַרץ ונכנסים ללב — און גייען אַרײַן אין האַרץ. די היגע, די סאַבּרעס, רעדן אַנדערש — שנעל, אָפּגעהאַקטע רייד. זי קען עד היום נישט כאַפּן דעם היגן חתוך הדיבור.

זי איז אייגנטלעך אויך אַ סאַבּרע. „אויך" אָבער נישט קיין הי געבוירענע. אַ צווייייאָריק קינד געקומען פון ערגעץ — האָט זי זיך שפּעטער דערוווסט: פון מיטלאַזיע, מיט נאָך קינדער דורך איראַן, „ילדי טהרן". אַגב, מען דערקענט עס אין איר התנהגות, אין אַקצענט, אַפילו אין אירע תנועות — זאָגט מען. אַ רושם האָט זי, אַז מען קאָן איר נישט שענקען, וואָס זי איז פון „דאָרטן". אַזוי האָט זי די ערשטע יאָרן אין גן־ילדים נאָכדעם אין בית־ספר געפילט. אַזוי אויך די יאָרן אין צה״ל. זי איז דאָך אַ יידיש קינד, ווי אַלע סאַבּרעס.

נו, בעסער וועגן דעם נישט צו רעדן. אויך זײַן שימעלע האָט קליינערהייט געליטן דערפון. געבערענגט אים אַהער אַ זעקס־זיבן יאָריק יינגעלע. בית־עולים, בית־ספר. געשטערט אים צו די לימודים. עד היום — גלות־קאָמפּלעקס. און ער גופא — דאָס זעלבע פּראָבלעם — אַ יידישער שרייבער: יידיש — דאָ — טרף־פּסול...

— ווו איז דײַן מאַמע? — האָט ער איר איין מאָל געפרעגט.

— זי ווייסט נישט.

— דײַן טאַטע?

דעם טאַטן האָט זי קיינמאָל נישט געזען. אין אַ „דיעט־דאָם", אין אַ יתומים־הויז זיך געכאַוועט, דאָ אין לאַנד — בײַ אַ משפּחה. אַ קינדערלאָזע משפּחה. אין בית־ספר האָט זי קיין סך חברטעס נישט געהאַט. אַלע האָבן געקוקט אויף איר ווי אויף אַ פרעמדער. אַ טאַטע, אַ מאַמע פלעגט זיך ווײַזן, געקומען אָפּנע־מען, אַהיימפירן. צו איר קיינער נישט געקומען. האָט מען מאָדנע געקוקט אויף איר, זיך געסודעט. זי האָט זיך געשעמט. אויך געשעמט פרעגן ווו איז איר מאַמע, איר טאַטע. איין און איינציק מאָל האָט זי געפרעגט דער לערערין, געפרעגט עטלעכע מאָל דער „אימא", וואָס האָט איר דאָ געכאַוועט, אַפילו מיט ליבשאַפט זיך צו איר באַצויגן. אָבער קיין ענטפער האָט זי נישט באַקומען, אויך נישט פון דער לערערין.

עד היום האָט זי נישט דאָ קיין נאָענטן מענטש, אַ חברטע, אַ חבר.

ביסט דאָך אַ שיינע, אַ קלוגע.

— נאָך שיינע און קלוגע זענען דאָ. זי איז נישט די איינציקע: די איינציקע נישט־היגע צווישן די סאַברעס איז זי. מן הסתּם זענען דאָ נאָך אַזעלכע, ווי זי, אָבער זי קען קיינעם נישט.

— בחורים, זע איך, מעסטן דיך מיט די אויגן — אויך אין צה״ל פעלן נישט קיין שיינע בחורים.

— איך דולדע זיי נישט.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי, אַ פאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי זי וואָלט נאָך אַ קליין מיידל געווען, צוגעגעבן: — זײַט מיר מוחל, אַלע ווילן דאָס זעלבע...

— נו, און ממשיך זײַן די לימודים?

— געקלערט וועגן אוניווערסיטעט. ס׳קאָסט געלט, אַ סך געלט. אַ דירה? זי קאָן שוין נישט וווינען בײַ דער משפּחה. אויסהאַלטן זיך? אַ בגד?

— קאָן איך דיר רופן אתי, ווי אַלע רופן דיך דאָ?

— אַדרבא, פאַר וואָס נישט? אסתר הייס איך.

— פון דעסטוועגן, אסתר, פאַר אַ פרוי, פאַר פרויען בכלל, אַפילו חתונה געהאַטע, מאַמעס פון קינדער, לויגט זיך פּקידות. מ׳האָט חתונה, אַ קינד — האָט מען מער זכויות (סאָציאַלע רעכט), פאַרשיידענע תוספות, צולאַגן, ווי האָט מען געזאָגט דאָרט — געדענקסט אַביסל רוסיש? — „דאָבאַווטשנע״. ערגער איז אַן עלטערן מענטש, אַ מאַן, וואָס האָט נישט קיין גרויס אינטערעס אין אַזאַ אומשעפערישע אַרבעט, לײַדט נישט די היעראַרכיע און דעם גאַנצן כּמו־מיליטער־רישן רעזשים (ביסט דאָך אַ געוועזענע אָפיצירן) מיט די ממונים, סגנים, די וויצע׳ס, די מנהלי־מחלקות און זייערע סגנים, מנהלי־רעסאָרטן, און זייערע סגנים: און געהילפן לויט גראַדאַציע, אַ רעזשים פון אויפגעצוווּנגענער פאַלגעוודיקייט ביזן פאַרלירן, פאַרטושן דעם אייגענעם „איך״. און צו אַלץ, ווי דו ווייסט שוין — אַ שרײַבער, אַ ייִדישער שרײַבער. אין אייגענעם לאַנד איז אַ ייִדישער שרײַבער אַ פרעמדער אַ „גלות־ייִד״. מען האָט אים נישט ליב, אויב נישט ווייניקער פון דעם... ער האָט ליב ס׳לאַנד. ליב געהאַט נאָך איידער ער איז אַהער געקומען. פון חדר, פון חומש, פון ספר הספרים האָט ער עס ליב. אויך כּמעט אַלץ, וואָס ער שרײַבט אין ליד, אין פּראָזע, איז פון ליבשאַפט צו ארץ ישׂראל. דווקא די היגע, די גאַר יונגע, דער „תּוצרת הארץ״ און פון דער אייערשאַל־אויסגעפּיקטע שרײַבער — קריכן אין פרעמדע גערטנער, נאַשן פון פרעמדע פּרוכטן, קוקן אַריבער דעם פּאַרקן. דאָ געוואַקסן אָבער זייערע שאַפונגען — נישט רעדנדיק וועגן דעם אייכות — וואָרצלען (אויב זיי האָבן בכלל וואָרצלען) — אין דער

לופטן: ענגליש־אַמעריקאַנער, אייראָפּעישער „העלעניזם". ס'לאָקט זיי דאָס פרעמדע, דאָס אייגענע — איז זיי פרעמד, לויטן פּוילישן ווערטל:

אַלדאָס פרעמדע לויבט איר
פון אייגענעם איר קערט אָפּ:
איר הייבט נישט אָן צו וויסן,
וואָס איר פאַרמאָגט.

דאָס האָט ער איר די ווערטער פאַרטײַטשט. זי האָט פאַרשטאַנען. כּדי זי זאָל עס נישט צו שלעכט פאַרשטיין האָט ער צוגעשמאָלצן מיט אַ וויץ: „ישׂראל איז געגליכן צו אַ קאַרטאָפל — ליגט אין דר'ערד און וואַקסט". אַזוי אויך דער יידישער שרײַבער, די גרעסטע טייל יידישע שרײַבער.

איז אים גוט איר אָפּט אַרײַנוויַזן זיך. זי האָט שוין מער צײַט. נענטער צו דער היעראַרכיע. זיצט וויניקער בײַ דער שרײַבמאַשין, כאָטש אַ שאָד אים ס'נישט זען ס'לויפן פון די איידעלע פינגער אירע איבער די שוואַרצע קנעפּלעך פון דער שרײַבמאַשין. זי האָט אָבער מער צײַט אויף אַ שמועס איבער און אַריבער די עניני־דיומא. אַן אינטעליגענטע פרוי.

— איר זענט — חזרט זי איבער — אַ סימפּאַטישער מענטש.

— זאָג מיר דו, מיר זענען דאָך שוין פאַרהיימישט.

— מיר רעדן דאָך עברית אויף „אתה" — האָט זי געזאָגט האַלב־פאַרשעמט. גאַר גערעכט. מ'עט מאַכן אַ פּשרה — אַן „אדון".

— און איך האָב דיך ליב, ווי אַ קינד, אַן אייגן קינד.

פון אייגענעם קינד, שימעלע, אַריבער די זעקס און צוואַנציק, האָט ער וויניק גערעדט. זי האָט וויניק געפרעגט, די קלוגע אסתר. מיט זעקס יאָר צוריק — אַ חייל. עטלעכע מאָל אים גערופן, זיך צוגעשטעלט. באַפרײַט, ווידער גערופן. שכנישע ציגנער האָבן געמורמלט:

— באשר — אַ בן־יחיד. אַז מה? איז וואָס? אין דער אַלטער היים האָט אַ ייד געדינט, ווײַל... מ'האָט אים געמסרט. — אָבער דאָהי? מען איז דאָך בײַ זיך אין לאַנד. אַ יידישע מדינה, יידישע קאָמאַנדירן.

ער זאָל האָבן געזאָגט בעתן גיוס: ער וויל נישט זײַן קיין חייל. „ער האָט פײַנט מלחמה", „עס שרעקט אים נעמען אַ ביקס אין דער האַנט אַרײַן". אַזוי האָט מען געמורמלט, גלײַך זיי וואָלטן געווען דערבײַ. ער און שׂרה האָבן יאָ געוווּסט: אַביסל אמת איז דאָ דערין. ער איז אַ פּחדן. זײַן טאַטע, האָט זיך משער געווען: געגעטיק... וויניק שרעק האָט דער טאַטע איבערגעלעבט?

— שמעון — אַ חייל.

קנאַפּע צוויי יאָר געדינט. אָפּגעזעסן עטלעכע מאָל תפיסה־שטראָפן פאַר נישט פאָלגן, פאַר אַנטלויפן. מען האָט דערוועגן מיט אים וויניק גערעדט. אין איין שטוב, אונטער איין דאַך און — אַ ווײַטקייט. — פאַר שׂרהן איז עס געווען שווער, זייער שווער איבערצוטראָגן. אים האָט זי ליב געהאַט איידער זײַן געבוירן. ער איז דער קנופּ, וואָס פאַרבינדט, באַהעפט צוויי פאָליוסן... און בכלל, שׂרהס ליבשאַפט — אַ ירושה פון דורות ייִדישע מאַמעס און זייער זאָרג פון וועגן קינדער און מאַנען: אמונה, יסורים, פאַרקנסונגס־עול און שיינקייט פון משפחה־לעבן.

וואָס איז זי, זײַן מאַמע, אָן אים? אַ פּרוי אַריבער די פופציק. מער ווי דעם זון און די ליבשאַפט צום מאַן — טראָץ און אפשר מחמת אַלע זײַנע גענג — האָט זי נישט: פאַר זייער גוטס, פאַרן גוטס פון אַלע דרײַ, ווידמעט זי זיך און וועט זיך ווידמען ביזן לעצטן טאָג פון איר לעבן.

אין זײַנע אויגן האָט שׂרה אויסגעזען, ווי אַ הענגענדיקע פידל אויף דער וואַנט. אויסגעשפּילט, כאָטש קיין ערשטע פידל האָט זי בײַ אים קיינמאָל נישט געשפּילט. שימעלע, זײַן דור, די יונגע פלייצעס פון זײַן דור, דאַרפן אויסטראָגן דעם גורל פון יונג־אַלטן לאַנד — פון אַלטן, צעבראָכענעם פאָלק. צום ווײַפלטן מאָל געפאַלן, אויפגעהויבן זיך און גייט ווײַטער.

נײַנצן אַכט און פערציק. אַ ישוב פון העכער זעקס הונדערט טויזנט נפשות קעגן זיבן אַראַבישע מדינות, אַלע רײַך אין מענטשן, געלט, געווער, שטח און צײַט: אַלץ וואָס ארץ ישׂראל האָט נישט. בײַגעקומען. נײַנצן זעקס און פופציק — ערב אַ נײַער מלחמה: איבערפאַלן, אַרײַנדרינגלער פון פעדאַיון. אַ קורצע מלחמה. אַ לענגערע אַטעם־פּויזע, נײַנצן זיבן און זעכציק — די זעקס־טאָגיקע מלחמה און אַוודאי נישט די לעצטע.

שימעלע. דו לעבסט זאָרגלאָז פון טאַטנס שוואַכע פאַרדינסטן. מאָרגן, איבער־מאָרגן? ווי די זון שײַנט אויף אײַנדערפרי, פאַרגייט פאַרנאַכט — קומט דײַן טאָג, די נאַכט מיט זעט, מיט אַ ריין בעט, מיט זאָרג פאַר דײַן הײַנט און מאָרגן...

שימעלע. דײַן דור דאַרף זײַן דער „ראָש־האַיל" צו צעשטורעמען די וואַנט פון רשעות אַרום דער קליינער ערד: דעם כּזית ערד אונטערן בלויען פאַסיקל הימל. פון איין זײַט דער ים, פון אַלע אַנדערע זײַטן — אַ ים קריצנדיקע ציין.

מלחמת הקיום. עקזיסטענץ־קאַמף.

ס'לעבן דאָ, ווי אַ קראַנקער נאָך אַ טראַנספוזיע. דער באַנײַטער כּוח פון קליינעם לאַנד, דאָס גבורהדיקע גייט האַנט בײַ האַנט מיטן פּחד, מיטן בטחון, מיטן אמת, מיטן מענטש־ייִד — דער איינציקער אוצר פון אַלע אוצרות, דער

יידישער זשעני — נצח ישראל לא ישקר. אַווערנדיק, יוירנדיק לעבן גייט דאָ אויף מיט שיינקייט, מיט אַן אומרו פון דעריאָגן אַ פּאַרשפּעקטיקטע זאַך.

אויפן וועג אַהיים פון ביוראָ קוקט ער זיך שוין צום וויפלסטן מאָל איַין אין די נידעריקע הײַזקעס, אַרײַנגעקוועטשטע און אַרויסגעשטויסענע צווישן די נײַע, הויכע פיר און פינעף־שטאָקיקע בנינים. אַ שכונה געווען דאָ מיט צוואַנציק, פינעף און צוואַנציק יאָר צוריק. אַרום די הײַזקעלעך — גערטנדלעך, און אַ שמאָל כבישל אָדער אַ זאַמדשטעגל צווישן איין ריי הײַזקעס און פון דער אַקעגנאיבערדיקער ריי. עס קומט אים אויס עלעהײַ זין, טעכטער און טאַטע־מאַמע. דער נײַער דור־הויכע, געוויקסיקע; די טאַטעס, מאַמעס — נידעריקע, עטוואָס געבויגענע, פאַרעלטערטע. אין נאָך עפּעס דערמאָנט עס אים — אַן אַלט־נײַ לאַנד, אַן אַלט־נײַ פּנים, אַ נעכטן און אַ הײַנט, צוויי דורות, אבות ובנים, סײַ אין דער צורה, סײַ אין תּוכן. מאַמעס־טאַטעס געבויגענע צוגעוואַקסענע צו דער ערד, בײַ דער זײַט פון זייערע קינדער — שטאָלצע, אויסגעגלײַכטע רוקנס, פאַרהויבענע קעפּ.

אָקערשט מיט דרײַ־פיר צענדליק יאָר צוריק זענען געווען דאָ גרעסערע ליידיקע שטחים, פּוסטע, פאַרוואָרלאָזטע. אַ וויסט געוויין פון שאַקאַלן האָט זיך אין די נעכט ביז די פאַרטאָגן געהערט. פאַרטריקנטע פעלכעלעך,ביינער, סקע־לעטן פון הונגער און בענקשאַפט אויסגעפּגרטע שאַקאַלן, האָבן זיך געוואַלגערט. אַצינד פאַרשטייט ער פאַרוואָס זײַן זיידע, אַ סך זיידעס האָבן, ווי אַ קמיעה געהיטן, באַהאַלטן זעקעלעך ארץ ישראל־ערד: זיך באַוואָרנט אויף איבער הונ־דערט און צוואַנציק. זײַן זיידע: אין שטוב האָט מען דערציילט, ווי אַזוי ער איז פון דער וועלט געגאַנגען. אַריבער די נײַנציק אים געווען. פאַרפרי זאָל ער האָבן פּלוצעם זיך איבערגעכאַפּט פון שלאָף, זיך אויפגעזעצט און אַ זאָג געטאָן:
— איך גיי שטאַרבן.

צוויי זכותן: אַ מענטש אין טיפן עלטער און, ווי אַ מענטש ווינטש זיך: שטאַרבן געזונטערהייט.

אַזוי איז פון לעבעדיקן זיידן געוואָרן אַ טויטע גופיקייט. ער, שוין באַלד זעקסטער דור נאָכן זיידן, יעדער שעה, יעדן טאָג ווערט דאָך אין מענטש עפּעס אָפּגעשטאָרבן. דער מענטש לעבט מיטן טויט. פאַרוואָס האָט ער אַזוי מורא פאַר אים? נאָך עפּעס געדענקט ער פון דערציילן: אין שטאָט האָט מען דעמאָלט גערעדט וועגן דער טאָפּלטער זכיה. נאָר הייליקע יידן, צדיקים גמורים, זענען צו אַזאַ טויט זוכה.

וואָס איז אַצינד געבליבן פון זיידן? אַפילו אַביסל אַש נישט.

קוקט ער זיך איַין איין מאָל, נאָך אַמאָל, צום הונדערטסטן מאָל אין די אַלטע, געבויגענע הײַזקעס און אין דער אַנדערשקייט אין בוי און סטראָי פון די נײַע בנינים: אַ נײַ לעבן — אַ נײַער סטיל. אַרויסגערוקטע צו דער גאַס, צום ברייטן כביש שטייען זיי. ברייטע טראָטואַרן,ביימער, גרינע בלעטער־קרוינען. ס'קומט אים אויס, ווי דער טויטער זיידע, וואָס לעבט דאָ אין בלוט פון זײַנע קינדער, קינדס־קינדער, בעט זיך בײַ די סאַברעס און סאַברעלעך: — גייטס קינדערלעך אין גאַס אַרײַן. מיט יעדן אײַער שפּאַן פאַרויס גרייכן מיר, די שוכני־עפר, העכער, העכער צו דעם וואָס לעבט אייביק.

און ער, דער דריטער דור, אַ טאַטע פון אַ גרויסן זון, אַ געוועזענעם חייל — פערטער דור — זעט באַשײַמפּערלעך, אַז די נבואה אָדער דער חלום פון די זיידעס — באַשטעטיקן זיך: ווי אַן אמת, און — מיט בויען נײַע שטעט...

עס ווערט אים קלאָר דער זין פון טוונג, פון זאַכן; דער משמעות פון יש, פון דינאַמישן כוח וואָס וואַקסט דאָ צוזאַמען מיט דער סכנה. אַ ווונדערלעכע דויערדיקייט פון אַ פאָלק, אַ סובלדיקס און אַ סבלנותדיקס, וואָס גרונטפעסטיקט זיך מיט אַזויפיל טאַטעשער אומגעדולדיקייט: מיט אַן אומגעדולדיקער סטאַטישקייט. „מ'יאָגט זיך פאַמעלעך" — לויטן פוילישן ווערטל.

טאָגטעגלעכע מלחמה־נייעס: אַלטע נײַעס: —

— „שלאַכטן בײַם סועץ־קאַנאַל".

— „ראַדיאָ קאַיר רופט פאַרשטאַרקן די קאַמפּס־טעטיקייט".

„דרײַצן חיילים געהרגעט. דרײַ פאַרווונדעטע. צוויי דיווערסאַנטן געכאַפּט".

„דער מצב אויף די גרענעצן — אין צענטער פון באַהאַנדלונג אין דער כנסת".

„פון מאָסקווער קוועלן: נישטאָ קיין אויסזיכט רוסלאַנד זאָל מסכים זײַן אָפּשטעלן די געווער־ליפערונגען פאַר די אַראַבישע מדינות".

„דיווערסאַנטן־אַקציעס האָבן דערפירט אויך לבנון צו אַ מצב פון מלחמה מיט ישראל".

און ער — אין שטוב, אין ביוראָ. אמת, שוין איבער די יאָרן פון רעזערוו־דינסט. אָבער ער, זײַן משפחה זענען דאָך אַ לעבעדיקער חלק פון היגן לעבן. הײַנט, לאַנג נאָכן באַפרײַט ווערן פון רעזערוו־דינסט, קומען אים קאַפויער יענע יאָרן — יעדן יאָר פיר וואָכן אַ מיליטערמאַן, אַ רעזערוויסט — כאָטש אין זײַן כאַראַקטער איז ער ווײַט, ווײַט דערפון. אָבער בירגערלעכער חוב — איז חוב... פטור בלא כלום, ווי מ'זאָגט, איז עס נישט געגאַנגען.

פופצן יאָר זינט דעמאָלט. אַלע איבערלעבונגען — פריש אין זכרון. געטראָפן דאָרט נאָך יונגעלײַט. איינער אַ מילואימניק (אין רעזערוו־דינסט): געקו־

מען אַהער עטלעכע חדשים פאַרן מלחמה־אויסברוך, ניַינצן אַכט און פערציק. אין זיַין איינהייט זענען געווען אַ צענדליק ניַיע עולים. פון דער שיף — אומלעגאַל זיך דערשלעפּט צו יפוער ברעג — מאָביליזירט און צעשיקט אויף פראָנט־אָפּשניטן. עטלעכע חבר׳ה קראַנק פון דער היים, פון וועג — האָבן געוויזן דעם רב־סמל קראַנקן־צעטלען. דער יונגער רב־סמל האָט קיין אַנונג נישט געהאַט וואָס אין די צעטלען שטייט געשריבן. מיט תמימותדיקע, אומוויסיקע אויגן געקוקט אויף דער גויִישער שריפט און... קיין סך ציַיט איז נישט געווען. ער האָט צונויפגענומען אַלע צעטעלעך פון די עולים־חולים, אַרויס דרויסנדיק פון אוהל, אַנגעריבן אַ שוועבעלע און אַלץ איז אַוועק מיטן פיַיער.

מיט דער לײַכטקייט, וואָס די פּאַפּירלעך מיט די פרעמדע אותיות זענען אַוועק מיטן רויך — זענען די ייִנגלעך אַוועק אין פיַיער פון שלאַכטן: אַזוי איז געווען דער גורל פון די בחורים שוין נישט קיין יונגע, באַוויַיבטע, טאַטעס, וואָס זענען עולה געווען קיין ארץ ישראל — המשך לעבן נאָך שבעה מדורות גיהנום „דאָרטן״.

געפאַלן פאַרן לאַנד איידער זיי האָבן באַוויזן מיט זייערע פיס צו באַטרעטן די ערד. אייניקע זענען צוריקגעקומען געזונטע, געשטאַרקטע פון די שווערע, ביטערע קאַמפן. נישט וויניק — קאַליקעס. לשבח צום יונגן רב־סמל דאַרף געזאָגט ווערן: דווקא אַ ווילער בחור, אַ פעיִקער קעמפער. עטלעכע וואָכן — האָט מען געוווסט צו דערציילן — אַ קורסאַנט אויף סמלים, ווו מ׳האָט געלערנט מיליטער־רישע התנהגות און טאָפּאָגראַפיע. אַ געוואַגטער בחור, אַ קיבוצניק, אויך אַן עולה — אַן אַלט־ניַיער — מיט צוויי יאָר צוריק געקומען מיט אַן אומלעגאַל שיפל, אין אַ רעגנדיקער נאַכט דערשיפט זיך מיט נאָך עטלעכע חבר׳ה צו דער דרום־גרענעץ.

23

די טאָגטעגלעכקייט דיקטירט זײַן סדר־היום. עול פון משפּחה־לעבן. „צער גידול... בן". פאַרויס מיט זײַן שעפערישער אַרבעט מוז מען גיין. אסור אַרויס־לאָזן די פעדער פון דער האַנט. שרײַבן, לייענען אַ בוך, פאַרטיפן וויסן, אויס־ברייטערן האָריזאָנטן. די שעפערישקייט — פרישע לופט צו זײַנע לונגען; כּח צו אָטעמען און שלעפן, אַרויסשלעפן דעם „וואָגן" — גראָען טאָגטעגלעכן איג־דערוואָכן. אויף איין טריט פאָרויס מאַכט ער צוויי אויף צוריק: פאַרלענגערט די אַרבעטס־שעהען, נאָך עטלעכע פונט אויף אויסקומעניש. עפּעס טון אין שטוב, וואָס איז פאַר שׂרהן שווער. און ווידער — אַלץ טוט ער מיט דער גיכקייט פון אָפּפּטרן, פּטור ווערן פון מעשׂי־ידים כּדי דער קאָפּ, ס'האַרץ, די נשמה זאָל פרײַ זײַן צום צווייטן (אפשר איז עס דאָס ס'ערשטע) לעבן וואָס ער טראָגט אין זיך.

די טוונגען מידן אײַן דעם מוח, גזלענען צו זײַן זשעדנע ביסל רו, זײַן רו — באַוועגונג פון מחשבה. פאַראַן מינוטן, שעהען צווישן איין טוונג און דער צווייטער פאַרהייבט ער זיך אויף די פליגל פון גײַסט צו מעטאַפיזישער שׂמחה. ער פליט אין אַן אַנדער וועלט, אַ וועלט פון ספערן און ספירות: אַ מע־טעאָר. אַט־אַטיק ווערט ער פאַרלוירן אין גאָרנישט אַרײַן, אין גרויסן גאָרנישט פון וואַנעט ער איז געקומען. יענע הייכן וואָס פאַרזיווגן הימל און ערד, שטויסן זיך אָן און וויקלען אויס דעם טאָג און די נאַכט: שטאַרבן און געבערן אייגנס ס'אַנדערע — איז זײַן גייסטיקע וועלט. נײַע זעונגען זענען עולה־רגל צו זײַנע גײַסטיקע אויגן.

נאָך עטלעכע געציילטע יאָר און ער גייט אַרויס אויף פּענסיע. אַט־אַט — ווידער אַ יערלעכער אורלויב. יערלעכער אורלויב — אַכט טעג בית־הבראה, אַ צוגאָב־תּשלום. יאָריערלעך גייט דער צולאָג אַרײַן אין די טאָגטעכלעכע הוצאות. זיצט מען אַכט טעג אין שטוב און אַזוי „פּײַערט" מען אָפּ די אָפּרו־טעג אין די סאַמע פייערדיקע חדשים. עס דערמאָנט אים אין אַ חכמה וואָס זײַן מאַמעלע, עליה השלום, האָט ליב געהאַט איבערצוחזרן: ס'פלעגט אין דער טיר זיך ווײַזן אַן אָרעמאַן, בעטן אַ נדבה. דער גראָשן איז נישט בנמצא — בעט מען אים אַרײַן אין שטוב אויף אַ גלאָז טיי, זיך דערוואָרעמען אַביסל, דערכאַפּן זיך ס'האַרץ. מען גיט אים אַ קאַסטקע צוקער, אַמאָל אויך — אַ צובייס. דער אָרעמאַן טרינקט אויס די טיי און די קאַסטקע צוקער לייגט ער אַרײַן אין קעשענע:

אָפּגענאַרט דעם באַלעבאָס... (אַ קאָסטקע צוקער האָט בײַ אַן אָרעמאַן געהייסן „באַלעבאָס״).

„נאָך אַ באַלעבאָס אין קעשענע״ — זאָגט ער צו זיך און גייט אַרויס. אַזוי איז ער זיך נוהג געווען אַלע יאָר קוראַרט — מיטן „באַלעבאָס אין קעשענע״...

דאָס מאָל, דאָס לעצטע יאָר, האָט זיך יאַנקל, זײַן עלטערער ברודער מיט זײַן ווײַב פּערעלע אַ יאָווע געטאָן אַזש פון חיפה. אין די פינעף־זעקס יאָר זינט נײַנצן זעקס און פופציק, נאָך „מלחמת סיני״ — עולה געווען פון פוילן און זיך באַזעצט אין חיפה. ביזן עולה זײַן געוווינט אין וואַלבזשיך (וואַלדענבורג) נאָכן קומען פון רוסלאַנד. זיי האָבן זיך אויפגעשריבן פון חיפה — טעלעפאָניש זיך געלאָזט הערן. אגב, נאָך פיר ברידער מיט שוועגערינס זענען געבליבן אין פוילן. „זיי ווילן נישט מאַכן מער קיין געשיכטע״ — האָבן זיי אין די בריוו געשריבן. אומרוען. אַ זעקס־טאָגיקע מלחמה, אַ יום־כּיפּור־מלחמה. טעלעפאָניש האָבן תּמיד גערעדט די שוועגערינס. יאַנקל איז אַ פּאַרנומענער מענטש. אַן אייגן וואַרשטאַט, האַלט אַ מענטש, אַ לערנייִגל. „מאַכט דעם פּיאַסטער״.ביידע שוועגערינס זענען געקומען צו אַ פּלאַן — טאַנטורא. אַן אַראַביש דאָרף. אַ כּמו־קוראָט.

פּאַר די צוויי שוועגערינס — שׂרהלע־פּערעלע — וואָס זענען צוליב עפּעס אַ צופאַל געוואָרן שוועגערינס, איז דאָס צוזאַמען אַרויספאָרן אויף קוראַרט געווען נישט קיין שלעכטע געלעגנהייט אויף צו כאַפּן אַ מוטל. זיי האָבן געהאַט אַ סך, אַ סך וואָס צו רעדן. פאַר פּערעלען — אַן אָפּרעדן זיך פון הארץ... קיין רעסטאָראַנען זענען אין טנטורה נישטאָ. אַליין קויפט מען איין, מען גרייט צו, מ׳קאָכט אַליין. פאַר אַזאַ שטייגער פאַרדינער, אַ פּקיד, אַ שרײַבער, בײַ דער זײַט פון יאַנקלען — איז עס אַ גלײַכע זאַך. פּערעלע האָט אַ טאָפּלטן חשבון: זיי זענען יאָ יעדן יאָר אַרויסגעפאָרן, נאָר איר זענען נמאס די לאַנגע טישן אין די בתי־הבראה, זייערע עסנס קריכן שוין פון האַלדז. ליגשטולן, אַלטע פּאָרלעך. אַלטע וויצן. נאַרישע רייד. הײַנט דאָס צוזאַמען־זיצן אַרום די טישן. געננוג, חוץ דעם וויל זי טאַקע זײַן אויג אויף אויג מיט שׂרהלען און מיט איר, יאָ, מיט איר... אַלטע חשבונות. ניין, אויס חשבונות... פּשוט זיך פאַרבענקט זען זיך מיט זיי. זי ווייסט אויך, אַז זיי איז שווערלעך, קאָנען זיך נישט פאַרגינען קיין בית־הבראה. לעבן יאַנקלען וועט זיי זײַן גרינגער. ווי האָט געזאָגט איר מאַמע: „לעבן אַ שווערן וואָגן איז גוט צופוס צו גיין״. יאַנקל איז פאַרט אַ פאַרדינער.

יאַנקל ווייסט אויך, אַז זײַן ברודער, איר שוואָגער — איז פאַר איר מער ווי אַ שוואָגער... יאַנקל ווייסט פּערעלעס חשבונות מיט איר... פון איין שטאָט, קענען זיך נאָך פון יענע צײַטן: לינקע קרײַזלעך. העקטאָגראַפישע בלעטעלעך.

זי האָט נישט איין מאָל געוואָרפן אַן אויג אויפן פּעקל, סימפּאַטישן ברודער יאַנקלס. אלא וואָס, דעמאָלט איז קיין צײַט נישט געווען אויף נאַרישקייטן, אויף ליבעס... איר האָט אינטערעסירט אומלעגאַלע פונקציעס, אײַנשטעלערישע אַקטי־וויטעט. נישט איין מאָל געווען אויף „יענער זײַט", אַ הין און צוריק, אַ קורי־ערין. ער, צוליב זײַן תפיסה. זי — אַ לענגערע צײַט אין ראַטנפאַרבאַנד — איז נישט געווען קיין צײַט אויף ליבעס.

יאַנקל איז נישט אַנטציקט פון פּלאַן. אמת, אַן אַלטע „ליבע" צווישן פּערעלען און זײַן ברודער. פאַר אים גילט נאָך דאָס ווערטל: „אַלטע ליבע זשאַווערט נישט". נאָר, אַז פּערעלע וויל, אַז איר קומט עפּעס אין קאָפּ אַרײַן — טוט ער איר צוליב. אַ רגילות בײַ יאַנקלען שוין העכער פינעף און צוואַנציק יאָר.

*

זומער, טויזנט נײַן הונדערט נײַן און דרײַסיק. וואַרשע. הייסע טעג. די זון וואַרעמט און דעם הימל פאַרצירן וואָלקנס. שווערע וואָלקנס, אַביסעלע צו שווער אויף אַן ערב־האַרבסט, אַ פּוילישן „גאָלדענעם האַרבסט". פון מערב יאָגן אַן די „וואָלקנס": עסטרײַך, טשעכאָסלאָוואַקײַ אַנעקסירטע פון היטלער־דײַטשלאַנד, וואָס האָט זיך נאָך מיט אַ יאָר צוריק אָנגעהויבן, אַנגעיאָגט כמאַרעס אויך אויסער די פּוילישע הימלען.

עס איז פון דעסטוועגן קיינעם נישט אײַנגעפאַלן, אַז שוין אין די נאָענטסטע חדשים, וועט דער זיך דערנענטערנדיקער האַרבסט זײַן דער לעצטער אין נאָר־מאַלן פּוילישן „קלימאַט". — אַ קלימאַט, ווי פאַריאָרן, ווי אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר.

ביידע ברידער ווױנען אין אַן איינצימערדיקער דירה אויף קאַרמעליצקי גאַס. יאַנקל — אַן עלעקטראָ־טעכניק. אַ גוטער פאַרדינער. אַ גוטער ברודער, שטייט, ווי מ׳זאָגט, מיט דער קעשענע. זײַן ברודער, דער „וויעטשני סטודענט",* אַ שרײַבער — תמיד אַ פּאַניע פּאַטשעבאָווסקי...**

פּערעלע, וואָס מ׳האָט זי די לעצטע דרײַ יאָר נישט געזען, האָט זיך אין איינעם אַן אָוונט אַ ווײַז געטאָן.

אין דער היים, אויך אין וואַרשע, אין די לינקע קרײַזן — ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען נאָענט צו זיי — איז דעמאָלט אומגעגאַנגען אַ שטיל גערייד: „אָדער די פּערעלע איז דאָרטן אין אַ תפיסה, אָדער ערגעץ אויף פאַרשיקעניש פאַר־

---

* אַן אייביקער סטודענט.

** אַ נויט באַדערפיקער.

פּאַלן געוואָרן". „דאָרטן" האָט געמיינט „פון יענער זײַט גרענעץ", בײַ די „חברים". אַ נײַע מיסיע אויף איר אַרויפגעלייגט: אַ קוריערין. אַהין און צוריק מיט אינסטרוקציעס, אינפאָרמאַציעס, דירעקטיוון. מיט דער גאַנצער היץ פאַר דער „הייליקער זאַך" האָט זי די ריזיקאַלישע אַרבעט אויסגעפירט. ערשט, אַז זי האָט מיט אירע אויגן געזען פון דער נאָענט וואָס „דאָרט" קומט פאָר. ערשט, אַז די איבערגעגעבענע קוריערין, דאָס יידישע מיידל, האָט מיט אירע אויערן געהערט, זיך אָנגעהערט וואָס „דאָרט" טוט זיך — האָט זי צו זיך אַזוי געזאָגט: „אויב דו האָסט נאָך גאַנצע ביינער, דעם קאָפּ אויף זיך — אַ קאָפּ האָט מען נאָר איינעם — געגנוג מיט די „קעסט" פון די „חברים", וואָס קריכן שוין פון האַלדז אַרויס, מאַך אַ ויברח.

און עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט: דאָס לעצטע מאָל פון „דאָרטן" צוריק קיין פוילן אין אַ „שליחות" — האָט זי „פאַרגעסן" דעם וועג אויף צוריק. זי איז געבליבן אין דער היים. לאַנג האָט זי אין דער היים נישט געקאָנט בלײַבן. אַ באַקאַנטע פיגור אין דער פּאָליציי, דעפענסיווע, שפּיצלעס, געהיים־אַגענטן, — מוסרים האָבן אויך נישט געפעלט — האָט זי גענומען ס׳פּעקל, שוין נישט די העקטאָגראַפישע בלעטלעך: דאָס „יידישע פּעקעלע" האָט זי גענומען און — וואַרשע: אַן אָפענע טיר, אפשר אויך אָפענע אָרעמס.

פּערעלע האָט געוווּסט, געדענקט אַז ער, אַהרעלע, איז שוין דאָרט עטלעכע יאָר, קומט אַמאָל צו גאַסט אַהיים. פון די יוגנט־קרײַזן האָט זי אים געדענקט, פאַר און נאָך זײַן תפיסה. ער איז איר שוין דעמאָלט נישט אַרויס פון אויג, דאָס יונגע בחורל; דער נידעריקער, מיזערנער יאַט. אַ שוואַרצע טשופּרינע, אַ גוט קעפּל האָט ער אויף זיך, האַלט אַ פעדער אין דער האַנט. אויף מער, ווי דאָס איז דעמאָלט נישט קיין צײַט געווען. אַלע פּערזענלעכע פאַרגעניגנס האָט זי איבער־געלאָזט אויף נאָכער, נאָכער, נאָך דער „סאָציאַלער באַפרײַונג".

געעפנט די טיר האָט פּערעלען אַן אַנדערער, אַ ביסעלע אַ העכערער פון דעם, וועמען זי האָט דערוואַרט. אַ ברייטפּלייציקער בחור. מגושמדיקע אָרעמס. אין די תּנועות פון עפענען און פאַרמאַכן די טיר, דאַכט זיך אויך לויטן פּנים־גרימאַס איז ער יאָ און נישט ענלעך צו יענעם, זײַן ברודער. יאָ. זי דערקענט אים. יאַנקל. ער איז נישט געווען נאָענט צו די לינקע יוגנט־קרײַזן, ער האָט זיך נישט „גע־מישט אין די זאַכן". זי האָט אים ווייניק געזען. כמעט אַ לחלוטין אומבאַקאַנט פּנים. זי האָט געטראָגן אויף זיך אַ זומערקליידל אויף שמאָלע אַקסל־בענדלעך, כאָטש אין דרויסן איז שוין געווען קאַלט. אַ פּאַסמע שאָטין־האָר פאַלט איר אויפן שטערן איבער די אויגן — ראָבע, קעצישע אויגן. פון קליינעם מויל, וואָס פּרוווט שמייכלען זעען זיך צוויי קרומלעכע לאַפּעטע־ציין. דער שמייכל און

דער גלאַנץ פון די ראַבע אויגן לעשן זיך מיטן איבערטרעטן די שוועל. איר קאַל־טער בליק וואָס פאַלט אויף אים שיך, ווי אַ לעצטער שטראַל פון אַ פאַרגייענדיקן זונטאָג אויף אַ שוועל — בלײַבט הענגען צווישן צוויי פּאָר אויגן. יאַנקל פאַרליִרט זיך, וויל עפּעס זאָגן און ווייסט נישט וואָס. כאַפּט זיך צוריק. יאָ, דאָס פּנים איז אים קענטלעך:

— פערעלע?

— אָ, שוין שיינע יאָרן נישט געזען, דערקענט?

— פערעלען האָבן אַלע געקענט.

ער דערלאַנגט איר די האַנט. אַזוי גיך, ווי זי ציט אירע צוריק פון זײַן האַנט — ציִען זיך פון זײַן מויל אַרויס:

— אָ, אַ גאַסט! ס׳ערשטע מאָל דאָ?

— ווו דאָ?

— אין וואַרשע?

— אין וואַרשע און דאָ אין שטוב, — ס׳ערשטע מאָל.

זי שווײַגט אַ ווײַלע, אַ שטייגער זי דאַרף אַראָפּשלינגען די ווערטער. און ווי אומגעוואָלט טוט זי אַ פרעג:

— דאָס זענט איר, ביסט זײַן ברודער?

געוואָלט אים פרעגן צי ווױנט ער דאָ מיט אים, צי אַזוי סתּם געקומען זען זיך מיט אַ ברודער.

אהרן קומט אָן. טראָגט צוויי פּעקלעך אין די הענט.

— אָ פערעלע! וועמען איך זע דאָ!

זי שווײַגט. דער „אָ, פערעלע" איז איר אָפּנים נישט געפעלן. זי קוקט יאָ און נישט אויף אים. שווייגט.

— וואָסזשע שטייסטו, זעץ זיך, פערעלע, גיט ער איר די האַנט אַזוי קאַלט, ווי זײַן פּנים, ווײַזט אויף אַ בענקל לעבן בעט.

זי קאָן ס׳מויל נישט עפענען, כאָטש זי ווייסט נישט פאַרוואָס. אַזאַ געפיל האָט זי. אַלע ווערטער וואָס זי האָט זיך געקליבן זאָגן — זענען איר אין האַלדז שטעקן געבליבן.

אַלע דרײַ זיצן. ביידע ברידער אויף צוויי בענקלעך, פערעלע — אויפן קאַנט־בעט. אין דער מאָגערער שײַן פון קליינעם עלעקטרישן לעמפּל אין מיטן סטעליע זעט ער אין אירע אויגן אויס אַנדערש, אַ סך אַנדערש ווי זי געדענקט אים: סײַ עלטער, סײַ שענער. פּאַרט פיר־פינעף יאָר אָוועק זינט דעמאָלט: ער, נאָך דער תּפיסה, זי — אין ראַטנפּאַרבאַנד, „אין טאַטנס ווײַנגאָרטן". אַ וועלט, איר וועלט איז איר אונטערגעגאַנגען.

געקומען קיין װאַרשע אָפּגעפינען עפּעס פון דעם װאָס זי האָט פאַרלאָרן... זי זוכט אַן אָנהאַלט, אַן אינהאַלט. דער הײַנטיקער וויזיט, באַלד נאָכן אַראָפּ פון דער באַן, האָט באַדאַרפט זײַן אַ שפּרינגברעט, אַ בריקל צום נײַעם לעבן, צו אַ נײַעם אָנהייב.

— זײַ באַקאַנט, אַ ברודער, קאָנסט אים דאָך, נישט?

— וואָדען?

— וואָס אַן אמת, שווער צו געדענקען די נעמען. דאַכט זיך זיבן ברידער זענט איר. דײַן מאַמע האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס. הייסטו נישט יאַנקל? — האָט זי אָפּגעדרייט ס׳פּנים אים.

— יאָ. האָסט נישט קיין טעות. קלײנערהייט האָט די מאַמע תּמיד זיך געפּלאָנטערט אין די נעמען.

און דו — זאָגט זי צו אַהרונען, ס׳זעט מיר אויס, ווי דו װאָלסט זיך געפּאַקט אין וועג אַרײַן.

— ס׳אַ לאַנגע „נסיעה״, ס׳האַלט פאַר... פאַר אַ חתונה.

— אַזוי?

— אַזוי.

פערעלע האָט אָנגעשטעלט אויף אים אירע ראָבע אויגן. אַ גרין פּאַספּאָר־ליכט, אַ פאַרשאָטנטע פון דער שוואַכער שײַן, האָט פון זיי אַרויסגעשלאָגן. איר מײַלעכל האָט אַ טשמאָקע געטאָן האַלב שמייכלענדיק, האַלב פאַרוווּנדערט:

— הייסט עס — — —

— דו קענסט זי — האָט ער איר נישט געלאָזט ענדיקן — שׂרה.

— איך קען נישט קיין שׂרה, אַ שטאָטישע?

— ניין. פון הינטער װאַרשע.

פערעלעס דינער גוף אויפן ראַנד בעטל וויגט זיך. פאַרוואָס זיצט זי נישט גוט, זאָל זי זיך מאַכן באַקוועמער. ס׳קיל אין שטוב? איז איר אפשר קאַלט, ציטערן נישט אירע ליפּן בעתן רעדן? — וויל ער פרעגן און פרעגט נישט. עס וווּנדערט אים: אַרײַנגעקומען מיט אַ פריילעכער מינע און זיצט אַזוי שטיל. ער װאָלט וועלן וויסן פאַרוואָס? אַ צער אים אויפן מיידל מיט די קעצישע אויגן, מיטן טרויעריקן שמייכעלע. אַ צער און עפּעס אַ מאָדנע געפיל האָט אין אים זיך געוועקט. אייגנטלעך פאַרשטייט ער פאַרוואָס זי זיצט אַזוי פּלוצעם פאַראומערט. געקומען, געגאַנגען אַהער איז זי דאָך, ווי מ׳זאָגט, אויף אַ זיכערער בריק. און „די בריק״ ברעכט זיך אונטער אירע פיס... ער װאָלט איר וועלן דערוועגן עפּעס זאָגן, פרעגן און ער, נישט זי, ציטערט. דער קאָפּ אויף אים, ווי נאָך מאַכן אַ

כּוסה. — און די ווערטער קומען אים אָן שווער... ער געפינט עטלעכע ווערטער, נישט די וואָס ער האָט געוואָלט:

— אפשר וויל זי אַ טרונק, ער גייט מאַכן אַ גלעזל טיי.

— אַ דאַנק. איך גיי שוין.

— וואָס איז די אײַלעניש? — ווערט ער אַביסל היימישער.

— וואָס האָב איך דאָ צו טאָן?

— וואָס דאַרף טאָן אַ גאַסט?

— זיץ פּערעלע, זיץ אונטער, רו זיך אָפּ אַביסל — האָט ער זיך אָנגעגורט מיט רייד ווען יאַנקל האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַן צום פּרימוס גרייטן טיי.

— איז ווען די חתונה, די חופּה מיין איך?

— אַ חופּה... כ׳ווייס — — אָן צערעמאָניעס.

— וועסט מיך כאָטש פאַרבעטן?

— אַ צענטע צום מנין?

— מאַכסט חוזק?

יאַנקל איז צוגעקומען מיט דרײַ גלעזער טיי. צוגערוקט אַ לײדיק בענקל און מ׳האָט „געשפּרייט אַ טיש", פאַרבעטן פּערעלען טועם זײַן.

— באמת אַ דאַנק יאַנקל. און צו אהרונען: „אַ פיינעם ברודער האָסטו".

די ווערטער פון פּערעלעס מויל האָבן יאַנקלען אויפגעהייטערט. ער האָט צו איר געשמייכלט: — מײַן ברודער, פּערעלע, קלויבט זיך פאַרלאָזן די שטוב. ער מיט שׂרהן גייען איבער אין אַנדער ווױנונג.

אַלע דרײַ זיצן אַרום טיש. שווײַגן. פּערעלע האָט אָנגעשטעלט אירע ראָבע אויגן אויף ביידע ברידער. יאַנקלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי קוקט מער אויף אים, ווי אויפן ברודער. האָט אים מבולבל געמאַכט. פאַראַן רגעס ווען בליקן פאַלן אויף אַ פּנים און שפּירסט תּיכּף אַן אינערלעכע אויפרעגונג. נישט קיין פאַרליבטע בליקן זענען דאָס געווען. זיי האָבן בלויז אויפגעכאַפּט יאַנקלס קוק אויף איר: פאַרהיימישטע, נכנע בליקן. עס שלאָגט פון זיי אַרויס אַ וואַרעמקייט. מעגן די בליקן און דער וואָס האָט זיי אָנגעשטעלט אויף איר נישט זײַן לויט איר גוסט אָבער גערעדט צו איר האָבן זיי אויף אַ שטום־לשון, וואָס נאָר זי, פּערעלע, פאַרשטייט. — טאַקע געקומען צו אהרנען — זאָגט זי צו זיך — אָבער יאַנקל זײַן ברודער, איז פאַרליבט.

פון דער ערשטער מינוט, אָן, וואָס יאַנקל האָט געזען איר פּנים, איר ענערגישן אַרײַנקום, איר שמייכעלע, וואָס איז תּיכּף פאַרשאָטנט געוואָרן — איז זי אים געפעלן. איר נישט צוגעקעמט גזשיבקעלע, איר קלאָרער שטערן, דער קאָליר פון אירע אויגן, האָבן אין אים געוועקט אַ מאָדנע אָנגענעם געפיל. אָט

די פּערעלע, וואָס מיט דריַי פיר יאָר צוריק וואָלט אים נישט איַינגעפאַלן אַ קוק טאָן אויף איר — איז אים מיט אַמאָל אַריַין אין האַרץ, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס. די עטלעכע יאָר וואָס ער איז אין וואַרשע, האָט ער אַזאַ פּנים, אַזעלכע אויגן נישט געזען. און אָט זיצט זי דאָ. באַלד וועט עס זיַין זיַין שטוב. איז זי דאָך ביַי אים אין שטוב. עס קומט אים אויס אין די רגעס, אַז זיי קענען זיך שוין פון לאַנג. זי איז דאָך אַליין. האָט דאָ קיינעם נישט און ער בליַיבט אַליין.

✶

פיר יאָר האָט פּערעלע דעם טעם פון אַ היימיש ווינקל נישט געוווּסט. איר אַלטער באַקאַנטער צו וועמען זיך האָט זיך געאיַילט קומען — וויַיכט אָפּ דעם בליק פון איר. אפשר מוז ער אַזוי. עס האַלט דאָך פאַר אַ חתונה, חופּה. יאַנקל — פאַרקערט — נעמט די אויגן פון איר נישט אַראָפּ. און דאָס שוויַיגן פון יאַנקלס ברודער? — אַ חלף. ער האָט אַ שניט געטאָן. אַז אַ שאַרפער חלף גיט אַ שניט פילט מען אים נישט. מ׳פילט דעם אָפּפלוס פון בלוט... פילסט פּלוצעם אַזאַ מיד־קייט; פילסט, ווי די כוחות פאַרלאָזן דיך. אינעווייניק, אין דיר רינט דאָס בלוט. קיינער זעט נישט און דיר ווערט פינצטער אין די אויגן...

אין איר מוח האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק:

„אויב נישט ער — זאָל זיַין דער ברודער: נישט קיין וויַיב — איז אַ שווער־געריין״.

צוויי וואָכן שפּעטער איז געפּראַוועט געוואָרן אַ חתונה, אייגנטלעך — לויטן ברודערס מאָדעל — אַ חופּה. אַ חופּה כּדת משה וישׂראל ביַי אַ ווינקל־רב אין הויף. אַ מנין יידן. אַ ליַיכטער טרונק און אַ פאַרביַיסעכץ.

פּערעלע מיט יאַנקלען זענען געבליבן אין דער וווינונג. די קאַוואַלערסקי שטוב האָט שנעל געטווישט ס׳פּנים. איַין גרויסער טאַפּטשאַן שטאָט צוויי בעטלעך. אַ טיש. עטלעכע שטולן. אַ שפּיַיז־שענקל, אַן עטאַזשערקע. אַ פאַרהאַנג אויפן איינציקן פענצטער. אַ הענג־לאָמפּ מיט שיַינלעך. אויפן טאַפּטשאַן — קישנס, צוויי קאָלדרעס. קיך־כּלים. פּערעלע — אַ פאַלנע באַלעבאָסטע.

העכער צוויי און צוואַנציק יאָר זינט דעמאָלט. זי זאָל היַינט זאָגן, אַז זי האָט פאַרגעסן יענעם „קבלת פּנים״ — וואָלט עס געווען אַ ליגן. זאָגן, אַז יאַנקל איז דער מאַן, וואָס זי באַגערט — איז אַ צווייטער ליגן. פיר, פינעף חדשים נאָך דעם — מלחמה. זי און יאַנקל — מיטן שטראָם אַנטלויפנדיקע פון וואַרשע. אַפילו נישט קיין ציַיט געהאַט זיך געזעגענען מיט זיי — אים און שׂרהן — געלאָזט זיך אין וועג אַריַין זיך געטראָפן ערשט אין צוויי און אַ האַלב יאָר אַרום אין רוסלאַנד. „עוואַקואירטע״.

ביז קאַנטאַגי און אַטשעסיי האָט יאַנקל געאַרבעט אין אַ ספּירט־זאַוואָד. ריזיקירט מיט אַ היימשלעפּן פּלעשעלעך ספּירט — אַ סחורה עובר לסוחר...

פּערעלע — די „קוריערין" — מיט פּלעשלעך ספּירט אויפן באַזאַר. אויך אין דער פונקציע האָט זי זיך אויסגעצויגט. דאָס „ספּירט־געשעפט" האָט געגעבן ריווח. יאַנקל האָט געהאָלפן די אַנדערע ברידער, וואָס זענען מיט אַנדערע וועגן געקומען קיין מיטלאַזיע און פון דאָרט — קיין קאַנטאַגי־אַטשעסיי, ווידער זיך געטראָפן בעת דער רעפּאַטריאַציע.

✶

דער פּלאַן טאַנטורא איז זיי געפעלן. קנאַפּע צוויי וואָכן צוזאַמען אין אַן אָפּגעדונגענער כאַטע ביי איינעם פון די דאָרטיקע תושבים. פאַר ביידע שוועגערינס, וואָס זענען געוואָרן גוטע חברטעס — אַן אויסנעמלעכע געלעגנהייט „אויסרעדן זיך די הערצער".

יאַנקל, דער גוטער פּאַרדינער, גוט סיטוּירטער — איז ווידער אַ גוטער ברו־דער. שטייט מיט דער קעשענע. פאַרן יינגערן ברודער דעם מלוכה־באַאַמטן, דעם שרייבער וועמען ס׳פעלט תמיד צו אַ טאָג צו דער וואָך — אַ „טשאַנס" אָפּרוען זיך אַביסל, טוישן די נודנע לופט פון ביוראָ און — אַביסל מער צייט פאַר זאַכן פון ברומו של עולם...

יעדן טאָג, זיבן אין דער פרי גייט יאַנקל אין צרכניה מיטן קיישל איינקויפן. אַ רגילות ביי אים אויך אין דער היים — די צוויי שוועגערינס — אין באָד־קאָסטיומען אונטער אַרומגעוואַרטלטע מאָרגן־ראָקן — ביים ים. ער בלייבט אין שטוב. גיט אַכטונג אויף דער באַלעבאַטישקייט. האָט צייט נעמען אַ פען אין האַנט. נאָך מיטאָג — ווידער צום ים. ער גייט אַליין. שרה איז שוין געוווינט דערצו. אין די פּאַרנאַכט־שעהען איז דאָס וואַסער לעבלעך — אַ וואַנע. ביז נאַכט האָט מען זיך געבאָדן. צוריקגעקומען — אָוועקגעפאַלן מידע ווי נאָך אַ וואָך שווערער אַרבעט. פאַר אַלע איז נאָכדעם געווען וואָס צו טאָן. אַלץ אין אָרדענונג ברענגען. די איינגעקויפטע פּראָדוקטן — אין פרידזשידער, קיכגעשיר וואַשן, פּירות וואַשן. די גאַרדעראָבעס איבערלופטערן. וועשוואַרג — וואַשן, צעהענגען.

ער האָט זיך געפּאָרעט ביי די דראָט־שאָטקעס אויף די פענצטער און טירן קעגן די ווילדע מאָסקיטן. אויך אַנדערע קריכערס האָבן נישט געפעלט. ס׳איז נישט געווען אַזוי אַקוראַטנע, ווי פּערעלע האָט געמיינט. מען האָט גרינגער געמאַכט דערמיט, וואָס מען איז „כאַטש אַביסל צוזאַמען". ס׳איז דאָ צייט אויף אַ מוטל כאַפּן מיט שרהלען און מיט אים, ווי זי פּלעגט אים רופן: „שוואָגער־שווייגער".

אין דער פרי. יאַנקל — ווידער אין צרכניה. פון דאָרט קומט מען נישט אַזוי

שנעל. אַ גרויסער אָנפאָר פון דאַטשניקעס אין די צוויי זומער־חדשים פון אורלויבן און — איין צרכניה. שׂרה און פערעלע — בײַם ים. ער — בײַם אָפענעם פענצטער.

אַ דאָרפישער טראַקט. פוןביידע זײַטן טראַקט — הײַזקעס. גערטנדלעך. בלומען. ס׳גרינס אויף די ליידיקע שטחים איז גרין־זשאַווערדיק מחמת דעם געזאַלצענעם ים־ווינטל, וואָס איז דאָ אַן „אָפטער גאַסט". ער קוקט זיך אײַן אין די דאָרפישע הײַזלעך, הייפלעך, באַלעבאַטישקייטן. אַ נאָווינע פאַר אים. אין שטאָט זעט מען דאָס נישט. אויך נאַקעטע, רויע ערד, זאַמד־הרודעס פאַרהאַר־טעוועט פון געזאַלצענעם ים־ווינט, דערנער, אַ ווײַסער מיאַל־אויסשפּרייט אויף שטיקער נישט־באַאַרבעט פעלד דערמאָנען אין אַ האַלב־ווילדן ישוב, וואָס פאָ־דערט נאָך אַ סך יאָרן און אַ סך הענט.

אין עק דאָרף — געבײַען פון נאַקעטן צעמענט, אַסבעסט־דעכלעך אויף אײַזערנע שטאַנגען איבער פּירקאַנטיק־געפּרעסטע בינטלעך שטרוי, היי אָנגע־גאַרנטע. אַ פעלד־ריח און אַ ריח פון קי־מיסט און געשניטן גראָז הערט זיך פון דאָרט.

אַנדערהאַלבן צענדליק קילאָמעטער צפונדיק שפּרייט זיך באַרגיק־גרין איי־נער פון די עלטסטע ישובים — זכרון יעקב, באַקאַנט מיט די ווײַן־קעלערן ווײַן־ראַפינעריעס פון באַראָן ראָטשילדס צײַטן בעת דער עליה פון ביל״ו.* הײַנט איז זײַן און זײַן ווײַבס קבר מיט גאָלד־אויסגעקריצטע גרויסע אותיות, אַ פעסטונג אין מיטן פון אַ ריזקן פּאַרק אויף עטלעכע צוואַנציק דונאַמס: אַ פּרעכטיקער גאָרטן באַבוימט און באַבלומט, גוט געפּלעגט און אונטער אַ שטענדיקער שמירה — אַן אָרט פון עולה־רגלניקעס פון גאַנצן לאַנד, אויך צוליב דער רייִנער, פרישער, באַרגיקער לופט.

עטלעכע מעטער אָקעגנדיק פון פענצטער, זײַטיק פון כּורכּר־וועג, זעט ער אַ פײַגנבוים.

יאַנקל איז אָנגעקומען. אין איין האַנט טראָגט ער אַ פולן קויש, אין דער צווייטער — אַ נײַלאָן־שאַטקע. אַ לענגלעך־ווײַס ברויט זעט מען אַרויס. זײַן פּנים איז פאַרפלאַמט. ס׳דינע טריקאָ־העמדל מיט קורצע אַרבעלעך אויף אים רונדיקט אויס זײַנע פליישיקע אָרעמס און דאָס „בײַכל", וואָס ער איז געקומען „אַראָפּוואַרפן". אַ שטויביקער שווייס באַדעקט זײַן שטערן.

— האָ, יענע דאַטשע — האָט אים זײַן ברודער מקבל־פּנים געווען.

— ווייסעכוואָס.

* ביל״ו — בית יעקב לכו ונלכה. — אַ ציוניסטישע באַוועגונג.

שׂרה, וואָס איז מער ווי אַלע עוסק אין קיך, האָט זיך מיט יאַנקלען אַרויס־געהאָלפֿן. ער איז אין די זיבן טעג, וואָס מען איז דאָ — געוואָרן איר רעכטע האַנט. איַינקויפֿן, שטוב־אַרבעט איז ביַי אים „ס׳צווייטע פּאָך״ — וויצלט ער זיך. דאָס האָט אים פּערעלע אַזוי אויסגעלערנט. אַ גוטער מאַן — האָט זי אים איַינגערעדט — דאַרף אויך העלפֿן אַ פֿרוי אין שטוב. צוויי מאָל אין דער וואָך פֿאָרט ער מיט זיַין מאַשין אויפֿן שוק. די מאַשין פֿירט — מאַכט ער מיט גדלות. פֿאָרט אַ בעל־מלאכה, אַן אייגן וואַרשטאַטל, האַלט עטלעכע מענטשן. אויסגע־כאַוועט — וויַיזט ער שוין אַן אויף זיַין וויַיבל צוויי שאַנקעוודיקע זין מיט לערע, מיט אַ בגד, מיט אַלץ וואָס אַזעלכע בנים פֿאָדערן היַינטיקע ציַיטן. די לעצטע ווערטער: „בנים״, „היַינטיקע ציַיטן״ וויל ער פּערעלע זאָל הערן. בכוונה טוט ער דאָס. פֿאַר וואָס פֿאַרגינט זי זיך נישט קיין מאָל צו אים אַ שמייכל טון. קיינמאָל הערט ער פֿון איר נישט קיין גוט וואָרט. קרענקט עס אים. אַנדערע פּרויען אַרבעטן, העלפֿן צו דער פּרנסה. זי איז אַ מאַדאַם. צוויי מאָל אין דער וואָך קומט אַ תּימנרין ספּאָנדזשע מאַכן, צוראַמען. אַנדערש איז „זיַין וויַיבעלע״ נישט געוווינט. דאָס האָט זי זיך אויסגעלערנט „ביַי איר טאַטן אין וויינגאַרטן״, ביַים חבר סטאַלין... טוט ער זיך אַמאָל אָן אַ כּוח און פֿרעגט:

— זאָג מיר, פּערעלע, ס׳פֿעלט דיר עפּעס ביַי מיר, חלילה?

— גליקלעך, ווי די ראַבע קאַץ.

שוויַיגט ער. זאָל זיַינס איבערגיין...

דעם ערטן פֿריַיטיק צו נאַכטס אין טאַנטורא. אַ שעה־צוויי פֿאַר ליכטצינדן, מיד פֿון אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפֿן — ציט זיך יאַנקל אויס אויפֿן ליגבעטל אין דרויסן פֿאַר דער טיר. כאַפּט אַ דרימל. פּערעלע און שׂרה זענען אינעווייניק, ווי דער שטייגער — פּלאַפּלען. פּלאַפּלען מיינט — פּערעלע. שׂרה הערט, שוויַיגט. וואַרפֿט אַמאָל אַריַין אַ וואָרט. ער? — ביז זיי וועלן אַזוי פּלאַפּלענדיק צוגרייטן דעם שבת, מאַכט ער אַ שפּאַציר צום ים. אין דער פֿאַרנאַכט־שעה איז דער ים רויִק. געקריַישלאַזו לויפֿן אַן די כוואַליעס, גיבן אַ לעק דעם ברעג און גליטשן זיך צוריק. אַ שטיל געפֿליסטער טראָגן אין זיך די כוואַליעס, אַ מין ניגון, וואָס ער אַליין, וויַיט פֿון ביורא, פֿון די שטובמענטשן, קאָן אים הערן. פֿון ערגעץ וויַיט, פֿון יענער זיַיט ים קומט דער ניגון און ברענגט מיט זיך אַ בענקשאַפֿט: — לאָה־קע. „ווען זעט מען דיך נאָך אַמאָל״ — זענען געווען אירע לעצטע ווערטער צו זיַין אַהיימגיין נאָך דער „ערשטער נאַכט״. ס׳איז געוואָרן די לעצטע נאַכט. מער האָט זי אים נישט געזען.

ווּ איז זי אַצינד? איז זי בכלל פֿאַראַן? איז זי אַליין, מיט עמעצן? אַ חבר, אַ מאַן? אפֿשר ערגעץ אין אַ תּפֿיסה, אויף פֿאַרשיקונג אומגעקומען.

צילאַ. ווי גייט עס איר אין אַמעריקע? שוין אַ דרײַסיק יאָר זינט דעמאָלט. פּוילן נאָכן חורבן, דײַטשלאַנד, דאָהי שוין באַלד דרײַסיק יאָר. מ׳פּילט נישט ווי די יאָרן רוקן זיך אַוועק. אפשר פּילט מען יאָ נאָר מ׳מאַכט זיך נישט ווִיסנדיק. איינס אין אַנדערן קייטלען זיי זיך, קײַקלען זיך אַוועק, האָסט נישט קיין צײַט אַ קוק צו טאָן אויף צוריק. ערשט, אַז דו שטעלסט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּ — קוקסטו זיך אום: קוקסט אויפן אָפּגעגאַנגענעם וועג און הייבסט אָן טראַכטן: וויפל האָב איך נאָך צו גיין? וויפל שוין אָפּגעגאַנגען? ס׳איז נישט צו באַגעמען: ווו, ווען זענען אַהינגעקומען די יאָרן? ווי אַזוי איז עס געשען? אַזוי אומגע־ריכט, אומבאַמערקט. גיט זיך דער מענטש אָפּ אַ דין וחשבון דערפון? אוי, די זייגערדיקע צײַט: די ווײַזערס רוקן זיך — און דו בן אדם? — אין שפּיגל פון צײַט?

דאָס פּנים וואָס קוקט פון „שפּיגל" אַרויס — איז יאָ און נישט דײַן פּנים. אַ פאַרעלטערט אָפּגעטראָגן פּנים פון אַ מענטש איבער די זעכציק. אָט־אָט — פּענסיע. מעגסט זיך פּילן בײַ די כּוחות, ווי ביז אַצינד. ערגעץ אָן דײַן ווִיסן, אָן דיך צו פרעגן באַשלאָסן — דו האָסט דײַנס אָפּגעטאָן, צו פינעף און זעכציק — פּענסיאָנער! און דו מיינסט נאָך אַלץ אַז עס איז דײַן פּנים: דײַנע יונגע, נײַגע־ריקע, לויפיקע אומרויִקע אויגן. נו, און די קנייטשעלעך, ווי דיגינקע ווערעמלעך אײַנגעגעסענע אין דער הויט? צוויי שאַרפע שניטן פון ביידע זײַטן נאָזפליגל ביז אַראָפּ דער קורצער גאָמבקע זי איז אַצינד ברייטלעך, די גאָמבע: אַ שניט אין דער ברייט, כאַפּט זי די מראה ווי צוגעשטוקעוועט צום פּנים: אַ יונג־אַלט פּנים. אונטער דער גאָמבע — לויזע האַלדזהויטן, אַ שטייגער אַ שריפּט, זי באַהאַלט אין זיך דעם נעכטן, דעם אייער־נעכטן, וואָס האָט מיטן הײַנט אַ קנאַפּן שייכות. אפשר יאָ אַ שייכות אָבער אָן דײַן ווִיסן, אָן דײַן ווילן, אָן אָפּגעבן זיך דערפון אַ חשבון. אַ וועלט אָן אָפּגעמעקטע.

פּרוּווט שמייכלען אין שפּיגל אַרײַן. נישט דײַן שמייכל. ס׳איז אַ גרימאַס פון אַ שמייכל, ס׳אַ מאַסקע. ס׳אַ בייז פּנים. אַ בייז פּנים מאַכט עלטער. בײַ עלטערע מענטשן ציטערן די הענט, דער טראָט ווערט שווערער. די פיס, וואָס טראָגן דיך יונגערהייט — שלעפּן דיך אַצינד נידעריקער פון דער ערד. שווערע טריט. ווילסטו עס אויסבאַהאַלטן פאַר אַ פרעמד אויג. — אַ שולדגעפיל. דו ביסט דאָך גאָט די נשמה שולדיק... ער וועט זי בײַ דיר צוריק אָפּנעמען. זאָל נאָר קומען די צײַט. זי וועט קומען, ווי די צײַט פון דײַן געבוירן. ערגער איז געווען „דאָרטן" אין מלכות פון אַשמדאי. דאָרטן האָט מען די צײַט אָפּגענומען נאָך לאַנגע און שווערע יסורים, מיט מיתה־משונות פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת האָט מען זי אָפּגענומען, און נישט געלאָזט שטאַרבן.

יאַנקל — אַ גוטער ברודער. אין וואַרשע אים געהאָלפן. אין רוסלאַנד זענען זיי צו ווײַט געווען איינער פון אַנדערן — האָט ער געהאָלפן די אַנדערע ברידער, וואָס זענען נאָענט פון אים געווען. די ערשטע יאָרן דאָ אין לאַנד, כאָטש ווײַטלעך פון אים — האָט „זײַן פּערעלע" געדאַגהט: — פּאַרט אַ ברודער דײַנער. זי קאָן נישט צוקוקן ווי זיי לײַדן. אַ פּקיד, „יענער פאַרדינער"... האָט מען פון צײַט צו צײַט אָנעקגעשיקט אַ טשעקל, באַזאָרגט אָן הלוואהלע, אויף „באָרג" האָט עס געהייסן. „ווען דו וועסט האָבן וועסטו אָפּגעבן".

יאַנקל האָט זיך שוין איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זײַט אויף דער ליגשטול. דער שבת איז גרייט. ער איז נאָך נישטאָ.

עס איז שוין גוט טונקל געווען. נאַכט. אַט ערשט איז די זון נעלם געוואָרן, אַ קײַלעכדיקער ראָד אַ פײַערדיקער — באַלד אין ים אַרײַן. אַט פלעמלט זי אין די שײַבלעך פון די דאָרפישע הײַזקעס. פינקלדיקע פלעמעלעך פון ציטערנ־דיקע שטערן. די ערשטע שטערן אין דער נאַכט אַרײַן.

ס'ערשטע מאָל קומט אים אויס זען אַ ישׂראלדיק דאָרף אין דער שעה פון ליכטצינדן.

מען גייט אין דער ברייט אויפן טראַקט צום שולעכל: עטלעכע יונגעלײַט מיט יאַרמלקעס, אָן אַלטער מאַן אין אַ געוואַנטענער קאַפּאָטע. אויך דער טאַטע האָט אין די ווינטער־חדשים, אין די שבתים געטראָגן אַן געוואַנטענע קאַפּאָטע. אַ גאַנצע וואָך — אַ מאַלאַנש־כאַלאַטל. דאָ איז דאָך אָבער וואַרעם? אפשר האָט ער נישט קיין אַנדערע, דער ייִד? האָט נישט קיין שבתדיקע, טראָגט ער דעם „אינדערוואָכן אום שבת"...

דאָס לעצטע מאָל האָט ער געזען דעם טאַטן, די מאַמען, אַלע, ווען ער איז צו גאַסט געווען: פרײַטיק־צונאַכטס, אַלע צוזאַמען בײַם שבתדיקן טיש. ער האָט דעמאָלט נישט געוווסט, אַז עס איז דאָס לעצטע מאָל. און ווער האָט יאָ געוווסט? און דאָס וואָס ער טראַכט אַצינד, אין דער אַ מינוט — איז ער זיכער, אַז עס איז נישט דאָס לעצטע מאָל.

נישט באַדאַרפט, נישט באַדאַרפט, שטראָפט ער זיך — וועד ווייסט צום וויפלטן מאָל — נישט געטאָרט זיי אַליין איבערלאָזן. געיאָגט זיך קיין וואַרשע צו וועמען? צו וואָס? וואָס ט'ער פאַרשפּעטיקן? — — — ער וואָלט אפשר

נישט געמאַכט זײַן לעבנס־טעות... ס׳וואָלט אפשר אויך פּאַר שׂרהן געווען בעסער. ער פֿאַררײַסט דעם קאָפּ צום אויסגעשטערנטן הימל. גרויסע שטערן. קליינע שטערן. יעדער שטערן — אין זײַן אָרעאָל: פֿאַרנעפּלט, צי בלענדיק, שטערן־מזלות. מסתמא האָט אַזוי באַדאַרפֿט זײַן.

ער האָט געטראָפֿןביידע שוועגערינס אין דרויסן. זיי האָבן נאָך אַלץ געפּלאַפּלט.

— ניין מאָס רייד.

— מ׳האָט אויך געטאָן. נישט געזעסן מיט פֿאַרלייגטע הענט. דער שבת איז גרייט.

— ער שלאָפֿט נאָך, זע איך — ווײַזט ער אָן אויף יאַנקלען.

— איך שלאָף נישט, ניין. איך רו אַביסל — האָט זיך יאַנקל אויפֿגעזעצט.

— נו, איז ווי האָט אונדזער מאַמעלע, עליה השלום, געזאָגט: — „הייב זיך אויף און גיי לייג זיך״.

ביידע מענער האָבן אָפּגערוט. די ווײַבער — אַז מ׳שמועסט ניט מאָס רייד. פּערעלע. נאָר צוליב דעם וואָס זי קאָן זיך „אויסרעדן ס׳האַרץ״ פֿאַר שׂרהלען — איז כּדאַי געווען טאַנטורא. פֿון איר, שׂרהלען, — וועט עס שוין קומען צו אים... ער איז דאָ נאָך מער שווײַגער, ווי תּמיד. צו שׂרהן האָט ער אויך נישט, ווי זי זאָגט, צופֿיל צײַט, דער שווײַגער נישט נאָר אַ שווײַגער, אויך אַ שטילער געניסער איז ער — פֿון שׂרהלעס האָלבע ווערטער, פֿון איר שווײַגן ווייסט זי דאָס. ער איז אַרײַן אינעווייניק אַרומוואַשן זיך.

יאָ, אַקעגן דעם וואָס דו זאָגסט — האָט פּערעלע ווײַטער געצויגן דעם איבערגעריסענעם שמועס: — ער גייט נישט מיט דיר אין אַ קינאָ, צו פֿרײַנד, חברים. און בײַ מיר איז בעסער?

— דו ווילסט דאָך נישט.

— איז בײַ דיר פֿאַרקערט: וויל ער נישט. אַזוי גייט עס שוין. תּמיד קאַפּויער. שפּעט. מ׳דאַרף מאַכן נאַכט — האָבן זיך ביידע דערמאָנט.

פּערעלע איז צוגעגאַן צו יאַנקלען, אים אַ טאַרע געטאָן: — דאַטשניק, ס׳טאָגט שוין אין פּיטשעוו...

יאַנקל האָט געשמייכלט, זיך אויפֿגעהויבן פֿון ליגבעטל. מ׳האָט אַרײַנגעדרייט ס׳ליכט. ביידע פּאָרלעך זענען אַרײַן צו זיך אין די חדרים — אַ וואַנט איבער אַ וואַנט.

*

יאַנקל איז געלעגן אַן אויסגעשלאָפֿענער, פּערעלע — זײַטיקלעך דערווײַ־

טערט פון אים. זי האָט געמאַכט זיך שלאָפן. ער איז נישט זיכער געווען דעריָן. האָט ער זיך פּאַמעלעכקע צוגערוקט, לײַכט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן אָרעמבבענדל פון איר העמד. מיט די שפּיץ פּיספּיגגער געפּרוווט אַ צי־טאָן די פּיקענע קאָלדרע. פּערעלע האָט דערשפּירט זײַן האַריקן פוס אויף אירן. ער האָט געמאַכט אַ תּנועה פון צוריקציִען זיך. אונטערגעהוסט, ווי אײנער, וואָס גייט פֿאַרבײַ אַן אומהיימלעך אָרט, וויל זיך אונטערגעבן קוראַזש מיטן לאָזן הערן זײַן אייגן קול.

— פּערלשי, שלאָפסט?

— גיי, לאָמעך געמאַכט.

— הם... אויסגערוט... זומערווינונג, וואָסי?

— כ׳ל דיר מאָרגן אָפּגעבן ראַפּאָרט...

— המ... ביסט דאָך נישט אַזוי שלעכט.

— חונף, היקע נישט, לאָמיך שלאָפן.

— ביסט דאָך געשלאָפן.

— פון וואַנעט ווייסטו?

— איך האָב געפּרוווט רעדן צו דיר...

— מיט די פיס, מיט די פיס דיינע האָב איך געפילט, רעדסטו צו מיר...

— נו, שוין. שפּעטער...

יאַנקל האָט זיך אָפּגעדרייט. פּלייצע צו פּלייצע זענען זיי געלעגן.

אין צווייטן חדר, פון יענער זײַט וואַנט, איז שׂרה געלעגן אַ וואַכע. עפּעס פון די רייד זייערע האָט זיך צו איר דערטראָגן. ער האָט צו איר שיין גערעדט. זי האָט זיך געוואָרפן, ווי אַן אָפּגעשאָבענער פיש. וואָסי? פאַר וואָס שפּילט זי מיט יאַנקלען ס׳טעיאַטער? אַ קלוגע, „אַן אויפגעקלערטע״, געוואָלט איבער־מאַכן די וועלט, ברענגען גליק פאַר אַלע. אויף אַביסעלע גליק פאַר איר מאַן איז זי קאַרג... וואָס טויג איר נישט בײַ אים, אַ גראַדער מענטש, אַ געטרײַער מאַן. אַרבעט שווער. אַ פולע שאַנק קליידער, אַלע מאָל אַן אַנדער מאָדע. סטראָיעט זיך, ווי זי וואָלט אַ יונג מיידעלע געווען. אַ מאַמע פון צוויי זין. שיינע, ווילע צו גאָט און צו לײַט. אַן אויפּרוימערקע קומט אין שטוב אַרײַן און זי — גאַנצע טעג אין דער רעזורע. ניין, נישט פון קנאה, חלילה; זי פאַרגינט איר פון גאַנצן האַרץ. פּשוט — עס פאַרדריסט. ער לײַדט בײַ איר. אַזוי פירט זיך אַ געוועזענע חברטע פון „דער באַוועגונג״, אַ קאָמוניסטין? אַ קוריערין — דאָס איז דער „נדן״? — שטייט אין גרויסן. מזל. צוריקגעקומען. ווען נישט, וואָלט זי דאָרט פאַרפוילט געוואָרן אין אַ לאַגער.

פון גריזאָטע האָט זי נישט געקענט אײַנשלאָפן. איין מאָל האָט זי איר

געפרעגט: — זאָג מיר, פערעלע? גרייטסטו צו כאָטש אַ מיטאָג ווען ער קומט אַ היים פון דער אַרבעט?

— ער עסט אין גאַס. ער קומט נישט קיין הונגעריקער.

— ווײַל דו גרייסט נישט צו ווי עס באַדאַרף צו זײַן, און נישט אין דער צײַט — עסט ער אין גאַס.

— פון וואַנעט ווייסטו?

— איך ווייס. פאַרש מיך נישט.

אַ פוילע קאָץ. האָט זי שוין יאָ אַמאָל עפּעס אָפּגעקאָכט — שטעלט זי ס'עסן אַוועק אויפן טיש און זי איז שוין נישטאָ. זי האָט עפּעס געבייטיקס צו דערלעדיקן. אַקוראַט ווען יאַנקל קומט אַ היים — דאַרף זי אַוועקגיין. זי האָט געוווּסט און נישט געוווּסט. ערשט דאָ אויפן אָרט — זײַ זענע ביידע ס'רוב שעהען אין שטוב — האָט ער זיך פאַר איר פאַרטרויט, יאַנקל. אַ רחמנות אויף אים. און נאָך האָט ער איר דערציילט:

ער האָט ליב צו זען ווי פערעלע דרייט זיך אין שטוב בעת ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ די אַרבעטס־קליידער, מאַכט זיך אַ וואַנע. זי זאָל אים כאָטש אַמאָל אַרײַנדערלאַנגען אַ האַנטעך, די שטעקשיך. אַנדערע פרויען, ווייסט ער, אַז אַ מאַן קומט פון אַן אַרבעט — זעצט מען זיך צו, מ'פרעגט: — ווי איז דיר אַדורך דער טאָג? ווי גייט די אַרבעט?

כשר געערעכט, יאַנקל. אַ גראַדער מענטש. אַלע גוטע לײַדן...

אַ גאַנצע נאַכט האָט זי קיין אויג נישט צוגעמאַכט, שרה. אויך פערעלע איז די נאַכט נישט געשלאָפן.

אָרעמע שרה — האָט זי צו זיך געזאָגט. אַ בהמהלע, אַ כשר בהמהלע. ווי זי לײַדט עס בײַ אים. די ערשטע יאָרן אין לאַנד זיך געראַנגלט מיטן „לאָקש". זי האָט נישט געקענט צוזען, ווי יאַנקלס ייִנגערער ברודער פּײַניקט זיך. מ'דאַרף אים העלפן, האָט זי אים געזאָגט. און יאַנקל האָט געהאָלפן. אַז פערעלע זאָגט... צוויי מאָל אין יאָר האָט זי געמאַכט אַ קניה: אַ שיין אויבערהעמד, אַ סוועטער, אַ פּאָרל אונטערוועש און מיט אַ שליח — אַ לערנייִנגל פון ווערקשטעל — אָפּטראַנספּאָרטירט קיין תל־אביב. יאַנקל האָט געוווּסט: אַוודאי געוווּסט. ס'איז דאָך זײַן ברודער.

שרה זאָל איר עטלעכע מאָל טעלעפאָניש האָבן געזאָגט:

„דער געהאַלט סטייעט נישט. דער חוב „אויפן בוך" — וואַקסט. אַן אַ רעגן וואַקסט ער. זי שעמט זיך פאַרבײַגיין ס'קלייטל, שפּרינגט עס איבער, ווי מ'שפּרינגט איבער בעת אַ רעגן אַ שטייענדיק וואַסערל... אַוודאי האָט פערעלען הנאה געטאָן, וואָס זי קאָן אים העלפן, כאָטש רעדן רעדט ער מיט איר ווייניק. ער

איז תּמיד אַ פּאַרטוענער, אַ פּאַרחלומטער, האָט נישט קיין געדולד, קיין צײַט. און צום אייגענעם ווײַב האָט ער יאָ צײַט?... צו אַלעמען איז ער אַ שטילער געניסער. — „שטיל וואַסער גראָבט טיף"... אין רוסלאַנד האָט זי געהערט... עפּעס... אין דײַטשלאַנד... ער פאַסט נישט קיין תּעניתים... און דאָס בהמהלע לײַדט, אַ גאַנץ לעבן לײַדט זי בײַ אים.

דעם אמת דאַרף מען זאָגן: אַ סימפּאַטישער מענטש. גראָד די עלטער מאַכט אים שענער, ווי יינגערהייט. תּמיד ריין אָנגעטאָן. אָן אַפּראַזירטער. די גראָע האָר בײַ די שלייפן גיבן צו חשיבות זײַן קערנדיק פּנים... אָן אָנגעלייענטער מענטש. לאָזט נישט אַרויס ס'בוך פון האַנט. שרײַבט. דרוקט לידער אין דער היגער פּרעסע. ער האָט אָפּגעדרוקט אַ פּאָעמע „אָקטאָבער" מיט אַ יאָר צוויי צוריק. זי האָט זי אויסגעשניטן, באַהאַלטן. ער ווייסט נישט דערפון. הײַנט זײַנע איידעלע פינגער? בעתן זיצן בײַם טיש און שרײַבן — תּמיד שרײַבט ער. יאַנקלס פינגער — גראָבלעכע, צעקאַרבטע, שוואַרץ אונטער די נעגל. אמת, איר ליבע צו האַרעפּאַשנע מענטשן, צו אַרבעט, צום פאָלק איז ווי געווען. פון דעסטוועגן — אַ ביסעלע עסטעטיק, אַ ביסעלע איידעלער, קולטיווירטער, ריינער וואָלט נישט געשאַדט. דאָס גלײַכן — אַ לײַטיש אויבערהעמד, אַ קאָלנער־בינדע. ראַזירן זיך יעדן טאָג, ווי זײַן יינגערער ברודער. וואָסי? ער קאָן זיך נישט פאַרגינען?

ווען זי קוקט אויף יאַנקלס הענט דערמאָנט זי זיך אין זײַן ברודערס פינגער — לענגלעכע, איידעלע פינגער. הײַנט, ס'פּלעמל אין זײַנע אויגן בעתן רעדן? ס'לשון זײַנס? אָט האָט ער אָנומלט דערציילט: דער וועד־העובדים פון זײַן משׂרד האָט אָרגאַניזירט אָן אויספלוג קיין ערד. אָן אַלטע שטאָט פון די כּנענים־צײַטן. נאַקעטע, פאַרוואַרלאָזטע שטחים. דער באָדן — טרוקן, גראָ. דאָ און דאָרט — שרידים פון שטיינער־טעראַסעס פון די רוימישע, ביזאַנטישע צײַטן. אַ פוסטקייט. עטלעכע צעוואָרפענע הײַזקעס. מ'פּלאַנט דאָרט אויסצובויען אַ שטאָט, אַ נײַעם יישוב צווישן מדבר יהודה און נגב. עולים באַזעצן. אַ סך שיכּונים וועט מען דאָרט שטעלן. אייגנטלעך — שוין אָנגעהויבן בויען די שטאָט.

דאַכט זיך, נישט קיין גרויסער חסיד פון ציוניזם. אָבער מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט, מיט וואָס פאַר אַ וואַרעמקייט ער האָט גערעדט.

*

צוועלף טעג זיצט מען שוין דאָ. נאָך צוויי טעג און מען פאָרט צוריק. פון דעסטוועגן זעען איר, פּערעלען, אויס די קנאָפּע צוויי וואָכן, ווי די ווײַזערס פון זייגער וואָלטן זיך אַ רוק געטאָן אויף צוריק מיט אַ וועלכע צוואַנציק יאָר... זי גלייבט זיך אַליין נישט. העכער פינעף און צוואַנציק, שוין באַלד דרײַסיק יאָר

וווינט זי מיט יאַנקלען. וויאַזוי, ווען האָט זי אים אַזעלכע צוויי שאַנקעדיקע זין געבוירן — צוגעווינט זיך. ווי זאָגט ס'פּוילישע ווערטל: „אַז מ'האָט נישט וואָס מ'ליבט — ליבט מען וואָס מ'האָט...״

געוווינשאַפט — די צווייטע נאַטור. און זי לעבט מיטן שקר. יעדער אָפּגע־לאָפענער טאָג — אַ לייגן קאַלטע קאָמפּרעסן אויף אַ הייסן קאָפּ. אַליין, אַליין האָט זי גענומען אויף זיך די קייטן. פריִער — ס'סאָוויעטיש „גן־עדן״, נאָכדעם — אַ צעבראָכענע. פיזיש, גייַסטיק: פון אַן אָרעמע היים, קיין פּאַך האָט זי נישט, וואָס האָט זי צו טאָן אין וואַרשע נאָך אַזאַ קאַלטן „קבלת־פּנים״? יאַנקל. אַ גוטהאַרציקער מענטש. זייַנע אָפּטע אָנפאַלן פון אָפענער ליבשאַפט צו איר, לייגט אויף איר אַרויף אַ חוב, אַ שולד, אַ שווערע שולד. יאַנקל לייַדט. אַוודאי לייַדט ער. זי איז דער גורם פון זייַנע לייַדן. דערפאַר זענען אירע יסורים געכּפּלט. — ניין. זי וויל נישט. זי טאָר פון די „קייטן״ זיך נישט באַפרייַען.

אַ געפיל פון רחמים, פון גוטסקייט האָט זיך פּלוצעם דערוועקט אין איר צו איר מאַן. שטיל און באהבה מיט אַ פאַרגיביק שמייכעלע טראַגט זי, וועט אַוודאי אַזוי דערטראָגן ביזן סוף פון אירע טעג, די שולד און די אומשולד אירע.

יענע נאַכט, דעם צווייטן פרייטיק־צו־נאַכטס, האָט זי זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו יאַנקלען, זיך אייַנגעהערט אין זייַן שלאָפן. דינע גאַוווער־פעדעם האָבן זיך געצויגן פון זייַן מויל, גענעצט דאָס קישן.

גראָדער, אומגליקלעכער יאַנקל.

פערעלעס הייסער אָטעם, דער שטילער שעפּטש, האָט יאַנקלען איבערגע־וועקט. ער האָט דערפילט איר נאַקעטקייט און ראַפּטום זיך אויסגעדרייט צו איר פּנים־אל־פּנים, צוגערוקט זיך, זי אַרומגענומען: — פערעלע?

זי האָט נישט געענטפערט, נישט דערווידערט. זי האָט אַרויפגעלייגט איר ווייכע, וואַרעמע האַנט אויף זייַן אַקסל. אירע לייַכטע גלעטן האָבן אויך זייַנע הענט געמאַכט רירעוודיקער... פּאַמעלעכקע, ווי מ'רירט זיך צו צו אַ הייסער זאַך נישט אָן מורא זיך אָפּצובריִען — האָט ער זי גענומען אויסוויקלען פון דינעם נאַכטהעמד. ער דרינגט אַרייַן אין איר, פערעלע זייַן ווייַב — איז נכנעה... ער איז נאָכדעם אייַנגעשלאָפן ווי אַ קינד, וואָס מ'וועקט איבער צום זייגן.

פאַר פערעלען האָט זיך יענע נאַכט געענדיקט פאַרטאָג. זכרונות, זכרונות. זיי האָבן דעם שלאָף פון אירע אויגן פאַריאָגט. אַלץ, וואָס זי האָט זיך דאָרט אין לאַנד פון די „ראַטן״ אָנגעזען, אָנגעהערט, קומט איר קאַפּויער. אַרעסטן. אָן אַ פאַרוואָס, אָן אַ פאַרוועו. אויספאָרשונגען. אינקוויזיציע־מעטאָדן. אין נאָמען פון „וויל פון דער מענטשהייט״, דערהויבענע אידעען — געפּייַניקט, אָנגעטאָן לעבעדיקע צרות, יסורים, פיזישע און גייַסטיק, דערנידעריקט ביז די שפּיצן פון

געפּאַלנקייט, פון מאָראַלישן ציניזם. נאַיווע פּערעלע — האָט זי צו זיך געזאָגט — געטראָגן זיך מיט די העקטאָגראַפישע בלעטעלעך ווי טויבן אין בוזעם, געצערטלט: געהאָלפן מיט איר טעטיקייט צו די גרויסע דערגרייכונגען פון קאָמוניזם „אויף אַ זעקסט חלק פון דער וועלט", ליכט פון פינצטערניש וועט דער „דניעפּראָסטראָי ארויסשלאָגן", „עלעקטריציטעט און רעוואָלוציע" — לענינס ווערטער. אַ קוריע־רין. אין דער היים, די געהיימע קרײַזלעך אין הינטערשטאָטישן וואַלד. נישט איין מאָל פון דאָרט אַהיימגעקומען מיט בלויע שיניאַקעס אויפן פּנים, מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ. שפּיצלעס האָבן צעיאָגט, צעטריבן, געשלאָגן. „געפאַלן אויפן וועג, זיך צעקלאַפּט" — תּירוצים פאַר דער מאַמען, פאַרן טאַטן.

קנאַפּע דרײַ יאָר אַלץ צוגעזען פון אינעווייניק. לאַנג, לאַנג צײַט געהאַט נאָכטראַכטן ביז זי איז צו דער מסקנה געקומען — אַרויס, אַרויס פון „גן־עדן", כּל־זמן זי האָט נאָך אַ מעגלעכקייט. איז נאָך אַ מענטש. „מענטש, ווי שטאָלץ קלינגט דאָס וואָרט" — זאָגט ערגעץ מאַקסים גאָרקי. און וואָס האָט מען דאָרט געמאַכט פון מענטש? נאָכדעם — אין „באַפרײַטן, דעמאָקראַטישן פּוילן". יאַנקל איז איינער פון די בעסטע אַרבעטער אין קאָאָפּעראַטיוו פון די עלעקטריקער.

ס'אַלטע פּוילן מיט אַ נײַעם סאָרט אַנטעסימיטיזם. די היטלעריסטישע פּעסט האָט דאָרט געפּאַנעוועט אונטער אַ נײַעם מאַנטל: ציוניזם. זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז נישט אַלע ייִדן זענען ציוניסטן. אָבער אַלע ציוניסטן זענען ייִדן.

נײַנצן זעקס און פופציק האָט זיך געעפנט אַ קליינע שפּאַרונע אינעם „אייזערנעם טויער" און מען האָט זיך געזעגנט מיט פּוילן, אויף אייביק זיך געזעגנט.

דאָ אין חיפה — ווידער אַ נײַער אָנהייב. און ווי זײַן טבע — מיט אַרבעט, דורך אַרבעט זיך דערשלאָגן צו אַ מעמד. ער איז ווידער אַ גוטער ברודער צום איינציקן פון די זעקס מיט וועמען אין איין חדר געוווינט אויך פאַר דער מלחמה.

*

די לעצטע צוויי טעג אין טאַנטורא. מיד פון גאַרנישט טאָן, שעהען לאַנג בײַם ים. טאָמער ווייניק — האָט זיך געשטעלט אַ הייסער טאָג, אַ חמסיניקער. אַ שווערע, געדיכטע לופט פון אינדערפרי ביז נאָך מיטאָג. אַפילו צום ים אַ שפּאַציר מאַכן האָט זיך נישט געגלוסט. אויף די ליגשטולן אין פאַרמאַכטע חדרים, אַ פריש־געוואַשענע, קילע ליים־פּאָדלאָגע, אַ קאַלטער טרונק אויפן טיש — האָט מען „געדאַטשעוועט" ביז נאָך מיטאָג: אַ לײַכטער, מילכיקער מיטאָג. פאַרנאַכט האָט אַ קיל ווינטל אַנגעיאָגט מיט דער פּלוצעמדיקייט, ווי ס'אַנטראָגן

זיך פון חמסין. מען האָט פריַער אָפּגעאָטעמט. שׂרה האָט געגרייט אַ נאַכטעסן. אַלע זענען געזעסן אַרום טיש.

פּערעלע האָט ליב געהאַט סיורפּריזן, אויף איר אַלטן שטייגער — נעלם ווערן, פּלוצעם זיך אַ וויַיז טאָן. תּמיד — אַ נײַעס, אירע איינפאַלן: אַזוי מיטן קומען אין לאַנד אַריַין און זיך באַזעצן דווקא אין חיפה — וויַיטלעך פון שוואָגער און שוועגערין. אַזוי דער איינפאַל — טאַנטורא. דאָס מאָל, די לעצטע צוויי טעג, — אַ שפּאָגל נײַע נײַעס: זי האָט מיט זיך, זאָגט זי, אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל, ניין, עפּעס מער פון אַן אַרטיקל, אַ גאָר וואַזשנע זאַך, אַ פּאָעמע אָדער פראַגמענט פון אַ פּאָעמע פאַרעפנטלעכט דאָהי מיט אַ סך יאָרן צוריק, אַקטועל, ווי אַקערשט נעכטן אָנגעשריבן. צוליב דער אַקטועלקייט אויך דעמאָלט, און וויַיל דער מחבר פון דער פּאָעמע איז גאָר אַ באַקאַנטער, אַ משפּחה־מענטש — האָט זי אים אויסגעשניטן און האָט אים מיט זיך.

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט, אייגנטלעך געקוקט אויף אים, דעם „משפּחה־מענטש", דעם שריַיבער.

ער האָט זיך דערמאָנט: למען האמת, ער האָט אַזאַ פּאָעמע פאַרעפנטלעכט אין אַ היגן זשורנאַל, איז נישט זיכער צי ער האָט זי פאַרהיטן. שוין נישט איין מאָל געטראָפן ביַי אים אַזאַ זאַך.

פּערעלע האָט געעפנט איר האַנטאַש, אַרויסגענומען פון דאָרט פיר געדרוקטע זיַיטעלעך, געבעטן איר לאָזן לייענען ביזן סוף אָן באַמערקונגען, שאלות און „צווישנרופן".

עלעגיע צום אָקטאָבער

מאָטאָ:
האלוהים אמר לי: לא תבנה בית לשמי כי איש מלחמות אתה ודמים שפכת...

(דברי הימים א' פרק כ"ח פסוק ג)

ווי קאָן איך ווידער טרויען איַיך, ווי קאָן איך ווידער גלייבן,
אַז לייגן לייגט איר זיך ווי לעמער, און איר הייבט זיך אויף ווי לייבן.
הוי, יורשים פון דעם גרעסטן, פון דעם עלטסטן חלום מיַינעם — פריַיהיַיט:
איר אַליין מיט הענט מיט אייגענע, מיט ריטעם פון מיליאָנען הערצער
אויסגעפורעמט, אויפגעטורעמט האָט דעם יש — — — —
וואַגאָנעס טאָנעס שטיין צום מעטראָבוי צעשטערט, צעשטויבט:
איר האָט מיט לעבינס זאָג: „זאָלן שטיינער וויסן, וואָס מ'מיינט רעוואָלט—"

וועלדער אויסגעקאָסעט מיט דאָס סטאַלין־סמאָליענדיקע וואָרט.
פון מענטשן־וואַלד קייןביימער אויכעט נישט געזשאַלעוועט, געשפּאָרט.
איר האָט מיט הענט אייגענע אַ וואָרע אים געמאַכט, פּאַרגרייט דאָס אָרט —
— — — ווײַל אַזוי געקריצט אָקטאָבער האָט זײַן ווילן?
— — — ווײַל אַזוי געמאָלן האָבן דעם אָקטאָבערס מילן?

✶

אַ וואַלד מיט האָפן איר צעצונדן האָט מיט שׂרפֿהנדיקן שטורעם,
צעוויגט דעם גלאָק פון בוי און איבערבוי פון „יאָגן און דעריאָגן".
אַ גאַנצן דור אים
ציט און ציט — פון האַניגשווייס פון אייגענעם, ווי בינען
אויסגעדניעפּראָסטראָיעוועט „אַ פרײַע" שטאָלענע מדינה.
פעלקערפאָלק אַרויסגעשלעפּט פון צאַרסקער קויט און גנאַי,
געקאָרמעט עס מיט פודן גלויבן און מיט ברויט אויף צוזאָג: —
אין מאָרגנוואָגן אײַנגעשפּאַנט זיי און געזאָגט אַזוי:
סע גוט, סע גוט. באַדאַי אונטער רעדער פאַלן און פאַלנדיק דערהייבן
דעם אָקטאָבער. ווײַל אַזוי געקריצט אָקטאָבער האָט זײַן ווילן?
— ווײַל אַזוי געמאָלן האָבן דעם אָקטאָבערס מילן?

✶

קומסט נישט פון הייכן, נישט אויף פליגל — — גואל:
דיך געזייט דאָ
האָבן פעלקער: זיבעציק בערג אין חבלי לידה — —
פון קאַזאַכסטאַנער פליינען ביז ווײַטסטער קאָמי מיט נעכט ווי פערל העלע,
פון קאַווקאַזער בערגקייטן ביז פלאַכער, ווײַסער פינישער קאַרעליע:
פון פאַרשטויסענער קאַמטשאַטקע ביז רוישיק־פלווישיקער אָדעס — — —
אַ טראָג געטאָן דו האָסט זיך ווי אַ וויגע מיט צוזאָג און מיט נס.
גואל — — דיך געבראַכט דאָס קינד האָט: זײַנע ליפּעלעך די הייסע
בײַ דער מאַמעס טויטער ברוסט אויף הונגערוועגן נע־ונדע: —
דער פּחד, דאָס פּײַנגעשריי קעגן נאַצישער מאָרדיאַדע,
דער גײַסט דער פלאַמיקער פון שלאַכטן לענינגראַדער...
— — — ווײַל אַזוי געקריצט אָקטאָבער האָט זײַן ווילן?
— — — ווײַל אַזוי געמאָלן האָבן דעם אָקטאָבערס מילן?

✶

איך קום נישט סכהכלען, נישט טאַנצן אויף קברים — —

נישט גיסן

קיין טרערן, קיין בוימל: — מאַנוגנגען־פאַקלען אין שטורעם — ס׳געוויסן
מיר ברענגען. געוויסן, וואָס שלאָגט, ווי אַ זון זיך דורך כמאַרעס פון טעג,
דורך פינצטערע היילן פון יאָרן — —

אַ וועג צו די שאַרבנס, וואָס שטאַרבן נישט קיינמאָל און אייביק
איז זייער זיכרון...

געוויסן, וואָס צינדט מיר דאָס בלוט אין די פינגער אויף פאַפירענע וועגן —
צעטומלט, באַשווינדלט פון קאַכיקע טעג — נישט מיד ווערט פון פרעגן:
...ווער נאָך האָט ווי איר אַזויפיל קרעדיט ביי מיר זיך דערוואָרבן:
קרעדיט און סבלנות פון נעכט געפלעטע אויפן מזבח פון מאָרגן?
...ווער נאָך האָט, ווי איר מיין חלום דעם גרעסטן, דעם עלטסטן אַ כיוון,
אַ תכלית געגעבן: האָט איר פון גאָלדענער בענקשאַפט אין לייבעגעם העמד
דעם פאַרבליבנס,
די קעפ זיך אין פאַנען פאַרוועבט, אין זונען געוויקלט, אין לעגענדעס,
ווי שטערן. גרעסער פון מיטאָסן אַלע דיין נאָמען, אָן גרענעץ, אָן ענד איז
דיין גרויסקייט. איר האָט אויף לשונות אויף אַלע געקריצט מיט
פען און מיט ציין
קעגן גאָט. מיט כפירה און סתירה צו אייגענעם ווערק פון זיך
איר האָט אַליין
אַ גאָט אויסגעשמאָלצן. רמז פון ספק, שאָטן פון מינדסטן חשד — — —
אויסגעריסן ווערן זאָל דער קאָפּ, די האַנט, דאָס בלאַט:
— — — ווייל אַזוי געקריצט אָקטאָבער האָט זיין ווילן?
— — — ווייל אַזוי געמאָלן האָבן דעם אָקטאָבערס מילן?

כל הכבוד, האָט יאַנקל דער ערשטער אויסגערופן. זיין פּערעלע, האַ? ער
האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז זיין ווייבל האָט נאָך מוט צו אַזעלכע זאַכן.
היינט, דאָס האַלטן בסוד אַזויפיל יאָרן און ברענגען עס אַהער, דאָ פאַר אַלע
פירלייענען. אָ, ווי זאָגן זיי די רוסן דיינע, מאַלאַדיעץ.

„מיינע רוסן" כ׳קאָן זיי דיר פאַרקויפן.

— איך גיב פאַר זיי גאָרנישט.

— ס׳געשעפט איז געמאַכט.

אַ געלעכטער אין דער זייט. דאָס דאָזיקע, די פיר זייטלעך — אָט, וואָס איז
איר געבליבן, אַ קמיעה פון איר שוואָגער — האָט פּערעלע אַ דערוואָרעמטע פון

איר לייענען, פון די רייד, געזאָגט, צונויפגענומען די פיר זײַטלעך און צוריק אַרײַנגעלייגט אין טאַש.

— קענסטו מיר זיי געבן אויף קאָפּירן? — האָט אהרן געפרעגט.

— מ׳פאָרט נאָך נישט אַ היים, מ׳געזעגנט זיך נאָך נישט.

שׂרה. וואָס האָט זי געהאַט צו זאָגן?

זי קאָן פאַרעלען נישט פון נעכטן. זי האָט אַ „כראַפּקע״ צו אים? זאָל זי. זי וועט אים נישט אויסכאַפּן. נישט לאַהקע, נישט צילאַ האָבן אים אויסגעכאַפּט. ס׳רעדט פון איר די קנאה. מילא. נאָך אַ טאָג־צוויי. זי פאָרט צוריק קיין חיפה און... מ׳וועט זיך ווידער ליב האָבן פונדערווײַטנס. עס פאַרדריסט איר נאָר, פאַר וואָס זי נעמט זיך אָן איר קריוודע. כּיי וואָלט זי זיך ווייניקער געמישט אין איר לעבן. זי קאָן זיך אַליין איר „שטעטל״ באַשטיין. נישט קיין גליקלעך משפּחה־לעבן איז נאָך אַלץ בעסער, ווי אַליין — האָט שׂרה נישט איין מאָל געטראַכט — וואָס איז זי אַליין אָן אים? משפּחה־לעבן איז אַ רעם. אפשר נישט קיין גלײַכע, אָן אויסגעקרומטע רעם. אָבער קוים צעברעכט זי זיך — פאַלט אַרויס דאָס בילד... חוץ דעם איז ער נישט קיין גרויסער העלד. אַ שוואַכער כאַראַקטער. ווי האָט געזאָגט דער פרעמיער־מיניסטער לוי אשכּול ז״ל פאַר דער זעקסטאָגיקער מלחמה? — „ישׂראל — שמשון דער נעבעכדיקער״.

*

ער און שׂרה אין דאָרפּישן בעט. ביידע שלאָפן נישט. נישט די ערשטע נאַכט, וואָס מ׳שלאָפט נישט. אַ פרעמד בעט. און נאָך עפּעס: עטלעכע צוואַנציק יאָר אין ישׂראל. ווייניק זיך געזען און כמעט, ווי אומדערוואַרט — אונטער איין דאַך. די טעג — מילא. די נעכט — איבער אַ וואַנט: ער מיט שׂרהלען און יאַנקל מיט פערעלען — האָבן אים איטלעכס מאָל אין עפּעס דערמאָנט. די מעשׂה מיט דער קורטקע. געפונען אָן אַלטן קאָזשוך, איבערגעניצעוועט אים אויף צוויי קורטקעס. קליינע ייִנגלעך זענען זיי געווען, ער און יאַנקל — איין גרייס. ער וועט טראָגן אַ וואָך די קורטקע און יאַנקל אַ וואָך ביז איבערן ווינטער. האָט אים „אָפּגעגליקט״: יאַנקל האָט געטאָן, ווי ס׳מאַמעלע האָט געזאָגט, אַ „שאָס אויף״. אויסגעוואַקסן און ער איז געבליבן בײַ דער קורטקע. האָט אויך יאַנקלען „אָפּגעגליקט״, וואָס ער איז געבליבן בײַ פערעלען? וועגן דעם האָבן ביידע ברידער נישט גערעדט.

שׂרה, רגעוויַיז וועָרט זי אַנטשלאָפן. כאַפּט אַ שיטערן דרימל. נישט זי שלאָפט, נישט זי איז וואַך. חלומות. — — — זי פאַלט פון ערגעץ אַראָפּ. טיף, טיף פאַלט זי און אין מיטן פאַלן בלײַבט זי הענגען. זי האָט אַמאָל געזען אַ

שפּין, אַ גרויסע שפּין אין ווינקל שטוב אונטערן פּאָלעפּ — הענגט אין דער לופטן. אַ שפּין איז זי, אַ שפּין. איר מאַן האָט איר נישט געלאָזט אָראָפּפּאַלן... ער האָט איר דערלאַנגט אַ האַנט. זי גיט זיך אַ טרייסל, אַ ציטער און — כאַפּט זיך אויף.

— וואָס איז מיט דיר?

— גאָרנישט.

— דו האָסט זיך געוואָרפן, געדרייט אויף אַלע זײַטן.

— אַ נאַרישקייט. אַ נאַרישער חלום.

ער האָט איר אויפגעקלערט:

— ס'פּאַלן אין אַ חלום, זאָל זיך נעמען פון יענע צײַטן ווען דער מענטש־מאַלפּע האָט געלעבט אויף די ביימער, אין דזשונגל. זינט דעמאָלט נעסטעט דער פּחד אין דער מענטשלעכער עמפּינדונג. ווער ווייסט — האָט ער צוגעגעבן — ווי לאַנג וועט אָנהאַלטן דער פּחד, דער אויפּציטער אין די הערצער, אין די בלוטן פון די, וואָס זענען פון לעצטן דזשונגל לעבעדיק אַרויס?

אויף אַלץ האָט ער אַ תשובה, איר מאַן. נישט קיין יפת־תואר אָבער אַ קלוגער, אַן אינטעליגענטער. ער איז נושא חן בײַ מענטשן.

25

לעצטער טאָג אין טאַנטורא. פּאַרפּרי. ער גייט צום ים. ס'ערשטע מאָל אין אַזאַ שעה גייט ער צום ים. די נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. זכרונות. זיי רויבן צו דעם שלאָף. לאהקע. ווי גוט איז אים געווען אין די געגנבהטע שעהען. „מים גנובים ימתקו". געגנבעט וואַסער איז זיס. כאָטש תּמיד אין שפּאַנונג. שפּאַנונג — די מאַמע פון שרעק. גוטע שרעק איז דאָס געווען. ווייניקע שעהען. קורצע שעהען. אַ, ווי לאַנג זיי האָבן זיך געצויגן... וואַרשע, אַ יונג בחורל האָט ער שוין דערפילט דעם טעם פון דער שרעק מיט דערנענטערן זיך צו לאהקען. ווילסט שיין אויסזען, תּמיד זײַן קלוג, אינטערעסאַנט, געפעלן. עס איז אים שווער אָנגעקומען. אַ סך מאָל — קאַפּויער... ווי אַ גולם איז ער געשטאַנען לעם איר. זי האָט אַ זײַטיק קוקעלע געוואָרפן אויף אים. זי האָט פאַרשטאַנען... שוין דעמאָלט איז זי אַ מבין געווען אויף אָנשטעל, אויף פּאָזע. גראָד זײַן אומבאַ־האָלפענע שטומקייט איז איר געפעלן. געזאָגט האָט זי אים דאָס ערשט שפּעטער, אַ סך שפּעטער. די לעצטע אָוונטן פון זייערע טרעפונגען, די סאַמע לעצטע נאַכט... אויך יענע לעצטע נאַכט. — צוריק בײַ זיך אין שטוב, אין דער ליימקיביטקע, אויפן געלעגער מיט זײַן ווײַב, האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַפרײַען פון דער מורא, דעם פּחד: איז ער נישט געווען נאַריש? באַנאַל? לאהקע. קומט ער איר נישט אויס, ווי איינער וואָס האָט געפונען אַן אוצר, האָט ער מורא ר'זאָל אים נישט פאַרלירן אָדער עמעצער זאָל אים אויסכאַפּן? — הערט אים נישט אויף מאַטערן דער אַלטער געדאַנק: יענע נאַכט? יענע ערשטע לעצטע נאַכט. אירע ווערטער:

„האָסט שטיל געעפנט ס'טירל פון מײַן האַרץ, זיך אַרײַנגעגנבהט". — — —

„איין מאָל גיט אַ מענטש אָפּ זײַן נשמה. האָסט זי בײַ מיר אָפּגענומען מיט דײַנע האַרציקע ווערטער, מיט דײַנע קושן".

אין די מאָרגנשעהען איז דאָס וואַסער קאַלט. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ליגשטול. אַז די זון וועט זיך אַביסעלע אויפהייבן, נעמען וואַרעמען, וועט ער זיך אויסטאָן און זיך אַ טוק טאָן אין וואַסער. ער גיט אַ קוק, אויף אַ הויך זאַמד־בערגל, נאָענט פון ברעג — פּערעלע.

— אויך דו? אַזוי פרי?

— די קאַמאַרן לאָזן נישט שלאָפן.

— נישט געזען ווען ביסט אַרויס פון שטוב.

— איך האָב דיך יאָ געזען.

ער האָט זיך צוגעזעצט נאָענט פון איר. ביידע מיטן פּנים צום זונאויפגאַנג. אַ מאַן אַן עלטערער מיט אַ טעמבעל־היטל אויפן קאָפּ, אין אַ פּאָר באָד־הייזעלעך איבער די קני, האַלבנאַקעט, שטייט און מאַכט גימנאַסטישע איבונגען. הענט אין דער ברייט, אין דער הייך. עטלעכע מאָל אַרויף, אַראָפּ און ווידער אין דער ברייט, אָט פאַרלייגט ער די הענט אויפן נאַקן, בייגט זיך רעכטס, לינקס, פּאַרנט אויף אַראָפּ און נאָזנעדיק. אַ ברוין אָפּגעברענט פּנים. טיפע קנייטשן, שניטן אויפן האַלדז. לויזע מוסקלען, דאַרע פיס. אַן אַלטער מאַן באַרעט זיך מיט דער זיקנה. אַן אַלטער מאַן — זאָגט ער צו זיך. און ער? ווי האַלט ער אין דער וועלט? אָט־אָט גייט ער אויף פּענסיע. זאָל ער נאָר אַראָפּוואַרפן פון זיך די בגדים, אַ שפּיגל טאָן זיך אין ים. נישט קיין יונגערמאַנטשיק וועט צו אים פון דאָרטן אַרויסקוקן... דער גרעסטער חכם איז אפשר דער מענטש, וואָס האָט אַנדעקט דעם לבוש. באַדײַ טראָגן אויף זיך אַ מלבוש פון קעמלהאָר אָבי פאַרדעקן דעם נאַקעט: דעם נאַקעט פון אַן עלטערן מענטש. דער געדאַנק, אַז בײַם צווייטן געבורט איז די הייבאַם, די אָפּנעמערין — דער מלאך המות: — די דאָזיקע מחשבה, ווי אַ קראַנקע שוואַלב אין אַ נעסט — פּישטשעט, פּישטשעט...

— וואָס זיצסטו אַ פאַרטראַכטער? — הערט ער פּערעלעס קול.

— גוט צו טראַכטן דאָ צום זונאויפגאַנג איבערן מרחב פון ים.

— און מיר איז גוט אַרײַנאָטעמען די פרישע מאַרגנלופט, דעם ריח און שטילן גערויש פון ים.

ער האָט זיך ווידער פאַרטראַכט:

אַזוי־אָ, וואָלט ער געשווירן, האָט ער זי געזען פּערעלען ס׳ערשטע מאָל, בײַם טײַכל אויף דער לאָנקע בײַם באָד־געסל. אַ קיימא לן פון וויפל יאָרן? בעסער נישט מאַכן קיין חשבון... דעמאָלט, אין דער אַלטער היים, זיידע. באָד. לײַבצודעקל. אַ יאָר־צוויי שפּעטער — די זשוואַווע פּערעלע. די העקטאָגראַפישע בלעטלעך. — איר „מיסיע”... ער האָט זיך נענטער צוגעזעצט צו פּערעלען. די זון האָט שוין גוט געוואַרעמט.

— האָ, ס׳שטעלט זיך אַ שיינער טאָג?

— און מיך נעמט אַדורך אַ קעלט.

— אַ קעלט?

— אַ שוידער.

אויך פּערעלע האָט זיך אין יענע רגעס דערמאָנט: ער איז איר געפעלן, דער יאָט מיטן שאַרפן קעפּל, תּמיד מיט אַ ביכל אונטערן אָרעם. נישט קיין צײַט

געהאַט... אויף נאָכער, נאָכער איבערגעלאָזט די זאַכן. — פריִער דאַרף מען באַזאָרגן די אָרעמע, די אונטערגעדריקטע: ברויט, פרייהייט, ליבע פאַר אַלעמען: פאַר אַלע גלייך. פערזענלעכע פאַרגעניגנס — נאָך דער סאָציאַלער באַפרייאונג. — ווי שוין נישט איין מאָל זיך דערמאָנט.

— אַ דרימל געכאַפּט, פּערעלע?

— ניין, אַ חלום.

— אַ חלום אויף דער וואָר, האַ?

— אפשר איז די וואָר אַ חלום?

ער האָט זיך פאַרקוקט: ווייט פון ברעג האָט אַ שפּאַציר־שיפל געשניטן ס׳בלויע געוואַסער. אַוודאי טוריסטן — האָט ער צו זיך געזאָגט. זיין געדאַנקען־בליק האָט אין די אַ רגעס אַ שווים געטאָן אויף צוריק, צוריק צו יענע יאָרן: וואַרשע. סטאַטיק. ווייסל. לאַהקע, ער און נאָך בחורים און מיידלעך אויף אַ זונטיק־שפּאַציר. גרינער ברעג פון ביידע זייטן ווייסל. יונגע חלומות. פריילעכע רייד. געלעכטערס. לידער. שטילער געפּליסטער פון קילע וואַסערן. פאַרליבטע הענט, פינגער אין פינגער פלעכטן זיך, פלאָנטערן זיך ווי צווייג אין צוויי פון די ביימער אויף ביידע זייטן טייך.

פּוילישע, אַלטע ביימער. יידישע אַלטע היים. די ביימער זענען זיכער נישט געריירט. די שטאַמען, די צווייגן אַוודאי גרעבער, צעוואַקסענער. אין די האַרבסטן וואַרפן זיי פון זיך אַראָפּ די בלעטער, אין די פרילינגען — אַ נייע בליונג. וואָס איז פון די היימען געוואָרן? קברים? ניין. אַש און פאַרעך...

— — — הינטערן הויכן זאַמד־בערגל, ווו ביידע זענען געזעסן, ווייטלעכער אַביסל, האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ חבר׳ה יונגוואַרג. בחורים אין קאָלירקע מיני־הייזעלעך, מיידלעך — אין ביקיני. יונגע פּנימער, הויכע שטאָלטנע יינגלעך און מיידלעך. אַ פעלד מיט בלומען האָט עס פונדערווייטנס אויסגעזען. דאָס ים־ווינטל, ווי עס וואָלט באַוועגט די שטאָלצע, שיינע קעפּלעך, די מיידלישע פיגורלעך — שלאַנקע שטענגלעך, בויגעוודיקע, עלאַסטישע.

— האַ, סאַראַ יוגנט!

— מיר האָבן קיינמאָל קיין יוגנט נישט געהאַט — זאָגט פּערעלע — ס׳קומט איר אויס, אַז דאָס זאַמד־בערגל ווו זיי זיצן איז... אַ גיליאָטינע.

— אַ וואָס?

— וואָס דו הערסט. אַ גיליאָטינע. אַט־אַט און די קעפּ, די קעפּ פון די עלטערע מענטשן פאַלן אין קויש אַריין...

— דאָס איז דער דרך פון לעבן. דור הולך ודור בא.

— מיך באַפאַלט אַ פחד נאָך אַמאָל יונג זײַן: נאָך אַמאָל באַגײן די זעלבע טעותים...

— אויף טעותים לערנט מען זיך — זאָגט דאָס רוסישע ווערטל.

*

מ׳דאַרף זיך פּאַקן אין וועג אַרײַן — זאָגט שׂרה צו זיך. מ׳דאַרף אין אָרדע־נונג ברענגען די חדרים צום אַהײמפאָרן. יעדער אײנער וועט צולײגן אַ האַנט. דערווײַל איז זי אַלײן. נאָך מיטאָג. קעגן פענצטער זיצט מען. פערעלע כאַפּט אַ בליק אין וואַנט־שפּיגל פון אַנטקעגן. אַ מיד פּנים, אַן אויסגעשוואַשנס קוקט פון דאָרט אַרויס. קוקט און רעדט צו׳ן איר:

— גיכער ווי דו, ווײַבעלע, יאָגסט זיך, ווילסט צוריקכאַפּן די פאַרגאַנגענע יאָרן — יאָגן די יאָרן נאָך דיר...

אַ פליג האָט מיט געזשום זיך אַריס געטאָן צום פאַרמאַכטן פענצטער. (חמסין אין דרויסן.) אָנגעקלאַפּט זיך אין דער שויב. אַראָפּגעפאַלן. ווידער זיך אַ הויב אויף געטאָן און נאָך אַמאָל אָנגעשטויסן אין דער שויב. אהרן איז געזעסן אַ פאַרקוקטער אין דער פליג. זי רײַסט זיך צום ליכט פון דער זון — זאָגט ער צו זיך. איז ער מער, ווי אַ פליג... רײַסט זיך צו דער זון, צום ליכט פון טאָג, צו זײַן טאָג, וואָס דאַרף, וואָס מוז קומען...

אַ גרויסע בין מיט צעשפּרייטע, בלויע פליגעלעך איז מיט פריילעכן געזשום אַרײַן דורך דער טיר, וואָס מ׳האָט געעפנט מחמת דער חמסין האָט נאָכגעלאָזט. אַזוי איז עס דאָ: פּלוצעם קומט ער און פּלוצעם גייט ער אַוועק דער חמסין. אויפן שפּיץ טיש האָט זיך געשטעלט די בין. פערעלע האָט נאָכגעקוקט דעם פלינקן פלי אַרײַן:

— אַ פריילעך פאָלק די בינען, זייער טיכטיקע, האָבן נישט קיין צײַט טרויעריק צו זײַן — האָט זי, מעשׂה חכמה, אַ זאָג געטאָן.

— אפשר איז דער געזשום גאָר אַ בייזערן זיך? — האָט אהרן זיך אָנגערופן: אַזוי איז שוין דער שטייגער בײַ בינען, פאַרן לייגן דעם האָניג אָדער לייגן די אייערלעך. גיב נאָר אַ קוק אויפן געלן פינטעלע, וואָס זי האָט געלאָזט אויפן שפּיצטיש.

— אָ, דו, אַלצוויסער — האָט פערעלע זיך אָנגערופן.

— אויך אַ שרײַבער, למשל, זשומעט פון אויפרעגונג — גוטע אויפרעגונג — איידער ער לייגט ס׳איי — זײַן שאַפונג.

— אַ שרײַבער. אַ וויכטיקער מענטש. זע נאָר, זע, ס׳גלענצל אין די אויגן. נישט אַלץ, וואָס גלאַנצט איז גאָלד.

— אויך נישט אַלץ, וואָס גלאַנצט נישט — האָט געזאָגט אַ חכם — איז גאָלד.

אַלע אַרום טיש. מען האַלט זיך אונטער מיטן לײַכטן כּיבוד און די פּירות, וואָס די באַלעבאָסטע ברענגט איטלעכסמאָל אַרײַן.

אויסגערוטע פּנימער. אין די אויגן — אומרו:

יאָרן — שׂריפות פון פאַרברענטע פרילינגען, זומערן. קינדהייט. יוגנט. רײַפע יאָרן — אַ זשאַר פון נישט אויסגעברענטע פײַערלעך אין די אויגן.

שטיל. געבויגענע רוקנס, אַקסלען, אַ שטייגער אַ מאַסע, אַ שווערע מאַסע דריקט אויף זיי: איבערלעבונגען. איבערשטאַרבונגען. מלחמה. גע־ונד? פאַר־נאַכטיקע שטילקייט פאַר זונזעצן. דער הימל לײַטערט זיך. ס׳ים־ווינטל יאָגט אָן אַ קילקייט. קוקסט אַרויס דורכן פּעצטער קעגן אַנקום פון פאַרנאַכט. אין דער שעה ברייטערט זיך אויס אהרנס געדאַנקען־האָריזאָנט. עס ווילט זיך אים אין די רגעס גלייבן, אַז ער איז מסוגל מגלה זײַן דעם סוד פון זאַכן, דעם סוד און יסוד אויף וועלכן די זאַכן זענען געבויט, מגלה זײַן דעם מהות פון אייגענעם קיום.

אַקעגן פענצטער — אַ רויטער האָריזאָנט. רויטע, פּיאָלעט־בלוילעכע, שי־טערע וואָלקנדלעך. זיי טוישן איטלעכסמאָל זייערע צורות — צעשווימען זיך, צעפליסן און קומען זיך צונויף: אָט אַ צורה פון אַ קעמל, נאָך אַ קעמל, אַ קעמל־קאַראַוואַן. הוידענדיקע קעפּ, נאַקנס צווישן קעמל־הויקערס. ער הייבט זיך אויף. אַ, שווער דאָס אויפהייבן — זאָגט ער צו זיך. גייט צו נענטער צום פענצטער, קוקט זיך אײַן אין די קעמלען — איינציקע, צו צוויי און מערער — אין זייער וואַנדער. ווער זענען עס די רײַטער? צי דאַכט זיך אים, אַז מ׳רײַט? אים קומט אויס אין די רגעס, אַז אויך הינטער אים, ווײַט פון דאַנעט, ווײַט אַריבער דער גרענעץ פון דער קליינער ערד — שלעפּט זיך אַ קאַראַוואַן: קאַראַוואַן פון אָפּגע־לאָפענע יאָרן. — פאָרויס, ציט אַ קעמל בײַ אַ שטריק. אַ, ניין, דער קעמל ציט אים בײַ אַ שטריק... וווהין? וווהין ציט זײַן קאַראַוואַן? — שטייט ער אַ פאַרדמיונטער בײַם אָפענעם פענצטער.

— — — אַלע ווײַטקייטן ווערן אים נאָענט. די וואָלקנדלעך, די „קעמלען", דער „רײַטער" גיסן זיך צונויף אין איין גרויסער העלקייט. שניי. אַ שניי־מדבר. און ער גייט. איינער אַליין גייט ער אין דער אומענדלעכער ווײַסקייט. אָט־אָטיק — אַ פענסיאָנער. נאָך פינעף און נאָך צוויי פינפערלעך — אַן אויגנבליק — און אַן אַכציקער.

צוויי וואָכן זומערווינונג איז צו ווייניק אויף אַרויסשלאָגן אַ לאַנגאָטעמ־דיקע הנאה: צו לאַנג אויף זכרונות, בענקענישן, קרענקענישן אַלטע און נײַע. פון דעסטוועגן, בײַ טרעפונג פוןביידע ברידער, פון צוויי באַזונדערע שטעט: דאָס צוזאַמענדיקע און דאָס באַזונדערע בלעטערן דאָס בוך פון אָפּגעלאָפענע יאָרן — איז ווערט די הוצאות...

די לעצטע טעג, די לעצטע וואָך פאַרן אַרויסגיין אויף פּענסיע — האָט ער זיך געמאַכט אַ מנהג — דעם וועג פון שטוב אין ביוראָ, אַ וועלכע פיר־פינעף קילאָמעטער, מאַכן צופוס. אַריבער דרײַסיק יאָר — פאָרט ער מיטן אויטאָבוס אין איין זײַט אַרײַן, ס׳רוב — צו דער אַרבעט, אויף צוריק — צופוס. ער ווייסט; מער וועט ער שוין דעם וועג נישט מאַכן נישט מיטן אויטאָבוס, נישט צופוס. עס איז בײַ אים אַ מין געזעגענען זיך מיט אָט דער געגנט.

דער וועג איז אַ באַרגיקער. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז עס געווען אַ בערגעלע, אַצינד — אַ באַרג... דער זעלבער וועג — אַ באַרג. עס דערמאָנט אים אין אַ קאָמיש, קורץ מעשׂהלע פון צוויי חברטעס, צוויי שיינע פּאַריזער מיידלעך. איינע איז געפאָרן קיין אַמעריקע אָפּגעווען דאָרט אַ וועלכע צוואַנציק יאָר, און — צוריקגעקומען.ביידע חברטעס האָבן זיך דערפרייט, אַרויס שפּאַצירן, ווי אַמאָל אויף די פּאַריזער גאַסן. יונגעלייט, שלאַנקע, שיינע מענער גייען פאַרביי און — גאָרנישט, מען קוקט זיך נישט אום אויף זיי. פריער, פאַרן פאַרלאָזן פּאַריז — האָט מען געהאַלטן אין איין דרייען מיט די קעפּ, נאָכגעקוקט, אַמאָל אַ קריץ געטאָן מיט אויג. זאָגט איינע צו דער צווייטער:

— זעסט, פּאַריז האָט זיך געענדערט...

— יאָ, ס׳בערגעלע האָט זיך געענדערט...

ער גייט פאַרבײַ דעם פּאַרק און אים קומט אויס, אַז דאָס לעצטע מאָל גייט ער דאָ. ער קוקט זיך אַרום. אויף בענק אין אַ האַלבן קרײַז זיצן אַלטע לײַט. אַוודאי פּענסיאָנערן. מיט שטאַרקע, בייניקע הענט וואַרפן זיי קרישקעלעך פאַר טויבן, פייגעלעך. זיי לאָזן זיך אַראָפּ צו די פיס פון די זיצנדיקע, פּיקן, האָפּסלען אונטער, און פּיקן דעם אָנוואָרף. וועט ער זײַן אַצינד אַזאַ איינער — פּיקט אים אַ געדאַנק אין מוח. אַ זקן? יונגע מענטשן וועלן פאַרבײַגיין און אײַנקוקן זיך ווי די זקנים קרישלען שפּײַז פאַר די ברואימלעך? — אַ טרויעריקער געדאַנק. וויפל מאָל איז ער דעם וועג פאַרבײַגעגאַנגען? ס׳איז אים נישט אײַנגעפאַלן אויסדרייען דעם קאָפּ צו די זיצנדיקע אויף די בענק. נישט קיין צײַט געהאַט, געאײַלט זיך. תּמיד געאײַלט זיך, ווי איינער יאָגט זיך צו דער באַן, נישט פאַרשפּע־טיקן. — אַלץ וואָס ער האָט געטאָן האָט ער געטאָן מיט אַן אײַלעניש פון יאָגן זיך נאָך אַ פאַרשפּעטיקטער זאַך. אַצינד וועט ער האָבן צײַט, צופיל צײַט.

שרה איז קראַנק. ערנסט קראַנק. ליגט אין בעט. אַ מענטש איז מטפל מיט איר. אַצינד וועט ער זײַן דער „מענטש". ס'איז אַזייגער צוויי — אַרבעטס־שעה אין די זומער־חדשים. אין אַזאַ שעה איז דער טאַטע געגאַנגען — דערמאַנט ער זיך — פון דער קליינער בעקערײַ אַ היים כאַפּן אַ דרימל: אַ קורצן בעקערישן דרימל. ער דאַרף באַלד אין אַ שעה־צוויי אַרום צוגרייטן אַ געבעקל ברויט: ראַשטשינען, קנעטן, אונטערהייצן דעם אויוון. בײַנאַכט כאַפּט ער אַזאַ דרימל זיצנדיק אויף אַ האַלב זעקל מעל. אַנדערש איז ווען מ'לייגט אַוועק דעם קאָפּ אויף אַ קישן.

אין די דאַנערשטיקס קומט ס'מאַמעלע העלפן פלעכטן קוילעטשן, מיסקע־ווען ס'ברויט נאָכן אַרויסנעמען עס פון אויוון, וואַרפן „חלה" אויפן פײַער. זי פאַרבלײַבט ביז אין דער פרי. אין דער פרי איז דער מאַמעלעס פנים אויסגע־לײַטערט, פריילעכער, ווי תּמיד — דער טאַטע ברומט אונטער אַ שבתדיק ניגונדל. — רירעוודיקער זענען זײַנע הענט בײַם איבערוואַרפן די טייגן פון דער דייזשע אויף די ברעטער, בײַם אויסקנעטן די ברויטן, בײַם אַרײַן און אַרויס־שיבן זיי. די „קאַוואַלעקעס" מעל, וואָס זענען בײַנאַכט געלעגן איינס אויפן אַנדערן — ליגן אויף דער פּאָדלאָגע איבערגעשטעלט אין דער לענג — אַ בעקע־ריש געלעגער. תּמיד אַזוי נאָך דער מאַמעלעס אַוועקגיין...

די דאַנערשטיקע נעכט, וואָס ס'מאַמעלע האָט „ליב געהאַט" פלעכטן קוילע־טשן, זענען תּמיד אויסגעפאַלן אין די ווינטערס. לאַנגע נעכט... ס'איז אויך צײַט געווען איבערכאַפּן אַ וואָרט אין תּכלית־זאַכן: קינדער — אונטערגעוואַקסן. שקאָלעס. אַרבעט. פאַכן, פריידקע — אַ כּלה־מיידל, שׂכר־לימוד פאַר די קלענערע אין חדר. חובות, וועקסעלעך, הלוואהלעך, גמילות־חסדים. ווען צאָלן, ווען — אַ וועקסעלע, ווען מעקן, פּראָלאָנגירן, ווען לאָזן וואַרטן. אין די קורצע הפסקות צווישן איין טוונג און דער צווייטער, האָט מען געפּלאַנעוועט, מאַרקירט, „גערעשעט" זאַכן. אַלע קינדער זענען געבוירן געוואָרן צו די יום־טובים — פולע נײַן חדשים.

ער — אַ חדר־ייִנגל — האָט ליב געהאַט זיצן קעגן די פלאַמפּײַערן פון אויוון. אײַנקוקן זיך אין די „סטענגעס", קאָלירקע, צעפּלאַטערטע, וואָס האָבן זיך געצויגן פון אינעווייניק דורכן פּאַרסאַזשעטן קוימען דורך אַ טיף שיפּוע־דעכל אין דרויסן אַרויס. דער טאַטע ברענגט איטלעכס מאָל אַרײַן העלצער — „שפּאַלעס" — פון הייפל, און וואַרפט אויפן פײַער. ס'גיהנום מיט די סמאָלע־פּעסער איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן.

אַ קליין ייִנגל, האָט ער נישט געוווּסט — און ווער האָט יאָ געוווּסט ? — אַז צוויי צענדליק יאָר שפּעטער וועט דאָס גיהנום אַראָפּ אויף דער ערד און

פאַרשלינגען דעם טאַטן מיט דער מאַמען מיט אַלע, אַלע וואָס טרעטן אויף דער ערד: אַלע יידן אָרעמע, רייכע, גרויס און קליין, רשעים און צדיקים גמורים. אויף אַלע האָט געוואָרט ס׳גיהנום אויף דער ערד. פּערציק, פינעף און פערציק יאָר אַוועק, ווי איין טאָג, ווי איין נאַכט, אָ, יענע פינצטערע טעמנע נעכט. — — —

ער איז אַצינד עלטער מיט פינעף און צוואַנציק יאָר פון זײַן טאַטן ווען ער און די מאַמע, אַלע זענען געגאַנגען זייער לעצטן גאַנג.

נישט איין מאָל קומט אים אויס, אַז ער איז דער טאַטע אין אַ נײַער, קאָמפּ־ליצירטער, מאָדערנער אויפלאַגע: אומבאַהאָלפן, אימפּולסיוו, אײַליק, סענטי־מענטאַל. סענטימענטאַלקייט — האָט ער ערגעץ געלייענט — און ברוטאַלי־טעט גייען צוזאַמען, ווי אוראַלטער, אונטערעדישער שטיין מיט נאַפּט. אַ מאָדנע פאַרגלײַך, קלינגט אַבסורדאַל. אַכיבע — דאָס איז דער אמת פון אַבסורד — שמייכלט ער מאַזאָכיסטיש. אָ, נײַן. אײַגנטלעך איז ער דאָך אַ גוטער מענטש. גרייט אַ טובה טון און טוט. אַלע וואָס? עגאָ. זײַן עגאָ — אַ שפּיגל. ער זעט זיך אַליין. ניין. אַ באַריער. זי פאַרשטעלט אים דעם וועג צום מענטש, וואָס ער באַזינגט אין זײַנע לידער. די „באַריער" — לאָזט אים נישט פאַרשטיין וויאַזוי עס לעבן, טראַכטן, פילן אַנדערע, מיטמענטשן: אַ שכן, אַ חבר, אַפילו אַ ברודער, אַ לײַבלעכער ברודער. באשר זיי שענקען אים נישט דעם אײַנזען, די סימפּאַטיע, וואָס ער מיינט, אַז עס קומט אים. אַ גוטער מענטש. וועט ער רעדן וועגן זיך גוטס, וועט מען אים נישט גלייבן, אָדער — אויסלאַכן. וועט ער רעדן וועגן זיך שלעכטס — וועט מען עס נעמען ערנסט.

שפּעט. שפּעט. אַצינד, ערב זײַן אַרויסגיין אויף פּענסיע — צײַט אויף סכהכּלען: שׂרה — קראַנק, אַ געליימטע. ער איז דער „מענטש". זי האָט שטיל געלעבט, שטיל געליטן. ער דאַרף איר פאַרגרינגערן די לײַדן. אַ סך עוולות באַגאַנגען קעגן איר. זײַן עגאָ... פאַרשטעלט אים דעם וועג צום מענטש. און דער מענטש איז אַצינד — זײַן ווײַב.

זי האָט אים געליבט. האָט אים עד היום ליב. ער לייענט עס אַרויס פון אירע אויגן, צעעפנטע, גרויסע, וואָס זעען אַלץ, פון איר לײַדנדיק פּנים לייענט ער עס אַרויס. פאַר וואָס האָט זי אַזוי ווייניק גערעדט ווען זי האָט געקענט רעדן? זיך קיינמאָל נישט געקלאָגט. פאַר וואָס האָט זי אים נישט געזידלט? קראַנק געוואָרן פון ליבשאַפט צו אים, פון אייפער קראַנק געוואָרן. אין זשאַר, אין זיך לעשנדיקן זשאַר אין אירע אויגן, לייענט ער אַרויס, וואָס אין איר האַרץ, קראַנק האַרץ טוט זיך...

אַ מורה דרך איז ער פאַר איר געווען, אַן „אַלצווייסער", פאַר זיך — אַ בלאָנדזשער: געבלאָנדזשעט אין טונקל פון לעבן, אין האַנט — אַ לאַמטער —

װיסן, דערראַבערט װיסן. ער מיט װיסן, — אַ בלינדער מיט אַ װײַסן שטעקן. אַט זעט ער שױן דעם צװײטן עק טונעל. — נו, איז ער קליגער פֿון בלינדן? װײסט ער מער? זעט ער מער?

ער — אַ קאַפּיע פֿון זײַן טאַטן מיט דער סגולה פֿון אַרײַנלעבן זיך אין יענעמס געפֿילנװעלט: קאַפּאַבל צו פֿאַרגעבונג, מחילה. — ער — אַן אָביעקט, זײַן טאַטע — די סיבה. ער — די סיבה פֿון זײַן זון, װאָס איז אַ טאַטע אין דער פּאַטענץ, און װעט זײַן די סיבה פֿון אַן אָביעקט. אַזױ ציט זיך די לאַנגע קײט דור אײַן, דור אױס, די אַנסופֿיקע קײט פֿון קומען און גײן, פֿאַרגײן. פֿון ערד צו ערד, גוף — צו שטױב. אַזױ דרײט זיך דער ערד־קײַלעך אין דער שטערנװעלט פֿון גרױסן גאָרנישט אין גרױסן גאָרנישט אַרײַן, פֿון אָנהײב צום סוף, װאָס איז אױך אָנהײב אָן װיסן, אָן שײכות פֿון אײן גאַלאַקסן־סיסטעם װעגן צװײטן אין דער װעלט, װאָס הענגט אױף בלי־מה.

*

אַ פּענסיאָנער. פּטור געװאָרן פֿון טעטשקעס, רעכנמאַשין, ביולעטינען, סטענ־צעלן, פּאַפּירלעך כּל המינים, פֿראַגעבױגנס. אַצינד איז ער אַ מענטש — אַ מענטש פֿאַר זיך און אין שטוב בײַ דער קראַנקער פֿרױ. שׂרה זעט, הערט, רעדן קאָן זי נישט. פֿרעגסטו איר עפּעס, ענטפֿערט זי מיט אַ געװײן, אַ הײזעריק אױסגעשרײ, װאָס פֿאַרגײט זיך אין אַ לאַנג געװײן־גרימאַס אױפֿן שטערבלעך־בלײכן פּנים. ער איז אַצינד דער אַפּוטרופּוס איבער איר לעבן, איבער איר רעשט יאָרן, אפֿשר טעג.

לעצטער טאָג, לעצטע שעהען פֿאַרן פֿאַרלאָזן זײַן אַרבעט־צימער. יאָ און נישט געזעגנט זיך מיט אסתּרן, אתי, װי מ׳רופֿט איר דאָ. נישט געזעגנט מיט אַ כּװנה: ער האָט זי אײנמאָל געװאָלט זען, רעדן מיט איר אױסער די װענט פֿון משׂרד. אַ מײדל, אַ פֿרױ נישט קײן סך ייִנגער פֿון זײַן זון — אױך היפּש איבער די דרײַסיק. פֿאַר װאָס איז זי נאָך אַלײן? אַ שײנע, אַ גראַטענע, שױן עטלעכע יאָר אַ ממונה איבער אַ קבוצה פֿון אַכט־צען פּקידות. למען האמת, האָט זי פֿונ־דעסטװעגן תּמיד געפֿונען צײַט אױף אַרײַנכאַפּן זיך צו אים אױף געצײלטע מינוטן. ס׳איז פֿאַר אים װײניק. אױך, װאָלט ער געזאָגט, פֿאַר איר װײניק. ער האָט געדענקט פֿון די פֿריִערדיקע שמועסן עפּעס פֿון דעם, װאָס זי האָט דערצײלט: זיך געהאָדעװעט אין אַ „דיעט־דאָם״, די מאַמען געדענקט זי נישט, דעם טאַטן — קײנמאָל נישט געזען. געקומען אַהער מיט די „ילדי טהרן״. זי איז כּמעט אַ קײלעכדיקע יתומה. פֿון מיטלאַזיע דאָ אַהער — אַ מעשׂה פֿון דרײַסיק יאָר און

זי פילט זיך עד היום פרעמד. ס׳געפעלט איר נישט די התנהגות פון די היגע חבר׳ה. זי האָט מיט זיי נישט קיין קאָמוניקאַציע. אפשר איז דאָס איינע פון די סיבות פון איר אַליינקייט. זי האָט דערציילט און נישט דערציילט. מער האָט זי אויסגעשוויגן. אַ סוד טראָגט די פרײַלין מיט זיך: די שיינע, שטאַלטנע פרוי. איר פנים־הויט נאָך אַלץ ליכטיק, פריש. אַן אינערלעכע ליכט. פאַר אים איז זי נאָך דאָס מיידל־קינד, וואָס ער האָט דאָ באַקענט מיט אַ צוואָנציק יאָר צוריק, ווען זי איז אַלע שעה פון טאָג געזעסן בײַ דער שרײַב־מאַשין געטיקטאַ־קעוועט מיט די קליינע, ווײַסע פינגערלעך, ווען אַלע פקידות האָבן זיך געדרייט איבער די חדרים, געפלאָפּלט צווישן זיך.

איר קלוג שמייכעלע, איר אומגעדולדיק־געדולדיק שטיין בײַ זײַן טיש, איר זופּן פון גלאָז די טיי און זופּן די איינציקע ווערטער. ער האָט פון איר געוואָלט הערן וואָס מער. ער האָט אויך געזען איר קוקן אויף אים און זופּן מיט די אויערן זײַנע רייד.

אירע תנועות פון ערשטן טאָג ביז אַצינד רופן בײַ אים אַרויס אַן „עפּעס" — ער האָט קיין נאָמען נישט דערויף. עפּעס וואָס דערמאָנט אין אַ היימיש, גוט־באַקאַנט פנים, אַ געשטאַלט. ווי אין אַ חלום, אין אַ האַלוצינאַציע זעט ער יענץ געשטאַלט — לאהקע. ער ווייסט נישט פאַרוואָס, שווער זיך אַליין צו דערקלערן פאַרוואָס אסתּר, אתּי, דערמאָנט אים אין יענעם געשטאַלט...

אַ נאָענט, גוט געפיל וועקט זי בײַ אים. ס׳איז אים גוט זי צו זען. קוים זעט ער זי נישט אַ טאָג־צוויי ווערט אים אומעטיק. איר זײַן אין מיליטער זענען פאַר אים געווען די שווערסטע פון זײַנע דרײַ און דרײַסיק יאָר אַרבעט אין משׂרד.

דעם לעצטן טאָג, אין דער פרי, אויפן וועג צו דער אַרבעט — איז אַראָפּ אַ רעגן. אַרויס פון שטוב איז געווען שיין. מיטאַמאָל — ווי דער שטייגער דאָ אין די ווינטערס — איז מיט ווילדער פּלוצעמדיקייט אַראָפּ דער רעגן. איבערגע־וואָרט עטלעכע מינוט און ווידער — אַ צעהעלטער הימל. אַ מעסערדיקע זון שנײַדט זיך אַרײַן אין אַ וואָלקן. אַ פרישע יונגע בלויקייט באַפאַרבט דעם האָרי־זאָנט. פון דער פײַכטער ערד הייבט זיך אויף אַ פּאַרע, אַ דורכזיכטיקע, אַ העלע, אַ דאַמפּיקע פּאַרע. אַ פרילינג־ריח גייט אויף פון די ביימלעך אויףביידע זײַטן טראָטואַר. אַ שוואַלב פליט איבער פון בוים צו בוים. איר פלאַטערנדיקער שאָטן שפּיגלט זיך אין די וואַסערלעך, שטראָמיקע ריטשקעס, וואָס זאַמלען זיך בײַ די ברעגן וועג אײדער זייער אָפּרינען אין די אונטערערדישע קאַנאַלן.

צווישן רעשטלעך וואַנדערנדיקע וואָלקנס — רוקט זיך אַרויס אַ רעגנבויגן. אַ שפּיל אַ בראשיתדיקע, אַן אַלטע שפּיל, פון דער אַלט־יונגער נאַטור. ס׳טרעפט אויך: נאָך דער „שפּיל" — איבער אַ האַלבן, איבער אַ דרײַפּערטל הימל פאַר־

ציִען זיך ווידער וואָלקנס. אַ דין רעגנדל נעמט טריפן. גייסט אויפן טראָטואַר און זעסט: אויפן קעגנאיבערדיקן טראָטואַר, וואָס האָט דערוויַיל אַ טרוקן געטאָן — פאַלן טראָפּנס רעגן. אַ שפּאָגל־ניַי זומער־רעגנדל אין מיטן ווינטער און — פּאַסן, שטיקער בלויער הימל.

לאַנג איז אים געבליבן אין דער ראיה יעדער פּאַסיקל הימל. ער האָט געוואָלט אַז די פּאַסיקלעך הימל זאָלן זיך אויסברייטערן, באַהעפטן צו איין בלויען האָרי־זאָנט איבערן קאָפּ. ער האָט עטלעכע מאָל זיך אָפּגעשטעלט. נישט געקאָנט אָנזע־טיקן זיַין אויג אין דער שפּיל פון זון און נעפּל, וואָס ווערט פון מינוט צו מינוט דינער, דורכזיכטיקער. און שוין איז דער הימל דער אָט־אָטיק פאַרכמאַרטער — אויסגעוואַשן עלעהיי ס׳פּנים פון אַ קינד אַ ווייַנענדיקס, וואָס האָט פּלוצעם אָנגעהויבן לאַכן. אַ לייַכט ווינטל האָט אָנגעיאָגט, אַ שטייגער די ערד האָט אויפגעוואַכט מיט אַ פריידיקן זיפץ: — פּטור געוואָרן פון דער קאַלטער נאַסקייט.

אויך די ביַימלעך פון ביידע זיַיטן טראָטואַר האָבן מיט אָפּגעפרישטער גרינער העלקייט זיך פּלוצעם אַרויסגעהויבן פון דער פאַרוואָלקנטקייט, וואָס איז איבער זיי געהאָנגען, ווי צעדריוולטע זעק. דורך וואַנען עס האָבן זיך געזען שטיקער הימלבלוי. פאָרן אויג דעקט זיך אָפּ די רחבות פון אַ לויכטנדיקן טאָג. דרום־מערבדיק צום ים־ברעג אַראָפּצו קיין יפו — די שוועסטער־שטאָט פון תל־אביב — זינקט דער נעפּל. וויַיטער, אַ סך וויַיטער ווערן שפּיצבערג איַינגעהילט אין אַ גרויען־בלויען טומאַן — אַ דינע נעץ, אַ מין שעטנז פון זיַידפעדעם און וואַטע־צויטן צעטעפּעטע. איבערן ים־פלאַך צעשפּיגלטן, שאָטענען זיך מעוועס מיט צעעפנטע פליגלעך און ביַיכלעך איבערן וואַסער.

אָ, דער היגער ים. דריַי שיינקייטן האָבן אַהרונען צו אים געצויגן: דער מרחב, נישט מיטן אויג צו דערגרייכן, דאָס ליכט פון אַ פולער לבנה און צעפינקלטע שטערן, וואָס טאָפּלען זיך אין וואַסער. זיַין אוראַלט אייביק־ניַי נישט־געשטילט געזאַנג.

הלמאי לייקענען: ער האָט דעם טאָג נישט געאַרבעט. די הענט האָבן נישט געפּאָלגט. דער קאָפּ געבויגן איבערן טיש איז געווען וויַיטער, העכער אויסער די ווענט פון משׂרד... געזעסן איז ער אויף זיַין שטול, מיט דער האַנט דערלאַנגט ער צום טעלעפאָן, אָבער זיַין קאָפּ, זיַין האַרץ איז געווען אויסער די פיר ווענט, איבער און אַריבער אָרט און צײַט. ס׳בוך פון לעבן איז פאַר אים געלעגן אָפן און זיַין האַנט האָט געשריבן:

אין איך ווייס נישט
צי איז אַ בענקשאַפט באַפאַלן מיך איינמאָליק,

צי האָט אַ חלום צעבליט זיך קרישטאָליק,
פאַרמאַכט כ'האָב די אויגן —
ערשט אַ ניגון.
זינגט דאָ ווער לידער ?
איז עס אַ נאָכקלאַנג
פון ווײַטע באַהאַלטענע כאָרן ?
צי זענען דאָס קלאַנגען פאַרליבטע
פון ווער ווייסט וויפל יאָרן,
וואָס קוואַלט פון מײַן גײַסט,
און בלויז איך קאָן אים הערן ?

✶

אַ ניגון ? —
ס'אַ ליגן.
עס גייען
אַרמייען
צוריק פון די פראָנטן.
דאָס שפּילן, דאָס טאַנצן אַזוי די אָרקעסטערס
אַן אָפּקול פון דזשונגלען,
דאָס ברילן גאָר לייבן
פון וואַלדישע לענדער,
פון בראשית־מדינות
מיט ווילדן געליאַרעם,
אָן מינדסטן דערבאַרעם
גרייטן זיך וועלט צו פאַרשלינגען.

✶

ווו בין איך ?
ווער בין איך ?
אַ זקן ?
צי אַ קינד אָקערשט געבוירן ?
צי איז עס דער ניגון
און איך בין אַן אָפּברוך,
אַ שפּליטער

— פון אים?
דער ערשטער אור־ניגון, וואָס ווערט איצט לעגענדע?
פאַרהאַלט איך דעם אָטעם פון צײַט מיט אַ טראַכטונג:
אָט שווים איך אויף די כוואַליעס פון צעזונגענעם ים,
אָט זינק איך אין אָפּגרונט. —
„וועק זיך, בן אָדם, איך וויל דיך פאַרשטראָמען,
עפן די אויגן, באַפרײַ דײַנע גלידער".
— דאָס האָט אַזוי דער ים
געשפּילט זײַן „נישט־פאַרענדיקטע סימפאָניע":
דאָס האָט ער אַזוי, דער ים,
געשטורעמט מיט נאָך נישט געשריבענע לידער.

דרײַ און דרײַסיק יאָר זיצט ער דאָ. אַ קליינראַנגיגער באַאַמטער. איינער פון דער פּנים־לאָזער פּקידים־מחנה: אַ געהאַרכיקער אויספירער פון קליינלעכע, געוויינלעכע באַפעלן פון זײַנע ממונים? יאָ. אַוודאי. אָבער דאָס איז זײַן „המוציא לחם מן הארץ". אָבער — „נישט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש".

דרײַ און דרײַסיק יאָר זיצט ער דאָ און זײַן נשמה גייט אויס צו דער ליכטיקער שײַן אויסער די דאָזיקע פיר ווענט. אין זײַן דמיון מאַכט ער שפּאַצירן צום ים און ס'גייט אויף פאַר זײַנע אויגן אַ חלום אין מיטן העלן טאָג. ער איז נישט מער, אפשר ווייניקער פון אַ טראָפּן אין ים: אין אים, ווי אין ים, פאַלט אַרײַן די זון מיט איר ליכט, די נאַכט, די אויסגעשטערנטע, מיט אירע מזלות, דער הימל מיט זײַן שירה, די נידעריקייט פון דער ערד מיט איר גאווה, מיט איר שפלות.

ער איז סײַ די בייזע כמורנעקייט פון ווינטער, ס'גאָלד פון זומער אין דעמערדיקן שווײַגן. אַלע צײַטן פון יאָר טובלען זיך אין אים. ער איז, ווי דער ים — אַ שפּיגל פאַר יעדן פּנים... דורך זײַנע טײַכן־אָדערן שטראָמט צו אים די צײַט: אײַזקריעס, שטיקער גרונטפעסטן נאָפלען זיך אָפּ פון די מוטער־בערג, וואָס קנײַען אונטער הימלען און גליטשן זיך אין אים אַרײַן. אין אים — דעם ים: אַלע ווינטן, שטורעמס האָבן בײַ אים אַ היים, אַלע שטערן — אַ געלעגער. אויפן ים'ס זאַמדיקע ליפּן רוען שיפן. זיי לאָדן אויס דאָס געררויש פון פרעמדע לענדער, לאָזן איבער אין אים די בענקשאַפט. שווער און אומבאַהאָלפן איז ער, ווי דער ים: הענגט אין תוהו ובוהו פון באַשאַף און קאָן זיך אַליין נישט דערטראָגן.

די לעצטע וואָכן פאַרן אַרויס אויף פּענסיע האָט ער זיך געמאַכט אַ מינהג: שבת אין דער פרי ווען אַלע ליגן נאָך אין די בעטן, דער הייליקער טאָג עפנט די אויגן, מורמלט שטיל אַ תּפילה צום באַשעפער — איבער, אַריבער דעם ליכטיקן

הימלאויסשפּרייט — אין דער פריזיקער שעה, גייט ער אַרויס אין קליינעם גערטנדל דעם אַרומגעגדרטן לעם זײַן שטוב, איבערוואַרפן די ערד, אויסרײַסן אַ ווילד גרעזל, באַשפּריצן אַ בלום. ער האָט ליב די נאַטור, אָבער ער קאָן נישט זײַן ווײַט פון שטוב, פון זײַן קראַנק ווײַב. ער האָט ליב דאָס שטיקל ערד פון זײַן גאָרטן. פּרוכטיקע ערד. אַלץ נעמט דאָ אָן, וואַקסט: אַ ציבעלע, אַ טאָמאַטע, אַ מייערל. אַ גויאַווע־ביימל האָט ער געפלאַנצט, אויך אַ שאָטן־בוים. אַזוי לאַנג ווי ער איז דאָ אין לאַנד — קנאַפּע פערציק יאָר — איז אַלט דער שאָטן־בוים. זײַנע צווײַגן — אַ ברייטצעעפנטער שירעם. אין די הייסע זומערטעג קאָן מען זיך אונטער זײַן געצווײַג אויף אַ קילן שאָטן צולייגן, אונטערזיצן אַ שעה־צוויי.

אין זײַנע לידער באַזינגט ער די ליבשאַפט צו דער ערד. זײַנע לידער — אַ שנירל פּערל. ער קלײַבט זיי, ציט זיי אַרויף אויפן שמאָלן האַלדז, דעם ברוינעם, פון מטולה ביז אילת: פון הייסן, טרוקענעם שאַרם־אַ־שייך ביזן באַרגיקן, שניייקן גולן — באַפרײַטע געביטן נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. ס׳איז בײַ אים ס׳געלעכטער פון די קינדערלעך־סאַברעס — אַ דור פון וויגל ביז צו צה״ל: אַ גלעכטער, וואָס קאָלערט זיך איבער די נײַ אויסגעפּלאָסטערטע כבישים, ברייטע גאַסן, פּאַרקן, גערטנער און פון אָפענע, ליכטיקע פענצטער. ס׳קאָן זײַן אויג זיך נישט זעטיקן מיט די שאָטנס, ווי וואָלן וואָס דעקן צו די זאַמדבערג אין נגב, די הויכקייטן, פעלדזן־געבערג, די באַוואַלדיקטע אַרום ירושלים, די פּאַרגאַנצטע, די אייביקע וועלט־שטאָט. דאָס גלײַכן — די קעפּ, די באַקריינטע מיט פּריצײַטי־קער אַלטשאַפט פון טאַטעס היגעבוירענע און זין בײַ די גרענעץ־פּונקטן וואָס זענען גרייט צו שטאַרבן פאַרן לעבן — דעם נייעם, אויפגייענדיקן.

אַ נײַ לעבן אויף דער קליינער ערד. מיזוג־גלויות, קבוץ־גלויות פון... קלי־מאַטן: פון תל־אביב דורך ירושלים קיין יריחו — פינעף פאַרשיידענע קלימאַטן, געגנטן: ים־ברעג — פּלאַכקייטן, פּרדסים, פעלד. ווײַטער, דרומדיק — ווייניקער גרינס. די ערד — האַרטלעך, געלבלעך, רויט און אַשיק־גראָ. איילבירט־ביימלעך, איינציקע, אויף נאַקעטן שטייניקן האַרטן פעלד. ווײַטער — אַ באַרגיקע געגנט, פעלדזיקער באָדן, קילע ווינטלעך. ס׳שנײַדן זיך קליינע, גרעסערע טײַכלעך, מ׳זעט אויך אַ פּלאַנץ, אַ געוויקס, יונגע, שיטערע וועלדלעך. די לופט איז דאָרט אַ דערפרישנדיקע, איבער די הויכקייטן — אַ לויטערער הימל. און אָט־אָט אַ שיפּוע אַראָפּ — דרום־מזרחדיק — גאָלדיק־ברוין דער באָדן. מדבר. מ׳זעט נישט קיין פּלאַנץ. אויך קיין הויז זעט מען נישט, קיין לעבעדיק נפש. דער הימל — אומגעפלעקט. אַ ליכטיקער נעפּל פאַרציט אים. און ווידער — מיט אַ שמאָלן כביש שלענגלדיק איבער באַרג־הויכקייטן — צום ירדן־טאָל: אַ היץ, טרוקענער אַוויר. אין די ווינטער־חדשים איז דאָרט אייראָפּעישער פרילינג, באַזונדערס —

די נעכט. נישט ווײַט פון וואַסער־קוואַל פון יריחו וואַקסן אַ סך טראָפּישע פלאַנצן. מ׳זעט אויך באַנאַנע־ביימלעך. נישט ווײַט — מיט דער האַנט צו דערלאַנגען — ים־המלח. די גאַנצע לאַנדשאַפט, אַ שטייגער זי איז „עולה" געוועזן צוזאַמען מיט די דאָרטיקע גאַסן, טראָטוארן — ברייטע, ריינע. ביימער פון ביידע זײַטן טראָטואַר: עולה געוועזן מיט די יידן מיט דער בענקשאַפט מיט דער ענגשאַפט.

אַוודאי זענען אויך די מעברות די צײַטווײַליקע אויפנעם־ערטער פאַר נײַע עולים, נאָך נישט נעלם געוואָרן. נאָך אַ סך לאַגערן צווישן די אויסגעבויטע שיכונים. מיסטפעלדער. ווילדגראַז אויף ליידיקע שטחים. די ווילדע דערנער עלעהײַ אויסגעשטרעקטע רוף־פינגער צו די, וואָס דאַרפן נאָך קומען, עולה זײַן דאָ: אויסקאָרטשעווען דאָס ווילדגעוויקס און בויען נײַע היימען, אַ נײַ לעבן פאַר אַלע, וואָס זענען נאָך „דאָרטן".

אַ ברוש, עטלעכע ברושים, שלאַנקע, שטאָלצע, זעט מען נאָך דאָ און דאָרט — איבערבלײַב פון אויסגעקאָרטשעוועטע פרדסים. אַ נאַקעט ביימל מיט אָפּגע־קוואָרטע צווײַגן. שטריק פון צווײַג אויף צווײַג — אַ סימן פון אַ געצעלט, אַ מעברה, אַ טעראַסע צו דער ערד געבונדן. וועשוואַרג אויף שטריק פון ביימל צו ביימל.

אויף אַן אַסבעסט־דעכל — אַן אַנטענע. טעלעוויזיע — אַפּנים, דערגרייכט אויך צו אַן אָרעם שטיבל. מיט פעלדשטעגלעך, זאַמדוועגן קומען און גייען מעברות־אײַנוווינער צו אַן אויטאָבוס, וואָס קומט אין דער געגנט, פירט קיין רמלה, ראשון־לציון, רחובות, נס־ציונה און צוריק קיין תל־אביב—יפו. צו און פון דער אַרבעט פירן די אויטאָבוסן, אויפן שוק, צו קרובים און באַקאַנטע. אַ ריטעם פון אַ נײַ לעבן. רויע, שלויע אָרעמקייט. האַרעפּאַשניקעס, טאָג־לוינער.

*

שימעלע. שמעון. אַ הויכער, געוויקסיקער, שיינער בחור. אויף אַ מיידל אין זײַן עלטער האָט מען אין דער אַלטער היים געזאָגט: „זי וואָלט שוין געמעגט הערן שפּילן"... אויך ער וואָלט שוין געמעגט הערן שפּילן. — ער איז פון די ווייניקע פון די בחורים אין זײַן עלטער — נישט חתונה־געהאַטע. אַפּנים, אַז די אַליינקייט האָט אים דערקוטשעט. און מעגלעך — סימנים פון לאַנגווײַל, וואָס ווערט אין אַזאַ עלטער — אַ לאַסט.

אין איינעם אַ טאָג איז ער אַרײַנגעקומען אין שטוב האַנט אין האַנט מיט אַ מיידל. שוין נישט פון די מיידלעך, וואָס האָבן אַרײַנגעפּײַפט אין שטוב אַרײַן בשעת ער האָט אויף אַ קורצע שעה זיך געזעצט מאַכן די לעקציעס. אַן אומבאַ־

קאַנט פּנים פון אַ מיידל. אַ שלאַנקע, אַ שיינע. די מינע אויף איר פּנים — אַ שפּאַגל־נײַע אין זײַנע אויגן. אַ ווײַסצייניק געלעכטער, אַ „שלום" און אַ פאַר־שעמט שטיין בײַ דער טיר. ער האָט זיי אַרײַנגעבעטן. זי האָט זיך אַ נייג געטאָן. שיין געדאַנקט. איר יונג, הויך קול האָט זיך, קאַנטיק, דערטראָגן אין צווייטן חדר, ווו שׂרה איז געלעגן. אַ יונג פרויען־קול אין איר שטוב — אַ רבותא. זי האָט אַ הייזעריקן קרעכץ געטאָן, פאַר אים — אַ סימן, אַז זי וויל עפּעס פון אים. ער איז צוגעגאַנגען צו איר. אירע אויגן האָבן זיך אַ קער געטאָן צו דער זײַט פון וואַנעט ס'מיידל־קול איז געקומען: זי וויל איר זען. אין אירע צוויי גרויסע, צעעפנטע אויגן האָבן זיך צוויי גלאַנציקע, ליכטיקע טרערן געשטעלט, ווען שימעלע, האַנט אין האַנט מיטן מיידל, האָט נאָענט פון איר בעט געזאָגט: — אמא, אבא. זהו זה, דאָס איז עס. — מער אַ וואָרט נישט. איז גוט, וואָס עס האַלט בײַ אַ חתונה. גוט, וואָס שׂרה האָט עס דערלעבט. באַדיי אַ ליגנדיקע אין בעט. זאָלן אירע אויגן זען איר שימעלע מיט אַ מיידל. ביידע רעדן וועגן אַ חתונה. די חופּה האָט מען געשטעלט בײַ דער מאַמעס בעט. די חתונה — אין אַ זאַל. דאָס האָט אַזוי די מאַמע, שימעלעס קראַנקע מאַמע, געוואָלט, מיט די אויגן צו וויסן געגעבן. ער האָט אין די קנאַפּע צוויי יאָר פון זיך מטפּל זײַן מיט איר געלערנט אַלע אויגן־סימנים. ווען זי וואָלט רעדן געקענט, וואָלט זי אוודאי געזאָגט:

— זי וויל נישט פאַרשטערן דעם קינדס שׂמחה. זי וואָלט נאָך עפּעס געזאָגט:

— אַ דאַנק און לויב גאָט, וואָס זי האָט דערלעבט מיט אירע אויגן צו זען, ס'פירן איר שימעלען — צו דער חופּה.

הײַנט אַ חתונה. דאָס אונטערפירעכטס האָט נישט קיין יידישן טעם. דער רב כאַפּט אָפּ די דרשה, ס'פּירלייענען די כּתובה. „הרי את" און דער חתן טוט אַ טופּ מיטן פוס אויף עפּעס אײַנגעוויקלטס אין אַ פּאַפּיר, אַ זופּ פון בעכער, פאַר־הייבט דעם כּלה־שלייער און כאַפּט זיך קושן. און באַלד נאָך די פיר שטאַנגען — מחותנים קעגן מחותנים בײַם אַרײַנגאַנג אין זאַל. צעשמייכלטע פּנימער. ווינ־טשעוואַניעס. מ'קושט זיך. מ'גיט זיך אָפּ „מזל־טוב" און מ'שטופּט קאָנווערטן אין די הענט אַרײַן, פון די הענט — אין די קעשענעס.

אוודאי פרייט עס אים, שמעונען, וואָס זײַן מאַמע האַלט נאָך אָפן די אויגן. זי רעדט נישט. אָבער איר האַרץ, דאָס האַרץ, וואָס וויל נישט אויפהערן אָטעמען — פרייט זיך: עפּעס אַ קלייניקייט — איר שימעלע האָט חתונה.

קלעזמאָרים. נישט אַמאָליקע קלעזמאָרים. יונגע בחורים מיט לאַנגע האָר און רויטע, קאָמעדיאַנטסקע העמדלעך. מ'שפּילט אויף אַ פריילעכס. מ'שפּילט אויף טענץ. דער חתן און די כּלה — אין אַ טאַנץ. די כּלה — מילא, אַלע כּלות

זענען שיין. נאָר פון חתן נעמט מען נישט אַראָפּ די אויגן. צו דער חופּה האָט ער געטראָגן אַן אַנצוג פון העלן קאָווערקאָט. אַצינד — אַ טונקעלער העל־געשטרײַפּטער שטאָף. אויסגעגאָסן ליגט אויף אים דער אַנצוג. לײַכט און פלינק באַוועגט זיך ס׳פּאָרל. שוועבן. אַלע פּאַטשן מיט די הענט. נאָר ס׳פידעלע שפּילט, וויינט אויס אַ יידישן ניגון: אַ פריילעך־וויינענדיקן יידישן ניגון. אים איז גוט, טרויעריק־גוט. שׂרה — איר איינאיינציקער זון — איר לעבן, אירע נעכטנס, איר הײַנט און מאָרגן, האָט חתונה. דאָרטן, בײַ זיך אין שטוב אויפן בעט איז זי. „אַן עמעץ״ זיצט לעם איר. זי לויבט גאָט פאַרן חסד, וואָס ער טוט מיט איר: דערלעבט חתונה מאַכן דעם זון. קאָן נאָך זײַן אַן ערגערע שטראָף? — זאָגט ער צו זיך. אין זאָל טאַנצט מען, מ׳פרייט זיך, ער, איר מאַן, איז דערבײַ און זי ליגט אַ געליימטע אין בעט. אַ חסד, וואָס זי לעבט, און אַ שטראָף, וואָס זי לעבט... מיט וואָס, גאָט, מיט וואָס האָט זי חוטא געווען? רײַסט זיך פון אים אַ שטום געשריי און מישט זיך אויס מיט די קלאַנגען פון דער מוזיק... דער קלאַרנעט באַגלייט אַ דין־דינעם טאַנגאָ. שימעלעס הויכע, שטאָלטנע פיס שפּילן אויס אַ ליבע־טאַנץ. יאָ, דאָס קאָן ער...

דער געדאַנק, אַז ער איז אַ טאַטע פון אַזאַ שיינעם זון פאַריאָגט אַלע טרויע־ריקע מחשבות. זײַן האָרץ — אַ שוואָם, וואָס זאַפּט אײַן אין זיך אמתע פרייד פון אַ טאַטן אַ מחותן און אַ טרויער, באַדויער אויף דער שטראָף, וואָס זײַן ווײַב דאַרף אָפּקומען אויף דער וועלט. איר פּנים וואָלט אַצינד געלאַכט און געוויינט פאַר פרייד. אַ פאַרגיטיקונג וואָלט עס געווען פאַר איר, אַ באַלזאַם פאַר איר צעבראָכן האָרץ... זי וואָלט אויף איר שטייגער, אין דער שטיל, געשעפּטשעט אַ תּפילה:

— — — יהי רצון, אַזוי לאַנג ווי זי וועט לעבן, און אויב די פיס וועלן איר טראָגן, דער שׂכל וועט דינען און כביכול וועט געבן כּוח גובר צו זײַן די יסורים — זאָל איר באַשערט זײַן ווידמען אירע רעשט טעג און יאָרן פאַרן איינציקן זון און מאַן וועמען זי האָט ליב און איז גרייט זיך מקריב זײַן...

געשען איז דאָס געענוי מיט פיר יאָר צוריק, ווען שׂרה איז געפאַלן צו בעט און מער זיך נישט געקאָנט אויפהייבן. שמעון איז שוין הײַנט אַ טאַטע פון אַ קינד, אַ יינגעלע פון דרײַ יאָר. געווען אין אַמעריקע, צוריקגעקומען. אַ שוואַכ־קייט בײַ יונגע מענטשן, בײַ די סאַברעס: נאָכן מיליטער־דינסט, פאַר, נאָך אַ חתונה — חוץ־לאָרץ. בײַ שמעונען, איז עס אויך, קאָן מען זאָגן, אַ ירושה־זאַך: שמעונס זיידע איז אויך נישט געזעסן אויף אַן אָרט. שוין געווען אַ טאַטע פון פיר קינדער. ס׳ערשטע מאָל צוריקגעקומען מיטן עטאַפּ און נאָכאַמאָל געפאָרן. און ער גופא, אהרן. — רוסלאַנד (סיביר, מיטלאַזיע) ווידער פוילן, דײַטשלאַנד, ישׂראל. אמת, נישטגעוואָלטערהייט. בעל כּורחו געשטויסן, געטריבן געוואָרן.

פאַרוואָס אַמעריקע ? וואָס זוכט ער דאָרט ? וואָס האָט ער פריִער געזוכט, געוואָרט ביז זיבן און דרײַסיק יאָר ביז דער חתונה ?

צוריקגעשמועסט: וואָס האָט ער פאַרשפעטיקט ? וואָס האָט ער, זײַן טאַטע, אויפגעטאָן מיטן כאַפּן: צו איין און צוואַנציק יאָר — אַ מאַן פון אַ פרוי ? וואָלט ער נישט געהאַנדלט אַזוי אײַליק — וואָלט אוודאי בעסער געווען פאַרביידע... ווי זאָגט ס׳פּוילישע ווערטל: „וואָס עס האָט באַדאַרפט זײַן שפּעטער — איז שוין געווען פריִער" — שימעלע האָט געלעבט זײַן לעבן... דאָס וואָס איז בײַ זײַן טאַטן געווען חלום, בענקשאַפט, איז בײַ שמעונען ווירקלעכקייט. ער איז געקומען צום משפּחה־לעבן אַ רײַפער, אַן אויסגעצײַטיקטער. אַלע פריידן, תּענוגים, האָפע־נונגען, באַגערן: טאַטנס נישט־אויסגעלעבטע לעבן — איז בײַם זון געווען ממשות... פּרויען האָבן חתונה פון נײַגער, מענער — פון מידקייט. דער מאַן קומט צו דער פרוי שעפן רו, וואַרעם, דערבאַרעם און נחמה.

אהרן געדענקט: ער האָט ערגעץ געלייענט: „אַז אַ טאַטע איז מגדל קינדער, זיי ווערן גרויס און זענען ווייניקער פון אים — האָט ער אין זײַן לעבן גאָרנישט אויפגעטאָן". איז שמעון ווייניקער פון אים ? איז ער נאַרישער פון אים ? האָט ער עפּעס פאַרשפעטיקט ביזן חתונה האָבן ? האָט ער נישט ליב זײַן פרוי ? אמתע, אויסגעשטאַנענע ליבע. איז ער נישט מקנא זײַן זון ? ליבשאַפט און קנאה צו אַן אייגן קינד ? עד היום קלינגט אים נאָך אין די אויערן זײַן שטילע תּפילה אין דער נאַכט פון דער חתונה, בעת ער האָט זיך צוגעקוקט צום שיינעם טאַנץ פון זײַן זון מיט דער כּלה: „גאָטעניו, דו האָסט מײַן זון געגעבן אַלץ, וואָס איך האָב נישט. כּײַ וואָלסטו מיר געגעבן עפּעס פון דעם, וואָס דער זון האָט יאָ".

אָט קלײַבט ער זיך נאָך אַמאָל פאָרן קיין אַמעריקע מיט דער פרוי און קינד. וואָס ער זוכט דאָרטן ? גאָרנישט. איז דאָס זוכן גופא נישט קיין געווינס, אַ געפינס ? — „לעבסט אַ לעבן לאַנג און שטאַרבסט אַ נאַר" — זאָגט אַ רוסיש ווערטל. ניין, ער וועט שוין קיין טאָלק נישט דערגיין. אַן אַלטער מאַן איז ער. „אַ יונגער קען אויך, אַן אַלטער מוז שטאַרבן" — האָט ער מיט אַ זעכציק, זיבעציק יאָר צוריק געהערט אין שטוב דאָס ווערטל. פאַרגעסן. קיין איין מאָל איז עס אים אויפן זינען נישט געקומען. אַציַנד איז עס אַרויס, ווי אַ מייזל פון אַ באַהעלטעניש: לויפט אום, ווי אַ פאַרסמטע׳ס אין מוח, אין האַרץ, גריזשעט. ווער וועט גלייבן, אַז אַן אַלטער מאַן וויל נישט שטאַרבן ?

אַן אַלטער מאַן. דער טראָט — אַ שווערער. צום אויפהייבן זיך אויך אין דער פרי — פילט ער די שווערקייט פון יאָרן.

יעדער טאָג — ווייסטו — איז אַ געשאַנק: אַ געשאַנק פון גאָט, פון גורל.

די טעג זענען דיר פּלוצעם טײַער געוואָרן: אַ טאָג — אַ רענדל. אוועק אַ טאָג — ווייניקער אַ רענדל...

אין שפּיגל; אַמאָל אין אַ ליכטיקער שויב, זעט ער די אָנגעבלאָזענע, בלווילעכע קישעלעך אַרום די אויגן. זײַן מוטנע בליק. ווען ער גייט פאַרבײַ דעם פּאַרק פּאַלט זײַן אויג אויף די בענק באַזעצטע פון אַלטע לייט, ווי אַלטע מעבל־שטיקער, אָפּגענוצטע. איבעריק אָרט פאַרנעמען זיי אין די שטובן פון דערוואַקסענע קינ־דער, שנורן, אייניקלעך. אַלט מעבל אַרויסגעשטעלט אין דרויסן... אַ ריח פון שימל, ווי פון פּאַטעכלע האָלץ שלאָגט פון זיי. שארית יאָרן, אפשר טעג דאַנקען אין זייערע אויגן — קנויטן אין טונקעלע נאַפט־לעמפּ.

אַן אַלטער מאַן איז ער. ריין אָנגעטאָן. קאָלנער־בינדע איז בײַ אים אַ רגילות. וויאַזוי וואָלט ער אַצינד אויסגעזען אָנעם מלבוש? געפּאָלדעוועטער בויך. ס'ברוסטפלייש — קנייטשיק, הענגט אַראָפּ. בייניק־דאַרע פיס, בלוי־באַאָדערטע. לויזע מוסקלען.

אַן אומהיימלעכע, אומהיילבאַרע קראַנקייט, די עלטער. אומפאַרמײַדלעך, סײַדן מען שטאַרבט פרי. יעדער שעה פון די לעצטע אַ שטייגער אַ צום טויט־פאַרמשפּטער אין דער איינצלצעל, אין די אַרעסטאַנטסקע, רויטע קליידער וואַרט מ'זאָל אים קומען נעמען... ס'לעצטע מאָל גייט ער אויף זיינע פיס. צוריק וועט ער שוין נישט גיין... אין די צײַטן פון ראָבעספּיער — דערמאָנט ער זיך — האָט מען צו עטלעכע אין אַן אָפענער קאָטש געפירט צו דער גילאָטינע. פאַרטאָג. קאַלט. ס'איז אים קאַלט — האָט זיך איינער געקלאָגט. אויך מיר איז קאַלט — האָט אים דער קוטשער געענטפערט — אָבער איך דאַרף דאָך נאָך צוריק פאָרן...

אַ געבוירלינג פאַלט אויף דער וועלט מיט אַ געשריי. דער טויט ווערט געבוירן — שאַ, שטיל מ'פאַרמאַכט די אויגן מ'עפנט די הענט: — נאַ, זע, כ'גיי אַוועק מיט ליידיקע הענט...

אַ יש איז ער דער טויט, ווי דאָס לעבן, ווי גאָט, דער באַשעפער פוןביידע. צווישן די לעבעדיקע גייט ער אום, אַ רואה ואינו נראה. זײַן כוח איז אין שווײַגן. ווער וועט גלייבן, אַז אַן אַלטער מאַן וויל נישט שטאַרבן?

אין זײַן דמיון קומען אים קאַפּויער די לעצטע טעג אין ביוראָ ערב זײַן אַרויס אויף פּענסיע. אַט־אַט רוקט זיך אונטער דער טאָג, די שעה: אַן אויסגע־בענקטע, דערוואַרטע שעה. ער הייבט זיך אויף פון שטול, נעמט די טעקע אין האַנט, גייט צו צו דער טיר, עפנט זי. אין דער אָפענער טיר שטייט ער, גיט אַ מעסט מיט די אויגן די פיר ווענט, די פּאָליצעס מיט טעטשקעס, קלאַסערן און — שוין איז ער פון יענער זײַט: פון דער אַנדערער זײַט טיר איז ער, און ער קאָן ווײַטער קיין טראָט נישט שטעלן.

שלום, דיר, זיסער לאַנגוויַיל, ברוך שפּטרני — וואָלט ער באַדאַרפט זאָגן. פאַר וואָס שטייט ער אַ שטומער? אַ שטומער שטייט ער און אים דאַכט, אַז ער הערט אַן עכאָ: — שאַלאָם, עד הלום! (ביז אַצינד, ביז אַצינד) פון וואַנעט קומט ער דער עכאָ? ער האָט דאָך ס׳מויל נישט געעפנט? ער דרייט אויס דעם קאָפּ צום לאַנגן קאָרידאָר הינטער אים. אַלע טירן פון די חדרים אָפן. קיינער נישטאָ. ער איז דער לעצטער. האָט ער אפשר יאָ געזאָגט „שלום״ שטיל, ווי צו זיך אַליין און עס האָט זיך צעטראָגן איבערן לאַנגן קאָרידאָר, פּוסטע חדרים? פשוט, דאָס אייגענע קול נישט געהערט.

ער איז דער לעצטער היַינט. דער ערשטער אַהער געקומען מיט פינעף און דריַיסיק יאָר צוריק. דער ערשטער גייט ער אַוועק. גייט ער טאַקע אַוועק אויף קיינמאָל נישט צוריקקומען? פאַר וואָס שטייט ער ווי אַ גולם ביַי דער טיר?

אַן אומהיימלעך געפיל, אַ באַנגיקייט. יעדן טאָג אין דער שעה גייט ער אַהיים. באַדויערט, וואָס ער דאַרף מאָרגן קומען, ווידער זיך נעמען צו דעם, וואָס ער האָט אַזוי פיַינט, איז אים אַזוי דערווידער... בדרך כּלל איז נאָך ליכטיק אין דרויסן צום אַהיימגיין. פאַר וואָס איז היַינט טונקעלער, ווי תּמיד? ס׳פינצטערט אים אין די אויגן. די שאָטנס אויף די ווענט עלעהיַי אַ גרויסער, טונקעלער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ צווישן אים און די ליידיקע ווענט. פאַר וואָס שטייט ער נאָך אַלץ ביַי דער טיר? איז וואָס, אַז עמעצער אַנדערש וועט דאָ אויף זיַין שטול זיצן? אויף זיַין שטול, ביַי זיַין טיש, דער טעלעפאָן — מיט דער האַנט צו דערלאַנגען? ער האָט דאָך געוואָלט פּטור ווערן פון דער נודנער, אומפּראָדוק־טיווער אַרבעט: „אַ תּפיסה אָן קראַטן״. איז וואָס, אַז זיַין קול וועט מען דאָ שוין מער נישט הערן? זיצונגען, אַרבעטס־ענינים (געווען אַ חבר אין וועד־עובדים), קאָנפליקטן. מער, ווי איין מאָל זיך אויפגערעגט, צעשריגן: — קאָנפליקט? ווער עס קאָן — דער פליקט!

רייד. רייד. באַפעלן, וואָס חזרן זיך איבער אַזש עס קערט די גאַל. היַינט טעלעפאָנען? בירורים, בירבורים... מער ווי איין מאָל האָט ער געקלאַפּט אין טיש, אַ וואָרף געטאָן ס׳טעלעפאָן־טרייַבל מיט אַ האַק אויפן מכשיר: — אל תבלבל את המוח! דריַי נישט דעם קאָפּ!

— תפסיק עם השטויות! — הער אויף מיט די נאַרישקייטן!

— רד ממני, טשעפּע זיך אָפּ פון מיר!

— אין לי פנאי — כ׳האָב נישט קיין ציַיט!

אַצינד, ברודערקע, האָט ער צו זיך געזאָגט — וועסטו האָבן ציַיט, אַ סך ציַיט. וואָס וועסטו טאָן מיט דער ציַיט, וואָס האָט ציַיט? — ציַיט איז אַמאָל שווערער פון דער לופט. שווער צו אָטעמען... פינעף און דריַיסיק יאָר האָסטו

שטיל, קיינער זאָל, חלילה, נישט הערן, זיך געקלאָגט אויף דער זשעדנעקייט פון צײַט, וואָס איז דיר אַזוי נייטיק: אויף אַ ביסל פרישע לופט אויסער די פיר ווענט: זען אַ מענטש, אַ נײַ פּנים, איבערכאַפּן עטלעכע ווערטער אין ענינים שברומו של עולם. זיצן בנעימותדיק בײַ אַ קאַפע, בײַ אַ ביר אין אַ רעסטאָראַן, אַ קאַפּע־הויז. געקלאָגט זיך אויפן גורל פון אַ פּקיד, אַ מלוכה־באַאַמטן, וואָס דאַרף לעבן אויפן „לאָקש": דער לאָקש איז קורץ און מ'דאַרף אים „שטוקעווען" אויסצוקומען די וואָך, דעם חודש.

יעדן טאָג, שעה פון די פינעף און דרײַסיק יאָר האָסטו זיך נישט געקאָנט שענקען, הלמאי האָסטו נישט אויסגעקליבן אַן אַנדער באַשעפטיקונג. ביסט געווען יונג, געזונט און פול מיט האָפענונג, מיט פּלענער: ישׂראל, אַ נײַ לאַנד. נײַע מעגלעכקייטן, אַ נײַ פעלד פון אַרבעט פּראָדוקטיווע, ממשותדיקע, אינטערע־סאַנטע. „איבערשיכטונג". פון האַנדל, מסחר, לופט־געשעפטן — אויף שעפערי־שער אַרבעט, נישט אַ נאַריש נאָכמאַלפּעווען דער רעכנמאַשין, דער שרײַבמאַ־שין, דעם קאָמפּיוטער. זיצן אויף אַ שטול אַכט שעה אין טאָג, פאַרטושן די חושים, דעם מוח. פּעטלעך, בײַכלדיק, אַרומגעוואָקסן מיט פלייש, שמאַלץ. פוילע פינגער שרײַבן שאַבלאָנע, סטאַנדאַרטנע בריוו, אויפפאָדערונגען. אויטאָמאַטיש לויפן די פינגער איבער די ווײַסע און קאָלירקע פּאַפּירלעך, צירקולאַרן. אַסור אַראָפּ־נעמען, צוגעבן אַ וואָרט. אַ היעראַרכיע־שטאַב: מנכ"ל סמנכ"ל אַ לאַנגע קייט פון אָנפירער מיט רעסאָרטן, אָפּטיילונגען, פאַראַנטוואָרטלעכע ביז זײַן ממונה. אויך די רייד, דאָס לשון — אַ סטאַנדאַרט טרוקן לשון. שטרוי. דו „קײַסט און שפּײַסט", געהאָרכיק זאָגסטו נאָך דאָס געהערטע און פירסט אויס די באַפעלן מיט אַ נכנעקייט, וואָס מעקט אָפּ דײַן „איך", דאָס געפיל פון זעלבשטענדיקייט אין טראַכטן און אין דער התנהגות.

איז וואָס, אַז וועסט מער נישט טרעטן אויף די באַלאַטן, ווו דו שטייסט אַצינד אַ פאַרדמיונטער? וועסט מער נישט זײַן איינער פון דער פּנימלאָזער פּקידים־מחנה. וועסט זײַן אַ מענטש: אַ מענטש פאַר זיך, טאָן וואָס דו ווילסט, ווי אַזוי דו ווילסט אָן עמעצנס באַפעלן, דיקטאַטן? האָסט דאָך געוואַרט אויף דעם טאָג, אויף דער שעה.

פאַרוואָס איז זײַן פּנים אַזוי געפאַלן? זײַן געמיט אַזוי געבראָכן? די שעה איז דאָך געקומען. פאַרוואָס שטייט ער כּעני בפתח? אַ נדבה? ר'בעטן עטלעכע שעה אין טאָג אַרבעטן, ווי אַנדערע פּענסיאָנערן, האָבן מורא פאַר לאַנגווײַליקן זיך אין שטוב און אויך — צופאַרדינען אַ פּאָר שקלים? האַ, גיבור אין קייטן? — זאָגט ער צו זיך.

אין שטוב — אַ קראַנקע פרוי, וואָס דאַרף אַ מענטש זאָל איר באַדינען. אַ

זיידע איז ער שוין צום צווייטן מאָל. אין אַמעריקע דער זון: צום צווייטן מאָל אין אַמעריקע. אַ שרײַבער איז ער. ער האָט ליב זײַנע שעפערישע שעהען. אַ זיסע לאַסט דאָס שאַפן. די שעה איז געקומען.

✶

שוין באַלד צען יאָר אויף פּענסיע און עד היום איז אים שווער צו באַנעמען פאַרוואָס ער איז דעמאָלט אַזוי אומעטיק געווען, נישט געקאָנט אַראָפּנעמען די האַנט פון דער קליאַמקע נאָכן פאַרמאַכן די טיר: אַוועקגיין אויף קיינמאָל נישט צוריקקומען.

איז גוט, וואָס אים איז נאָכגעגאַנגען די מחשבה — אַ ליכטשטראַל אויף אַן אַוונט־שוועל: שוועל פון זיקנה. אים איז נאָכגעגאַנגען דאָס געשטאַלט, דאָס שיינע, שטראַליקע פּנים פון אסתּר, אתּי. אַ רגילות בײַ אתּין די לעצטע עטלעכע חדשים, איידער זי זעצט זיך צו איר טיש אין קאַנצעלאַריע — עפענען זײַן טיר מיט אַ: — בוקר טוב!

ער לעבט מיט אַ געפיל, אַ מחשבה, וואָס לאָזט אים נישט אָפּ: „ער קאָן זי פון ערגעץ, ער געדענקט זי". וויאַזוי? ווען? פאַרוואָס דווקא אתּי? ער האָט דערויף נישט קיין תשובה. אַזוי ווייניק ווייסט ער פון איר. געקומען אַ הער אַ מיידל־קינד. שווער געווען פון איר צו דערגיין גענויע פּרטים. וואָס זי האָט דערציילט האָט זיך נישט געבונדן. אַ סך בלויזן און אומקלאָרקייטן. אַ פלאַנטער אין זכּרון פון אַ קוים־דרײַ־יאָריק מיידעלע. גאָר ווייניק געוווּסט. נאָך ווייניקער געדענקט. איר מאַמע פּלוצעם נעלם געוואָרן. אין אַ „דיעט־דאָם" געאַרבעט די מאַמע. די עלטסטע, „זאַוויעדוּשטשע" פון דיעט־דאָם, איינע אַ ראַיאַ. אַזוי האָט מען זי גערופן. ווען זי האָט איר געפרעגט ווו די מאַמע — האָט זי נישט געענטפערט. ס'וואָרט „אַרעסטירט" האָט זי עטלעכע מאָל פון איר מויל געהערט און נישט פאַרשטאַנען: גאָרנישט פאַרשטאַנען פון דעם וואָרט. אַ מאַמע איז זי פאַר איר געווען ראַיאַ. אין איינעם אַ טאָג האָט מען זי פון דאָרט אַרויסגענומען, אַרײַנגעזעצט אין אַ וואַגאָן. נאָך קינדער זענען דאָרט געווען, אויך עלטערע פון איר. מען איז לאַנג, זייער לאַנג געפאָרן. ווייטער געדענקט זי גאָרנישט.

ער האָט מער נישט באַדאַרפט: „דיעט־דאָם", ראַיאַ. איז דאָך עס די ראַיאַ, וואָס האָט אים געעצהט מאַכן די „אָפּעראַציע". „אַז מען שניידט — גייט בלוט". „איר וועט ביידע געזונט ווערן". ער האָט איר „געפאָלגט". געמאַכט די „אָפּעראַציע" — פאַרקערט. מיט לאהקען זיך פאַרבונדן: בלוטפאַרוואַנדשאַפט... און פון סאַראַן נישט אַוועק.

אַ קענטלעכקייט, אַן ענלעכקייט וועקט זי בײַ אים די שטאַלטנע מיידל־פרוי:

אַ רײַפֿע פֿרוי. ס׳פּנים, ער וואָלט געשווירן, אַ קאָפּיע: לאַהקעס מאַטער העל. אירע ווײַסע, שמאָלע פֿינגער, אירע תּנועות בײַם רעדן, בײַם צוזעצן זיך לעם זײַן טיש, ס׳אויפֿהייבן זיך און די ערשטע טריט וואָס זי מאַכט צו דער טיר. אַ שרעק, אַ זיסע שרעק נעמט אים אַדורך איר דערשײַן. נאָך עפּעס זעט ער בשעת ער קוקט זיך גוט אײַן אין איר: ער זעט, דאַכט זיך אים, אין אירע פּנים־ליניעס, ס׳כאַפּן אַן ענלעכקייט צו דער מראה פֿון זײַן פּנים: אומרעגלמעסיקע ליניעס פֿון זײַן פּנים יונגערהייט: ליניעס פֿון זײַן נישט־שיין פּנים אויסגעאיידלט, פּערפֿעק־ציאָנירט אין דער שיינער מראה פֿון דער מיידל־פֿרוי. אין סך הכּל: — אַ געמיש פֿון אַן אייגנמיניקער אויסראַדנטלעכער שיינקייט, אַ חן — אַ ירושה פֿון אַן אָריגינאַל וואָס איז אַרויס מיט אַ פּגם.

הלמאי לייקענען, ער האָט עס געזען באַלד די ערשטע וואָכן בעתן זען ס׳מינדעריעריקע מיידל. שפּעטער — מיט איר אָפּטן אַרײַנקומען צו אים אין חדר, אין אונטערזיצן, מיט אַן אָפּן מויל און אָנגעשפּיצטע אויערן שלינגען זײַנע ווערטער — באַשײַמפּערלעך געזען די ענלעכקייט. מיט יעדן טאָג, מיט יעדן יאָר האָט דאָס געפֿיל אין אים זיך געשטאַרקט. קאָנטיק אויך איר האָט געצויגן צום „עלטערן מענטש", דעם „סימפּאַטישן מאַן", נישט דווקא מחמת זײַן אויסער־לעכן אויסזען. ער האָט איר דאָך גלײַך צום אָנהייבן אַרײַנקומען געזאָגט: ער איז אַ באַווײַבטער, האָט אַ זון נישט קיין סך עלטער פֿון איר, אַ קראַנקע פֿרוי. האָט קנאַפּע צוואָנציק יאָר באַדאַרפֿט אַוועק, אַז דאָס, וואָס זײַן אינעווייניקסט אויג האָט געזען, וואָס זײַן האַרץ האָט געפֿילט — זײַן „נבֿואה" זאָל מקוים ווערן?

איז גוט, וואָס ער האָט געפֿאָלגט זײַן האַרץ. עטלעכע טעג פֿאַרן גיין אויף פּענסיע האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ כּוח און פֿאַרבעטן אסתּרן אויף אַ קאַפֿע. זי האָט זיך געקווענקלט, די שיינע פֿרוי, זיך געשעמט, ווי ס׳מיידל־קינד פֿון מיט צוואָנציק יאָר צוריק. יאָרן קענען זיי זיך, קיינמאָל האָט ער איר נישט אָנגעבאָטן אַזאַ זאַך — האָט זי געפּרוווט עלעגאַנט אָפּזאָגן. פֿון אָרנטלעכקייט וועגן האָט זי צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. דער „יאָ" האָט זיך געצויגן לאַנג, זייער לאַנג. עס האָט אים שוין אָנגעהויבן פֿאַרדריסן: פֿאַרדריסן אויף זיך אַליין: אַן אײַנפֿאַל פֿון אַן עלטערן מענטש, אַ נאַרישער אײַנפֿאַל. מאָלע וואָס ער מיינט, מאָלע וואָס קומט אײַן קאָפּ אַרײַן נישט־געשטויגענע, נישט געפֿלויגענע זאַכן.

עס האָט אים פֿאַרט געצויגן צום משׂרד, ס׳הייסט צו אסתּרן. ער מוז נאָך מיט איר אַ שמועס כאַפּן. אָפּענע רייד האָט ער ס׳צווייטע מאָל גערעדט מיט איר, אויסגעפֿרעגט גענויע פּרטים און באַשלאָסן:

— מיר דאַרפֿן אַ רעד טאָן, אסתּר, זאָגט מיר נישט אָפּ.

זי האָט נישט אָפּגעזאָגט.

צפון תל־אביב, די ייִנגסטע אפשר שענסטע שטאָט נאָך חיפה, ירושלים. שיין, מאָדערן אויפגעבויט, אויסגעוואָקסן אין דער ברייט, לענג, הייך. נישט דאָס פרומלעך־אַלטפרענקיש, טונקל־פּנימדיקע בחנטע ירושלים, נישט די קאַלטע ערנסטע, באַשעפטיקטע פּאָרטשטאָט חיפה. יונגע, רייצנדיקע תל־אביב. אין די אָוונט־שעהען ביז שפּעט בייַנאַכט איז זי רייצנדיקער, שענער, צעפּינקלט, צע־שפּילט און צעשפּיליעט, ווי דער ים: אַ פריילעכע, פּיַערלעכע, אַ פּילקאָלירקע. די אָוונט־ליכטער פאַריאָגן יעדן שפּור פון וואָכעדיקייט: זיי צינדן אָן האָפענונג און הפקר־פּיַערלעך אין אַלעמענס אויגן. אויף דער הויפּט־גאַס, וואָס ציט זיך עטלעכע קילאָמעטער — לויט די היגע מאָסן פון די גאַסן און געגנטן, איז עס — אַ סך. אַרום איר — אַן ענגשאַפט פון שפּאַצירנדיקע. נאָענט גייט איינער פאַרביַי דעם צווייטן, מען שטויסט זיך אָן און מ'שאַרט אַדורך, אַזש ס'קלאַפּן פון הערצער דערהערט מען און — אַ פרעמדקייט. אַזויפיל ליכט און — מען זעט זיך נישט. אַזויפיל מענטשן און — אַזוי גרויס דער עלנט. אויסגעפּוצטער טרויער. לאַכנדיקע פּנימער. אַזאַ פיזישע נאָענטקייט און — יעדער באַזונדער מיט זיַין איַיליקן גאַנג, מיט זיַין „יאָגן זיך פאַמעלעך" ווהין? — ער קוקט זיך איַין אין די פּנימער — אפשר מאַסקעס. ער איז זיכער, אַז ערגעץ אין אַ פענצטער אָדער אָפענע טיר פון אַ שטוב, הערט זיך אַ געוויין פון אַ קינד, אַ קרעכץ פון אַ זקן אָבער קיינער הערט נישט. מ'וויל נישט הערן. ווער עס הערט — וויל פאַרגעסן. אָט ליגט אין אַ ווינקל, נאָענט פון אַ ליכטיק שויפענצטער, אַ מענטש אין אָנטאָן. שיכּור? שלאָפט ער? נישט קיין נפקא מניה. ס'איז נאָך דאָ אויף וואָס צו קלאָגן.

אויך אים איז אין דעם כּרך ענג. די אויפגעריסענע ליכטער פון וויסטאָוועס־נעאָנען, פינצטערן אים אין די אויגן. כאָטש צוריקגערעדט דאַרף ער פריילעך זיַין. ער גייט דאָ נישט אַליין. מיט אסתּרן גייט ער. העכער אַ האַלבע שעה גייען זיי אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן. ער, דער עלטערער מאַן, זי — אַ יונגע, שיינע פריַילין. אים דאַכט אַז אויגן פון פאַרביַיגייער פאַלן אויף זיי, אייגנטלעך — אויף אים. דאָס צוזאַמענדיקע און באַזונדער גיין, אַ מין שפּאַציר נישט פון אַ פּאָרל, נישט פון אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. טאַקע אַן ענגשאַפט אָבער אַזאַ שפּאַציר־גאַנג פון אַזעלכע צוויי וואַרפט זיך אין די אויגן. זאָגן, אַז דאָ שפּאַצירט אַ טאַטע מיט אַ טאָכטער? לייגט זיך אויך נישט אויפן שכל. ער גייט אַ פאַריאושטער אַן עלנטער. עס קומט אים אויס, אַ שטייגער די ליכטער האָבן זיך איַנעווייניק אין אים אַריַינגעריסן, זיי דעקן אָפּ, דעקן אויף פאַר אַלעמענס אויגן זיַינע מחשבות: אַ קראַנק, אַ שטערבלעך קראַנק ווייַב אין שטוב, אַן אַלטער מאַן און אַ יונגע, שיינע פריַילין: אַ סאָליד פּנים, סאָליד געקליידט. אויך פאַר אסתּרן זעט אַוודאי די זאַך אויס אויסטערליש. ניט שוין זשע האָט ער זי פאַרבעטן אויסערן משׂרד

אויף „אויסמעסטן די גאַסן״? ניין. זי ווייסט, זי פילט, אַז ער וויל איר עפּעס זאָגן. וויל איר עפּעס פרעגן. שיינע יאָרן קענען זיי זיך. די לעצטע צײַט האָט ער מער ווי תּמיד אַ סך גערעדט, געפרעגט געניי ווען זי איז אַהער געקומען, פון וואַנעט? צי האָט זי דאָ קרובים. מער ווי תּמיד האָט זײַן פּנים געלויכטן: טרויעריק געלויכטן, וואָלט זי געזאָגט, אויך זי האָט מער ווי תּמיד געקוקט אויף אים, אויפן טונקל-בלוי אין די אויגן. אַ מאָדנע גלענצל אין זיי. זײַן ליפּ האָט אונטערגעציטערט.

זי האָט איבערגעחזרט דאָס וואָס זי געדענקט. אויך דאָס ווייניקע, וואָס זי געדענקט האָט זי פאַרגעסן. אַזוי לאַנג, ווי ער האָלט דעם סוד אין זיך — איז ער זיכער: דאָס איז זײַן טאָכטער, זײַן קינד איז זי, אסתּר. מיטן אַרויסברענגען דאָס וואָרט פון מויל — פאַרלירט ער דעם בטחון. ער קאָן עס נישט אַרויסזאָגן, ער טאָר עס נישט אַרויסזאָגן. טאָמער... טאָמער אַן אײַנרעדעניש, אַ פאַנטאַזיע: זײַן קרענקלעכע פאַנטאַזיע?

ער קאָן אָבער לענגער נישט שטומען. זי קוקט אויף אים — זעט ער. זי ווייסט, אוודאי ווייסט זי, אַז ער גרייט זיך איר עפּעס זאָגן, מגלה זײַן. ער דרייט אָפּ מ׳קאָפּ צו אַ שויפענצטער, שפּיגלען. זײַן נישט הויכע פיגור מאַכט אים טרויעריק. ס׳ראַזירטע פּנים וויל נישט פאַריאָגן די קנייטשן, קאַרבן — ווערעם. זיי עסן לעבעדיקערהייט נישט נאָר זײַן הויט, זײַן נשמה עסן זיי. ער זוכט אַ באַנק. ניין, מ׳עט אַרײַנגיין אין אַ קאַפע.

דרויסנדיק פון דער קאַפע זיצן זיי. ער האָט צײַט זיך אײַנקוקן אין די שפּאַצירנדיקע. די מיידלעך, דאַמעס — לעצט-מאָדיש געקליידט. אויך עקסטראַ-וואַגאַנץ און אַ מין קולטיווירטע נאַכלאַזיקייט וואַרפט זיך אין די אויגן. יונגע מענער מיט לאַנגע האָר, אָפט — אַ צאָפּ: שלאַנקע מיידלעך דינגופיקע, פלאַכ-ברוסטיקע אין הויזן. שווער צו דערקענען, אונטערשיידן פון אַן ער ביז אַ זי...

מען זופּט די קאַפע.

— אפשר אויך אַ קליינעם צובייס?

— ניין. אַ דאַנק.

— צי ווייסט זי פאַרוואָס ער האָט איר הײַנט פאַרבעטן אויף אַ קאַפע?

— זי ווייסט נישט. זי וויל הערן פון אים. זי זעט אין זײַן אומרויִק זיצן, אין שפּאַציר, העכער אַ האַלבע שעה אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן — זעט זי.

— גיב אַ קוק — מאַכט ער און פאַרדרייסט דעם קאָפּ צום הימל — שטערן, שטערן, שטערן. שטערן-מזלות. גרויסע, קליינע, בלענדיקע, פאַרנעפּלטע: אַזוי אויך די מזלות פון די מענטשן. ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט. זי נעמט נישט אַראָפּ פון אים די אויגן.

— אַט גיט בליציק־קריציק אַ שנײַד אַרויס זיך פון הימל אַ שטערן, מעסערט דורך די בלויע לופטיקייט און ווערט נעלם — מאַכט ער.

— עס קלינגט ווי שורות פון אַ ליד.

— יאָ, אסתּר, אַ פריילעך־טרויעריק ליד פון מײַן לעבן. אַט אַזאַ שטערן איז געווען, לאהקע, דײַן מאַמע... לאהקע, לענאַ, ווי ראַיאַ האָט זי גערופן.

— איך פאַרשטיי נישט וואָס איר רעדט.

— באַלד וועסטו פאַרשטיין: דו זאָג איך דיר, אסתּר, דו ביסט מײַן קינד.

אַ בלייכקייט האָט באַדעקט איר פּנים. זי האָט מער קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען.

— אַט אַזוי־אַ, ווי דער שטערן, האָט דײַן מאַמע אַ שניט־געטאָן אין האַרי־זאָנט פון מײַן לעבן און נעלם געוואָרן. אייגנטלעך בין איך נעלם געוואָרן.

— איך האָב עפּעס געפילט, פאַרשטאַנען, אַז עפּעס וויכטיקס ווילט איר...

— וואָסער „איר" ?

— איר, דו — — — טאַטע. דײַן טאַטע, דײַן אבא בין איך.

— ווייסטו כאָטש וואָס לאהקע, לענאַ, איז געווען פאַר מיר ? וואָס איך בין געווען פאַר איר ?

— איך ווייס שוין. איך ווייס שוין — האָט זי געשטאַמלט. נו, און דעם ווײַב, ווי רופט מען איר, סאַראַ, און דעם זון, שמעונען. האָט איר, האָסטו. דערציילט ? — ביסט דאָך שוין אַ גרויסע. דו דאַרפסט פאַרשטיין, דאַרפסטו...

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי אייגנער רעדט: „יאָ, איך פאַרשטיי, אַוודאי פאַרשטיי איך"...

— קינד מיינס, אסתּר. דער צופאַל: דאָס פאַרלירן און ס'אָפּגעפינען. איך האָב דײַן מאַמען באַקענט אין דער אַלטער היים, אין שקאָלע, אויף איין באַנק געזעסן. שפּעטער אין וואַרשע. און ווי ס'טרעפט: האָסט ליב אַ מיידל און האָסט חתונה מיט אַן אַנדערער. ביסט אַ פרוי, אַן אינטעליגענטער מענטש ביסטו. כ'ווייס נישט צי דו האָסט געהאַט, צי דו האָסט אַ חבר, אַ נאָענטן מענטש אין דײַן לעבן. אָבער מסוגל, ביסט מסוגל צו פאַרשטיין — — —

— גענוג, גענוג. — האָט זי אים איבערגעשלאָגן אין מיטן — איך ווייס שוין, ווייס שוין אַלץ.

אויסער דער קאָפּע זענען זיי שוין. תּוך כּדי דיבור האָבןביידע נישט געפילט ס'בלײַבן שטיין. אסתּר האָט אַראָפּגעבויגן זיך צו אים, אײַנגעקוקט אין זײַן פּנים, וואָס האָט זיך געטרייסלט, דער גאַנצער קאָפּ אויף אים האָט זיך געטרייסלט פון אויפרעגונג.

— אבא, אבא, גענוג, איך בעט דיך.

— מזלות. צופאַלן — האָט ער אַביסל אַ באַרויִקטער גערעדט — איז נישט אונדזער באַגעגעניש אַ צופאַל? פון ערשטן טאָג זען דיך אין משׂרד טראָג איך דעם סוד אין זיך: סוד — ספק, ספק — סוד. אַוודאי האָט דער צופאַל אַ סיבה. יעדער צופאַל האָט אַ סיבה. אַמאָל איז זי נגלה, אַמאָל — ניסתּר. איך, אסתּר, האָב צוטרוי צו מײַן גורל. בלינדע צופאַלן זאָגט מען. די מענטשן זענען בלינד. די צופאַלן — ווי ס׳זאָגט אַ פּויליש ווערטל — גייען אום צווישן די מענטשן.

זי איז געשטאַנען קעגן אים און געציטערט, ווי אַ קעלט וואָלט איר פּלוצעם אַרומגענומען. ער וואָלט געשווירן אַז ער הערט ס׳פאַרשטאַרקטע קלאַפּן פון איר האַרץ. אירע ליפּן האָבן עפּעס געוואָלט זאָגן. ער האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו איר מויל.

— אסתּר, אסתּרקע, וואָס ווייסטו, קינד מײַנס: דער וואָס שטייט לעבן דיר איז דײַן טאַטע. אַ וואָרעם, אַ וואָרעם איז ער, וואָס די שאַרף פון אַ רידל איז איבער אים אַריבער: דער רידל פון צײַט. דײַן מאַמע האָט מיך געוואָלט אַ גאַנצן פּאָר זיך. איך בין געווען אַ באַווײַבטער מיט אַ קינד. די ערשטע־לעצטע נאַכט מיט לאהקען, אַכט און דרײַסיק יאָר זינט דעמאָלט. נישט געטראַכט, נישט געאַנט, אַז דאָס וועט זײַן ס׳לעצטע מאָל. — — — ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, ווי אײַנער, וואָס קריכט אויף אַ הויכן באַרג און שטעלט זיך אָפּרוען. ניין. ער האָט מער נישט געקענט רעדן. זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, אונטערגעהאַלטן ער זאָל נישט פאַלן:

— באַרויִק זיך, באַרויִק זיך, טאַטע.

ערשט בעתן דערהערן דאָס וואָרט „טאַטע”, האָט ער אויף אַן אמת זיך אָנגעהויבן טרייסלען, ווי אין אַ קאָנווולסיע.

ווען זע איך דיך נאָכאַמאָל? — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

קעגן אַ שויפענצטער שטייען זיי פּנים אל פּנים:

— פאַרוואָס האָסטו געשוויגן, טאַטע? אַזויפיל יאָרן געשוויגן?

— איך בין זיכער געווען, זיכער — האָט ער צוריק באַקומען לשון — אָבער די זיכערקייט איז געהאַנגען אויף אַ האָר... נישט געקאָנט פּועלן בײַ זיך... נישט געקאָנט זיך צוגלייבן, אַז אַזאַ זאַך קאָן געשען. אסתּרקע, טײַערע. ווען מיר זענען אין קאָפּע געזעסן האָסטו געזען מיך אַרויפקוקן צום הימל? אַ שטערן האָט בליציק־קריציק זיך אַ שניט־געטאָן פון הימל אַרויס און געפאַלן ערגעצווו, נעלם געוואָרן. דאָס איז דער שטערן פון דײַן מאַמען: אונדזער שטערן — האָט ער פאַרגעסן, אַז ער חזרט איבער דאָס געזאָגטע. אסתּרס פּנים האָט אַ שטערב־לעכע בלייכקייט באַדעקט. ער האָט אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף איר קאָפּ,

געגלעט זי ווי מ׳גלעט אַ קליין מיידעלע, וואָס האָט געמאַכט אַ וויינענדיקע מינע.

זי האָט נישט געוויינט. איר לויכטנדיק פּנים האָט געכאַפּט די מראה פון אַ זון אונטער אַ וואָלקן.

— אסתּר, אסתּרקע, לאָכן דאַרפן מיר, לאָכן. לאָמיר זיך פרייען.

זי האָט פאַרוואָרפן איר קאָפּ און ביידע הענט אויף זײַנע אַקסלען. לאַנג און שטום זענען זיי געשטאַנען אַרומגענומען. אירע שמאָלע פּלייצעס האָבן געציטערט.

— אסתּרקע, טאָכטער מײַנע.

— אבא, אבא, טאַטע!

ער האָט איר געקושט אין די אויגן, אין שטערן, אין די באַקן. זי האָט זיך געטוליעט צו אים. די קײַלעכדיקע יתומה האָט זיך אין איר דערוועקט, נישט געוואָלט זיך אָפּרײַסן פון אים.

מיט אַ שעה־צווײ, מיט אַ טאָג־צוויי צוריק, שוין עטלעכע וואָכן, ווי ער האָט זי פאַרבעטן אויף אַ קאַפע, „מיר דאַרפן אַ רעד טאָן, אסתּר. — אַך, ווען זי וואָלט געוווּסט, אַז דאָס רעדט צו איר איר טאַטע? —

פאַרטועגע מיט זיך, אין זיך, האָבן זיי נישט געזען די פרעמדע אויגן, וואָס האָבן מיט שטוינונג געקוקט אויף דעם נידעריקן אַלטן מאַן און דער שיינער, יונגער פרוי. אָפּגערוקט איינער פון צווייטן, האָבן זיי — אָן וואַרפן אַ בליק אויף די אַרומיקע — זיך פאַמעלעכקע דערווײַטערט. זי פירט אים געאָרעמט, אַנגע־בויגן צו אים, ווי זי וואָלט נאָך און נאָך ווילן אים הערן:

— אַבא, טאַטע, דערציילל.

— ווי קאָן איך דיר דערציילן, מײַן קינד, איבערגעבן, וואָס דײַן מאַמע איז געווען פאַר מיר, איז נאָך היינט פאַר מיר...

מער האָט ער נישט געקאָנט פון מויל אַ וואָרט אַרויסברענגען.

— ווײַן נישט, טאַטע. איך בין דאָך שוין אַ גרויסע, אַ פרוי. מעגסט מיר אַלץ דערציילן. ווייסט שוין, אַבא, וואָס איך מיין...

— אפשר לעבט זי, דײַן מאַמע? דער פאַלנדיקער שטערן, איז ערגעץ אין חלל הענגען געבליבן. אַ סך באַפרײַטע פון די רוסישע לאַגערן קומען צוריק. אַ סך זענען עולה. זעסט דאָך, אַז מ׳דאַרף גלייבן אין צופאַלן.

— אַ באַווײַבטער, האָסטו געזאָגט, האַ, טאַטע?

— אַ זיידע בין איך שוין: אַ זיידע פון צוויי אייניקלעך.

— האָב איך אַ ברודער?

— אַ ברודער, יאָ, איך דאַרף אים שרײַבן, טעלעפאָנירן. אין אַמעריקע איז ער. און דו, פאַר וואָס אַליין?

— כ׳ווייס, וואָס דו מיינסט. נישט קיין צײַט אָצינד דערפון צו רעדן. איך האָב געוואָרט. אפשר צו לאַנג געוואָרט. געוואָרט אַ טאַטע, אַ מאַמע זאָל מיך פירן צו דער חופה, זאָל.

— נו, נו, ווײן נישט אסתּרקע. ביסט שוין אַ גרויסע, ביסטו דאָך שוין.

שאַטנס האָבן פּלוצעם זיך געשפּרייט אַרום אים, געקראָכן אין די אויגן אַרײַן. ער האָט נישט געזען ווו אַ טראָט צו שטעלן.

— טאַטע, וואָס איז מיט דיר ?

— גאָרנישט, גאָרנישט. ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ אויף „ניין״. אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּנים, ווי ער וואָלט וועלן אָפּווישן, אַראָפּיאָגן פון זיך די טונקעלעניש.

זיי האָבן זיך געזען אין אַן אַליי, אַ טונקל־באַלויכטענע. זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק.

— בעסער אַביסעלע, טאַטע ?

— ס׳איז מיר גוט. גוט איז מיר זען דיך לעבן מיר. אָפּגעפּונען, אָפּגעפּונען. אוי, דאָס האַרץ מײַנס, דאָס אַלטע פאַרליבטע האַרץ: אַ נביא איז דאָס האַרץ. שפּעט, אסתּרקע, מ׳דאַרף אַהיימגיין. שׂרה; שׂרה הייסט, זי, מײַן ווײַב. קראַנק. פּאַראַליזירט. זי האָט דײַן מאַמען געראַטעוועט ס׳לעבן. אַ שאָד, אַ שאָד, אַ גוטע נשמה. זי וואָלט פאַר דיר אַ מאַמע געווען.

— איכ׳ל קומען, איכ׳ל קומען העלפן. איך וועל דיר העלפן, טאַטע.

— אסתּרקע, ביסט שוין נישט אַליין. אויך איך וועל אַלץ טאָן דיך פון דער בדידות באַפרײַען, טאָכטער.

— צוואַנציק, העכער צוואַנציק יאָר געאַרבעט אין איין משׂרד. אַזוי אומגלויב־לעך. אַ צופאַל, האַ ?

— זעסטו, אַז אויך צופאַלן האָבן סיבות. איך אַן אַלטער מאַן. ווען, חלילה, ווען איך דערלעב נישט דאָס ?...

— נישט צופעליק, טאַטע, האָט מיך צו דיר געצויגן. ליב געהאַט דיך הערן רעדן, זען דיך. וואָס האָט מיך אַזוי געצויגן צו דיר ?

— געגעטיק...

ביז שפּעט זענען זיי געזעסן אויף דער באַנק.ביידנס האַנט־זייגערלעך האָבן געוויזן: האַלב איינס.

— מאָרגן איז אַן אַרבעטס־טאָג, טאַטע.

יאָ, אסתּרקע, גיי, גיי אַהיים. מאָרגן, מאָרגן, אם ירצה השם, קומסטו צו אונדז.

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַן צום הויפּט־כּביש. אסתּר האָט פאַר־האַלטן אַ פאַרבייפאָרנדיקע טעקסי. זיי זענען ביידע אַרײַן.

— דו גייסט אַראָפּ דער ערשטער, טאַטע. מ׳עט פאַרבײַפאָרן דײַן שטוב, ס׳ט מיר ווײַזן ווו די וווינסט. מאָרגן קום איך.

— קום צו אונדז. זײַ מיט אונדז.

— מ׳עט זיך זען, טאַטע. ס׳מאַכט זיך נישט אַזוי גרינג, ווי ס׳רעדט זיך. מיר זענען צוויי, מיט אַ חברטע ווױן איך. איך קאָן איר נישט פון הײַנט אויף מאָרגן איבערלאָזן.

— איך פאַרשטיי. מאַך עס בקרוב.

— בסדר. מאָרגן, טאַטע, נאָך דער אַרבעט קום איך. אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, אסתּר, להתראות.

— להתראות, טאַטע.

סוף חודש אלול. חודש פון רחמים. וויפל רחמים דו וועקסט בײַ מיר, שׂרה. גרויס ביסטו אין דײַנע לײַדן, אין די איבערמענטשלעכע יסורים. דרײַ אָפּעראַ־ציעס. אַ קנאַפּ יאָר אין קראַנקן־הויז שטיל געלעבט. שטיל טראָגסטו איבער דײַנע יסורים — זאָגט ער צו זיך אַליין. וואָס פאַר אַ כּוח נעסטעט אין דעם שוואַכן גוף. אַשיק־גראָ די האָר אויפן קאָפּ. די אויגן — פאַרקאַלכט. צוויי גרויסע, גלאַנציקע טרערן גליווערן. ווילן נישט אַרויס. פון אַ נישט־היגער וועלט זענען זיי. וועלן אַוודאי מיטגיין דאָרט אַהין צום טרערן־פעלד, פון וואַנעט מען קומט נישט צוריק.

אסתּר איז געקומען. נישט אָפּשטאַטן אַ וויזיט איז זי געקומען. זי וויל זײַן מיט אונדז — האָט זי געזאָגט — דאָס איבערגיין האָט געדויערט גאַנצע אַכט טעג: זיך אַ ווײַז געטאָן דעם לעצטן טאָג פאַר יציאת־נשמה פון סאַראַן.

די לעצטע שעה. פאַרנאַכט. קעגן שׂרהס געלעגער אויף דער טעראַסע — זעצט זיך די זון, שפּרייט שאָטנס אויף די ווענט. דער איינציקער סימן פון לעבן אויף איר אָפּגעשטאַרבענעם פּנים — די פאַרגליווערטע טרערן. וויין, שׂרה, האָסט אויף וואָס צו וויינען. פאַר וואָס האָסטו אַ גאַנץ לעבן געשוויגן, קיין טרער נישט געלאָזט. אפשר האָסטו געשלונגען די טרערן קיינער זאָל נישט זען? פאַרוואָס האָסטו דײַן קול נישט אויפגעהויבן? נישט געקלאָגט זיך? פאַר וואָס האָסטו מיך נישט געזידלט?

אוי, מאַמעלע — האָט ער זיך פּלוצעם דערמאָנט אין זײַן מאַמען — דײַנע ווערטלעך: „צו דער חופּה גייט מען צוזאַמען, דאָרט אַהין — גייט מען אַליין”... און ער האָט געמיינט מען ווען שוין אַזוי צוזאַמען מאַכן די „נסיעה” ווי עס זינגט

זיך אין לידל: „אַכציק ער און זיבעציק זי״. „רחמים בעט איך בײַ דיר. דאָס איז מער, אַ סך מער פון ליבע. זײַ מוחל, איך האָב פאַר דיר קיין ליבע נישט געהאַט. ווי קאָן אַ מענטש געבן דאָס וואָס ער האָט נישט?״...

אַט איז ער שוין דאָ דער צווייטער געבורט — טויט. מיטן אָנקום פון דער נאַכט וועט ער זיך אַ ווײַז טאָן, דיר צומאַכן די אויגן־לעפלעך. ער וועט דיך באַפרײַען פון לעבן, דײַן נישט־געלעבט און נישט געשטאָרבן לעבן. צו מאָרגנס, מיטן אויפשפּראָץ פון זון, וועסטו נידעריקער פון דער ערד ליגן — דײַן רו געפינען, דײַן אייביקע רו. די זון וועט ווידער שײַנען, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, ווי מיט וועער ווייסט וויפל מיליאָנען יאָר צוריק און אין וויפל נאָך מיליאָנען יאָרן ווען אַלע די וואָס גייען אַצינד אויף דער ערד — וועלן שוין נישט זײַן.

אסתּר. אַ שיינע, אַ געראָטענע. ווען איר מאַמע וואָלט געלעבט, וואָלט געזען דעם נס פון יענער נאַכט: די ערשטע־לעצטע נאַכט. — „דו האָסט אַ ווײַב, האָסט אַ קינד, אַ שיין יינגעלע״ — האָט זי געזאָגט — ווועמען האָב איך?״ אַ קינד האָט זי געוואָלט, ליבע האָט זי געוואָלט, „אײַנגאַנצן פאַר זיך״ האָט זי אים געוואָלט.

דאָס האָט די ליבע, די בענקשאַפט אַרויסגערופן צום לעבן די שיינע טאָכ־טער. אַ מזל. אַ גורלדיקע האַנט (אפשר די האַנט, וואָס האָט אים געפירט צום לאַראַק פון אַלטענבאַײַעוון) האַ? אַ לאַגיק הינטער די צופאַלן... — האָט איר אַרויסגענומען פון „דיעט־דאַם״ און געברענגט דאָ אַהער. אַ יונג קינד. אַ ביימעלע דאָ געפלאַנצט. וויפל ווינטן, ווינטן פון אומעט, וויפל רעגנס פון טרערן זענען איבער דיר אַריבער און נישט אויסגעקרימט, נישט אײַנגעבראָכן, ביסט אויס־געוואַקסן אַ פרײַלין, אַ פרוי. אַצינד וועסטו האָבן ווער עס זאָל דיך פירן צו דער חופּה. אסתּר — רעדט ער צו זיך — זי וועט אים נאָך פאַרגיטיקן מיט, ווי האָבן געזאָגט די מאַמעס, די יידישע מאַמעס — מיט אַ פּראַצענט... דער „קערן״, דאָרטן מיט קנאַפּע פערציק יאָר צוריק — איז נישט אין גיוועץ געגאַנגען.

אַ דושנער פֿאַרנאַכט. אַ חודש, וואָכן פֿאַר פּסח, און פֿון פּסח ביז שבֿועות, יאָגן אָן הייסע, חמסיניקע ווינטלעך. אַ שווערע, דושנע לופֿט. נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. דער הימל — קופּערגעל, בלײַיִק. בוים און בלאָט גיט זיך נישט קיין ריר. די לעצטע עטלעכע יאָר זינט ער איז אַרויס אויף פּענסיע — זיצט ער מער ווי תּמיד אין שטוב, ווידמעט זיך, זײַן שעפֿערישער אַרבעט. אַלע יאָרן זיך געקלאָגט אויף ווייניק צײַט, וואָס בלײַבט אים פֿאַר זיך, פֿאַר זײַן פֿאַרגעניגן בײַם שעפֿערישן טיש. ער וועט זיך הײַנט צוכאַפּן צום ים. וואָס איז אים פּלוצעם אַזאַ געדאַנק אַרײַן אין קאָפּ? : וואָסער כּוח האָט אים אַהין געטריבן נאָך אַזאַ לאַנגער הפסקה — אסור צי ער ווייסט. ער ווייסט אָבער פֿון נסיון די פּלוצעמ־דיקייט איז בײַ אים אָן אימפּולס. אַ טבֿע האָט ער נאָכקומען זײַנע אימפּולסן. ער האָט אויך הנאה — אָן אַלטע הנאה — פֿילן אַ פֿאַרנאַכטיק ווינטל אין פּנים און אײַנקוקן זיך אין געפֿאַלדעוועטן ים־פֿלאַך, ווי גלאַנציקע געקנייטשטע בלעכן.

ער איז געשטאַנען מיטן פּנים צום ים, באַוווּנדערט די שלווהדיקע מראה פֿון טונקל־בלוילעכן מרחבֿ פֿאַרגאָסן מיט אַ רויטלעכער שײַן. עטלעכע שיפֿלעך מיט צעבלאָזענע לײַוונטן, ווי פֿליגל פֿון מעוועס, ווײַט, ווײַט קוים מיטן אויג צו דערגרייכן, האָבן רויִק זיך געוויגט. לינקס, דרומדיק צו יפֿו, שנײַדט זיך אַרײַן, ווי אַ צונג, אַ שטיק יבשה מיט אַרויסגעהויבענע שפּיצבערג און סקאַלעס, ווי סקעלעטן פֿון איכטיאָזאַווערן. געררווישלאָז שלאָגן אָן כוואַליעס און וואַשן, לעקן דאָס „געביין" פֿון די פֿאַר־מבולדיקע חיות און גליטשן זיך צוריק אין געוואַסער.

ווײַטלעך, רעכטס אויף צפֿון קעגן דער באַריער, ווו ער שטייט אָן אָנגע־שפּאַרטער, איז דער הימלראַנד בלוילעך־פֿיאָלעט. אַ זונבאַל נידערט — אָט־אָט באַץ אין ים אַרײַן. און שוין צוריק פֿון ים אַרויס, ליכטזײַלן געפּלטע דרײַפֿאַכיקע, בעת די זון — אַ גרויסער, פֿײַערדיקער באַל — רויטלט זיך אויפֿן ים.

אַ פֿרוי שטייט אויפֿן זאַמדבערג. ווײַטער פֿון אַלע שטייט זי, מיטן פּנים צום זונפֿאַרגאַנג, מאַכט גימנאַסטישע איבונגען. ער זעט בלויז די פּלייצע, אַ פּוללײַביקע, הויכלעך צווישן נאַקן און קאַרק — אַ קורצער, געקנייטשטער. פּעטלעכע רונדיקייטן. אַ ברייטלעכער גוף, אײַנגעמאַסטעט אין אַ שוואַרצן באָד־קאָסטיום. אָפּגעצויגן ליגט ער אויף איר. עס צייכענען זיך קאָנטורן פֿון אַ בויך,

וואָס איז שווער צו זען פון דער זײַט. גראָבע פיס, בלויע אָדערן מיט „קנופּן" ביז אַרויף צו די שענקלען.

עטלעכע גראָע האָר, צעפּלאָשעטע, צעשויבערטע, אונטער אַ האַנטעך אַרום קאָפּ.

אָט דרייט זי זיך אויס מיטן פּנים צו דער באַריער. שטייט אונטער אַ ווײַלע און לאָזט זיך מיט שווערלעכע, טאָפּטשענדיקע טריט צו די צעמענט טרעפּ, וואָס פירן צום אַרויסגאַנג.

ס׳געשטאַלט ווערט נענטער. זי איז שוין אויף דער שפּאַציר־טעראַסע. זי קוקט זיך אַרום, ווענדט די אויגן אין זײַן זײַט אַרײַן, האַלט זיי אַביסל לענגער ווי מ׳דאַרף. מאַלע, וואָס אַזאַ שטייגער פרוי קוקט אויף אים. ער כאַפּט פונדעסט־וועגן אַ בליק אין איר זײַט אַרײַן. אַ טונקלהויטיק פּנים. טונקעלע רעדער אַרום די אויגן טיף־ברוינלעכע. די קנייטשעלעך אַרום זיי פאַרשטעלן דעם קאָליר. קנייטשן אַרום מויל. עטלעכע שיטערע, שוואַרצינקע הערעלעך אויף דער גאָמבע. דער קאָפּ עטוואָס פאַרויס פון האַלדז וואָס מאַכט איר גאַנג געבויגן. סאָפּלעס רינען פון קאָפּ, שטערן, פאַרלירן זיך אין באַד־קאָסטיום, וואָס בולט אויס צוויי אײַנגעפּרעסטע היפטן — ווייכע, נאָכהענגענדיקע טאָרבעס.

זי איז פאַרנומען מיט זיך. זוכט אַ באַנק זיך צוזעצן און קוקט נאָך אַלץ אויף אים.

אַוודאי — שמייכלט ער צו זיך — וואָלט אים „פאַלוביעט" ווען אַביסל אַ שענערע און ייִנגערע פרוי וואָלט אויף אים געקוקט. אויסער דער עלטער — מסתּמא איבער די זעכציק און אפשר אונטער די זיבעציק — זעט זי אויס שטאַרק אויסגעמוטשעט. וואָס אַזוינס האָט זי געזען אין אים, דעם אַלטן מאַן נישט העכער, אפשר נידעריקער פון איר, אין אַ לײַכטן וואָכעדיקן זומערהויז און אַ העמדל מיט קורצע אַרבל, אַ קאָפּ גראָע האָר. עס איז אים אי פאַרדראָסיק אי טשיעקאַווע. אפשר וויל זי עפּעס פרעגן, זאָגן, זוכט דווקא אַן עלטערן מענטש: קען נישט קיין עברית (אַ סך נײַע עולים לעצטנס קומען.) מיט אַן עלטערן מענטש קאָן מען זיך צונויפרעדן.

די זון איז שוין אין ים. לאָמפּן צינדן זיך. ער קלײַבט זיך אַהיימגיין. אַפילו זיך נישט אָפּגעטוקט אין ים.

— זײַט מוחל, ייִדיש?

— יאָ, ייִדיש. ווילט איר וואָס פרעגן?

קאָנטיק, אַז זײַן קול האָט איר געמאַכט אַביסעלע דרײַסטער, זיכערער:

— איך זע אין אײַער פּנים, אַז איר זענט אַ ייִדישער מענטש.

צווישן גויים, רוסן האָט ער תּמיד געהערט: „טי ניע יעוורעי" (דו ביסט

נישט קיין ייד) דאָ פאַרקערט. עס ווערט אים אַביסעלע לאַנגווייַליק און ער וויל איר זאָגן: — יאָ, אַ יידישער מענטש, אָבער איר האָט אַ טעות אויב זוכט איר אייַערס אַ באַקאַנטן.

— זייַט מוחל — לאָזט זי נישט אָפּ — אַ פוילישער?

— אַ פוילישער.

— אפשר פון „דאָרטן", פון מייַנע קאַנטן.

אומווילק, צוליב איר עלטער, איר יידיש, אפשר טאַקע אַ נייַע עולה, האָט ער איר געענטפערט מיט אַ פראַגע: — פון וואַנעט פון וועלכע „קאַנטן" זענט איר? ווי לאַנג זענט איר אין לאַנד?

— פון ראַטנפאַרבאַנד, פון רוסלאַנד קום איך.

— אויך איך האָב געהאַט דאָס „גליק" דאָרטן צו זייַן: אַ מעשה פון אַ סך יאָרן.

זי האָט אויף אַ ווייַלע זיך פאַרטראַכט. אין אירע טונקעלע אויגן האָט ער געזען אַ גלענצל אַרויסליכטיקן און אַרום איר מויל עפּעס ענלעכס אויף אַ שמייכל. אונטער אַן עלעקטרישן לאָמפּ זענען זיי געשטאַנען. ער האָט שוין געזוכט אַ וואָרט־צוויי צו געזעגענען זיך און אַ סוף מאַכן צו דער אומגעריכטער באַקאַנט־שאַפט.

— ניין, אדון — זאָגט מען דאָ? — מייַן ליבער ייד: מייַנע אויגן נאַרן מיך נישט.

די לעצטע ווערטער אירע האָבן אים שוין יאָ אינטערעסירט, אפילו אינטרי־גירט. אַזאַ זיכערקייט „אירע אויגן נאַרן איר נישט". אויך דער מויל־גרימאַס, דער קלאַנג פון די ווערטער האָבן אַ טירל געעפנט אין זייַן מוח, אַ שטייגער אַ מענטש עפנט די אויגן אין מיטן פון אַ חלום: פּרוּווט געדענקען, וואָס אים האָט זיך געחלומט. — ער האָט זיך גוט אייַנגעקוקט אין דעם פרעמדן פנים און אים האָט זיך — יאָ, ווי נאָך אַ חלום — אין די רגעס דאָס פנים אויסגעוויזן קענטלעך. ער פרעגט איר נאָך אַמאָל פון וואַנעט זי קומט, פון וועלכער שטאָט. זי ענטפערט נישט באַלד. זי נעמט אַרויס פון איר טאַרבע, וואָס זי טראָגט מיט זיך, אַ קאַם, פרוּווט אין אָרדענונג ברענגען אירע האָר, זאָגט:

— אויב איר אייַלט זיך נישט איז צו וואָס שטיין? אָט האָבן מיר אַ באַנק קאַראַנטער זיך צוזעצן אויף עטלעכע מינוט. אויף אַ באַנק אַקעגן אַ פולער לבנה, וואָס איז אַרויס אויפן אָרט, ווו די זון איז נאַרוואָס פאַרגאַנגען, זיצן זיי. איר פנים זעט אים אויס אַ סך עלטער, ווי ער האָט געמיינט. דער שטערן צע־קאָרבט, אויפן האַלדז — טיפע קנייטשן, שניטן. ניין. דינע שטריק. דאָס האָט

איר אָוודאי די צײַט, די יאָרן אין רוסלאַנד — דער תּליון — די „שטריק״ פאַר־וואָרפן אויף איר האַלדז צום הענגען און — נישט דערהאָנגען...

— איר דערקענט מיך נישט? — פרעגט זי שוין מיט אַ זיכערער שטים און מיט אַ נצחון־פֿײַערל אין אירע טיף־טונקעלע אויגן, וואָס זעען אים אַצינד, קעגן דער לבנה־שײַן, אויס ייִנגער, אַ סך ייִנגער.

— רוסלאַנד. מיטלאַזיע. טורקעסטאַן. נישט גענוג?

— און איר ווייסט צו וועמען איר רעדט?

— אָוודאי ווייס איך. טאַקע אַ סך זיך אָנגעליטן. — תּפיסה, פאַרשיקונג, ס׳געזונט פאַרלאָרן. מ׳שכל האָב איך נישט פאַרלאָרן.

ער הייבט זיך אונטער, מאַכט זיך בעסער דאָס זיצן. אייגנטלעך — אָפּגע־רוקט זיך אַביסל, ווי איינער וואָס קוקט אויף אַ געמעל, כּדי בעסער זען רוקט ער זיך עטוואָס צוריק און ס׳קומט אים אין די רגעס אויס, אַז אַ האַנט, אַ געהײ־מע האַנט האָט פון זײַנע אויגן אַ טונקעלע לײַוונט, אַ שאַטקע מיט אַמאָל אַראָפּ־געריסן. אין די שלייפן קלאַפּט, ווי מיט האַמערס. אַלץ איז אַצינד פולקום גאַנץ: אַזוי ווונדערלעך־ווונדיק קלאָר, אַזוי קלאָר. וועמען זעט ער פאַר זיך? ווער זיצט דאָ לעם אים? וואָס געשעט מיט אים אין דער אַ אָוונט־שעה בײַם ים? אַ יאָר פיר, פינעף דאָ נישט געווען. זינט שׂרה׳ס קראַנקייט האָט זיך פאַרערגערט — דאָ נישט געווען. וואָסער כּוח האָט אים היינט צום ים געטריבן? אָ, לאהקע! לאהקע! אַ חלום? ניין. אַ וואָר. אַ וואָרער חלום. וואָרהאַפּטיק. דער קרײַז איז אַצינד געשלאָסן.

אין אַ קאַפע אַקעגנאיבער, פון דער אַנדערער זײַט טראָטואַר בײַ אַ טישל זיצן זיי. פאַר אַ פרעמד אויג איז עס דאָ בײַם ים אַ טאָגטעגלכע זאַך זען אַן עלטער פאָרפאָלק אין אַ געמיטלעכן שמועס בײַ אַ גלעזל קאַפע... זי אין אַ קליידל. דאָ ווו ס׳דאַרפן זײַן היפּטן — אַדורכגענעצטע לאַטעס אויפן נאַסלעכן באָד־קאָסטיום, די פײַכטע האָר פאַרקעמט אויף אָרויף, נישט קיין פריזור, סתּם פאַרקעמט אָבי אויסגלײַכן די צעשויבערטקייט. אָנגעבויגן צו זיך זיצט מען, מ׳קוקט זיך אין די אויגן אַרײַן.

„אַ געמיטלעכער שמועס״, וואָדען? אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן זענען זיי לאַנג געזעסן. פינעף און פערציק יאָר זיך נישט געזען, נישט געהערט, נישט געוווסט איינער פון אַנדערן — האָט ער איבערגעריסן דאָס שווײַגן. אַ הויך שווײַגן איז דאָס געווען.ביידע האָבן געהערט ס׳פאַרשטאַרקטע קלאַפּן פון זייערע הערצער.

— סאָראָ צופאַל: גורלדיקער צופאַל — האָט זי געזאָגט.

— געדענקסטו אונדזערע שמועסן וועגן די סיבות און גורלדיקייט פון די צופאַלן?

— אוודאי געדענק איך.

— און דו האָסט מיך באַלד דערקענט?

— נישט באַלד אָבער דערקענט. די צײַט האָט דיך מער געשאָנעוועט ווי מיך.

— לאהקע! — הייבט ער שוין העכער זײַן קול און... ס׳קול פּאַרהאַקט זיך אים, ווי אַ קאַליעגעוואָרענער שלאָס. די ליפּן שטאַמלען, קוים וואָס מ׳הערט:

— לאהקע, טײַערע, תּפיסה? פאַרשיקונג? האָ?

— ביידע. אָפּגעקומען מיט אַ „דיעטסקי סראָק״*. ניין נישט אַצינד די צײַט צו רעדן דערפון. ווו איז סאָראַ? סאָראַ ווו איז?

— סאָראַ איז נישטאָ מער.

— לאַנג?

— פיר, ס׳פינפטע יאָר.

— ביסט אַליין?

— אַ זון. אין אַמעריקע, אַ שנור. צוויי אייניקלעך. ניין, איך בין דאָ נישט אַליין, איך — — —

— וואָס איז מיט דיר? וואָס שוין ווידער זיך פאַרהאַקט אין מיטן רעדן?

— נישט פאַרהאַקט. אָט רעד איך דאָך.

— און דערזאָגסט נישט.

— וואַרט, וואַרט אַ ווײַלע. דו זיצסט גוט אויפן בענקל?

— וואָס עפּעס אַזאַ פראַגע?

— זיץ פעסט, האַלט זיך גוט צו, איך וויל דיר עפּעס זאָגן.

— נאָך אַלץ דײַנע אַמאָליקע חכמות?

— ס׳איז נישט קיין חכמה, ס׳אַ נײַעס, אַ גוטע נײַעס.

— דו זעסט אויס גוט. אַ סך בעסער, ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט און נאָך אַלץ אַזוי סענטימענטאַל.

— אויך דו, פאַרשטיי איך, האָסט נישט געלעקט קיין האָניק.

— לאהקע, לאהקע.

ער האָט אָנגענומען אירע ביידע הענט. האַנט אין האַנט אויפן טיש אײַנגעפלאָכטן זיצן זיי. זײַנע אויגן האָבן זיך מיט אַמאָל ברייט צעעפנט: שטום און לאַנג זי באַטראַכט.

— וואָס איז מיט דיר? רעד. האָסט דאָך געוואָלט עפּעס זאָגן.

---

* אַ קינדער־אורטייל.

— יאָ, געוואַלט. איך וויל, איך וויל דיר זאָגן, אַז איך בין נישט אַליין. איך בין דאָ מיט — — —

— דאַרפסט זיך נישט זשענירן. מיט וועמען, מיט וועמען ביסטו? האָסט, ווי זאָגט מען דאָ, אַ חברה?

— יאָ, שוין איין מאָל אַ חברה: איך בין דאָ מיט מײַן־דײַן קינד: מיט אונדזער טאָכטער, אסתּר.

זי איז געבליבן זיצן אויפֿן בענקל. נישט אַ ריר געטאָן מיט אַן אבר, אַן אַ פֿינטל, מיט אַן אויג. אַ פֿאַרגליווערט פּנים. לאַנגע מינוטן האָט געדויערט ביז זי האָט געעפֿנט ס׳מויל:

— וואָס האָסטו געזאָגט, נישט פֿאַרשטאַנען.

— אָט דאָס וואָס דו הערסט.

— כ׳האָב נישט געהערט, נישט געהערט.

— האָסט געבוירן אַ קינד, אַ מיידעלע? וווּ ז׳געבליבן ס׳מיידעלע נאָך דײַן אַרעסט, בײַ ראַיאַ, אַ יאָ?

— יאָ. יאָ, נו, נעם מיר נישט אַרויס די נשמה.

— איך זעץ דאָך דיר אַרײַן אַ נײַע נשמה. אסתּר, אתּי רופֿט מען איר דאָ, דורך איראַן אַהערגעקומען.

— דאָהי, מײַן, אונדזער טאָכטער?

— יאָ, לאהקע, אַ שיינע, שטאַלטנע פֿרוי, די מאַמע פֿון אויג אַרויס.

— אַהאַ, אַ שיינע מאַמע...

ביידע זענען געבליבן זיצן איינער קעגן אַנדערן שטום. געזעסן און געשוויגן: געקוקט זיך אין די אויגן אַרײַן. לאַנג, לאַנג געשוויגן. נאָך מענטשן זענען געזעסן בײַ טישלעך. אַן אָנקלאַפּן פֿון גלעזער, פֿון לעפֿל אין טעלער, רייד, געלעכטערס. זיי האָבן גאָרנישט געהערט. פֿאַרנומען מיט זיך. האָבן קיינעם נישט געזען.

ער האָט געקוקט אויף לאהקען. ער האָט געפֿילט, ווי ס׳האַרץ וויינט אין אים קוקנדיק אויף איר. סאַראַ ווייטאָגדיק געפֿיל: אַ געפֿיל פֿון מרידה קעגן דער צײַט, קעגן דער נאַטור, וואָס זי איז מסוגל צו מאַכן פֿון אַ מענטש — די קרוין פֿון באַשאַף. אַזוי מזלזל זײַן מיט איר אייגענעם באַשאַף, אַזוי אומבררחמנותדיק פֿאַרענדערן, אַ תּל מאַכן נישט צו דערקענען דאָס איידעלע געשטאַלט; פֿערפֿעקטע שיינקייט צעשטערט ביזן גרונט — לאהקע: „די פֿרוי, וואָס כּדי איר ליב צו האָבן איז ער געבוירן געוואָרן" — „אַן ערשטע איינציקמאָליקע ליבע".

אַ מיאוסע שפּין, די צײַט, וואָס עסט אירע אייגענע קינדער. קיין שׂריד פֿון יענעם האַרמאָנישן געשטאַלט. פֿינעף און פֿערציק יאָר — און וואָס פֿאַר אַ יאָרן?

— אַן אויגנבליק אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט, אפֿשר ווייניקער, אַ

ברוך פון אַ ברוכטייל און אַזאַ שווידערלעכער שינוי. יענע נאַכט. אַרויס פון דער קיביטקע מיטן פּעקעלע אין האַנט, נישט געוווּסט, נישט געאַנט, אַז מער וועט ער זי נישט זען. אַן אַ „זײַ געזונט" אַוועק.

לאהקע האָט אין זײַן שטיל פאַרטראַכט זיצן — נאָך אַלץ האַנט אין האַנט — געפּרוּווט לייענען זײַנע געדאַנקען. זײַנע בליקן. זײַן מעסטן זי מיט די אויגן האָט אויף איר קאַנטיק אַנגעיאָגט אַן אומהיימלעך געפיל. זי האָט עס געוואָלט פאַר־יאָגן פון זיך:

— איך — איז זי אומדערוואַרט אַרויס מיט לשון — איך האָב נישט לאַנג באַדאַרפט טראַכטן צו זײַן זיכער, אַז דאָס ביסטו.

— איך בין דאָך אַן אַלטער מאַן.

— אַלט איז מען לויט דעם ווי מ'פילט זיך. זעסט אויס גוט, כ'וואָלט געזאָגט, שענער.

— שענער?

— וועדליק דײַן עלטער.

— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט.

— ס'אַ אמת. איז וויאַזוי, וואָס איז געשען מיט סאַראַן? גוטהאַרציקע, טײַערע סאַראַ!

— העכער פיר יאָר קראַנק. דאָקטוירים, שפּיטעלער. אַ היילונגס־הויז, לסוף — אין שטוב קנאַפּע צוויי יאָר צו בעט. אַ מענטש צו באַדינען האָט מען באַדאַרפט. איך בין געווען דער „מענטש". אירע יסורים. גרויס איז זי געווען אין אירע יסורים, ווי גרויס זי איז געווען אין אירע לײַדן און שווײַגן. פאַר וואָס דווקא איר אַזאַ שטראָף? אויך גאָט — אויב ער איז פאַראַן — איז אַן אכזר.

— איך בין איר שולדיק מײַן לעבן.

— אַוודאי, אַן איר וואָלט איך פאַר דיר נישט געטאָן וואָס מיר האָבן געטאָן.

— קאָכאַני... געדענקסטו? — האָבן אירע ליפּן געציטערט.

— צי איך געדענק. זי האָט טײַער באַצאָלט פאַר דעם „קאָכאַני", סאַראַ.

— איך האָב נישט געמיינט איר שלעכטס.

— איבעריק אַצינד דערוועגן צו רעדן.

שלעכטס, גוטס. וואָס ווייסט דער מענטש? כּלומרשט געגעבן אים די „פרײַע בחירה". ווו הייבט זיך אָן דאָס שלעכטע, ווו לאָזט זיך אויס דאָס גוטע? ער מיינט, אַז ער ווייסט, דער מענטש, ער ווייסט אַזויפיל וועגן זיך, ווי דער בוים ווייסט פון זײַן וואַקסן און וועלקן, ווי די בלום ווייסט פון איר בליִען, ווי די בין, וואָס מאַכט פון איר שוויס האָניק, ווי דער פויגל וואָס זינגט, ווי די מוראַשקע, וואָס שלעפּט אויף אירע מיזערנע פּלייצקעס און דינינקע פיסעלעך אַ פּאַק זיבן

מאָל גרעסער און שווערער פון איר. אַזוי ווי צו זיבן, אַזוי צו זיבעציק — זאָגט דאָס ווערטל. וואָס ווייסט ער — ווײַזט ער אויף זײַן קאָפּ גראָע האָר — מער ווי דאָס זיבן יאָריקע ייִנגל אין ערשטן קלאַס אין שקאָלע? זקן־קינד. יסודו מעפר וסופו לעפר: אויף ייִדיש מיינט עס: „קומסט פון דער ערד און קערסט זיך אום צו דער ערד". לאהקע טײַערע: ס'מענטשלעכע לעבן, זעסט דעם ים — דרייט ער אָפּ דעם קאָפּ אַקעגנאיבער — אַ שטיין אין וואַסער. אַ רעדל, אַ רעדל אין אַ רעדל, אַ ראָד און — אַראָפּ, אַראָפּ, ווערט נעלם. די כוואַליעס רײַטן ווידער, יאָגן אין גאַלאָפּ, כוואַליע אויף כוואַליע: רײַטן און רוישן, ווי דאָס לעבן: ים פון לעבן. דער מענטש ווערט נעלם, דער מענטש איז שטאַרביק, די מענטשהייט — לעבט אייביק.

— נאָך אַלץ אַ פילאָסאָף, האַ?

— אויך אַ פּאָעט. ניין. אַ פּאָעט, אויך אַ פילאָסאָף. אַ גלויביקער מענטש: אין צופאַל, אין גורל, וואָס מענטשן רופן גאָט, גלייב איך. נו, אונדזער הײַנטיקע באַגעגעניש? און דאָס אָפּגעפינען די טאָכטער? דווקא הײַנט געגאַנגען צום ים. שוין פיר, פינעף יאָר נישט געווען דאָ, נישט געזען דעם ים.

— און איך? זעקס חדשים אין לאַנד און ס'ערשטע מאָל בײַם ים, דווקא אין דער פאַרנאַכט־שעה.

— ווױנסט ווײַט פון דאַנעט?

— נישט ווײַט.

— אַליין?

— מיט נאָך צוויי פרויען אין אַ גאַסטהויז. לערן עברית אין אַן אולפּן. נו, די טאָכטער אונדזערע? ווו איז זי, ווו וווינט זי, נאָך אַליין?

— אַליין. זי וועט קומען, אַוודאי וועט זי קומען מיר'ן מאַכן איר אַ ניעספּאָד־זשאַנקע, אַן איבעראַשונג. ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק, נאָך צוואַנציק יאָר אַרבעטן אין איין ביוראָ — זי דערקענט, זיך דעררעדט. זי איז יעדן טאָג בײַ מיר. אָפּגעפונען אַ טאָטן.

— אָפּגעפונען אַ מאַמען? אומגליקלעכע.

— טאָפּלט גליקלעך וועט זי אַצינד זײַן.

— דרײַ יאָר מיט אַ חודש איז זי אַלט געווען. צוויי ציוויל־געקליידטע מיט אַ פּאַפּירל אין האַנט... אין מיטן דער נאַכט פון בעט אַרויסגעשלעפּט.

— נו, ווי זייער שטייגער...

— די קליינע האָט זיך איבערגעכאַפּט פון שלאָף. געוויינט. געמיינט, מסתּם, אַז איך פאַרלאָז זי.

— נו, הער שוין אויף מיט די נאַרישקייטן.

— וואָסער מאַמע לאָזט איבער אין מיטן דער נאַכט אַ וויינענדיק קינד?
זי איז אַ ווילדע שטיל געבליבן.

— האָסטו אַמאָל געפרעגט איר וועגן איר מאַמען?

— זי האָט נישט געדענקט: גאָרנישט געדענקט.

— כ'האָב געוואָלט זי אָנטאָן, אַריינפירן צו אַ שכנטע.

ביסטראָ, ביסטראָ (שנעלער, שנעלער,) — האָבן זיי געוואָרטשעט. אַ קוש טאָן ס'קינד נישט געלאָזט. אַ, יענע פינצטערע נאַכט. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ שוואַרץ סאַמאַכאָדל, אַ שאָפער איז דאָרט געזעסן. אַריינגעשטופּט מיך צווישן ביידע און געלאָזט דעם מאָטאָר...

— נו, גענוג, נישט אַצינד די צייט דערויף.

— איז ווו איז זי, מיין טאָכטער?

— דיין־מיין טאָכטער: נאָך היינט וועסטו זי זען.

— וועט זי דערקענען, וועט זי דערקענען איר מאַמע? נישט חתונה געהאַט האָסטו, דאַכט זיך, געזאָגט?

— געוואָרט. אפשר צו לאַנג, אָבער זיך דערוואָרט: צווי וועלן זי אַצינד פירן צו דער חופה. אַ שיינע, אַ שטאַלטנע טאָכטער האָבן מיר, לאהקע. געוועזן אַן אָפיצירשע אין דער אַרמיי. אַן אינטעליגענטע מויד.

— מיין, אונדזער אסתרקע?

און פון איר מויל האָט זיך, אפשר אַליין נישט וויסנדיק, ווילנדיק, אַרויס־געריסן אַ וואָרט: איין וואָרט, וואָס ער האָט מיט איבער פינעף און פערציק יאָר צוריק געהערט פון אַ מענטשן־געשטאַלט פון אַ בינטל שמאַטעס אַרויס:

— קאַכאַני.

— קאַכאַנאַ, לאהקע טייערע, הייב זיך אויף און קום, קום אַהיים.

✶

היצירה השירית בפרוזה, מעידה על דרכו העצמאית של המחבר, בה הוא הצליח לזווג תוכן המציאות עם החזון של משאת נפשו. הוא מראה לנו פנים אנושיים של הבריאה, בימים הטרופים והברוטאליים ביותר.

ההומניות ואהבת האדם מתבלטות במיוחד, על אף חבלי הקליטה של עולים חדשים בארצם החדשה, שאפשר להמשיך ולחיות בה. וכל זה מגיש לנו המחבר בהרהבת עוז ובכלים אמנותיים משובחים ביותר.

✶

לפנינו שפע פגישות, חוויות, זכרונות מהעבר ואסוציאציות להווה, אשר נכתבו בשטף, בטמפרמנט שאין אח לו בכתיבתנו כאן ועכשיו.

שלמה וורזגר רכש לו עמדה בולטת במאמריסטיקה היידית. בחיפושיו ללא לאות מצא הוא את המלכות של מסה וביקורת.

עם כל יצירתו כולה שיצר עד כה — בשירה, בסיפורת, במסאות, מופיע הוא בפנינו כאמן בשל, התורם לספרות יידיש מרוחו העתירה.

(מתוך נימוקי השופטים בזכותם אותו
בפרסים ע"ש איציק מנגר ומנדלי מוכר ספרים)

ביכער פון זעלבן מחבר:

זײַן, לידער, פֿאַרלאַג „פֿרײַהייט", מינכען 1948

ברויט, ראָמאַן, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1960

זאַמד, ראָמאַן, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1963

גורלות, ראָמאַן, פֿאַרלאַג „המנורה", תּל־אביב 1967

יאָרן, ראָמאַן, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1973

דאָ גייט אויף די זון, לידער, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1975

9 **סיפּורים** (עברית), פון ייִדיש מ. יונגמאַן, הוצאת ספרים מ. ניומן, תּל־אביב תשל"ט, 1979

הי, ראָמאַן, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1985

אַזוי צו זאָגן, עסייען, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1985

יאָמערגעזאַנג, פּאָעמע, „ישׂראל־בוך", תּל־אביב 1987

„יוני 1941", נאָוועלע, „ישׂראל־בוך" 1988

„האַלינאַ", ראָמאַן, „ישׂראל־בוך" 1990

גרייט צום דרוק:

„שכנים", נאָוועלע

„אַזוי צו זאָגן": עסייען, באַנד 2